STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10660

MILIM BILSHOYNE

H. Golomb

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

צבי ניסן גאלאמב.

מלים בלשוני

העבּרעאיש-אידישעס

ווערטער-בוך

פון העבּרעאישע ווערטער, אויסדריקע און תורה-ווערטער, וועלכע ווערען בּענוצט אין אידישען געשפּרעך און אין אידער ליטעראטור.

צום סוף קומט גאנצע תלמודישע זאגען, וועלכע ווערין בּענוצט אלס שפּריכווערטער, אונטער דעם נאמען:

פּתגמי אוריתא

אויסגאבע פאן א. יאווארקאווסקי.

ווילנא—עת"ר.

דרוקערייע פון דער געזעלשאפט „דרוק און פערלאג", זאוואלנע גאס נומר 21.

Г. Е. Голомбъ.

МИЛИМЪ БИЛШОНИ

древне-еврейско-жаргонный

СЛОВАРЬ

Общеупотребительныхъ въ жаргонной рѣчи древне-еврейскихъ словъ и выраженій, съ приложеніемъ отдѣла

ТАЛМУДИЧЕСКИХЪ ИЗРЕЧЕНІИ

Изданіе А. ЯВОРКОВСКАГО.

ВИЛЬНА 1910.

Типографія Товарищества „ПЕЧАТЬ и ИЗДАНІЯ", Завальная № 21.

מִלִּים בִּלְשׁוֹנִי

העבּרעאיש-אידישעם

ווערטער-בּוּךְ.

הקדמה

פארוואָרט איבער די נוטצליכקייט, און ווי זיך צו בענוטצען מיט דיעזען ווערטער-בוך.

די נוטצליכקייט פאָן אַזאַ ווערק אַלס „ווערטער-בוך", איז גענוג בעוואוסט פיר יעדען איינצעלנעם. דאָס עס גיט אין אַלע שפּראַכען און אויך פיר אַלע קלאַסען און פאַר יעדען געגענשטאַנד בעזאָנדער, סאַי פאַר די אייגענע שפּראַכע, אין וועלכע שפּראַך עס ווערט פערפאַסט, סאַי פרעמדע ווערטער-ביכער, און ווען מען ברויכט דאָס פיר אַלע אַנדערע שפּראַכען, ברויכט מען דאָס נאָך מעהר אין זשאַרגאָן פאַר די פיעלע העברעאישע ווערטער איהרע*) צוליעב זייער דיקטאַנט וואָס נעהמען ניט אָן קיין ענדערונג און דער צו, צוליעב איהרע קורצקייט וואָס זי איז אויסגעקינצעלט דורך די בעדינונגס בוכשטאַבען (ווי עס ווערט ווייטער ערקלערט) איז זי צוליעב דעם זייער מקפּיד אויף איהר בעזאָנדערע אויסנאַהמע אָרטאָגראַפיע (דאָס ריכטיגען אויס-לייגען אין שרייבען), וואָס יעדער קליינע אומענדערונג אָדער פעהלער גיט אַריין אין וואָרט איין אַנדער זינן אָדער עס מאַכט איהם גאָר אונפערשטענדליך און לעכערליך ביי דעם מבין; און אויסער די פיעלע איינצעלנע העברעאישע ווערטער וואָס ווערען געברויכט אין זשאַרגאָנישען געשפּרעך — קומען פאָר אויך זייער פיעלע גאַנצע אויסדריקע און פראַזען, גאַנצע פּסוקים פון תנ"ך און תלמודישע שפּריך-ווערטער און ציטאַטען וועלכע עס ווערען אויסגע-

---

*) זאָגאַר אין דעם „אַלגעמיינעם פרעמד ווערטערבוך" פיר די דייטשע שפּראַך (לייפּציג 1887) קומט צום ענדע ווערטערבוך איין אַנהאַנג (הוספה) אין אַ בעזאָנדערין אַלפאַ-בית אָרדנונג די אַלע העברעאישע און כאַלדייִשע ווערטער (אין לאַטייניש שריפט) וועלכע קומט פאָר אין יידיש דייטשען אויסדריק די געברויכסטע אין געשפּרעך, איבער-הויפּט ביי קויפלייטע, מיט אַ בעזאָנדערע פאָררעדע מיט אַ סטאַטיסטיק פון 1 מיליאָן און 380 טויזנד פערזאָן פון איינציגע יעוראָפּייאישע לענדער וועלכע עס פערשטעהן און ריידען יידיש-דייטש.

דריקט אין געשפּרעך בײַ לומדים „יודעי ספר״ — זאָגט דאָס נאָך דער הֲמוֹן מיט פּיעלע פעלערען און ניט. צו דער צײַט וואו עס פּאַסט, אַזוי קאַפּויר דאָס דער „בַּר אוֹרַיְין״ ווערט פּשוט מְבוּלְבָּל הערענדיג, כְּיָדוּעַ. אָבער ווי זיי האָבען דאָס אַלעס דאָ געדרוקט שוואַרץ אויף ווײַס, געפּונקטירט (מיט נקודות) און מיט אַ ריכטיגען איבערזעצונג, וועט שוין יעדערער שרײַבען ריכטיג יעדען וואָרט און נאָך זאָגען אין אַ ריכטיגען זינן און צום געהעריגען אָרט וואו עס פּאַסט, עס זאָל ניט זײַן קײַן חוּכָּא וְאִטְלוּלָא, דער צו איז ער נאָך רײַכליך בעזאָרגט מיט דיזע מעלות: אַלע העבּרעאישע ווערטער, ביבּלישע און תלמודישע זײַנען אין איהם צוזאַמענגעשטעלט נאָך דעם סדר פון אַלף־בית; יעדער פון זיי אין וועלכע פאָרמע ער קומט, סיי אין לשון יחיד סיי אין לשון רבים, ווען ער איז אַפילו ניט אײַנגעפיהרט אין רײַדען, צב״ש: פון שֻׁלְחָן–שֻׁלְחָנוֹת, פון סַכִּין–סַכִּינִים, און דאָס גלײַכען. אַנדערע זײַנען אײַנגעפיהרט צום רײַדען אויך אין לשון רבים, ווי בֶּגֶד–בְּגָדִים, בְּהֵמָה–בְּהֵמוֹת א. ד. ג. אויך אײַנגעפירטע ווײַבליך אײַנצעלנע און מעהר צאָהל, אָבער איבערגעזעצט איז מעהר ניט דער יחיד, דער רבים איז שוין זעלבסט פערשטענדליך, אָבער אָנגעוויזען זײַנען בײַדערלײַ מיט זייערע קוועלען (מראה מקומות) פון וואַנעט זיי שטאַמען אין דער ביבּלישע אָדער אין דער תלמודישע ליטעראַטור (אָפט פון בײדע צוזאַמען), אויך פון רבּינערשען ליטעראַטור אָדער פּיוטים (וואָס דאָס אויפצווײַזען אײַנצעלנע ווערטער איז פּיעל שווערער פאַר גאַנצע זאַגען), אָדער סתם ווערטער וואָס האָבען קײַן קאָמפּעטענטע קוועלע וואָס דאָס פאָלק האָט אײַנגעפיהרט אין געשפּרעך פון זיך אַליין, למשל: „בְּלִי אַחוּר״, „חָכָם עַתִּיק״, „מְלָא בְּבֵן״ א. ד. ג. וועלכע האָבען קײַן קוועלע, און אויסדריקע וועלכע עס האָבען אײַנגעפיהרט די מחבּרים פון מיטעלאַלטער.

דאָ איז כּמעט יעדער העבּרעאיש וואָרט איבערזעצט אין יידיש אין אַלע אַרטען בעדײַטונגען און בעגריפען אין וועלכע זיי ווערען בענוצט. עס גיט אויך ווערטער וואָס זייער ריכטיגער בעדײַטונג ווערט אין פּיעל–ווייניג געענדערט, אַרײַן קומענדיג אַלס פרעמדער וואָרט אין אַ אַנדער שפּראַך, אָפט קומט ער ווידערהאָלט מיט פערענדערונגען ווי זיי זײַנען אײַנגעפירט אויך אין רײַדען, ווי: לוֹמְדִים–לַמְּדִים, טוֹב–טָב, טַלִּיתוֹת–טַלֵיתִים א. ד. ג.

אַזאַ ווערטערבוך קען אויך נוצבאַר זײַן פיר רבּיים און מלמדים אין חדרים, וואָס זיי מוזען העבּרעאישע אײַנגעפירטע ווערטער צום רײַדען יידיש פערטײַטשען מיט איהם זעלבסט ווי צב״ש: וַיִּבֶז–ער האָט מבזה געווען, עֵשָׂו–עשׂו, אֶת הַבְּכוֹרָה–די בכורה; די זעלבע איז מיט די ווערטער: אֶתְרוֹג–אַ אתרוג,

לולב—א לולב א. ד. ג. דא ווערין אלע דיזע ווערטער איבערזעצט און די ווערטער וואס ענטהאלטען אין זייער בעדייטונג נאציאנאלע, רעליגיעזע עלעמענטין, ווי מנהגים, ימים טובים, יומי דפגרי, תעניתים, תקופה, שקיעה א. ד. ג. ווערין דא אלע גרינדליך ערקלערט, דאס אין דעם הינזיכט קען ער גערעכינט ווערין אלס „לעקסיקאן" פאר יידישע נאציאנאלע און רעליגיעזע טראדיציאנען (אבראדען), אפילו אלע נעמען פון די סדרות מיט זייערע אינ־האלטונג אויף א קורצען אופן און די פרטים וואס עס איז צו לערנען פון יעדער סדרה (אויף דעם רלב"ג'ס שטייגער). און יעדער איינפאכער גאנץ אונוויסענדער מענש קען ווערין אין אלץ בעהאווען אויף א למדותן אופן, און לומדים ווערין דא אויך געפינען חדושים (לקים מה שאמרו: אי אפשר לבית המדרש בלי חדוש).

אויך קומען דא מענליכע און ווייבליכע נעמען וועלכע בעשטייען פון ביבלישע נעמען וואס האבען זיך גערופען אונזערע אבות־הקדושים, די שבטים, נביאים און מלכים – זיינען אלע אנגעוויזען מיט זייערע קוועלען אין תנ"ך און איבערגעזעצט נאך זייער בעדייטונג און ערקלערט מיט זייערע אורזאכען אין דער יודישער געשיכטע*). וואס אנבעלאנגט אין טיעפערע ערקונדיגונג דורך לומדות און פילאלאגיע, קומט דאס אין אנמערקונג (הערות) אונטער דעם טעקסט, און אפט גאר אין לשון הקדש. — די תלמודישע זאגען וואס ווערען דא געבראכט, זיינען פון דריי ערלייא ארטען: א) די וואס זיינען פשוט מורגל און איינגעפיהרט אין ריידען אויך ביי דעם המון, ב) אזעלכע וואס כמעט דער גאנצער זאטץ בעשטייט פון בעקאנטע העברעאישע ווערטער אין ריידען, ג) אדער ער לערינט פארט א גוטע מידה און ער גיט א פראקטישע עצה קורץ אין קלארע דבורים, וואס מען בעדארף ניט פיעל פירושים, וואס אין אנדערע שפראכען אין פעלקער האט מען דאס צו האפט ווי איין „אבן טוב"— נאטירליך ניט אויסזאגענדיג ווערעם דאס איז (בשם אומרו) — זאל עס בעקאנט ווערען אויך אונטער דער יודישער מאסע, זאל אונזער המון אויך וויסען און געניסען די זיסע רייד פאן אונזערע ערשטע חכמים, וואס זיי זיינען דא

---

*) איבער די העברעאישע נעמען וואס קומען אין זשארגאן, איז שוין פאן מיר ארויסגעגעבען א בעזאנדערס העפט מיט דעם נאמען „שמות האנשים והנשים־שביהודית מלה"ק" מיט א הקדמה פאן אינטערעסאנטע אנמערקונגען אין דער געשיכטע פאן אונזערע נעמען בכלל. נור אנשטאט וואס דארט איז די ביאגראפיען פון די פערזאנען אין העברע־אישע הערות – זיינען זיי דא אין זשארגאן צוזאמען מיט דעם טעקסט (פנים) און מיט נאך פיעל מעלות.

אָנגעוויזען מיט זייערע ריכטיגע קוועלען און קומען מיט אַ פרייען איבער־זעטצונג אין יידיש, אַם מעהרסטען טהייל אין ריפמען (צ״ם גראם), וואָס דאָס מאַכט דויערהאַפט צו געדיינקען און עס ווערט אַ פאָלקס זאַגע.

בכדי צו קענען בענוטצען זיך מיט יעדען העבּרעאישען בעקאַנטען וואָרט ביז 20–ערליי אופנים – דאָס זאָל נאָך פיליכט פיהרען צו איהר ווידער בעלעבונג אַלס אַ ריידענדע שפּראַך – קומט צום אָנפאַנג די בוכשטאַ־בען די רעגעלען ווי צו בענוצען די בעדינונגס בוכשטאַבען (אותיות השמוש) צו דאָקלינירען א. ד. ג. וואָס דורך זיי ווערט דאָס אויסגעפיהרט, דאָס איין העבּרעאישער וואָרט האַלט אין זיך אַלע רעדע טהיילען: דעם צייט־וואָרט (הפעל), אָדער דעם פירוואָרט (השם), די צייט (הזמן), די פּערזאָן (שם הגוף), דער געשלעכט (שם המין) און די צאָהל (שם המספר), דורך די הילפע פון די עלף בעדינונגס בוכשטאַבען, וואָס ווערען בעצייכענט, אום צו געדיינקען, מיט די דריי נעמען: ,,איתן, משה וכלב״ וואָס דורך דיזען מיטעל קומט אויס די העבּרעאישע שפּראַך מיט איין וואָרט נאָר, דאָרט וואו אין איין אַנדער שפּראַך וואָלט מען דאַרפען בענוטצען אויף דעם אָרט ביז 6 ווערטער *).

צו די זעלטענע קורצקייט, וואָס די העבּרעאישע שפּראַך בעזיצט, האָט זי אין זיך נאָך איין אייגענשאַפט, דאָס איז דער מיטעל פון פערקירצונג (ראשי תיבות)–סטענאָגראַפיע, דאָס פון די זעלבע דריי אָדער פיער קורצע ווערטער איהרע, ווערט פון זיי ווידער נור אייגער — דורך אַ ראשי תיבות, צב״ש: אָנשטאָט „מביא ומוסר כתב זה״ (דער איבערברייינגער און איבערגעבער פון דעם אויפשריפט) איז געוועהנג דער ראשי תיבות: „מוכ״ז״; „בלא מעות״—„בל״מ״; אָנשטאָט: ,,רב חזן, שמש וכלי זמר״ — ,,רח״ש וכל״ז״ איבערהויפּט אין די פּראָמבלען אין כדורי התפלות און מחזורים און אין די לוחות השנה, ווערט זייער פיעל געברויכט ראשי תיבות, וואָס מען בעדאַרף דער צו האָבען בעזאָנדערע געניטקייט אויספיהרליך צו לעזען—ווערען דאַריבער דאָ געבראַכט אַזעלכע געברויכבאַרע ראשי תיבות׳ן צום אָנפאַנג פון אַלע

*) דאָס איז צו זעהן צום ביישפּיעל אין דאָס העבּרעאישען איין וואָרט– ,,וַיֶּאֱהָבֶהָ״, ווערט פון אים אין יידישען אָדער דייטשען איבערזעטצונג גאַנצע זעכס ווערטער: 1) און, 2) ער, 3) האָט, 4) איהר, 5) ליעב, 6) בעקאָמען. 4 אָדער 5 ווערטער ווערט פון איין העבּרעאישען איבעראַל, צב״ש: ,,כבהדרנו״– אַזוי, ווי, אין, אונזער, יצימער, א. ד. ג.

ארטיקלען יעדער צו זיין פאסענדען בוכשטאב *), די בעדייטונג אבער פאר די פארקירצטע ווערטער קומט אין די ארטיקלען וואו די ווערטער קומען אויספירליך.

בענוטצען זיך מיט דעם ווערטערבוך אלס איין האנד-בוך בעדארף מען יעדען ווארט אפזוכען ווערליג זיין ערשטער בוכשטאב, וועלכען מען שפירט אין אויסשפראך, ער מעג זיין נור איין בעדינונגס בוכשטאב גאר ניט פאן דעם שורש פון דעם ווארט, צב"ש: „במזומנים" „בנאמנות" זיינען אונטער די ארטיקלען וואס גייהען אונטער דעם בוכשטאב „ב"—אזוי איז ער געארדענט צוליעב די וואס קענען ניט וויסען דעם שרש פון ווארט— און דעריבער קומט אויך פאר דאס איין ווארט קומט אין פערשידענע ערטער נאך זיינע פערשידענע פארמען און נאך די פערשידענע בוכשטאבען מיט וועלכע זיי פאנגען זיך אן, למשל דער ווארט: „אבדה", קומט אין די ארטיקלען וואס געהערען צום „א", לאבוד—צום „ל", „מאבד בידים"— צום „מ", חאטש זיי זיינען אלע פון איין שרש — „אבד"; אבער מען זאל פארט וויסען דעם שרש פון יעדען פארקומענדען ווארט, איז ער אבגע-גרענעצט מיט קורצע שטריכלען פון זיינע בעדינונגס בוכשטאבען די וואס קומען אין זיין אנפאנג און צום סוף, אויף דעם ארט: „במזומנים", או שוין צו פערשטיין דאס זיין שרש איז „מזומן" א. ד. ג. די זעלבע איז אויך דער סדר אין פערלויף פון גאנצען ווארט צב"ש: „אות" איז צו געפינען צום ענדע אלע ארטיקלען וואס געהערען צום „אלף-בית" — „א-ת" ווייל

---

*) דער איינגעשאפט פון פערקירצונג (ראשי תיבות) אין דער העבראישער ליטעראטור איז איינגעפיהרט נאך אין תלמוד – וואס ער רופט דאס אן „נוטריקון", ווי דער ווארט „אמן" איז אין תלמוד פערטייטשט דורך א ראשי תיבות: „אל מלך נאמן" (שבת נא. קיט); די ווערטער „דצ"ך עד"ש באח"ב" – איז געוועזען דער ראשי תיבות פון די עשר מכות – אנגעשריבען אויף משה'ס שטעקען (שמות רבה, פ"ה–ו) „יע"ל קג"ם" (בבא מציעא כא), „פז"ר קש"ב" (יומא ג.)-זיינען ראשי תיבות פון פערשידענע דינים. מעהר פאקטען איז צו זעהן אין מסכת שבת (קד.). אין משניות „מעשר שני" (פרק ד, משנה יא) איז צו דרינגען דאס ווי פלעגען דאמאלסט בעצייכנען אויף חפצים מיט איינצעלנע בוכשטאבען אלס א פערקירצונג פון דעם איינענטימערס נאמען אזוי ווי אין איצטיגען „מאנאגראם", און אין מסכת שבת (דף קה.) ווייזען אן איינגע חכמים פון פערשידענע פסוקים אז ראשי תיבות שטאמט זעלבסט פון דער תורה; (והיא אחת מל"ב מדות של ר"א בנו של ריה"ג. עיי' תשבי דברים של טעם לבאור מלת נוטריקון).

דער „ו״ וואס איז אין זיין מיטען איז ניט גערעכענט צום ארדנונג פון די ארטיקלען, אויסער אווארט וואס איז אין לשון רבים שטייט ער ביי זיין „לשון יחיד״ ווי צב״ש: „אם-אמ׳ת״, „אומה-אומות״, „בת-בנות״ א. ד. ג.; אויך ווען עס קומט מיט א דאפעלטען בוכשטאב, ווי צב״ש: „שר—שררה״, אבוואהל פיר דעם צווייטען „ר״ איז דא נאך ניט דער ארט.

די תלמודישע ציטאטען קומען גאר צום סוף ספר מיט א בעזאנ־דערען טיטול בלאט „פתגמי אוריתא״, אויסער קורצע אויסדריקע אין העברעאישען אדער גאנץ קורצע זאגען און תורה ווערטליך וועלכע קומען פאר אין זשארגאנישען געשפרעך — קומען אין ווערטערבוך גופא יעדער צו זיין געהעריגען בוכשטאב; אויך קומען זשארגאנישע אויסדריקע אין וועלכע עס קומט אין זיי אריין איין העברעאישער ווארט, צב״ש: „ארויס פון די כלים״, „נעמאכט די פליטה״, „צו קיין גנאי זאל ניט זיין״; מאנכע פאן זיי שטאמען דורך אויס פון תלמודישען ליטעראטור—אזעלכע קומען מיט זייערע מראה מקומות.

עס גיט אויך פיל העברעאישע ווערטער וואס זיינען פערזשארגאנירט אין פערשידענע אופנים: א טהייל פאן זיי ווערען בעדיענט אין אנפאנג מיט „בע״ און צום סוף מיט „עט״, און א מאהל מיט „ט״ אליין, צב״ש: בע׳גנב׳עט, בע׳נבל׳ט; אנדערע מיט „גע״ אין אנפאנג — גע׳אכל׳ט, גע׳מסר׳ט, גע׳אסר׳ט; און אנדערע מיט „פער״—פער׳דאגה׳ט, פער׳חתמה׳ט, און אנדערע ווערען בעדינט פון דעם זשארגאן מעהר ניט ווי צום סוף ווארט אין פערשידענע אופנים, צב״ש: „אימה׳דיג״, „גדול׳דיג״, „משונה׳דיג״; „בדקה׳נען״, „גנב׳נען״, „דרש׳נען״, „ירש׳נען״; „כשר׳רער״, „חשוב׳ער״—אזעלכע ווערטער זיינען צוזאמען געשטעלט צו די ארטיקלען יעדערער נאך זיין העברעאישען שרש.

אויך גיט עס פיעל העברעאישע ווערטער און אויסדריקע וואס ווערען געזאגט צוזאמען מיט זייער זשארגאנישען איבערזעצונג, צב״ש: „מים אחרונים וואסער״, „ציילען ספירה״, „פרעגען א שאלה״, „א וויטער מרחק״, „נאנטער קרוב״, „לייענען קריאת שמע״, „א בייזע עין הרע״, „שיקען משלוח מנות״, „שלאגען מלקות״, „א איינציגער בן יחיד״, „מוכ״ז צעטיל״, „עס וועט קומען זיין יבא יומו״ „יש אומרים זאגען״, „ביז די לעצטע פרוטה אחרונה״, „חשך-פינסטער״, „מיטן שענסטען הדר הכבוד״.

דער זעלבער ווערטערבוך איז ארויס בכתב יד, מיט ערלויבניס פון צענזור, נאך אין יאהר **1904** (24 יוני № 858) בלויז מיטן נאמען „המדבר בלשון עמו״ און האב געענדערט זיין נאמען ווייל מיט דעם נאמען האט זיך מקדים געווען איין חרעסטאמאטיע און אונטער די בעטריבטע צייט וואס איז פארגעקומען האב איך אפט פערבראכט אין אויסבעסערן און פערפאלקאמען אים ער זאל נוצליך זיין פיר אונזער ביידע עלענדע שפראכען ווי די העברעאישע אלס נאציאנאל שפראך און פיר די זשארגאנישע ריידענדע פאלקס שפראכע — זיי זאלען באלעבט ווערען איינע דורך די צווייטע און געאכמ׳ט ווערען יעדערע נאך איהרע אייגענשאפטען און ווערטה.

דער פערפאסער.

ראשי התבות במראה המקומות *).

אדר״נ — אבות דרבי נתן.
אסת״ר — אסתר רבה (מדרש רבה למגלת אסתר).
ב״ב — בבא בתרא.
בל״ז — בלשון זשארגאן.
ב״מ — בבא מציעא.
במד׳ — במדבר.
במ״ר — במדבר רבה (מדרש רבה לספר במדבר).
ב״ק — בבא קמא.
ברא׳ — בראשית.
דב״ר — דברים רבה.
ד״ה — דבור המתחיל.
דה״א — דברי הימים—א.
דה״ב — דברי הימיב—ב.
הל׳ — הלכה, הלכות.
ויק״ר — ויקרא רבה.
י״ל — יש לאמר.
י״מ — יש מפרשים.
ירושל׳ — ירושלמי.
מ״א — מלכים—א; משנה—א.
מ״ב — מלכים—ב.
מד״ר — מדרש רבה.
מל׳ — מלשון.
מלה״כ — מלשון הכתוב.
מ״מ — מראה מקום.
מע״ש — מעשר שני.
מס׳ — מסכת.
מסד״א — מסכת דרך ארץ.
מו״ק — מועד קטן.
ספ״ב — סוף פרק בתרא.
ספ״ק — סוף פרק קמא.
ע״ז — עבודה זרה.
עשה״כ — על שם הכתוב.
פ׳ — פרק, פרשה.
פ״א — פרק—א (וכן לכל המספרים).
פדר״א — פרקי דרבי אליעזר.
פדר״כ — פסיקתא דרב כהנא.
קה״ר — קהלת רבה.
ר״ה — ראש השנה.
רו״ר — רות רבה (מדרש רות).
ש״א — שמואל—א.
ש״ב — שמואל—ב.
שה״ש — שיר השירים.
שו״ר — שיר רבה (מדרש שה״ש).
תדב״א — תנא דבי אליהו.

---

*) די געברויכבארע ראשי תבות פון לשון הקדש-ווערטער און זשארגאנישען געשפרעך און אין שרייבען יידיש; ווי אויך אין לוחות השנה אדער אין די פראמבלען פון סדורים און מחזורים - איז ווי צו געפינען יעדען ביי זיין געהעריגען בוכשטאב אין אנפאנג פון די ארטיקלען אין ווערטערבוך גופא; ווי עס איז שוין דעריבער ערקלערט אין דער הקדמה.

א.

א — געשטאַלט דער 1=טע אות אין אַלף=בית (תנחומ׳ ברא׳ א)

בעצייכענט אויך דעם צאהל 1, צב״ש: **א דראש השנה** דער ערשטער טאָג ראש השנה, דאָס זעלבע איז: **א של פסח, א של שבועות, א של סכות, א דחול המועד, א דחנכה.**

פרק־א — דער ערשטער קאַפּי=טעל. **מלכים־א, שמואל־א, דברי הימים־א** — הייסען די ערשטע טיילען פון דיזע ספרים אין תנ״ך. **א־בראשית, א־נח** א. ז. וו. בעצייכענט מען דעם ערשטען טאָג פון וואָך, נאָך די סדרה וואָס ווערט אין איהר געלייענט דעם קומענדען שבת.

א־רו״כ — 1 רובל כסף,

דער בוכשטאַב **א** דינט אין אָנפאַנג צייט=וואָרט (פעל) צו בעדייטען אויף די צוקונ=פטיגע צייט (זמן העתיד) אויך פאַר דעם ערשטען פערזאָן (מדבר בעדו): אֶפעל — איך וועל טהון.

דער אות **א** דינט אויך אין אַבקירצונג (ראשי תבות), מיט נאָך בוכשטאַבען צוזאַמען, אָנשטאָט גאַנצע ווערטער, צ.ב״ש:

א״א איז אויספיהרליך צו לעזען: אברהם אבינו, אדוני אבי, אלהי אבותינו, אין אומרים, אשת איש.

אא״א — אל ארך אפים.

או״א — אלהינו ואלהי אבותינו.

אאע״ה — אברהם אבינו עליו השלום.

א״ב — אלף=בית.

אב״ד — אב בית דין.

אד״ר — אדר ראשון.

אד״ש — אדר שני.

א״ה — אב הרחמים, אומות העולם.

אה״ק — ארץ הקדושה.

א״ח — אורח חיים, אסרו חג.

אחב״י — אחינו בני ישראל.

אח״כ — אחר כך, אחרי כן.

אחצה״י — אַחַר חֲצוֹת הַיּוֹם.

אחצה״ל — אַחַר חֲצוֹת הַלַּיְלָה.

אח״ק — אַחֲרֵי־מוֹת קְדוֹשִׁים.

אחש״פ — אַחֲרוֹן שֶׁל פֶּסַח.

א״י — אֵינִי יוֹדֵעַ, אֵינוֹ יְהוּדִי, אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל.

אי״ה — אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם.

א״כ — אַחַר כַּךְ, אִם כֵּן, אֵין כָּמוֹךָ, אֵין כֵּאלֹהֵינוּ.

א״מ — אָבִינוּ מַלְכֵּנוּ.

אמ״ה — אֱלֹהֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם, אוּמוֹת הָעוֹלָם.

א״נ — אֵין נוֹפְלִים, אֱהוֹב נֶפֶשׁ.

אנ״ח — אַנְשֵׁי חַיִל.

אנ״ש — אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵנוּ.

אונ״צ — אוּם נְצוּרָה.

אס״ח — אִסְרוּ חַג.

אע״פ — אַף עַל פִּי.

א״צ — אֵין צָרִיךְ.

א״ת — אַל תִּקְרָא, אִם תֹּאמַר, אֵין תַּכְלִית.

אַנמערקונג: דִי בֶּעדַייטוּנג פוּן דִי פֶּערקִירצטֶע ווערטער ווֶעלֶען קוּמֶען אִין דִי אַרטִיקלֶען גוּפא אוֹיספִירלִיךְ.

אָב (בראשית מד, יט). **אַבָּא** (קידושין לא) פָאטֶער. **אַב בֵּית דִּין** (שבת, נה) עלסטער אִין גערִיכטס־הוֹיז. **אֲבִי יְתוֹמִים** (תהלים סח, ו) בּעשטעהט אַלס פָאטֶער פוּן יְתוֹמִים, אַזוֹי רוּפט מֶען דוד המלך ע״ה דעם רבונו של עולם, אוֹיך פערדִינט אַזאַ טִיטוּל יעֶדער וואָס בּעזאָרגט זִיךְ פאַר יתומים אוּן אִיז זֵייא מְגַדֵּל לְתוֹרָה וְלִמְלָאכָה (איוב כט, טז; סנהדרין יט; סוטה יד). **אַב מְלָאכָה** (שבת, מט.) דִי הוֹיפּט אַרבּייט — וואָס זַיינֶען פערבּאָטֶען אוּם שבת. הוּמאָרִיש ווערט עֶס געזאָגט אוֹיף אַזעֶלכֶען וואָס פִירט זִיךְ אוֹיף נאָךְ זַיין פאָטערס נִיט שֵׁיינֶע אוֹיפפִירוּנג (דעֶם טאַטענס אַ קִינד). **אָב בְּחָכְמָה** (ספרי דברים א) העכסט געלעהר־טער. **אַבְרֵךְ** (בראשית מא, מג) יוּנגער פאָטער. **אֲבִי אֲבוֹת הַטּוּמְאָה** (ב״ק, ב) דער ערשטער אַיינבּרִינגער דִי אוּנרַיינִיגקַייט (עֶס ווערט געזאָגט אַלס פערפִירער פוּן שעֶדלִיכקַייט). **אָבוֹת נְזִיקִין** (שם) דאָס הוֹיפּט שעֶדלִיכקַייט.

אָבוֹת — אוּרפאַטערן. סְתַם אָבוֹת אִיז געמַיינט אוּנזערע הַיילִיגע אוּרעלטערן אַבְרָהָם יִצְחָק וְיַעֲקֹב[1])

---

[1]) כדאיתא בברכות (טז:) „אין קורין אבות אלא לשלשה — אברהם יצחק ויעקב״; ובב״ר פמ״ח: „האבות אין פחות מג׳. ואיתא במד׳ תדשא (פ״ג)״: „כנגד השמים

מיט וועלכע מיר זיינען זיך מיחס און בעטען אין אונזערע תפלות דאס זייער זכות זאל אונז ביי־שטיין; אויך די גרינדער פון אנדערע גלויבענס זיינען זיי אונז מקנא [1]), ווייל קיין אנדער נאציאן פערמאגט ניט אזעלכע געטליכע פארנעהמע אורפאטערען וואס זאלען קענען אנווייזען ווי מיר זאגא־ אויף זייערע הייליגע קברים — די מערת המכפלה און קבר רחל.

אבא (ברכות כד) דינט פאר א אייגען נאמען ביי פיעל פון די תנאים ואמוראים און אויך יעצט ביי אונז.

אב (תענית כט) נאמען פון פינפטען מאנאט (רעכנענדיג דעם חדש ניסן פאר דעם ערשטען). דער חדש אב איז א חדש מלא, ד. ה. ער צעהלט 30 טעג, זיין ר״ח איז אין טאג און פאלט אין איינעם פון די טעג: ב, ד, ו, ז, ער רופט זיך אויך מנחם אב, דאס הייסט מיר זאלען געטרייסט ווערען אויפ׳ן גרויסען חורבן וואס האט אין איהם געטראפען — דער חרבן ירושלים, און מיר זיינען פערבליבען אין לאנגען ביטערין גלות (אין פרעמדע לענדער).

אביגדור (דהי״א ד, ד) פאטער־בעשיטצער. איז גע־ווען א מאנן פון שבט יהודה, אויך איינער פון די צעהן נעמען מיט וועלכע משה רבנו ע״ה האט זיך אנגערופען (ויק״ר, פ״א).

אביגיל (ש״א כה, יד) פאטערס פריידע [2]), נאמען די לויכטיגע פרוי פון דוד המלך (מגילה, יד) אויך א שוועסטער

והארץ והים נבראו ג׳ אבות אברהם יצחק ויעקב״ — והרביתי את זרעך ככוכבי השמים (בראשית כו, ד), ושמתי את זרעך בעפר הארץ (שם יג, טו), וכחול אשר על שפת הים (שם כב, יז) הרי ברכה כנגד שלשתם. וי״ח פעמים מזכיר האבות בתורה, וכנגד כן קבעו חכמים שמונה עשרה ברכות שבתפלה (ב״ר פ׳ סט).

[1]) בעוואנגעליום אגרת פולוס אל הרומיים (ט, 5—4) וז״ל: „בני ישראל, להם משפט הבנים ולהם האבות״. ובאלקאראן — חזון הפרה פ׳ קטז, קיז, קכד ועוד.

[2]) העתקה מלשון הכתוב „גיל יגיל אבי צדיק (משלי כג, כד) וכן העתיק גם טעצנער במחברת (Namenbuch) לשמות האשכנזים.

שְׁמֻרִים [1])—זאָגען וועגען פּסח וועלכע עס פּאַסען זיך צום סדר.

אָדָם (בראשית ה, ב) מענש. נאָמען פון מענשליכען געשלעכט[2]) עס גיט ניט ווייבליך אויך ניט מעהר צאָהל. **אָדָם הָרִאשׁוֹן**[3]) — דער ערשטער מענש אויף דער וועלט. **אָדָם וְחַוָּה** — די ערשטע פּאָאר אויף דער וועלט[4]). **אָדָם גָּדוֹל** (ברכות מ. שבת נג:) א וויכטיגער מענש. **אָדָם חָשׁוּב** (שבת נ:) אַ געאַכטעטער מענש.

אֱדוֹם (בראשית כה, ל) הייסט עשו.

אֲדָמָה (בראשית ד, ז) די ערד. **אַדְמַת קֹדֶשׁ** (שמות ג, ה) הייליגע ערד. „עס ליגט אין דער אֲדָמָה" זאָגט מען אויף אַ גע־פּאַלענעם אַרטיקעל[5]) „האָב איהם אין דער אַדמה" זאָגט מען אויף אַגעפּאַלענעם שטרייגנען מענשען.

אָדוֹן (תהלים יב, ה) הערר, בע־זיטצער, פּריץ—**אֲדוֹנִים** (מ"א כב, יז). **אָדוֹן אֶחָד** — איין שְׂרָרָה. **אָדוֹן הַגָּדוֹל** — איז געזאָגט אויף אַ הויכגעשטעלטען בעאַמטען ביז אַ קייזער. **אֲדוֹן עוֹלָם** (פזמון לתפלת שחרית) בע־הערשער פון דער וועלט, אַ טיטול פאַר דעם רבונו של עולם. **אֲדוֹנִי הַמֶּלֶךְ** (מ"א ב, יז ברכות יג) מיין הערר קעניג!

---

[1]) כן נקרא ערבי פסחים, מל' הכתוב: „ליל שמורים הוא לה' להוציאם מארץ מצרים וכו' (שמות יב, מב).

[2]) שנא': „זכר ונקבה בראם ויקרא את שמם אדם" (בראשית ה, ב) ונקרא אדם ע"ש יצירתו מן האדמה והוא לשון נופל על לשון, ומזה מוכיח המדרש שלשון הקדש שלטה מששת ימי בראשית, ורבותינו פירשו השם אדם בר"ת: „אפר דם מרה" ועוד תארים נעלים באלה.

[3]) בשם אדם הראשון נקרא אדם קדמאה בכל התלמוד (שבת סח: סנהדרין לט, נה: ועוד).

[4]) כן נקראו יחד בתור זוג בתלמוד ובמדרשים (ב"ר פ' יד) ומקובל אתנו שנקברו יחד במערת המכפלה (עירובין נג: סוטה יג.) ע"ב חמד אברהם אבינו ע"ה לקנותה לאחוזת קבר כדבר עתיק (אַנטיקוואַר) עי' ערך—„מערת המכפלה".

[5]) מקורו בל' זה בתנחומא (משפטים, סה) „פרקמטיא שנפלה והיא נתונה בארץ לך עסוק בה שסופה להתעלות".

מיט וועלכע מיר זיינען זיך מיחס און בעטען אין אונזערע תפלות דאס זייער זכות זאל אונז ביי־שטיין; אויך די גרינדער פון אנדערע גלויבענס זיינען זיי אונז מקנא [1]), ווייל קיין אנדער נאציאן פערמאגט ניט אזעלכע געטליכע פארנעהמע אורפאטערען וואס זאלען קענען אנווייזען ווי מיר זאגאר אויף זייערע הייליגע קברים — די מערת המכפלה און קבר רחל.

אבא (ברכות כד) דינט פאר א אייגען נאמען ביי פיעל פון די תנאים ואמוראים און אויך יעצט ביי אונז.

אב (תענית כט) נאמען פון פינפטען מאנאט (רעכנענדיג דעם חדש ניסן פאר דעם ערשטען). דער חדש אב איז א חדש מלא, ד. ה. ער צעהלט 30 טעג, זיין ר"ח איז אין טאג און פאלט אין איינעם פון די טעג: ב, ד, ו, ז, ער רופט זיך אויך מנחם אב, דאס הייסט מיר זאלען געטרייסט ווערען אויפ'ן גרויסען חורבן וואס האט אין איהם געטראפען — דער חרבן ירושלים, און מיר זיינען פערבליבען אין לאנגען ביטערין גלות (אין פרעמדע לענדער).

אביגדור (דהי"א ד, ד) פאטער־בעשיטצער. איז געווען א מאנן פון שבט יהודה, אויך איינער פון די צעהן נעמען מיט וועלכע משה רבנו ע"ה האט זיך אנגערופען (ויק"ר, פ"א).

אביגיל (ש"א כה, יד) פאטערס פריידע [2]), נאמען די לויכטיגע פרוי פון דוד המלך (מגילה, יד) אויך א שוועסטער

והארץ והים נבראו ג' אבות אברהם יצחק ויעקב" — והרביתי את זרעך ככוכבי השמים (בראשית כו, ד), ושמתי את זרעך כעפר הארץ (שם יג, טו), וכחול אשר על שפת הים (שם כב, יז) הרי ברכה כנגד שלשתם. וי"ח פעמים מזכיר האבות בתורה, וכנגד כן קבעו הכמים שמונה עשרה ברכות שבתפלה (ב"ר פ' סט).

[1]) בעוואנגעליום אגרת פולום אל הרומיים (ט, 5—4) וז"ל: „בני ישראל, להם משפט הבנים ולהם האבות". ובאלקאראן — חזון הפרה פ' קטז, קיז, קכד ועוד.

[2]) העתקה מלשון הכתוב „גיל יגיל אבי צדיק (משלי כג, כד) וכן העתיק גם טעצנער במחברת (Namenbuch) לשמות האשכנזים.

שְׁמֻרִים [1]—זאַגען וועגען פסח וועלכע עס פאַסען זיך צום סדר.

אָדָם (בראשית ה, ב) מענש. נאָמען פון מענשליכען געשלעכט[2] עס גיט ניט ווייבליך אויך ניט מעהר צאָהל. **אָדָם הָרִאשׁוֹן**[3] — דער ערשטער מענש אויף דער וועלט. **אָדָם וְחַוָּה** — די ערשטע פּאַאר אויף דער וועלט[4]. **אָדָם גָּדוֹל** (ברכות מ. שבת נג:) א וויכטיגער מענש. **אָדָם חָשׁוּב** (שבת נ:) אַ געאַכטעטער מענש.

אֱדוֹם (בראשית כה, ל) הייסט עשו.

אֲדָמָה (בראשית ד, ו) די ערד.

אַדְמַת קֹדֶשׁ (שמות ב, ה) הייליגע ערד. „עס ליגט אין דער אֲדָמָה" זאָגט מען אויף אַ געפאַלענעם אַרטיקעל[5] „האָב איהם אין דער אַדמה" זאָגט מען אויף אַגעפאַלענעם שטרייַנגען מענשין.

אָדוֹן (תהלים יב, ה) הערר, בעזיטצער, פּריץ—**אֲדוֹנִים** (מ"א כב, יז). **אָדוֹן אֶחָד** — אַיין שְׂרָרָה. **אָדוֹן הַגָּדוֹל** — איז געזאָגט אויף אַ הויכגעשטעלטען בעאַמטען ביז אַ קייזער. **אֲדוֹן עוֹלָם** (פזמון לתפלת שחרית) בעהערשער פון דער וועלט, אַ טיטול פאַר דעם רבונו של עולם. **אֲדוֹנִי הַמֶּלֶךְ** (מ"א ב, יז; ברכות יג) מיין הערר קעניג!

---

[1]) כן נקרא ערבי פסחים, מל' הכתוב: „ליל שמורים הוא לה' להוציאם מארץ מצרים וכו' (שמות יב, מב).

[2]) שנא': „זכר ונקבה בראם ויקרא את שמם אדם" (בראשית ה, ב) ונקרא אדם ע"ש יצירתו מן האדמה והוא לשון נופל על לשון, ומזה מוכיח המדרש שלשון הקדש שלטה מששת ימי בראשית, ורבותינו פירשו השם אדם בר"ת: „אפר דם מרה" ועוד תארים נעלים באלה.

[3]) בשם אדם הראשון נקרא אדם קדמאה בכל התלמוד (שבת סח: סנהדרין לט, נה: ועוד).

[4]) כן נקראו יחד בתור זוג בתלמוד ובמדרשים (ב"ר פ' יד) ומקובל אתנו שנקברו יחד במערת המכפלה (עירובין נג: סוטה יג.) ע"כ חמד אברהם אבינו ע"ה לקנותה לאחוזת קבר כדבר עתיק (אַנטיקוואַר) עי' ערך—„מערת המכפלה".

[5]) מקורו בל' זה בתנחומא (משפטים, סה) „פרקמטיא שנפלה והיא נתונה בארץ לך עסוק בה שסופה להתעלות".

אֲדָר (אסתר ג, ז) דער צוועלפטער מאָנהײַט אין יאָהר און אויך דער לעטצטער, רעכענענדיג ניסן פאַר דעם ערשטען מאָנהײַט (דאָס ווערט בײַ איהם ערקלערט וואָרום ווערט ער גראַדע גערעכענט פיר דעם ערשטען). דער חודש איז אימּמער מָלֵא, ד. ה. ער ציילט דרײַסיג טעג, זײַן ראש חדש בעשטעהט פון צוויי טעג. דער צווייטער טאָג ר"ח — וואָס ער רעכענט זיך אימּמער פאַר דעם ערשטען אין נײַעם מאָנהײַט — פאַלט נור אין אײנעם פון די טעג: **ב, ד, ו, ז.** ווען אָבער נאָך איהם קומט אַ צווייטער אֲדָר — איז דער ר"ח פון דעם ערשטען אין די טעג **ב, ד, ה, ז.** און דער צווייטער **ב, ד, ו, ז** [1]). דער חדש „אֲדָר" איז אין דער יודישער געשיכטע זייער אַ פרעהליכער מאָנאַט צוליעב די געשיכטע פון פורים, וואָס אין איהם איז דאָס געשעהן. ווי דער תלמוד זאָגט: „משנכנס אדר מרבים בשׂמחה" (תענית כט) דאָס הייסט: וויא דער מאָנאַט אֲדָר קומט נאָר אָן, מאַכט מען זיך פרעהליך ווי פיעל מען קאָן.

אֲדָר שֵׁנִי (מגילה כא, נדרים סג) דער צווייטער אֲדָר — ער הייסט אויך **וַאֲדָר** און קומט אין איין עבור יאָהר אַלס איין דרײַצעהנטער מאָנאַט, כדי דער ניסן=מאָנאַט זאָל אויסקומען אין פריהלינג=מאָנאַט, ווי די תּורה רופט איהם אָן „חדש האָביב" (שמות יג, ד), וועלין שוין בְּמֵילָא די אַלע אַנדערע ימים טובים אויך אויסקומען אין זייערע בעשטימטע סעזאָנען, ווי דער סוכּות אין הערבסט, וואָס ער הייסט: „חג האָסיף" (שמות כג, טז) דער עבור=יאָהר קומט פון דעם: ווײַל מיר צעהלען דעם רונדען יאָהר נאָך די חדשים פון דער לְבָנָה, וואָס עס דויערט **354** טעג מיט **8** שטונדען מיט $^{73}/_{90}$ חֲלָקִים, און דער זונן=יאָהר דויערט **365** טעג מיט **6** שטונדען, איז דאָך אַיין אונטערשיעד פון דעם יאָהר נאָך די זונן ביז דעם לבנה=יאָהר אין אַ'ערך פון

[1]) כן הוא באורח חיים הל' ראש חדש סי' תכ"א.

אונזערע ברידער די יודישע קינדער[1].

אֶחָד (בראשית מו, ה) איינס — **אַחַת** (ווייבליך) — **אֲחָדִים** (שם יא, א) איינינע, איינצעלנע.

אַחְדוּת — איינינקייט, איינצעלהייט[2].

אֲחִיזָה — אנהאלטונג „אוחז ביד — איז די בעסטע תפילה, (חגיגה טו:) פעסט האלטען אין האנד — איז דאס בעסטע גאראנטי! **אֲחִיזַת עֵינַיִם** (סנהדרין סז: חולין נז:) בלענד־ווערק, פאקוסט[3].

אַחֲרֵי — די 6־טע סדרה אין דריטען ספר (ויקרא טז, א—יח, ל) און די 29־טע אין חומש — אין ניט קיין עבור־יאהר ווערט זי געלייענט צוזאמען מיט די סדרה — קדושים וואס קומט נאך איהר, און די וואך הייסט דאן אויף ביידענס נאמען — „אַחֲרֵי מוֹת קדושים (אחו"ק) פון די צווייטע סדרה'ס מיט די דריטע וואס קומט נאך זיי — „אמור" ווערט צוזאמען געשטעלט א סאטירישע פראזע; אז יעדער זאך ווערט טייער דאן נאך דעם טויט ד"ה: ווען מען פערליערט עס; די אויסדריקע פון דער פראזע איז: „אחרי מות — קדושים אמור". אין די סדרה „אחרי מות" איז די צירימאניע פון יום כפור אין בית המקדש און דא ווערט אויסגעזאגט דער טעם פון קרבנות (יז, ה—ז כפירוש המד"ר). און וועגין גאנץ נאנטע קרובים זאלען זיך ניט פערהייראטען, און פערזאגט פון נאך אויסגעלאסענהייט. **אַחַר** (הושע ג׳ ה) דערנאך, שפעטער. **אַחֲרֵי כִּכְלוֹת הַכֹּל** (פזמון „אדון עו"ם" בתפילת שחרית) נאכהער ווי עס איז אלעס פערטיג געווארען.

אָחוֹר — פערזאמען, פערשפעטיגען.

---

[1] שם הלשון אחינו בית ישראל.

[2] לפי מושג ההמון „אחדות" הוא כנוי לשותפות והשתתפות, אבל במושג חקר אלוה הוא ממש ההפך — באחדות גמורה בלי כל הצטרפות והשתתפות „ואין סוף לאחדותו" (פזמון יגדל).

[3] אולי הוא הפתרון בפסוק „אחזת שמורות עיני, נפעמתי ולא אדבר (תהלים עז, ה) שנדמו לו תמונת מבהילות ומזה נפעם מאד, ומרוב הבהלה הדבור אין בו.

אֲדָר (אסתר ג, ז) דער צוועלפטער מאָנהאַט אין יאָהר און אויך דער לעטצטער, רעכענענדיג ניסן פאַר דעם ערשטען מאָנהאַט (דאָס ווערט בײַ איהם ערקלערט וואָרום ווערט ער גראַדע גערעכענט פיר דעם ערשטען). דער חודש איז אימער מָלא, ד. ה. ער ציילט דרייסיג טעג, זיין ראש חדש בעשטעהט פון צוויי טעג. דער צווייטער טאָג ר״ח — וואָס ער רעכענט זיך אימער פאַר דעם ערשטען אין נייעם מאָנהאַט — פאַלט נור אין איינעם פון די טעג: **ב, ד, ו, ז.** ווען אָבער נאָך איהם קומט אַ צווייטער אֲדָר — איז דער ר״ח פון דעם ערשטען אין די טעג **ב, ד, ה, ז.** און דער צווייטער **ב, ד, ו, ז**[1]. דער חדש „אֲדָר“ איז אין דער יודישער געשיכטע זייער אַ פרעהליכער מאָנאַט צוליעב די געשיכטע פון פורים, וואָס אין איהם איז דאָס געשעהן. ווי דער תלמוד זאָגט: „משנכנס אדר מרבים בשמחה“ (תענית כט) דאָס הייסט: ווי דער מאָנאַט אֲדָר קומט נאָר אָן, מאַכט מען זיך פרעהליך ווי פיעל מען קאָן.

אֲדָר שֵׁנִי (מגילה כא, נדרים סג) דער צווייטער אֲדָר — ער הייסט אויך **וַאֲדָר** און קומט אין אַיין עִבּוּר יאָהר אַלס אַיין דרייצעהנטער מאָנאַט, כדי דער ניסן-מאָנאַט זאָל אויסקומען אין פריהלינג-מאָנאַט, ווי די תורה רופט איהם אָן „חדש האָביב“ (שמות יג, ד), וועלין שוין בְּמֵילָא די אַלע אַנדערע ימים טובים אויך אויסקומען אין זייערע בעשטימטע סעזאָנען, ווי דער סוכות אין הערבסט, וואָס ער הייסט: „חג האָסיף“ (שמות כג, טו) דער עיבור-יאָהר קומט פון דעם: וויל מיר צעהלען דעם רונדען יאָהר נאָך די חדשים פון דער לְבָנָה, וואָס עס דויערט **354** טעג מיט **8** שטונדען מיט $^{73}/_{90}$ חֲלָקִים, און דער זונן-יאָהר דויערט **365** טעג מיט **6** שטונדען, איז דאָך אַיין אונטערשיעד פון דעם יאָהר נאָך די זונן ביז דעם לבנה-יאָהר אין אַ'ערך פון

[1] כן הוא באורח חיים הל׳ ראש חדש סי׳ תכ״א.

אוּנזערע ברידער די יוּדישע קינדער[1].

אֶחָד (בראשית מו, ה) איינס — **אַחַת** (ווייבליך) — **אֲחָדִים** (שם יא, א) איינִיגע, איינצעלנע.

אֲחְדוּת — איינִיגקייט, איינצעל=הייט [2].

אֲחִיזָה — אָנהאַלטוּנג „אוֹחֵז בְּיַד — איז די בעסטע תפילה", (חגיגה טו:) פעסט האַלטען אין האַנד — איז דאָס בעסטע גאַראַנטי! **אֲחִיזַת עֵינַיִם** (סנהדרין סז: חולין נז:) בלענד=ווערק, פאָקוּסט [3].

אַחֲרֵי — די 6=טע סדרה אין דריטען ספר (ויקרא טז, א—יח, ל) און די 29=טע אין חומש— אין ניט קיין עבור=יאָהר ווערט זי געלייענט צוזאַמען מיט די סדרה—קְדוֹשִׁים וואָס קוּמט נאָך איהר, און די וואָך הייסט דאַן אויף ביידענס נאָמען—„אַחֲרֵי מוֹת קְדוֹשִׁים (אחו"ק) פון די צוויי סדרה'ס מיט די דריטע וואָס קוּמט נאָך זיי—„אֱמוֹר" ווערט צוזאַמען גע=שטעלט אַ סאַטירִישע פראַזע; אַז יעדער זאַך ווערט טייער דאַן נאָך דעם טוי=ט ד"ה: ווען מען פער=ליערט עס; די אויסדריקע פון דער פראַזע איז: „אַחרי מוֹת— קדוֹשים אֱמוֹר". אין די סדרה „אַחרי מוֹת" איז די צערימאָניע פון יום כפּוּר אין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ און דאָ ווערט אויסגעזאָגט דער טַעם פון קָרְבָּנוֹת (יז, ח—ז כפירוש המד"ר). און וועגען גאַנץ נאָנטע קרובים זאָלען זיך ניט פער=הייראַטען, און פערזאָגט פון נאָך אויסגעלאַסענהייט. **אַחַר** (הושע ג׳ ה) דערנאָך, שפּעטער. **אַחֲרֵי כִּכְלוֹת הַכֹּל** (פזמון „אדון עו"ם" בתפילת שחרית) נאַכהער ווי עס איז אַלעס פערטיג געוואָרען.

אָחוֹר — פערזאַמען, פער=שפּעטיגען.

---

[1] שם הלשון אחינו בית ישראל.

[2] לפי מושג ההמון „אחדות" הוא כנוי לשותפות והשתתפות, אבל במושג חקר אלוה הוא ממש ההפך — באחדות גמורה בלי כל הצטרפות והשתתפות „ואין סוף לאחדותו" (פזמון יגדל).

[3] אולי הוא הפתרון בפסוק „אחזת שמורות עיני, נפעמתי ולא אדבר (תהלים עז, ה) שנדמו לו תמונות מבהילות ומזה נפעם מאד, ומרוב הבהלה הדבור אין בו.

אָחוֹר (איכה ב, ג) ריקזייטע. „בעקומען אין אָחור״— געשמיסען געוואָרען אין הינטען.

אַחֲרוֹן (ישעיה מד, ו) דער לעצטער־**אַחֲרוֹנִים** (בראשית לג, ב). „אַחרון״— הייסט דער וואָס מען רופט איהם אויף צו דער תורה צו לעצט די סדרה. אויך אַ לעצטער פּוסק פון די לעצטע צייט. ד״ז איז אין מעהר־צאָהל „אַחרונים״. אויך הייסען „אחרונים״ די פּאָעזישע טהייל נביאים — „נביאים אַחרונים״.

אַחֲרָיוּת (ב״ק ח:) גאַראַנטיע. „אָהן אַחריות״ עס איז ניט געפעהרליך. „אויף מיינע אַחריות״ איך נעהם אויף מיין גאַראַנטיע.

אוֹי (ישעיה ו, ה) וועה!

אוֹיֵב בְּנֶפֶשׁ (תהלים יז, ט) אַ פיינד אין לעבען.

אַיִן (בראשית ב, ה) נישטאָ. דאָס געגענזאַץ פון „יש״ (אָבער מען ברויכט ניט זאָגען אויף נישטאָ „לא יש״, דען ווען עס איז—„יש״, איז ניט „לא״). **אֵין אֹמֶר וְאֵין דְּבָרִים** (תה׳ יט, ד) ניט גערעדט און ניט קיין ווערטער. **אֵין אוֹנֵס** (אסתר א, ח) ניט גענייט. **אֵין גַם אֶחָד** (תהלי׳ יג, ד) ניט איינער אַ רעכטער. **אֵין יוֹצֵא וְאֵין בָּא** (יהושע ו, א) ניט הערויס און ניט הערײַן. **אֵין לִי** (קהלת יב, א) איך האָב ניט—דאָס איז דער בעסטער ענטפער פאַר אַ בעל־חוב. **אֵין לְדָבָר סוֹף** (ב״מ, כה) אַ מעשה אָן אַ׳ענדע. **אֵינָהּ מְקוּדֶשֶׁת** (קידושין ז.) איז זי ניט בעשטימט (פאַר יעמאַנד). **אֵין פּוֹצֶה פֶּה** (ישעיה י, יד) עס ווערט אַ מויל ניט געעפענט. **אֵין קוֹל וְאֵין עוֹנֶה** (מ״א יח, כט) קיין שטימע און קיין אָברוף (קיין ענטפער). **אֵין קוֹנֶה** (דברים כח, כח) קיין קויפער. אין דעם זעלבען זינן איז „אֵין דּוֹרֵשׁ וְאֵין מְבַקֵּשׁ״ נימאַנד פרעגט און נימאַנד פאָדערט (אַ פערלעגענעם אַרטיקעל).

אִיָּר (ר״ה, ג.) איז דער צווייטער מאָנאַט נאָך ניסן, ער איז דער פריהלינגס־מאָנאַט, זיין נאָמען „איר״ איז דער זעלבער בעדייטונג ווי „חדש זיו״ (מ״א ו, א) ד״ה דער ליכטיגער, לויטערער מאָנאַט; ער איז אַ חדש חָסֵר, ד״ה: ער ציילט נאָר 29 טעג,

געבורטס־ארט, און העלד פון געשיכטע „רות".

אֶל־מֵימַר — צום רעדען. ביהנע צום פרעדיגען פאר'ן פובליקום (זעה—„בימה" [1]).

אַלְמָן (ירמיה נא, ח) וויטוועה, א מאהן וואס זיין פרוי איז איהם אפגעשטארבען — **אַלְמָנָה** (ברא' לח, יא) וויטווע, א פרוי וואס איהר מאהן איז גע־שטארבען — **אַלְמָנוּת** (שמות כב, כג)—**אַלְמָנָה חַיָּה** (מ"א ב, ג) דאס זעלבע ווי עגונה (זעה „עגונה" [2]).

אֱלִיעֶזֶר (שמות יח, ד) מיין גאט איז צו הילף. אזוי האט משה רבינו אנגערופען זיין צווייטען זאהן, צוליעב דעם וואס ער איז געהאלפען געווארען פון פרעה'ס שווערד (שם). „ר' אליעזר הגדול" איינער פון די גרעסטע תנאים וואס מיט איהם הויבט זיך אן דער ש"ס און מיט איהם ענדיגט זיך. אליעזר הייסט אויך אברהם אבינוס הויז־פערוואלטער וואס האט געהאלטען ער זאל זיין דער יורש (בראשית טו, ב) און פלעגט איהם מיטהעלפען אין זיין פראפאגאנדע [3].

אֶלְעָזָר (שמות ו, כג) גאט איז העלפער, אזוי האט גע־הייסען אהרן הכהן'ס עלסטער זוהן, און איז געווארען כהן גדול אויף דעם פאטערס ארט (במדבר ב, כח); זיין נאמען איז צוליעב די אלגעמיינע אידישע הילפע וואס דאס פאלק האט דאנן ערווארטעט. מיט דעם נאמען הייסען אויך פיעל פון די חכמי התלמוד אין די אמוראים.

אֶלֶף (בראשית כ, ט) טויזענד — **אֲלָפִים** (שמות יח, כא) טויזענדע — **אַלְפַּיִם** (ש"א יג, ב) צוויי טויזענד — **אֶלֶף אֲלָפִים** (אבות, פו) מיליאן— **אֶלֶף אַלְפֵי**

---

[1] נשתבש ממה שרש"י מתרגם „בימה" (סוטה, כא:) „אל מ"ברא" בל"ז יצא השם „אלמימר" ובתרגומי הכנסתיו תחת כנפי העברית.

[2] את הכתוב הנאמר בפלגשי דוד: „ויתנם בבית משמרת ויכלכלם וכו' ותהיינה אלמנות חיות" (ש"ב, כ, ג) יש מתרגמים בל"ז: „פערזארגטע מיט חיות" (לעבענס־מיטעל).

[3] הוא דמשק אליעזר — שדולה ומשקה מתורת רבו לאחרים (יומא כח:).

אָחוֹר (איכה ב, ג) רִיקְזַייטֶע. „בֶּעקוּמֶען אִין אָחוֹר״— גֶעשְׁמִיסֶען גֶעוואָרֶען אִין הִינטֶען.

אַחֲרוֹן (ישעיה מד, ו) דֶער לֶעצְטֶער — **אַחֲרוֹנִים** (בראשית לג, ב). „אַחֲרוֹן״ — הַייסְט דֶער וואָס מֶען רוּפְט אִיהם אוֹיף צוּ דֶער תּוֹרה צוּ לֶעצְט דִי סדרה. אוֹיךְ אַ לֶעצְטֶער פּוֹסֶק פוּן דִי לֶעצְטֶע צַייט. ד״ז אִיז אִין מֶעהר=צאָהל „אַחֲרוֹנִים״. אוֹיךְ הַייסֶען „אַחֲרוֹנִים״ דִי פּאָעזִישֶע טהַייל נביאִים — „נביאִים אַחֲרוֹנִים״.

אַחֲרָיוּת (ב״ק ח:) גַאראַנטִיעֶ. „אָהן אַחֲרָיוּת״ עֶס אִיז נִיט גֶעפֶעהרלִיךְ. „אוֹיף מַיינֶע אַחֲרָיוּת״ אִיךְ נֶעהם אוֹיף מַיין גַאראַנטִיעֶ.

אוֹי (ישעיה ו, ה) ווֶעה!

אוֹיֵב בְּנֶפֶשׁ (תהלים יז, ט) אַ פַיינד אִין לֶעבֶען.

אַיִן (בראשית ב, ה) נִישְׁטאָ. דאָס גֶעגֶענזאַץ פוּן „יש״ (אָבֶער מֶען בְּרוֹיכְט נִיט זאָגֶען אוֹיף נִישְׁטאָ „לא יש״, דֶען ווֶען עֶס אִיז—„יש״, אִיז נִיט „לא״). **אֵין אֹמֶר וְאֵין דְּבָרִים** (תה׳ יט, ד) נִיט גֶערֶעדְט אוּן נִיט קַיין ווערְטֶער. **אֵין אוֹנֵס** (אסתר א, ח) נִיט גֶענַייט. **אֵין גַּם אֶחָד** (תהלי׳ יג, ד) נִיט אֵיינֶער אַ רֶעכְטֶער. **אֵין יוֹצֵא וְאֵין בָּא** (יהושע ו, א) נִיט הֶערוֹיס אוּן נִיט הֶערַיין. **אֵין לִי** (קהלת יב, א) אִיךְ האָבּ נִיט—דאָס אִיז דֶער בֶּעסְטֶער עֶנְטפֶער פַאר אַ בַעל=חוֹב. **אֵין לְדָבָר סוֹף** (ב״מ, כה) אַ מַעֲשֶׂה אָן אַ׳ עֶנְדֶע. **אֵינָהּ מְקוּדֶשֶׁת** (קידושין ז.) אִיז זִי נִיט בֶּעשְׁטִימְט (פַאר יֶעמאַנְד). **אֵין פּוֹצֶה פֶּה** (ישעיה י, יד) עֶס ווֶערְט אַ מוֹיל נִיט גֶעעֶפֶענְט. **אֵין קוֹל וְאֵין עוֹנֶה** (מ״א יח, כט) קַיין שְׁטִימֶע אוּן קַיין אָבְּרוּף (קַיין עֶנְטפֶער). **אֵין קוֹנֶה** (דברים כח, כח) קַיין קוֹיפֶער. אִין דֶעם זֶעלְבֶּען זִינְן אִיז „אֵין דּוֹרֵשׁ וְאֵין מְבַקֵּשׁ״ נִימאַנְד פְרֶעגְט אוּן נִימאַנְד פאָדֶערְט (אַ פֶערלֶעגֶענֶעם אַרטִיקֶעל).

אִיָּר (ר״ה, ג.) אִיז דֶער צְווייטֶער מאָנאַט נאָךְ נִיסן, עֶר אִיז דֶער פְרִיהלִינְגס=מאָנאַט, זַיין נאָמֶען „אִיר״ אִיז דֶער זֶעלְבֶּער בֶּעדַייטוּנְג ווִי „חדש זִיו״ (מ״א ו, א) ד״ה דֶער לִיכְטִיגֶער, לוֹיטֶערֶער מאָנאַט; עֶר אִיז אַ חדש חָסֵר, ד״ה: עֶר צֵיילְט נאָר 29 טֶעג,

געבורטס=אָרט, און העלד פון געשיכטע „רות״.

אֶל=מֵימָר — צום רעדען. ביהנע צום פרעדיגען פאַר׳ן פובליקום (זעה—„בימה״ [1]).

אַלְמָן (ירמיה נא, ח) וויטווער, אַ מאַהן וואָס זיין פרוי איז איהם אָפגעשטאָרבען — **אַלְמָנָה** (בראשית לח, יא) וויטווע, אַ פרוי וואָס איהר מאַהן איז גע=שטאָרבען — **אַלְמָנוֹת** (שמות כב, כג) — **אַלְמְנוּת חַיּוּת** (מ״א כ, ג) דאָס זעלבע ווי עֲגוּנָה (זעה „עגונה״ [2]).

אֱלִיעֶזֶר (שמות יח, ד) מיין גאָט איז צו הילף. אַזוי האָט משה רבינו אָנגערופען זיין צווייטען זאָהן, צוליעב דעם וואָס ער איז געהאָלפען געוואָרען פון פרעה׳ס שווערד (שם). „ר׳ אליעזר הגדול״ איינער פון די גרעסטע תנאים וואָס מיט איהם האָט זיך אָן דער ש״ס און מיט איהם עֶנדיגט זיך. אליעזר הייסט אויך אַברהם אָבינוס הויז=פערוואַלטער וואָס האָט געהאַלטען ער זאָל זיין דער יורש (בראשית טו, ב) און פלעגט איהם מיטהעלפען אין זיין פראָפּאָגאַנדע [3].

אֶלְעָזָר (שמות ו, כג) גאָט איז העלפער, אַזוי האָט גע=הייסען אַהרן הכהן׳ס עלסטער זוהן, און איז געוואָרען כהן גדול אויף דעם פאָטערס אָרט (במדבר ג, כח); זיין נאָמען איז צוליעב די אַלגעמיינע אידישע הילפע וואָס דאָס פאָלק האָט דאַנן ערוואַרטעט. מיט דעם נאָמען הייסען אויך פיעל פון די חכמי התלמוד אין די אַמוראים.

אֶלֶף (בראשית כ, ט) טויזענד — **אֲלָפִים** (שמות יח, כא) טויזענדע — **אַלְפַּיִם** (ש״א יג, ב) צוויי טויזענד — **אֶלֶף אֲלָפִים** (אבות, פו) מיליאָן — **אֶלֶף אַלְפֵי**

[1] נשתבש כמה שרש״י מתרגם „בימה״ (סוטה, מא:) „אל מ״ברא״ בל״ז יצא השם „אלמימר״ ובתרגומי הכנסתיו תחת כנפי העברית.

[2] את הכתוב הנאמר בפלגשי דוד: „ויתנם בבית משמרת ויכלכלם וכו׳ ותהיינה אלמנות חיות״ (ש״ב, כ, ג) יש מתרגמים בל״ז: „פערזאָרגטע מיט חיות״ (לעבענס=מיטעל).

[3] הוא דמשק אליעזר — שדולה ומשקה מתורת רבו לאחרים (יומא כח:).

אֲלָפִים מִילִיאַרד (בִּילִיאָן).

אָלֶף — נאַמען דער ערשטע בוּכשטאַב אִין א״ב (ב״ר פ״א, א, תנחומא שם).

אָלֶף־בֵּית (שבת, קה) די רייהע (צייל) בוּכשטאַבען מִיט וועלכע עס ווערט צוזאַמען גע־שטעלט אַלע ווערטער פוּן דער שפּראַכע[1].

אֶלְקָנָה (שמות ו, כד) גאָטעס אייגענטהוּם[2]. נאַמען איינער פוּן די יורדי מצרים, אויך שמואל הנביא'ס פאָטער (שמואל־א א, א).

אֱלִישֶׁבַע (שמות ו, כג) מיין גאָט האָט געשוואָרען נאַמען די פרוי פוּן אַהרן הכהן, ערינערענדיג גאָטעס שבועה וועגען זייער פריי ווערען פוּן מצרים אוּן בעזעצען זיי אִין אֶרץ ישׂראֵל (בראשית נ, כד שמואל ג, ה).

אִם (בראשית כ, מו) אוֹיב, ווען. **אִם לַאו** ווען ניט. **אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם** (תהלים מ, יד) ווען גאָט וועט איינוויליגען. **אִם כֵּן** (בראשית כה, כב) ווען אַזוֹי!

אֵם (בראשית ג, כ) מוּטער. **אִמּוֹת** (איכה ה, ג). **אִמָּהוֹת** (זעה „אמהות") **אֵם הַדֶּרֶךְ** (יחזקאל כא, כו) שיידע וועג.

אֵימָה (בראשית טו, יב) שרעקען. **אֵימָה וָפַחַד** (שמות טו, טז) שרעקען אוּן אַנגסט. **אֵימַת מָוֶת** (תהלים נה, ה) טוֹידט־שרעקען. **אֵימַת צִבּוּר** (סוטה, מ:) — **אֵימְתָא דְצִבּוּרָא** דער שרעקען פאַר'ן פּוּבּליקוּם. אֵימה'דיג, שרעקליך (אוּמעדיג בל״ז).

אֻמָּה (ע״ז, ב) פאָלק, נאַציאָן — **אוּמּוֹת** (במדבר כה, טו). **אֻמּוֹת הָעוֹלָם** (ברכות ח, לב) וועלט נאַציאָנען — **אֻמָּה הַיִּשְׂרְאֵלִית** די יוּדישע נאַציע. **אֻמָּה וְלָשׁוֹן** (ביצה, כה) אַ נאַציאָן פוּן אַ בע־זאָנדערע שפּראַך.

---

1) טעמים לשמות אותיות ותמונתן של הא״ב עי׳ מנחות כט: ובמדרש א״ב דר׳ עקיבא.

2) כל מה שברא הקב״ה נקרא קנינו במ״ש הרימותי ידי לה׳ קונה שמים וארץ (בראשית) ובאבות שלשה קנינים קנה הקב״ה בעולמו.

3) ע׳ רש״י ב״ב ח:

די מוראַנעֶן וועלכע די היש⸗פּאַניער האָבען געצוואונגען צום צום קאַטאָליציזם, מיט דעם ברענען זיי לעבעדיגע אויף דעם אוטאַ⸗דע⸗פע.

אֱנוֹשׁ (תהלים ח, ה) מענש[1]) — **אֲנָשִׁים** (בראשית יב, כ) מענער—**אַנְשֵׁי חַיִל** (בראשית מז, ו) העלדישע מענער. **אַנְשֵׁי חֶסֶד** (ישעיה נז, א) וואָהלטהעטיגע מענער. **אַנְשֵׁי כְּנֶסֶת הַגְּדוֹלָה** (פסחים, ג.) מענער פון די גרויסע פערזאַמלונג (וועה—„כנסת הגדולה"). **אַנְשֵׁי צוּרָה** (מו"ק טו) אָנגעזעהענע מענער. **אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵנוּ** (ירמיה כ, י) אונזערע פערטרויטע פריינדע. **אֲנָשִׁים אַחִים אֲנַחְנוּ** (בראשית יג, ח) מיר זיינען ברידערליכע מענשען.

אַסְוָתָא — צו רפואָה.

אַסְמַכְתָּא (יומא, עד.) אָנלעהנונג, זיך פערלאָזען, סומך זיין אויף אַ קאָמפּאָטענטנעם.

אַסְנָה (עזרא ב, נ)—**אָסְנַת** (בראשית מ, י) אונגליקליך געבאָרען. נאַמען יוסף'ס פרוי[2]).

אֲסֵפָה (ישעיה כב, כב)—**אֲסֵיפָה** (סנהד', יב) אַ פערזאַמלונג—**אֲסֵיפוֹת** (קהלת יב, יא).

אִסָּר (במדבר ל, ג) פערבינדונג, פערבאָט. קומט אַלס מענליכער נאָמען אין תלמוד (ב"ב קמט. ע"ו, ע).

אִיסוּר—**אָסוּר** (ברכות כה) ענטהאַלטונג — **אִסוּרִים**. **אָסוּר בַּהֲנָאָה** (פסחים כב) פערבאָטען צום געניסען. **אִסוּר גָמוּר** פעסטגעשטעלטע ענטהאַלטונג. **אָסוּר חֲזִיר** פערבאָטען ווי אַ יודען שווייַנען⸗פלייש צו עסען. **אָסוּר לְדַבֵּר** מען טאָר ניט ריידען (מפסיק זיין). **אִסוּר דְּאוֹרַיְתָא** (שבת, פג) פערבאָט פון דער תורה—**אִסוּר דְּרַבָּנָן** (שם) פערבאָט דורך די חכמי התלמוד. **אִסוּר עוֹלָם** (פסחים, מד:) אויף עוויג פערבאָטען. **אָסוּר לְרַחֵם**

---

[1]) אחד מארבעה שמות שהאדם נקרא בהם: אדם, איש, אנוש גבר.

[2]) מל' „אסון" כאמור בהולדת בנימין: „ותקרא שמו בן אוני" (בראשית לה, יח) וועבץ — „כי ילידתיהו בעצב" (דברי הימים א, ד ט) ואסנה ואסנת כמו עטרה, עטרת.

אֲלָפִים מיליארד (ביליאָן).

אַלֶף — נאָמען דער ערשטע בוכשטאַב אין א"ב (ב"ר פ"א, א, תנחומא שם).

אַלֶף־בֵּית (שבת, קה) די ריִיהע (צייל) בוכשטאַבען מיט וועלכע עס ווערט צוזאַמען געשטעלט אַלע ווערטער פון דער שפראַכע[1].

אֶלְקָנָה (שמות ו, כד) גאָטעס איִיגענטהום[2]. נאָמען איינער פון די יורדי מצרים, אויך שמואל הנביא'ס פאָטער (שמואל־א א, א).

אֱלִישֶׁבַע (שמות ו, כג) מיין גאָט האָט געשוואָרען נאָמען די פרוי פון אהרן הכהן, ערזאינערענדיג גאָטעס שבועה וועגען זייער פריי ווערען פון מצרים און בעזעצען זיי אין ארץ ישראל (בראשית נ, כד שמואל ג, ח).

אִם (בראשית ב, טו) אויב, ווען. **אִם לָאו** ווען ניט. **אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם** (תהלים מ, יד) ווען גאָט וועט איינוויליגען. **אִם כֵּן** (בראשית כה, כב) ווען אַזוי!

אֵם (בראשית ג, כ) מוטער. **אִמּוֹת** (איכה ה, ג). **אִמָּהוֹת** (זעה „אמהות") **אֵם הַדֶּרֶךְ** (יחזקאל כא, כו) שיידע וועג.

אֵימָה (בראשית טו, יב) שרעקען. **אֵימָה וָפַחַד** (שמות טו, טז) שרעקען און אנגסט. **אֵימַת מָוֶת** (תהלים נה, ה) טוידט־שרעקען. **אֵימַת צִבּוּר** — **אֵימְתָא דְצִבּוּרָא** (סוטה, מ:) דער שרעקען פאַר'ן פובליקום. אֵימה'דיג, שרעקליך (אומעדיג בל"ז).

אֻמָּה (ע"ז, ב) פאָלק, נאַציאָן — **אוּמּוֹת** (במדבר כה, טו). **אֻמּוֹת הָעוֹלָם** (ברכות ח, לב) וועלט נאַציאָנען — **אֻמָּה הַיִּשְׂרְאֵלִית** די יודישע נאַציע. **אֻמָּה וְלָשׁוֹן** (ביצה, כה) אַ נאַציאָן פון אַ בעזאָנדערע שפּראַך.

---

[1]) טעמים לשמות אותיות ותמונתן של הא"ב עי' מנחות כט: ובמדרש א"ב דר' עקיבא.

[2]) כל מה שברא הקב"ה נקרא קנינו כמ"ש הרימותי ידי לה' קונה שמים וארץ (בראשית) ובאבות שלשה קנינים קנה הקב"ה בעולמו.

[3]) עי' רש"י ב"ב ח:

די מוראַנען וועלכע די היש־פּאַניער האָבען געצוואונגען צום קאַטאָליציזם, מיט דעם ברענען זיי לעבעדיגע אויף דעם אוטאַ־דע־פע.

אֱנוֹשׁ (תהלים ח, ה) מענש[1]) — **אֲנָשִׁים** (בראשית יב, כ) מענער—**אַנְשֵׁי חַיִל** (בראשית מז, ו) העלדישע מענער. **אַנְשֵׁי חֶסֶד** (ישעיה נז, א) וואָהלטהעטיגע מע־נער. **אַנְשֵׁי כְּנֶסֶת הַגְּדוֹלָה** (פסחים, נ.) מענער פון די גרויסע פערזאַמלונג (זעה—„כנסת הגדולה"). **אַנְשֵׁי צוּרָה** (מו"ק טז) אָנגעזע־העני מענער. **אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵנוּ** (ירמיה כ, י) אונזערע פערטרויטע פריינדע. **אֲנָשִׁים אַחִים אֲנַחְנוּ** (בראשית יג, ח) מיר זיינען ברידער־ליכע מענשען.

אַסְוָתָא — צו רפואָה.

אַסְמַכְתָּא (יומא, עד.) אָנלעהנונג, זיך פערלאָזען, סומך זיין אויף אַ קאָמפּאָטענטנעם.

אַסְנָה (עזרא ב, נ)—**אָסְנַת** (בראשית מ, י) אונגליקליך געבאָ־רען. נאַמען יוסף'ס פרוי[2]).

אֲסֵפָה (ישעיה כב, כב)—**אֲסֵיפָה** (סנהד', יב) אַ פערזאַמלונג— **אֲסֵיפוֹת** (קהלת יב, יא).

אִסָּר (במדבר ל, ג) פערבינדונג, פערבאָט. קומט אַלס מענליכער נאָמען אין תלמוד (ב"ב קמט. ע"ו, ע).

אִיסוּר—**אָסוּר** (ברכות כה) ענט־האַלטונג — **אִסוּרִים**. **אָסוּר בַּהֲנָאָה** (פסחים כב) פערבאָטען צום געניסען. **אִסוּר גָמוּר** פעסטגעשטעלטע ענטהאַלטונג. **אָסוּר חֲזִיר** פערבאָטען ווי אַ יודען שווינען־פלייש צו עסען. **אָסוּר לְדַבֵּר** מען טאָר ניט ריידען (מפסיק זיין). **אִסוּר דְּאוֹרַיְתָא** (שבת, פג) פערבאָט פון דער תורה—**אִסוּר דְּרַבָּנָן** (שם) פערבאָט דורך די חכמי התלמוד. **אִסוּר עוֹלָם** (פסחים, מד:) אויף עוויג פערבאָטען. **אָסוּר לְרַחֵם**

---

[1]) אחד מארבעה שמות שהאדם נקרא בהם: אדם, איש, אנוש גבר.

[2]) מל' „אסון" כאמור בהולדת בנימין: „ותקרא שמו בן אוני" (בראשית לה, יח) ויעבץ — „כי ילדתיהו בעצב" (דברי הימים א, ד ט) ואסנה ואסנת כמו עטרה, עטרת.

עֶס אִיז פֶערבָּאטֶען צוּ בֶּעמִיט־לַײדֶען. בֶּעצַײכֶענֶען אַ קווֶעלֶע אִין דֶער לִיטֶערַאטוּר פוּן יוּדִישֶׁע ספרים אוֹיף דֶעם אוֹיסדרִיק אִיז שׁווֶער, ווַײל זַײא הַײסֶען אִיבֶּע־רַאל זִיךְ מרחם זַײן אפִילוּ אוֹיף נָאר אַ בעל חי (ועֶה—„חברה צער בעלי חיים"). דָאס אִיז נָאר גֶעזָאגט אוֹיף אַזֶעלכֶען ווָאס זַײנֶע נַארִישׁקַײט בְּרַײנגט אִיהם צוּ לַײדֶען (ברכות לג,), ד"ה: דֶערצוּ קֶען שׁוֹין קַײנֶער נִיט הֶעלפֶען. „אַסר'ן", „גֶע'אַסר'ט" פֶערבָּאטֶען.

אַבִּיר (ישעיה מ"ב, ז) אַרֶעסטִיר־טֶער— **אֲבִירִים** (תהלים סח, ז) **אֲסוּרִים** (שם קמו, ז). **אִסְרוּ־חַג** (שם קיח, כז) פֶער בִּינדֶעט דֶעם יום טוב אוֹיף נָאךְ אַ טָאג יוֹמָא דפגרי — ווִי דִי בֶּעדַײטוּנג פוּן שמיני עצרת.

אֶסְתֵּר (אסתר ב, ז) דֶער לוֹיב־טִיגֶער שׁטֶערֶען, אִין פֶערסִישֶׁען לשון (מגילה יג: תרגום שני) מִיט דֶעם נָאמֶען הָאט גֶעהַײסֶען אֶסתֵּר המלכה, צוּלִיעבּ אִיהר שׁוֹינהַײט. אוּן דוּרךְ אִיר לִיעבֶּע אוּן טרַײהַײט צוּ אִיר פָאלק אִיז גֶעשֶׁעהֶן דֶער נס פוּן פּוּרִים.

אַפּוֹטְרָפּוֹס (שבת, קכא) אַ אָפֶּע־קוּן — **אֶפּוֹטְרוֹפְּסִים** בֶּעשׁטִימטֶע צוּ פִיהרֶען דִי הכנסה והוצאָה (רַאסחָאד, פּרִיחָאד) אִין פרֶעמדֶע גִיטֶער (ברכות סג: לפי' רש"י), אִיבֶּער הוֹיבּט אוֹיף ירוּשה פוּן קלַײנֶע יתומִים.

אַפְכָא מִסְתַּבְּרָא (ב"ב, קעה,) פֶערשׁטֶענדלִיךְ אִיז פֶערקֶעהרט.

אֲפִילוּ (ברכות, כא:) אוֹיךְ ווֶען, זָאגַאר.

אוֹפָן (משלי כה, יא) אַרט— **אוֹפַנִּים**. „אוֹיף אַ אוֹפן" דָאס הַײסט — בתנאי.

אֶפֶס כָּסֶף (בראשית מז, טו) אוֹיס־גֶעגַאנגֶען דִי גֶעלד.

אֹפֶק (יחזקאל לא, יב) הָארִיזָאנט, דֶער גַאנצֶער הִימֶעל אוּם־קרַײזוּנג בִּיז דִי עֶרד, אַרוּם אוּן אַרוּם, פִיל דִיא אוֹיג פַארנֶעמט.

אַפִּיקוֹמָן (פסחים, קיט:) דֶער לֶעצטֶער פֶערבַּײסוּנג צוּם פסח־סדר.

אֶפִּיקוֹרוֹס (סנהדרין, לח,) נָאמֶען פוּן אַיין גרִיכִישֶׁען אוֹיפגֶעקלֶערטֶען, אִין אַלֶכּסנדר מוּקדוֹנ'ס צַײט (ג"א תמט); הָאט

ניט געגלויבט אין השגחה און עולם הבא — **אפיקורסים.**

אפיקורסות (ע"ז יז, סנהדרין צט:) הייסט האלטען די אידעע פון דיעזען אפיקורוס [1].

אפרים (בראשית מא, נב.) דער פרוכטבארע. יוסף'ס זוהן וואס איז איהם געבארען זייענדיג אין מצרים. אויף זיין נאמען האט זיך גערופען זיין נאכקאממען דער „שבט אפרים" וואס ארויס געהענדיג פון מצרים האט ער זיך געציילט 40,500 מאנסלייט פון צוואנציג יאהר און עלטער (במדבר א, לג [2]). פון שבט אפרים שטאממט „יהושע בן נון" (וועה ארמיקעל — „יהושע").

אפריקא (תמיד, לב) איינע פון דיא דריי עלטעסטע טהיילען וועלט: אזיע און יעווראפע. זי איז אין די הייסטע אקלימען וואס דעריבער זיינען די דארטען געבארענע שווארצע מענשין.

אפשר (שבת, קמ:) מעגליך, פולייכט — **אפשרות** [3].

אפותיקא (ב"ק יא:) אנגעווייזען פאר א גאראנטיע (זאקלאד) [4]. „א גאנצע אפותיקא" — א היפש-גרויסע סומע.

---

[1] חז"ל משתמשים שם זה למבזה ת"ח (סנהדרין, צט:) ויהושע בן לוי עוד הקטין פעולתו ואמר: זה המבזה חברו בפני ת"ח (שם) ורמב"ם (בפי' המשניות שם) כתב: אפיקורוס, ארמית, עניינה שמפקיר ומבזה את התורה או לומדיה, ולפיכך קורין בשם זה כל מי שאינו מאמין ביסודי התורה (יעי' ערוך השלם, ערך „אפיקורוס").

[2] במדרשי אגדה, מוסר סמנים מובהקים, ע"פ אותיות משמותם, לזכור מספר מפקד אלפי בני ישראל לשבטיהם.

[3] אפשר, מלה תלמודית, ובמושג זה בגטין „אפשר דהוה הצלה פורתא" (גטין נו:) ובשלילה תבא בצרוף מלת אי—אי אפשר (חגיגה ב.) ויש שבאה לתמוה „אפשר אש בנעורת ואינה מהבהבה?" (סנהדרין, לז). ובמלת אפשרות השתמשו סופרי ימי הבינים.

[4] מבוארה בנוטריקון „אפה תהא קאי", כלומר: מזה יהא לך פרעון ממנו תגבה חובתך. ובגמרא לא נמצא הר"ת כ"א ברש"י ב"ק יא: ב"ב מד: וכן בערוך. מוצאו ממלת פתק (ע"ז לט) פה מקום מונח כל מיני בשמים למרפא (אפאטהעק).

אין להתעשר— איבערהיילט רייך צו ווערען.

אוצר (משלי כא, כ) שאטץ, באנק, קאססע—**אוצרות** (שם).

אוצרות קרח (פסחים, קיט) (וועה —„קרח") **אוצר המלך** (דהי"א כו, כה) קעניגליכער באנק. **אוצר ספרים** ביבליאטהעק. **אוצר תבואה** מאגאזין מיט געטריידע. „געפונען א אוצר" א בעהאלטענעם שאטץ.

אורי (שמות לא, ב) מיין ליכט. דער פאטער פון גרויסען קינסטלער ביי דעם משכן געבוי (וועה—„בצלאל").

אוריאל (דהי"א, ו, ט) מיין ליכט איזט גאטט. מענליכער נאמען אין תנ"ך.

אוריתא (שבת, פח) די בעלייכ־טערין, אזוי הייסט די לעהרע פון דער תורה[1].

ארי שבחבורה (ב"ב פ"א) דער לייב אין געזעלשאפט.

אריה (מ"ב טו, כה) לייב, לעווע, מענליכער אייגעננאמען „אריה=לייב".

אוריה (ש"ב יג, יא) מיין ליכט איז גאט, איינער פון דוד המלך'ס גבורים (שם כד, לט).

ארבעה (בראשית יד, ט) **ארבע** (שם יא, טו) פיער —

ארבעים (שם ה, יג) פיערציג. **ארבע אמהות** (ברכות טו.) די פיער מוטערס — פון יודישען נאציאן: „שרה, רבקה, רחל ולאה" (שבת, קיז). **ארבע אמות** (ברכות ח.) די פיער איילען פלאטץ וואס יעדער מענש פארנעהמט וואו ער שטעהט, וואס רעכענט זיך אין פיל זאכען פאר זיין רשות. **ארבעה בנים** (הגדה לפסח) פיער זיהן. **ארבע כנפות** (דבר' כב, יב) א קלייד מיט פיר ברעגען, (וואס איז חיב אין ציצית). **ארבע כוסות** (פסחים צט.) די פיער בעכערס וויין וואס יעדער יוד מוז האבען פסח צום

[1] עשה"כ „כי נר מצוה ותורה אור (משלי ו, כג) ומזה גם בשפת רוסיה הכנוי ללמוד והשכלה Просвѣщеніе ובור דאורייתא מלי שדה בור—ריק ושמם, לא יעלה כל צמח.

סדר. **אַרְבָּעָה מִינִים** (תענית ב:) פיער זאָרטען געוויכסע וואָס מען ברויכט סוכות מיט דעם לולב, דאָס איז: אֶתרוג, הדס ערבה. **אַרְבַּע מִיתוֹת בֵּית דִין** (סנהדרין, קו) די פיער טוידט שטראַפען דורך דעם געריכט. **אַרְבַּע עַל אַרְבַּע** (סוכה, יז.) פיער איילען אויף פיער. **אַרְבַּע פִּנּוֹת עוֹלָם** די פיער קאַנטען פון דער וועלט: „מזרח, מערב, צפון, דרום“.

אוֹרֵחַ (שופטים יט, יז) גאַסט, אַנגעקומענער פון אַרייזע.

אוֹרְחִים (ירמיה ט, א). **אוֹרֵחַ הָגוּן**—אַנשטענדיגער גאַסט. **אוֹרֵחַ טוֹב** (ברכות, נח:) גוטער גאַסט.

אָרוֹךְ (דברים ל, כ) לאַנג. **אָרוֹךְ בְּדוֹרוֹ** (נדה, כד) העכסט געוואַקסענער אין זיין צייט-עלטער. **אֲרִיכוּת יָמִים** (קידושין לט) פערלייענגערונג אין לעבען, לאַנגע יאָהרען.

אָרוֹן (שמות כה, טו) שראַנק, אַלמער, קאַסטען, לאַדע—**אֲרוֹנוֹת** (יומא עב) **אֲרוֹן הַקֹּדֶשׁ** (דה"י-ב לה, ג) לאַדע דער הייליגקייט.

אֲרוֹן שֶׁל מֵת (יבמות עד) סאַרג. דיא מטה וואָס מען פיהרט אַרוים אַ געשטאָרבענעם. **אֲרוֹנוֹ שֶׁל יוֹסֵף** (סוכה, כה) יוסף'ס סאַרג, וואָס יודען האָבען מיט גענומען אַרוים געהענדיג פון מצרים, אין מעהר ווי דריי הונדערט יאָהר אַרום (שמות יג, ט) ווי ער האָט געלאָזט אין זיין צוואָה (בראשית נ, כה). דאָס בעווייזט ווי אַ יודישער מענש קאָן זיין טריי איבערגעבען די לאַנד וואו ער וואָהנט פערבלייבענדיג בייא זיין פאַטריאָטיזם צו זיין פאָלק און היימאַט (אין מסכת סוטה דף י"ד איז בעשריבען דער גאַנצער צוגאַנג מיט דיזען אָרון).

אֶרֶץ (בראשית א, י) ערד, לאַנד—**אֲרָצוֹת** (ירמיה כח, ח).

אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל (מ"ב ה, ב) יודישעם לאַנד, זיא הייסט אויך **אֶרֶץ הַקְּדוֹשָׁה** הייליגע לאַנד—ווייל דאָרט איז פאָרגעקומען געטליכע אָפּפענהייט פאַר די נביאים הקדושים. אין מאַטריע-לישען שטאַנד הייסט זיא **אֶרֶץ זָבַת חָלָב וּדְבָשׁ** (שמות ג, ח) אַ לאַנד וואָס פליסט מילך און האָניג; אין אַלגעמיין הייסט זיא:

אֶרֶץ חֶמְדָּה (ירמיה ג, יט) אַ לִיעבּ־לִיכעֶם לאַנד. וואָס אויך יעֶצט, ווען זיא איז וויסט, בעזוכען איהר קעֶניגעֶ און געלעהרטעֶ פון פיל לעֶנדער. **אַרְצָה** (בראשית לז, י) צו דער ערד. אויף אַנ׳אַרטיקעֶל וואָס איז געפאַלען איר פרייז אָדער אַ רייכער מאַן וואָס האָט געהאַלטען צו פיעל פעֶררִיסען דעֶם קאָפּף און איז געוואָרען אַ געדריקטער—איז געזאָגט: „ער ליגט אָרצה״.

אֲרוּרָה (בראשית ג, יז) פעֶרפלוכ־טעֶ. דער מיט בעֶנעֶנט מען אַ פרוי אַ שילטערען, אַ קללה׳ניצעֶ.

אִישׁ (בראשית ב, כג) מענש, מאַנן—**אִישִׁים** (משלי ח, ד) מעֶננער. **אִשָּׁה** (בראשית ב, כג) פרויען־צימער—**נָשִׁים** (משלי יד, א) פרויען. **אִישׁ אֱמֶת** (זמירות „איש חסיד״) ריכטיגער מאַנן. **אֵשֶׁת אִישׁ** (ויקרא כ, י) פעֶרהיי־ראַטעֶ פרוי. **אֵשֶׁת חָבֵר** (שבועות, ל) אַ פרוי פון אַ מיטגליד אין פעראיין היטער אָפּ געבען תרומה דעֶם כהן. **אִישׁ חַיִל** (מ״א א, מב) **אֵשֶׁת חַיִל** (משלי, לא) אַ העלדישעֶ פרוי. **אִשָּׁה חֲשׁוּבָה** (ע״ז, נח) געאַכטעטעֶ פרוי. **אִשָּׁה טוֹבָה** (יבמות, סג:) וויילעֶ פרוי. **אִשָּׁה רָעָה** (עירובין, מא) בעֶזעֶ פרוי [1]. **אֵשֶׁת נְעוּרִים** (סנהדרין כב, יבמות סג:) אַ פרוי מיט וועלכעֶ מען לעבט פון יוגענד אָן, ד״ה: די ערשטעֶ פּאָאָר, ווערט געאַכט און זייער געשעצט דאָרט אין תלמוד, דאָס אַלץ קאָן מען אויסבייטען אויף בעסערס אָבער ניט די יוגענד פרוי וואָס איז טריי איבערגעבען און אַכטעט איהם, אויך אין תנך איז עם דער־מאָנט מיט גרוים אַכטונג (מלאכי ב׳ טו, ישעיה נד, ו. משלי ה, יח).

אֵשׁ (בראשית טו, יז) פייער. **אֵשׁ לֶהָבָה** (ישעיה ד, ה) אַ פלאַם פייער. ד״ה: אַ פייערדיגער בריה אָדער גאַנץ בייז ווי אַ גלוטה.

---

[1]) שם תמצא דעת הויש אומרים: מי שיש לו אשה רעה אינו רואה פני הגהינום, מר בריה דרבינא קבע בתפלת „אלהי־נצור״ להנצל מכל פגע רע ובכללם גם מאשה רעה (ברכות יז:).

אַשְׁכְּנַזִי (בראׁ י,ג) דײַטש **אַשְׁכְּנַזִים**

אַשְׁמְדַאי (גטין, סח) קעניג פון טײַפעל'ן [1].

אָשַׁמְנוּ (ודוי לעשי"ת) װיר האָבען אונז פערשולדעט.

אַשְׁמוּרָה (תהלים צ, ד) נאַכטװאַכע, אַ 1/3 אָדער 1/4 טײל פון דער נאַכט — **אַשְׁמוּרוֹת** (שם קיט, קמח) [2].

אַשְׁפָּה (חגיגה טו. ב"ר פ"א, ה) מיסט. **אַשְׁפּוֹת** (תהלים קיג, ז). „היילע אַשפה"—װערט געזאָגט אויף שלעכטע סחורה (װאַרע, צײַג).

אָשֵׁר (בראשית ל, יג) גליקליכער. יעקב'ס זון, געבאָהרען פון זלפה. זײַן שבט איז בעשטאַנען

הערוים געהענדיג פון מצרים— 41,400 פערזאָן פון אײן און צװאַנציג יאָהר אָן און װײַטער.

אַשְׁרֵי (תהלים א, א) גליקליך, װאָהל! **אַשְׁרֵי יוֹשְׁבֵי בֵיתֶךָ** (תהלים פד, ה). דער פסוק אין װעלטליכען זינן איז געזאָגט דאָס די בעסטע זאַך איז אין שטוב צװיטשען [3]. **אַשְׁרֵי תְמִימֵי דָרֶךְ** (תהלים קיט, א) גליקליך זײַנען װאָס געהען אין פראָמען װעג. דאָס איז דער קאַפּיטיל אין תהלים פון 8 אַלף־ביתין אין 176 פסוקים [4].

אַשְׁרֶיךָ וְטוֹב לָךְ (תהלים קכח,ב) װאָהל און גוט איז דיר. „קלאָהר װי אַ איד אין אַשרי" [5].

---

[1] כן מתרגם ומנקד הערוך השלם בערכו. ובמדרשים ובגמרא גטין הנ"ל ובתרגום קהלת א, יג: לכולם שפה אחת לכנהו „מלך השדים". ספורים באריכות אדותיו נמצאו במדרש תהלים (מזמור עח). ובגמרא גטין הנ"ל מביא שהאשמדאי גלה את הסוד של „פ א כ מ ע ל" הידוע ומקובל בין המון עם הרוסים להוסיף עוד לשתות ממחרת יום השכרות. והערוך הערה שבל הספורים אדותיו המה ממקור אגדות הבבלים ע"כ לא נמצא שמו וזכרו באגדות ירושלמי.

[2] הערוך הערה במאי קא מפלגי חז"ל בענין חלוקת הלילה לאשמורות? כי היונים חולקים הלילה לג' אשמורות והרומיים לד' ובזה נחלקו גם חכמינו וכל אחד מביא הוכחה לדעתו מקרא (ברכות ב: ע"ש).

[3] כעין האמור בגמרא: „משבח אני את העצלנין שאין יוצאים מבתיהם ברגל" (סוכה, כז:).

[4] נזכר בגמרא ברכות בשם „תמניא אפי" (ברכות, ד:).

[5] װײל מען זאגט אידם דריי מאל טעגליך (ברכות, ד:).

אֶשְׁתָּקַד (פסחים, ג:) פאַראָיאָהרי־גען יאָהר.

אַ״תְ־בַּ״שְׁ (שבת, קד)—לעזענדיג דעם „א״ב״ צוזאמען געשטעלטע אותיות פון ביידע בייעגען פאָאר־ווייז ביז עס פאָרען זיך צוזאמען דער „כ״ מיטען „ל״. זיי קומען אין בעדייטונג איינער אנשטאָט דעם צווייטען פון זיין פאָאר [1].

אַתָּה בְחַרְתָּנוּ (נוסח הש״ע ליו״ט) דוּ (גאָטט) האָסט אונז אויסערוויילט [2].

אַתָּה בְחַרְתָּנוּ׳קֶעס יודישעס יחוס. דער בעווייז דאָס אונז האָט די גאָטטהייט צוגעקליבען, דען אנדערע האָבען זיך צוגע־קליבען גלויבענס זייענדיג שוין גאנצע נאציאָנען, און מיר אָבער האָבען שוין געפונען אין אונזער געשיכטע דאָס די השגחה האָט אונז געפלאנצט און געהאָדעוועט אונז פאר זיך א נאציאָן [3]

אוֹת (שבת, עה:) בוכשטאב — **אוֹתִיּוֹת** (שם, פט:) אויך שריפט פון מעטאלל צו דרוקעריי. **אוֹת בְּאוֹת** — ריכטיג נאָך געזאָגט.

אוֹתִיּוֹת מְחֻכָּמוֹת (ירושלמי ברכות פ״ה הל׳ א) שווארץ אויף ווייס — ווייזט אויף געוויס. „געבליעבען אין אותיות״, ד״ה: אין דבורים, ניט געהאט וואס צו ענטפערען, אדער פשוט אין א דרוק ווען א זעטצער בלייבט אין אותיות ד״ה אין שריפט, ווען ער פערטהוט עס אין גאנצען.

אוֹת (בראשית ד, טו) צייכען, עראי־נערונגס־צייכען, וואונדער צייכען,

אוֹתוֹת (ירמיה לב, כ) צייכענס —

אוֹתוֹת וּמוֹפְתִים (שם, שם)

---

[1]) לדוגמא: בירמיה כה, כו; שם נא, א: „ומלך „ששך״ הוא ישתה אחריהם״ —ששך הוא בבל באותיות המתחלפות בא״ת בש, וכן (שם נא, א) אל יושבי „לב קמי״ — לב קמי ג״כ—כשדים בא״ת ב״ש (רש״י שם). „ירט״ (במדבר כב, לב) „מגן״ בא״ת ב״ש (תנחומא בלק סי׳ י׳).

[2]) מלשה״כ בתורה ובנביאים: דברים ז, ו. יד, ב. מ״א ג, ה. תהלים לג, יב. מז, ה. קל״ה, ד; ישעיה יד, א; מא, ח, יחזקאל כ, ה ועוד.

[3]) כדברי ישעיהו הנביא הנשגבים: „כי כרם ה׳ צבאות—בית ישראל ואיש יהודה נטע שעשועיו (ישעיה ה, ז). ובירמיה (ב. כא): „ואנכי נטעתיך שורק״.

וואונדער-צייכענס. **אות בְּרִית** (בראשית ט, יב) בונדעס צייכען.

אוֹתוֹ הָאִישׁ (סנהדרין סו.) דער יעניגער מענש. **אוֹתוֹ וְאֶת בְּנוֹ** (ויקרא כב, כח) עם זעלבסט מיט זיין זאהן.

אִתִּי (ש״ב טו, יט) מיט מיר. — גאָטט איז מיט מיר.

אִתִּיאֵל (משלי לא, ל) מיט מיר איז גאָטט! דינט אַלס מענליכער נאָמען; די ווייבליכע נעמען „איטע, איטעל, עטעל" קען שטאַמען פון דיזע נעמען.

אִיתָמָר (שמות ו, כג) פּאַלמען-אינזעל. מיט דיזען נאָמען האָט געהייסען אַהרון הכהנ׳ס יונגסטער זאָהן.

אֶתְרוֹג (ר״ה, יד:) פּאַראַדיעז-אֶפּפעל — **אֶתְרוֹגִין** (סוכה מו:), אַפרוכט וואָס האַלט זיך אויף דעם בוים דעם גאַנץ יאָהר, איז ערקלערט געוואָהרען דאָס איהם איז געמיינט צו די פיער מינים [1]), וואָס עס הייסט אויף זיין נאָמען „אֶתרוג בענשין" [2]), די איבעריגע דרייא מינים זיינען: דער לולָב, די ערָבות און דער הָדָס. זיינע פאַכען זיינען: „כּשר׳ער אֶתרוג", „אֶתרוג מהודר"; דער היפוך איז: „פסול׳ער אֶתרוג". דער ריכטיגער זיננן פון דער מצוה איז די **אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אֶתְרוֹגִים** [3]). אֶתרוג איז גערעכענט מיט די איי און דעם רעטעך, דאָס ווען מען עסט זיי אָהן זייער שאָלאַכטש דאַן קען מען זיי אייביג ניט פערדייען (שבת, קח:).

---

[1]) במקרא כתוב: „ולקחתם לכם וגו׳ פרי עץ הדר" (ויקרא כג, מ) ודרשו חז״ל על האתרוג הדר באילנו משנה לשנה (סוכה, לא:).

[2]) הלולב נזכר בברכה „על נטילת לולב" (תענית ב) רק בל״ז מוסב הברכה על האתרוג.

[3]) מדכתיב „ולקחתם לכם" (ויקרא כג, מ) משמע משלכם ולא משל ארץ אחרת, כמו שדרשו את הכתוב: לא יראה לך חמץ וגו׳ (שמות יג, ז) — שלך אי אתה רואה אבל אתה רואה של אחרים (פסחים, ה:).

ב.

ב — געשטאלט דער 2־טע בוכשטאב אין אלף־בית. בעצייכענט אויך דעם צאהל 2, צב״ש: ב דראש השנה דער צווייטער טאג ראש השנה, דאס זעלבע איז: ב של פסח, ב של שבועות, ב של סכות, ב דחול המועד, ב דחנכה. פרק־ב — דער צווייטער קאפי־טעל. מלכים־ב, שמואל־ב, דברי הימים־ב — הייסען די צווייטע טיילען פון דיזע ספרים. ב־בראשית, ב־נח, ב־לך א. ז. וו. בעצייכענט מען דעם צווייטען טאג פון וואך, נאך די סדרה וואס ווערט אין איהר געלייענט דעם קומענדען שבת. חלק־ב — דער צווייטער טהייל. עמוד־ב — דער צווייטע זייט, אין בלאט פון א ספר.

דער ב אלס בעדינונגס בוכשטאב אין אנפאנגס ווארט — האט ער דיזע בעדייטונגען.

בְּ׳מַטֵּה (שמות ח, יג) — „מיט״.

בָּ׳אַרְבֶּה (שם י, יב) — „וועגען״.

בְּ׳בַיִת (שם, שם מו) — „אין״.

בְּ׳שַׁלַּח (שם יג, יז) — „אלס״.

בַּ׳חֶרֶב (במד׳ ד, ג) — „דורך״.

בְּ׳משֶׁה (שם יב, א) — „געגען״.

ברך בַּ׳כֹּל [בראשית כד, א] — אין אלעם.

מושל בַּ׳כֹּל (דהי״א כט, יב) — „איבער אלעם״.

בַּ׳אֲשֶׁר (רות א, טז) — „וואו״.

בַּ׳כֶּסֶף (דברים ב, ו) — „פאר״.

בַּ׳עֲוֹן (בראשית יט, טו) — „צוליעב״[1])

אנמערקונג: וואו דער ב וועט קומען אלס בעדינונגס בוכשטאב וועט ער זיין אבגעזונדערט מיט א קורצען שטריכעל פון ווארט, ד״ז איז מיט אלע בעדינונגס בוכשטאבען.

---

[1]) חז״ל הרגישו בדקדוקי שמוש האות „ב״ עוד תבונה: להורות על חלק ומקצת (כתבונת האות „מ״: ותקח מפריו, ויקח מאבני .המקום) ודרשו מהכתוב: „כי ביצחק יקרא לך זרע״ (בראשית כא, יב) ביצחק—ולא כל יצחק, שיצא ממנו עשו (נדרים, לא.).

דעֶר אוֹת ב דינט אויך אין
אַבקירצונג (רָאשֵׁי תֵּבוֹת), מיט נאָך
בּוּכשטאַבּען צוזאַמען, אַנשטאַט
גאַנצע ווערטער, נ. ב"ש:

ב"א איז אויספיהרליך צו לעזען:
בֶּן אָדָם, בְּנֵי אָדָם, ב' אֲלָפִים.

בא"י — בָּרוּךְ אַתָּה ה', בְּאֶרֶץ יִשְׂרָאֵל.

ב"ב — בִּמְהֵרָה בְיָמֵינוּ, בְּנֵי בֵיתוֹ.

בב"א — בִּמְהֵרָה בְיָמֵינוּ אָמֵן.

ב"ד — בֵּית דִין, בַּעַל דִין.

בד"א — בַּמֶּה דְּבָרִים אֲמוּרִים, בְּד' אַמּוֹת, בְּדֶרֶךְ אֶרֶץ.

בד"ח — בְּדִיקַת חָמֵץ.

ב"ה — בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם, בָּרוּךְ הַשֵּׁם.

בה"ב — בַּעַל הַבַּיִת. אויך איז
געמיינט: „מאָנטאָג
דאָנערשטאָג און נאָך אַ מאָנטאָג".

בה"כ — בֵּית הַכִּסֵּא.

בהמ"ד — בֵּית הַמִּדְרָשׁ.

בהמ"ז — בִּרְכַּת הַמָּזוֹן.

בהמ"ק — בֵּית הַמִּקְדָּשׁ.

בה"ש — בֵּין הַשְּׁמָשׁוֹת.

ב"ו — בָּשָׂר וָדָם.

ב"ז — בֶּן זוֹמָא.

בזה"ז — בִּזְמַן הַזֶּה.

בהל"ו — בָּרוּךְ ה' הַמְבוֹרָךְ לְעוֹלָם וָעֶד.

ב"ח — בָּשָׂר וְחָלָב.

בזה"ל — בְּזֶה הַלָּשׁוֹן.

ב"ק — בְּזָקֵף קָטֹן [1].

ב"ח — ב' חֲלָקִים, בְּדִיקַת חָמֵץ, בִּקּוּר חוֹלִים.

בחדר"ג — בְּחֵרֶם דְּרַבֵּינוּ גֵּרְשׁוֹם.

ב"כ — בִּרְכַּת כֹּהֲנִים.

בכ"ז — בְּכָל זֹאת, בְּכָל זֶה.

בכ"י — בִּכְתַב יָד.

בלע"ז — בְּלָשׁוֹן לוֹעֵז.

במו"מ — בְּמַשָּׂא וּמַתָּן.

במ"מ — בְּמָעוֹת מְזוּמָן, בּוֹרֵא מִינֵי מְזוֹנוֹת.

במוצש"ק — בְּמוֹצָאֵי שַׁבָּת קֹדֶשׁ.

ב"נ — בּוֹרֵא נְפָשׁוֹת, בָּרְכִי נַפְשִׁי.

בנ"א — בְּנֵי אָדָם, בְּנוּסַח אַחֵר.

בנ"ר — בּוֹרֵא נְפָשׁוֹת רַבּוֹת.

בספ"ק — בְּסוֹף פָּסוּק.

בע"ה — בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם (בעז"ה), בַּעַל הַבַּיִת, בַּעֲוֹנוֹתֵינוּ הָרַבִּים (בעוה"ר).

בע"ח — בַּעַל חוֹב, בַּעַל חַי, בַּעֲלֵי חוֹבוֹת, בַּעֲלֵי חַיִּים.

ב"פ — ב' פְּעָמִים.

---

*) דאָס בעצייכענט די מסורה „קמץ בו"ק" ווען עס קומט אַ זקף קטן ביי אַ קמץ וואָס דאָס איז נור ביי אתנחתא וסוף פסוק.

בפה״א — בּוֹרֵא פְּרִי הָאֲדָמָה.

בפה״ג — בּוֹרֵא פְּרִי הַגָּפֶן.

בפה״ע — בּוֹרֵא פְּרִי הָעֵץ.

בפ״ע — בִּפְנֵי עַצְמוֹ.

בקאנ״ס — בְּקִנְיָן אֲגַב סוּדָר (בְּקַבָּלַת קִנְיָן).

ב״ק — בָּבָא קַמָּא, בַּת קוֹל.

בק״ק — בִּקְצַת קְהִלּוֹת; בִּקְהִלָּה קַדִּישָׁא.

ב״ר — בְּרֵאשִׁית רַבָּה; בֶּן רַבִּי.

ב״ש — בָּרוּךְ שֶׁאָמַר, בָּרוּךְ שְׁמוֹ.

בש׳ — בִּשְׁנַת.

בש״ט — בְּשֵׁם טוֹב; בַּעַל שֵׁם טוֹב.

ב״ת — בַּל תְּאַחֵר, בַּל תַּשְׁקִצוּ.

בא — די דריטע סדרה אין צווייטען ספר פון חומש (שמות ו, א–יג, טז) און די פונפצענ־טע אין דער תורה. אין איהר קומט פאר די העכסט שטרייננגע רעוואלוציע (מַכַּת בְּכוֹרוֹת), געגען די עגיפטישע ביוראקראטישע הארט־נאקיגקייט, זי זאל געבען אידישע פאלק פרייהייט פאן איהרע שקלאפעריי, און האבען שוין בעקומען זעלבסטשטענדיג־קייט צו גיין פריי פאן לאנד מיט די אייגענע נאציאנאל צירימאניען[1].

בָּא בְּטַעֲנָה (כתובות, סד) קומט מיט א פריטענזיע.

בָּא כֹּחִי, מיין בעפאלמעכטיגער.

בָּאנוּ עַל הֶחָתוּם (נחמיה י, א) געקומען צום אונטערשרייבען.

בְּ׳אַחֲרָיוּת (ב״ק, טז:) מיט גאראנטיע.

בְּ׳אֲחֵרִים (מנחות, סא:) ביי אנדערע. „פרעג מיר באחרים״, ד״ה: פרעג אנדערע ניט ביי מיר.

בְּ׳אֶלֶף הַבְדָּלוֹת — מיט טויזענדע אבזאנדערונג.

בְּאֶלֶף מְחִילוֹת — מיט טויזענד פערצייאונג.

בְּ׳אִם — ווען אויב, **בְּאִם לַאו** (ע״ז, יט) ווען אויב ניט.

בֶּ׳אֱמוּנָה שֶׁלִּי — אויף מיין ריכטיגען צוטרויאונג[2].

---

[1] עה״כ: „הנה עם יצא ממצרים״ יפרש המד״ר שיצא כעם בנמוסיו, והכתוב אומר ג״כ: „ובני ישראל יצאו ביד רמה״ בשירה וזמרה ולא כמגורשים ולא כנסים ונמלטים.

[2] קאי לא על אמונה בדת כי אם על אמון רוח וישרת לבב במשא ומתן כדאיתא ששואלין את האדם בדין „נשאת ונתת באמונה״? (שבת, לא).

בְּ׳אֶמְצָעוּת—מיט פערמיטלונג

בֶּ׳אֱמֶת (שבת יא, סנהדרין צב) אין דער ריכטיגקייט.

בְּ׳אֵין בְּרֵירָה[סוט׳ יח] ווען עס איז בעסערס ניט אויסצו־קלייבען.

בְּ׳אֵין אוֹפֶן—אויף קיין ארט.

בְּ׳אִסּוּר (מנחות, מד) אין פער־באטענעם ארט.

בְּ׳אֶפְשָׁרוּת — אין דער מעג־ליכקייט.

בֵּאוּר (דברים א, ה) ערקלערונג.

בְּאֵר שַׁחַת (תהלים, נה כד) העלענגרוב (קֶבֶר).

בַּ׳אֲרִיכוּת—אין פערלייגערונג

בַּ׳אֲשֶׁר (יונה א, ז) ווייל אום וואס[1].

בְּ׳אוֹתוֹ מַעֲשֶׂה — אין די זעלבע אונטערנעהמונג.

בִּ׳בְחִינַת צַדִּיק — האלט די פראבע „צדיק".

בִּ׳בְחִינַת קַטְנוּת דְמוֹחִין אין די פראבע פון קליינעם בעגריף.

בְּ׳בֹשֶׁת פָּנִים (דה"י ב לב, כא) מיט א פערשעמטע געזיכט.

בֶּגֶד (בראשית כח, כ) קלייד — **בְּגָדִים** (ויקרא ו, ד). „בִּגְדֵי־לְהֶחָתָן", „בְּגָדִים־לְהַכַּלָּה", „בִּגְדֵי־יוֹם־טוֹב", „בִּגְדֵי־שַׁבָּת", „בְּגָדִים שֶׁל שַׁבָּת" (שבת, יג:) [2]. „בִּגְדֵי מַלְכוּת" (שבת, קנב:) קעניגליכע קליידער.

בּוֹגֵד (ישעיה כא, ב) טרייאלאזע, פעלשער — **בּוֹגְדִים** (ישעיה כד, טז).

בִּ׳גְזֵלָה — דורך רויבעריי.

בְּ׳גָלוּי (סנהדרין, מג) אפענבאר, **בְּגִלּוּי רֹאשׁ** (שבת קיח, קידושין, לא) מיט א ענטבלייז־טע קאפף — אהן א היטעל.

בְּ׳גִמַטְרִיָּא (ברכות, ח) באטרע־פענד, רעכענענדיג אותיות פאר ציפער.

בִּגְמַר הֲתִימָה טוֹבָה—מיט א גוטען בעשטימונג.

בִּ׳גְנֵבָה — דורך שטוילען.

בַּ׳גְרוּת, בַּגְרוּת (קדושין, ד) מאנ־בארע עלטער דאס יונג־פרוי, פריילין.

---

1) שטאמט פון ווארט „אשר" מיט דעם בעדינונגס־בוכשטאב „ב". קומט פערגרייזט—„בייסער" בל"ז.

2) בזוהר פרשה אחרי נותן סימון: „חמש" חליפות שמלות, (בראשית מה, כב) ר"ת: חודש מועד שבת — יחליף האדם שמלותיו.

בְּ'דִידִי הֲוָה עוֹבְדָא (ב"מ, ט. סנהדרין נד, צז:) מיט מיר זעלבסט האָט פּאַסירט.

בַּדְּחָן (תענית, כב) פראָהליך־מאַכער, פּאַיאַץ — **בַּדְּחָנוּת** [1].

בְּ'דְ'לֵיכָּא (ב"ק, כג) אין דעם ניט זיין [2].

בְּ'דַלּוּת, בְּדִילֵי דַלּוּת — אין אָרימקייט, „בדלות געשטעלט" — געבראַכט צום בעטעל ברויט.

בְּ'דֵעָה — בעזאָנען, האָט אין בעשלום.

בְּ'דְ'עָבַד (חולין, ב) ווען עס איז שוין אָבגעטאָהן.
„בדיעבד איז כשר" איז אָפּגע־טאָהן, מוז שוין זיין רעכט.

בְּ'דְפוּס — אין בוכדרוקעריי.

בְּדִיקָה (תענית, כד) אונטער־זוכונג — **בְּדִיקוֹת**.

בּוֹדֵק חָמֵץ (פסחים, ז) — **בְּדִיקַת חָמֵץ** (פסחים, פא). **בְּדִיקַת הָרֵיאָה** (חולין, מח) אונטערזוכט דעם לונג, „בַּדְקְ'נען" (בודק'ן), „גע'בַּדְק'עט" (געבודקט).

בָּדוּק וּמְנוּסֶּה — אונטערזוכט און פּראַקטעקירט. **בּוֹדֵק מְזוּזוֹת** (יומא, יא) אונטערזוכט די מזוזות—צו זיינען זיי כשר.

בֶּדֶק הַבַּיִת (מ"ב יב, ו) שפּאַלטען פון הויז—די קאַסע צום רעמאָנטירען דעם טעמפּעל.

בְּ'דֶרֶךְ (דברים כה, יז) אין וועג, אויף דעם אופן, דעם אַרט: **בְּדֶרֶךְ הַטֶּבַע** — אויף דעם נאַטירליכען אַרט; **בְּדֶרֶךְ הַלְוָאָה** — אויף אַ פּערליהענעם אַרט. **בְּדֶרֶךְ הַלָּצָה** — אויף וויטץ. **בְּדֶרֶךְ נֵס** — אַ אונ־נאַטורליכען אַרט (דער הֵפֶךְ פון בְּדֶרֶךְ הַטֶּבַע). **בְּדֶרֶךְ הַיָּשָׁר** אין גראַדען וועג. **בְּדֶרֶךְ כָּל הָאָרֶץ** (מ"א ב, ב) אים וועג פיר אַלעם (ד"ה: צום גראַבע).

בְּ'הַדְרָגָה — שטופענווייז.

בָּהוּל (שבת, קיז) איבעראַיילט, ענגסטליך.

---

[1] בדרז"ל: מלתא דבדיחותא ובדחו רבנן (שבת, ל. פסחים, קיז); בדחו טובא (ברכות, ל.).

[2] האות ד היא שמושית בלשון ארמית כהשי"ן בעברית: „דאכלה לגדיא" ת׳ שאכלה. ותשמש חד׳ יחד עם ב׳ השמוש, וכן בדיעבד.

בֶּהָלָה (ויקרא כו, טז) צער־שטרייזונג.

בְּהֵמָה (בראשית א, כד) פיעה — **בְּהֵמוֹת** (דברים לב, כד)

בְּהֵמָה גַסָּה (בכורות ח, ירושלמי פסחים, פ״ד) גרויס פיעה. **בְּהֵמָה דַקָּה** (דמאי פ״ב, מ״ג. פסחים, נ:) קליין פיעה. **בְּהֵמָה טְמֵאָה** (בכורות, ד) די וואס האט ניט די סמנים פון א כשרה: איז ניט מַעֲלֶה גֵרָה, און די קלויען זיינען ניט פאראנאנדער געטהיילט. **בְּהֵמָה טְרֵפָה** — א קריינקליכע פיעה — וואס צוליעב דעם איז זי פערבאטען געווארען צום עסען [1]. **בְּהֵמָה כְּשֵׁרָה** פיעה וועלכע איז געהעריג צום עסען, נאך איהרע סמנים וואס די תורה בעצייכענט (ויקרא, יא). אויך רופט מען אן: „כְּשֵׁרָה בְּהֵמָה״ אמענש א תם, וואס גייט מיט׳ן אמת. „א גרויסער בהמה״ הייסט סתם א חסר דעה, א אייזעל קאפף, א טפּוש; עס הייסט אויך „בְּהֵמָה בְּצוּרַת אָדָם״ א פיעה אין מענשליכען געשטאלט [1].

בְּהֵן שֶׁלִּי צֶדֶק (ב״מ, מט) אויף מיין ריכטיגען יא־ווארט.

בְּהִיסַח הַדַּעַת (תענית, ז, סנהדרין, צז.) ועה—„היסח הדעת״

בְּהֶסְכֵּם — מיט דער איינשטימונג.

בְּהַעֲלוֹתְךָ — די דריטע סדרה אין 4־טען ספר (במדבר, ח א–יב, טו) און די 36־טע אין חומש. פון די סדרה שליסט דער רלב״ג דאס דאריבער איז אין איר געשטעלט געווארען דיא טרומייטערין צו זאמען צו רופען די נשיאים, כדי אלע גלייך זאלען ארויס גערופען ווערען עס זאל ניט זיין קיין קנאה ווען מען וועט אנדערע רופען פריהער און אנדערע שפעטער. אויך דאס גאנצע פאלק זאל וויסען פון די אסיפה וואס האנדעלט זיך וועגען זיי. אויך איז דא צו לערנען ניט צושטיין צו דעם אספסוף (צוזאמענגעלאפענע, הערומטרייבער). און אנשטענדיגער מענש בעדארף ניט ארען נאך טראגען א שנאה

---

[1] איזה טרפה? כל שכמוה אינה חיה (חולין, מב).

[2] מעין חולין ה: מן הבהמה (ויקרא, א), להביא בני אדם שדומום לבהמה.

דער פאר וואס מען רעדט אויף אים וואס ניט ריכטיג איז.

בְּהַר — די ניינטע סדרה אין דריטען חומש (ויקרא כה, א—כו, ב) און די 32=טע אין חומש. פון די סדרה שליסט דער רלב"ג דאס די שמיטה — מען זאל לאזען די ערד רוהען יעדען זיבענטען יאהר, נאך זעכס יאהר ארבייט, און דער יובל יאהר — אבצוגעבען געקויפטע פעלדער, און פריי לאזען שקלאפען, איז צו ווייזען דאס בעהערשונג אויף די ערד און אויף מענשען איז נאר גאט דער באשעפער, און די סדרה ענדיגט מען זאל זיך פערגינען צו רוהען אין די בעשטימטע רוהע טעג, דען גאט האט דאס בעשטימט, געוויס מאכט דאס קיין שאדען, בלויז נוטצען, (ועה — „שבת" אין הערה).

בְּ'הֵרָאוֹתוֹ (אסתר א, ד) אין זיין ארויס ווייזען.

בְּ'הָרַב — איז דער ראשי תבות פון „בן הרב" [1].

בְּ'הִתְלַהֲבוּת — פלאמיג, מיט צוהיצונג.

בְּ'הֶיתֵּר (מנחות, סד) מיט ערלויבניס.

בְּ'וַדַּאי (דמאי פ"ג, מג) אויף געוויס, אהן צווייפעל.

בְּ'זֶה הַלָּשׁוֹן — בזה"ל — מיט דיזען אויסדריק.

בְּ'זֶה וּבַבָּא (מדרש חזית פ"ב) אין דיזע און אין די קומענדע וועלט.

בָּזוּי (עובדיה, ב) פעראכטעטער.

בִּזָּיוֹן (סנהדרין, מו. סוטה יג.) בעשעמונג, ערנידערונג — בִּזְיוֹנוֹת, בזוי בִּזְיוֹנוֹת; בָּזוּי וּמְבוּזֶה — גרויס פעראכטונג.

בְּ'זְכוּת (סוטה, יא:) צוליעב די גערעכטיגקייט.

בְּ'זוֹל (ב"ק, כ.) ביליג — בְּזוֹל הַזּוֹל אויף דעם ביליג=סטען ארט.

בְּ'כַבְלֵי בַרְזֶל (תהלים קמט, ח) אין אייזערנע שטריק (קעטען).

בְּ'חַבְרוּתָא (ב"ב, טז) אין גע=זעלינשאפט (שותפות).

---

[1] כן מבאר בקצור כללי הגמרא: ר"ש ברבי (כתובות, קג:) הוא הקצור מן בר רבי (עי"ש יוצאים מן הכלל).

בְּ'חַדְרֵי חֲדָרִים (ביצה, ט. שבת, סד) אין לעצטען צימער.

בְּ'חֵן (ברהמ"ז) מיט געניינט־הייט, גונסט. סימפּאַטיע, חנ'עוודיג (זעה—„חן").

בְּחִינָה — פּראָבע—**בְּחִינוֹת.**

בּוֹחֵן וּבוֹדֵק (פיוט וכל מאמינים) פּראָבירט און אונטערזוכט. **בּוֹחֵן לְבָבוֹת**[1] שטעלט צום פּראָבע, ערקונדיגט די הערצער.

בְּ'חִנָּם (סנהדרין, צז:) אומזאָנסט.

בְּ'חֶסֶד (משלי טו, ו) דורך גנאַדע.

בְּ'חֻפָּה וְקִדּוּשִׁין — דורך חופּה און קדושין — געהייראַט כְּדַת משֶׁה וְיִשְׂרָאֵל.

בְּ'חִפָּזוֹן (שמות יב, יא) אין איילינעם.

בַּ'חֲצִי חִנָּם — האַלב אומ־זאָנסט (זעהר ביליג).

בְּ'חֻקֹּתַי — די צענטע, אויך די לעצטע סדרה אין דריטען ספר פון דער תורה (ויקרא כו, ג—כז, לד) און די 33־טע אין חומש. אין איהר איז פער־זיכערט דאָס די געטליכע געזעט־צע קענען פיהרען צום גליק און דער אָבטרעטען — צום אונגליק — דאָס איז די תוכחה (תּוֹכָחָה) וואָס אין איהר איז, אונד ענדיגט מיט געשטעלטע פרייזען צום בעפרייען אַ געגענ־שטאַנד וואָס מען האָט דאָס מקדיש געווען פאַר דוחאָוועג־סטוואָ, און מען וויל דאָס אוים־קויפען צוריק.

בָּחוּר (דברים לב, כה)—אונפער־הייראַטער יונגער מענש.

בַּחוּרִים (תהלים קמח, ב).

בָּחִיר (ש"ב כא, ו) אויסגעוויילטער. **בְּחִיר הַיְצוּרִים** דער פאָרטרעפליכסטער אונטער אַלע באַשעפעניִשען, ד"ה: דער מענש אַנדגעגען די איבעריגע באַשעפעניסע. **בְּחִירָה** דאָס צוקלייבען זיך צו טאָן נאָך דעם ווילין (זעה „יְדִיעָה וּבְחִירָה").

בְּ'חֵרֶם (יהושע ז, א) אין פער־באַנט. **בְּחֵרֶם דְרַבֵּנוּ גֵרְשֹׁם** — (בחדר"ג) פערבאַנט (בּייקאָט) פון רבינו גרשם. געוועזען

---

[1]) במקרא הלשון: בוחן לבות (תהלים ז, י. משלי יז, ג) והפיטן „לאל עורך דין" נהירא ליה הנוסח „בוחן לבבות" וכן הוא שגור בפי ההמון.

ראַבינער אין דייטשלאַנד אין מיטעל־אַלטער. זיינע צעהן תקנות האָט ער געשטעלט מיט אַ חרם, איינע פון זיי — פון וועלכע ער האָט אַליין ז ייער געלי־טען — איז: „אַז אַ יוד זאָל ניט האָבען מיט אַ מאָהל קיין צוויי ווייבער"; דער חרם האָט שוין געענדיגט זיין טערמין [1]), דאָך איז דער איינפיהר פערבליבען צוליב די לאַנדעס געזעצען, און וויל עס איז בעסער און געזינ־טער פאַר די שלום בית. נאָך איינס איז פאָן זיינע תקנות וואָס איז געשטעלט מיט אַ חרם — „דאָס מען זאָל אַ פרעמדען בריעף ניט עפנען און לייענען", דאַרום שטעלט מען אויף דעם קאָנווערט צום אַדרעס „בחדר"ג" — ווען מען פלעגט שיקען בריעף דורך פריוואַטע געלעגענהייטען.

בְּחוּשׁ — איבערציינגט דורך דעם שפירען, מיט דעם געפיהל פאָן זעהן און הערען.

בְּ'חֵשֶׁק — גערן, מיט לוסט.

בַּחֲתִימָה טוֹבָה — מיט אַ גוטען בעזיגלונג (בעשלום).

בְּ'טֶבַע — אין דער נאַטור, אין כאַראַקטער.

בָּטוּחַ — פערטרויטער, קרע־דיטפעהיג זיכערער — **בְּטוּחִים. בִּטָחוֹן** — פערטרוי־אונג — **בִּטְחוֹנוֹת.** „בִּטָחוֹן אין גאָט". ד"ה: געפאַסט מוטה (ש"א ל, ו) „דער בטחון געוואָרען צוקראָכען" דער אוים־זיכט, געוואָרען צו ניכט.

בָּטֵל (קהלת יב, ג) פערניכטעט, אונטהעטיג — **בְּטֵלִים** (שבת, סב) **בְּטֵלָה** (כתיבות, נט). **בִּטּוּל** (גטין, לב) ניכטיג. **בַּטְלָן** (מגילה פ"ג מ"ה) — **בַּטְלָנִים** (ב"ק פב) לייִדיג אומגעהער; **בַּטְלָנוּת** דאָס אויסברייגען די צייט דורך נישט בעשעפטיגונג אָדער אין ריידען. **בִּטּוּל הַיֵּשׁ** (משנת חסידים) דעם עקזעסטירענדע „איך"

[1]) נפטר בש' תת"פ ובספר יוחסין מונה תק"ף לאלף החמישי — באה"ע הלי פ"ו סי' א' באה"ט שם סי' כ' איתא שאחרי אלף החמישי כבר כלה זמן החדר"ג ואינו אלא מנהג להחמיר. וכן איתא במהר"ם סק"א בשם הרשב"א שגזרותיו לא נתפשטו אלא עד סוף אלף החמישי.

פאַרעכנען פאַר אַ הויך — דאָס איז אַ הויכע זאַך [1]. **בטול זמן** — די צייט אויסברייננגען מיט גישט. **בטול חמץ** — דעם חמץ פערניכטען. **בטול מלאכה** (קדושין, לב:) געשטערט זיין פאָן דער אַרבייט. **בטל מקח** (ב"ב, צ.) עס ווערט ניט פאָן דעם געמאַכטען עסק. **בטול תורה** (ברכות, ה. שבת, לב:) גע-שטערט פאָן לערנען. **בטל ומבוטל** — גרויס אַראָבפאַל — **בטלים ומבטלים** (כל נדרי) פערניכטעט און אוניצטאָזיט. „אוים גבטלט" — אַלע בייזע חלומות (דניאל ד, טו).

ב'טענה — מיט אַ פריטענזיע.

ב'טעות — מיט אַ אירטהום.

ב'יד — אין האַנד, פעסט גע-געהאַלטען; מיט'ן האַנד איבערגעגעבען — **בידים** (ב"ק קטו) איינגעהענדיג, אַבזיכטליך — **בידי אדם** (סנהדרין, סט.) דורך מענשען. **ביד חזקה** (שמות, ג יט) מיט אַ שטאַרקע מאַכט. **ביד רמה** (שמות יד, ח) מיט איבערשטייגענדע מאַכט. **בידי שמים** (כתובות, ל.) דורך גאָט-ליכקייט (דער הפך פון „בידי אדם").

ב'ידוע (מכות, כב:) בעוואוסט געניי. אָהן אַ צווייפעל.

ביחוד (ביצה, כב.) איינזאַם —

ב'יחידות — גאַנץ איינזאַם, אָבגעזאָנדערט, בעזאָנ-דערס, אויך אונטער פיער אויגען.

ב'יכלת (במדבר יד, טז) אין מעגליכקייט, אים שטאַנדע.

ב'ימי (אסתר א, א) אין די צייטען.

---

[1] בטול היש הוא אמנם ענין רם ונשא, בחינת צדיק וחסיד. אברהם אבינו ע"ה אמר על עצמו: „ואנכי עפר ואפר" (בראשית יח, כז) ובן נתפלל להגיע למדרגה זו: „ונפשי כעפר לכל תהיה" ועל מרע"ה העיד הכתוב, והאיש משה עניו מאד מכל האדם אשר על פני האדמה (במדבר יב, ג). ועי"פ שטת למוד החסידות מבואר הכתוב: אנכי עומד בין ה' וביניכם (דברים ה, ה), לאמר: האנכי—שאתם מרגישים בעצמכם—עומד בקיר המפריד „בין הקב"ה וביניכם". ובנבואת הריב"ש: „והחכמה מאין תמצא" שהחכמה תמצא במי שמשים עצמו כאין, אבל ע"פ רוב מקיימים בעלי העוה „בטול היש" על אחרים הגדולים מהם בתורה ובחכמה, במדות ונמוס ועושים אותם בבחינת עפר ואפר (אש און בלאָטע בל"ז) בפועל ממש.

בירושה — דורך ערבען.
ביוש — בעשעמונג. בישן (אבות פ״ב) שעמענדיגער — בישנים (יבמות, עט) שעמענדיגע.
בית — נאמען דער צווייטער בוכשטאב פון אלף־בית (שבת, קד).
בית (בראשית לג, יז) אַ הויז, אויך אַ פירמע (שמות א, כא; ש״ב ז, כז) — בתים (שמות, שם) הייזער, פירמעס, אויך בעשטימטע אַנשטאלטען, ווי דאָ איז אויסגערעכנט: בית־דין (סנהדרין, ו) געריכטס הויז. בית דין של מעלה (שבת, קלט, תמורה, ג) אויבערע געריכטס הויז, הימלישער געריכט. בית דין של מטה (שם. חולין, קז:) אונטערע געריכטס הויז, מענשליכע געריכט. בית האסורים (ברכות ט) געפענגניס הויז. בית הבחירה (סנהדרין, ב) די אויסערוויילטע הויז — מיט דעם נאמען רופט זיך אָן דער בית המקדש. בית הבליעה (ברכות, מג.) די קעלע צו פערשלינגען. בית הכנסת (ברכות ד) פערזאמלונגס הויז — בתי כנסיות (שם, ח:). בית הכסא (ברכות, ח) אַ הויז אין וועלכע עס גיט נור אַ זיטץ פלאַץ — קלאזעט. בית המדרש (שבת, קכו) אַ הויז צו פאַרטראַגען רעדען (דרשה׳ן) אָדער לעקציאָנען — בתי מדרשות (ברכות, ח:). בית המקדש [1]) — הייליגעס הויז — בתי־מקדשים — טעמפלען. בית המרחץ (ברכות, כד) באדע הויז. בית הקברות (ב״מ, קיד) גראבע הויז. בית זונות (ירמיה ה, ז) בולערינען הויז. בית־חיים (סמג סי׳ מח) אַ בית הקברות בלשון סגי נהור. בית חולים — קראַנקען הויז (האספיטאל). בית עולם (ויק״ר פרשה יב) — בית־עלמין (תענית יא, קהלת רבה יב: איכה פסוק רבתי) די אייביגע הויז [2]). בית

[1]) נקרא בית המקדש כאשר אמר ה׳ לשלמה בחזון: הקדשתי את הבית הזה אשר בנית לשום שמי עד עולם (מ״ב ט, סא) וכמ״ש ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם (שמות כה, ח) ונאמר: לבנות בית ומקדש (דה״י א, כח).

[2]) הוא כמו בית עולמים בעברית (מ״א ה, יג) הנרדף עם נצחים; גם בגמרא (זבחים סא:) מבנה בית עולמים את בידהמ״ק.

קִבּוּל (שבת, סו. ב"ב, פט) עס האָט פּלאַטץ אַריינצונעהמען אין זיך, איינהאַלטונגס אָרט. **בַּיִת רִאשׁוֹן** (יומא, כא) דער ערשטער בית=הַמִקְדָשׁ וועלכען שלמה האָט געבויט. איז געשטאַנען 410 יאָהר (יומא, ט). **בַּיִת שֵׁנִי** דער צווייטער בית המקדש. איהם האָט געבויט עזרא ונחמיה. איז געשטאַנען 420 יאָהר (שם).

בֵּית תְּפִלָּה (ישעיה נו, ז) געבעטס הויז.

בְּ׳כִי טוֹב (פסחים, ב. ב"ק, ס:) אין אַ גוטע אָנגענעמע צייט.

בְּ׳כָבוֹד (תהלים קמט, ה) מיט עהרע. **בְּכָבוֹד גָדוֹל** — מיט גרויס עהרע. **בִּכְבוֹדוֹ וּבְעַצְמוֹ** — מיט זיין אייגען פּערזענליכקייט.

בְּ׳כְדֵי — אום, דאַמיט. **בִּכְדֵי שֶׁיַעֲשֶׂה** (ביצה, כד) אום עס זאָל אונטערדעסען אָבגעטאָהן ווערען.

בְּ׳כַוָּן (בכונה) אַבזיכטליך.

בְּ׳כֹחַ (שמות לב, יא) אים מאַכט, אים שטאַנד, (ישעיה, נב.) אין דער מעגליכקייט, פאָהיג.

בְּכִיָּה, בְּכִיָּה (חגיגה, ה:) געוויין. **בְּכִיּוֹת** (סנהדרין, קד). **בְּכִיָּה לְדוֹרוֹת** (שם, תענית, כט. סוטה, לה.) אַ פאַרצייגענע געוויין, דאָס איז געזאָגט אויף דעם טאָג „תשעה באב" וואָס דעם ערשטען מאָל אין דער יודישער געשיכטע האָבען מיר געוויינט דעם ניינטען אָב אומזאָנסט, צו הערענדיג די מרגלים וואָס זיי האָבען געטאַדעלט די צוגעזאָגטע גוטע לאַנד ארץ=ישראל, איז דער טאָג פערבליבען אַ געוויין=טאָג וואָס אין איהם האָט גראַדע געטראָפען ביידע חרבנות, נור עס איז ניט חלילה גאָר קיין עוויגער געוויין, ווי דער נביא איז אונז מבטיח אין גאָטעס נאָמען, דאָס דיזער טרויער טאָג, און די איבעריגע פאַסט טעג וואָס זיינען אויך צו דעם זעלבען אָנדיינקען — וועלען זיי פערקעהרט ווערען פיר אונז צו פריידען און פראָהליכקייט און גרויסע פייער טעג (זכריה ז, יט), און אונזער צוריקקערען נאָך ציון וועט זיין מיט עוויגע פריידע (ישעיה נא, יא. שם סא, ז).

בַּ׳כֹּל, מִ׳כֹּל, כֹּל (ב״ר טז, סוטה, ה) — מִיט אַלֶע קלִיפֶערלִיךְ אוּן פָּאדראָבנאָסטֶען; אַזוֹי זַיְינֶען גֶעבֶּענְשט גֶעוואָרֶען יֶעדֶער פוּן דִי דרַיְי אָבוֹת[1].

בְּ׳כָל הָאוֹפַנִים — אוֹיף אַלֶערלַיְי אַרטֶען, אַנגֶעלֶעגֶענהַיְיטֶען. **בְּכָל הַהִדוּרִים** — מִיט אַלֶע שַׁיְינקַיְיט. **בְּ׳כָל זֹאת** (תהלים עח, לב) בכ״ז, דאָךְ, פוּן דֶעסטוועֶגֶען. **בְּ׳כָל מַאֲמַצֵי כֹחַ** (איוב ל, יט) מִיט אָנגֶעשטרֶיינגטֶע קרֶעפְטֶען. **בְּכָל תְּפוּצוֹת יִשְׂרָאֵל** וואוּ נוּר יוּדֶען זַיְינֶען צוּ שפּרֵייט, ד״ה: אִין אַרְבַּע פִּנּוֹת הָעוֹלָם (זכריה ב, י).

בִּ׳כְלָל (עירובין סה. ב״ב מא) אִין אַלגֶעמַיְין.

בְּ׳כַמָּה מַעֲלוֹת[2] אִין פִיעל שטִיגֶע, פָארצִיגֶע — גוּטֶע אֵייגֶענשַׁאפטֶען. **בְּ׳כַמָּה עִנְיָנִים** אִין פִיעלֶע גֶעגֶענשטֶענדֶע, אִינטֶערֶעסֶען. **בְּ׳כַמָּה פְּרָטִים** — אִין פִיל אֵיינצֶעלהַיְיטֶען.

בְּ׳כֵן (אסתר ד, יז) זאָדאַן, מִיט אַזאַ אוֹפֶן.

בְּכוֹר (בראשית לה, כג) עֶרשטגֶעבּאָרֶענֶער — **בְּכוֹרִים.** **בְּכוֹרָה** (שם כה, לב) עֶרשטגֶעבּוּרט. **בְּכוֹר שׁוֹטֶה** (ב״ר פ׳ צא), אַזוֹי אִיז אָנגֶערוּפֶען ראוּבן דֶער בכוֹר בַּיְי יעקב פאָן זַיְין פאָטֶער, פִיר זַיְין נאַרִישֶען פאָרשלאַג דאָס דֶער פאָטֶער מֶעג טוֹיטֶען זַיְינֶע צווַיְי קִינדֶער ווֶען עֶר ווֶעט בנימין׳עֶן נִיט צוּשטֶעלֶען אִיהם אַ גֶעזוּנדטֶען אַ לֶעבֶּעדִיגֶען. „פֶערקוֹיפט דִי בכוֹרה פאַר לִינזֶען" (זֶעה — „הַלְעִיטֵנִי").

בְּ׳כְתוֹב (תהלים פ״ז, ו) **בִּכְתָב** (תמורה, יד:) שרִיפטלִיךְ. **בִּ׳כְתַב יָד** — אִין

---

[1] שם בתלמוד מביא סגנון הברכות שנתברכו בהן שלשת האבות — באברהם נאמר: „וה' ברך את אברהם ב כ ל" (בראשית כד, א) ביצחק נאמר: „ואכל מ כ ל" (שם כז לג); ביעקב נאמר: „וכי יש לי כ ל" (שם לב, יא).

[2] לא נאמר בתור שאלה כי אם בתור הפלגה וגוזמא, וכן: כמה לא תשעה ממני (איוב ז, יט).

מאַנוסקריפּט. **בכתב ידו** — אייגענהענדיג אונטערשריבען.

בל (תהלים י, ד), **בלא** — אָהנע. „עס איז בלא" [1].

בלי (בראשית לא, כ) ניט, אָהן — **בלתי** (שם כא, כ) אויסער.

בלי אחור — אונפערזאַמט.

בלא טעם וריח (בפיוט א דסוכות „אקחה בראשון") אָהן אַ געשמאַק און אָהן אַ גערוך.

בלא בלום (חולין, כז) מיט גאָר ניכטס.

בלא מעות (בל"מ) אָהנע געלד.

בלי נדר — ניט געבען זיך אַ נדר.

בלי שבועה — אָהנע געשוואָרען.

בלי ספק, בלתי ספק — אָהנע צווייפאַל.

בלי עין הרע עס זאָל ניט שאַדען אַ בייזע אויג.

בלא ראָקה (שבועות, לג) אָהנע געזעהן.

בל תאחר (ביצה, יט) זאָלסט ניט פערזאַמען.

בלי תועלת — אָהנע נוטץ.

בל תשחית (שבת כט, מויקרא יג, יט כז) זאָלסט ניט פערדאַרבען — אַזאַך וועלכע קען נאָך נוצען צו איהר בעשטימונג.

בלב ולב (תהלים יב, ג) צוויי־זייטיגקייט.

בלב ונפש — מיט הערץ אונד זעלע — איבערגעגעבען.

בלבול—בלבולים—פאַלשע בעשולדיגונג, דורך פערטומלען [2].

בלהה (בראשית כט, כט) מוזינ־קע [3], איינע פון די אמהות, אַ פרוי פון יעקב אָבינו.

בלחש (עירובין, נד) שטיל, שושקענען, מורמלען (ש"ב יב, יט).

---

[1] בלא—סתם, יאמר במובן השלילה כשדרשו חז"ל: בלא דבר (ש"ב ט, ד) ריק מכל דבר (שבת, נו.) ומזה בא הפתגם ביהודית עס איז בלא—במובן צבע בלוי המורה על רוח כהה וגם במובן העברי בלא כמו באין.

[2] להוצאת שם רע ועלילת דברים שבשקר יסודם נקרא „בלבול" יען שהמוציא לעז יבלבל המחות והדעות, כמו: „בא סנחריב ובלבל את כל האומות" (ברכות, כח. יומא, נז.).

[3] משרש בלה, שנולדה לאמה אחרי בלותה.

בולט (עירובין, ה) אַרויסשטורצענד, דײַטליך.

בלך ושוב (משלי ג, כח) פּטר׳ן דעם בעל חוב מיט אַ הבטחה הײַנט גײה, מאָרגען קום ווידער.

בולע (ירושלמי, ר"ה פ"א) פערשלינגען. **בלע המות לנצח** (ישעיה כה, ח) דאָס שטערבען וועט אויף אימער ווערען פערשלונגען, פערניכטעט.

בלע"ז (מגילה, מא) ר"ת „בלשון לועז", אין אַ פרעמדע שפראַך (תהלים קיד, א).

בלעם הרשע (תענית, כ) דער בייזער בלעם, זײַן כח איז געווען מיט׳ן מויל (במדבר פ"כ). „אַ אמת׳ר בלעם"—אַ מענש אַ בריטאַן.

בלק — די 7־טע סדרה אין פירטען ספר (במדבר כב, ב—כה, ט) און די 40־טע אין חומש. אין איר איז די געשיכטע פון בלעם הרשע, וואָס ער האָט אײַנגעווילליגט אידין צו פערשילטין, נאַכהער אַז ער איז נאָהנט געקומען צו זייער לאַגער און האָט זיי לערנען ערקענט האָט ער זיי גאַר געריהמט און געבענטשט. די געשיכטע גיט צו וויסין דאָס דעם יודען בעדאַרף מען נור גרינדליך קענען און אַריין קוקען אין זײַן אינערליכען לעבען (כ"ד ב, ה).

בלשון סגי נהור — ליכטזיכטיגער, מיט אַ איראָנישע אויסדריקע אָנרופען אַ בלינדען.

במה (יבמות קה; סוטה מא) בינהנע, אַ הויכער פּלאַטץ צו פאָרלעזען פאַר דאָס פאָלק, אין קלויז הייסט דאָס אלמימר — צום רעדען (ועה—„אלמימר").

במה דברים אמורים (ב"ק, כט) אין וואָס פאַר אַ זינן איז דאָס אָבער געזאָגט געוואָרען?

במדבר — נאָמען דער 4־טע טהייל אין חומש, אויך הייסט מיט דעם נאָמען די ערשטע סדרה (במדבר א, א—ד, כ). דאָ קומט דער צאָהל פון יעדען שבט מיט די נעמען פון זייערע נשיאים, און די אַרבייט אײַנטיילונג פון די לוים בײַ דעם משכן.

בְּמַדְרֵגָה עֶלְיוֹנָה — אויף אַ הויכע שטופע.

בְּ׳מְהֵרָה בְּיָמֵינוּ אָמֵן (סוף סוטה, אבות פ״ה) אין גיכען, אין אונזערע צייטען, געוויס — אויסלאָז נוסח דרשה ביי אַ מגיד.

בְּ׳מֵזִיד (פסחים ג,) אַבזיכטליך, בכיון מוטוויליג.

בְּ׳מְזוּמָנִים (סנהדרין, יא,) געריי־טע (אין באַרעס געלד — בל״ז).

בְּ׳מְחִילָה — מיט פערצייאונג. **בִּמְחִילָה גְמוּרָה** מיט אַ פאָלשטענדיגע פערציי־אונג. **בִּ׳מְחִלַּת כְּבוֹדוֹ** — מיט פערצייאונג זיינער עהרע.

בְּ׳מַחֲשָׁבָה (פסחים, נב,) אין געדאַנק, אין זינן.

בְּ׳מֵיטַב (ב״ק, ב,) מיט די בעסטע, פאָן דאָס בעסטע.

בְּ׳מִלֵּי דְמֵיטַב (ב״ק, ט,) פון די בעסטע זאַכען.

בְּ׳מִלֵּי דְעָלְמָא (ב״מ, נט) אין וועלטליכע זאַכען.

בְּ׳מִלֵּי דִשְׁמַיָּא (גטין, נז:) וואָס בעלאַנגט אַן גאָט.

בְּ׳מֵילָא — פאָן זיך זעלבסט, זאָ ווי זאָ.

בְּ׳מְסִירַת נֶפֶשׁ — מיט לע־בענס געפאַר.

בְּ׳מְסִירַת קוּלְמוֹס — איבער־געבענדיג די פעדער (דער וואָס קאָן זיך אַליין ניט חתמ׳ענען).

בְּ׳מַעֲלָה עֶלְיוֹנָה — (זעה־„בְּמַדְרֵגָה עֶלְיוֹנָה").

בְּ׳מָעוֹת מְזוּמָּן — פאַר באַ־רעס געלד (זעה — „בִּמְזוּמָּנִים").

בְּ מוֹצָאֵי שַׁבָּת (שבועות, יח:) שבת־צו־נאַכט.

בְּ׳מְצִיאוּת — עס איז צו בעקומען.

בְּ׳מוּקְדָם (סוטה, לו) אין פאָר־אויס. **בְּמוּקְדָם הָאֶפְשָׁרִי** — ווי וויט מעגליך פריהער.

בְּ׳מֶקַח הַשָּׁוֶה — פאַר אַ וויר־דיגען פרייז, אין גלייכען געלד.

בְּ׳מְקוֹם (הושע ב, א) אַנשטאָט, **בִּמְקוֹם הָרַב** — דעם רב׳ס שטעלפערטרעטער.

בְּ׳מְקוֹם כֹּהֵן — אַנשטאָט דעם כהן—קומט אַ ישראל דער

ערשטער ווען עס איז ניטא קיין כהן (ע"ז, יא. גטין נט:).

ב'מתינות (ב"ר פ' י) מיט גע־דולד, געלאסען.

בין (בראשית א, ו) צווישען.

בין אדם לחברו (יומא פה:) וואס אנבעלאנגט לייטען. **בין אדם למקום** (שם) וואס אנבעלאנגט גאט. **בין איש לאשתו** (במדבר ל, יז. חגיגה ה.) אונטער מאנן און ווייב. **בין אור לחשך** (בראשית א, יח) פון ליכטיג ביז פינסטער. **בין ארור המן לברוך מרדכי** (מגילה, ז:) אונטערשייד: „המן זאל זיין פערשאלטען, מרדכי'ן זאל אין אלץ גאלטען". **בין הזמנים** — צווישען די סעמעס־טערין. **בין המצרים** (איכה א, ג) די אבגערגרענעצטע דריי וואכען טרויער, פון שבעה עשר בתמוז ביז תשעה באב (איכ"ר). **בין השמשות** (דמאי פ"א, מ"ד. ברכות, ב.) דעמערונג, צווי־שען זאננענאונטערגאנג אדער אויפגאנג [1] (ועה—„שקיעה"). **בין ימינו לשמאלו** (יונה ד, יא) אונטערשייד פון זיין רעכטס ביז זיין לינקס (אונשולדיג). **בין ישראל לעמים** — צווישען יידען און אנדערע פעלקער. **בין כך ובין כך** (שבת, צו:) אונטערדעסען, זא ווי זא. **בין כסא לעשור** (סליחה) צווישען ראש השנה און יום כפור. **בינו לבינה** (נדרים, ל:) אונטער־האנדלונג אונטער א פאאר פאלק. **ביני לבין עצמי** (יבמות, מז)

---

[1]) כן הלשון בגמרא: „תרי נשפי הוו, נשף ליליא ואתי יממא, נשף יממא ואתי ליליא" (ברכות, ג:) ואין זה מלי' חשך ישופני להוראת חשכת הלילה כ"א מלי' נשפת ברוחך, שנפח היום מפני הלילה כמ"ש עד שיפוח היום: גולל אור מפני חשך וחשך מפני אור. וזמן ושיעור בין השמשות פליגי רבי יוסי ור' יהודה: תחלת ביה"ש דרבי יהודה הוא זמן סלוק האור מראשי ההרים הגבוהים שבא"י, ונמשך י"ח רגעים אחר השקיעה; ותחלת ביה"ש דר' יוסי הוא בסוף ביה"ש דר' יהודה, הוא אומר; „בין השמשות כהרף עין, זה נכנס וזה יוצא" (שבת, לד:). ולענין שבת אזלינן לחומרא: להכנסתה כר' יהודה וליציאתה כר' יוסי. וההבדל בין הכנסה והיציאה הוא בערך שעה ומחצה (פסחים, צד). ועי' „סדר הכנסת שבת" בסדור „תורה אור" לאדמו"ר.

ביי זיך זעלבסט. **בין מלכא למלכא** (חולין, נז:) צווישען דעם קעניג—וואס מען האט בעווײנט, און דעם נייען וואס איז נאך ניט געקריינט. **בין מנחה למעריב** — די צייט צווישען מנחה און מעריב. **בין קודש לחול** (יחזקאל כב, כו) דער אונטערשיעד צווישען הייליגקייט און וואכענדיג. **בין רגל לרגל**— צווישען איין יום טוב ביז דעם צווייטען.

בן (בראשית ד, כה) זאהן, פערזאן — **בנים** (שם ג, טז).

בן בית (קהלת ב, ז. תענית, כג: סנהדרין, קו) א הויז מענש, א אייגענער מענש, אפטער איינגעהר. **בני בית, בני ביתו** (ע"ז, לט) זיין הויז־געזינד. **בן בלי שם** (איוב ל, ח) א מענש אהן א בערוף. **בן בקועה** (חולין, סט.) אונצייטיג געבארען — דורך דעם אויפשפאלטען די מוטערס בויך. **בן גילו** (מגילה, יא. ב"מ, כו.) פון גלייכען אלטער. **בן דעת** (ב"מ ח.) א פערשטענדיגער. **בן זוג** (גטין, צו:) עהעפאאר, יעדער איינציגער פון א פאאר. **בן זכר** (ירמיה כ, טו. ב"ב, קטז.) א קנאבע. **בן זקונים** (בראשית לז, ג) א געבארענער צו דער עלטער. **בן חורין** (פאה פ"ג, מ"ח. שבת, קנד) א פרייער. **בן טובים** (ירושלמי שקלים פ"ה, כתובות סז.) א יחסן. **בן יחיד** (משלי ד, ג) א איינציגער זאהן. **בן יומו** (שבת, קנא:) איינטאגיג. **בן יקיר** (ירמיה לא, יט) טהייערעס קינד (א איראניע אויף א קינד ווי א שד). **בן ישיבה** — א לערנער אין א ישיבה (א ישיבה בחור). **בני ישראל** (שמות א, ט) יודישע קינדער — געמיינט אויך דאס גאנצע פאלק ישראל. **בן כפר** (מגילה, יט) א דארפס־מאן. **בן כרך** (שם, חגיגה, יג) גרויסשטאדטישע. **בן לויה** (חולין ז.) בעגלייטער. **בן מות** (שמואל כ, לא) פערארורטיילטער צום טוידט, פון געריכט אדער פון א געפעהרליכען קראנקהייט, אויך דורך זיין טיעפען עלטער. **בן מלך** (ש"ב יב, ה) פרינץ — **בני מלכים** (שבת, קכח). **בני מעים** (חולין, נג.) איינגעווייידע, געדערים.

בְּנֵי מֹשֶׁה (ברכות, ז:) משה רבנו׳ס קינדער, דאָס איז אויך אין דעם זינען ווי בני ישראל—אַ גאַנצעס פאָלק וואָס קומט אַרויס פון משה רבינו [1].

בָּנִים מַשְׁחִיתִים (ישעיה א, ד) קינדער פערדערבער, קינדער ווי טייוואָלים. **בֶּן נֹחַ** (ב״ק, צב) די העראָיסקומענדע פון נח׳ן (אויסער יודען וואָס הייסען שוין בְּנֵי „אַבְרָהָם יִצְחָק וְיַעֲקֹב״). מיט דעם נאָמען „בן נח״ רופט מען אָן אַ קאַרגען וואָס איבער אַ גראָ־שען איז ער קאַפּאַבעל, צו לאָזען זיין לעבען פערפאַלען [2]. **בֵּן סוֹרֵר וּמוֹרֶה** (דברים כא, יח) אונגעהאָרכזאַמער און ווידער־שפּענסטיגער זאָהן. **בְּנֵי עֲלִיָּה** (סוכה, מה) ערהאַבענע מענשען.

בֶּן עוֹלָם הַבָּא (ברכות, ד פסחים, ח. ב״ב, י) אַ מאַנן וואָס האָט זיך ערוואָרבען די צוקונפ־טיגע וועלט. **בֶּן עוֹלָם הַזֶּה** (שם) אַ לעבע מענש. **בֶּן עִיר** (גטין, כד. סוטה, כ:) אַ מענש פון דער זעלבען שטאָדט, אויך אַ קליין שטאָדטישער (מגילה, יט). **בֶּן פְּקוּעָה** (ב״ק קי) אַרויסגעצוי־גענער דורך אַ שווערען געבאָרען. **בֶּן שֶׁל קְדוֹשִׁים** (פסחים, קד) אַ זאָהן, שטאַמט פון הייליגע — הייסט דאָרט אַ קדוש וואָס ער האָט אויך אַ צורת מטבע ניט אָנגעזעהן. **בֶּן תּוֹרָה** (ירושלמי תענית, פ״ד) אַנגעלערנטער, אַ למדן. **בֶּן תַּרְבּוּת** — גוט ערצויגען (זעה—„תַּרְבּוּת רָעָה״ אין אָנמערקונג). **בֵּן** (בראשית ח, יב) אין אַלטער, צב״ש: **בֶּן אַרְבָּעִים** (אבות)

---

[1] „בני משה״ הוא עם עצום ע״פ דרש—ממה שאמר ה׳ למשה במעשה העגל: „הרף ממני ואשמידם״ וגו׳ ואעשה אותך לגוי גדול עצום ורב ממנו (שמות לב, י), ונאמר: „בני משה—גרשם ואליעזר, ויהיו בני אליעזר רחביה הראש וגו׳ ובני רחביה רבו למעלה (דה״א כג, יז) ותני רב יוסף: למעלה מששים רבוא—אתיא רבוא רבוא: כתיב הכא „רבו למעלה״ וכתב התם: „ובני ישראל פרו וישרצו וירבו״ (ברכות, ז)״. ובעל הטורים מצא עוד אסמכתא למספרם זה מיתורא דו׳ במלת אותך (שמות לב, י). וחוקרי קדמוניות דזמננו מראים באצבע על היהודים האדומים שמעבר לנהר—סמבטיון.

[2] דרך מליצה, מהאמ״ר: בן נח נהרג על שוה פרוטה (עירובין, סב.).

אַ מאַנן פון פערציג יאָהר אַלט. קוקט ווי „אַ האָהן אין בני אָדם“.

בּוֹנָה (דה״א ב, כה, תענית כ) פער־שטענדיג — פאַר צייטען אַ מענליכער נאָמען, יעצט אַ ווייבליכער.

בִּינָה (ירושלמי ע״ז, פג) פערשטאַנד, אַ מענליכער נאָמען.

בִּנְיָמִין (בראשית לה, יח) אַ זאָהן אויף לאַנגע טעג. נאָמען דער צוועלפטע זאָהן פון יעקב אָבינו, געבאָרען פון רחל דער צווייטער; זיין שבט „בנימין“ האָט געציילט 35,400 פערזאָן פון צוואַנציג יאָהריגער עלטער (במדבר א, לז). פון דעם שבט איז אויסגעקליבען געוואָרען „שאול“ דער ערשטער קעניג ביי יודען (שמואל א ו, כא).

בֶּן צִיּוֹן (קדושין, לא. עדיות, פ״ח מש׳ ז) אויסגעצייכענ־טער זאָהן. מענליכער נאָמען — „ציון“ אַליין איז געווען אַ וויב־ליכער נאָמען, אַ מלכה אין ירושלים (שבת, טו) [1].

בְּנֶאֱמָנוּת — אויף טרויאונג און גלויבען.

בְּנִגְלֶה — אין אָפענבאַרען אַרט, אַ למדן אין העלפט פרד״ס: פשט און דרוש אויסער רמז און סוד.

בְּנִגּוּן (תנחומא בהעלותך, סי׳ ז) מיט אַ מעלאָדישען געזאַנג.

בְּנוֹגֵעַ — וואָס אָנבעלאַנגט.

בְּנִחוּתָא (שבת, לד) געלאַסען.

בִּנְיָן (יחזקאל מב, ח) געביידע — **בִּנְיָנִים. בִּנְיָן מְפוֹאָר** (כ״ב, ד.) הערליכע געביידע.

בְּנִימוּס (מגילה, יב:) אַרטיג.

בְּנִמְצָא — עס גיבט (זעה „בִּמְצִיאוּת“).

בֵּינוֹנִי (אבות, פ״ד) מיטעלפאַך — **בֵּינוֹנִים** (ר״ה, י) מיטעל־מעסיגע.

בְּנֵס (שבת, קד.) דורך אַ איבער נאַטירליכען אַרט.

בְּנִסְתָּר — אין געהיימע טראַדיציאָנן (רמז וסוד).

בִּנְעִימוּת — מיט אַנגענעמהייט.

---

[1]) זעה — „שמות האנשים והנשים“ זייטע 8 הערה 7 (ווילנא 1907).

בְּ׳נְקִיטַת חֵפֶץ (שבועות, לח. אה"ע הל׳ כתובות סח, סעי׳ ח) שווערען, האלטענדיג א הייליגעם דינג.

בְּ׳נְשִׁימָה אַחַת (מגילה, טו:) מיט איין מאהל אבאטהעמען.

בְּסֵבֶר פָּנִים יָפוֹת (אבות, פא) מיט א פריינדליכען אנגעזיכט.

בְּסוֹד — אין געהיים—**בְּסוֹדִי סוֹדוֹת** — אין שטרייננג־סטען געהיים.

בְּסַךְ הַכֹּל — אין די אלגע־מיינע סומא.

בְּסֵתֶר (תהל׳ כו, ה) אין פער־בארגענעם.

בְּעַד כָּל הוֹן (תהלים קיט, יד) פיר גאר דאס גוטס.

בַּעֲוֹנוֹתֵינוּ הָרַבִּים — בעה"ר (ע"ז, ט) דורך אונזערע פיעל זינד.

בּוֹעַז (דהי"א ב, יא. רות ב, א) דער קרעפטיגער—נאמען דער העלד פון די געשיכטע רות, איין אורפאטער פון דוד המלך׳ס קייזערליכע פאמיליע.

בְּ׳עֶזְרַת הַשֵּׁם (בעז"ה) דורך גאטעס הילפע.

בְּ׳עַיִן יָפָה (ב"ב, ס"ד) מיט א גוטע אויג, ניט געקארגט. **בְּ׳עֵינַי רָאִיתִי**— איך האב עס אליין מיט מיינע אויגען געזעהן.

בַּעַל (שמות כא, לד) אייגענטהי־מער, בעזיטצער, פער־מעגליכער. **בַּעַל—בְּעָלִים**: וועלכע זיינען גערנע אלץ צו בעזיטצען, ווי עס איז דא נאך דעם אלף־בית:

א) **בַּעַל אֲבֵדָה** (ב"מ, כח. קדושין, ב:) א אייגענ־טימער פון א פערלארענע זאך. **בַּעַל אַגָּדָה** (חגיגה, ד. ב"ר פ"ג, ד) בעהאווען אין תלמודישע אגדות (זעה—אַגָּדָה). **בַּעַל אֶגְרוֹף** (בכורות, יד) בענוצט דעם פויסט, האפט געבען א קלאפ. **בַּעַל אַכְסַנְיָא** (פסיקת׳ רבתי פי"א) בעזיצט א גאסט הויז. **בַּעַל אוּמָנוּת** (יבמות, סג.) האנדווערקער. **בַּעַל אִשָּׁה** (שמות כא, ג) א פער־הייראטהער.

ב) **בַּעַל בְּחִירָה** — בעזיצט דאס רעכט צו אויסוויילען. **בַּעַל בִּטָּחוֹן** (ילקוט יתרו, מז) האט צוטרוי אין

גאָט — דאָס ער פערלאָזט ניט.

בַּעַל בְּכִי (מעשרות פ״ה מ״ה) גרינג אויף טרערין — צום וויינען.

בַּעַל בְּרִית (שופטים ח, לג) — בַּעֲלֵי־בְּרִית (בראשית יד, יג) בונדעס מאַן, אויך אַ פאַטער אין דעם טאָג ווען ער איז מוהל זיין נייגעבאָרענעם זאָהן. בַּעַל בָּשָׂר (ברכות יו, ב״מ פו:) אַ דיקער מענש, אַ בעלייבטער.

ג) בַּעַל גַּאֲוָה — שטאָלצער, האָפערטיג.

בַּעַל גּוּזְמָא — איבערטרייבער.

בַּעַל גְּמִילוּת חֶסֶד — גנאַדיג. בַּעַל גְּמָרָא (עירובין, סא.) תלמודיסט.

ד) בַּעַל דָּבָר (ברכות, כז) שאָפער דער זאַכע, אָדער אַ זעלכער וואָס מען שייט זיך זיין נאָמען בפירוש ארויסזאָגען (כנוי למלאך המות בל״ו.

בַּעַל דְּבָרִים (שמות כד, יד. ב״ק, ח) האָט טענות (רעכטס זאַכען).

בַּעַל דִּבּוּר — בעזיצט אַריידענס קראַפט (דברן). בַּעַל דִּמְיוֹן — אַ איינבילדנער (אין אוננאַטירליכעס). בַּעַל דִּין (סנהדרין, ז. אבות פ״ד) פאַרטעי אַ רעכטס זאַכע, אין אַ פראָצעס.

בַּעַל דִּין קָשֶׁה (ברכות, טז) אַנשטרייטנער, אַ האַרטער געריכטס נעגנער. בַּעַל דֵּעָה — טראָגט פאַר זיין מיינונג, אויך אַ זעלכער וואָס זיין דעה גילט אין שטאָדט זאַכען. בַּעַל דִּקְדּוּק — גראַמאַטיקער.

בַּעַל דֶּרֶךְ־אֶרֶץ — אַ מענש מיט אַרטיגע אויפפיהרונג.

בַּעַל דְּרָשָׁה — בעזיצט אַ רעדנערס קראַפט. בַּעַל דַּרְשָׁן — פרעדיגער.

ה) בַּעַל הַבַּיִת (שמות כב, ז) דער הויז־בעזיטצער, ווירטה — בַּעֲלֵי בָּתִּים (ברכות, מא. חולין צב[1]).

בַּעֲלַת הַבַּיִת (מ״א יז, יז) בעל־הבית'טע — בעל־הבית'שע. בעל הבתישקייט, ווירטשאַפט. בעלי־בתינען — זיך ראַספּראָזאַיען.

בַּעַל הוֹן — פערמעגנט

[1] בתלמוד נקרא בעל הבית—אדון לכל קנין והפץ, ולאו דוקא בית, וע״פ רוב במסכתא פאה קורא לבעל שדה בעל הבית, ובמסכתא ב״מ (עח) קורא בעה״ב לבעל החמור, וכן שם הנותן דינר לעני נקרא הנותן: „בעל הבית״.

אַ דיקען קערפּער, אויך אַ ווירט פון פיעל ווירטהשאַפט. **בַּעַל הַגָּדָה** (ב"ב, ח). **בַּעֲלֵי הַגָּדוֹת** (שם קמה) בעהאַוועז אין אַגָּדְתָּא. **בַּעַל הַלְוָאָה** — איז עוסק מיט געלד פערלייהען. **בַּעַל הֲנָאָה** (סנהדרין, כו:) פּאַלוסטלונג, ליבהאָבער פון פרויען אַמוזי־רונג. **בַּעַל הַנֵּס** (נדה, לא) ווענען עס פּאַסירט איבער־נאַטירליכעס. **בַּעַל הָעֵזָה** — שטעלט זיך פרעך. **בַּעַל הוֹצָאָה** — פערבונדען מיט גרויסע אויסגאַבען. **בַּעַל הַשֵּׁם** (פסחים, פו:) אַ מאַן פון אַ גרויסען בערוף.

ו) **בַּעַל וִכּוּחַ** — אַ ליבער־האָבער פון דיספּוטען, ליבט זיך צו אַמפּער'ן. **בַּעַל וַתְּרָנוּת** — בעשטעהט ניט, לאָזט איבער זיינע.

ז) **בַּעַל זִכָּרוֹן** — בעזיצט אַ גוטען געדעכטניס. **בַּעַל זָקָן** (מס' סופרים פ"ד הל' י:) באַרדיגער.

ח) **בַּעַל חוֹב** (בבא קמא ו. שם קיד) שולדנער, האָט אויף זיך געלד שולדען [1]. **בַּעֲלֵי חוֹבוֹת** (סוטה, מ.) **בַּעֲלֵי חוֹבִין** (נדרים, מו:) **בַּעַל חֹטֶם** (תענית, כט.) נאַזיקער. **בַּעַל חָיָב** דער שולדנער, אין אַ פערברעך וואָס דעם צווייטען איז אַרויס־געקומען אַ שאָדען. **בַּעֲלֵי חַיִּים** (שבת קכח. קדושין, נו) לעבענדע וועזענס, בעזאָנדערס: טהיערע, פיה און געפליגעלטע. **בַּעַל חֲלוֹמוֹת** (בראשית לז, יט) פערזאַינטערעסירט אין טרוימע־רייא. **בַּעַל חִסָּרוֹן** — אַ מענש מיט אַ קערפּערליכען פעהלער. **בַּעַל חֶשְׁבּוֹן** — געשיקט אין רעכנונגס קונסט. **בַּעַל חֲתֻנָּה** — פערפיהרט אַ האָכצייט.

ט) **בַּעַל טוֹבָה** — ליעבט צו העלפען דען צווייטען. **בַּעֲלֵי טוֹבָה** — **בַּעֲלֵי טוֹבוֹת. בַּעַל טַקְסָה** האַלט אַ געגענשטאַנד אין

---

1) במובן הרגיל מוסב השם „בעל חוב" מי שחיב לחברו, ובגמרא מוסב גם על האיש הנושה בחבירו בדאיתא, מנין לבעל חוב שקונה משכון (ב"מ פ"ב).

אַרענדרע פון די שטאָדט לייט, זאָ דאָס בלויז ביי איהם זאָל מען עס קויפען, נאָך זיין געשטעל=טען פרייז.

בַּעַל יְסוֹרִים (ב"ר פ' צד) לייי=דענדער, טראָגט איבער שמערצען. **בַּעַל יָשָׁר** — **בַּעֲלֵי יַשְׁרָנוּת** — אַ מענש מיט רעכטשאַפענהייט.

כ) **בַּעַל כֹּחַ** — קרעפטי=גער, העלדיש.

בַּעַל כִּיס (מנחות, מז) פערמעגט זייער אַ גרויסע געלד בייטעל (קאַפּיטאַליסט). **בַּעַל כָּרְחוֹ** (ברכות, ט:) געצוואונגען, איבער געוואַלד. **בַּעַל כִּשְׁרוֹן** (קהלת ה) פעהיג, ספּאָסאָבנע.

ל) **בַּעַל לָשׁוֹן** (קהלת י, יא) בעזיצט שפּראַך, גוטער סטיליסט. **בַּעֲלֵי לָשׁוֹן הָרָע** (סוטה, מט) פערלייימדער, בערייידער.

בַּעַל מַגִּיהַּ — שאַפט אָב די גרייזען (פעהלערן) אין געדרוקטע אָדער אין גע=שריבענע, פּרשיות מזוזות, ספרי=תורות ומגילות [1]). **בַּעַל מְדַקְדֵּק** (ד"ז איז בַּעַל דִּקְדּוּק) היט אָפּ די פּינקטליכקייט אין די רעגעלען פון אַ שפּראַך. **בַּעַל מִדְרָשׁ** — פערשטייט און איז בעקאַנט אין מדרשים. **בַּעַל מִדּוֹת** — טוגענדהאַפטער, בע=זיצט גוטע זיטען. **בַּעַל מַזָּל** דעם וואָס געהט איהם גליקליך אין אַלעם — **בַּעֲלֵי מַזָּל**, **בַּעֲלֵי מַזָּלוֹת** (זעה מזל).

בַּעַל מֹחַ — בעזיצט אַ גוטען קאָפּ. **בַּעַל מְחַבֵּר** — אַ פערפאַסער. **בַּעַל מְחַיֶּה** — אַ ווירטה פון אַ שפּייזע הויז, גאַרקיך. **בַּעַל מַחְלֹקֶת** — קריגער, צאַנקזיכטיגער. **בַּעֲלֵי מַחְלֹקוֹת** (ירושלמי פאה פ"א, תנחומא קרח, ד). **בַּעַל מַחֲשָׁבָה** — **מַחֲשָׁבוֹת** (סנהדרין, יט) נאַכזינ=נענדער. **בַּעַל מְטַפֵּל** — בעפאַלען מיט קליינע קינדער. **בַּעַל מְלָאכָה** (מדרש תהלים כה) האַנדווערקער, בעזיצט אַ פּראָפעסיאָן. **בַּעַל מוּם** (מגילה, כד. מנחות, ה) אַ פעהלער=

---

[1]) משרש הגה, מלשון הגו סיגים מכסף (משלי כה, ד):

האַפּטער, אַ קאַליקער. **בעלי מומין** (יומא, נד. עירובין, קח).

בעל מוסף — אַ דאַוונער פון מוספים, אום ימים נוראים, אַלס חזן. **בעל מפרנס** — אַ ברויט געבער, שפּייזט זיין הויז-געזינד.

בעל מופת — בעווייזט וואונדער. **בעל מצוה** (זעה — „בר מצוה"). **בעל מצרא** — גרענעץ נאַכבאַר (זעה — „בר מצרא").

בעל מקרא (עירובין, נד.) בעהאַווען אין תנ"ך. **בעל מרה שחורה** — מעלאַנכאָליק.

בעל משא ומתן (ב"ר, פ"ט) הענדלער, קויפמאַנן, פערפיהרט געשעפטען. **בעל משגיח** — גיט אַכטונג אויף אַ כלל-זאַך.

בעל משנה (ב"ב, ח) בעהאַווען אין משניות. **בעל משפחה** אַ פאַמיליאַנט. **בעל משפטים** (ישעיה נ, ח) פערפיהרט פּאָדערונגען אין געריכטס הייזער.

נ) **בעל נאמנות** — אַ מענש פון צוטרויא. **בעל נגינה** — בעזיצט אַ שיינע שטימע — צו זינגען. **בעל נחלה** — פערמאָגט לאַנד, אָדער געביידען. **בעל נס** — עס פּאַסירט איהם איבער-נאַטורליכעס. **בעל נסיון** — באַשטאַנען ביי אַ פּראָבע (בעהערשט איבער זיך). **בעל נצחון** — ליעבט צו בעזיעגען (אויסצופיהרען).

ס) **בעל סברא** (ירושלמי קדושין פ"ג) שאַרפזינניגער.

בעל סוד (משלי כה, טו) פער-האַלט אַ געהיימנים.

ע) **בעל עברה** — זינדיגער.

בעל עגלה — פוהרמאַן. **בעלי עגלות**.

בעל עולה — טוט אונרעכט געגען לייט. **בעל עסק**, **בעל עסקן** — אַ טוהער.

בעל עצה — בעראַטער, געהילפיג אין אַ ראַטה.

פ) **בעל פה** (תמורה, יד:) מונד-ליך, אויסווענדיג.

בעל פלפול (ב"ק, קמה) שאַרפזינניגער דיספוטירער.

בעל פועל (תהלים עד, יב) אַ אויפטוהער. **בעל פקדון** (ירושלמי שבת פ"ד) איינענטימער פון אַ בעוואַרונגס זאַכע (דעראַזיטאָר)

בעל פרנסה — אַ מענש פון לייזונג (האָט פיל קונדען).

צ) **בַּעַל צְדָקָה** (ילקוט קהלת פ״י פ׳ שלה) וואָלטהעטיגער. **בַּעֲלֵי צְדָקָה** במד״ר פ״ג).

ק) **בַּעַל קַבָּלָה** — קאַבּעַ־ליסט. **בַּעַל קְרִיאָה** — פאָרלעזער אין דער ספר תורה (קריאת התורה).

ר) **בַּעַל רַחֲמִים** (ויק״ר פ׳ יד) אַ באַרמהערציגער. **בַּעַל רַחֲמָנוּת** באַמיטליידענ־דער. **בַּעַל רְכִילוּת** — פערלײַמדער, אַ בערײַדער.

ש) **בַּעַל שַׁחֲרִית** שחריתים־דאַוונער. **בַּעַל שֵׂכֶל** — אַ פערשטענדיגער, מיט אַ גוטען פערנונפט. **בַּעַל שֵׁם** (פסחים פו: דאָרט איז געמיינט דער מיט דעם זעלבען נאָמען פון זיין חבר) אַזעלכער וואָס פערשאַפט זיך אַ נאָמען פון צוטרויאונג אַלס אַ וואונדער טהוער. **בַּעַל שִׂמְחָה** — וואָס מאַכט אַ באַל אוים פריידע. **בַּעַל שְׁמוּעָה** (ירושלמי שבת פ״א) רייך אין אָנגעהערטע ערצעה־לונגען. **בַּעַל שְׁמוּעוֹת** (מגילה יד. ב״ב קמה:). **בַּעַל שֶׁפַע** (דברים לג, יט) (דיזעלבע ווי בעל פרנסה) דער וואָס האָט אַ מענגע לייזונג. **בַּעַל ש״ס** (סנהדרין, קי) דער וואָס איז קלאָר אין גאַנץ תלמוד (אין ב״ק מה איז דער נוסח מפורש „בַּעַל גְּמָרָא״).

ת) **בַּעַל תַּאֲוָה** — בעגעהרט צו פרויען אַמעזירונג. **בַּעַל תַּכְלִית** — בעזאָרגט אַ צוועק פאַר זיין צוקונפט. **בַּעַל תַּלְמוּד** (ב״ב קמה: ויק״ר פ׳ כה, קה״ר פ׳ ב) תלמודיסט (דאָס זעלבע ווי בעל ש״ס, בעל גמרא). **בַּעַל תַּנַ״ךְ** — גוט בעהאַווען אין גאַנץ ביבעל. **בַּעַל תַּעֲנוּג** — ליעבט צו לעבען אין פערגעניגען. **בַּעַל תְּפִלָּה** — טראָגט פאַר געבעט אין שוהלע פאַר די געמיינדע. **בַּעַל תְּקִיעָה** — שופר בלאָזער, אום ראש השנה. **בַּעַל תּוֹרָה** (ירושלמי סוטה פ״ו) אַ לערנער. **בַּעֲלֵי תוֹרָה** (תנחומא, בהעלותך). **בַּעַל תְּשׁוּבָה** (ברכות לד: יומא פו: ב״מ נח.) אָבוועני־דעט פאָן זיינע פערברעכען. **בַּעֲלֵי תְשׁוּבָה** (ברכות, לד:).

בְּעִנְיְנֵי הַכְּלָל — אין די אינ־טערעסען פאָן דעם אַלגעמיינען.

בְּ׳עֶצֶם (איוב כא, כג) אין גרונד — **בְּ׳עֶצֶם הַדָּבָר** — אין גרונד זאַכע.

בְּעֵרֶךְ (ויקרא ה, טו) אונגעפעהר, אָבשאַצענד.

בְּ׳עַרְבָּאוֹת (גטין, ט.) אין גע־ריכטס הייזער.

בְּעֵירֹם וּבְחֹסֶר כֹּל (דברים כח, מח) אין נאַקעטקייט, און אין מאַנגעל אין אַלעם.

בְּ׳עֵת — ווערענד, אין דער צייט. **בְּעֵת מַעֲשֶׂה** (ירושלמי פסחים פ״ט) ווערענד דאָס האָט פּאַסירט.

בְּ׳פֶה מָלֵא — דייטליך, אויסדריקליך.

בְּ׳פַחֵי נֶפֶשׁ (שבת, קכז. ע״ז, ב) מיט בעקריינקטע זעלען. פערדריסליך.

בִּ׳פְנֵי כָּל עַם וְעֵדָה — אין דעם געגענוואַרט פון דעם גאַנצען פאָלק און געמיינדע. **בִּפְנֵי עֵדִים כְּשֵׁרִים וְנֶאֱמָנִים** — אין דעם געגענוואַרט פון אָנגענומענע און ריכטיגע צייגע. **בְּ׳פוֹעַל מַמָּשׁ** — גאַנץ אין דער טהאַט.

בְּ׳פַרְהֶסְיָא (ברכות, ה.) אָפענ־באַר.

בִּ׳פְרָט (סוכה, לז.) אויסשליסליך, בעזאָנדערס.

בְּ׳פֵרוּשׁ (ברכות, יא: חולין, צד.) דייטליך געזאָגט, אויסדריקליך בעשטימט.

בְּ׳פַשְׁטוּת — אין איינפאַכען אַרט.

בֵּיצָה — אײ. **בֵּיצִים** (דברים כב,ו).

בְּצַלְאֵל (שמות לא, ב) אין גאָטעס שאַטען. נאָמען פון דעם גרויסען קינסט־לער, וועלכער איז געוועזען דער דירעקטאָר אויף אַלע יובעליערער און גראַווירער אין גאָלד און אין דימאַנטען ביי דעם אויפשטעלען דעם מִשְׁכָּן. אונזערע חכמים פערטייטשען זיין נאָמען, ווי ער וואָלט בע־שטאַנען פון צוויי ווערטער „בְּצֵל—אֵל״, ד״ה: אין שאַטין גאָטעס—איז ער געוועזען (ברכות נה:) זאָנסט וואָלט ער אַזאַ קינסט־

לער און אזא עסטעטיק ניט געוועזען [1].

ב'צמצום (סנהדרין, עו: גטין, ז) גענוי, קוים אוים־קומענעם.

בצנעה (ע"ז, י. שם, כז, זבחים פח:) בעהאלטען, פערדעקט.

ב'צניעות — בעהאלטענד, פערדעקטערהייד.

ב'צרכי צבור (חגיגה, ב.) אין די אנגעלעגענהייטען דער געמיינדע.

ב'צרוף (חגיגה, ג.) פעראייניגט, צוזאמען מיט...

ב'צורת אדם — אין מענש־ליכען געשטאלט (געזיכט).

בקי (עירובין, עג) ערפאהרען, געניט — **בקיאים** (פסחים טו:). **בקי בחדרי תורה** (קדושין, י:) ערפאהרען, בעהאוועגט אין אלע טיעפסטע ערקלע־רונגען (קאמענטאריען) פון דער תורה.

ב'קבלה (ר"ה, ז) אויפנעהמענ־דיג, טראדיציאן.

ב'קבלת בחרם — אויפ־נעהמענד זיך צו זיין אין פערבאנד. **בקבלת קנין** — אננעהמען א בעשלום־ציינען אויף א קניה.

ב'קול רם (דברים כז, יד: תנחומא פקודי ז.) מיט א הויכע, הילכענדע שטימע.

בקולי קולות (ברכות, טו:) מיט געוואלדיגע געשרייען [2].

ב'קצור (סוכה, כט.) אין קורצען. „מאכט בקיצור" — אהנע שהיות.

בקור חולים (שבת, קכז. נדרים לט) אונטער־זוכען קראנקע.

ב'קרוב (יחזקאל יא, ג) קירצליך, נאהנטע צייט.

ב'קרוב (הושע ז, ו) אונגעפעהר, אהנליך.

בקשה (אסתר ה, ח) פערלאנג. **בקשות**. „דערלאנ־גען א בקשה" — איבערגעבען א ביטע שריפטליך.

---

[1] כן למשורר נשגב אומרים; „משורר בחסד אלהים".

[2] יש לשער כי ממנו תוצאות להשם Колоколь להפעמון המצלצל בקולי קולות בראש המגדל.

בּוּר (ברכות, מה. מנחות, מג) פּוּסטֶער, פּראָסטאַק, אוּנוויסענדער מענש — **בּוּרִים**. **בּוּר דְאוֹרַיְתָא** — פּוּסט פוּן תּוֹרה וויסענשאַפט.

בַּר (משלי לא, ב) זאָהן, (אין מערצאָהל גיבּט דאָס ניט), אין תלמוּד איז דאָס בּענוּצט ווי אין העבּרעאישער בּעדייטוּנג פוּן וואָרט „בּן" — אויף אַ בּעזיטצער אָדער אַ פאַך מאַנן, צב"ש: **בַּר אוֹרְיָן** (ברכות, יב. מנחות נג) האָט דעם זעלבּען בּעדייטוּנג ווי „בּן תּוֹרה" — אַ געלעהרטער [1]. **בַּר בֵּי רַב** (חגיגה, ה) אַ מענש וואָס נעהמט אוּנטערריכט אין אַ שוּהלע. **בַּר דַּעַת** (ב"מ פג. קדושין כד) אַ פערשטענדיגער, מיט אַ בּעשלאָסענעם מיינוּנג. **בַּר הָכִי** (סוטה, כו:) פעהיג אויף וואָס בּעזאָנדערס. **בַּר מַזָּל** — (זעה „מַזָּל"). **בַּר טוֹבִים** (ברכות, נח,) אַ יחסנ'דיגער מענש.

בַּר כּוֹכְבָא — שטערען־זאָהן; דאָס איז דער נאָמען פוּן דעם בּעוואוּסטען גרויסען יוּדישען העלד וואָס האָט געמאַכט אַ אָפּענטליכען אויפשטאַנד געגען די רוימישע מאַכט, וואָס האָט דאַן שטאַרק אוּנטערדריקט דאָס יוּדישע פאָלק מיט אַלערליי גזרות רעות זייענדיג אין זייער אייגען־לאַנד. ער האָט מיט גרויס העלדישקייט געשטריטען מיט די רוימער דוּרך די הילפע פאָן אַ גרויסע אַרמעע, וועלכע ער האָט אויפגעשטעלט פאָן יוּדישע גבּורים, וואָס יעדער פוּן זיי איז צוּם אַריינעמען אין בּר כּוכבא'ס אַרמעע נעפּרוּבּירט געוואָרען זיך אָבּהאַקען אַ פינגער ניט געבּענדיג זיך אַ קרים. אַזעלכע העלדען זיינען געוועזען מיט איהם בּיז צוויי הונדערט טויזענד, האָבּען איהם די חכמים אַריינ־

[1] לפי שמבוארה מלת אוריתא מלי „אור" שקאי על השכלה, יהיה בר אורין בלשון התלמוד כמו נאור בעברית: איש מלומד ובעל תורה. וכן מכנה התלמוד את התורה עצמה: „אורין תליתאי לעם תליתאי" (שבת, פח.) וכן ונקד הערוך השלם אורין ולא אורין שכמבטא התלמודים. ומסוגית הגמרא (במסכת קדושין, מט) משמע דאורייתא נקראת רק התורה עצמה ולא נביאים וכתובים.

גֶעשִׁיקט: „וויפִיל נאָך וועסטו אָנמאַכען בײַ יודען בעלי מומין?" פרעגט ער זײַ: „מִיט וואָס דען זאָל אִיך זײַ אויספּרובִּירען"? האָבּען די חכמים אִיהם אָבּגעענטפערט: „אַזעלכער וואָס קען נִיט אַרויסרײַסען אַ צעדער אִין וואַלד לבנון זאָל נִיט אַײנגעשרִיבּען ווערען אִין דײַן אַרמעע". האָבּען זִיך אויפגעקלִיבּען צוויי הונדערט טויזענד אויך אַזעלכע (איכה רבתי פ"ב פסוק בלע ה'). צוויי מִיט אַ האַלבּ יאָהר האָט ער געפִיהרט דעם קרִיג, און האָט שׁאָן געהײסען „יודִישער קענִיג". די גרעסטע חַכְמֵי־יִשְׂרָאֵל האָבּען געגלויבּט אִין זײַן הִילפע—דער תַּנָּא רַבִּי עֲקִיבָא האָט אִיהם אָנגענומען פאַר דעם ערוואַרטעטען משיח. וואָס מִיט זײַן נאָמען „בר כוכבא" אִיז ער מרומז אִין דער תּורה: דָּרַךְ כּוֹכָב מִיַּעֲקֹב (במדבר כד, יז), ד"ה: פון יודען וועט אַמאָהל אויף שטײַגען אַ שטערען! די רוימער האָבּען אִיהם בּשום אופן נִיט געקענט בּעזִיגען, בִּיז אַ שלאַנג האָט אִיהם אײַנגעבּיסען, זײַנענדִיג אויף דעם קרִיגס פעלד און איז דער פון געשטאָרבּען [1] און דער נצחון אִיז פערבּלִיבּען בּײַ די רוימִישע זײַטע; דאַן האָבּען זײַ מִיט גרויסע רציחות חרוב געמאַכט די גרויסע שטאָדט „בֵּיתָר" וואָס אִיז געוועזען זײַן רעזִידענציע [2]. די חכמִים, זעהענדִיג אַז זײַנע שליחות איז נִיט קײַן געטלִיכע, רופען זײַ אִיהם אַנשטאָט בּר כּוכבא—בּר כּוזִיבא (סנהדרין, צג. איכה רבתי שם) „פאַלשער זאָהן" [3]. דאַמִיט האָט זִיך געענדִיגט די יודִישע פּאָלִיטִישׁ זעלבּסטהערשונג אִין זײַער לאַנד [4].

---

1) הוא הוא בר דרומא שהכישו נחש, הנזכר בגטין נז. כן דעת הערוך ערך „בן כוזיבא" ונשנה כן גם בערך „ביתר".

2) מחורבן ביתר הרבה לספר במסכת גטין נז. ירושלמי תענית פ"ד הל' ז, איכה פסוק בלע ופסוק צדו.

3) שם בערוך הוא אומר שנקרא בן כוזיבא על שם עירו שביהודה.

4) בר כוכבא איז ערואינערט אין תלמוד: סנהדרין צז: ירושלמי תענית פ"ד

בר מזל (ב"ב, יב:) וועלכער עס בעגליקט אים אין אַלעס.

בר מינן (ברכות לח, מג. חולין צח.) אַזוי רופט מען אַ מענשען נאָך יציאת הנפש ביז דער קבורה, ד"ה: „אויסער אונז" — גלייך ווי אין זאַרגאָן: „ניט פיר אונז געדאַכט"!.

בר מצוה (ב"מ, צו) פערפליכטעט צו אַלע מצות. אַזוי הייסט אַ יודיש איינגעל ווערענדיג דריי צעהן יאָהר אַלט, ווי עס האָבען בעשטימט אונזערע חכמים „בן שלש עשרה למצות" (פרקי אבות פ"ה). דער ספר הזוהר מאַכט פון דעם טאָג זייער אַ גרויסען וויכטיגקייט, און הייסט אַז פרומע עלטערען זאָלען מאַכען צו דער צייט אַ פייערליכע סעודה, גלייך ווי זיי וואָלטען איהם פיהרען צו דער חפה [1].

בר מצרא (ב"מ קח:) (זעה „בעל מצרא"). **בר נש** (ירושלמי ב"ב, עד ובזוהר) אַ פשוטער מענש.

בר סמכא (גטין, ו:) אַ פאַך מאַנן, אויטאָריטעט — וואָס מען קען זיך אויף איהם פערלאָזען (סומך זיין).

בר שכל (זעה — „בעל שכל").

בר פלוגתא — געגנער (אָפּאָנענט).

בורא (ישעיה מ, כח) באַשעפער.

בריאה (במדבר מד, ל) באַשעפעניס. **ברואים**, **בריות**.

בריאות — געזונדהייט.

ב'רבים (ברכות, מד) פובליצנע, אָפענטליך — **ברב עם** (משלי יד, כח) אונטער אַ גרויסען פערזאַמלונג.

ב'רגז (חבקוק ג, ב). **ברוגזא** — זיינענדיג פערבייזערט, אין צאָרען. „פיר אַ ברוגז'ען לאָזט מען ניט".

הל"ח. רמב"ם הל' מלכים פי"א און מדרש איכה פ"ב פי בלע)„ ביי דעם יודישען המון איז ער בעקאַנט געוואָרען אין נעגענוואַרטיגער צייט דורך דעם פאָלקס בעליעבטען דראַמאַטור און אפּעריסט „אברהם גאָלדפאַדען" ז"ל.

[1]) בענין בר מצוה איתא בזהר חדש בזה"ל: „אמר ר"י מתליהר שנין ולעילא ההוא יומא חובתא על צדיקיא למעבד חדותא כיומא דסליק לחופה, והקב"ה כרוזא קדמיהון בחדוה: צאינה וראינה בנות ציון בעטרה שעטרה לו אמו וגו'.

בְּ׳רֶוַח (סוטה, כו:) מיט פערדינסט.

בּוֹרֵחַ (בראשית לא, כ) ענטלויפט, ציהט אָפּ, ענטלאָפענער.

בְּ׳רָחֵל בִּתְּךָ הַקְּטַנָּה (בראשית כט, יח) „פאַר רחל׳ן דיין קלענערע טאָכטער״ — האָט בפירוש אויסגערעדט יעקב אָבינו מיט לָבָן זיין שווער: — „וועל איך דיר דינען 7 יאָהר״. און לָבָן האָט איהם דאָך אונטער געשטעלט לאָה׳ן די גרויסע.

בְּרִיָּה (ברכות, יז) באַשעפעניס. **בְּרִיָּה מְשׁוּנָּה** — אונגעווייגליכע בעשעפניס — **בְּרִיּוֹת** (חולין, קכד). **בְּרִיּוֹת מְשׁוּנּוֹת** ברכות, ו). אַ זעלטענע בריה („בְּרִיָּה״ בל״ז) זעהר אַ געשיקטע אין געשעפט, „בריות׳קייט״ חראַבראָסט.

בָּרוּךְ (בראשית ט, כו) געבענשט, געלויבט. **בְּרוּכִים** (ש״א כג, כא) **בָּרוּךְ הַבָּא** (תהלים קיח, כו) געזעגנעט זיי דער דאָ קאָמט! ווילקאָמען! — מיט דעם אויסדרוק ווערט אויפגענאָמען אַריינקומענדער גאַסט — **בְּרוּכִים הַבָּאִים**. **בָּרוּךְ הַשֵּׁם** (זכריה יא, ה) ב״ה — געלויבט איז גאָט, אַ דאַנק גאָט. **בָּרוּךְ ה׳ יוֹם יוֹם** (תהלים סח, כ) — אַ דאַנק גאָט פיר יעדען טאָג־קאָסטען. **בָּרוּךְ חַיּוּתְכֶם** — געבענשט זאָל זיין אַייערע ערנעהרונג! אַזוי איז די זיטע צו זאָגען אַריינקומענדיג ווען מען געפינט ביים עסען [1].

בָּרוּךְ דַּיַּן הָאֱמֶת (ברכות נד, שם ס: מס׳ סופרים פי״ח הל׳ ז) אַ דאַנק דעם ריכטיגען

[1] ברכת הנמום אל הסועדים ביתר הלשונות, מברכים: „אכלו בתאבון נמריץ״ (מיט אשטערקען אפעטיט), אבל הברכה שבעברית היא לפי תכונת עם ישראל במדתו הסתפקות, רק להשקיט הרעבון, והברכה היא להאוכל שהמאכל יתברך במעיו, כמ שמבארים את הכתוב (משלי יג, כה) „צדיק אוכל לשובע נפשו ובטן רשעים תחסר״ פי׳: הצדיק אוכל רק להשביע נפשו לבל ירעב — בלי שום לב אם מעט אם הרבה יאכל והרשעים יתאוננו על תאות האכילה שהיא אתם במדה זעומה, כאלו בטן רחבה תחסר להם כדבעי, להכנים שם אכל למכביר; וכ״ז מתאים עם דברי השל״ה (שער האותיות דף ע״ט ד״ה ולהורות) עה״כ: ויהי עשו איש יודע ציד ויעקב איש תם עי״ש. ומי המציא את ברכת הנמום הזאת אי אפשר לדעת.

ריכטער — אַזוי איז די ברכה אויף אַ שלעכטע נאַכריכט, אין דעם זינן ווי אין יודיש: „גאָט איז גערעכט און זיין משפּט איז גערעכט"; דער אונטער־שיעד איז, דאָס די העברעאישע ברכה איז אָהן שם ומלכות, כדי ניט צו דערמאָנען גאָטעס נאָמען אויף אַ שלעכטען צופאַל.

בָּרוּךְ שֶׁפְּטָרַנִי (בר"ר פ"ג, ו) אַ דאַנק דעם וואָס האָט מיר בעפרייט—דאָס איז די ברכה וואָס אַ פאָטער מאַכט נאָכדעם אויפרופען זיין זאָהן לתורה צו זיין ווערין בעל מצוה (וע"ה ארטיקעל — „בַּר מִצְוָה").

בָּרוּךְ (ירמיה לב, ד) געבענשט. איינע פון די מענליכע נעמען אין ביבל, און עקזיסטירען נאָך יעצט. מיט דעם נאָמען הייסט דאָרט דער שרייבער פון מגילת איכה **בָּרוּךְ בֶּן נֵרִיָּה** וואָס יִרְמְיָהוּ הַנָּבִיא האָט איהם פאָר־געזאָגט, אויף דעם קומענדיגען חרבן בית ראשון (ירמיה, לו).

אין די אַפּאָקריפען איז דאָ אויך זיינע אייגענע פערפאַסטע קאַפּיטלען.

בְּרָכָה (בראשית יב, כ) זעגען, בענטשען — **בְּרָכוֹת** (תהלים כא, ז). **בְּרָכָה אַחֲרוֹנָה** (ברכות, לה) די ברכה וואָס נאָך דעם עסען. **בִּרְכַּת הַבַּיִת** (כתובות, קג) אַ הויז מַזָּל־בְּרָכָה.

בִּרְכַּת הַגּוֹמֵל (ברכות, נד.) גומל בענטשען, אַזוי הייסט די ברכה ווען מען קומט אַרויס פון אַ סכנה בשלום. **בִּרְכַּת הַחֹדֶשׁ** (שם) ראש חדש בענטשען. **בִּרְכַּת הַמָּזוֹן** (סוכה מו.) בענטשען נאָכ'ן שפּייזען.

בִּרְכַּת הַתּוֹרָה (ברכות, כא.) די ברכה פאָר דעם לערנען.

בִּרְכַּת חֲתָנִים (חולין, ט) ד"ה: די שֶׁבַע־בְּרָכוֹת. **בִּרְכַּת כֹּהֲנִים** (ברכות, יב) די ברכה וואָס כהנים בענטשען דעם פאָלק צום דוכנ'ען, מיט די דריי פסוקים: „יְבָרֶכְךָ ה', יָאֵר ה', יִשָּׂא ה', (במדבר ו, כג–כו). **בְּרָכָה לְבַטָּלָה** (ברכות סג:) אומנייטיגע ברכה. „ברכה מאַכען". הייסט, ווען מען לאַדעט יעמאַנדען געניסען. „מאַכען אַ ברכה"—ניט געניסען,

אָהן אַ ברכה [1]). „אַ ברכה אויף אַ דונער" (ברכות, נט). „אַ ברכה אויף דיין קעפעלע" (שבת, לא).

בְּרָכָה — די לעצטע סדרה פון פינפטען חומש דברים (זעה—„וזאת הַבְּרָכָה").

בְּרָכָה (דהי"א יב, ג) אַ מענליכער נאָמען דאַן, יעצט אַ ווייבליכער.

בְּ׳רָמָאוּת (ב"ב, קכג. קידושין, נח) מיט בעטרוג, מיט פאַלשקייט.

בְּ׳רְמִיזָה (גטין, נט.) מיט אַ ווינק (געבענדיג אַ צייכען).

בְּ׳רָצוֹן (שבת, נד:) אויס גוטען ווילען (פריינוויליג).

בּוֹרֵר (סנהדרין פ"ג) אויסקלייבער **בּוֹרְרִים** — ווען צוויי צדדים האָבען צווישען זיך אַ שפּאָר, קלייבט יעדער זיך אויס איין מענש פאַר אַ בּן (זה בורר לו אֶחָד). אָבער דער אויסגעקליבענער דאַרף הייסען **בָּרוּר** — **בְּרוּרִים** זאָגען אויך לומדים **בּוֹרֵר** — די אונטער־נעהמונג הייסט **בְּרֵירָה** — אויסקלייבונג: „זיצט אויף אַ ברירה"; „אַ ברירה האָב איך"? הייסט ווען מען טוט וואָס גע־צוואונגען, ניט קענענדיג פיר זיך בעסערס אויסקלייבען.

בְּ׳רֹאשׁ (מ"א כא, ט) אויבען אָן, אויך: פאָראויס (מיכה ב׳ יב: סנהדרין, קב.).

בְּ׳רֵאשִׁית (בר׳ א, א) אַם אָנ־פאַנג. מיט דעם וואָרט הייבט זיך אָן דער חומש „ספר בראשית" און צוליעב דעם הייסט דער גאַנצער טהייל פון דעם חומש „ספר בראשית", אויך די „סִדְרָה" הייסט בראשית— אַזוי הייסען אויך אַלע סדרות נאָך זייער הויבט וואָרט מיט וועלכען זיי פאַנגען אָן. אין די סדרה בראשית איז בעשריעבען איבערהויפּט דער סדר פון דער ערד בעשאַפונג וואָס פריהער און וואָס שפּעטער: לופט, וואַסער, יַבָּשָׁה, געוויכסע לעבהאַפטע, אַגב פון וואָס איר

[1]) כמאמרם: אסור לאדם שיהנה מן העולם הזה בלא ברכה וגו׳ ילך אצל חכם וילמדהו ברכות, וכל הנהנה בלא ברכה כאלו נהנה מקדשי שמים ומעל (ברכות מה).

איז בעלאנגט צו האבען פון הימעלשען סיסטעם, זיינען בלויז דערמאנט: די זונן די לבנה, און אין אלגעמיין — שטערען, וואס זייער שיין גרייכט אויף איהר, וואס פון דעם האט זי איהר בעלייכטונג (בראשית א, יז) און צייט רעכנונג (שם, יד); אויך ווי אזוי עס רעגענט פון איהר אויף איהר (שם ב, ו: בראשית רבה פ' יב) ביז עס קומט צו מענשען אליין. די סדרה לערנט אונז אויך פון די געשיכטע מיט קין והבל (שם ד, א—יב) אז א מענש זאל ניט דיינקען אז דער צווייטער מאכט איהם איינג די וועלט, דען ווען די וועלט האט געהערט נור צו צווייען, האט איינער דעם צווייטען ערמארדעט זייענדיג זאגאר א ברודער. יעדער איינציגער אין געגענטהייל בריינגט נוטצען דעם מענשליכען געזעלשאפט; איין מענש אין דער וועלט וואלט געווים ניט געהאט אליין אויסגעארבייט פיר זיך אזוי פיעל בעקוועמליכקייט, און וואלט אוים גייין פון מאנגעל און הונגער איידער ער וואלט אוספייען איינער אליין צו פערפערטיגען פיר זיך וואס איהם איז נייטיג [1].

ב'רשות (פ"ק, לב) מיט דיא ערלויבניס. **ברשות בעל הבית** — מיט דיא ערלויבניס פון דעם הויז ווירטה.

ברית (בראשית יד, יא) בונד, נעמליך דאס מהל'ן, וואס די תורה רופט דאס „אות ברית" (שם יא) א בונדעס צייכען אויף דאס יודענטהום; מעהר דייטליך איז: **ברית מילה** די צערעמאניע פון בעשניידונג דעם קנאבע צום אכטען טאג נאך זיין געבארען (בראשית, יז).

בושה (תהלים פט, מו. גדרים, כ.) בעשעמונג. **בישן** (נדרים כ. אבות פ"ב:) **בישנים** — שעמהאפטע.

[1]) ז"ל הגמרא: „כמה יגיעות יגע אדה"ר עד שמצא פת לחם, עד שמצא בגד ללבוש ואני משכים ומוצא אלו הכל מתוקן לפני (ברכות, נח). ולענ"ד זה כונת הכתוב: „לא טוב היות האדם לבדו אעשה לו עזר כנגדו" (בראשית ב, יח) לא קאי על האשה שהיא העוזרת, רק על הבנים שנולדו באמצעותה ואיש את אחיו יעזרו.

ב׳שבע עינים (זכריה ג, ט) מיט זיבען אויגען, שטרייג נאכקוקען.

ב׳שוגג (פסחים, קמ) אונגערען, פערזעהן.

ב׳שלוה (ב״ר פ׳ פד, ג) גאנץ בערוהיגט, אהן זארג.

בשלח — די פיערטע סדרה אין צווייטען ספר (שמות יג, יז–יז, טז) און די 16-טע אין דער תורה. אין די סדרה איז בעשריבען ווי די רעאקציע איז פארגעקומען ביי די עגיפ־טישע מלוכה געגען די יודישע בעפרייאונג מיט גרוים אימפעט, זיי האבען גאר אין גאנצען פארגעסען די פיעלע צרות וואס די לאנד מצרים איז אויסגע־שטאנען איבער דעם בלוטיגען געוואלד־טהאט וואס זיי האבען בעהאנדעלט מיט דעם יודישען פאלק וואס זיי אליין האבען אויפ־מערקזאם געמאכט דעם מלך מצרים: דו ווייסט דען נאך אלין ניט דאס עגיפטען איז פערלארען [1]. יעצט נאך דעם בעפרייאונג האבען די אדמיניסטראציע זיך געווענדעט צום פאלק און זיי אנגעהעצעט [2]: „צו וואס האבען מיר דאס געטהאן און בעפרייעט די ישראליטען פאן אונזער דיענסט", אבער אז די צייט איז געקומען איז די פרייהייט אויסגעפיהרט געווארען אין שטרייננגסטען און איבער נאטיר־ליכסטען ארט, דאס די גאנצע נאטור איז אויף געשטאנען געגען זיי—זי הייסט „פרשת שירה" [3].

ב׳שלום (ברכות, לח.) מיט פריעד.

בשלמא (יומא, יד. מגילה, ט) אין פריעדליכעם ארט,

---

[1] ויאמרו עבדי פרעה אליו שלח את האנשים וגו׳ הטרם תדע כי אבדה מצרים (שמות יב, ה).

[2] ויהפך לבב פרעה ועבדיו אל העם ויאמרו אל העם מה זאת עשינו כי שלחנו את ישראל מעבדנו (שם יד, ה)

[3] כל זאת מרומז בשירה הרוממה שירת הים „אמר אויב ארדף אשיג אחלק שלל" וגו׳ נשפת ברוחך כסמו ים וגו׳ עי׳ שמות רבה פ׳ השירה ושהש״ר פסוק לסוסתי ברכבי פרעה.

נאָכגעבענדיג. **בְּ'שְׁלֵמוּת** — אין פאָלקאָמענהייט.

בְּ'שְׁלֹשָׁה הֶדְיוֹטוֹת (ב"ב קכ:) מיט דריי ציווילנע מענשען, ניט קיין פאַך לייטע.

בְּ'שׁוּם אוֹפֶן — אויף קיין אַרט.

בְּ'שִׂמְחָה רַבָּה — מיט גרויס פריידע.

בְּשָׂמִים (שמות ל, כג) געווירץ. „בשׂמים געשעפט" — אַקלייט פון געווירץ, שפייז זאַכען.

בַּיְשָׁן (נדרים, כ.) שעמענדיגער (וועה— „ביוש").

בְּ'שָׁעָה (שבת, נו:) אין דער צייט, **בִּשְׁעַת הַסַּכָּנָה** (סנהדרין, צב) ווען עס האַלט ביי אַ געפאַהר. **בִּשְׁעַת חֶדְוָה** (ב"ר פ"ו כז. עי' רש"י סוף בראש') אין אַ פרעהליכע צייט. **בִּשְׁעַת מַעֲשֶׂה** (ירוש' פסחים פ"ט) אין דער צייט ווען עס האָט פאַסירט. **בִּשְׁעַת מִיתָה** (סנהדרין, לט: תנחומא ברא' א) אין דער צייט צום אָבשטערבען.

בְּ'שָׂפָה רָפָה (ירושלמי מכות פ"ב, שבועות פ"ו סוף הל' ז) מורמענד אונטערען נאָז.

בְּ'שֵׁפֶל הַמַּצָּב — אין אַ גע־פאַלענע לאַגע.

בְּ'שׁוּפָע (ויק"ר פ"ד שם הנוסח בְּשֶׁפַע) אַ מענגע, איבער גענוג.

בָּשָׂר (בראשית ט, ד.) פלייש. **בָּשָׂר בְּחָלָב** (ברכות ז. חילין, קט.) פלייש אין מילך, געקאָכט צו זאַמען. **בִּשְׂרָא דְתוֹרָא** (נדרים מא:) אָכסען פלייש. **בָּשָׂר וְדָגִים** (בזמירות לשבת) פלייש און פיש. **בָּשָׂר וָדָם** (שבת, פח:) פלייש און בלוט [1]. אונזערע ספרי מוסר רופען אַזוי אָן דעם מענשען ער זאָל ניט זיין ביי זיך אַזוי האָפּערטיג און זאָל וויסען „זיין סך הַכֹּל" דאָס ער בעשטייט נור

1) כנוי לאדם השפל (ירושלמי ברכות פ"ט) על שלא יוכל להשליט את הרוח על הבשר, כמ"ש: לא ידון רוחי באדם לעולם, בשגם הוא בשר (בראשית ו, ג) וכן בתפילותינו: „ואל תצריכנו לידי מתנת בשר ודם" (עירובין יח:). חז"ל דרשו השם „אדם" בר"ת: „בושה סרוחה רימה" (סוטה ה).

פון אַ פּאָר פּוּד פלייש און אַ ביסעל בלוט. **בָּשָׂר טְרֵפָה** טרפה פלייש (זעה „טְרֵפָה"). **בָּשָׂר כָּשֵׁר** — כשרע פלייש, טויג־ ליך צום עסען נאָך די רע־ ליגיאָנס געזעצע [1].

בְּשׂוֹרָה (ש"ב יח, כה) מעלדונג, אָנזאָגען, פערקונדען.

בְּשׂוֹרוֹת (פערגרייזט – בשורה, בשורות בל"ו). **בְּשׂוֹרוֹת טוֹבוֹת** (ברכות יד,). **בְּשׂוֹרוֹת רָעוֹת** (שם יז).

בֹּשֶׁת (תהלים לה, כו) שאַנדע, שעמונג אין שמאַך.

בֹּשֶׁת הַפָּנִים (דניאל ט, ז. נדרים כ. אבות פ"ה). **בֹּשֶׁת פָּנִים** (סנהדרין, קד) באַשעמען דאָס גע־ זיכט (עי' שבת, עז: כתובות סג:)

בֹּשֶׁת וּפְגַם (כתובות, מ:) באַשעמען און פעהלערהאַפט מאַכען.

בְּ'שׁוּתָּפוּת (עירובין, עא) צוזאַמען האַנדלען, עט קאָמפּאַניע.

בְּ'שְׁתִיקָה — שטילערהייד.

בְּ'תְּחִלָּה (בראשית יג, ג) אַם אָנפאַנג, ווערסט.

בֵּי"ת — יעדער וואָרט בית אָדער בתים וואָס קומען פער־ אייניגט (אין סמיכות) ווי: „בית חַיִים", „בָּתֵּי כְנֵסִיוֹת" א. ד. ג. זעה אין אַרטיקעל — „בית".

בַּת (שמות כו, א) אַ טאָכטער.

בָּנוֹת. בַּת טוֹבִים (תנחומא במדבר סי' ה) **בַּת יִשְׂרָאֵל** (שבת קכו) אַ אידישע מיידעל.

בַּת־כ (בראשית רבה פ' נח, א) אַ 20 יאָהריגע מיידכען. „אַ בת ישראל נויט מען ניט" זי זאָל זיך פער־ הייראַטען מיט וועמען זי וויל איהם ניט [2]. **בַּת מַלְכָּא**

---

[1]) כשר נמצא במקרא: וכשר הדבר לפני המלך (אסתר ח, ה) כלומר ישר, גם להוראת „יצלח": אינך יודע אי זה יכשר (קהלת יא, ו), ובתלמוד—מוכשר לקבל טומאה (מכשירין פ"ו, מ"ו) כלימר: מתוקן וראוי לזה.

[2]) דאס איז אנגעוויזען פון פסוק „נקרא לנערה ונשאלה את פיה" (בראשית כו; נז) אויך פון פסוק לטוב בעיניהם תהיינה לנשים (במד' לו, ו) אפילו ווען דער פאטער זאל אננעהמען פיר איהר קדושין ווען זי איז קליין קען זי עלטער ווערענדיג זאגען: איך וויל ניט און „אינה מקודשת" און בעדארף אפילו קיין גט (ד"ה מיאון). אויף די ראיה פון נקרא לנערה ונשאלה את פיה" האט זיך איינער איין געעקסענט און זי אב

(ב"ב, ג) אַ פּרינצעסין [1]. **בַּת עוֹלָם הַבָּא** (כתובות קיא)—ד"ז זוי בן עולם הבא. **בַּת תַּלְמִיד חָכָם** (פסחים, מט.) אַ געלעהר-טינס אַ טאָכטער. אין תלמוד איז זייער פיל מאָל אויפמערק-זאַם געמאַכט צו הייראַטען אַ בת תלמיד חכם.

בִּתְיָה (דהי"א ד, יח) (באַשע בל"ז), געטליכע טאָכטער — מיט דעם נאָמען האָט געהייסען פרעה'ס טאָכטער וואָס האָט משה רבינו'ן אַרויסגעצויגען פון טייך און אים ערצויגען אַלס אַ אייגען זאָהן [2]. אויך די בת פרעה וואָס שלמה המלך האָט גענומען, הייסט אויך מיט דעם זעלבען נאָמען (ויק"ר פי"ב).

בְּתוֹךְ (מ"ב ד, יג) אין דער מיטע. **בְּתוֹכָם** (איוב א, ו) אונ-טער זיי. **בְּתוֹךְ כְּדֵי דִבּוּר** (ב"ק, עג:) אין זעלבען ריידען. **בְּתוֹךְ הַבָּאִים** (בראשית מב, ה) אונטער די אָנקומענדע. **בְּתוֹךְ כַּךְ** — אונטער דעסען.

בְּתוּלָה (בראשית כד, טז) יונג-פרוי, אַ מעדכען פאַר דעם הייראַטען — **בְּתוּלוֹת** (אסתר ב, ב). **בְּתוּלִים** (דברים כב, יד) צייכען דער יונגפרוישאַפט.

בְּתָם לֵבָב (בראשית כ, ה) מיט דעם גאַנצען הער-צען (נאַאיו). **בְּתְמִימוּת** — אָהן פאַלשקייט — אונשולדיג.

בִּ'תְנַאי (נזיר, לב) מיט אַבעדינג.

בְּ'תוֹרַת גְּמִילַת חֶסֶד — אין אַרט געפעליגקייט.

בִּ'תְשׁוּבָה — מיט בערייאונג, אויסבעסערונג, מיט אַנט-וואָרט, אין דעם בעאַנטוואָרטען.

געפרעגט „דאס רבקה וואר דאך דאן ניט קיין בת ישראל"? צו ווארום האבען מיר אנגענומען פון איהר דעם מנהג פון דעקטוך מיט איהר ברכה: „אחותנו את היי לאלפי רבבה".

[1]) במקרא היא „בת מלך" (תהלים מה, יד) ובתלמוד בלשון ארמית תתוסף „א" ויהיה בת מלכא (ב"ב, ג) וכן: אם מלכא אנא (גטין, נ"ו) ע"כ חושבין בטעות לשם נקבה בת מלכה כאלו כתוב בה"א בסופה לסי' נקבה.

[2]) בת פרעה שהצילה את משה (ויק"ר, פ"א): אמר לה הקב"ה לבתיה בת פרעה: „משה לא היה בנך וקראתיו בנך אף את לא את בתי ואני קורא אותך בתי „בת-יה". ויותר בילקוט משלי רמז תנ"ו וסוף דב"ר.

ג.

ג — געשטאַלט דער 3=טע אות אין דעם אַלף=בית. מיט איהם בעצייכענט מען אויך דעם צאָהל 3, צב״ש:

ג׳ אֲלָפִים — 3 טויזענד. **ג׳ גַבְרֵי** — 3 מאַנן (צום עולה לתורה זיין). **ג׳ אַמּוֹת** — 3 עללען. **ג׳ טְפָחִים** — 3 שפאַן. **ג׳ פְּעָמִים** — 3 מאָל.

אויך קומט דער ג אין פערקירצונג מיט נאָך בוכשטאַבען, אנשטאָט גאַנצע ווערטער, ווי דיעזע:

ג״א איז אויספיהרליך צו לעזען: גִימֶל אַמּוֹת, גִימֶל אֲלָפִים.

ג״ט — גִימֶל טְפָחִים.

ג״כ — גַם כֵּן.

גחש״א — גְמִילוּת חֶסֶד שֶׁל אֱמֶת.

גמ״ח — גְמִילוּת חֶסֶד.

ג״ע — גִלּוּי עֲרָיוֹת, גַן עֵדֶן.

ג״פ — גִימֶל פְּעָמִים.

גַאֲוָה (תהלים לא, כד) הויכמוטה, שטאָלץ. דער וואָס בעזיצט דאָס — הייסט: **בַּעַל גַאֲוָה** — גאוה גיט מערסטענטהייל ביי פוסטע מענשען. אויף דעם גייט דיזע שפּריכווערטער: „ביי איהם איז מעהר גַאֲוָה ווי גְדוּלָה״ (מגילה כט, ב״ב צח), גאוה ליגט אויף דעם מיסט, ווער עס וויל נעהמט אומזיסט״.

גוֹאֵל (רות ג, ט) פערוואַנדטער, אָננעהמער, בעפרייער, ערלעזער. **גוֹאֵל הַדָּם** (במדבר לה, יט) בלוט׳ס=פריינד, ראַכע נעהמער. **גוֹאֵל יִשְׂרָאֵל** (ישעיה מט, ז) דער יודישער ערלעזער, **גוֹאֵל צֶדֶק** (שמו״ר פ״ה) דער גערעכטיגער ערלעזער.

גְאוּלָה (ויקרא כה, ד) ערלעזונג, בעפרייאונג, אויסקויפונג. **גְאוּלָה שְׁלֵמָה** — אַ פאָלקאָמע אויסלייזונג.

גָאוֹן (ישעיה ס, טו) גּעניע, הויכקייט, מיט אונגעוויינליכע

פעהיגקייטען, פארמאלס א טיטול פון גרויסע רבינער און יעצט א גרויסער געלעהרטער אין תלמודישע, רבינערשע ליטערא־טור [1]. **גאונים. גאונות.**

גאון הדור — דער העכסט געלעהרטער אין זיין צייט.

גאון ישראל (נחום ב, ג) העכ־סטער אונטער יודען (אין תלמודישע קענטניסע). **גאון עולם** (ישעיה ס, טו) א וועלט געניע.

גובה (כתובות, צ) מאנט אויף.

גובה הקהל — מאנט אויף, קאסירט איין פאר די געמיינדע — אדער פון דער געמיינדע.

גבאי (בכורות, לא.) **גבאים** (אבות חגיגה, כו). **גבאי־בית־הכנסת** — פארשטעהער אין שול, אייגענטליך אויך איינ־נעמער די שול שולדען. **גבאי צדקה** (ב"ב ח: ט.) פארשטעהר פון וואהלטהעטיגע אנשטאלטען.

גבול (בראשית י, יט) גרענצע—פון אלאנד אדער אייגענפלאטץ.

גביר (בראשית כז, כט) הערשער— **גבירים** — **גבירה** (מ"א יא, יט). גבירטע. **גבירות** — גבירשאפט — רייכטהום, אויך גבירהות. **גביר אדיר** — **גבירים אדירים** — שטארק רייך.

גבור (בראשית י, ח). **גבר** (ב"ב, לד:) שטארק, מעכטיג.

גבורים (יהושע י, ב). **גבורה** (שמות לב, יח) שטארקע טאפפער־קייט. **גבורות** (תהלים קו, ב).

גבורת הבורא—גבורת ה' (שם) גאטעס מאכט. „זיך גובר אנדגעגען דעם יצר הרע" (מגילה, טו: ד"ה: לאזען וואנקען, דעם בייזען געדאנקען. **גבר בגוברין** (ברכות, לא) דער מעכ־טיגסטער אונטער העלדען.

גבור חיל (שופטים יא, א) טאפ־פערער העלד. **גבורי מלחמה** (דהי"ב יג, ג) קריעגס העלדען.

גבריאל (דניאל ט, כא) גאטעס מאנן (ד"ז ווי איש אלהים). איינער פון די נעמען

---

[1] כל החכמים שעמדו אחר חיבור הגמרא, ובנו בו ויצא להם שם בחכמתם— הם הנקראים גאונים וכו' (הרמב"ם במבוא ליד החזקה. עי' ערוך ערך „גאון").

וואָס מיר רופֿען אָן מלאכים, וועלכע מיר האָבּען מיט זיך גע־בּראַכט פֿון בּבל[1], יעצט גיבּט עס אונטער מענליכע נעמען.

גוֹג וּמָגוֹג (ברכות יג. סנהדרין, יז) דאָס איז די לעטצטע מלחמה פֿאַר משיח'ס קומען, וואָס פֿאָן דאַן אָן וועט ווערען אַ אייבּיגער אַלגעמיינער וועלט שלום, וועדליג דער פּרינציפּ פֿאָן יודענטהום, איינשטימיג מיט די נבואה פֿון די נביאים (ישעיה ב, ד. מיכה ד, ג).

גָּד (בראשית ל, יא) גליק. איינער פֿון די 12 זיהן אונזער פֿאָטער יעקב'ס, געבּאָרען פֿון זלפה, זיין שבט איז בּעשטאַנען אַרויסגייענדיג פֿון מצרים — 45,650 מאַנן פֿון 20 יאָהר (במדבר א, כה).

גִּיד (בראשית, יב) דער אָדער־גיבּיין — **גִּידִים**, **גִּידִין** (חולין, עז). **גִּיד הַנָּשֶׁה** (בראשית לב. חולין פז) דער שפּאַנאָדער. ער געפֿינט זיך אין די הינטערס־טע העלפֿט פֿון די בּהמה, און ווען מען נעמט דאָס ניט אַרויס (דאָס הייסט מְנַקֵּר זיין), עסען יודען ניט דעם גאַנצען טהייל.

גָּדוֹל (ברא׳ ד, יג) גרויס, וויכטיג — **גְּדוֹלִים** (שם יב, יז) **גְּדוֹלָה** (שם טו, יב). **גְּדוֹלוֹת** (ירמיה מה, ה). **גְּדוּלָּה** (אסתר ו, ג) גרויס־קייט. **גָּדוֹל בְּיִשְׂרָאֵל** (תהלים עו, ב) גרויס אונטער יודען.

גְּדוֹל הַדּוֹר (סוטה יב. קדושין עא) גרעסטער אין זיין צייט. **גְּדוֹלֵי הַדּוֹר** (ברכות, סג. קדושין, לב). **גַּדְלוּת** — גדול'דיג (הוריות, ט) בּיי זיך האָפֿעריג.

גְּדוֹלִים (הוריות, יג.) גרויס־בּאַדערפֿניס.

גָּדוֹל (פסחים, קז) **גּוֹדֶל** (ברכות כז) נעמען אונטער תלמודיסטען, אויך — **גְּדַלְיָה** (ירמיה מ–מא) גרויס דורך גאָט. מיט דעם נאָמען האָט געהייסען דער אידישער נאַמעסטניק, וואָס דער מלך בּבל האָט בּעשטימט אין ארץ ישראל אויף די פֿער־בּליבּענע יודען דאָרט נאָך דעם ערסטען חורבן. און ישמעאל

1) א״ר חנינא: שמות החדשים עלו מבבל, ריש לקיש אמר אף שמות מלאכים: מיכאל, רפאל וגבריאל (ב״ר פ״ו, מח; ירושלמי ר״ה, פ״ג).

בן נתניה האָט איהם געטוידט; דער מיט האָט זיך דער יודי־שער חרבן און דער גלות פער־פאָלקאָמט, דען די דאָרטען פערבליבענע יודען, ניט גלוי־בענדיג ירמיה הנביא, האָבען זיי זיך געשראָקען פאַר די כשדים און זיינען געלאָפען קיין מצרים, איז עס געוואָרען פון זיי אַלעמען אַ תל (ירמיה מב, יז). צוליעב דעם ביטערען אָנדיינ־קונג איז ביי אונז נאָך יעצט דער פאַסט־טאָג „צום גדליה" וועלכע איז בעשטימט געוואָרען דער טאָג מאָרגען נאָך ראש השנה.

גָדֵר (קהלת י, ח) **גְדֵרִים** — אומצאַמונג, פערצאַמונג, שוטצמיטעל — אין רעליגיאָנס זאַכען [1].

גֵיהִנוֹם (תמיד פ"ד: עדיות פד; עירובין, יט) אין ת'נ'ך (יהושע טו, ח) הייסט מיט דעם נאַמען אַזאַ אָרט נעבען ירושלים, וואָס דאָרט פלעגען דאַן די מלך־דינער ברענגען זייערע קינדער פאַר איהם (ירמיה ז, לא) [2] און דאָרט איז געוואָרען פערשמוצט (מ"ב כב, ג) — איז דער זעלבער נאָמען געלייגט געוואָרען אויף דעם שטראָף־אָרט, וואו מען שמעלצט און לייטערט די זינ־דיגע נשמות מיט העלישעם פייער, וואָס אונזער פייער איז נור $1/_{60}$ היטץ פון יענעם (ברכות נז:). דער אָרט דער פון איז איבער'ן הימעל און אַ יש אומרים אונטער די הרי חשך (המ"מ לעיל).

גְזֵלָה (יחזקאל יח, ז) רויב, גערויב־טע — **גְזֵלוֹת** (שם, יב)

[1] השם „גדר" מושאל לחלקים נוספים על מצוות דאוריתא ודרבנן שנקבעו לשעתם לשמירת החקים העקריים, והז"ל הזהירו ע"ז: „אל תעשה את הגדר יותר מן העיקר" (ב"ר פ' יט, ג); וכן קראו לזה בשם „גזרה" (שבת, יז:) וגם לגזרות נעשה גדרים; ולמען הגבל את מספר הגזרות, אמרו: „גזרה לגזרה לא עבדינן" (ביצה ג.) או: „אין גוזרין גזרה על הצבור אא"כ רוב הצבור יכולין לעמוד בה" (ב"ק, עט:), ומסרו גזרות כאלה על דעת הצבור, ואמרו: „גזרה שבית דין גוזרין ואין רוב צבור מקבלין עליהן אינה גזרה". (ירושלמי שבת פ"א הל' ד).

[2] אופן בניגה ועבודתה עי' תנחומא, בהוספה לפ' ואתחנן.

„ג'גזל'טע". **גזלן** (ברכות, ו. ב"ק קיט) . **גזלנים** (סנהדרין, לח) רויבער „גזלנות'ע הערן" — אַ כאַראַקטער פון אַ גזלן.

גוזמא (עירובין, פ. חולין, צ:) איבערטריבען. **גוזמאות** „גוזמא'דיג" [1].

גזע (ישעיה מ, כד) בוימשטאַם, װאורצל, אויך הערקונפט, יחוס (שם יא, א).

גוזר (ב"ר צג, ו) בעשליסט.

גזרה (סנהדרין, פה.) בעשלוס. **גזרות** (סוטה,יב) . **גזרת המלכות** (ר"ה יח: יומא י) בעשליסונג פון דער רעגירונג איבער איהרע אונטערטאַנען. **גזר דין** (ר"ה יז: סנהדרין קז) אַ בעשליסונג פון געריכט, אויך הימעלשע שטראַפע. **גזרות טובות** — בעשליסונג (פון דער אויבערקייט) צום גוטען. **גזרה קשה** (שבת, קמה:). **גזרות קשות** (שם, לב) . **גזרה רעה** — **גזרות רעות** — בעשליסונג צום שלעכטען. **גזרת שמד** — בעשליסונג צום פערטיליגען. מיט דיזען אויסדרוק רופט מען אָן דאָס צווינגען אונז צום פערלאָזען אונזער גלויבען. דאָס הייסט מיט דעם אויסדרוק פון פערטיליגען וויל די יעניגע זיינען נור אויסען געוועזען לעבעדיגערהייט צו טויטען אונזער נאַציאָן, מיט דעם וואָס מיר װעלען זיך פערמישען אין אַנדערע פעלקער, אויף דעם אופן ווי עס זיינען פערשוואונדען געוואָרען פיל פערצייטיגע פעלקער [2]. **גוזר תענית** (תענית, כה) בעשליסט אַ פאַסט טאָג. **גזרה**—**גזרות** הייסען אויך בעפעהלונג אין דעם נאָמען פון רעליגיאָן— די זעלבע ווי „גדר—גדרים". **גזרה שוה** (שבועות, ז:) געגליכענע ענטשיידונג. דאָס איז די צווייטע פון די דרייצעהן איינענשאַפטען, וועלכע זיינען אויסגערעכענט אין רבי

---

[1] למשל, עה"כ: ותבקע הארץ לקולם (מ"א א, מ) מקשה הגמרא: „יתבקע — סלקא דעתך? אלא—גוזמא" (תמיד, ל).

[2] מלשון הכתוב: „ונשמד מואב מגוי" (ירמיה מח, מד), ועי' המשל: „השועל והדגים" שאמר בענין זה רבי עקיבא לפפוס (ברכות, סא).

ישמעאל׳ם ישיבה־דאָס מיט די כללים ווערט ערקלעהרט אַלץ וואָס אין דער תורה איז געשריבען און וואָס מען קען אויפטהון נייעס׳ן.

גט (גטין ע׳) — **גִטִין** (גטין, ד) שיידונג דאָקומענט (ביי אַפּאַרטיי). „גי׳גט״, „אַ גי׳גט׳ע״.

גּוֹי (בראשית לה, יא) פאָלק — **גּוֹיִם** (שם). יעצט הייסט עס אויסער יודע. **גּוֹיָה** (ברכות נח. ב״ר פ״ז) ניט קיין יודישע פרויענצימער. **גּוֹיוֹת** (ירושלמי יבמות פ״ד). **גּוֹי אֶחָד** (ש״ב ז, כג) אויסנאַהם פאָלק. **גּוֹי גָמוּר** — פאָלשטענדיגער,ווירקליכער הייד, ד״ה: אַ אויסגעלאַסענער פון יודישקייט. **גּוֹי קָדוֹשׁ** (שמות יט, ו) אַ הייליגע פאָלק.

גַּל שֶׁל עֲצָמוֹת (שבת לד.) אַ הויפען ביינער, איבערהויפט איז דאָס געזאָגט אויף אַ אויסגעצערטען, מאָגער׳ן מענשען.

גַּלְגַּל (תהלים עז, יט) ראָד, וואַלץ. **גַּלְגַּלִים**. **גַּלְגַּל חַמָּה** (יומא כ:) די זאָנענקרייזע צירקולאַר. **גַּלְגַּל הַחוֹזֵר בָּעוֹלָם** (שבת, קנא) אַ ראָד וואָס דרייעט זיך איבער דער וועלט, ווי אָרימקייט און דאָס שטאַרבען וואָס בעגעגענד יעדען איינציגען. „גלגלים געהן אַרום״ (פסחים, צ״ד: „גלגל חוזר״).

גִּלְגּוּל (פסחים, צד:) זיך אומוועלצען—**גִּלְגּוּלִים**. **גִּלְגּוּל מְחִלּוֹת** (ירושלמי כלאים, כתובות קיא) דאָס וועלצען דורך העלען (היילען), דאָס איז צוגעזאָגט אַז אַלע יידען וועלען צו קבוץ גליות קומען קיין ארץ ישראל, אויך די וואָס שטאַרבען שאָן אין גלות לאַנד וועלען זיך אַוועקקייקלען קיין ארץ ישראל דורך אונטער אירדישע קאַנאַלען [1]). **גִּלְגּוּל שְׁבוּעָה** (קידושין כז:) איבערוועלצען די שבועה פאָן איין בעל דין אויף דעם צַד שֶׁכְּנֶגְדוֹ (זעה—„מהפך השבועה״).

[1]) ע״ד „גלגול מחילות״ איתא בפסיקתא רבתי פ״א: ה׳ עושה להמתים שבחו״ל מחילות בארץ, והם מתגלגלים כאדות עד שבאין לארץ ישראל. (השם מחילות כנוי למערות—בישעיה ב, יט).

גִלְגוּל הַנֶפֶשׁ — זעעלענוואַנ־ דערונג. „אַרויס־טרייבען אַ גלגול״—דאָס שטאַמט פון דעם אַיינבילדונג: „דאָס אַ פערמ׳שפט׳ע נ ש מ ה פון אַ פערשטאָרבענעם, זי זאָל צוריק אַראָפּ קומען אויף דעם עולם השפל—האַפט זי זיך אַריין אין אַ לעבעדיגען מענשען, אָדער אַ אַנדער באַשעפענעם״. דאָס זאָגט מען אויף אַ זעלכע וואָס האָבען שפּאַזמען און מעלאַנחאָ־ליקער, דאָס אין זיי איז אַזאַ גלגול אַריין, און עס געפינען זיך דאַרויף אויך בעטריגער וואָס נעמען זיך אונטער פאַר געלד אַרויסצוטרייבען דעם „גלגול״ מיט שֵׁמוֹת וְהַשְׁבָּעוֹת. דאָס גלויבען אין גלגול—זאָגען געלעהרטע: דאָס ער שטאַמט פון די גלחים פון דעם אינ־דישען גלויבען „בראַהמאַ״, זיי האָבען אַיינגעבילדעט: „דאָס דער מענש וואָס בריינגט וויניג קרבנות פיר דעם גרויסען גאָט „בראַהמאַ״ קען זיין נשמה נאָך זיין טויט ניט האָבען קיין אַחִיָזָה אין די היילינקייט פון בראַהמאַ, און זי ווערט ווידער אַראָפּגעשליידערט אויף דער ערד און ווערט מגולגל אין אַ הונד, אַ חזיר, אָדער אַ שלאַנג״. נאָך אַזעלכע שטראַשונקעס פלעגט שוין יעדער געבען קרבנות פון דאָס לעצטע און דאָס איז אַריינגעקומען אין די גלח׳שע הכנסה; אָבער אין אונזערע היילינגע שריפטען גע־פינען מיר דאָס שאול׳ס שלעכ־טען גייסט האָט מען נור קורירט מיט מוזיקע „מיט דוד המלך׳ס פידעלע״. און אויף איידלען דעם גייסט ביים לעבען אין אַלגעמיין, שטייט דער מיטעל פון זיין זאָהן דעם חכם אין דעם פסוק: „צדקה תציל ממות״ (משלי יא, ד).

גָלוּחַ (שופטים טז, כב) געראַזירט (אָפּגעגאָלט). דער פון שטאַמט דער בענענונג פון קאַטוילישע פריסטערן: „גַלָח, גַלָחִים״ (אַנשטאָט גלוּחַ גלוּחִים) ווייל זיי זיינען געראַזירט אַפילו די וואָנשען.

גָלוּי (אסתר ג, יד). **גָלוּי** (מגילה ג) ענדעקט, בעקאַנט. **גָלוּי**

אֵלִיָהוּ — דעם בעווייזען זיך פון אֵליהו הנביא צו איין איינצעלנעם מענשען, וואס פיהרט זיך בחסידות בקדושה ובטהרה און איז א בעל מדות טובות. דאס ערשיינען אליהו הנביא צו יעמאנדען, ווערט ערקלעהרט: „גוטע און פריילּיכע געדאנקען וואס קומט אין מענשען פלוצלונג"[1].

גִלוּי וְיָדוּעַ (סנהדרין, קו.) פערעפענטליכט און בעוואוסט. **גִלוּי עֲרָיוֹת** (שם, נז.) פערבאטענע בײשלאפונג. **גִלוּי רֹאשׁ** (שבת, קיח:) געבליזטען קאפף (וער„ בגלוי ראש"). **גִלוּי שְׁכִינָה** (אגדה ש"פ) געטליכע ערשיינונג.

גִלָיוֹן (מנחות, ל) אונבעשריבענע ראנד אויף דעם דף (פאליע) — **גִלְיוֹנוֹת**.

גוֹלֵל (מגילה, לב) קײקעלט צוזאמען.

גְלִילָה — דאס צוזאמענוויקעלצען די ספר תורה אדער אויפוועלצען (אויפמיסען) וואו מען בעדארף לעזען צו דער צייט.

גוֹלֶם (תהלים קלט, טז: סנהדרין כב: ב"ר פ"ח) סקעלעט, ניט פערטיגעס געשיר; אין יודיש — הויפטזעכליך א אונענטוויקעלטער, דומער מענש, דער וואס ווייסט ניט דעם אומגאנג מיט מענשען (אבות פ"ה). ווייבליך — „גולמה" בל"ז.

גָלוּת (עמוס א, ו). **גָלִיוֹת** (ירוש' שבועות פ"ו). דאס הערויסטרייבען איין פאלק פון זיין לאנד און זיין געפינען זיך אין פרעמדע לענדער; אונזער יודישע נאציאן שפירט טיעף אין זיין הערצען — דעם טעם פוןווארט גלות מיט גרוים שמערצען. אויך אין אונזער ליטעראטור, אין תלמוד און מדרשים

---

[1] ראיתי בשם הבעש"ט: ענין גלוי אליהו הם רעיונות טובים ומשמחים דמליקו לאיניש בהארה פתאומית. וכהוכחה לזה נראה באגדה מספורים רבים: כיון שעבר האדם שהיה רגיל לגלוי אליהו על דבר מועט ממדת החסידות „תו לא הוה משתעי אליהו בהדיה" כלומר שמכשל עונו, שהיה נגד עיניו גרש מקרבו רעיונות קודש המשמחים ומגלין לו רזי תורה (עי' כתובות, סא. מכות, יא. ועוד).

איז גאַנץ אָפּט אָנצוטרעפען דעם אויסדריק, צוליעב די פיעלע גליות'ן וואָס אונזער פאָלק איז אין דעם געבאָרען, און געהאָדעוועט געוואָרען, ווי דאָ איז אויסגערעכענט נאָך דעם סדר פון אונזער געשיכטע:

גָלוּת מִצְרַיִם — אין דעם גלות איז אונזער פאָלק געבאָהרען, דאָרט איז אונז געוועזען אָך און וועה ביז מיר זיינען אַרויס אַ גרויסעס און פערנינפטיגעס פאָלק (במדבר כב, ה: דברים ד, ז–ח: שם ד, ו. שם כו ה: ש"ב ז, כג) וואָס האָבען אויפגעקלונגען אַ וועלט, פאָרהער מיט די גרויסע קינסטליכע אַרבייט און מוזיק ענטוויקלונג דאָרט [1]), און נאַכהער מיט די תורה אָננעהמען ביי דעם באַרג סני. אין די שפּעטערע צייטען מיט אונזערע מלכים, גבורים, חכמים, נביאים און פאָעטען, ווי דוד המלך און שלמה המלך. און מיר פייערען נאָך יעצט יעדען יאָהר דעם פסח, צוליעב דעם בעפרייאונג פון מצרים, ווערענד פון אונזערע בעדריקער יענע איז שוין לאַנג קיין זכר ניטאָ [2]).

גָלוּת יִשְׂרָאֵל (מלכים ב, יז). דאָס גייט אויף דעם גלות פון די „עשרת השבטים" וואָס מען ווייס ניט וואו און ווער זיי זיינען, פיעל געלעהרטע ווייזען אָן אויף יעצטיגע עקסעסטירענדע פעלקער, וואָס בעזיצען און רעגירען אייגענע לענדער, ווי אויף איינגלאַנד, קיטיי, יאַפּאָניע א. ד. ג.; דאַרום איז זיי שווער צו דערגיין, ווייל די עשרת השבטים זיינען אַרויס נאָך פאַר דעם תלמוד, און זיינען גיוואָרען פאַרעכענט פאַר געטצען דינער, דען זיי זיינען אַרויס אין גלות, דיענענדיג ירבעם בן נבט'ס קעלבער (מ"א יד, טו. יו:) אויך דער

---

[1]) על אלה ערוכות אתי הוכחות בחבורי „כל חמדת ישראל" בהמביאים למלאכת מחשבת בישראל ולמנעימי זמירות ישראל—אשר אתי עוד בכתובים.

[2]) על הפלא הזה הרבו משוררים ומליצים לשאת מדברותם, לדוגמא: בשיר „עם עולם" למנה: „עוד רוב ממלכות ימחו — רק עם הרבה בבי, רק הוא נצח יהי — ומאורו נצח יזרח".

שבט דן איז געבליבען דינען דעם „פסל-מיכה" ביז אין דעם גלות (שופטים יח, ל).

גָלוּת יְהוּדָה (ירמיה כד, ה) אויך הייסט עס **גָלוּת יְרוּשָׁלַיִם** (עובדיה א, כ) אָבער אַשטאָדט ווערט דאָך ניט איבער געטראָגען, איז דאָס געמיינט דעם מלכות בית-דוד, וואָס ער שטאַמט פון שבט יהודה און ירושלים איז געוועזען די רעזידענציע (קרוינשטאָדט), וואָס איז אונטערגעגאַנגען דורך דעם גלות יהודה ובנימין.

גָלוּת בָּבֶל (ירמיה כ, ד). דאָס איז דער זעלבער „גלות יהודה" וואָס מיר זיינען פערטריבען געוואָרען אין בבל פון דער לאַנד יהודה און ירושלים. דער גלות איז שוין פיעל ערגער פאַר דעם גלות מצרים, מיט איהרע טיראַנישע און ווילדע בעהאַנדלונגען, דען צו די עגיפטיאַנער זיינען מיר דאָך געקומען צו זיי אין לאַנד, אָבער בבליאַנער (די כשדיים) האָבען אונז צו רעאָר-נירט שוין זייענדיג אַ זעלבסט-שטענדיגע קעניגרייך [1]), און האָבען חרוב געמאַכט דעם ערסטען בית המקדש דאַגעגען אָבער האָט דער גלות אַ מעלה וואָס ער האָט ניט געדויערט לאַנג — נור זיבעציג יאָהר. נאָכ-דער זיינען מיר צוריק געקומען אין אונזער לאַנד, דאָרט געבויט דעם צווייטען בית המקדש און ווידער געוואָהרען אַ שטאַרקע קעניגרייך. די כשדים אין זייער צייט האָבען געשפיעלט זייער אַ גרויסע ראָליע אין דער פּאָלי-טישער וועלט (ישעיה מה, א-ג).

**** דעם חורבן האָט ירמיה הנביא געמאַכט די קינות „איכה" וואָס דערויף גייט דער שפּריכ-וואָרט „קלאָגט צוזאַמען קלאָג", און אויף דעם איז געמאַכט דער

[1]) הנה כי כן יבואר הכתוב (ישעיה נב, יד): „מצרים"— שהרעו לישראל, יען כי אלהים—„ירד עמי בראשונה לגור שם, ואשור" — אשר יתנפל לעשק גלות יעקב, זה לאמרי בלי כל כבה יק—„ואפס עשקו". והז"ל מהללים את גלות בבל לאבות ישאר ארבית פורה. עי' מדות קי. עה"כ: הבאי בני מרחק (ישעיה מג, ו).

זעלביגער פאטריאטישער קאפיטעל „על נהרות בבל“ (תהלים קלז).

אויך פון דיזע חרוב מאכער איז אויך קיין שריד ופליט ניט געבליבען, פון דעם פאלק איז קיין זכר, און דער ארט פון די לאנד, איז וויסט ווי סדום און עמורה; דער ארט וואו איהר בעריהמטע רעזידענץ איז געשטאנען, די בעריהמטע שטאדט בבל איז א זומפף פול מיט שלאנגען און עקדעשין, ווי עס האבען אויף איהר נביאות געזאגט די נביאים (ישעיה יג. יט—כב: ירמיה נ, לט—מ), מעהר ניט וואס ביי אונז יודען איז פערבליבען פון איהר א זכר, ניט א פסח מיט מצות עסען ווי נאך מצרים נור דער תרגום אויף חומש—מען זאל עס זאגען ארמית אלע שבת די סדרה פון יעדע וואך (זעה — „שנים מקרא ואחד תרגום“).

גלות אדום (עמוס א, טו) מיט דעם נאמען רופען

זיך אן די רומיאנער וואס האבען חרוב געמאכט דעם צווייטען בית המקדש, די חרוב מאכער זיינען פערמישט געווארען אין פערשידענע פעלקער און עס איז ניט צו ערקענען זייער'ן א שפור, אויסער די גרעקען וואס זייער אורעלטערען פון יענע צייטען האבען אויך גיהאט א יד אין אונזער יעצטיגען לאנגען גלות, זיי זאפען נאך יעצט מיט א שוואכע הערשונג און מיר ערווארטען א גאולה שלמה וועלכע מיט אונז צוזאמען זאל די גאנצע וועלט מענשען געהאלפען ווערען מיט א פאלקאמענדע הילפע און א אייביגען וועלט פרידין, דורך דעם אונזער ערווארטעטען משיח-צדקנו (ישעיה ב, א—ד) און פיר אלעמען וועט בעקאנט ווערען די ריכטיגע גאטהייט איינשטימיג (צפניה ג, ט).

גלות השכינה (מגילה כט.) מיט דעם נאמען רופט

אן די קבלה די בעליידיגונג וואס די גאטהייט ליידעט, דען דאס פאלק וואס האט זיין איינצעלהייט געמאכט בעקאנט אין דער וועלט, ווערט פערפאלגט און געשימפפט, וואס די גאטהייט איז גראדע געפעלען דורך

אונז איבער צו געבען די וועלט איהר פערלאנג, ווי די מענשהייט זאל זיך פיהרען נאך די צעהן געבאט און די איבריגע געטליכע געזעטצע וואס אנבעלאנגט דער מענשליכער געזעלשאפט אין מוסר און מדות טובות: צו שטיצען א פריינד אין זיין נוטה (ישעיה נח, ז), אויסלייען און באָרגען דעם באדערפטיגען (דברים טו, ז—ח), אין אלגעמיין „ליעבען דעם נעכסטען ווי זיך זעלבסט" (ויקרא יט, יח) גוט צו בעהאנדלען דינער־שאפט, זיי בעקעסטיגען ווי זיך [1]). אויך סאציאלישע רעכטע פיר ארבייטער קלאסע (ויקרא יט, יג. דברים כד, יד ועוד). צו געבען בירגער רעכטע פרעמדע איינ־וואהנער אין אונזער לאנד און זיי ליעבען ווי זיך אליין (ויקרא יט, לג—לד) [2]). פיעל מאל איז פערזאגט אום גאטעס ווילען וועגען ריכטיגע מאס און געוויכט (שם לה, לו) א. ז. וו.

גם (בראשית ג, לג) אויך. גם אתם (במדבר יח, כה) אויך איהר די זעלבע—דאס איז דער אפענטפערען אויף דעם וואונש צו ראש השנה: „לשנה טובה תכתבו". גם זו לטובה (תענית כא.) אויך דיזעס איז צום גוטען! דער וואס האט איינגעפיהרט דעם שפריך ווארט, הייסט מיט דעם נאמען: „נחום איש גם זו" וואס צו יעדען בייזען צופאל פלעגט ער זיך אזוי זאגען, און עס איז איבערצייגט געווארען פיר ריכטיג [3]). גם לי גם לך לא יהיה (מ"א ג, כו) אויך ניט מיר, אויך ניט דיר.

---

[1]) כן דרשו חז"ל מהכתוב הנאמר בעבד עברי: „כי טוב לו עמך" (דברים טו. טז) עמך במאכל, עמך במשתה; שלא תהא אתה אוכל פת נקיה והוא אוכל פת קיבר; אתה שותה יין ישן והוא שותה יין חדש; אתה ישן על גבי מוכין והוא ישן על גבי תבן (קדושין, כב).

[2]) בל"ו מקומות ואמרי לה במ"ו מקומות הזהירה תורה בגר (בב"מ, נט).

[3]) איתא במשנה (ברכות ריש פרק ט): „חיב אדם לברך על הרעה כשם שמברך על הטובה" ומבאר הרמב"ם בפי' המשניות שם: הכונה במברך על הרעה, לא בשביל שהוא רעה כי אם הוא מברך בזה על טובה ממש, כי לא ידע האדם סוף המעשה ויחשב שמברך הוא על הטובה שתבא בעקבותה.

גימטריה (ברכות ח) בעטרעפענד (זעה—„בגימטריה״).

גימל — נאָמען דער 3-טע בוכשטאַב אין א״ב.

גומל-בענטשען (ברכות נד:). די ברכה ווען מען קומט אַרויס בשלום פון אַ סכנה: פון אַ קראַנקהייט, פון אַ געפענ-גענעם הויז, פון אַ רייזע איבער׳ן ים אָדער דורך דעם מדבר [1].

גמילות חסד — גמילות חסדים (ברכות ח.) בעלאָהנט מיט בעגנעדיגונג, וואָהלטהאַט. **גומל חסדים** (שבת, קד.) וואָהלטהעטיגער.

גמילות חסד של אמת— הייסט דער חסד וואָס מען טהוט מיט אַ פערשטאָרבענעם, וויל מען טהוט דאָס ניט ערוואַרטענ-דיג פון איהם אָפּטהאָן אַ טובה; פון דעם שטאַמט דער ראשי תיבות, וואָס מען רופט חברה קדישה—„ג׳ח׳ש׳א״ [2].

גמר (תהלים עז, ט. יבמות, נה:) ענדע, בעשלוס. **גמר דין** (סנהדרין ו:) בעשלוס דער געריכטס. **גמר חתימה טובה** — דער בעשלוס פון אַ גוטע בעזיגלונג— מיט דעם ווערט געוואונשען אום ר״ה. **גמר מלאכה** (ירוש׳ פאה פ״ו) געענדיגט דעם אַרבייט.

גמרא (ברכות, ח. שבת קיז, יומא לג, ועוד) לערנונג, וועלכע ערקלערען מיט בעשלאָסענע רעזולטאַטען דינים איבער וועלכע עס ווערט גערעד אין די זעכס סדרים משניות (זעה-משנה) [3], מיט

[1]) נתנו סימן: „וכל החיי״ם יודוך סלה״, בהר״ת חיי״ם—מפורשים כל אלו הסכנות שעליהן מחויבין לברך.

[2]) עה״ב האמר ביעקב שבקש מיוסף שיקברהו במערת המכפלה — אמר בלשון: ועשית עמדי חסד ואמת (בראשית מז, כט)—הערה בעל הטורים בר״ת על פי דרכו—„אמת״ ר״ת: א׳רון מ׳טה ת׳כריכים.

[3]) בשם גמרא מכנה התלמיד בעצמו את הברייתות המבארות ומפלפלות את המשנה במשנה, והוא מלשון גמירא ולימוד, נרדף עם „תלמוד״ שהוא ג״כ משרש למוד; והערוך מבאר שהוא מלי גמר והשלמה, שבו נשלמו מאמרי התורה שבעל פה המסורה. ובקצור כללי הגמרא לר״ש הנגיד יצייר ד׳ דברים שנכללו בהגמרא והם: א) פירוש המשנה, ב) פסקי הדין להלכה דתנאים ואמוראים, ג) גזרות ותקנות שנעשו אחרי רבי [illegible]

צוגעגעבענע דינים און תקנות פון דער צייט די משניות איז אויפגעשטעלט געווארען (עי' ב"מ נא.). אויך קומט אין דעם דרשות און אגדות וואס זיי האבען בעזונדערע וויכטיגקייט (זעה־אגדה איך „מדרש"). וועגען ביידערליי גמרא'ס „גמרא בבלי" און „גמרא ירושלמי" (גמרא ארץ ישראל) זעה אין ארטיקעל — „תלמוד". די גאנצע גמרא בעשטייט אין זעכס און דרייסיג מסכתות, מיט דיזע נעמען: 1) ברכות. 2) שבת. 3) עירובין. 4) פסחים. 5) יומא. 6) סוכה. 7) ביצה. 8) ראש השנה. 9) תענית. 10) מגילה. 11) מועד קטן. 12) חגיגה. 13) יבמות. 14) כתובות. 15) נדרים. 16) נזיר. 17) סוטה. 18) גטין. 19) קדושין. 20) בבא קמא. 21) בבא מציעא. 22) בבא בתרא. 23) סנהדרין. 24) מכות. 25) שבועות. 26) עבודה זרה. 27) הוריות. 28) זבחים. 29) חולין. 30) מנחות. 31) בכורות. 32) ערכין. 33) תמורה. 34) מעילה. 35) כריתות. 36) נדה — אין דעם זיינען כמעט העלפט משניות'ן וואס זיינען אהן גמראות — דען עס זיינען דא 64 מסכתות משניות. — דער צאל פרקים איז 523[1]. אבער א פאר קליינע גמראות איז דא וואס זיינען אהן משניות, דאס זיינען „ידים" און „עוקצין".

הנשיא, ד) דרשות ואגדות. מרימר ומר בר רב אשי סיימו את הגמרא בשנת ד' אלפים רס"ה. משהתהלו לחבר הגמרא עד שגמרוהו נמשכו פ' שנה, ומשנכתב המשנה עד חתימת הגמרא — ש"א שנה (שם בשם „יסוד עולם" ועי' רש"י ב"מ פו. על המאמר רבי אשי סוף הוראה). הגמרא נכללה בכ"א חלקים: תוספתא, בריתא, פירוש, שאלה, תשובה, קושיא, פרוק, תיובתא, סיוע, רמיה, התקפתא, דצרפה, מעשה, שמעתא, סוגיה, הלכה, תיקו, הגדה, הוראה, שיטה ושנוי (שם.

[1]) זה לפי המספר שמונה הרמב"ם בהקדמתו לסדר זרעים, ולפי דעת הסמ"ג יוספו עוד שתי משנות זו הוא פרק אנדרוגינוס במסכת בכורים ופי' שנו חכמים, שהוא פרק ששי לאבות לדעת הסמ"ג.

זיי זיינען נישט גערעכנט אין דעם צאָל גמראות פון ש"ס, ווייל זיי זיינען צוזאַמען געשטעלט געוואָרען נאָכהער אַלס דער תלמוד איז שוין געשלאָסען געוואָרען [1].

גַן עֵדֶן (יחזקאל כח, יג. ב"מ קיד) פערגניגענדער בוימגאָרטען, פּאַראַדיז. מיט דעם נאָמען רופט זיך אָן אין תלמוד דער בעשטימטער אָרט וואו די נשמות פון צדיקים און צדקניות מיט געלייטערטע נשמות האָבען דאָרטען זייערע פלעצער, יעדער נאָך זיין מדרגה [2], צו געניסען די הימלישע גייסטליכע פערגעניגען, וואָס דאָרט איז שוין דער אמת'ר גליק (אין אַנדערע שפּראַכען הייסט דאָס „עמפּיר"). ער איז נאָך אַיינגעטיילט אין צוויי קלאַסען: גַן עֵדֶן הַתַּחְתּוֹן און גַן עֵדֶן הָעֶלְיוֹן [3]).—„אַריין לעבעדיגערהייד אין גן עדן" — דאָס שטאַמט פון דעם סיפּור הגמרא (כתובות עז.). „אַ ליכטיגען גן עדן זאָל ער האָבען" — ווינשט מען אַ פערשטאָרבענעם ווען מען דערמאָנט איהם. אויך צו „הַזְכָּרַת נְשָׁמוֹת" איז דאָס אין נוסח „בְּגַן עֵדֶן תְּהֵא מְנוּחָתוֹ.

גְנַאי (כתובות, לג:) ערניעדערונג, בעליידיגונג, שאַנדע. **גְנַאי**

---

1) כך מצאתי, והרמב"ם בהקדמתו לסדר זרעים אומר טעם על ידים מפני שהוציאוה בדרכי הסברה ואין לה עיקר בכתוב.

2) „כי על כבוד חופה (ישעיה ד, ה) מלמד שכל אחד ואחד (מן הצדיקים) עושה לו הקב"ה חופה לפי כבודו" (ב"ב, עה.).

3) ברכות לד, ונזכר בתלמוד, לפי רשימת הערוך השלם—בעשרים מקומות לתכלית זו לעונג רוחני לצדיקים בעולם הנשמות, כאשר השתמש בשם גיהנום שהיה מקום מיוחד להעביר בנים באש למלך—למקום מוכן לפורעניות לנשמות המתים הפושעים והחטאים בנפשותם, וכן גן העדן משמע מן המקרא שהוא שם לקרן בן-שמן; בתורה כתיב „ויטע ה' גן בעדן מקדם וישם שם את האדם אשר יצר (בראש' ב, ח) וכן בהרבה מקומות במקרא משמע שהיה דבר מוחשי, שהנביאים הציגוהו למשל: „כגן עדן הארץ לפניו" (יואל ב, ג), ובגמרא (ברכות טז, לד) איתא: שגן הוא ענין לחוד ובו היה אדם הראשון, ועדן הוא ענין לחוד, שנאמר ונהר יוצא מעדן להשקות את הגן—גן לחוד ועדן לחוד, ובעדן לא שלטה עין כל בריה, ויוכל היות שזה ההבדל בדבריהם בבינתם לבין גן עדן העליון לגן עדן התחתון.

הַדָּבָר לְאוֹמְרָהּ (מו"ק, כח:) דאָס איז אַ שאַנדע צו זאָגען. „עס זאָל איהם צו קיין גנאי ניט זיין" זאָגט מען דערמאָנענ־דיג וועמעס עס איז אַ מאוס'ע מעשה.

גַּנָּב (תהלים ג, יח) דיעב. **גַּנָּבִים** (ישעיה א, כג). **גְּנֵבָה** (שמות כב, ג) דיעבשטאַהל, געשטאָהלענע **גְּנֵבוֹת. גּוֹנֵב דַּעַת** (חולין צד. שבועות לט.) מיינונג שטוילען, הינטערגעהן. **גּוֹנֵב מִן הַגַּנָּב** (בבא קמא, סב) גנב'עט פון אַ גנב, „גע'גנב'עט", „בע'גנב'עט". „גנבות'ע אויגען"—פערשטייט מיט'ן קוק, יענעמס מיין און געדאַנק.

גִּים — שוואַגער, **גִּיסָה** (סנהדרין כז) איין שוועגערין.

גּוֹסֵס (קדושין עה:) טאָדעס קאַמפּף, מאַטערט זיך מיט דעם טוידט (גאָניזירענדער). **גְּסִיסָה.** „גוסס'ט", „גוסס'ען", „אַ גוסס'די־גען"—אַ געפעהר ליבען.

גּוּף (דהי"א י, יב. סנהדרין, צא.) קערפער — **גּוּפוֹת** (שם)

גּוּפָא (שבת קטו. ר"ה ב:) „ער גופא"—ער זעלבסט, אויך איינע גרונד זאַכע—דער עיקר הדבר [1].

גּוּף בְּלֹא נְשָׁמָה (מעין סנהדרין צא) אַ קערפער אָהן אַ זעעלע.

גּוּפָא דְעוּבְדָא (ב"ק כו), **גּוּף הָעִנְיָן** — די גרונד זאַכע. **גּוּפֵי תוֹרָה** (שבת; לב. חולין, ס) די הויפט פרינציפּען פון דער תורה.

גֶּפֶן (בראשית ט, ט) ווין, וויינ־שטאָק **גְּפָנִים** (שה"ש ב, ג).

גֵּר (בראשית טו, יג) פרעמדלינג, פון אַ פרעמדען געגענד.

גֵּרִים (דברים י, יט). **גֵּר צֶדֶק** (גטין נז:) אַ פרעמדלינג פון אַ פרעמדען נאַציאָן ווען ער ערקאָנט די גערעכטיגקייט פון יודישען גלויבען (פּראָזעליט).

גַּרְגֶּרֶת (חולין מב.) גאָרגעל.

---

1) במקרא מלת גוף נרדף עם גויה (ש"א לב. יב, דה"י י, יב). ובדרז"ל משתמשים לעיקר הדבר ויסודו (כאשר בהוראת עצם הדבר), כמ"ש: הן הן גופי תורה (חולין ס:). ובאמרם: „גופא"—סתם (שבת ז. חולין נד.) מציינים הם בזה עיקר המימרא בשובם לפלפל בה ולקבוע הלכה פסוקה, ונרדף עם „אמר מר" (עי' ערך—„מר").

גוֹרָל (ויקרא טז, יח) לאָז, שיקזאַל (תהלים קכה, ג) — **גוֹרָלוֹת** (ויקרא שם).

גוֹרֵם (סנהדרין ז, אבות פ"א) פערא-אורזאַכער. **גָרַם** (ב"ק ס) אורזאַכע. **גוֹרֵם רָעָה** (אבות שם) פעראורזאַכער פון בייזעם.

גְרָמָא דִנְזָקוֹתָא (שבת, כא:) דאָס אַיינלערנען אין קינדערשע יאָהרען.

גָרוּשׁ (פסחים, קיב.) פערשטויסענער — **גְרוּשִׁים** (סנהדרין כב). **גְרוּשָׁה** (שם, ויקרא כא, ז) פערשטויסענע, געשיעדענע פאָן איהר מאַן, אַ גע'גט'ע [1].

גֵירוּשׁ סְפָרַד — דאָס הערויסטרייבען פון איספאַניען. איספאַניען און פאָרטוגאַל זיינען קאַטוילישע לענדער וואָס זיינען אַמאָהל געשטאַנען אויף די העכסטע שטופע פון גליק און בילדונג און פאָליטיק, וואָס יודען האָבען זייער פיעל מיט געהאָלפען אין דעם, און אויך גענאָסען פון די בירגער-רעכטע, דאָרט איז געוועזען דער גרוים געלעהרטער מאַנן ר' יצחק אַברבנאל אויך אַ פינאַנס-מיניסטער. אָבער די יעזואיטען האָבען די יודען ניט פערגונען די פערדינטע רעכטע און האָבען אין גאַנצען זיי בערויבט און פערטריבען דאָרט צו וואָהנען, און דער גירוש איז געשעהן אין טאָג תשעה באב אין יאָהר ה' אַלפים רנ"ב (1492) [2]. עס זיינען הערויס מיט דעם גירוש דריי הונדערט טויזענד פערזאָן. אָבער מיט דעם פאָלשטענדיגען ארויס גיין פון לאַנד האָבען די יודען מיט געפיהרט מיט זיך אויך דעם גליקליכען צושטאַנד פון לאַנד און זי איז יעצט די אָרימסטע און שוואַכסטע אין אַלע הינזיכטען.

[1] אע"פ שהבעל הוא המגרש, נקרא בלשון חכמים גרוש; מכאן לשוויי זכיות הנשים בתלמוד, כי כמו שהיא גרושה מאישה כן הוא גרוש מאשתו, וכן להפך מצינו בחליצה אע"פ שהיא חולצתו בכ"ז נקראת גם היא חלוצה.

[2] סימן לפרט שנת הגירוש ההיא, מהכתוב: „מזר"ה ישראל יקבצנו" (ירמיה לא, ט:).

גֵרְשֹׁם (שמות יח, ג) דאָרט אַפרעֶמדלִינג. אַזוֹי האָט אָנגעֶרוּפעֶן משה רבנו זיַין געֶבאָרעֶנעֶם זוּהן אִין מדין — דאַגעֶגעֶן מצרַיִם וואָס אִיז בַּיַי אִיהם געֶרעֶכִינט פאַר זיַין פאָטעֶרלאַנד, חאָצבִּי די קִינדעֶר פוּן זיַין פאָלק זיַינעֶן געֶשליַידעֶרט געֶוואָרעֶן אִין נִיל, אוּן עֶר אַליַין אִיז שׁוֹין אוֹיךְ געֶוועֶן אִין דעֶם וואַסעֶר צוּלִיעֶב דעֶם אוּן אִיז געֶוועֶן פעֶראוּרטַיילט צוּם טוֹיט פוּן דעֶר רעֶגִירוּנג, ווִי עֶס בּעֶווַייזט דעֶר נאָמעֶן פוּן זיַין צווַייטעֶן זוּהן (זעֶה — „אֱלִיעֶזֶר").

גֵרְשׁוֹן (בראשית מו, יא. דהי"א ה, כז [1]). דעֶר עֶרסטעֶר פוּן לֵוִי'ס דרַיַי זִיהן, יעֲקב אָבִינוּ'ס אֵיינִיקעֶל.

גֶשֶׁם (מ"א יז, ז) רעֶגעֶן — גְשָׁמִים (עזרא י, יג).

גַשְׁמִיוּת — קעֶרפעֶרלִיכקַייט, דעֶר הִיפּךְ פוּן רוּחניוּת וואָס בּעֶדַייטעֶט גַייסטִיקַייט [2].

גֹשֶׁן (בראשית מה, י) די בּעֶסטעֶ פּראָווִינץ אִין לאַנד מצרַיִם (שם יח; מו, ו) וואָס דאָרט האָט יוסף בּאַזעֶצט מִיט דעֶם קעֶנִיגס אַיינשטִימוּנג (שם מז, כח, ו) זיַין פאָטעֶר מִיט זיַין גאַנצעֶ אָנגעֶקוּמעֶנעֶ פאַמִילִיעֶ (שם מז, יא). דאָרט האָבּעֶן זֵיי זִיךְ בּאַשעֶפטִיגט מִיט פִיהעֶרדעֶן (סקאָטאָוואָדסטוואָ). ווַייל דאָרט אִיז געֶוועֶן אַ לאַנד פוּן גוּטעֶ פאַסעֶ, אוּן ווַייל בַּיַי עֶגִיפּטיאַנעֶר אִיז געֶוועֶן פעֶרהאַסט דִיזעֶ נוּצלִיכעֶ בּאַשעֶפטִיגוּנג (שם מו, לד) האָט יוסף זֵיי פאַרזעֶצט אָבּגעֶזוּנדעֶרט צוּ זיַין, פוּן דאָס געֶהט אַ שפּרִיכוואָרט: „פאַרזעֶצט אַז אִין גשן". דאָרט האָבּעֶן די זִיבּעֶצִיג פּעֶרזאָן פוּן יעֲקבּ'ס פאַמִילִיעֶ (בראשית מו, כו) זִיךְ געֶפרוּכטבּאַרעֶט אוּן פעֶרמעֶהרט אוּן געֶוואָרעֶן אַ גרוֹיסעֶ אוּן אַמעֶכטִיגעֶ פאָלק (דברים כו, ה).

[1] בדהי"א ו, א נקרא אותו האיש בשם גרשם, מפני שמם ונון מתחלפות.

[2] מוצאו מארמית (דניאל ג, כז—כח); ועה"כ „ושבט לגו כסילים" (משלי כו, ג) מתרגמינן: „ושבטא לגושמנהון דסכלי", וסופרי ימי הבינים משתמשים במלת גשמיות לדבר שבחמר יסודו וכן רוחניות לדברים שברוח.

ד.

ד — דער 4-טע אות אין א"ב און בעצייכענט דארום אויך דעם צאהל פיער, צב"ש: **ד' אֲלָפִים**—פיער טויזענד— בעקאנט נאכ'ן יודי-שען רעכנונג צו דער וועלט באשאפונג. **ד' אַמּוֹת** (ברכות, ט:) פיער איילען. **ד' עַל ד'**— פיער איילען (אדער פיער טפחים) אויף פיער. **ד' כּוֹסוֹת** — אנשטאט ארבע כוסות. **ד' מִינִים** — די פיער ארטיקעל'ן צום לולב.

אויך דיענט דער בוכשטאב **ד** אין אבקירצונג, צב"ש:

ד"א — איז צו לעזען: ד' אֲלָפִים, ד' אַמּוֹת, דָּבָר אַחֵר, דֶּרֶךְ אֶרֶץ.

דהע"ה—דָּוִד הַמֶּלֶךְ עָלָיו הַשָּׁלוֹם.

דו"ד — דִּין וּדְבָרִים.

ד"מ — דַּג מָלוּחַ, דָּגִים מְלוּחִים דֶּרֶךְ מָשָׁל.

ד"ק — דְּמֵי קְדִימָה.

ד"ש — דְּרִישַׁת שָׁלוֹם.

ד"ת — דִּבְרֵי תוֹרָה, דִּין תּוֹרָה.

דַי (מלאכי ג, י) גענוג. **דַי וְהוֹתֵר** (שמות לו, ז) גענוג און עס בלייבט נאך. **דַיֵּנוּ** (ברכות טז, יבמות סג. הגדה ש"פ) עס איז פיר אונז גענוג.

דַאבְנָן — די דריי מאל טעג-ליכע געבעט[1]. „דאבנן"—סתם, איז געמיינט דער טעג-ליכער מארגען-געבעט, זאנסט איז דייטליך: „דאבנן מנחה" (ברכות

---

[1]) כן מכנים אנחנו בלשון יהודית את התפלות הקבועות לשחרית, מנחה ומעריב וגם מוסף. יש אומרים שהוא מלשון: „דאבהתנא" כפי האמור: „תפלות אבות תקנום" (ברכות כו:) ולא נהירא שקבעו זה לתפלה במקום שיש פלוגתא, וריב"ל הוא האומר שם „תפלות כנגד תמידין תקנום" והראיה ממוספין; והחכם ריב"ל (בספרו בית יהודה) מביא שהיא מלה לועזית מעקרה שנתחדשה אתנו מלי אנגלית (דאווען Dawen) הונח בתחלה על תפלת שחרית ואח"כ הושאל גם ליתר תפלות היום: למנחה ולמעריב וגם למוספין.

ד.) „דאַבנן מעריב“ (שם). אָבער
„דאַבנן שחריתים“, אויך „דאַבנן
מוספים“ איז געמיינט דעם חזן
אום ימים נוראים.

דְאָגָה (משלי יב, כה) זאָרגען,
בעזאָרגליך זיין—**דְאָגוֹת.**

דַאֲגוֹת הַפַּרְנָסָה — בעזאָר=
גונג איבער פערדינסט. „דאגה׳=
נען“, „דאגה׳עט“ — בעזאָרגט
זיך. „אויך מיינע דאגות?!“ ד״ה
עס קימערט מיר ניט.

דוֹב (ש״א יז, לד) בער, אַ ווילדע
טהיער—דינט פאַר אַ מענ=
ליכען נאָמען, וואָס איז אונז
געקומען לויט דעם דייטשען
פאַמיליע נאָמען „בער“ אָדער
"בערמאַנן“—וואָס זיי רופען זיך
נאָך די פערשידענע חיות וואָס
זייערע אורעלטערען האָבען זיך
בעשעפטיגט מיט דעם פאַנגען
זיי אין די ווילדע וועלדער טיטאַן.

דָבֵק (מ״א יא, ב) אָנגעקלעפט,
באַהעפט—**דְבֵקָה** (איוב
כט) **דְבֵקוּת,** „פער׳דבקה׳ט“ —
פערגעטערט.

דִבּוּק (אבות דר״נ פ״י) אָנקלעפונג,
אַ צוצעפענעם פון אַשלעכ=
טען גייסט אין אַ מענשין.

דָבָר (בראשית מד, יח) זאַכע,
(במדבר כג, טז) רייד, (ברא׳ יט,
ח) עטוואַס. **דְבָרִים** (שמות ד, ו).

דִבּוּר (ב״ר פ״ה א. קדושין נט).

דִבּוּרִים — אויס=
שפרוך, פלוידערײַ. **דַבְּרָן** —
רעדנער. **דַבְּרָנִית** (ב״ר פי״ח) הויך=
שפרעכערן. „גע׳דבר׳ט“. „לאו
דבורים“ — ניט גערעדט, בל״ז.

דָבָר אַחֵר (שבת, קכט. כתובות
סא) אַ אַנדער זאַך.
עס ווערט בענוצט אין אײדעל=
קײט מײנענדיג אַ שווײן, אָדער
ווענען מען גלײַכט צו איהם
(וועה—„חזיר“). **דְבַר אֱמֶת** (תהלים
מה, ה) אַ ריכטיגעס וואָרט.

דְבָרִים בְּגוֹ (קדושין, מד:) עס
ליגט דערין — עפעס אַ זינן.

דְבָרִים בְּטֵלִים (ברכות, יח:
פסחים, קיז.) פוסטע רייד, פלוידער=
ריי. **דָבָר בָּרוּר** (גטין, פט)
אַ געוויסע זאַך. **דָבָר בְּעִתּוֹ**
(משלי טו, כג) אַ פאַסענדע זאַך —
צו דער צייט. **דָבָר גָדוֹל**
(ש״א כ, ב) אַ גרויסע זאַך. (מ״ב ה,
יג) אַ שווערע זאַך. **דָבָר הָאָבוּד**
(מו״ק, כ:) אַ זאַך וואָס גייט פער=
לאָרען. **דָבָר הַמָּסוּר לְלֵב**

(קדושין, לב:) אַ זאַך וואָס קען נור וויסען—דער אייגענער געוויסען. **דָבָר חָדָשׁ** — אַ נייע זאַך. **דָבָר חִדּוּשׁ** — אַ נייעס וועלכע איז ניט געהערט און געזעהן געוואָרען. **דְבַר חָכְמָה** (מגילה טז.) אַ געלעהרטע זאַך. **דִבְרֵי חוֹל** (חָל) וואָכענדע רייד, וועלכע שבת איז פערבאָטען. **דָבָר טוֹב** (משלי יב, כה) אַ גוטע וואָרט, אַ גוטע זאַך. **דָבָר טָמֵא** (ויקרא ה, ב) אַ אונרייניגע זאַך. **דָבָר יָדוּעַ** — אַ בעוואוסטע זאַך. **דְבַר יוֹם בְּיוֹמוֹ** (שמות ה, יט) טעגליכע בעדערפנים. **דְבָרִים כְּבוּשִׁים** (תענית טו, במשנה) שטרייגע רייד. **דְבַר כָּזָב** (משלי ל, ח) אַ ליגען. **דִבּוּר כְּמַעֲשֶׂה** (שבת, קיט:) אַרויסגערעדט איז גלייך ווי געטאָהן. **דָבָר לְבַטָּלָה** (ברכות, סג) אַ פוסטען וואָרט. **דִבְרֵי לֵיצָנוּת** — געפלוידערטע וויטצען. **דָבָר מְגֻנֶּה** (פסחים, ג:) אַ העסליכען וואָרט. **דִבְרֵי מוּסָר**—שטראָף רייד. **דָבָר מוּעָט** (ב"ק, כא) אַקלייניגקייט. **דְבַר מִצְוָה** (ברכות, ו:) אַ וואָהל טהאַט, וואָס די תורה הייסט טהון. **דִבְרֵי נְבִיאוּת** (ב"ב, יט) געפרובט טרעפען. **דְבָרָיו נִשְׁמָעִין** (ב"מ, קו) וואָס ער זאָגט ווערט געפאָלגט. **דְבַר סֵתֶר** (שופטים ג, יט) אַ געהיימעס וואָרט. **דְבַר עֲבֵרָה** (ברכות, יב) אַ פערברעך. **דוֹבְרֵי עִבְרִית** — די וואָס פיהרען געשפרעך אין העברעאישער שפראַכע. **דָבָר פֶּלֶא** — אַזאַך וואָס בעוואונדערט. **דְבַר צְדָקָה** — אַ וואָהל טהאַט. **דִבְרֵי רַחֲמִים** — בעטענדע רייד. **דְבָרִים רַכִּים** (רש"י עה"ב שמות יט, ג, ועי' סנהדרין, כא:) ווייכע רייד. **דָבָר שֶׁאֵין בּוֹ מַמָּשׁ** (סנהדרין, קה:) ניכטס ווירדיגע רייד. **דְבָרִים שֶׁבִּכְתָב** (גטין, ס:) שריפטליך. **דְבָרִים שֶׁבַּלֵּב** (קדושין מט, נ) וואָס מען האַלט אין געדאַנקען. **דָבָר שֶׁבְּמָמוֹן** (ב"מ, נא) אַ געלד-זאַך. **דְבָרִים שֶׁבְּעַל פֶּה** (גטין, ס:) זאַכען וואָס זיינען געשפראָכען געוואָרען מינדליך. **דְבָרִים שֶׁבִּצְנְעָה** (סוכה, מט) אַ זאַך וואָס ווערט געטהון אין געהיים. **דָבָר קְדוּשָׁה** = **דְבָר**

שֶׁבִּקְדוּשָׁה (ברכות, כא) אַ זאַךְ וואָס אָנבּעלאַנגט אין היילינקייט. **דְבַר שֶׁקֶר** (שמות כג, ז) אַ פאַלשע זאַך. **דוֹבְרֵי שֶׁקֶר, שַׁקְּרִים** (תהלים סג, יב) ליגנער. **דִבְרֵי תוֹכָחָה** — שטראָף רייד. **דִבְרֵי תַנְחוּמִין** — טרויסט רייד. **דְבַר תּוֹרָה, דִבְרֵי תוֹרָה** (ברכות, ג: ר"ה, יח) תּורה ווערטער.

דְבָרִים — דער פינפטער טייל חומש וואָס ער הייסט „משנה תורה" די ווידערהאָלונג אין קורצען, וואָס ווערט דערציילט וועגען יודישע בעגעבענהייטען פון מצרים אָן אין די פאָריגע טיילען חומש, מיט נייע פיעל פרשיות. מיט דעם זעלבען נאָמען „דברים" הייסט אויך די ערסטע סדרה פון דעם זעלבען ספר (דברים א, א—ג, כב) און איז די 44=טע סדרה אין גאַנצען חומש, מיט דעם זעלבען אינהאַלט.

דְבוֹרָה (ישעיה ז, יח) די בינע. מיט דעם נאָמען „דבורה" האָט זיך אָנגערופען די נביאָה (שופטים ד, ה) רעדנערין. זי איז געוועזען אַ פרעזידענטין און האָט פאַרפיהרט אַ שטאַרקע שטרייט מיט יודישע דריקער און האָט געזיגט און פערבּיסען מיט אַ אייגענעם געדיכט פון יענער געשיכטע וואָס הייסט „שִׁירַת דְבוֹרָה" (שופטים, ה) און מען לייענט דאָס פאַר'ן מפטיר אום שבת שירה.

דְבַשׁ (בראש' מג, יא) האָניג, דער פון שטאַמט אויך דער ווייבּליכער נאָמען דְבָשָׁה.

דָג (יוה ב, א) פישע. **דָגִים** (איוב מ, לא). **דָג גָדוֹל** (יונה ב, א) אַ גרויסער פיש. **דָג טָהוֹר** (בכורות, ז:) אַ ריינער פיש. **דָג טָמֵא** (שם) אונריינער פיש ד. ה. וואָס זיינען בעצייכענט אין דער תּורה (ויקרא יא, ט—יב) וועלכע עס זיינען מיט פלאָספעדערן און שופפען מאָג מען עסען, און וועלכע עס זיינען אָהן פלאָספעדערן און שופפען זאָל מען ניט עסען. **דָג מָלוּחַ** (ברכות, נה). **דָג מְלִיחַ** (שבת פא) **דָגִים מְלוּחִים** (תמיד פ"ד) איינגעזאַלצענע פיש (הערינג). **דָגִים קְטַנִים** (ברכות,ט) קליינע פישלעך.

דגל (במדבר ב, ג) פאַהנע — **דגלים** (במדב"ר פ"א).

דוגמא (תענית, כג. גטין נז) גלייכ־הייט, פראָבע־שטיק פון אַרטיקלען — **דוגמאות** (כתובות כח).

ד'היינו (ברכות כה. בתוס') דאָס גלייכען, צב"ש [1]:

דוד (ש"א יז, יד) געליעבטער— מיט דעם נאָמען האָט דער ערסטער געהייסען „דוד המלך", דאָס שטאַמט פון וואָרט „דוד"—פריינד, מיט דער זעלבע בעדייטונג האָט געהייסען אויך זיין זאָהן שלמ'ה—„ידידיה" צו ליעב דעם זיין גאָטעס ליבלינג (ש"ב יב, כד—כה) וואָס צו זייערע פאָעזיע געדיכטע, גאָטליכע לויב געזאַנג — גיט ניט קיין גלייכען אונטער אַלע אַנדערע קעניגע (מ"א ה, יב—יד. ברכות, ח).

דוקא (יבמות, עו.) גענוי, געווים, ניט אַנדערש.

דוחה (תהלים לה, ה. יבמות, ו.) אָבשטויסען. **דחוי, דחיה** (פסחים, צח.). **דוחה שבת** (סוכה, ג.) וואו עס שטייט פאָהר אַ געפאַהר, איז דער שבת פורט.

דוחה בשתי ידים (סוטה, מז) שטייסט אָב מיט ביידע הענד.

דחק (סוטה, מט.) בעדריקונג.

דוחק (אבות פ"ב). **דחקות** מאַנגעל, נויט, עס קומט פאָר אַ דחק אָדער אַ דוחק אין וועל־כען עס איז אַרטיקעל, וואָס פיעלע פאָדערין אים און עס גיט פון אים ווייניג. „לעבט אין דחקות"—אין מאַנגעל. „על פי הדחק"—אין אַ נויט, קומט מען דורך מיט ווייניגער.

דיה לצרה בשעתה (שמו"ר, פ"ג)

דיו — טינט.

דין (ש"א כד, טו. פאה פ"ח) ריכטער.

דיינים (שבת, קלט.). **דיין אלמנות** (תהלים סח, ו) ריכטער פיר וויטווען. **דיין אמת** — ריכטיגער ריכטער. **דיינים מומחים** — קאָמפאָטענטע ריכטער. **דיינות** — ריכטער שטעלע. **דיינ'טע** — דעם ריכטערס פרוי.

[1] מוצאו ממלת „הני" כמו: הני בבלאי טפשאי, היינו הך, והאות ד' שבמלת דהיינו היא שמושית בארמית כמו ש' בעברית שבאה תחת מלת אשר.

דוּכָן (מגילה, ג. ערכין, ד.) דִי בִּימה פַאר דִי כֹּהנִים צוּ זייער דִינסט. „דוכנ'ען"— הייסט די ברכה המשולשת „יברכך יאר, ישא" וואָס די כהנים בענטשען מִיט דעם דאָס פאָלק, (במדבר ו, כב— כז).

דַל (ויקרא יד, כא) אָרמע. **דַלִים** (ישעיה כו, א) אַרמע. **דַלוּת** אָרִימקייט, נויט, מאַנגעל.

דִלוּג (שה"ש ב, ח) הִיפּפען, איבער־שפרינגען, „מאַכען אַדלוּג" איז בעוואוּסט יעדעם פראָסטען וואוּכערנִיק, ער רופט דאָס—ווען דער לוה פערפעהלט אַוואָך צוּ געבען די וואוּכער.

דַלְפוֹן (אסתר ט, ז) **דַלְפָנִים.** מִיט דעם נאָמען הייסט איינער פון די עֲשֶׂרֶת בְּנֵי הָמָן, און מִיט דעם רופט מען אַ פער־שטעלטען רייכן, אָדער אַ פּוּס־טען פראַנט [1].

דַלֶית (שבת, קה) נאָמען דער 4־טע אות אִין אלף־בית.

דַלֶית אַמוֹת (ברכות ח) 4 עלען, איז געלייגט פִיר אַ טרִימִין אַלם ראַמקע פון אונטערנעמונג, צב"ש: **ד' אַמוֹת שֶל הֲלָכָה** (ברכות ח) אָ־ער דאָס איז יעדענס היים וואו ער שטייט [2].

דָם (בראשית לז, כב) בלוּט.

דָמִים (שמות ד, כה). **דַם הַתַמְצִית** (כריתות כ. חולין, מה.) אויסגעפרעסטען (דעם לעצטען) טראָפּפען בלוט. **דַם שׂוֹנֵא**— בלוט פיינד. **דְמֵי קְדִימָה**— האַנד געלד, אויפגאַבע. „געצאַפּט די דמים" הייסט—געוואורצעט, געטאָצעט, אָדער געצויגען געלד.

דָמִים תַרְתֵי מַשְמַע (מגילה יד:) דמים איז געמיינט ביידע— בלוט און גוט. **דוֹמֶה** (שה"ש ב, ט). **דִמְיוֹן** (ישעיה מ, ח) אָהנליך, אִין פערגלייך. **דִמְיוֹנוֹת** —

---

[1] אין לאמר שאחד מבני המן היה אביון, עד שהיה למשל על עניות, שהרי אביו היה עשיר גדול, כמ"ש: ויספר להם המן את כבוד עשרו (אסתר ה, יא)? וי"ל שקאי רק על הדלפנין—הם מיני הדגים (Delphin), שעליהם אמרו: „הדלפנין פרין ורבין כבני אדם" (בכורות ה.) והיו למשל על עני מטופל—שהוא דלפון גמור, שפרה ורבה. וי"מ בפשוטו ששרשו „דל" עם נון ההקטנה לגודל השפלות.

[2] לענין מציאה וגטי נשים ומת מצוה—קנה מקומו וכיוצ"ב.

זיך פאַרשטעלן דורך איינביל־דונגס קראַפט. **דְמוּת** (בראשית ה, ג) געשטאַלט, אָהנליכקייט. **דוֹמֵם** (חבקוק ב, יט) פערשטוממט. **דִין** (ירמיה כב, טז) רעכט, געזעטץ, אורטייל — **דִינִים. דִינָא דְבַר מִצְרָא** (ב"מ, קח) דאָס רעכט פון אַ גרענעץ נאַכבאַר. **דִינָא דְמַלְכוּתָא** (גטין, י:) אַ געזעטץ פון דער רעגירונג. **דִין וּדְבָרִים** פאָדערונג נאָך דעם געזעטץ און איבערריד. **דִין וְחֶשְׁבּוֹן** (אבות פ"ג) אַ פאָדערונגס רעכט מיט אַ רעכנונג. **דִינֵי מָמוֹנוֹת** (ברכות פ"ג:) שטרייטיגע געלד זאַכען. **דִינֵי נְפָשׁוֹת** (סנהדרין ב.) געזעטץ פון טויט שטראָף (קרימינאַל רעכטע). **דִין קְדִימָה** זיין אֶצערעדע. **דִין תּוֹרָה** (ב"מ, ל:) געריכט נאָך דער תורה. **דָן** (בראשית טו, יד) ריכטען. **דָן לְכַף זְכוּת** (אבות פ"א) פעראורטהיילען אין דער גוטע זייטע. „דן גיוועזן" אויסגעפיהרט דעם געריכטס אורטהייל.

דָן (בראשית ל, ו) הייסט איינער פון יעקב׳ס קינדער, איז געבאָרען פון בִּלְהָה און איז דער פאָטער פון שבט דן וואָס האָט געציילט 62700 פערזאָן פון צוואַנציג יאָהריגע מענער (במדבר א, לט), פון זיי שטאַמט דער בעוואוסטער העלד „שמשון הגבור" (שופטים יג, ב. שם כה)

דִינָה (בראשית ל, כא) געריכטעטע (ברכות ס.) נאָמען די טאָכטער יעקב׳ס, לאה׳ס מיזינקע. זי איז געפעלען געוואָרען דעם גרויס פירשט פון שכם — און האָט איהר געפאַנגען, האָבען איהרע ברידער איבער איהר חרוב געמאַכט דיזע רעזידענץ שטאָט (שם לד).

דָנִיֵאל (דניאל א, ו) מיין ריכטער איזגאָט. נאָמען איינער פון די קינדער פון דער יודישע קייזערליכע פאַמיליע, וועלכע זיינען פערטריבען געוואָרען אין בבל און האָבען בעזעסען העכסטע בילדונג, אַז אונטער די חכמי בבל האָט ניט געגעבען אַ זעלכע, האָט מען זיי ערלערינט די כאַלדייאישע שפראַך, זיי זאָלען נוצליך זיין דעם קייזערליכען הויף מיט זייערע חכמות — וועלכע מען

האָט אַרויס געפונען אין זיי באַלד ווי זיי האָבען נאָר ערלערינט די כאַלדייאישע שפראַך. דער דניאל איז גיוועזען דער גאַנצער פּאָליטיקער און דער אויבער מיניסטער און רעקטאָר איבער אַלע חכמי בבל [1]. דער דניאל האָט פּותר געוועזען דעם קיסר נבוכדנצר זיינע חלומות וועלכע עס איז מקוים געוואָרען אויף איהם; ער האָט אויך בעשטימט אין סוף ספר דניאל דעם קץ פון דעם לאַנגען גלות. צוויי מאָל האָט ער זיך מוסר נפש געוועזען צוליעב זיין רעליגיע, איין מאָל האָט מען איהם מיט זיינע חברים אַריינגעוואָרפען אין אַ ברענענדיגען קאַלך אויווען (דניאל ג.) און דעם צווייטען מאָל אין אַ לייבען גרוב (דניאל ו.) און ביידע מאָל זיינען זיי אַרויס אָהנע שאַדען (שם).

דִיעֲבַד (ברכות, טו.) שוין אָבגיטאָהן [2].

דֵעָה (תהלים עג, יא) וויסען.

דֵעוֹת (שמואל א ב, ג).

דֵעָה מְיוּשֶׁבֶת (ברכות, טו. עירובין סה) אַ בעזעסענער מיט אַ גילאַסע־נעם מיינונג. **דַעְתָּן** — אַ וויסענ־דער. „זאָגט אַ דעה"—זאָגט זיין מיינונג נאָך זיין וויסען. „זיך געשלאָגען מיט דער דעה"—ניט געוואוסט ווי זיך צו בעשליסען; „בַעַל דֵעָה" — „בַעֲלֵי דֵעוֹת" — זעה—„בַעַל".

דַף (שבת, קטז. נדה, ד.) ברעט—**דַפִּים** (מס' סופרים פ"ב הל' ו). **דַף גְמָרָא** — אַ בלאַט אין גמרא, דאָס קומט פון דעם, וויל פאַרצייטען פלעגען די מאַנוסקריפּטען געמאַכט ווערען אויף טאַפלען ווי ברעטלאַך וואָס הייסען היראָגליפען [3]. **דְפוּס** (ב"ב, טו) פאָרם, דרוק—**דְפוּסִים**.

---

[1]) חכמת דניאל היה למשל (יחזקאל כח, ב); ע"ד דניאל וחבריו עי' בחבורי כל חמדת ישראל במבוא „חכמי ישראל" (צד 17 בהערה 3—1 שם) ובתעודה לישראל שער ג. פי' כג.

[2]) בקיצור כללי המקרא במבוא התלמוד לר"ש הנגיד מבארו שמורכב משתי מלות דאי—עבד.

[3]) ובגמרא מנחות כט: קורא לעמוד של ס"ת „דף".

דֹּפֶק (שה"ש ה, ד) קלאַפּט. אַזוֹי רוּפט זיךְ דער פּוּלס, ווײַל ער קלאַפּט פוּן דעם שטראָמינגען בלוּטס צירקוּלאַר, כל זמן מען אָטהעמט „עס קלאַפּט דער דוֹפק" בל"ז. „טאַפּט דעם דוֹפק", הייסט: נעמען אוֹיף פּעוונגע.

דַּקָּה (דמאי פ"ב) קליין פּיה— ד"ז וואָס בְּהֵמָה דַקָּה (ב"ק, עט). **דַּקּוֹת** (בראשית, מא).

דִּקְדּוּק (ברכות, טו.) גאַנץ דין (מל' דק, דק) פּינקטליכקייט אין אָרטהאָגראַפּיע (אויסלייגען אין שרייבען). ד"ה: גראַמאַטיק **דִּקְדּוּקִים. דִּקְדּוּקֵי סוֹפְרִים** (סוטה, טו:) גענויע אויספאָרשוּנג אוּן ערקוּנדיגוּנג אין די בעדייטוּנג פוּן די ווערטער פוּן די סוֹפרים ד"ז איז „דִּקְדּוּקֵי תוֹרָה (שם).

דִּקְדּוּקֵי עֲנִיּוּת (עירובין, מא:) מעלאָצנע, קליינליכקייטע דער אָרימקייט.

דּוֹר (דברים לב, כ) צייט-אַלטער, קינפטיגע, נאָכקאָמענגעשלעכטער (גענעראַציאָן). **דּוֹרוֹת** (ישעיה נא, ט) אויך מעגליך: **דּוֹרִים** (שם ה. תהלים עב, ה).

דּוֹר דֵּעָה — אַ צייט-אַלטער פוּן וויסענשאַפט. **דּוֹרֵי דּוֹרוֹת** דויערהאַפּט.

דּוֹר הַמַּבּוּל (סנהדרין קז:) די צייט פוּן מבול.

דּוֹר הַמִּדְבָּר (שם קח.) די לעבענס-צייט פוּן אידען אין דער מדבר. **דּוֹר הַפְּלָגָה** (שם) די צייט ווען מענשען זיינען צוטיילט געוואָרען אין פערשידענע שפּראַכען אוּן פעלקער (ווי עס איז דערציילט אין ספר בראשית, יא). **דּוֹר יְשָׁרִים** (תהלים, קיד) אַ צייט פוּן רעכטשאַפענע לייט.

דּוֹרוֹת הָרִאשׁוֹנִים (גטין, פ"א) פאַרצייטיגע לעבענס-צייטען.

דּוֹרוֹת הָאַחֲרוֹנִים (שם) די שפּעטערדיגע דורות.

דִּירָה (עירובין, סב. סנהדרין, לח.) וואָהנוּנג — **דִּירוֹת** [1].

דִּירָה נָאָה (שם) אַ שיינער

---

[1]) במקרא נמצא רק הפעל „מדור באהלי רשע" (תהלים פד, יא) וי"מ גם הכתוב „דורי נסע ונגלה מני כאהל רעי" (ישעיה לח, ב) שהוא מל' דירה, כדמוכח מסופא דקרא „כאהל רעי" שהוא הפך האהל הקבוע; רק נסע ונעתק. ונסע הונח על יתדות האהל כמ"ש: אהל בל יצען בל יסע יתדותיו (ישעיה לג, כ).

וואָהנונג. **דירת עראי** (סוכה) אַ וואָהנונג אויף דערווייל. **דירת קבע** (שם) אַ בעשטימטער וואָהנונג. „דירה געלד" — בעלאָהנונג פאַר דעם וואָהנונג. דער בעדייטונג און דעם טעם דער פון איז גענוג בעקאַנט, ווי פאַר רייכע אַזוי פאַר אָרימע. דער צאָהלונגס טאָג פון די דירה געלד איז צווישען די בעלי בתים מיט די שכנים ווי אַ קאַמפף צווישען אַ באַנדע וועלף מיט אַ סטאַדע שעפּסען.

דרגא (יבמות, סג.) שטופע, טרעפּע [1];

דרדקי (שבת קמה: חגיגה ד:) אָנפאַנגער אין לערנען — און פיר עלטערע איז דאָס אַ זלזול (ב"ב, טו:).

דרך (בראשית ג, כד) וועג, גאַנג, רייזע אַרט, געוואָהנהייט — דרכים. **דרך אגב** (וועה„אגב אורחיה"). **דרך ארץ** (פסחים סו:) דער וועלטליכער אַרט. **דרך הטבע** — נאַטורליך. **דרך בזיון** (סוכה, מב.) מיט בעליידיגונג. **דרך הישר** (משלי יד, יב) גראַדען וועג. **דרך הלואה** (ב"מ, לא.) אַרט פערלייען. **דרך המלך** (במדבר כא, כב) פלאַנירטע וועג, פון דער רעגירונג. **דרך התגרים** (תנחומא שלח עו) העגדלער אַרט. **דרך כבוד** (סוכה, מא) האָנעראָווע. **דרך משל** (שבת פ' כב) אין אַרט ביישפּיעל.

דרום (דברים לג, כג) זידען זייט, איז אין דער רעכטער זייט פון דעם מענשען, ווען מען שטייט מיט דער געזיכט צו מזרח [2]). דער דרום זייט האָט די זונן דורכגאַנג אין אַלע צייטען פון יאָהר.

דריסה (חולין) צוטרעטן, צודריקונג. **דריסת**

---

1) דרגא בתלמוד כמדרגה בעברית שבשתיהן מורה גם רום המצב ושפלותו „יונתי בחגוי הסלע בסתר המדרגה" (שה"ש ב, יד) „נחית דרגא ונסיב אתתא" (יבמות סג.).

2) וסימנך „צפון וימין אתה בראתם" (תהלים פט, יג) — הכתוב קורא ימין להצד שבנגד צפון — והוא דרום.

הֶרְגֵּל (נדרים, לב:) אַ פּוּס אַרײַנ־טרעטונג, אײנגאַנג.

דְּרוּשׁ — ערקלערענדע רעדע, פּרעדיג — **דְּרוּשִׁים.**

דְּרָשָׁה (פסחים סב.) — **דְּרָשׁוֹת.**

דַּרְשָׁן (ויק"ר פ' ל) רעדנער, פּרעדיגער — **דַּרְשָׁנִים** (סוטה, מט).

דַּרְשָׁנִיּוֹת (כ"ב, קיט). „דרשה געשאַנק" — געשענקע, וואָס מען פלעגט געבען אַ חתן פאַר זײַן דרשה צו דער חופּה; דער פון קומט דער שפּריכוואָרט ווען יעמאַנד פערלאַנגט מעהר בע־פריעדיגט ווערען אלס זײַן פערדינסט: „ער האָט וואָהל גע'דרש'נט".

דְּרִישָׁה וַחֲקִירָה (סנהדרין לב) אויספאָרשען און ערקונדיגען.

דָּת (דברים לג, ב) רעליגיאָנס געזעטץ. **דַּת יִשְׂרָאֵל** (כתובות עב, במשנה) יודישע רעליג־יאָנס געזעטצע [1].

ה.

ה — דער 5־טע בוכשטאַב אין א"ב. מיט אים בעצייכענט מען אויך דעם ציפער 5, צב"ש: **ה־אֲלָפִים** בעדײַטעט: 5־טויזענד. **ה־סְלָעִים** 5־טאָלער (פּ״ר פדיון הבן) א. ד. ג.

דער בוכשטאַב **ה** דינט צום אנפאַנג גאַטונגס נאָמען צו בעווײַזען דאָס דער געגענשטאַנד איז אַ בעוואוסטער (גראַמאַטיקער רופען דאָס „ה־הידיעה"), צב"ש: **הַשֻּׁלְחָן** — דער טיש. ער דינט אויך אָנפאַנג וואָרט צו בעדײַטען אויף אַ פראַגע (ה־השאלה) אָדער אַ בעוואונדערונג (ה־התמיה), צום בײַשפּיל:

---

[1] שם הלשון דת משה ויהודית, ושם גופיה עושים חלוק מה נקרא דת משה ומה היא דת יהודית: „דת משה" הם הדברים דכתיבא באורייתא מפורש, ודת יהודית הם הדברים דלא כתיבי (ועי' רש"י ובפי' המשניות להרמב"ם שם).

הַיִפָּלֵא (בראשית יח, יד) איז עֶס דעֶן אַ וואונדעֶר ?, אָדעֶר: הֲתַחַת ה׳ אָנֹכִי (שם ל, ב) בִּין איךְ דעֶן אַנשטאָט גאָט ?.

דעֶר ה דינט אויךְ צום עֶנדעֶ וואָרט אַנשטאָט דעֶם ל וואָס בעֶדאַרף קומעֶן צום אָנפאַנג וואָרט צו בעֶדייטעֶן „קיין" אָדעֶר „צו", צב"ש אַ שטאָט „לירושלים" קיין ירושלים קומט—יְרוּשָׁלַיְמָה [1]. ווען עֶר קומט צום עֶנדעֶ וואָרט געֶפונקטירט בעֶווייזט עֶר אויף אַ געֶגעֶנשטאַנד: דאָס עֶר געֶהעֶרט צום דריטעֶן פעֶרזאָן ווייבליכעֶם געֶשלעֶכט, צב"ש: בִּגְדָהּ איר בֶּגֶד, מַלְכָּהּ (הושע י, ז) איהר קעֶניג. עֶר הייסט מפיק-ה.

דעֶר ה דינט אויךְ אין אָבקירצונג (ראשי תבות), צב"ש:

ה"א איז צו לעֶזעֶן: ה־אֲלָפִים.

הבע"ל — הַבָּא עָלֵינוּ לְטוֹבָה.

הדו"ש — הַדּוֹרֵשׁ שְׁלוֹמוֹ.

ה"ה — הֲלֹא הוּא.

הזכ"נ — הַזְכָּרַת נְשָׁמוֹת. הז"נ.

הי"ו — ה׳ יִשְׁמְרֵהוּ וִיחַיֵּהוּ.

הכו"ח — הַכּוֹתֵב וְחוֹתֵם.

המו"ל — הַמּוֹצִיא לָאוֹר.

המלב"ה — הַמֵּבִיא לְבֵית הַדְּפוּס.

הנ"ל — הַנִּזְכָּר לְעֵיל.

הק׳ — הַקָּדוֹשׁ, הַקָּטָן.

הקב"ה — הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא.

הש"י — הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ—הש"ת.

הוש"ר — הוֹשַׁעְנָא רַבָּה.

---

[1]) על הכתוב וילך חרנה (בראי כח, י) מביא רש"י מאמר ר׳ נחמיה: כל תבה שצריכה ל בתחלתה הטיל לה הכתוב ה בסופה (יבמות יג, ב"ר פ"ג). ופריך הגמרא: „והא כתיב: ישובו רשעים לשאולה" (תהלים ט, יח) — משמע שהה"א אינה פוטרת את הלמד — ומתרץ ר׳ יוסי בר זבדי שבאו שתיהן על חזוק ההוראה—שישובו לעומקה של שאול.

[2]) אות „הא" היא אחת מאותיות אהוי"י הקלות בהברתן, שבשבילן מתחלפות האותיות בכפת הדגושות לרפויות—בבואן בראש המלה הסמוכה להן, והה"א היא הקלה בכולן; וז"ל המדרש רבה (ב"ר פ׳ יב) „כל האותיות תופסין את הלשון וזה הה"א אינו תופס", והפיטן קורא לו: „אתא קלילא דלים בה ממשותא" (אקדמות לשבועות ע"פ מדרש תהלים כב. נדרים צא). ומרוב דקותה וקלילותה תחסר לגמרי בא"ב הרוסית ותמלא מקומה האות ג. וכן במדרש אגדה אל תקרא מהונך אלא מגרונך (רש"י משלי ג, ט) ובמדרש חז"ל: מהונך—ממה שחננך (תנחומא ראה יב) וכן תתהפך הה"א בלשון רוסיא גם לאות ח באותיות הנגינות לזמרה, באשר אות ג יש זולתה.

הֵא — נאָמען דער 5=טע אות אין א"ב. „הא=עלע"—דער בוכשטאַב ה אַליין איז אַ ראשי תבות פון דעם הייליגען שם פון פיער אותיות יהו"ה [2]), פלעגט ער קומען בולט גיגאָסען אויף אַ מעטאַלענעם מאָנעטאָ, און דאָס אָנהייִנגען קלייִנע קינדער אויף דעם האַלדז אַלס אַ שמירה.

הָא (ברכות, ה. ב"מ, טז.) דאָס, דיזער. **הָא בְּהָא תַּלְיָא** (שבת, קלה) עס ווענדעט זיך דאָס אָן דיזעס. **הָא גַּבְרָא וְהָא דַּסְקָא** (קידושין, עח.) דיזער איז דער מענש און דאָס איז די פּאָוויעסטקע. **הָא לַחְמָא עַנְיָא** (אגדה ש"פ)·דיזע איז די אָרימע ברויט — צום אָנדייִנקונג פון מצרים.

הַאֲזִינוּ — די 10=טע סדרה אין פינפטען טהייל חומש (דברים לב, א—נב) און די 53=טע אין חומש. אין איהר איז די ערהאַבענע „שירת האַזינו", וועגען דעם גאַנצען צוקונפט פון יודישען פאָלק מיט אַללע לייִדען וואָס שטעהט פאָר, און לאָזט זיך אויס „דאַס דאָס יודיש בלוט וועט ניט פערגעסען ווערין און מען וועט זיי פערגיטיגען מיט דעם אָבגעבען זיי זייער לאַנד [2]).

הָאוֹחֵז בְּיַד (פיוט לר"ה) „דער וואָס האַלט פעסט אין האַנד" זאָגט מען — איז די בעסטע תפילה, ד. ה. וויא מען זאָגט: „בעסער גלאַט=געלד ביי זיך, איידער גוט געלד ביי יענעם.

הַבְדָּלָה (מנחות, כו. פסחים, כד: ושם הנוסח „המבדיל") דאָס אָבזאָנדערן — אונטערשייִדונג.

הַבְדָּלוֹת (פסחים, קד:) מאַכען

---

[1]) כל ד' אותיות יהו"ה כלן קדושות ובתוכן ד', וחצין גם הוא שם ה': „כי ביה ה' צור עולמים" (ישעיה כו, ד) אך האות ה' בהיותה לבדה גם היא נחשבה לשם קדוש מהשם יהו"ה (קדושין, לא.) ובה לבדהו ברא ה' את העולם, כדרשת חז"ל מהכתוב אלה תולדות השמים והארץ בהבראם (בראשית ב, ד)—בהא בראם (ירושלמי חגיגה פ' אין דורשין, ב"ר פ' יב).

[2]) ושה"כ בסוף „שירת האזינו": „כי דם עבדיו יקום ונקם ישיב לצריו—וכפר אדמתו עמו.

הבדלה" אַיין צערעמאָניע אוים־פיהרונג בײַ דעם שבת אוים־גאַנג, צום אָבזאָנדערין דעם הײַליגען טאָג „שבת" פון וואָכע־דיגען טאָג, שבת־צו־נאַכט אויף אַ כּוס ווײַן (פסחים, קיג). „הַבְדָלָה לִיכט" די ליכט וואָס מען צינדט אָן בײַן מאַכען די „הבדלה", כּדי צו מאַכען אויך דאַנן אַ ברכה אויף די פײַער [1].

הַבְטָחָה — פערטרויען, פער־זיכערונג, פערשפּרע־כען — **הַבְטָחוֹת**.

הֶבֶל (ירמיה ו, ג) הויך, ניכטס.
הֲבָלִים (שם ח) **הֲבֵל הֲבָלִים** (קהלת א, ב) ניכטיג־קײַט דער ניכטיגקײַטען. **הֶבֶל וָרִיק** — הויך און לעער.

הֲבָנָה — פערנעהמונג, פער־שטעהן.

הַגְבָּהָה — דאָס אויפהעבען. „הַגְבָּהוֹת און גלילות" דאָס אויפהעבען און צוזאַמענ־ראָלען די ספר תורה נאָך קריאת התורה.

הַגָּדָה — דאָס זאָגען (וועה־אגדה) **הַגָּדוֹת** (סנהדרין קא:).

הַגָּהָה (ברכות, יג: ירושלמי פ"ה) קאָרעקטור, קאָרעזירען, (וועה—„בעל מגיה").

הֲגַם (אסתר ז, ח) צו דען אויך?

הָגוּן (ברכות נ"ה) פּאַסענד, ווירדיג.

הִגִּיעַ לִגְבוּרוֹת (גטין, כח. מו"ק כח.) אַ מאַנן אין 80־יאָריגען עלטער [2].

---

[3] שיש דעת הי"א דאור במוצאי שבת איברי (פסחים נג, נד:), והתיחסות ברכת האור אל ההבדלה יליף (בב"ר פ"ג, ו ובירושלמי) מדכתיב—וירא אלהים את האור כי טוב והדר ויבדל. ומה שנוהגין להסתכל בהצפרנים זה ענין מסודות הקבלה, והמקור לזה במדרש תהלים ל"ה; אבל לא להסתכל בכל הצפרנים ובשתי הידים, כמו שנוהגין המון עם,שזה לגמרי מנהג בורים אשר אינם יודעים בין ימינם לשמאלם, רק כלל זה נקוט בידם להוסף ולהחמיר מדעת עצמם מק"י, ובאמת רק בהד' אצבעות מיד ימין—ולא של שמאל כמפורש בפרטות בספר קיצור של"ה בשם רמ"א בש"ע ס' סי' רצ"ח מ"ז בשם פסקי תו"מ.

[2] מלי הכתוב „אם בגבורית שמונים שנה" (תהל' צ, י) ובאבות „בן שמונים לגבורה" (כלומר אם בגבורה).

הִגִּיעָה לְפִרְקָהּ – אַ מֵיידעֶל וועלכעֶ עֶס איז איהר צייט צוּ פעֶרהייראַטעֶן [1].

הֶדְיוֹט (ברכות, ז: מגילה, טו: עירובין, סג:) אוּנגעוויסעֶנ־דעֶר אין דעֶר זאַכעֶ, פּריוואַט— **הֶדְיוֹטִים** (ברכות ז). **הֶדְיוֹטוּת** (שם כד:) ניט קאָמפּעֶטעֶנטנעֶ אין דעֶם געֶגעֶנשטאַנד וועֶלכעֶ עֶס האַנדעֶלט זיך, אויך סתם פּראָסטאַק, דעֶר פוּן קעֶן שטאַ־מעֶן—„אידיאָט".

הַדְלָקָה (שבת, כא:) דאָס אָנ־צינדעֶן; **הַדְלָקַת הַנֵּר** (שם כה: לא:) אָנצינדעֶן די „שבת־ליכט", אָדעֶר „חנוכה ליכט" (שם).

הֲדַס (ישעיה נג, נה) מירטעֶ. **הֲדַסִּים** (זכריה א, ח) אויך רוּפט מעֶן אַזוי אָן די שיטעֶר געֶפלאָכטעֶנעֶ כלי מיט געֶווירצעֶן צוּם שמעֶקעֶן צוּ הבדלה (ברכות נא, במשנה, שם מג). **הֲדַסִּים** — מירטהעֶן, ווערעֶן בעֶנוּצט צוּ די פיעֶר מינים פוּן „לוּלב".

הֲדַסָּה (אסתר ב, ז) מִירטעֶ, מיט דעֶם נאָמעֶן איז אָנגעֶרוּ־פעֶן „אֶסתּר המלכּה" (ועֶה—אֶסתר).

הִדּוּר (קדושין, לב:) בעֶפּוּטצעֶן, בעֶשייִנעֶן — **הִדּוּרִים**. **הִדּוּר מִצְוָה** (ב"ק, ט:) דאָס בעֶשייִנעֶן אַ מצוה־זאַך. **הַדְרַת פָּנִים** (שבת, קנב:) אַ שייִנעֶר פּעֶרזאָן, אימפּאַנירעֶנדעֶם געֶזיכט **הִדּוּר הַכָּבוֹד** (קדושין, לב.) די שעֶנסטעֶ עֶהרעֶ — **הֶעְדֵּר הַכָּבוֹד** — איז דעֶר געֶגעֶנ־זאַטץ—אָהנעֶ עֶהרעֶ.

הֲוָיוֹת (ברכות, כ:) ועֶה—הַעֲוָיוֹת [2]).

הַזָּהֵר (קהלת יב, יב) זיי בעֶוואַ־רינט, פאָרזיכטיג.

הַזָּהֵר וְהִזָּהֵר (ברכות, כג:) זיי זייעֶר פאָרזיכטיג.

---

[1]) גם יש לנקד „לְפָרְקָהּ" מלי׳ פריקה וטעינה, לאמר: לפרוק עולה מעל שכם אביה ולתתה לבעל.

[2]) הלי׳ בגמרא „הויות דרב ושמואל", „הויות דאביי ורבא" (סוכה, כה:) אין לסמכה אל האמור ביהודית „ער מאכט משונה הויות" שאומרין על המעווה פניו וא"כ שמשתי לזה המלה העויות מלי׳—ועוה פניה (ישעיה כד, א:).

הַזְכָּרָה (פסחים קה:) דָאס עֶרְוֶוע־ נֶערְן, גֶעדַאכְטֶען.

הַזְכָּרַת הַשֵּׁם (ברכות, יב:) עֶר־ אִינֶערִין גָאטֶעס נָאמֶען.

הַזְכָּרַת נְשָׁמוֹת [1]) עֶרְאִינֶע־ רוּנג דִי נֶעמֶען פוּן דֶעם זֶעלִיגֶען.

הַזְמָנָה (קידושין, ע:) בֶּעשְׁטִימֶען, פָארְבֶּערַייטֶען, בֶּעשְׁטֶע־ לֶען, אַיינְלַאדֶען — הַזְמָנוֹת.

הַזְמָנָה לְדִין (שם) בֶּעשְׁטֶעלֶען, לַאדֶען צוּם גֶערִיכְט.

הֵזֵק (גטין, נג:) שָׁאדֶען—הֵיזֵקוֹת,

הֵזֵק רְאִיָּה (ב״ב, ב:) עֶס שַׁא־ דֶעט אַיין אוֹיג.

הַחְלָטָה (מ״א כ, לג:) בֶּעשְׁטֶע־ טִיגוּנג, בֶּעשְׁטִימוּנג— הַחְלָטוֹת.

הַיּוֹם (בראשית א, יד:) הַיינְטֶע, יֶעצְט, דִיזֶער טָאג [2]).

הָיוֹ לֹא תִהְיֶה (יחזקאל כ, לב.) עֶס וֶועט נִיט גֶעשֶׁעהְן, עֶס וֶועט דָאס נִיט זַיין.

הֱיוֹת (תהלים נ, כא) וֶוערְלִיג עֶס אִיז.

הַיּוֹצֵא מִדְּבָרֵינוּ — וָואס עֶס קוּמְט אַרוֹיס פוּן אוּנְזֶערֶע רֶעד.

הֲיִתָּכֵן (יחזקאל יח, כה.) שְׁטִימְט? אִיז דֶען רֶעכְט?.

הַכְחָשָׁה (ב״ק, צד:) אָבְּלַייקֶענֶען, וִוידֶערְשְׁפְּרֶעכֶען.

הַכֹּל (קהלת ג, כ) אַלֶעס דִיזֶעס [3]).

הַכֹּל יָכוֹל (בפיוט לר״ה) וֶועלְכֶער קֶען אַלֶעס.

הַכֹּל כַּאֲשֶׁר לַכֹּל (קהלת ט, ב) אַלֶעס בַּיינַאנְד.

הַכְּלָל (חולין פג, מא) דֶער רֶעגֶל, דֶער אַלְגֶעמֵיינֶער בֶּע־ שְׁלוּס וָואס עֶס קוּמְט אַרוֹיס.

הֲכָנָה (ביצה, ב:) פָארְבֶּערַיי־ טוּנג — הֲכָנוֹת.

הַכְנָסָה (שבת, ב:) אַרַיינְדְרִינְגֶען. אַיינְקִינְפְטֶע—הַכְנָסוֹת.

הַכְנָסַת אוֹרְחִים (שבת, קכז) דָאס אוֹיפְנֶעמֶען גֶעסְט (אָרִימֶע דוּרְכְגֶעהֶער). **הַכְנָסָה וְהוֹצָאָה**,

---

[1]) במובן דהמון להזכרת נשמות אין לו יסוד ומראה מקום לא במקרא ולא בתלמוד (עי׳ מאמרי „בהמליץ" גליון 32 לשנת תרמ״א ובהבכורים שנה שניה—„ע״ד המנהג הזכרת נשמות").

[2], [3]) תרגמתי לפי משפטו של ה״א הידיעה למלת „כל".

הַכְנָסוֹת וְהוֹצָאוֹת — אַיינ־קינפטע און אויסגאַבען. אויך הייסט דאָס הערויסנעמען און אַריינברייננגען די „ספר תורה" אין אָרון הקודש. **הַכְנָסַת כַּלָּה** (כתובות, יז:) מיט העלפען אַ אַרמע צום הייראַטען.

הַכְנָעָה — אונטערוואַרפען, נידער בויגען.

הֶכֵּר (עירובין, יא:) אַנ׳ערקענגען, מערקען. **הֶכֵּרוֹת** — בעקאַנטשאַפט.

הַכְרָזָה (סנהדרין, כו: כתובות, ק:) פובליקירען, מעלדען — **הַכְרָזוֹת**.

הֶכְרֵחַ — נויטווענדיקייט, עס צווינקט—**הֶכְרֵחִיּוֹת**.

הַכְרָעָה (ב"ב פט:) ניעדערבויגען, אַראָפּוויגען מיט מעהרערע געוויכט, ד"ה: איבער־געוויכט, געוויכט צוגאָבען, אָדער מיט מעהרער איינשטימונג אין אַ דעה—**הַכְרָעוֹת** (כריתות, ה:).

הַכְשֵׁר (חולין, לו:) מאַכט פאַר ברויכבאַר, ערקלערט פאַר כשר— **הַכְשֵׁרִים** [1]) ראַבינער־שריפטען אויף אַ געגענ־שטאַנד דאָס ער איז רעכטליך צום געברויך, נאָך די רעליג־יאָנס געזעטצע.

הַלְבָּשָׁה — אַנקליידען.

הַלְוָאָה (ב"מ יא:) אויסלייהען, פערלייהען, אָפּעראַצ־יאָן — **הַלְוָאוֹת** (סנהדרין, סב:).

הַלְוַאי (מגילה, יד: סנהדרין, ז:) ווען דאָך, זאָל עס זיין.

הַלְוָיַת הַמֵּת (פאה פ"א) דאָס בעגלייטען אַ טויד־טען צום גראַבע (קבר).

הוֹלֵךְ (במדבר כב, כב) געהט.

הִלּוּךְ (ב"ק, ק.) אַ גאַנג (הליכה). **הוֹלֵךְ רָכִיל** (משלי יא, ג) אָנברייננט פערליימדונג (טרייבט רכילות). **הִלּוּךְ** (שבת, קיג:) אַנצוג. „וואָס איז דאָס פאַר אַ הלוך?" אויף אַ אָבגעלאָזענעם גאַנג „הלכנען"—אָפּ ציהען.

הֲלָכָה (ביצה, כח:) איינריכטונג. **הֲלָכוֹת** (מגילה, כח:)

---

1) מלי הכתוב „איזה מהן יכשר" (קהלת יא, ו) ובלשון המשנה: ומכשרת: (את הלומד תורה) להיות צדיק, חסיד ונאמן (אבות פ"ו).

בעוויזען דעם אומגאַנג דורך די געזעטצע, צב"ש: **הֲלָכוֹת דֶּרֶךְ אֶרֶץ** (ברכות, כד:) אַיינגעפיהרטע זיטטען ווי זיך צו בעגיין וועלטליך; דאָס זעלבע איז: **הֲלָכוֹת יוֹם טוֹב** (ביצה, טו:) **הֲלָכוֹת מְגִלָּה** — **הֲלָכוֹת פֶּסַח** (סנהדרין, קא.) **הֲלָכוֹת סֻכָּה, הֲלָכוֹת שַׁבָּת, הֲלָכוֹת צִיצִת, הֲלָכוֹת תְּפִלִּין, הֲלָכוֹת שְׁחִיטָה** (גטין נו:) א. ד. ג. — **הֲלָכָה לְמשֶׁה מִסִּינַי** (פאה פ"ב מו. שבת, כה:) אַ בעשטימטע טראַדיציאָן, איבערגעגעבען נאָך צו משה'ן, זייענדיג אין מדבר סיני (במדבר א, א:) אָדער אויף דעם באַרג סיני (ויקרא כה, א). **הֲלָכָה לְמַעֲשֶׂה** (ב"ב, קל:) אָנגעוויזענער פיהרונג ווי זיך אויפצופיהרען. **הִלְכְתָא לִמְשִׁיחָא** (יומא ה:) אַזאַ דין וועלכער קען נור אַיין געפיהרט ווערין אין משיח'ס צייטען, **הִלֵּל** (תהלים י, ג) ריהמען, (ישעיה יד, יב) גלענצען. אונטער דעם נאָמען זיינען געוועזען בעריהמטע אונטער דעם יודישען נאַציאָן: „הלל הפרעתוני" (שופטים יב, יג) איינער פון די שופטים. „הלל הנשיא" האָט געלערנט זייענדיג אין גרוים דחקות (יומא לה.) און שוין זייענדיג אַ נשיא איז ער אויך בעריהמט מיט זיין גרוים ענוות וואָס ניאמאַנד האָט אים געקענט בריינגען צו כעס און נעהמען פעראיבל (שבת לא.) ביז 18 פערזאָן מיט דעם נאָמען הלל גיט אונטער די אמוראים (עי' סה"ד).

הַלֵּל — לויב=ליעד. אַזוי הייסען אין תלמוד די קאַפיטלען תהלים (קיג—קיח) וואָס זיינען בעשטימט יום=טוב טעג צו זאָגען נאָך שחרית. אַלע קאַפיטלען כסדר הייסן „גאַנץ הלל" (תענית, כח:) צו זאָגען די ערסטע 2 טעג פסח, די 2 טעג שבועות, 9 טעג סוכות (מיט שמיני עצרת און שמחת תורה), 8 טעג חנוכה (זיינען בעצייכענט מיט דעם וואָרט „בבט"ח"). „האַלב הלל", הייסט: ווען מען היבט איבער צוויי פון די האַלבע קאַפיטלען: „לא לנו" ביז ה' זכרנו, און אַהאַלבען קאַפיטל „אהבתי" ביז מה אָשיב צו

זאָגען חול המועד און די לעצ־טע פסח און ראש חדש. ער הייסט „הלל המצרי״(ברכות,נו) צוליב דעם קאַפּיטל „בצאת ישראל ממצרים״. „הלל הגדול״(שם,ד)הייסט דער קאַפּיטל „הודו לה׳״ (תהלים קלו) ביז על נהרות בבל (פסחים, קיח. ועי׳ תוספות שם).

הַלְעִיטֵנִי (בראשית כה, ל) שטאָפּ מיר אָן [1])‚ מיט דעם לשון האָט עשו געבעטין ביי יעקב׳ן פון זיינע געקאָכטע לינדזען, און אַזוי ווי די בני עשו החורי זיינען מער ניט גינסטיג ווען זיי בעדאַרפען אַ לאַסקע פון בני יעקב, און יעקב האָט שטאַרק געליטען פון עשו׳ס מאַכט מיט זיין רעכט וואָס ער האָט גיהאַט די „משפט הבכורה״. אָבער עשו ביי זיך האָט גאָר ניט געהאַלטען פון רעכט, דען ער האָט געקענט הערשען מיט מאַכט אַליין [2]), האָט ער אים פערקויפט די רעכט פאַר ג ע ל ד און יעקב האָט אים נאָך געגעבען באַרים ברויט מיט לינזען (רשב״ם). דער נאָך האָט עשו פאַרט נאָכגעטראָגען אַ שנאה, ווי דער שטייגער איז. און זייער מוטער רבקה האָט יעקב׳ן געוואָלט נאָך מעהר אויף שטאַרקען, ער זאָל קענען האָבען גלייך געוויכט אַנטגעגען עשו׳ס מאַכט—האָט זי אים אונטערגעשטעלט בעקומען אויך די ברכות פון פאָטער, און דער פאָטער יצחק האָט דאָס נאָכ־הער בעשטעטיגט, זייענדיג בע־וואוסטזיניג, און עשו׳ן האָט ער צוגעגעבין אַ ברכה „על חרבך תחיה״ אום ביידע ברידער זאָלען האָבען גלייך געוויכט: יעקב דורך ר ע כ ט, און עשו— דורך פ ע כ ט.

---

[1]‚ כחלשון הזה אין בכל המקרא והוצרך רש״י להביא דוגמתה מהמשנה „מלעיטים את הגמל״ (שבת קנה) וכן הנתינה לנר מפרש מבריתא (שבת קנה) שמורה על אכילה גסה דספי ליה בידים, ואני אביא לה מהמאמר „הלעיטהו לרשע וימות (ב״ק סט.);

[2]) כאמור שם מפורש „ויבז עשו את הבכורה״ כי בטח בכח הזרוע „ולמה לו זה משפט הבכורה״, וע״כ בא לקראת יעקב בשובו מפדן ארם בחיל ועזוז ולא בטענה על הבכורה. אדות הבכורה עי׳ גמרא ברכות ז:

הַלָּצָה — שפּאַס, שפּאַט, אַ פּשט ניט אין דער טהאַט.

הַמְכַסֶּה אֲנִי (בראשית יח, יז) וועל איך דען פערהעלען.

הָמוֹן (בראשית יז, ד) פאלק מענגע — **הֲמוֹנִים** (יואל ד, יד)· **הֲמוֹן עָם**—פאלקס מאַסע, פּעבל, דער פּראָסטער עולם.

הָמָן (אסתר ג, א)· **הָמָן הָרָשָׁע** (פסחים קיו) דער ערסטער „צורר היהודים" צו זייער אַרויס-גיין אין גלות וואס האָט געוואָלט זיי אומבריינגען [1]. „המן'ס קאָפּף" זאָגט מען נאָר אויף „אַ צורר היהודים" אָדער אַ בעאַמטען וואָס נעהמט חאַבאַר און איז מיט יעדען אַ בראַט.

הֵימָן (ד"ה-א ו, יח) דער רעכט-טעסטער. אונטער דעם נאָמען גיט עס פיעל בערימטע ערהאַבענע מענטשין אונטער געלעהרטע און אויפגעקלערטע (מ"א ה, יא), איין שפּיעלער אין „בית המקדש" (דה"א טו יז) אויך אַ זינגער (שם ו, יח) געווען איין ענייקעל פון „שמואל הנביא" (שם) און אונטער די פּסאַלמים-טען — וואס האָבען געמאַכט קאַפּיטלען אין תהלים (תהלים פח).

הַמּוֹצִיא (ברכות לח:) די ברכה אויף ברויט, און אַזוי רופט מען אויך דאָס אָבגע-שניטענע פון ברויט אויף וועלכע מען מאַכט די המוציא — „ער קען אפילו ניט מאַכען המוציא" (סנהדרין, קב:)—אַזאַ פּראָסטאַק. „עס קלעקט ניט די חלה אויף המוציא" — ווען דער עולם איז גרויס. „המוציא מיט האָניג" עסט מען אום „ראש השנה" צום צייכען פון אַ גוט יאָהר. דאָס ווערט געזאָגט אויף איינעם וואָס האָט גוט נעמאַכט פון אַ געשעפטיל.

הַמְצָאָה — ערפינדונג, איינ-פאַל — **הַמְצָאוֹת**. „איך מיין ניט קיין המצאות"

---

[1] הלשון בגמרא: „מלך קשה כהמן (סנהדרין, צז:). נ"ל לתת טעם מה שיחסו חז"ל את המן לעמלק, כי עמלק היה הראשון שחפץ להכחיד את ישראל בצאתם ממצרים, וכן המן היה הצורר הראשון בצאתם מירושלים בארצות גלותם.

הײַסט: געמיינט אײנפֿאַך, ניט אויף אַ שפּאַס.

הַמְשֵׁךְ (תמורה, יב) נאָכטראָג, צוזאַמענהאַנג מיט די פֿאָריגע. **הַמְשֵׁךְ הַזְּמַן** — פֿערלויף פֿון דער צײַט.

הֵן צֶדֶק (ב"מ, מט.) אַ ריכטיגער „יאַ וואָרט".

הוֹן עָצוּם — הוֹן רָב (משלי יג, ז:) פֿיעל רײַכטהום, אַ גרויסער פֿערמעגען.

הֲנָאָה (כלאים פ"ה, מ"ב: ב"ר פ"ה, ו) געניס, אַננעמליכקײַט, „געהאַט הנאה", „קיין הנאה געהאַט" (מגילה כד.).

הַנְהָגָה (ב"מ, ט:) אַנפֿיהרען.

הַנִּזְכָּר לְעֵיל (הנ"ל) די פֿאָרהער ערװעהנטע, געדאַכטע.

הֲנָחָה (אסתר ב, יח) נאָכלאָזען, צו רוה לאָזען (ישעיה כב, יב. ב"ר, פ"ז)

הֲנָחוֹת — אַיין לאָזען פֿון אַ בעדונגענעם פּרײַז, אָדער װעלכע עס איז פֿאָדערונג.

הֲסִבָּה (פסחים קח:) דאָס אַרומזעטצען זיך אַרום טיש. „הסבה־בעט" (העסע־בעט) — די זאָפֿאַ צום אָנלעהנען זיך (צום סדר).

הַסְבָּרָה — אַיין דײַטליכע ערקלערונג.

הֶסֵּחַ הַדַּעַת (סנהדרין, צז:) אָבלאָזין דעם נעדאַנקען.

הַסְכֵּם, הַסְכָּמָה—הַסְכָּמוֹת אײַנשטימונג, בעשטעטיגונג.

הוֹסָפָה — פֿערגרעסערונג, פֿערמעהרונג—**הוֹסָפוֹת**.

הֶסְפֵּד (ברכות, יח) טרויער־רעדע, עלעגיע [1]) —**הַסְפֵּדִים**.

הַסְפָּקָה — בעגניגען מיט לעבענסמיטעל [2]).

הַעֲדָפָה (כתובות מג.) איבעריגע.

הַעֲוָיוֹת — זיך פֿערקרימען [3]).

הֶעָזָה [4]) — פֿרעך זײַן, טראָטציג. „העזה'דיג" מיט

1) בספר המלים לזמרה נקרא הספר „Hialemos" ותרגמתי גם כן במבטא זה בעברית כאלו כתוב: „הי־עלי־מת".

2) מלה"כ במלאת ספקו (איוב כ, כב), אם ישפק עפר שומרון (מלכים—א כ, י).

3) מלה"כ „ועוה פניה" (ישעיה כד. א). ראה ערך „הויות".

4) מלה"כ „העיז איש רשע בפניו" (משלי כא, כט).

חוצפה. „העזה׳ניק״—בעל העזה.

העלמה (מ״ב ד, כו) פערבארגען, פערשטעלען —

העלמות (בלע״ז). ווי פערלייקענען (הכחשות) אין איידעל׳ן אופן.

הערה—בעמערקונג—**הערות**.

הערכה (תמורה, לג.) אבשאטצען, טאקסירען.

העתקה (משלי כה, א) נאכשריפט, ובל״ז איבערזעטצונג פון איין שפראך אויף איין אנדערע — **העתקות**.

הפטרה (מגילה כא: ב״ר פס״ט) דער שלום—**הפטרות** (שם כט.) דאס בעענדיגען שבת די סדרה פון דער וואך מיט אפאסענדען קאפיטל פון „נביאים״ צו דעם זעלבען ענין פון דער סדרה, צ. ב. ש. „שבת שירה״ איז דער מפטיר „ותשר דבורה״ א. ד. ג. דאס עקזיסטירט נאך פון דער גזרה אן, דאס מען זאל ניט לייענען אין דער תורה, פלעגט מען צום אנדיינק בלויז לעזען מעניגה הסדרה אין נביא (שם) איז עס פערבליבען.

הפך (יחזקאל טז, לד) אומגעקערט, געגענטייל —

הפכים — „געווארען א היפך״ זיך אויסגעלאזען א אויסגעבלאזענע איי!.

הפכפך (משלי כא, ח:) אונבעשטענדיגער מענש.

הפלא (ישעיה כט, יד) וואונדערבאר, אויסגעצייכענט.

הפלא ופלא (שם) וואונדער איבער וואונדער, אונגעוואהנליך. „טויזענד הפלאות״.

הפלגה—גוזמא׳דיג, איבערטריבען — **הפלגות**.

הפסד (פסחים טו:) שאדען.

הפסק (עירובין נד:) אויפהערען, אונטערברעכען.

הפסקה — **הפסקות**. „פאסט הפסקות״ נאך אנאנד תענתים (ביז יעדער אבענד).

הפקר (פאה פ״א) פרייע גוטס.

הפקרות (גטין, יג:) פרייזיניגונג. „הפקר מענש״ דער וואס ענטזאגט זיך פון אלע רעליגיעזע אבריאדען און מנהגים אויך פון געזעצליכקייט.

הַצַּו (במדבר כו, ט) הֶעטְצְען [1].

הוֹצָאָה (שבת, ב:) הֶערױסבּרײַנ־גען. **הוֹצָאוֹת** (ביצה טו. תנחומא יזריע, ה) אִיז גֶעלַײגט אױף: א) גֶעלד אױסגאַבּען, ב) בִּיכֶער פֿון דרוק הֶערױס־גֶעבּען, ג) דִי ספר תורה פֿון אָרון הקדש אַרױסנֶעמֶען צוּ דֶער קריאה וואָס דאָס הײַסט „הוֹצָאָה וְהַכְנָסָה", „הוֹצָאוֹת וְהַכְנָסוֹת".

הַצַּד הַשָּׁוֶה שֶׁבָּהֶן (ב"ק, ב:) דִי זײַט מִיט וואָס זײַ פֶערגלײַכען זִיך.

הִצְטָרְכוּת — נאָהטווענדיקײַט, בּעדערפֿונג.

הַצָּלָה (אסתר ד, יד) רֶעטטונג. **הַצָּלַת נְפָשׁוֹת** (גטין נו:) רֶעטטען פֶערזאָנען.

הַצְלָחָה — גלִיק, עֶס גֵיט זִיך אַײן, עֶס געלִינגט, עֶס גײַט דורך גינסטִיג אַ אונטער־נעהמונג [2].

הַצָּעָה (סנהדרין, נא:) פֿאָרשלאַג, וואָרטלױט, פּראָיעקט.

הַקְדָּמָה — פֿאָרְרֶעדֶע — **הַקְדָּמוֹת**—הױבּט־זעכליך אײנלײַטונג צוּ אַ ספר.

הֶקְדֵּשׁ (גטין, מ:) צוּם הײליגען גֶעבּרױך, פֶערבּלִיבּען אױף אַ אָבּגֶעזונדֶערטֶע קראַנ־קען־הױז פֿיר אָרמֶע, און צוּלִיעב דִי אָבּגעלאָזענהײַט, דִינט עֶס פֿאַר אַ מוסטער אױף נאָר אַ הױז וואָס פִיהרט זִיך אָן אַ גֶעהערִיגע װירטהשאַפט—„אַ אמת'ר הקדש".

הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא (ברכות, ד: ב"ק, ט:) „דֶער הײלִיגער (גאָט), גֶעלױבּט אִיז ער" מִיט דֶעם בּענֶענֶען מִיר דֶעם „רבונו של עולם", ווי ישעיה הנביא האָט אוּנז אִיבּער־גֶעגֶעבּען פֿון עולם העליון דאָס גאָט װערט גערופֿען אין דרײַ מאָל „קדוש, קדוש, קדוש" (ישעיה ו, ג).

הֵיקֵף (יהושע ו, ג) דֶער רִינגס־אום.

הַקָּפָה — אומרִינגונג — **הַקָּפוֹת** — דֶער

---

[1] מלה"ק „אשר הצו על משה" (במדבר כו, ט) מזה בל"ז גע'העצעט — אנגעמאכט העצעם (מהרהר ריב) ובן בשפת אשכנזית באותו המושג ממש „Hetze".

[2] מלשה"כ: וצלחו הירדן (ש"ב יט, יח) כלומר: עברו בשלום.

ריִנגס אום גייִן די בּימה מיִט דער ספר תורה אום „שׂמחת תורה״. **הַקָפָּה** (קידושין, מ:) הייִסט אויך דעם בּאָרגען בּיִז אַ בּעשטיִמטען טערמיִן צוליעב דעם ריִנגס אַרום גייִן פון דער צייַט־דאַטום [1].

הַר (דברים לג, יט) בּאַרג — **הָרִים** (שם יא, יא:). **הַר סִינַי** (שמות יט, יא) דער בּאַרג אין דער וויִסטע סיני, אויף וועלכע עס איז פאָרגעקומען די געטליִכע ערשייַנונג צום געבען די צעהן געבאָט. **הָרִים וּגְבָעוֹת** (ישעיה נה, יב:) בּערג און היִגעלן. „אָן גערעדט הרים וגבעות״ ד״ה: וואָס ניִט געשטוי־גען און ניִט געפלייַגען. **הָרֵי חֹשֶׁךְ** (תמיד, פ״ד; ויק״ר פ׳ כו) וואו עס האָט געגרייִכט אַלכּסנדר מוקדון אין זייַנע בּעזיִגונגען [2].

הֲרֵי אַתְּ (קדושין, ה:) דו בּיִזט דאָךְ [3]), דער אָנפאַנג פון דעם נוסח צו מקדש זייַן אַ פרוי; עס שטיִמט מיִט דעם דייַטשען „הרי־אַת׳ען״ אויף חתונה האָבען (השערת אמ״ד).

הוֹרָאָה (ביצה, טו: כריתות, יג:) (ועה—„מורה הוראה״).

הוֹרֵג (ישעיה כו, ז) ערשלאָגענער (צום טוידט) — **הֲרוּגִים** (יחזקאל לו, ט). **הֲרִיגָה** (ירמיה יב, ג) — **הֲרִיגוֹת** (שבת, קח:). „הרג׳ענען״; „גע׳הרג׳עט״; „דער הרג׳עט״; „צו גע׳הרג׳עט״; „אַיין אָמת׳ע הריִגה״: דיזע אַלע אויסדריִקע האָט יעדער אַ בּעזונדערן בּעגריִף.

---

[1]) מלי ויהי לתקופת הימים (ש״א—א, כ:), תקופות השנה (שמות לב, כב) שלוקחים על מנת לשלם לתקופת הימים של הפרעון; והתפארת ישראל פי׳ במשנה שביעית פרק י׳ מ״א „הקפת החנות״ שלוקח פרוטות ואינו קובע זמן לפרעון רק שיצטרף סכום ידוע שהושוו בינידם, ולפי זה הוא קורא הקפה „לתקופת החשבון המסוים (פערפול די קאנטא), ולא קאי על הזמן רק על הסך, ובקידושין לט: „אין מקיפין בחלול השם״ משמע תרוויהו.

[2]) מובא בספורי מעשיות אדות נפיעות אלכסנדר מוקדון במלחמותיו במזרח הרחוק, אולי הם ההרים הנקראים במקרא הרי „נשף״ (ירמיה יג, טז), והערוך השלם ערך „אלכסנדרום״ אומר שהם „הרי קציא״.

[3]) „הרי״ היא מלה תלמודית, ותבא עם הכנוים „הרני נזיר״ כבעברית: הנה—הנני.

הֶרְגֵּל (שבת, יא.) גֶעווֹאָהנהַייט.

הַרְגָּשָׁה (שבת, יג) שפִּירֶען, פִילֶען—צוּם וועֶצִין, (אָנשטעֶלִין אַ חלף) בּעֶדאַרף מעֶן מרגִיש זַיין אַ פּגִימה.

הִרְהוּר (ברכות, כ:)—**הַרְהוּרִים** נאָכזִיננעֶן, אויפגעֶקומעֶנע געֶדאַנקעֶן. **הַרְהוּרִים רָעִים** (ק"ש) שלעֶכטעֶ געֶדאַנקעֶן.

הִרְהוּר תְּשׁוּבָה — געֶדאַנקעֶן וועֶגִין אויסבּעֶסעֶרונג (חרטה אויף זינדעֶ).

הַרְחָבָה — בּרַייט געֶלעֶבּט, אונפּאַנגלִיךְ [1].

הַרְצָאָה (חגיגה, יד:) אִיבּעֶר דעֶרצַיילעֶן, פּאָרטראַג — **הַרְצָאוֹת** (שם).

הַשָּׁבַת אֲבֵדָה (בב"ק פ:) צוּרִיקקעֶהרן אַ פּעֶרלאָרעֶנעֶ זאַךְ דעֶם אֵייגעֶנטִימעֶר [2].

הַשָּׂגָה — דאָס בּעֶגרַייפעֶן, פּעֶרנעֶמעֶן מִיטעֶן קוֹק אָדעֶר מִיטעֶן פּעֶרשטאַנד — **הַשָּׂגוֹת** — געֶחאַפּט בּיַין פּעֶרזעֶהן, „אַ גוטעֶ השגה" בּעֶנעֶמט גִיךְ.

הַשְׁגָּחָה [3] — אויפזִיכט, בּלִיקקעֶן, „גִעֶבּעֶן השגחה" פּאָרזעֶהונג, אַכטונג געֶבּעֶן.

הַשְׁגָּחָה פְּרָטִית — דִי בּעֶזאָנדעֶרעֶ בּעֶאָבּאַכטונג—אויף יעֶדעֶר אֵיינצעֶלנעֶ פון דִיבּרוּאִים און יצוּרִים דוּרךְ דִי „גאָטהַייט".

הַשְׁוָאָה — אויסגלַייכונג, פּעֶרמִיטלונג אִין אַ תּבִיעה.

הַשְׂכָּלָה (ב"ר פ' ס) בִּילדונג, אִינטעֶלִיגעֶנץ.

הַשְׁמָטָה (ירושלמי שבועות פ' י:) אִיבּעֶרלאָזעֶן, אַיינלאָזעֶן אַ שולד.

הִשָּׁמֵר וְהִזָּהֵר (מ"ב ו, ט, י) זַיי בּעֶוואָרִינט און פּאָרזִיכטִיג.

הוֹשַׁעְנָא — העֶלף דאָךְ — **הוֹשַׁעֲנוֹת** — הַייסעֶן

---

[1] הלשון בגמרא הריחה (קידושין :) והלשון „הרחבה" היא בבהמ"ז בהוראת „ביד רחבה"—מִיט'ן פאלען האנד.

[2] מצות השבת אבדה היא מן התורה (דברים כב, א—ג:) ומפורשה בפרטיה ובתנאיה במס' ב"מ וברמב"ם הל' גזלה ואבדה (פ' יא' הל' יד; שם פ' יד הל' א).

[3] מלה"כ משגיח מן החלונות" (שה"ש ב, ט) או: „ממכון שבתו השגיח אל כל יושבי הארץ" (תהל' לג, יב) מזה האמונה בהשגחה פרטית.

די פזמונים און פיוטים צו אַלע סוכות טעג צום גיין אַהקפה מיט דעם „לולב“.

הושַע־נָא רַבָּה — הייסט דער לעצטער טאָג חול המועד סוכות (דער 21=טער תשרי) וואָס מען גייט אַרום זיבען הקפות און מען זאָגט איבער די הושענות פון אַלע טעג סוכות מיט נאָך עפּעס צודאַטען (סוכה פ"ד, מ"ה). די תפלות „הושענות“ בעשטייט איבערהויבט וועגען רעגען, ווייל סוכות ווערט דאָס בעשטימט[1]. דעריבער האַלט יעדער „הושענה רבה“ אויך בעזאָנדער (חוץ וואָס עס איז דאָ אין לולב) וואַסערווײדען (אַ הושענא), די ריטלעך וואָס וואַקסען וואו פייכטקייט איז, אַ ערינערונג דאָס עס האַנדעלט זיך וועגען וואַסער[2], און צוליעב די תפילות הושענות רופט מען אויך די ווײדען „הושענות“. אויף זיי מאַכט מען קיין ברכה ווייל עס איז ניט מעהר ווי אַ מנהג[3].

צו דעם טאָג „הושענה רבה“ איז אַריין געמישט געוואָרען גאָר אַ קאַבעליסטישע זאַך, דאָס עס ווערען אַרום געגעבין איספּאָלניטעלנע ליסטען („שוואַרצע צעטליך“) אויף יום כפור'דיגע רעשעניעס. נאָך מעהר ווערט געבראַכט דאָרט פון „אַ פערצייטיגען“ ספר[4]: דאָס פון מענשען'ס אָבשאַטטען ווי ער קומט אַרום הושענה רבה ביי נאַכט פאַר די לבנה=שיין, קען מען שוין וויסען: ווען דער גאַנצער קערפער איז דאָ אין שאָטטען,

---

[1]) בחג נדונין על המים (ר"ה, טז:) וכל הדי מינים שבלולב באין לרצות על המים (תענית ב:).

[2]) ההושענות אלו נקראים בעברית: „ערבי נחל“ (ויקרא כג, מ) והם הערבות.

[3]) ע"י ברטנורא בפרק ד בסוכה משנה ג. ורש"י שם.

[4]) ז"ל הזוהר (ס' אמור דף קד. וכן בזוהר פ' צו דף לא): „ההוא יומא בתראה דעצרת וכו' פיתקין נפקין מבי מלכא ואתמסרון בידוי דסנטירא ודינא מתעביד“. ואדות הענין דלהלן ז"ל שם ממש: „בספר ק ד מ א י אמרי יתיר“, וי"ל שהוא אותו הספר ה ק ד מ ו ן שמובא מספענסער בההערה שאחריה.

בלויז די קאָפּ ניט—וועט זיין גאַנצע פאַמיליע זיך געפינען און ער וועט נסתלק ווערין. וועט ער אָבער תשובה טהאָן פערזוכט ער נאָר דעם טעם פון טוירט. אָבער ווען בלויז זיין קאָפּ איז צו זעהן אין שאָטטען וועט די גאַנצע פאַמיליע שאַדען און איהם ניט, אין פאַל נור ווען זיין עלטערער זוהן איז נאָך אונטער זיין רשות. ווען די הענד פעלען אין שאַטען, וועט ער דעם יאָהר נישט אויפטהאָן; ווען די פיס פעהלען, וועלען איהם די קראַנקהייטען נאָך יאָגען". דאָס איז אָבער בלויז אַ מעשה שאָטען—וואָס האָט קיין ממשות און קיין ווערטה [1].

הַשְׁעָרָה — פאָראויס בעשטימען אָפּשאַטצען.

הַשְׁפָּעָה (דברים לג, יט) איבערפליסיג, אויך אַניקה.

הַשְׁקָפָה (ירוש' מ"ש פ"ה) בליק, איבערזיכט.

הִשְׁתַּדְּלוּת — זיך אָנשטרענגען, בעפלייסיגען, סטאַראַניע.

הַשְׁתָּנָה (בכורות, מד:) אורין.

הִשְׁתַּנּוּת (תהלים לה, א: ב"ר פ' עב, ו) פערענדערונג.

הִתְבּוֹדְדוּת (יהושע ח, טו) אָבזאָנדערונג, אין איינזאַמקייט.

הִתְגַּלּוּת (משלי יח, ב) אָפּענבאַר.

הִתְחַבְּרוּת (דניאל יא, כג) פערבינדונג.

הִתְחַיְּבוּת (דניאל א, י) פערשולדיגונג, פערפליכטונג.

הִתְחַכְּמוּת (קהלת, ז, טז) זיך קליגען, ווייזע זיין.

הַתְחָלָה (תענית, יח:) אָנפאַנג, אנהייב—הַתְחָלוֹת.

הִתְלַהֲבוּת — ענטפלאַממונג, צוהיצט (ענטוויאַזם).

---

[1] די איינבילדונג שטאמט, נאך הערבערט ספענסער'ס מיינונג, פון די בארבארישע אינדיאנישע גלויבענס: דאס דער שאטען דעם מענשענס דאס איז זיין נשמה. צום אנשלאפען ווערין זאגאר, שטערבט ער אפ (דען דאן האט ער דאך קיין שאטען ווען ער ליגט) דערום איז ער דאך שוואך ביז דער שאטען קומט צו אים ווידער; קומט ער אבער ניט! פערבלייבט ער טוידט אויף עוויג. (גם בגמרא חושב את השינה אחת לששים ממיתה—והם בהשכל דברו; ואדות נר דולק (הוריות, יב.) לדעת עתידות השנה שם נזכר בין כסא לעשור ולא הוש"ר והסימן בהנר ולא בצלו.

הַתְמָדָה — פְלֵייסִיגְקַייט.
הִתְמַנּוּת (יומא כב:) בֶּעשְׁטִימְט צוּם אַמְט.
הִתְנַצְלוּת [2])— פֶערְטְהַיְידִיגוּנג; הֶערָאפְּוַוארְפֶען פוּן זִיךְ פַאלְשֶׁע בֶּעשׁוּלְדִיגוּנג.
הִתְפַּעֲלוּת — אִיבֶּערַאסוּנג, עֶנְטְצִיקוּנג.
הִתְקָרְבוּת — זִיךְ נָאהֶענְט הַאלְטֶען.
הֶתֵּר (סוכה לה; חולין ו:) **הַתָּרָה** עֶרלוֹיבְּנִיס, לוֹיז מַאכֶען.
הֶתֵּרִים (חגיגה, י). **הַתָּרַת נְדָרִים** (נזיר, סב:) לוֹיז מַאכֶען פוּן זִיךְ דִי גֶעלִיבְּדֶען; **הֶיתֵּר־עִסְקָא** — (ד. ה. ווי „שטר עסקא") ד. ה. עֶרלוֹיבְּנִיס פוּן פְּרָאצֶענְט צוּלִיעבּ דֶעם גֶעשֶׁעפְט אַלְס אַ טֵייל וָואס יֶענֶער מַאכְט מִיט דָאס גֶעלְד, מִיט דֶעם בֶּעדִינְג פִיעל פְּרָאצֶענְט—נִיט צוּ וִויסֶען פוּן הֵיזֵק (תיקון מהר"ם).
הַתְרָאָה (ס.הדרין, ח; סוטה, ג:) וַוארְנוּנג—**הַתְרָאוֹת**.
הַתְרָאַת בֵּית דִּין — פֶער־וַוארְנוּנג פוּן גֶערִיכְטְס הוֹיז.

ו.

ו—דֶער 6־טֶע בּוּכְשְׁטַאבּ אִין א"ב. עֶר בֶּעצֵייכֶענְט אוֹיךְ דִי צָאהְל 6, ווי: „יוֹם ו'"—דֶער 6־טֶער טָאג אִין וָואךְ אָדֶער אִין חוֹדֶשׁ. „למד וו'ציג" פוּן דִי 36 צדיקים (זֶעה — „למד וואו").

דֶער בּוּכְשְׁטַאבּ ו הָאט פֶערְשִׁיעדֶענֶע ווִירְקוּנגֶען ווֶען עֶר דִינְט אִין אָנְפַאנְג, בַּיים עֶנְדֶע אָדֶער אִין מִיט'ן ווָארְט:

אִין אָנְפַאנְג ווָארְט פֶער־אֵיינִיגְט עֶר אוּן פֶערְבִּינְדֶעט אֵיין ווָארְט צוּם אַנְדֶערֶען, צב"ש: תֹהוּ וָבֹהוּ—ווִיסְט אוּן לֶעֶר, אוֹיךְ אֵיין זַאטְץ מִיט'ן אַנְדֶערִין. עֶר הֵייסְט צוּלִיעבּ דֶעם „ו החבור"

---

[1]) מלי „ויתנצלו בני ישראל את עדים" (שמות לג, ו) כן המסיר האשמה אשר טפלו עליו—בהוכחות והצטדקות.

(פערבינדונגס=ו), אויך הייסט ער „וו המוסיף" (ב"ר פ' יב), ד"ה: ער גיט צו צו די פאריגע געזאגטע. ער האט אויך די אייגענשאפט צו בעדייטען: „אבער" — וְלָרָשׁ אֵין כֹּל (ש"ב יב, ג) אבער דער ארמע האט ניכטס. אויך דעם בעגריף: „לייִדער" — בַּקֶּשׁ לֵץ חָכְמָה — וָאָיִן! (משלי יד, ו) דער שפעטער פערלאנגט בעזיצען קענטניסע, אבער ליידער—עס איז ניט דא!.

דער ו דינט אויך ביים אנפאנג ווארט צו פערקעהרען די צוקונפטיגע צייט פון צייט ווארט (פעל) אויף פערגאנגע=נער צייט, צב"ש: וַיֹּאכַל, וַיֵּשְׁתְּ, וַיָּקָם, וַיֵּלַךְ (בראשית כה, לד) ד"ה: ער האט געגעסען א. ז. וו. און ער פערקעהרט אויך די פער=גאנגענע צייט אויף די צוקונפ=טיגע: וְאָמַר פַּרְעֹה (שמות יד, ג) און פרעה וועט זאגען, ביי אזעלכע פאלען רופט ער זיך: „וָו הַמְהַפֵּךְ" (דער פערקעהר). אם ענדע ווארט דינט דער ו מיט אלע בעדינונגס בוכשטאבען „הכנוים" אלס א צואייגנער דעם פירווארט צו בעווייזען די געהעריגקייט פון געגענשטאנד צום ערסטען פערזאן אין מעהר צאהל, צוזאמען מיט דעם נ: בָּנֵנוּ, בִּתֵּנוּ — און צום דריטען פערזאהן אין איין צאהל: בְּנוֹ, בִּתּוֹ, ד"ז ביי הויפט ווערטער וואס שטאמען פון צייט ווערטער: אָכְלוֹ — זיין עסען, לָמְדוֹ — זיין לערנען. אויך אין אימפע=ראטיף (צוו) ביי דער דריטער פערזאן אין מעהר צאהל: פְּנוּ וּסְעוּ וָבֹאוּ (דברים א, ז). ער דייטעט אויך צוזאמען מיט דעם ת אויף מעהרצאהל ווייבליך: פרה—פרות[1] א. ז. וו.

[1]) על דבר שמוש הוו מרבה החכם בן=זאב להשגיא פעלו (תלמוד לשון עברי מאמר ג פ' ג בשמוש המלות); ואחרי שחושב טז אופני שמושים שבו, מסיים לאמר: „הכלל כי אין בכל אותיות השמוש אות יקרה כמוה, ומי שלא ידע לישב ענין הוו בכל מקום על אפניו לא ישיג כונת המאמרים ולא ידע חבורם והתיחסות המשפטים זה עם זה לפי עומק מליצת הלשון. וכן יש להעיר כי להאותיות השמוש יש כללי נקוד קבועים שעל פיהם יתבאר דקות עניניהן.

דער ו דינט צו נאך בוכשטאבען אין אבקירצונג, צב"ש:

וא"ת — ואם תאמר.

ובלצ"ג — ובא לציון גואל.

וד"ל — ודי למבין.

וי"ל — ויש לאמר, ויש להבין, ויש לישב, ויש לתרץ.

וכו' — וכולו.

וי (סנהדרין, קג:) וועה (וועה געשריי).

ואדר — דער צוגעגעבענער מאנאט אין איין עבור יאהר (זעה — „אדר שני").

ואם תאמר (ב"ק, נא) ווענסטו וועלען זאגען.

ואיננו (בראשית ד, כד) און ער איז ניטא, פערשוואונדען געווארין (אין דעם זעלבען זינן ווי „ניקבח", איבער הויבט ווען איינער מאכט די פליטה (צו א אנזעטין).

וארא — די צווייטע סדרה אין צווייטען טייל חומש, (שמות ו, ב—ט, לה) און די 14-טע אין דער תורה. דא איז די פארטזעצונג וועגין יודישען בעפרייאונג אין מצרים, וואס פון ערשטין מאל פאדערין האט די עגיפטישע רעגירונג נאך מעהר דאס יודישע פאלק פערפאלגט, איז דערפון ארויס געקומען דער פאדערונג פון די פרייהייט שטרייגנער, דא האט זיך איינגעפיהרט א שטרייק פון די גאטהייט מיט פיעל פלאגען (די מכות).

ואתחנן — די צווייטע סדרה אין פינפטען טייל חומש (דברים ג, כג—ז, יא) און די 45-טע אין חומש. דא איז דער המשך וויעדער האלונג פון צווייטען טייל חומש (שמות) מיט דעם איין ארדנען און פערזאגונג ווי די פאלק זאל זיך אויפפיהרען קומענדיג אין לאנד (ארץ ישראל).

ובא לציון גואל (ישעיה נט, כ) עס זאל קומען פיר ציון איין ערלייזער—מיט דיעזען פסוק ענדיגט א מגיד זיין דרוש (אנשטאט: „לשנה הבאה בירושלים").

ובכן (אסתר ד, טו) און אלזא.

ודאי (יומא, פה; מגילה, י:) געוויס, אהנע צווייפעל.

וִדּוּי (ברכות יז, לא: סנהדרין, מג:) געשטעהען, בעקענען די אייגענע זינדע. „ווען מען לעבט אָן אַרעכענונג, שטאַרבט מען אָן ודוי״.

וְדַי לַמֵּבִין — ד. ה. מיט אַ קלוגען, בעדאַרף מען פיעל ניט צו ריידען, (מדרש משלי פ׳ כב).

וְהָא רְאָיָה — און דאָס איז אַ בעוויז.

וַיְהִי (אסתר א, א) עס האָט פּאַסירט, „וואו ויהי איז — אַ צרה״ [1].

וְהַשֵּׁנִית (ש״ב טז, יט) און דאָס צווייטע.

וָו — נאָמען דער 6־טע אות אין אַלף־בית.

וְזֹאת הַבְּרָכָה — די עלפטע סדרה אין פינפטען טייל חומש (דברים לג, א—לד, יב) און די 54־טע און אויך די לעצטע אין ספר תורה.

וַיְחִי — די עלפטע סדרה פון ערסטען ספר פון חומש (בראשית מז, כח—נ, כו). די סדרה אין איר זעגנעט זיך משה רבינו דער טרייער הירט (רועה נאמן) מיט זיין פאָלק — וואָס זיי האָבען איהם זייער פיעל דער עסען — און בענשט זיי מיט אַלעם גוטען, און מאַכט זיי אויפמערקזאַם פאָראויס אַז דאָס קענען זיי געניסען מיט די הילפע פ׳ן זייער ערפיהלען די געבאָטע פון דער תורה וואָס ער לאָזט זיי איבער בירושה [2]. און פאַר זיין שטאַרבען איז איהם חאָטש געווען ליעב און אָנגענעהם צו אַ קוק געבען אויף אֶרץ ישׂראֵל פון דער וויַיטענס.

וַיִּבְרַח (הושע יב, יג) און ער איז אַנטלאָפען (זעה—„ואיננו״).

וַיִּגַּשׁ — די עלפטע סדרה פון ערסטען ספר פון חומש (בראשית מד, יח, מז, כז:). די סדרה בעלערינט פון יוסף׳ן צו זיין מיט ברידער איידעל און גוט

[1] מגילה י: שם הגירסא „ויהי אינו אלא צ ע ר״, ורב דרש שם „ויהי״ כאלו כתוב בשתי מלות „וי—הי״ שתיהן מלות הקריאה לצער לצרה.

[2] כמ״ש שם באותה פרשה: „תורה צוה לנו משה, מורשה קהלת יעקב״ (דברים לג, ד) שהיא ירושה לכל ישראל (עי׳ סנהדרין, צא:), ועוד איתא עה״כ: „כתב לך״ שלך יהא, ומשה נהג בה טובת עין ונתנה לישראל (נדרים, לח.).

און מען בעדארף זיך מתקרב זיין צו פאמיליע ווען די צייט איז גינסטיג, אזוי ווי יוסף האט באקעסטיגט זיינע ברידער מיט אלע זייער הצטרכות (בּרא׳ מז, יב).

וידבר על העצים (מ״א ה, יג) האט גערעד איבער געהילצען.

ויהי היום (איוב א, ו) אמאל האט פאסירט.

ויזתא (אסתר ט, י), נאמען דער צעהנטער זאהן המן׳ס.

מיט דעם נאמען רופט מען אן א נארען וואס האט קיין שכל זיך צו פערהיטען, וויל דיזער ויזתא האט געזעהן אז מען הייגט אלע זיינע ברידער און ער דער נאר אנטלויפט ניט.

ויחי — די לעצטע סדרה פון ערשטין ספר פון חומש (בראשית מז, כח—נ, כו), וואו עס ווערט בעשריבען די לעצטע שיידונג פון יעקב אבינו מיט זיינע קינדער פאר זיין אפשטארבען, און דעם גרויס כבוד וואס ער האט געהאט נאך זיין טוידט צו זיין לויה פון ביידע לענדער, פון מצרים וואו ער האט געוואהנט זיינע לעצטע 17 יאהר און אלע איינוואהנער פון כנען זיין געבורטס לאנד [1].

וילך — די נייני סדרה אין פינפטען טהייל חומש און די 52־טע אין דער תורה. דא פערזאגט משה די אידען אויף מוטה און חראברא צו זיין אנדגעגען פיינד. און ער האט אנגעשריבען דיזע תורה און איבערגעגעבען די כהנים זיי זאלען אלע שמיטה יאהרען, וואס דאן זיינען די פאלק לייריג פון פעלד ארבייט—פארלעזען פאר די אויפגעקליבענע פאלק אין ירושלים ווען זיי זיינען עולה לרגל.

ויצא — די זיבענטע סדרה אין ערשטען ספר פון חומש (בראשית כח, י—לב, ג) דא איז בעשריבען פון אונזער פאטער יעקב׳ס אנקומען קיין חרן. פון דעם איז צו לערנען ווי מען

---

[1] ערך צואת יעקב אבינו את בניו, תארתי בחבורי „להקת נביאים" צד 14—15 בהערה. וכבוד לויתו איתא במסכת סוטה יג: „שבאו כל מלכי כנען, אלופי עשו ונשיאי ישמעאל ותלו כתריהם בארונו של יעקב".

בעדארף העלפען אַ שוואַכען מיט קראַפט און מיט אַ גלייכע עצה (שם כט, ז—י) אונד אויך ביי אַ גאַנטען קרוב בעדארף מען ניט לאַנג זיין אַלס גאַסט נור עסען פערדינטע; און פון יעקב'ס ווערין אַ פאַמיליען פאָטער פון די צוועלף שבטים (זעה—„שבט") און ווי די אמהות האָבען גע־פיהרט אַ פרומע אויפער צוליב קינדער און זוכען דעם מאַנס ליבע און ווי ער האָט מיט שכל זיך פערהיט פון לבן'ס וועלין רויבען זיינע כשר פערדינטע.

ויקהל — די צעהנטע סדרה אין צווייטען טייל חומש (שמות לה, א—לח, כ) און 22־טע אין תורה. דאָ איז בעשריבען ווי די גאַנצע פאָלק האָט געריַן געגעבין אַלע טייערשטע מאַטער־יאַלען צום משכן מיט די גרויסע קינסטליכע אַרבייט דער צו— וואָס יודישע קינסטלער זיינען באַזעסען און האָבען נאָך פער־שאַפט אַ אייביגען נאָמען פון קונסט די לאַנד מצרים וואָס זיי וואַרען דאָרט אָהן מענשענ־רעכט. דיזע קינסטלער רופט אָן די תורה „חכמים מיט אַ געט־ליכען גייסט" (שמות לה, לא).

ויקרא — נאָמען פון 3־טע טייל חומש און זיין 1־טע סדרה, און די 24־טע אין דער תורה. אין איהר איז אויסגערעכינט אַלע אַרטען קרבנות אויף פערשידענע זינד און פריַוויליגע (זעה—„קרבנות").

וירא — די 4־טע סדרה אין 1־טען טייל חומש (בראשית יח, א—כב, כד). אין איר איז צו זעהן די מדות טובות פון אברהם אבינו (זעה—„אברהם") און פון זיין שטאַרקען איבערצייגונג וועגען די איינצעלהייט פון די גאָטהייט איז ער געוועזען בעשלאָסען צו אָפפערען זיין איינצעלנעם קינד (זעה—„עקדה").

ויש לישב בדוחק (מהרשא'ס טרעמין) מען קען איינזעצען אָבער מיט אַגעאיינגטען תירוץ[1].

---

[1] לשון הרגיל במהרש"א על קושיתו שישאיר בתיובתא, ועל הלומדים למצא התירוץ, אבל עליהם למצא גם הדחק שיש בהתירוץ, כי אם אין כל דוחק הלא אין זה התירוץ שכוון המהרש"א, ואחרי המצא גם הדחק בהתירוץ ואיננו מופנה מכל

וַיֵּשֶׁב — דִי **9**=טֶע סדרה אִין **1**=טֶען ספר (בראשית לז, א—מ, כג). דִי עֶרצֵיילוּנג ווִי יעקב אָבִינוּ אִיז גֶעקוּמֶען צוּרִיק פוּן דֶעם לבן אוּן זִיךְ בַּאַזעֶצט מִיט זַיין פַאמִילִיעֶ אִין לַאנד כנען, וואוּ זַיינֶע עֶלטֶערִין אברהם אוּן יצחק הָאבֶען גֶעווָאהנט, וואָס זִי אִיז פֶערבּלִיבֶּען דִי אֶרץ יִשׂרָאֵל, נוּר עֶס הָאט גֶעפֶעלט אִידֶען זָאלֶען זִיךְ עֶנטווִיקלֶען, פַאר אַ פָאלק אִין אַ פרֶעמדֶע לַאנד אִין בֶּעדרִייַנגוּנג (בראשית טו, יג) צוּלִיבּ זֵייעֶר אֵייבִּיגֶען עֶקסִיס=טֶענץ, אוּן זֵיי זָאלֶען ווִיסֶען אֵיידֶעלקַייט ווִי צוּ בֶּעהַאנדלֶען פרֶעמדלִינגֶע אִין זֵייעֶר לַאנד (שמות כב, כ). אָבֶּער זֵייעֶר אָנקוּמֶען אִין דֶעם שטוּדיוּם, אִיז שׁוֹין גֶעוועֶן מִיט אַ האַרץ רַייסֶענדֶע טרַאגֶעדִיעֶ פוּן „מכירת יוסף”[1] וואָס מדיַאנֶער שקלַאפֶען=הֶענד=לֶער הָאבֶען פַארבַּיי פָאהרֶענדִיג דֶערהֶערט זַיין שרַייעֶן פוּן גרוּבּ הָאבֶען זֵיי אִים אַרוֹיסגֶעצוֹיגֶען אוּן פֶערקוֹיפט צוּ אַ קַארַאווַאן ישמעלים, אוּן דִי בּרִידֶער הָאבֶען זִיךְ דֶערוואוּסט ווֶען ראוּבן אִיז צוּ גֶעגַאנגֶען אִיהם אַרוֹיסנֶעמֶען אוּן אָפפִיהרֶען צוּם פָאטֶער[2].

ווַייטֶער וועֶרט דֶערצֵיילט אִין דִיזֶע סדרה דִי אוּרזַאכֶען וועֶלכֶע הָאבֶען גֶעפִיהרט צוּ יוסף׳ס גלִיק. אִיבֶּערהוֹיפּט הָאט

הצדדים מפני שיש עליו פרכא, אם כן הלא הדרי הקושיה לדוכתה ועל הלמדן לחקר אחרי תירוץ אחר, ובהמצאו יהיה אתו כמשפט הראשון, וכן סובב הולך, כמה יבראון וכמה יעברון עד אין קץ.

[1]) חכמינו ז״ל (שבת, פט) חשבו המקרה הזה של מכירת יוסף לרחמנות מצד ההשגחה, כי ראוי היה יעקב אבינו לירד למצרים בשלשלאות של ברזל אלא שזכותו גרמא לו, דכתיב: בחבלי אדם אמשכם בעבותות אהבה וגו׳ ואט אליו אוכל (הושע יא, ד) — במצרים בשנות הרעב, ועי״ז ירדו יעקב ובניו מצרים.

[2]) כן מפרש הרשב״ם וכן לשון הכתוב ממש: ויעברו אנשים מדינים סוחרים וימשכו (המדינים) ויעלו את יוסף מן הבור וימכרו (המדינים) את יוסף לישמעאלים (בראשית לז, כח). וכאשר בא ראובן אל הבור להשיבו אל אביו לא מצאהו עוד (שם כט). כן יספר יוסף בעצמו: „כי גונב גונבתי מארץ העברים” (שם מ, טו). ובאמרו לאחיו: „כי מכרתם אותי הנה” — לאמר: שהם גרמו את המכירה.

זײַן אָרענטליכער חאַראַקטער פּועל מיט געהאָלפֿען דער צו און איז פֿערבליבען מיט דעם טיטול: „יוסף הצדיק".

וַיַּשְׁכֵּם (בראשית יט, כז) איז פֿריה אויפֿגעשטאַנען. „האָט זיך גע'וישכם'ט".

וַיִּשְׁלַח — די 8-טע סדרה אין 1-טען ספֿר (בראשית לב ד—לו, מד). דאָ איז דערציילט אַלס יעקב האָט בעדאַרפֿט אָנקומען קײַן כנען, האָט ער אַרוים געשיקט פֿאַר זיך צו זײַן פֿערבייזטען ברודער וואָס הערשט מיט מאַכט און קראַפֿט (ועה—הלעיטני") אַ גרויסע מתנה. דאָס איז שוין פֿערבליבען אַ תרופֿה אַנדגעגען געוואַלדיגע מאַכט, ביז וואַנען דער יושר אַליין וועט געוועלטיגען. און די סדרה ענדיגט מיט דעם סטאַטיסטיק פֿון עשׂו'ס אלופֿים.

וְכִי תֹאמַר (ויקרא כה, כ) וועסטו וועלין זאָגען?

וּכְדֵי בִּזָּיוֹן וָקָצֶף (אסתר א, יח) עס איז גענוג די שאַנדע און צאָרן

וִכּוּחַ — דיספּוט, זיך שפּאַרען — **וִכּוּחִים**.

וְכַךְ הָיָה אוֹמֵר (יומא, נג:) אַזוי פֿלעגט ער זאָגען—דער כהן גדול יום כפּור צו דער עבודה.

וְכַךְ הָיָה מוֹנֶה (יומא, סו:) אַזוי פֿלעגט ער ציילען, ווען ער פֿלעגט שפּריצען אויף דעם מזבח; דער פֿון איז געוואָרען אַ איראָניע: „פֿון זאָגען ביז ציילען דויערט".

וְכֵן לְמַר (מגילה, כז:) דאָס זעלבע ווינשע איך אויך דעם הערען. דאָס איז דער אָפּענטפֿערין אויף יענעמס זאָגען „צו רפֿואה".

וּמִי יֹאמַר לוֹ מַה תַּעֲשֶׂה? (איוב ט, יב) ווער קען אים זאָגען (דעם תקיף): צו וואָס טוסטו דו דאָס?

וַנִּצְעַק (דברים כו, ז) און מיר האָבען געשריען: „געוואַלד! ראַטעווע!".

וֶסֶת (נדה, ב:) פּעריאָד די בעשטימטע מאָנאַטליכע איבערגאַנגס צײַט ביי יונגע פֿרויען (מענסטער נאַטיאָן).

וְעַל כֻּלָּם — איבּערַאלעס.

וְצִדְקָתְךָ (תהלים עא, יט) „און אויך די גערעכטיג־קייט". אויף אַ זעלכען וואָס ווייזט צופיעל פרומקייט ווערט אויף איהם געזאָגט: „אַ צופיעל־וצדקתך" וואָס דער פאַר שרעקט זיך דער עולם, ווייל על פּי רוב מאַכט אַ זעלכער אָן אַ רושם.

וָשֵׁט (חולין, כז:) שפּייז־רעהר, דער שלונד.

וָתִיקִין (ברכות, ט: ר"ה, לא:) די בעריהמטע געזיטעטע.

וַתְּרָן (מגילה, כח:) **וַתְּרָנוּת** — דאָס לאָזען איבּערגעהן אייגענע.

ז.

ז — דער 7־טע בוכשטאַב אין „אלף־בית". ער דינט אויך אַ־שטאָדט דעם צאָהל 7, צב"ש: ז' **פְּעָמִים** — זיעבּען מאָהל א. ד. ג. אויך קומט ער אין אָבקירצונג:

זא"ז — זֶה אַחַר זֶה.

זב"ז — זֶה בָּזֶה.

ז"ל — זֶה לְשׁוֹנוֹ, זִכְרוֹ לִבְרָכָה.

זע"ז — זֶה עַל זֶה. זֶה עִם זֶה.

ז"פ — ז' פְּעָמִים, זְמַן פַּרְעוֹן, זֶבַע פִּשְׁתָּן.

זצ"ל — זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה.

זצוק"ל — זֵכֶר צַדִּיק וְקָדוֹשׁ לִבְרָכָה.

זק"ל — זְמַן קִדּוּשׁ לְבָנָה, (אויך קומט פאַר: זמק"ל).

זֶה (שמות ו, ז) דיזער (צייגע וואָרט).

זֶה בְּכֹה וְזֶה בְּכֹה (מעין מ"א כב, כ) דיזער דאָ און דיזער דאָרט. **זֶה כַּפָּרָתִי** (סדר כפרות) דיזער איז מיין כפרה (אַ אויסבייטונג, זעה—„כפרה").

זְאֵב (שופטים ז, כה:) וואָלף, דינט ביי אונז פאַר אַמענ־ליכען נאָמען (זעה—„דוב").

זְבוּלוּן (בראשית ל, כ) נאָסט־פריינד, אַזוי האָט אַ נאָמען געגעבען אונזער מוטער

לאָה איר זעכסטען זוהן, פון אים איז בעשטאַנען דער שבט „זבולון" פון 57,400 מענשען פון 20 יאָהר אַלט און ווייטער (במדבר א, לא).

זוג (ברכות, ט. תענית כג:) אַיין פּאָאר „מאַנן און ווייב". **זוגתך** (כתובות, לג:) דיין ווייב.

זוגות (פסחים, קט:) דאָס טרינקען כוסות צום פּאָאר (גראָד). אַנדערע שטערין זיך דער פון, און דער וואָס שטערט זיך ניט שאַדעט איהם ניט [1].

זהב טהור (שמות כח, כט:) עכט רייגע גאָלד; סתם „אַ זהב" הייסט אַ זלאָט (אַ גילדען, 15 קאָפּ'). „זהובים" אין מעהרצאָל ווערט צוגעשטעלט צו אַ צאָהל, ווי: חמשה זהובים א. ז. וו.

זווג (פסחים, מט.). **זווגים** — צוזאַמענפּאָארען. **זווג ראשון** (גטין, צ: סוטה, ב) ערשטע פּאָאר, ד. ה. וואָס פערהייראַטהען זיך צום ערשטען מאָל. **זווג שני** (שם לא:) צווייטע פּאָאר.

זווג עולה יפה (פסחים, מט:) געטראָפענע פּאָאר.

זועה (ישעיה כח, יט:) זאַווייע, אונגעוויטער.

זין — נאָמען דער 7=טע אות אין אלף=בית.

זיוף (ע"ז, יא) הייכלעריי, אַבמאַן, פעלשונג—**זיופים**; **זייפן**.

זכה (ברכות, ד. ב"ב, ט:)—**זוכה** (ברכות, ז:) גערעכט זיין, ערווערבט. **זכה בגורל** — געוואונען דעם לאָס (אין לאָטעריי).

זכה בדין (ב"מ, קז:) אַרויס דער גערעכטער אין געריכט.

זכיה — אַ גע[וו]ינש, אַ גליק.

זכיות (קדושין, לט:). „זוכה זיין". „ניט זוכה, ניט רואה" [2].

זכר (שמות יז, יב: שבת פו.) אַ גע=דעכטניס, ערּאינערונג.

זכרונות (אסתר ו, א) **זכרון** (שמות יז, יד) **זכירה** (מנחות, מג.).

זכר ברית — ערּאינערע דעם בונד. אַזוי הייסט די נאַכט צו

---

[1]) הערוך ערך „אשמדאי" אומר: שהאמונה בסכנת מספר הזוגות בדו[ ]היונים והרומיים, והפכו בה חז"ל אם יש בזה ממש. והמסקנא שם בגמרא (פסחים, קי:) „ודלא קפיד לא קפדי בהדיה" ובסדר של פסח קבעו ארבע כוסות ולא חיישו.

[2]) הלשון בגמרא: „זוכה ורואה" (מו"ק, ה:).

„ערב ראש השנה". **זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה** (ירושלמי שבת פ"א) (ז"ל). **זִכְרוֹ לִבְרָכָה לְחַיֵּי הָעוֹלָם הַבָּא** (קדושין, לא) ווערט געזאָגט אויף דעם ערמאָנערונג אַ וויכטיגען פערשטאָרבענעם. אויף אַ העכערע מדרגה זאָגט מען אין גאַנצען דעם נוסח פון פסוק: **זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה** (משלי י, ז) אָבער אויף אַ פערהייליגטען זאָגט מען: זֵכֶר צַדִּיק וְקָדוֹשׁ לִבְרָכָה. **זֵכֶר לְחוּרְבָּן** (ב"ב, ס:) אַ ערמאָנערונג אָן דעם חורבן פון אונזער לאַנד [1]). אָנקומענדיג צו די טייכען פון בבל (על נהרות בבל), נאָך דעם ערשטין חורבן, האָבען מיר געשוואָרען ניט צופערגעסען אָן ירושלים און צו ערמאָנערין איהר אין די גרעסטע פריידען (תהלים, קלז). דער פאַר צו ברעכט מען אַ גלאָז צו דער חופה, וויַיל פון צייט דעם חורבן איז בטל געוואָרען וויַיסע גלאָז [2]). נאָך צייכענס גיט עס אויף „זכר לחורבן", ווי צו איבערלאָזען איבער דעם טיר אונגעמאָלט (ב"ב, שם), נאָר דער העכסטער טרויער־צייכען איז אין הערצין, און ווער עס האַלט טרויער נאָך ירושלים וועט זוכה זיין זיך צו פרייען מיט איהר שמחה (שם). **זָכוּר לַטּוֹב** (ברכות, ג: ב"מ, ס.) ערמאָנערט צום גוטען. **זֵכֶר לְטִיט** (פסחים קטז:) אַ ערמאָנערונג פון די לעהם— וואָס מיר האָבען אין מצרים געאַרבייט. אויף דעם דינט די חרוסת צום סדר וואָס עס זעהט אויס ווי לעהם, וואָס עס ווערט געמאַכט פון פערמיסטע פערשידענע פרוכט די צוריבענע זים און ביטערע, מיט עסיג צוזאַמען פערקנאָטען אַזוי ווי ליים [3]).

---

[1]) גם קוראים לזה בגמרא „זכר למקדש" (סוכה, מא:).

[2]) מקורים ובדרך רמז לזה: עי' ברכות לא. בתוספות ד"ה: „איתי כסא דזוגותא חיורתא", ובגטין ז: וסוטה, מח: „משחרב מקדש ראשון בטלה זכוכית לבנה".

[3]) הערוך מביא שהשם חרסת הוא מל' חרש את חרשי אדמה" (ישעיה מה, טו) והוא הטיט שממנו נעשה כלי־ח ר ס (סנהדרין, נב:).

זָכָר (בראשית א, כז) מענליכעס — **זְכָרִים** (שמות יג, יב).

זְכַרְיָה (מ"ב יד, כט:) גאָט ערא־נערטע, אַזוי הייסט איינער פון די יודישע קעניגע, אויך דער נביא זכריה (זכריה א, א:).

זְכוּת אָבוֹת (שבת, כז. שם נה. ר"ה, יא. ב"ב, צא:) גערעכטיגקייט פון אורפאַטערין, צו געניסען; ווי געוואונשען: „זכות אָבותזאָל ביישטיין", אָדער: „אַ זכות זאָל זיך דער וועקקען".

זוֹל — בילליג. **זְלְזוּל** — גאַנץ נידריגע ווערדע, גרינגשעצונג. **זְלְזוּל מֶקַח** — גאַנץ נידריג געמאַכט דעם פרייז פון איין אַרטיקעל דורך קאָנקורענציע. **זְלְזוּל כָּבוֹד** — ערנידערונג די עהרע פון אַ גע־אַכטען פערזאָן.

זְלוּתָא דְבֵי דִינָא (כתובות, כו:) די ערנידערונג פון דעם שטעהן צום געריכט. פון דעם אויסדריק איז צו זעהן ווי ווייט מען האָט ביי אונז ניט געליעבט צו פרעטענזירען און צום געריכט קומען נור דורכ־קומען צווישען זיך, אויפ'ן פריעדליכען אַרט, וואָס דאָס איז פערבליבען אַ דין אין חשן משפט (הל' דיינים סי' יב) פאַרצולייגען אַ פשרה צום ערסטין.

זוֹלֵל וְסוֹבֵא (דברים כא, א) אַ פערשווענדער (דאָס געלד איז ביי איהם בילליג) און אַ זויפער (טרינקט איבער מעססיג)[1].

זִלְפָּה (בראשית כט, כד) יוגענד פריש[2]. איינע פון די אמהות, פון איהר שטאַמען די צוויי שבטים דן און אָשר.

זְמָן (נחמיה ב, ו) בעשטימטע צייט, אויך סעזאָן און סעמעסטר (זמן הלמוד במלמדים). **זְמָן גְרָמָא**

[1]) נאמר בבן „סורר ומורה", וגם בעומד ברשות עצמו נאמר: „כי זולל וסובא יורש" (משלי כג, כא), ותרגמתי זולל המזלזל בכספו, גם יש לפרש שמזלזל בכבודו בהנהגתו כרעבתן, וי"מ זולל—רעבתן ממש, מלשון; „כרום זולות לבני אדם" (תהלים יב, ט).

[2]) התרגום משרש „זלף", עי' „משפט האורים" לשטיינברג.

ברכות, כ. קדושין כט:) וואָס די צייט פערּאורזאכט. **זְמַן חֵרוּתֵנוּ**— די בעשטימטע צייט פון אונזער בעפרייט ווערען (אום פסח). **זְמַן מַתַּן תּוֹרָתֵנוּ** — די צייט פון געבען אונז די תורה (אום שבועות). **זְמַן שִׂמְחָתֵנוּ** די צייט פון אונזער פרעהליך זיין (אום סוכות). **זְמַן פֵּרָעוֹן** — צאָה-לונגס צייט (זמן תשלומין).

זֶמֶר (חגיגה, טו. סנהדרין, צט:) גע-זאַנג שטיק, טאַקט מעסיג[1].

זְמִירוֹת (ש"ב כג, א). **זְמִירוֹת לְשַׁבָּת** — געזאַנג שטיקע פון פיוטים צו די דריי שבת מאָהלצייטען. אין זיי איז ערצעהלט די שבחים פון דעם טאָג שבת[1]). **זְמִירוֹת לְמוֹצָאֵי שַׁבָּת** — פיוטים מיט געזאַנג אויף שבת-צו-נאַכט וואָס גיבען מוטה און האָפנונג אויף די נייע אָנקומענדע וואָך אַז השי"ת וועט צושיקען געזונד און פרנסה—צום געזונד.

זָנָב (שופטים טו, ד) שוויף, ווייד על עקקע. **זְנָבוֹת** (שופטים שם) דינט פאַר אַ סימבאָל פון „בטול היש" אויף דעם צווייטען אונטער די אַנשי שלומני—אַנשטאָט: נאַרר, אונמענש.

זָנָב לַאֲרָיוֹת (אבות פ"ד) דער קלענסטער אונטער וויכטיגסטע[2]).

זוֹנָה (ויקרא כא, ז) בוהלערין. **זוֹנוֹת** (משלי כט, ג) די פרויען וואָס קעהרען אָפ פון די ווייבליכע צניעות און האָבען אַ פערקעהר מיט יעדען מאַנס-פערזאָהן. **זְנוּת** (ישעיה יד, יא) קייטהייט, אָפוויינונג, בוהלעריי.

זָקֵן (בראשית יח, יב) איין אַלטער מאַנן, גרייז — **זְקֵנִים** (שם יא) **זְקֵנָה** (מו"ק, ט) **זְקֵנוֹת** (זכריה ח, ד). **זָקֵן אַשְׁמָאִי** (קדושין, לב) אַלטער פערזינדיגטער און גראָבער מענש[3]), דער פון שטאַמט אויך „אַלטער אַשמדאי"—פער-פעהלערט פון „אַשְׁמָאִי". **זָקֵן**

---

[1]) כאשר בארתי והוכחתי בספרי „מנצח בנגינות" 33—34 בפרק „דברי שיר".

[2]) בישעיה ז' ד': יאמר על שריים של דבר: „זנבות האודים".

[3]) תרגמתי כפרש"י שם „אשמאי—רשע ועם׳ הארץ" ונהירא לי שהוא מלשון „אשם" שנאשם בעונות וחטאים.

מוּפְלָג (גטין, כח:) אַלטער אין איבער געוויינליכע יאָהרען (רש"י שם:).

זֶרַע (בראשית א, יא) זאַמען.

זְרִיעָה — דאָס זייען — **זְרָעִים. זֶרַע הַמְּלוּכָה** (מ"ב יא, א) קייזערליכע שטאַם, נאַכקאָממען. **זְרָעִים** (שבת, לא) הייסט דער צווייטער סדר אין משניות איבער די דינים וואָס איז שייך צו געוויכסע.

זָרִיז — פלינק, געשיקט, הורטיג — **זְרִיזִים** (פסחים, קי:)

זְרִיזִין — **זְרִיזוּת** (שקלים, ט:) געשיקטקייט. **זָרִיז וְנִשְׂכָּר** (חולין, פב:) האָט זיך אונטערהיילט און פערדינט. **זָרִיז וְהִפְסִיד** (פסחים, נ:) דורך איילעניש פערלאָרען.

זֶרַח (בראשית לח, ל) דער אויפשיינענדער. אַזוי האָט געהייסען יעקב אָבינו'ס איינִיקעל, יהודה'ס אַ זוהן פון תמר'ן, דער צווילינג פון פרץ — וואָס פון איהם שטאַמט דוד המלך (דהי"א, ב: רות ד, כב).

ח.

ח — דער 8-טע אות אין "א"ב" און דינט פאַר דעם צאָהל 8, צ. ב. ש. ח' דחנוכה. צוזאַמען מיט דעם י — ח"י — בעדייטעט דער צאָהל 18. ער קומט אויך אין אָבקירצונג (ר"ת) אַנשטאָט גאַנצע ווערטער, צב"ש.

ח' — חַזָּן.

ח"ב — חֵלֶק ב, חֲתַן בְּרֵאשִׁית.

חו"ב — חָרִיף וּבָקִי.

חדר"ג — חֵרֶם דְּרַבֵּנוּ גֵּרְשֹׁם.

ח"ו — חַס וְשָׁלוֹם.

חוה"מ — חוֹל הַמּוֹעֵד.

חו"ל — חוּץ לָאָרֶץ.

חו"נ — חָכָם וְנָבוֹן.

חו"ק — חַזָּן וְקָהָל.

חו"ש — חַיִּים וְשָׁלוֹם, חַס וְשָׁלוֹם.

חז"ל — חֲכָמֵינוּ זִכְרָם לִבְרָכָה.

ח"י — חֲתִימַת יָדִי.

ח"מ — חָתוּם מַטָּה.

חמ"ע — חֲמִשָּׁה עָשָׂר.

חופ"ק – חוֹנֶה פּה ק"ק.
ח"ק – חֶבְרָה קַדִּישָׁא, חֲצִי קַדִּיש.
ח"ת – חֲתַן תּוֹרָה.

חַי (ישעיה לח, לט:) לעֶבּעֶנדעֶם— **חַיִּים** (בראשית ט, יב:) לעֶבּעֶנ־דעֶ. **חַי וְקַיָּם** (ברכות, לב) לעֶבּעֶנדעֶר און עֶקסעֶסטירעֶנדעֶר, אַזוֹי ווערט בּעֶנעֶנט דעֶר „רבונו של עולם" [1]. „שרייַ חי וקים"— אַז עֶס איז ניטאָ ווער עֶס זאָל העֶלפין בּלויז צו שרייַעֶן צום רבונו של עולם. **חַיֵּי שָׁעָה** (ביצה, טו: ברכות, מח: סנהדרין, מח:) אַ ווייַלעֶ לעֶבּעֶן. „חיי שעה איז אויך גוט", עֶס גיט צום לעֶבּעֶן אויף דעֶר מינוט—איז אויך גוט!

חוֹב (יחזקאל יח, ז:) שולד, שולד־פאָדעֶרונג — **חוֹבוֹת** (ברכות, סב:).

חִבָּה (אבות, פ"ג) ליבשאַפט — **חָבִיב** (שם, ברכות, סא:).

חוֹבֵב (דברים לג, ג:). **חוֹבֵב אָדָם**—מעֶנשעֶנפרייַנד. **חוֹבֵב צִיּוֹן** — איבּעֶר געֶבּעֶן מיט ליבּעֶ פיר ציון.

חִבּוּט — געֶקלאַפּט ווערין **חִבּוּט הַקֶּבֶר** (סוכה מג:) דאָס אויסגעֶקלאַפּט ווערין אין גראַבּעֶ [2], דורך דעֶם ווערין פעֶרמישט חעֶמיש צוריק צו עֶרד (בראשית ג, יט:).

חֶבְלֵי לֵדָה (הושע יג, יג:) וועֶהעֶן דעֶם געֶבּעֶרעֶן.

חֶבְלֵי שֶׁל מָשִׁיחַ (כתובות, קיא) די וועֶהעֶן צוליב דעֶם עֶנדעֶרין אַנייַעֶ עֶפּאָכעֶ פון משיחס אייַנפיהרונג.

חָבֵר (תהלים קיט, סג:) פרייַנד, קאַמאַראַד, קאָלעֶגאָ — **חֲבֵרִים** (שה"ש ח, יג:). **חֲבֵרָה**־

---

[1]) התואר „חי" להשי"ת נמצא הרבה (ש"ב יט, יד; תהלים מב, ג; ועוד העוד) וזת בא לעומת האלילים שאין בהם רוח חיים, ונמצא משותף עם התאר „קים" על דוד: „דוד מלך ישראל חי וקים" (ר"ה, כד).

[2]) מלי הובט חטים (שופטים ו, יא) יחבט קצח (ישעיה כח, כז) שנרדף עם דישה, כאמור שם: „כי לא בחרוץ יודש קצח"; וגם דישה לחביטת הגוף; כמ"ש; „ודשתי את בשרכם בקוצו המדבר" (שופטים ח, ז). חבוט הגוף בקבר ואופן שובו לעפרו לאחר ג' ימים ע"י שבת קנא.

חֶבְרָתָה (גטין, סא.). **חָבֵר טוֹב** (ברכות, טז:) אַ טרײַער פרײַנד, געזעללע:

חֶבְרָה (איוב לד, ח) — **חֲבוּרוֹת** (בכורות ל:) **חֲבוּרָתָא** (ברכות לג:) **חַבְרַיָא** (תענית כד:) האַנדעלס גענאָסען, קאָמפּאַניאָן, פערבונדענע אין געשעפט; אויך פעראייניגטע אין איינע צוועקען און וואָלטהאַטען, וואָס גיעבען ביי אונז זייער פיעל, ווי: **חֶבְרָה גְמִילוּת חֶסֶד** — אַ פעראיין צו אויסבאָרגען געלד אין אַ נויט. **חֶבְרָה הַכְנָסַת אוֹרְחִים** — צו אויפנעהמען אָרימע דורכגעהער. **הַכְנָסַת כַּלָה** צו זיין בעהילפיג אין קאָסטען איינע אָרימעס מעדכען צום הייראַטהען. **חֶבְרָה יוֹלְדוֹת עֲנִיוֹת** — צו שטיצען אָרימע קינדבעטערינס, **חֶבְרָה לֶחֶם עֲנִיִּים** — פעראיין צו שאַפען ברויט פיר בעדערפטיגע. **חֶבְרָה לִינַת הַצֶּדֶק** אָדער **מִשְׁמֶרֶת חוֹלִים** — צו געהן נאַכטען ביי קראַנקע און געבען זיי הילפע אין מעדיצינישע זאַכען, — אויסער באַרעמהערציגע שוועסטער שיקען מיר ניט אין פרעמדע הייזער נעכטיגען און אומגעהן אַרום ליגענדיגע פרעמדע מאַנספערזאָנען [1]). די זעלבע איז ביי אונז קיין בעזאָנדערע פעראיין אויף טהיר קוועלעריי, **חֶבְרַת צַעַר בַּעֲלֵי חַיִּים** דען דאָס בעזיצט יעדער איד און ערפיהלט דאָס זייענדיג גוטהערציג פון דער נאַטור, פון ערציהונג און פון בעלעהרונג וואָס איז פול דער פון אין אַלע ספרים, און דער איין פסוק **וְרַחֲמָיו עַל כָּל מַעֲשָׂיו** (תהלים, קמה) גיט אַ בעגריף אַז מיר אַלע זיינען פון איין בעשעפער וועלכער בעמיטלײַדעט יעדען פון זיינע באַשעפענים [2]), דאָס בע=

---

[1]) והוא על פי הגמרא דאמר שמואל — שהיה גם רופא — „אין משתמשין באשה כלל בין גדולה ובין קטנה" (קידושין, ע:) ודבריו אלה נתקבלו שם בלי פרכא כלל ונשנה להוכחא מפי החכמים לאיזה אסמכתא פעמים הרבה. ויהיה למופת העובדא באמנון ותמר שבאה להבריאהו בחדרו בחלותו ותצא ממנו וידיה על ראשה (ש"ב יג).

[2]) ברכות ז, עי' שבת קנו. ביצה לב: ד"ה כל שאינו מרחם על הבריות וכו'.

שטעטיגט דער שפּריכוואָרט: **יִשְׂרָאֵל רַחֲמָנִים בְּנֵי רַחֲמָנִים** (יבמות, עט:) בּפרט אין מענשען־ליעבּע איז אפילו אַ שונא אויך אַ מצוה צו זעטיגען (משלי כה, כא) און צו העלפען אים אין זיינע לאַסטען [1]. און בּיי אַנדערע, וואָס זיינען מיטגליעדער אין די חברה „צער בּעלי חיים", אונטער דעסין גיט פון זיי אויך מיטגליעדער און פעראיינען פון אַנטיסעמיטען און חוליגאַנעם צו פּייניגען מענשען, וואָס אויף זיי זאָגט דער נביא: „זֹבְחֵי אָדָם עֲגָלִים יִשָּׁקוּן" (הושע יג, ב:) מענשען שעכטין זיי און קעלבּער אויך פּפערד און הינד — קוסען זיי. **חֶבְרָה סוֹמֵךְ נוֹפְלִים** אַ פעראיין צו שטיצען נידער־געפאַלענע בּעלי־בּתים. **חֶבְרָה קַדִּישָׁא** דער הייליגער פעראיין, רופען זיך אָן די וואָס בּעשעפטיגען זיך מיט דעם בּעהאַנדלען נפטרים און בּריינגען זיי צו דער קבורה. אויך גיעט חברות וואָס לערנען צוזאַמען אַליין אָדער צו שטיצען לומדי תורה: **חֶבְרָה חַיֵּי אָדָם, חֶבְרָה מִשְׁנָיוֹת, חֶבְרָה מְנוֹרַת הַמָּאוֹר; חֶבְרָה עֵין יַעֲקֹב, חֶבְרָה שַׁ"ס, חֶבְרָה תְּהִלִּים; חֶבְרָה תּוֹרָה.** „חברה איז קיין גזלן" אַ פעראיין בּעשטייט צו פרידען שטעלען אַ אָנקלאַגע. „חברה קבּצנים" — שנאָרער. „ווייסע חברה" — אַבּמאַנשציקעס [2].

חִבּוּר — צוזאַמענזעטצונג, **חִבּוּרִים** — אַזוי רופען מיר אַהעפט וואָס איז געמאַכט צו פערעפענטליכען דורך דעם דרוק, אָדער וואָס איז שוין אַרויס פון דער דרוק. וועגען די לאַגע וואָס זענען געפאַלען אונטער דעם גורל צו זיין בּיי

[1] בבא מציעא לב: ד"ה אוהב לפרוק ושונא לטעון —— מצוה בשונא, כדי „לכוף את יצרו".

[2] מצאתי טעם ומקור להשם הזה (בס' קנ"א דף ט בהערה) שבמדינות פולין לובשים הנכדיים של הרביים בגדי אטלס לבנים ומחזירין לקבוץ נדבות ופדיונות בתלבושות זאת, ונקראו „חברה לבנה" בפי הלומדים ורוב ישראל.

אונז אַ מחבר, האָט געזאָגט אַ מחבר, אַז: „די פראַגע פון חיבור איז חסור״ דען זיי געפינען זיך איבעראַל אין מאַנגעל. „חיבור״ ווערט אויך אָנגערופען דאָס צוזאַמען רעכנען קלענערע סומען אין איין גרויסען צאָהל (עדיציאָן).

חוֹבְשֵׁי בֵּית הַמִדְרָשׁ (חגיגה יד:) די אָנגעבונדענע אָן דער לעהר שולע.

חָג (שמות י, ט:) פעסט, פייערטאָג. **חַגִים** (ישעיה כט, א), מיט דעם נאָמען רופען זיך נור די דריי ימים טובים: **חַג הַפֶּסַח, חַג הַשָׁבוּעוֹת, חַג הַסוּכּוֹת.**

חָגָא (חגיגה, יא:) פעסטאָג — **חֲגָאוֹת.** ד״ז ווי חג מיט אַ צוגיגעבענעם „א״ אין אַרמית.

חַד (יחזקאל לג, ל) איינס. **חַד בְּדוֹרוֹ** (כתובות, יז) איינצעלנער אין זיין צייט. **חַד גַדְיָא** — דאָס איז דער פזמון צום פסח סדר פיר קינדער זיי זאָלען ניט איינשלאָפען, וואָס איז געשטעלט נאָך מיטלען דאַרויף מיט דעם טהיילען זיי זיסינקייטען (פסחים קט) נור דער דרוש האָט דערין אַריינגעגעבין פיעל רמזים מיט סודות, וואָס אָנבעלאַנגט אידישע געשיכטע פון דער עלטערע פּאָליטיקא, ווי אין דעם דערבייאיגען פזמון „אֶחד מי יודע״ איז דייטליך אַ קורצער איבער דערציילונג פון דער נאַציאָנאַלנאָסט.

חֶדֶר (בראשית מג, ל:) צימער, קאַמער — **חֲדָרִים** (משלי כד, ד:) בל״ז הייסט דאָס דעם מלמד׳ס צימער וואו ער לערינט מיט קינדער. „חדר־יונגעל״ — שול־קנאַבע.

חדר״ג — (זעה—„בחדר״ג״).

חָדָשׁ (שמות א, ח) ניי, פריש — **חֲדָשִׁים** — **חָדָשׁ** (ערלה פ״ג) הייסט בּאַ די וואָס היטען אוים ביז שבועות ניט צו עסען פון פרישע געטריידע, וואָס אין ארץ ישראל זייענדיג האָט מען ניט געטאָרט עסען ביז מען האָט געבראַכט אַ מעסטיל דער פון.

חִדוּשׁ (ישעיה סו, ד:) נייאיגקייט — **חִדוּשִׁים** — נייעסען, ציקאַוועסין, צו בעוואונדערען.

חִדּוּשׁ מַעֲשֶׂה (ידים פ"ה:) אַנײַע פּאַסירונג.

חֹדֶשׁ (בראשית כט, יד:) מאָנאַט— **חֳדָשִׁים** (שם ל, יד:) שטאַמט אויך פון דער בעדײַטונג „חדש"—נײַ. דען אַ מאָנאַט צײַט איז פון איין מאָל די לבנה בענײַאונג ביז דעם צווייטען מאָל. **חֹדֶשׁ עִבּוּר** (זעה—„עבור").

חַוָּה (בראשית ג, כ:) די ערשטע מוטער און פרוי אין דער געשיכטע דער מענשען. איר נאָמען בעדײַטעט: לעבען-געבערן פיר קינדער (שם), אויך דעם טויט עלטערע (שם יב—יט).

חַזָּן (ירושלמי ברכות, פט) פאַרזענגער אין סינאַגאָגע — **חַזָּנִים** (תמיד, פה:) **חַזָּן דְּמָתָא** (ב"מ, צג:) שטאָדט חזן. **חַזָּן וְקָהָל** — דער חזן און די געמיינדע. **חַזָּנוּת** — הייסט די אונטערנעמונג. **חַזָּנ'טע**— די פרוי פון חזן.

חֲזוֹן רוּחוֹת — מעטעראָלאָגישע, וועטערין בעצייכנונג אין די לוחות.

חֹזֶק (שמות יג, ז:) מאַכט, שטאַרקייט. **חֶזְקָה** (ב"ב פ"ב פערהאַלטען מיט מאַכט פון רעכט, בעהערשען אַלס אייגענטהום (נחמיה ג, ד:) „חזוק מאַכען" שטאַרקען זיך דורך שפּאָט און שפּאַס, יענעם אויסלאַכען. **חִזּוּק** (ברכות, לב:) אויפשטאַרקען. **חִזּוּק הַדָּת** — בעפעסטיגען דעם רעליגיאָן. **חִזּוּק הַחֶבְרָה** בעפעסטיגען דעם פעראיין. **חֶזְקַת כַּשְׁרוּת** — אַנערקענט אין געהעריגען פאַך. **חֶזְקַת סַכָּנָה** — פעסט בעשטימט דער געפאַהר. **חֲזַק וְנִתְחַזֵּק** (שמואל-ב י, יב:) פאַסט מוטה! אַזוי לאָזט מען אויס צום ענדיגען אַ ספר פון דער תורה.

חִזְקִיָּה (מ"ב יח, א) גאָט, שטאַרק מיך! דער 14-טער יודישער קעניג פון דוד המלך. האָט רעגירט 29 יאָהר. אין זיין צײַט האָט אַשור'ס אַרמעע געהאַט אַ וואונדערבאַרע מפלה בײַ ירושלים (מ"ב יט, לה).

חוֹזֵר — ווידערהאָלער, דער איבער זאָגער דעם רבי'ס חסידות פאַר דעם אויפגעקליבענעם עולם פון זיינע חסידים. **חוֹזֵר בִּתְשׁוּבָה** (ברכות, כ:)

בערייהעט אויף זיינע זינד אונד פערבעסערט זיין אויפפיהרונג. **חוזר בדבורו** (ב"מ מט) האט חרטה און איז משנה דעם אפרייד אין א עסק זאך. **חוזר על הפתחים** (ב"ב, ט:) געהט איבער די הייזער—בעטלען. **חוזרה** (חולין ט, קטו) צוריק אפשיקען צוגעשיקטע סחורה, ניט וועלענדיג אננעמען, „חזרה"— דאס שטאמט דער פון אויף לשון־נקיה דעם צוריק אויס־ברעכען וואס קומט פון איבעל, פון איבעריגע טרינקען אלכוהל וואס דער מאגען וויל מער ניט אננעמען. **חזרת הש"ץ** — דאס וויעדער האלונג פון קאנטאר (חזן, שליח צבור) די תפלה בלחש (שמונה עשרה) פון שחרית מוסף און מנחה. די אורזאכע ווארום איז צו מעריב שמונה עשרה ניט דא קיין חזרת הש"ץ וויל תפלות איז אנשטאט קרבנות, איז אויך מעהר ניט געוועזען ווי צווי תמידים איינער צו שחרית און איינער צו מנחה. אויך איז דא א דעה אז תפלת ערבית רשות (ברכות ד, כח:) איז דעם איבער זאגען פון שליח צבור ווי ברכות לבטלה (מקורי מנהגים).

חזיר (ויקרא יא, ז:) שוויין — **חזירים** (ב"ק, עט:) דאס איז די פיה וואס איז אונז פערבאטען צו עסען פון איהר פלייש, דעם סימן האט זי וואס זי איז ניט מעלה גרה חאטש דעם צווייטען סימן פון כשר האט זי דאס די קלייען איז איהר יא צושפאלטען ווי ביי א כשר'ע פיה, דער פון שטאמט דער שפריך ווארט „חזיר פישעל כשר" אויף א צבוע'ק [1]. וואס עס איז פערבאטען שוויינען־פלייש א. ד. ג. פלעגען פרא־טעסטירען דערויף אנדערע פעלקער און דער שטערער פון מענשענס געזונדהייט [2], יעצט האבען געלעהרטע אויפגעוויזען

[1] עי' רש"י עה"כ ויהי עשו בן ארבעים שנה (בראשית כו, לד).

[2] במד"ר פ' יט את חקותי תשמרו—דברים שהשטן ואומות העולם מושיבים עליהם, ואלו הן: „אכילת חזיר ולבישת שעטנז ועוד, ועוד בנח נאמר הבהמה הטהורה משמע שגם בני נח היו מוזהרין ע"ז מעת שהותר להם בשר לאכילה (בראשית ט, ג.

דאָס מיט רעכט איז עס פון דער תורה פערבאָטען, ווייל אין די חזיר פעט'ס גיעט עס אזעלכע מיקראָבען מיט דעם נאָמען „טרעכינען" וואָס פון דעם עסין ווערן גאַנץ אָפט גרויסע פעסטען און חאָלעריעס ר"ל אונטער מענשען, און עס איז איינשטימיג בעשלאָסען דאָס צוליעב אונזער'ס כשר'ס עסען, ליידען ביי אונז וועהניגער אין פעסט צייט און פון נאָך פיעל קראַנקהייטען.

דער חזיר, צוליעב זיין פעטקייט האָט ער אַ בייסעניש, קיהלט ער זיך אין רינשטאָקעס און אין שמוציגע בלאָטעס און קראַצט זיך נאָר אָן אַ צאַם, אַ וואַנד און איז פערקרעציגט— מיט דעם דינט ער פאַר אַ ביישפיעל: „קרעטציג ווי אַ חזיר"[1]. נאָר „דער שוויין, ער איז זייער רייך, עס פעלט איהם קיין שפייז" ווייל ער עסט אַלע אויסוואורף (שבת, קנה:) און דאָס געפינט ער איבעראַל, דאָך איז ער ניט גלייך צו אַלע פיה וואָס פאַסען זיך מיט גראָז פון אויבען, עס קען נאָך אָפוואַכסען, און דער שוויין ריעט אויף און קנורעט נאָך אוים דעם וואורצעל; אין געשטאַלט איז ער אויך ווי איין אונטער ערדישער שרץ, ווי אַ קראָט וואָס ריעט די ערד (תהלים פ, יד); אויך זיין גרילענדע ריצענדע שטימע מאַכט עקעל און אונאַנגענאַם דאָס צו הערען. פאַר די אַלע קערפערליכע און חאַראַקטערנע עקעלהאַפטע אייגענשאַפטען, דינט דער שוויין אפילו ביי די וואָס עסען איהם פאַר אַ מוסטער פון גראָבקייט און שמוציגקייט און מען רופט דאָס אַ „שווינסטוואָ, שווייַנערייַ". ביי יודען עקעלט זאָגאַר

ועי' זבחים קטז.), ועה"כ: „אני ה' המעלה אתכם מארץ מצרים" האמור בפרשה שמינו בפ' שרצים (ויקרא, יא) דרשו חז"ל שבשביל המעלה הזאת שישראל נבדלים מאכילת שרצים ראוים היו להגאל ולהיות שם ה' נקרא עליהם (ב"מ, סא).

[2]) דבר אחר הזאי ביה (כתובות, סא:) פירש"י: „בשר של חזיר מצורע ובלשון בלע"ז שירשמין"; ואיתא בגמרא (קידושין, מ"ט:) „עשרה קבין נגעים ירדו לעולם תשעה נטלו הזרים".

דער נאָמען אַלײן און מען רופט אים פֿערשטעלט: „דבר אחר". די „חזיר האָאר" אָבער, איז זײער אַ גוטער אַרטיקעל, מען מאַכט דער מיט זײער גרויסע געשעפֿטן; דאָס װערט בענוצט צו שיפֿען געבוי, צו בערשט, צו שוסטער־דראָטװע און זאָ װײטער. דאָס דינט אויך פֿאַר אַ איראָניע אויף אַ קאַרגען, װען מען ציהט אַרויס פֿון איהם װעלכע עס איז אַ נדבה — „פֿון אַ חזיר אַ האָאר איז אויך גוט".

חֵטְא (ויקרא יט, יז) זינדע— **חֲטָאִים** (קהלת י, ד) **חוֹטֵא** (יבמות, סב:) זינדיגער — **חוֹטְאִים** (ש"א יד, לג) **חוֹטֵא בְּעֵגֶל** פֿערזינדיגט בײ דעם גאָלדענעם קאַלב (שמות, לב) **חַטַּאת הַקָּהָל** (ויקרא ד, כא) דער אַלגעמײנער פֿערזעהן. **חוֹטֵא וּפוֹשֵׁעַ** (בראשית לא, לו:) זינדער און פֿערברעכער. **חַטֹּאת נְעוּרִים** (תהלים כה, ז:) יוגענד פֿעהלערין. **חוֹטֵא וּמַחֲטִיא** (סנהדרין, קז) זינדער און פֿערפֿיהרער. **חוֹטֵא נִשְׂכָּר** (שביעית פ"ט) דער זינדער פֿערדינט נאָך. **חָטָאתִי עָוִיתִי** (איוב לג, כז) האָב פֿערזינדיגט און פֿערקרימט.

חוֹט (בראשית יד, כג) אײן פֿאָדים, שנורר — **חוּטִים. חוּט הַמְשֻׁלָּשׁ** (קהלת ד, יב:) אַ שנור אין דרײען געדרעהט. **חוּט הַשִּׁדְרָה** (שבת, קנא:) דער װירבעל זײל—דער שנור װאָס ציהט זיך לײנג אין דעם רוקען. **חוּט שֶׁל חֶסֶד** (חגיגה, יד:) ליעבליכער גראַמאַס. **חוּט הַשַּׂעֲרָה** (סוכה נב:) אַײן דינער שנור װי אַ האָר.

חֲטָבָה (דברים יט, ה') אַזױ רופֿען אַן װאַלד סוחרים דאָס אויסהאַקען אַ װאַלד.

חֹטֶם (שבת, קנא:) נאַזע — **חֳטָמִים**[1].

חַיָּה (בראשית א, כח) לעבענדע, טהיר—**חַיּוֹת** (תהלים קד, כה). **חַיָּה רָעָה** (בראשית לז, ג) אַ בײזע (װילדע) טיהר. מיט דעם רופֿט מען אַן זעהר אַ בײזע

[1] חוטם הוא בלי התלמוד כאף בלי המקרא „אף להם ולא יריחון" (תהלים קטו, ו) ושניהם על שהכעס והרוגזה נכר בו כמו שנאמר, ומה חרי האף הגדול הזה (דברים כט, כג) וכמש: „למען שמי אחטם לך" (ישעיה מח, ט).

פרוי, א פערביסענע, וואס פערגריזעט דעם מאנן. **חיות הקדש** — די הייליגע בעזעלטע, דאס איז געזאגט אויף דעם וואס יחזקאל הנביא האט געמיינט די פיער מיני ברואים אין דער מרכבה, וואס רעכענען זיך ווי קעניגע אויף די איבעריגע: דער לייב — אויף די טהירע; דער אדלער — איבער פויגלען; דער אקס — איבער פיה, און דער מענש איבער אלע (חגיגה, יג:).

חיי שרה — צוזאמענגעזעטצטער נאמען אונטער פרויען, פון די צוויי ווערטער וועלכע עס פאנגט זיך אן די סדרה „חיי שרה״.

חיי שרה — די פינפטע סדרה אין ספר בראשית (כג, א—כה, יח). אין איהר איז דערציילט דער שטערבען פון אונזער מוטער שרה, און ווי אברהם אבינו, איהר געמאהל, האט זיך אנגעשטריינגט דורך איהר איבער צו לאזען אונז אזא גרויסע ירושה, די „מערת המכפלה״ — וואס קיין נאציאן פארמעגט דאס ניט, צו האבען די גראבע פון זייער ערסטע אורפאטערין, און די ערסטע מוטער פון זייער נאציאן (זעה — „אבות״). אויך קומט דא דערציילט פון יצחק׳ס זווג וואס אברהם זיין פאטער האט געשיקט זיין הויז־פערוואלטער „אליעזר׳ן״ (יומא, כח) צו זיין פאמיליע, ער זאל הערויב ברייננגען פון זייערע טעכטער פאר יצחק׳ן א פרוי. און קומענדיג אהין האט דער שליח איינגעפונען דאס די רבקה איז פאסענד פאר אברהם׳ס הויז, וואס ער איז געוועזען דער זעלטענער מכניס אורח, צוליעב דעם וואס זי אליין האט זיך ארויסגערופען אנצושעפען און האט ארופגעצויגען עמער׳ס וואסער פאר אלע זיינע צעהן קעמלען (שם כד, כ) און איהר פאמיליע האבען איהר איבערגעגעבען די דעה איינצווויליגען אויף דער פארטיי (זעה — „בת ישראל״).

חיב (דניאל א, י) שולדיג, פערשולדעט, פערפליכטעט — **חיבים**. **חיוב** — פערשולדונג — **חיובים** — אזוי רופט מען

אָן אִין דִי קלויזעֶן דִי דאַוונעֶר וואָס האָבּעֶן אויף זִיךְ דִי שולדִיג־קַייט עולה לתורה זַיין אָדעֶר קדִיש צו זאָגעֶן מצד אֲבֵלוּת.

חַיָב מִיתָה (ברכות, ד). פעֶר־שולדעֶט צום טויט.

חַיָט (שבת,יא:) שנַיידעֶר, **חַיָטִים**[1].

חַיִל (דברים ג, יח) העֶער, אַרמעֶע— **חֲיָלִים** (דניאל יא, י)

חִיוּנָה — עֶרנעֶרונג, לעֶבּעֶנס־מִיטעֶל (מכות, ז.). אויךְ ווַייבּלִיכעֶר נאָמעֶן (חיעֶנעֶ בל״ז) (סוטה פ״ט במשנה). „חיות נִיט זִיכעֶר" לעֶבּעֶנס געֶפאַהר.

חוּכָא וְאַטְלוּלָא (עירובין, סח:) אָבּלאַכעֶן, אָבּשפּאָטעֶן, שפּאָס מאַכעֶן.

חָכְמָה (שמות כח, ג) ווַייזהַייט, וויסעֶנשאַפט, געֶשִיקט־לִיכקַייט—**חָכְמוֹת** (תהלים מט,ג).

חָכְמַת הַיָד — **חָכְמַת הַפַּרְצוּף** — פִיזִיאָגנאָמִיקעֶ.

חָכָם (ש״ב יד, ב) ווַייזעֶ, קלוגעֶר— **חֲכָמִים** (דברים א, יג).

חֲכָמָה (ש״ב יד, ב) — **חֲכָמוֹת**

חֲכָמָנִיוֹת (ב״ב, קיט). **חָכָם גָדוֹל** (כתובות, קה) אַ וויכטִיגעֶר חכם. **חָכָם מְחֻכָּם** (תהלים נח, ו) — **חֲכָמִים מְחֻכָּמִים** (משלי ל, כד) זעֶהר קלוגעֶ, העֶכסט געֶלעֶהרטעֶ. **חַכְמֵי הָאֻמוֹת**— ווַייזעֶ פון אַנדעֶרעֶ נאַציאָנעֶן. **חַכְמֵי יִשְׂרָאֵל** (ברכות, ג:) יודִישעֶ ווַייזעֶ. **חַכְמֵי הַלָשׁוֹן** — פִילאָלאָגעֶן. **חֲכַם מְדִינָה**— אַ לאַנד חכם. **חָכָם עַתִּיק** — אַ קלוגעֶר אַלטעֶר, געֶפּראַקטִי־קִירטעֶר. **חָכָם מִכָּל אָדָם** (מ״א ה, ה) קלִיגעֶר פון אַלעֶמעֶן.

חֲכָמֵינוּ זִכְרָם לִבְרָכָה — אונזעֶרעֶ געֶלעֶהרטעֶ — זַייעֶר עֶראִינעֶרונג צום בּעֶנטשונג.

חָכָם לְכְשֶׁיִרְצֶה (גטין, סז:) אַ געֶלעֶהרטעֶר, ווען עֶר ווִיל זִיךְ אַרויסווַייזעֶן.

חוֹכֵר (דמאי פ״ו, בבא מציעא, קא.) אַרעֶנדאַר, פּעֶכטעֶר — **חוֹכְרִים**. **חֲכִירָה** — אַרעֶנדעֶ.

חַל (הושע יא, ו) עֶס לִיגט, „עֶס אִיז אויף אִים חל" אָנגעֶלייגט (מוטל).

---

[1] שם המלאכה נגזר מהשם „חוט" שתיפר בו, כמי „ציד" מפעל „צוד" ובסוף קידושין פב: קורא לחיטות: „מחטא תלמיותא" ע״ש המחט שעושה בו תלמי׳ (שטעפער).

חוֹל (ש"א כא, ה) וואָכעֶנדיִג, אוּנ=
הייליִג—**חוּלִין** (פסחי' כב:)'
חוֹל הַמּוֹעֵד (מגיל', כא) וואָכעֶנ=
דיִגעֶ טעֶג, וואָס איִז צוויִשעֶן די
עֶרשטעֶ און די אַנדערעֶ טעֶג יו"ט.
חוֹלֶה (בראשית מח, א) אַ קראַנקעֶר.
חוֹלִים (ב"מ, נח: הל' חולאים). **חוֹלָה**—איינעֶ קראַנקעֶ—
חוֹלוֹת. חוֹלֶה מְסֻכָּן (חולין, עה)
געֶפעֶהרליִכעֶר קראַנקעֶר. **חוֹלִי מֵעַיִם** (שבת, י:) בויכוועֶהטאָג,
בל"ז: אויף שעֶדליִכעֶ סחורה,
שפּייַז און נאָר ניִט קייַן האַפּטיִגעֶ
סחורה—„חאַלעֶ=מאַיִם". **חוֹלֶה נוֹטֶה לָמוּת** (שבת, לב) אַ קראַנ=
קעֶר אַ געֶנייַגטעֶר צום שטעֶרבעֶן.
חוֹלִי נוֹפְלִים — עֶפּיִלעֶפּסיעֶ,
(ויי פאַלעֶן אומגעֶהעֶנד **Валентинова**
болѣзнь. **חֳלִי רָע** (קהלת ז, ב:)
כאָלעֶריעֶ—שלעֶכטעֶ קראַנקהייַט.
חַלַּאַת (סוטה, מד:) קרעֶנקליִכעֶ,
חולי'דיִגעֶ.
חַלָּה (ויקרא כד, ה) קוּכעֶן —
חַלּוֹת (שם ב, ד) „חלה נעֶהמעֶן"
(במדבר טו, כ; דמאי פ"ה) אָפּפּעֶר=
קוּכעֶן. פון די טייג וואָס מעֶן
פאַרקנעֶט, בעֶדאַרף מעֶן פאַר=
זאָרגעֶן אַיין בעֶזאָנדעֶר טהייל
דעֶר פון פיִר דעֶם כהן, יעֶצט
איִן חוץ לארץ וואַרפט מעֶן דאָס
איִן אַ פייַעֶר.
חָלָב (בראשית מט, יב) מיִלך.
חָלָב וּדְבַשׁ (שמות ג, יז)
מיִלך און האָניִג.
חֵלֶב (ויקרא ג, טז) פעֶטס פון
אַ בהמה וואָס געֶהעֶריִן
צו טרפה; עֶס ווערט געֶמאַכט
דעֶר פון „חלב'עֶנעֶ ליִכט".
כשר'עֶ פעֶטש הייסט גראַדעֶ
שמאַלץ—ניִט אויף העֶברעֶאיִש.
חָלוּל (זבחים, סא:) פּוּסט.
חִלּוּל הַשֵּׁם (שבת, לג:) עֶנט=
הייליִגט דעֶם נאָ=
מעֶן (גאָטטעֶס). **חִלּוּל שַׁבָּת**
(שבת, קיט:) וואָכעֶנדיִג מאַכעֶן
דעֶם רוהעֶ טאָג. ד"ז איִז „חלול
יום טוב". **חִלּוּל כָּבוֹד** (ירושלמי
פ"ו) דעֶם האָנעֶר בעֶריִהרעֶן.
חָלִילָה (בראשית יח, כה:) צוּאוּנ=
וויִרדיִג, מייַדעֶ. **חָלִילָה וְחַס** — מייַדעֶן און שעֶהנעֶן.
חֲלוֹם (בראשית לז, ה) טרוים —
חֲלוֹמוֹת (קהלת ה, ו)
טרוימעֶן פון שלאָף. פון דעֶם
אָנפלאָנטעֶריִן זיִך פון אַלעֶם וואָס
מעֶן דייַנקט און זעֶהט וואַכעֶר=

הײט (ברכות, נה:) „חלום ניט"— זײַ מונטערער, לעבהאַפטער, גע=
שיקטער „געזעהן אַ גוטען חלום",
פערדינט גוט אין אַ קלײנעם
עסק. „זאָל זיך דיר ניט חלומ'ען"
גלויב ניט אין פאַלשע האָפנונג,
פוסטע פאַנטאַזיעס. „אויסגע=
בטל'ט אַלע בײזע חלומות" גע=
מאַכט איהם פינסטער און ביטער.
„פותר חלום געװעזען" — פאָר=
אויס געזאָגט דעם סוף װאָס
קען דערפון זײַן.

חָלָף — שלאַכט מעססער —
חֲלָפִים-חֲלִיפוֹת (יומא, לו).

חִלּוּף (סוכה, כח:) אומװעקס=
לונג — **חִלּוּפִים**.

חִלּוּפֵיהֶן וְחִלּוּפֵי חִלּוּפֵיהֶן
(ברכות, יז:).

חַלְפָן—װעכסלער— **חַלְפָנִים**—
חלפ'נען, װעכסלען.

חֲלִיצָה (יבמות, יב:) דאָס אָב=
ציהען. װען איין
ברודער שטאַרבט אָהן קינדער,
בעדאַרף זײַן פערבליבענע פרוי
הײראַטען זײַנעם אַ ברודער, כדי
זײַן טהײל לאַנד זאָל ניט איבער=
גײן צו איין פרעמדען, אום זײַן
נאָמען זאָל ניט פערגעסען װערין
און עס ירשנט דאָס דער ערסטער
זון װאָס זי געבערט מיט זײַן
ברודער—אויף דעם פערשטאָר=
בענעמ'ס נאָמען; װען אָבער זײַן
ברודער װיל איר ניט הײראַטען,
ציהעט זי אים אָפ זײַן שוה
און שפײַט פאַר זײַן געזיכט און
זאָגט: „אַזוי בעהאַנדעלט מען
אַ זעלכין װאָס װיל ניט זײַן
ברודערס הויז ערבויען"; און
ער פערבלײַבט בײַ דעם נאָמען:
חָלוּץ (דברים כה, ה—ט).

חֵלֶק (בראשית יד, כד) טהײל —
חֲלָקִים (יהושע יח, ה).

חֵלֶק בְּגַן עֵדֶן (ברכות, טז:)
אַ טהײל אין גן=עדן (זעה—„גן עדן").

חֵלֶק יְרֻשָּׁה — אַ טהײל אין
דער ערבע. **חֵלֶק כְּחֵלֶק**
(דברים יח, ח) גלײַכע טהײלען.

חֵלֶק לָעוֹלָם הַבָּא (סנהדרין
מג, צ:) אַ טהײל צו דער קינפ=
טיגער װעלט. „אַ שװײַגענדער
בעקומט צװײ חלקים". „פאָדער
חלק" „הינטער חלק" — פון
אַ געשאָכטענע עוף.

חִלּוּק — צוטהײלען איין צאָהל
אויף קלענערע טהײלען
(דיװיזיאָן). **חִלּוּקֵי דֵעוֹת** —

צוטהיילטע, פערשידענע מיינונגען, ניט איינשטימיגע; „זאָגען א חלוק״ [1]— אַ פּלפּול אין פערגלייכען פערשידענע דעות (לשטתו) זאָל אויסקומען שאַרף און גלאַטט (חד וחלק). „עס איז קיין חלוק״—קיין אונטערשייד.

חֲלוּקָא דְרַבָּנָן (ב״ב, נז:) ריאַסע.

חֲלוּקָה (דה״א לה, ה) טהיילונג. פערטיילונג.

חָלָק (בראשית כז, יא:) גלאַטט— „אַרוים חלק״ (סנהדרין, יז:) ד״ה: ניט געפאַלען פערשריבען אין גורל.

חֲלֹש (יואל ד,ט) שוועכליכג, אָ מאַכט. **חֲלוּשָׁה** (שמות לב, יח) (זעה—„תפלה בלחש״).

חַלָּשָׁא (ב״מ, פו. סנהדרין, קו:).

חֲלָשׁוּת — אָבשוואַכונג. „עס חלש׳ט די האַרץ״ זי אונמאַכטעט, עס הונגערט, „געחלש׳ט״, „געבליבען אין חלשות״ געאונמאַכטעט; „פוי חלשות״—ס׳איז צו חלש׳ן הערינדיג; „מען חלש׳ט נאָך איהם״ — שפּאַטענד, אויף אַזעלכען וואָס מען וויל ניט אָנזעהן.

חָם (בראשית ז, י) נאָמען איינער פון די דריי זעהנע נח׳ס, דער פערשקלאַפטער און פערגרעבטער. מיט איהם רופט מען אָן נאָר אַ זעלכען פון זיין גלייכען אין דעם הינזיכט [2].

חֲמִימָא (עירובין, ג:) אַ זעלטענער היטץ [3].

חָמֵץ (שמות יב, טו) געזייערטער—טייג, וואָס איז פערבאָטען פסח צו עססען.

חֲמוֹר (במדבר טז, טו) עזעל — **חֲמוֹרִים** (שם לא, כח): מיט דעם זידעלט מען זיך (נדרים, פא:), אויך בענענט מען דומע מענשען (עירובין, נג:). **חֲמָר גַּמָּל** (עירובין לה:) אין אַ פער-

---

[1] עי׳ פירש״י חולין, יט:, ד״ה: „אנא לא חילוק ידענא ולא בילוק ידענא״.

[2] חם קללהו אביו להיות עבד עבדים. ומבית מדרשו של שם החכמות, ומיפת — היופי (עסטהעטיק) (מגילה, ט:) וחם נשאר הגם שבהם היה למשל על כל חסר טעם וחסר דעה.

[3] מלשון חום, והוכפל להורות על חוזק החום כמו אדמדם.

לעגענהייט. **חֲמַר מְדִינָה** (מסכת ב״ק) היגע לאַנדעס וויין, דערויף איז געזאָגט: מען בעדאַרף זעהן וואו דער חמר שטייט אין שטאַהל אָדער אין קעלער, (עירובין נג:).

חוּמְרָא (ע״ז, ג) ערשווערין.

חֲמִשָּׁה (בראשית יח, כח) פינף.

חֲמִשָּׁה עָשָׂר (ויקרא כו, ז) 15. **חֲמִשִּׁים** (שם ג) 50.

חֲמִשָּׁה עָשָׂר בְּאָב (תענית, כו:) פונפצעהן טעג אין חדש „אב״— איז אַ יומא דפגרא, וואָס מען זאָגט אין איהם קיין תחנון און מען זאָגט ניט דעם לאַנגען „והוא רחום״ וואָס איז צוזאַמען געשטעלט געוואָרין צוליעב די צרות אין לאַנגען און ביטערען גלות; אָבער אין אונזער לאַנד זיינענדיג—דערציילט רבן שמעון בן גמליאל (שם): „עס איז נאָך ניט געוועזען קיין גלייכען אונטער אַלע ימים טובים צו דעם טאָג חמשה עשר באב און צו יום כפור ביי אידען; אין איהם האָבען זיך אויס געגלייכט אָרימע מיט רייכע קינדער, יעדער מעדכען האָט געמוזט טראָגען איין געליענע העלע קלייד, ניט צו פאַרשעמען די וואָס האָט ניט אַ אייגענע בּאַלאָווע קלייד, און יונגע הערין פלעגין קומען מאַכען בעקאַנטשאַפט און צוקלייבען זיך פאַרטייען״ דער אײנפיהר האָט אַ צוזאַמענהאַנג מיט אַ היסטאָרישען נאַציאָנאַלען פאַסירונג, וואָס איז פאָרגעקומען אויך אין דעם טאָג, און גראַדע אין דעם זעלבען ענין״: דאָס די שבטים זאָלען מעגען זיך מתחתן זיין צו זאַמען״, וואָס דאָס איז געוועזען פערבאָטען, כדי עס זאָל ניט איבער געהן די טהיילען לאַנד צוזאַמען מיט די יונגע פאַאר פון דעם שבט צו איין אַנדערען, און צוליעב דעם זיינען די שבטים געוועזען פערפרעמדעט ביז עס איז געוואָרען צוויי בעזאָנדערע מלוכות און פלעגען פיהרען גרויסע מלחמות וואָס דורך דעם זיינען זיי אָבגעזאָנדערט געוואָרען ביז מען האָט ביסלאַכוויים צוגענומען די לאַנד אין גאַנצען (מ״ב יז, ו). דער טאָג „חֲמִשָּׁה עָשָׂר״ האָט אין זיך נאָך נאַציאָנאַלע פאַסירונגען:

א) אין איהם האָט אויפגעהערט דאָס אויסשטערבען פון די „יוצאי מצרים" אין דער מדבר, איבער זייער צושטייך צו די מרגלים, און ניט האָבען קיין צוטרוי צו געהן נעהמען ארץ ישראל. ב) אין דעם טאָג האָט מען בעקומען ערלויבניש צו דער קבורה צוברייינגען די געפאַלענע ביי ביתר אין דעם שטרייט וואָס בר כוכבא האָט פערפיהרט מיט די רעמער (זעה — „בר כוכבא"). ג) אין דעם טאָג פלעגט מען אויפהערין האַקען בוימער האָלץ צו דעם מזבח. ד) אין איהם פלעגט זיך אָנהויבען דער בעשעפטיגונג אין לערנען אויך ביי נאַכט (נאָך דעם זומער קאַניקול) — צוליעב די אַלע בעגעבענהייטען, וואָס איז אויסגערעכינט אין גמרא (תענית ל-לא:) איז דער טאָג בעשטימט פאַר אַ נאַציאָנאַלען פראַזדניק, איבערהויבט פיר דעם יוגענד וואָס פלעגען זיך אויפקלייבען צום שפּאַציערען אונד טאַנצען אין די וויין גערטנער. און פיר עלטערע פרומע איז דאָרט פערשפּראָכען, זיי זאָלען דעם יוגענד פערגינען דעם פערגעניגען און זיי דאָס ניט אַסר'ן, דאָס זיי וועלין אויך האָבען פאַר זיך אַ קאַראָהאָד אין גן עדן [1].

חֲמִשָּׁה עָשָׂר בִּשְׁבָט (ר"ה, ב:) פונפצעהן טעג אין חדש שבט. ער איז פערערעכענט פאַר דעם נייאָהר פיר בוימען, דען עס פאַנגען אָן זייערע קנאָספּען זיך צו ענטוויקלען. דערום איז מען זיך נוהג ביי אונז צו געניסען אין דיזען טאָג פון פערשיעדענע פרוכטען, דערביי דאַנקט מען דעם שעפּער וואָס האָט ניט פערפעהלט צו בעשאַפען ערקוויקונגען פאַר פערשמאַכטעטע.

חוּמָשׁ (סוטה, לו. בכורות, ד:) דער געפינפטעלטער, ספר „די ספר תורה" וואָס בעשטעהט פון 5 ספרים: א) בראשית, ב) שמות, ג) ויקרא, ד) במדבר, ה) דברים, מיר רופען „חומש" נאָר געדרוקטע, אָבער געשריבענע אויף

---

[1]) בן מסים שם הגמרא (בסוף תענית): „עתיד הקב"ה לעשות מחול לצדיקים בגן עדן".

פאַרמענט הייסט „ספר תורה".
אלע טהיילען צוזאַמען הייסען:
חמשה חומשי תורה (מגילה טו) אָדער בכלל **חומשים** (גטין, ס:), **חומשין** (חגיגה, יד:).

חמישי (בראשית, א, כג) דער פינפטע. „אויפגערופען חמישי" צו עולה לתורה זיין דער פינפטער נאָך דעם כהן.

חן (שם ו, ח) האָלטזעליג, גונסט, „האָט חן" (אסתר ב, יז. סוכה, מט.) סימפאַטיש, „חנ'עוודיג". „מאַכט חנ'דליך"—רייצענדע גרימאַסען.

חנה (ש"א א, ב) גינסטיגע. נאַמען שמואל הנביא'ס מוטער. זי וואַר אויך פּאָעטיש געשטימט, איהרער אַ ליעד-געדיכט פון 10 פסוקים מיט אַ פּאָעזיסען שטיל, איז געשטעלט אין תנ"ך (שם ב, א—י). דער אינהאַלט בעשטייט אין דעם וואָס עס איז צו זעהן: ווי די פערהונגערטע און אונטערדריקטע ווערען אויפגעריכט, און די איבער-זעטיגטע און געוואַלד-טהעטיגע זינקען, און ענדיגט אַ תפלה: „איר קינד זאָל באַסירמט ווערין פון זיינע פיינדע און זאָל אויפשטאַרקען אידישע רייך" וואָס דאָס איז אין איהם מקוים געוואָרען (זעה—„שמואל"). איר קאַפּיטל דיזען לעזט מען דעם ערסטין טאָג ראש השנה צום מפטיר. (וויסענדיג דעם בעדייטונג אויך די געשיכטע פון ביבלישע נעמען איז ניט כדאי זיי צו פערבייטען).

חנה (ב"ב, ענ:) רוהענדער (ישעיה כט, א:), דאַגעגען וואָס זיין זון, דער בעוואוסטער „רבה בר בר חנה" האָט פיעל געריזט איבער מדבריות און ימים (ב"ב), זיינע פיעל רייזע ערציילונגען זיינען שטאָף פיר אַלע פיער בעלי פרד"ס, אין: פשט, רמז, דרוש, סוד.

חנוך (בראשית ה, יח) געאיבטער, קומט צוזאַמען „חנוך-העניך". אין ביבל הייסט מיט דעם נאָמען „חנוך". קיין זיין פאָטער איז אַמוסטער דאָס צוליעב רייכטהום און הערשונג קען מען אַ ברודער ערמאָרדען; קיין איז פאַר דעם געשטראַפירט געוואָרען צו זיין „נע ונד" און האָט דאָך געבויט אַ שטאָדט, און איהר אָנגערופען אויף זיין זונס נאָמען

„חנוך" (שם ד,יז)—עס קען דער
פון שטאמען דאס די וואס בע-
רויבען פרעמדע, פערשרייבען
זייער פערמעגענס אויף דעם
זוהנס אדער די פרוי'ס נאמען.
דער חנוך אליין איז אויך ניט
פעריהמט ביי די בעלי המדרש,
און אז די מינים האבען איהם
געוואלט פערהייליגען דאס ער
איז ארוף אין הימעל פאר א מלאך,
אום צו בעווייזען דאס עס קען
אזוינס פאסירען — האבען די
חכמים זייערע ראיות אבגע-
שלאגען (ב"ר פ' כה); בלויז דער
ספר הזוהר, וואס פאר אים איז
אפען אלע הימלען, דערציילט
פארט אז ער געפינט זיך ריכ-
טיג אין זיבענטין הימעל און
פארנעמט דארט זייער א הויכע
אמט שטעלע (זוהר בראשית דף לז
ע"ב, שם נו ע"ב).

חנוך — איבונג, בעלעהרנען.

חֲנֻכָּה (בכורים פ"א, ח) איינווי-
הונגסט פעסט, בעניי-
אונג—די אכט טעג יומי דפגרי
פון 25-טען כסלו, צוליעב דעם
נצחון וואס די חשמונאים האבען
געהאט געגען די גריכען (אין
יאהר ג"א תקצ"ז) וואס האבען
געהאט דארט זייער ממשלה
180 יאהר אין די צייט פון
בית-שני און האבען בענייט
די גאטעס דינסט אין טעמפעל
וואס די גריכען האבען אונז
געצוואונגען דורך בלוט. פער-
גיסונג מיר זאלען דארט מאכען
געטצען-דינסט (וואס ענדליך
האבען זיי די ערסטע אליין דאס
אויך געווארפען און אויסגעבי-
טען אויף כריסטינטהום—צום
דיזען אנדענקונג לימונירען מיר
יעדע יודישע הויז מיט „חנוכה-
ליכטלעך". דער נאמען „חנוכה"
האלט אויך אין זיך איין אנ-
דענקונג פון דעם טאג וואס דאס
האט פאסירט, דען ער בעשטייט
פון 2 ווערטער: „חנו-כ"ה", ד"ה: זיי
האבען גערוהט דעם 25-טען
(כסלו) פון זייערע שטרייטען וואס
זיי האבען דורך געפיהרט געגען
די גריכען אין יענער צייט
(שבת, כא: ועי' ר"ן). די העלדען
בני החשמונאים הייסען „מכבים"
(מאקאבעער), יעדער בוכשטאב
איז א פערקירצונג פון אווארט
וואס קומט ארויס פון פסוק

„מ״י כ׳מוך ב׳אלים י״י״ (שמות טו, יא). דיזער צוזאמענגעזעצטער וואָרט, ד״ה: דער ראשי תבות „מכב״י״ איז געווען זייער פאָהן (זנאַמיע), און האָבען זיך גע־רופען מלכים (ב״ק פ׳ מרובה, מנחות סג:). זייער מלוכה האָט געדויערט 103 יאָהר (ע״ז, ט:).

חֲנֻכַּת הַבַּיִת (תהלים ל, א) בעניַאונג, אײנוועהען דאָס הויז.

חָנַן (חולין, לג:) **חֲנִינָא** (חולין, יב:) **חֲנַנְיָה** (ירמיה כה, א) בע־גנאָדיגט פון גאָט. אַלע קומען אין מענליכע נעמען.

חָנֵף (ישעיה לד,ל) הייכלער, שמייכ־לער. **חֲנוּפָּה** (ירמיה כג, טו) שמייכלעריי. „אונטער חנפ׳ענען״ חנפ׳עט (חונפ׳ט).

חֲנוּת (אבות פ״ד) לאַדען, מאַגאַזין **חֲנֻיוֹת** (ירמיה לז, טז).

חַס (יחזקאל טז, ה) שאָנען, ער־באַרמען. **חַס וְחָלִילָה** — ערבאַרמע און מיידע עס. **חַס וְשָׁלוֹם** (שבת קלח, פסחים, פז: ב״ב צ, ב״ר פס״ח) ערבאַרמע און עס זאָל זיין פרידען, גאָט בעוואַהרע, „גאָט זאָל חס און רחמנות האָבען״ (תפלת „והוא רחום״).

חֲסָה (יבמות, קיט:) געשווינטע. דאַנן אַ מענליכער נאָמען יעצט אַ ווייבליכע.

חֶסֶד (בראשית כד, יב) גנאַדע, גונסט — **חֲסָדִים** (שם לב, יא). **חַסְדֵי אָבוֹת** (שמו״ע) פאָטערליכע גנאַדע. **חֶסֶד חִנָּם** — אונפערדינטע גנאַדע. **חֶסֶד שֶׁל אֱמֶת** — אַריכ־טיגע גנאַדע (זעה „גמילות חסד של אמת״). „הקב״ה זאָל זיין חסד ניט אָפּטהאָן״, „ער זאָל ווייטער טהאָן חסד״.

חָסִיד (ש״ב כב, ט) גוטיג, גנעדיג, פראָמם. **חֲסִידִים** (תהלים פט, כ:). **חָסִיד גָּדוֹל** (עירובין י, יח:) אַ שטרענגער חסיד. **חֲסִידִים הָרִאשׁוֹנִים** (ברכות, ל:) די פאַרצייטיגע פרומע און גיטיגע. **חֲסִידֵי אֻמּוֹת הָעוֹלָם** (סנהדרין פ׳ ח״ק) די גוטע און פרומע לייט אונטער די וועלטליכע נאַציאָנען. **חֲסִידִים וְאַנְשֵׁי מַעֲשֶׂה** (סוכה נא:) פרומע לייט און מענשען פון גוטע טהאַטען. חֲסִידִים סְתָם האָבען

זיך אַליין אַ נאָמען געגעבען די אָבגעטהיילטע סעקטע פון בעל שם טוב. און ווען דוד המלך רופט זיך זעלבסט חסיד (תהלים פו, ב) פערוואונדערט זיך די גמרא זייער דערויף און פערענטפערט איהם ווי עס איז (ברכות סג.). **חֲסִידוּת** (ברכות נז.) איז געמיינט „מדת חסידות" (ב"מ, נב:) געזיטעטע און איידעל, דער וואָס לאָזט זיינס איבער (מעביר על מדותיו). „לערנען חסידות" קען הייסען לערנען ספרי מוסר ודרך ארץ: דעם אומגאַנג מיט מענשען, אָבער מיט דעם, רופען ממילא אָן די סעקטע חסידים די למודי תורת חב"ד און די רביים'שע טיש־תורות.

חָסֵר — הייסט אַ חדש חסר (ב"מ, נט:) וואָס ציילט נור 29 טעג (זעה „מלא"). **חֲסַר דֵעָה** — פעהליג ערפאַהרונג, געפיהל. **חֲסַר לֶחֶם** (שמואל ב ג, כט) ברויט פעהליג (אַרם). **חִסּוּר** דאָס אַרונטער רעכענען אַ קליינעם צאָהל פון אַ גרויסען (סובסטראַקציאָן).

חִסָּרוֹן (קהלת א, טו) פעהלער, מאַנגעל, **חֶסְרוֹנוֹת** (שם). **חִסָּרוֹן כִּיס** (ב"מ, לב; ע"ו, ב) עס מאַכט פעהלען אין כיס'ענע.

חֻפָּה (תהלים יט, ו) טרוי באַלדאַכין, **חֻפּוֹת** (ב"ב, עה, ו).

חֵפֶץ (ישעיה נד, יב) נוצליכע זאַך, ווערטהזאַכע **חֲפָצִים** (משלי ח, יא). „טהייערער חפץ" אַקונדעס, שווינדלער.

חוּץ (ויקרא יח, ט) דרויסען, אויסער (עירובין כז.) **חוּץ לָאָרֶץ** (מנחות ה.) אויסען לאַ"י, „חוץ לד' אַמות" (חולין קה:) אויסען די פיער עלען וואו מען שטעהט. **חוּץ לָעִיר** (בראשית יט, טו) אויסען דעם שטאָדט **חוּץ לְחֶשְׁבּוֹן** — אויסען דעם רעכנונג, **חוּץ לַסֻּכָּה** (סוכה כה) אויסען די סוכה — עסען. **חוּץ לַתְּחוּם** (עירובין פג, מד:) (זעה — תחום שבת). **חוּץ מִשַּׁבָּתוֹת וְיָמִים טוֹבִים** (ביצה טו:) אויסער שבת און יום־טובים — אויסגאַבען איז ניט בעשטימט ראש השנה.

חֲצִי (שמות כד, ו) די העלפטע, האַלב — **חֲצִי אֱלוּל** אין העלפט מאָנהייט אלול **חֲצִי הַמַּלְכוּת** (אסתר ה, ג) העלפט קעניגרייך. **חֲצִי חִנָּם** העלפט אומזאָנסט געקויפט פאַר אַ האַלבען פרייז. **חֲצִי רו״כ** — חָצִי רו״כ בל״ז — 1/2 רובל כסף. **חֲצִי שָׁעָה** איין האַלבע שטונדע.

חֲצוֹת, (תהלים קיט, סב) העלפטע. „אָפריכטען חצות״ הייסט דעם אויפשטעהן אין מיטען דער נאַכט אָפריכטען טרויער אויף חורבן ירושלים [1].

חָצוּף (קדושין, לג:) פרעך, העזה. **חֲצוּפָה** (מו״ק טז; שם איתא חציפה), **חֲצִפָּה** (סנהדרין, קה; ב״ב קנ״ה:) **חֲצִיפוּת** — חוצפה׳דיג, אונפערשעמט. **חָצוּף מְחֻצָּף פָּנִים** — אַ גרויסער עזות פנים.

חֲצִיצָה (ב״ק, פב:) שיידע וואַנד.

חָצֵר (מ״א ז, ח) האָף — **חֲצֵרִים** (תהלים י, ח) געברויכבאַר איז ווייבליך — **חֲצֵרוֹת** (יחזקאל מו, כב).

חֲקִירָה (סנהדרין לב:) ערפאָרשונג. פהילאָזאָפיע — **חֲקִירוֹת. חוֹקֵר — חוֹקְרִים, חַקְרָן** נאַטור־פאָרשער, ערקלאָרט פהילאָזאָפיש. **חוֹקֵר וְדוֹרֵשׁ** נאַכזוכט, ערפאָרשט.

חֻקַּת די זעכסטע סדרה אין פיערטען ספר (במדבר יט, א — כב, א) און די 39־טע אין חומש. פון די כדרה איז פיעל צו לערנען מוסר און מדות דאָס וואָס דער מענש איז גרעסער איז זיין קלייגער פערזעהן אויך אַ סך גרעסער (שם כ, יב [2]).

חֶרֶב (ירמיה לג, י) צערשטערט, וויסט. **חֳרָבָה** (ברכות ג,) **חָרֵב וּמְחֻרָב** (איכ״ר) גאַנץ פערוויסטעט. **חֻרְבָּן** (כתובות סב)

---

[1] מאמרים מענין חצות: בזוהר חלק א. דף ע״ב. צב: (שם נזכר מורה השעות של מים״ לכוון ע״י השעה), קל״ו, ר״ז: ר״ל: רמב: וח״ב בדף מו. קעב: ח״ג דף כב: כג: שם ידבר נשגבות אודות קריאת התרנגול בחצות.

[2] הרלב״ג מוציא שמונה לקחי טוב מהפרשה הזאת ושלושה מהם בענין פרה אדומה שנותן בה טעם ושבח אף שנאמר בה חק. ואין להרהר אחריה ולבקש טעמים.

חָרְבָנוֹת. חֻרְבַּן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ (כתובות סב:) דער צעֶר־שטעֶרונג פון הײליגען הויז. **חֻרְבַּן יְרוּשָׁלַיִם.** „קלאָגט ווי אויפ׳ן חורבן״.

חֲרוּז – חֲרוּזִים (חולין צה:) צום נראַם (רוים), יעֶדעֶר צײל (שטראַפּעֶ).

חֲרָטָה (עירובין סד:) בעֶרײַאונג. **חֲרָטוֹת** — „חרטה זאָגט מעֶן — איז ניט סוחר׳ס״.

חֵרֶם (ויקרא כז, כח) פעֶרבאַנ־טעֶם, באַיקאָט. **חֵרֶם דְּרַבֵּנוּ גֵרְשׁוֹם** (הדר״ג) (ועֶה — „בחרם דרבנו גרשם״.

חֲרֹסֶת (פסחים מ: שם קיד.) (ועֶה — „זכר לטיט)״.

חָרִיף, חַרִיף (חולין עז:) שאַרפ־זיניג. **חֲרִיפִים** (סנהדרין, יז:). **חֲרִיפוּת**—שאַרפ־זיניגקײַט, „דעֶר מקח איז חריף״, ד״ה: שאַרף געֶשטיגעֶן [1].

חֵרוּף וְגִדּוּף — שימפּפעֶן און לעֶסטעֶרין — **חֵרוּפִים וְגִדּוּפִים** (תנחומא תשא יד)

חֶרְפָּה (בראשית לד, יד) שאַנדעֶ— **חֲרָפוֹת** (תהלים סט, י). **חֲרָפוֹת וּבִיּוּשִׁים** — „פעֶר־דעֶקט די חרפה״, „אַ חרפה אָן אַ זײַט״, „קײַן בושה קײַן חרפה האָט עֶר ניט״, (פון חֶרפּה ווערט חַרפּה בל״ז).

חָרוּץ (משלי כא, ה) פלײַסיגעֶר **חָרוּצִים**—בל״ז הײסט דאָס אַלץ: גאַנץ פעֶרנינפטיג, געֶשײַדט, קלוג. **חֲרִיצוּת** — אײַנפעֶהלונג.

חוּשׁ (איוב כ, ב) זיננעֶ, געֶפיהל— **חוּשִׁים, חוּשׁ הָרְאִיָּה** (הראות) דאָס זעֶהן, געֶפיהל פון זעֶהן מיט די אויגעֶן. **חוּשׁ הַשְּׁמִיעָה** (השמוע), געֶפיהל פון הערעֶן, איז מיט די אָהרעֶן. **חוּשׁ הָרֵיחַ** — געֶפיהל פון שמעֶקעֶן, מיט דעֶם נאָז. **חוּשׁ הַטַּעַם** — פיהלעֶן דעֶם געֶ־שמאַק, מיט דעֶם גומעֶן (טעום). **חוּשׁ הַמִּשּׁוּשׁ** — שפירעֶן קעֶלט און וואַרעֶם—מיט דעֶם גאַנצעֶן אויבעֶרפלעֶכעֶ פון קעֶרפּעֶר.

---

[1]) בגמרא הוא אפבא—„תרעא חריפי״ (ב״ב, צ:) בשער הזול.

חָשׁוּב (גטין נו:) געאַכטעט, פאַר־נעהם — **חֲשׁוּבִים**.
„חשוב׳ער מענש" (איש נכבד) פּוּעל חשוב׳ער (חשׁעװער בל״) װירדיגער.

חֶשְׁבּוֹן (קהלת ז, כה. ב״ב, ט:) רעכענונג—**חֶשְׁבּוֹנוֹת** (שם ז:) רעכענונגען. „עס האָט ניט קיין חשבון"—אַ גישעפט װאָס װייזט ניט קיין רעכנונג אויף פערדינסט.

חָשַׁד (ברכות, ה:) פערדאַכט. **חוֹשֵׁד** (שבת, צז:) פער־דעכטיגט. „ער איז אין חשד" עס איז אויף איהם צו גלויבען.

חֶשְׁוָן (חשון) נאָמען דער אַכטע מאָנהייט (ועה—מר־חשון") ; זיין ראש חדש בעשטייט אימער פון 2 טעג, נור װייל תשרי — דער מאָנאַט װאָס פאַר אים — בעשטייט פון 30 טעג, איז דער 30־טער טאָג פון תשרי דער 1־טער טאָג ר״ח חשון, און געפאַלט אין די טעג: ב. ד. ה. ז. זיין ערשטער טאָג ר״ח געפאַלט אויך דעם זעלבען טאָג װאָס דער 2־טער פון פערגאַנגענעם מאָנאַט תשרי, ד״ה דער צװייטער טאָג ראש השנה. (אַלע ראשי חדשים פון אַ גאַנץ יאָהר קומט יעדער ר״ח אימער מיט אַ טאָג שפּעטער אַלס דעם פאָריגען).

חֹשֶׁךְ (בראשית א, ב) פינסטער־ניס. **חֹשֶׁךְ וַאֲפֵלָה**, **חֹשֶׁךְ מִצְרַיִם** — די פינסטער־ניס װאָס איז גערעכינט אין די 10 מכות אין מצרים, „פער־חושכ׳ט" — פערענדערט, פער־שװאַרצט.

חֲשׁוּכֵי בָנִים (תענית, יא:) קינדערלאָזע.

חֵשֶׁק (מ״א ט, א) גלוסט, בעגעהרען. „דעם אָרימאַנס חשק" שטאַמט דער פון װאָס דער אָרמער, ניט קענענדיג ערייכען זיין װאונש ערפילען פערבלייבט ער אימער ביי דעם חשק.

חֲשַׁשׁ (ירוש׳ קדושין פב:) בעקימע־רונג, בעזאָרגט זיך. **חוֹשֵׁשׁ** (שבת, לא). **חֲשַׁשׁ חָמֵץ** — עס מאַכט זאָרג דער ספק חמיץ.

חִתּוּךְ (ירוש׳ ברכות פ״ט ה, כג) אָבשניידען.

חֵית — נאָמען דער 8־טע אות אין אלף־בית.

חֲתִימָה — זיעגלונג, בעשלוס **חֲתִימוֹת**. **חֲתִימָה**

טוֹבָה — גוּטֶע בֶּעזִיגלוּנג, גוּטֶע בֶּעשׁלוּס. „חתמ'עֶנעֶן" זִיךְ אוּנטעֶר שׁרַייבּעֶן. „פעֶר'חתמ'עֶט" — מִיט זִיגעֶל לַאק. **חֲתִימַת יָדוֹ** (ב"ב, קסו) אֵייגעֶנהאֶנדִיג אוּנטעֶר-שׁרִיבּעֶן. **חֲתִימַת זָקָן** (ב"מ, לט:) דעֶר בּאָרד, פַאנגט אָן פעֶר-נעֶמעֶן זַיין אָרט.

חֲתֻנָּה (שה"ש ג, יא) הוֹכצַייט—**חֲתֻנּוֹת**. „חתונה געֶהַאט" — זִיךְ פעֶרהֵייראַטעֶט.

חוֹתֵן (שמות יח, א) שׁווִיגעֶר פאָ-טעֶר—**חוֹתֶנֶת**.

חָתָן (ישעיה סב, ה) בּרוֹיטִיגַאם **חֲתָנִים** (נדה, כ:). **חֲתַן בְּרֵאשִׁית** — דעֶר פעֶרזאָן וואָס ווערט אוֹיפגעֶרוּפעֶן צוּ לעֶזעֶן דִי עֶרסטעֶ פּרשה אִין דעֶר תּוֹרה (בראשית). **חֲתַן תּוֹרָה** — דעֶר פעֶרזאָן פַאר ווֶעלכעֶן מעֶן עֶנדִיגט לעֶזעֶן דִי תּוֹרה—אוּם „שׂמחת תּוֹרה".

ט.

ט—דעֶר 9-טעֶ אוֹת אִין „א"ב" אוּן דִינט פַאר דעֶם צאָהל נַיין. עֶר קוּמט אוֹיךְ אִין אָבּ-קִירצוּנג (ר"ת) אַנשׁטאָט גאַנצעֶ ווערטעֶר, צבּ"ש.

טוי"ד – טוּר יוֹרֶה דֵעָה.

טו"מ – טַל וּמָטָר, טַעֲנָה וּמַעֲנֶה.

טו"ת – טַלִית וּתְפִלִּין.

ט"ס – טָעוּת סוֹפֵר.

ט"ק – טַלִית קָטָן.

טוֹב (בראשית א, י) גוּט—**טוֹבִים** (שה"ש א, ב). **טוֹב מְאֹד** (בראשית א, לא) זעֶהר גוּט. **טַב וְתִקְלִין** [1]) גוּט אוּן ווִיכטִיג. **טוֹבָה** (בראשית מד, ד) טוּהן

1) תיקלין—מלשון: תקל תקלתא במאזניא (דניאל ה, כז), לאמר: הכסף ששוקלין לסוחר, כמ"ש: וישקול אברהם לעפרון ארבע מאות שקל כסף עובר לסוחר (ברא' כג, מז). מקורו בב"מ, מד.

גוטעס יעמאַנדען — **טוֹבוֹת** (מ״ב כה, כח) . **טוֹבָה גְדוֹלָה** (ע״ז, ח:) . **טוֹבַת הַכְּלָל** — דאָס גוטע פיר דעם אַלגעמיין . **טוֹבַת הֲנָאָה** (ב״מ, יא:) גוטע פון געניסען. **טוֹבֵי הָעִיר** (מס׳ סופרים פי״ט) די בעסטע פון שטאָדט.

טַבָּח (שמואל-א ט, כג) פליישער, קצב—**טַבָּחִים** (ברא׳ לז, לו).

טוֹבֵל (דברים לג, כד) טויכט, טונקט. **טְבִילָה** (ברכות כ:) דאָס טונקען.

טֶבַע (במד״ר פי״ד) נאַטירליכער פיהרונג. **טִבְעִיּוּת** — נאַטירליכקייט . **טִבְעִיִּים** (שם) פיזיקער.

טוֹבִיָּה (זכריה ו, י) גאָט בע-גינסטיגט, אַזוי האָט גע-הייסען משה רבנו ע״ה פון זיין מוטער צו זיין געבאָרען וועהרין (סוטה, יב: שמו״ר פ״א, כ) [1].

טַבַּעַת (במדבר לא, נ) רינג — **טַבָּעוֹת** (שמות כה, יב) **טַבַּעַת קִדּוּשִׁין** — טרוי-אונגס רינג.

טְבִיעַת עַיִן (שבת, קיד: ב״מ, יט:) איינדרינגענ-דע אויג — וויעדער ערקענען דורך דעם בליק, וואָס דערויף איז בעגלויבט געוועזען פערצייטען אַ תלמיד חכם, ווען ער האָט בלויז געזאָגט דאָס ער ערקענט מיט׳ן בליק דאָס עס איז זיינע אַ פערלאָרענע זאַך, פלעגט מען איהם אָבגעבען אָן אַ סימן, דערויף זאָגט מען: „אַ טביעת עין פון אַ תלמיד חכם״. אָבער עס איז גאָר ניט געמיינט דאָס אַ תלמיד חכם האָט אַ בעסערין טביעת עין.

טֵבֵת (אסתר ב, טז) דער צעהנ-טער מאָנאַט אין יאָהר. זיין ר״ח איז אַמאָל פון 2 טעג,

---

[1] כי האבות והשבטים נקראו מאמותם בשמותיהם בעת הולדם; ועי״ז איתא במדרש עה״כ „ותקרא שמו גרשם״: „דרך הצדיקים לקרא שם לבניהם ע״פ רמז מאיזה מאורע״ (שמו״ר, פ״ט), וכן מצאו אסמכתא מהאמור בהולדת משה: „ותרא אותו כי טוב הוא״ שקראה לו „טוב״ וכ״ב נמצא השם טוב במקרא (רות ג, יג; שופטים יא, ה), וי״א שקראה לו „טוביה״ לאמר הגון לנביאות, כאמור בשלמה שנתן הנביא קרא לו „ידידיה״—בעבור ה׳ (ש״ב יב. כה), וגם השם טוביה נמצא בזולתו (זכריה ו, י, ובנחמיה).

אמאָל פון איין טאָג. ער געפּאַלט אין איינעם פון די טעג: „א. ב. ג. ד. ו". און ציילט 29־טעג.

טִיטוּם (גטין, נו:) **טִיטוּם הָרָשָׁע** (שם) געווען רעמישער פעלדמאַרשאַל, נאָכ־הער קעניג. ער האָט דאָס חרוב געמאַכט ירושלים און פערברענט דעם צווייטען בית המקדש, און האָט אַלע כלים אוועקגעפיהרט אין רוים. דאַן האָבען די ים־וועלען איהם שיער ניט דער־טרונקען, האָט ער זיך אַרויס־געריעדט: „ווי עס שיינט, איז דער יודישער גאָט נור מעכטיג אויף דעם וואַסער" (ווי די בּיב־לישע געשיכטע ווייזט מיט פּרעה'ן און מיט סיסרה'ן), האָט איהם דער ים גראָדע ניט גע־שאַדעט, נאָר ווי ער איז אַרויף אויף דער יבשה איז איהם אזאַ מין קאָמאַר (מוקע) דורך די נאָז־לעכער אַריין אין מאַרך, וואָס האָט איהם געלעכערט זיבען יאָהר נאָכאַנאַנד. הערענדיג אַ שטאַרקען קלאַפּ פלעגט ער אָנפאַנגס שטילער ווערין, נאָכ־הער האָט ער ווידער געבּושע־וועט — דער פון שטאַמט: „געוויינט ווי דער מוק מיטען האַמער". נאָך טיטוס'עם טוידט האָט מען דעם מוק אַרויסגענו־מען, איהם בעטראַכט און אָבּ־געוועגען (גטין, שם).

טַכְסִיסֵי מִלְחָמָה (שבת, לא:) די קריגס־איינריכטונג.

טַל וּמָטָר (מ"א יז, א) טהוי און רעגען. אַ קורצע תפלה אין שמונה עשרה וועגין רעגען.

טוּלָא [1]) שאָטען, בעשיטצען, „פּריטולאָ", „צוטולען צו זיך" — זוכט התקרבות.

טְלָאֵי עַל גַּבֵּי טְלָאֵי (ברכות מג:) אַ לאַטע אויף אַ לאַטע.

טִלְטוּל (יבמות, צג:) אומוועלפּען [1]), פון אָרט בּע־

---

[1]) הלי בגמרא: רחמנא! או בטולך, או בטולא דבר עשו (גטין יז); וכן: „כשמשא לטולא" מחסה לצל מחום השמש.

[2]) במקרא: הנה ה' מטלטלך טלטלה גבר (ישעיה כב, יז) והוכפל משרש „טול" לחזוק הפעולה, האמור על לקיחה והסרה: „טול וצא" (יומא, סו), „טול מה שנתת בי" (שבת קנא). וגם בלשון המקרא (ש"א יח, יא; יונה א, ה). וכן על

וועגען — טַלְטוּלִים (סנהדרין כו).

טוֹלֶר (ירושלמי פאה, פ"א) טאָלאַר. אַמאָנעטאַ, אין גרמאַניע פון 3 מאַרק און דאָלאַר אַמע־ ריקאַנישע פון 100 סענט.

טַלִּית (שבת נח:) אויבער קלייד, דעקקע. **טַלִּיּוֹת** (שם לט) אויך: „**טַלִּיתוֹת**" (במד"ר פ' יח), אָבער ניט „**טַלִּיתִים**" (עי' ערוך ערך טלת). **טַלִּית קָטָן** — קינדער־ טלית. [1]) **טַלִּית וּתְפִלִּין** — בעזאָנדערע הילע מיט ציצית און תפילין צום אָנטאָהן אויף דעם פריהמאָרגענדיגען דאַוונען, ווייל עס קומט פאָר צו זאָגען די פרשיות ציצית און תפילין אין קריאַת שמע (ברכות, יד:).

טָמֵא (ויקרא ה, ב) אונריין — **טְמֵאִים** (ויקרא יא, ח). **טְמֵאָה** (שם ו). **טְמֵאָה** (במדבר ה, יט) אומרייניקייט.

טוּמְטָם (בכורים פ"א מ"ה) (זעה— „אַנדרוגינוס").

טִנּוּף (שה"ש ה, ח; ברכות, יט:) שמוטץ, אָבפאַל. געלייגט אויף מענשליכע אויס־וואורף, אויך אויף אַטויגעניכטס; ווייב־ ליך — **טִנּוֹפֶת** (ברכות, יז; ב"ב צג).

טַעַם (שמות ט"ז, לא) געשמאַק. **טוֹעֵם טַעַם** (יומא עה). עטוואָס פערזוכט. **טַעַם חֵטְא** (יומא כד) דעם געשמאַק פון אַזינד. **טַעַם מִיתָה** (ב"ר פ' כא) דעם פערזוך פון שטערבען. **טַעַם מַסְפִּיק** — גענוג אורזאַכע:

טַעֲנָה (שבועות לה:) אַנקלאַגע— **טַעֲנוֹת** (סנהדרין כט).

המעה ממקום למקום. ומזה על הסעת דבר המוקצה בשבת ממקום למקום נקרא „טלטול".

1) בתלמוד השם טלית הונח על כל מיני בגדים (ב"מ ב). „שנים אוחזין בטלית" והונח על בגד כבוד של ת"ח (עי' ב"ר פ' ע' ושמ"ר פ' כז) וכן: „שני תלמידי חכמים מתכסין בטלית אחת" (סוטה, מט). ולטלית המיוחד לתפלה קראו „סודרא" (ברכות נא). ונתקבל השם טלית לסדין מצויין לזמן התפלה. והשם „טלית קטן" משמע טלית לקטנים (להרגילם במצוות), כי לולא זאת הלא טלית בלי נקבה: „שנים אוחזי בטלית זה אומר אני מצאתיה וכולה שלי" (ב"מ ב.) „טלית שכולה תכלת" „טלית מוזהבת, אני ארגתיה" (ב"מ, ז) וכיו"ב.

אָנקלאָגען, פּריטענזיעס. **טוֹעֵן** אַדוואָקאַט--רעדט אוים זיינע אַנקלאַגען. „טענה׳ן״, גע׳טענה׳ט.

טוֹעֶה (יחזקאל יג, י) אירועט.

טָעוּת. טָעֻיוֹת (מכות, יב) · **טָעוּת גּוֹי** אַ אירטהום פון אהייד. **טָעוּת גָּמוּר** אַווירקלי-כער אירטהום. „עס איז איין טעות״ (שבת נה) · **טָעוּת הַדְּפוּס** דרוק פעהלער.

טִפָּה (נדה, טז:) טראָפּפען. **טִפּוֹת-טִפִּין** (ב״ב טז:) **טִפָּה סְרוּחָה** (אבות פג).

טֶפַח (מ״א ז׳ כו:) אהאַנד ברייט. **טְפָחִים** (מנחות מא:)

טָפֵל (ברכות לה; זבחים מח:) ביי-זאַך, נעבען זאַך.

טְפֵלָה (ב״ר פ׳ מ, ב), גענענ-זאַטץ פון עיקר, וואָס בע-דייטעט: אַ הויבט-זאַכע.

טִפֵּשׁ (ברכות לו; נדה לו:) דוממער—**טִפְּשִׁים** (שבת קנו:), **טִפְּשִׁין** (תנחומא סוף פקודי) **טִפְּשׁוּת** (שבת קנב:) דומהייט, נאַרעשקייט.

טָרוּד (יומא לה; זבחים קא:) פעריאָגט, בעלעשטיגט מיט קלאַפּאַט. **טַרְדָא** (ברכות יא:) **טַרְדוֹת.**

טֹרַח (דברים א, יב; ישעיה א ד) · **טִרְחָא** — לאַסט, מיהע. **טִרְחוֹת** (שמ״ר פ׳ לד). **טִרְחָא דְּצִבּוּרָא** (ברכות יב:) בעלעסטיגונג פיר די געמיינדע.

טֵרוּף (כתובות, קה:) צומיסט. **טֵרוּף הַדַּעַת** — וואהנזיננינג.

טְרֵפָה (בראשית לא, לט) פער-צוקטע, וואָס אַבעל חי ווערט צוריסען און צוביסען דורך טהירע — דער פון הייסט „טרייף״ נאָר פערבאָטענע שפּייז-געריעכטע נאָך דער תורה. אויך די פערמישונג פון פליי-שיגע מיט מילכיגע צוזאמען, אָדער אַ פערבאָטענע פּיה וועלכע זי קען לאַנג ניט לעבען צוליעב איהר אינערליכע קראַנ-קהייט, אָדער זי וואָלט צוליעב דעם מעהר ניט געקענט גע-באָהרען — מאַכט דאָס איהר פאַר אַטרפה [1]. „קיילעט אויף טרפות״ (טַרפות) אָהן בדיקה, ניט פיר יודען צו עסען, אָבער

[1]) טרפה אינה חיה (חולין יב), טרפה אינה יולדת (שם נד). גם אדם

די שחיטה פערבלייבט פאָרט נאָך אידישען דין, צו ליב צער בעלי חיים; „עס איז ווערט אויף טרפות״ אין זעלבען זינן, עס לוינט אויך פיר ניט יודען, צו פערקויפען; דען יודען צאָהלען אימער טהייער פיר פלייש.

טְרוֹף פָּסוּל—דער טערמין „פסול״ בעדייטעט אויך אַנגענשטאַנד וואָס פערלירט זיין טויגליכקייט צום רעליגיעזע אויספירליכקייט (זעה — „פסול״) און מיט די ביידע טערמינען צוזאַמען — „טרוף=פסול״ רופען אָן די אַרטהאָדאָקסען אַזעלכע ביכער וואָס איז ניט שייך צו תורה, פלפול, שאלות תשובות און ספרי מוסר—ניט וויסענדיג צו דאָס איז טרוף צו פסול רופען זיי עס מיט ביידע צוזאַמען, די זעלבע וואָס אין תלמוד רופט מען דאָס איידעלער: „ספרים חצונים״ אויסערליכע ביכער [1].

טְרְבִי (יומא, ז) אַ טערק.

טֵית—נאָמען דער 9=טע אות אין דעם אַלף=בית.

י

י—דער 10=טע בוכשטאַב אין „אלף=בית״. ער דינט אויך אַ שטאָט דעם ציפער 10. צושטעלענדיג צו אים פון די

חולה נקרא טרפה: „דלמא נח נופיה טרפה הוה״ (זבחים קטז). ומה דקרינן טרפה אם לא נשחטה כדין וכדת, נקרא בגמרא „נבלה״, כמו שחיטת נכרי נבלה (חולין יג:), שם במסכת חולין חושב שמונה עשר מיני טרפות ממחלות וחסרונות פנימיות בבהמה והרמב״ם חלקם לשבעים (רמב״ם הל׳ שחיטה פ״ה הל׳ ב והל׳ ג).

[1]) מבואר מאתי ברחבה בחבורי „כל חמדת ישראל״ במבוא (צד 21 הערה 13) ספרים חצונים וחכמות חצוניות קראו חז״ל לחכמות כוללות ולמודים שנלמדו מחוץ לבהמ״ד, וכן קראו הקדמונים גם להמסכתות הקטנות כמס׳ סופרים ועוד (עיין תוספתא ברכות דף יח, ובתעודה בישראל לריב״ל שער ג׳ פ׳ טו).

פאָרִיגעֶ בוּכשטאַבּען ווערט עֶס צוזאַמעֶן אֵיינצעֶלנעֶ מִיט צעֶהנד־לִיגעֶ, אויף דעֶם אַרט:

יא־11, טז־16[1].
יב־12, יז־17.
יג־13, יח־18.
יד־14, יט־19.
טו־15.

(דעֶר כ און דִי ווײַטעֶר־דיגעֶ בּוּכשטאַבּעֶן זײַנעֶן שוֹין פעֶרעֶכִינט אונטעֶר צעֶהנדלינגעֶ און פון ק—הונדעֶרטעֶ).

זײֵ ווערִין בעֶנוּצט אויף דעֶם אוֹפן:

יב שְׁבָטִים—דִי 12 שטאַמעֶן.

יג מִדּוֹת – דִי 13 אֵייגעֶנ־שאַפטעֶן.

יז בְּתַמּוּז—17 טעֶג אִין תמוז.

יט בְּכִסְלֵו—19 טעֶג אִין כסלו.

דעֶר בּוּכשטאַבּ י דִינט אַם אָנפאַנג צײַטוואָרט (פּעל) צו־בּעֶצײכנעֶן דִי צוּקִינפטִיגעֶ צײַט פאַר דעֶם 3־טעֶן פּעֶרזאָן, צב״ש: **יִפְעַל** – עֶר וועֶט טאָן, ד״ז אִיז אויך אִין מעֶהר צאָהל—**יִפְעֲלוּ**.

און צוּם עֶנדעֶ צײַט וואָרט פִיר דִי 2־טעֶ פּעֶרזאָן ווײַבּלִיך—**תִפְעֲלִי** דוּ ווִירדסט טאָן, אויך אִין אִימפּעֶראַטִיף (צוו) פִיר 1 פּעֶרזאָן—דוּ זאָלסט טאָן.

אויך בּעֶצײכעֶנט עֶר צוּם עֶנדעֶ וואָרט צוּזאַמעֶן מִיט „ם״ אויף מעֶהר צאָהל—**פּוֹעֲלִים** אויך אָן דעֶם ם, אִין פּעֶרבִּינדוּנג צוּ נאָך אַ וואָרט (בסמיכות) — פּוֹעֲלֵי אָוֶן (תהלים ה, ו). ד״ז אִין הוֹיפּט ווערטעֶר בְּגָדִים—בִּגְדֵי; בָּנִים, בְּנֵי יִשְׂרָאֵל.

דעֶר י דִינט אויך בּײַ בּעֶצִיהעֶנדעֶ ווערטעֶר (שם היחס), צב״ש ירוּשלמי, חברוני. ד״ז אִין אָרדנוּנגס צאָהל: שנִי 2־טעֶ, שלִישִי 3־טעֶ א. ז. וו.

דעֶר בּוּכשטאַבּ י דִינט צוּזאַמעֶן מִיט נאָך אותיות אִין אָבּקִירצוּנג (ר״ת), צב״ש:

י״א – יְרֵא אֱלֹהִים, יֵשׁ אוֹמְרִים.

יד״ח – יְדֵי חוֹבָתוֹ.

יי״ג – יֵין גֶּפֶן.

יו״כ – יוֹם כִּפּוּר.

[1] טו און טז קומט אנשטאט יה, יו, וויל דיזע דיינע בוכשטאבען פון דעם שם בן ארבע אותיות—בענוצט מען זיי ניט אויף דברי חול.

יוכ"ק — יוֹם כִּפּוּר קָטָן.

י"ל — יֵשׁ לוֹמַר.

ימ"ש — יִמַּח שְׁמוֹ.

יעו"י — יַעֲלֶה וְיָבֹא.

יצה"ר — יֵצֶר הָרָע.

יקנה"ז — יַיִן, קִדּוּשׁ, נֵר, הַבְדָּלָה, זְמַן.

י"ש — יַיִן שָׂרָף, יְרֵא שָׁמַיִם.

יוֹאֵל (ש"א ח, ב) בעווילליגט. נאָמען שמואל הנביא'ס זאָהן, געוועזן ריכטער אין באר שבע, מיט דעם נאָמען הייסט אויך איין נביא פון די תרי עשר.

יֵאוּשׁ (קהלת ב, כ) פערצווייפלונג, אָבשטייִן פון וואָס, ניט זייענדיג זיכער דאָס מעהר צו ערדרייכען.

יָבֹא יוֹמוֹ (תהלים לז, יג) עס וועט נאָך קומען זיין בעלאָהנונגס-טאָג[1].

יוֹבֵל (ויקרא כה, י) ווידער-האָרן. דערום רופט מען דעם יובעל יאהר מיט דעם נאָמען, וויל מען פלעגט ביי אונז דעם יובעל יאָהר איינ-קיפּטען דורך דעם בלאָזען אין א האָרן פון אבאראן (ווידער), דאָס דער בעפרייאונס יאָהר פיר געקויפטע פעלדער, הייזער אָדער קנעכט, וואָס פלעגט מוזען בעפרייט ווערען צו יעדען פונפציגסטען יאָהר. „איין מאָל אין א יובל" הייסט: גאנץ זעלטין, וויל דער יובל פלעגט זיין איין מאָל אין 50 יאָהר.

יַבָּשָׁה (בראשית א, ט) טרוקענע לאַנד—געגענזאַטץ פון ים (יונה א, ט).

יְבֵשָׁה (במדבר יא, ו) פערטרי-קענט, פערדאַרט; הויפט-זעכליך איז עס געזאָגט, ווען צוליעב וואַסער מאַנגעל דאַרען אַלע געוויקסע אויף די פעל-דער (יואל א, יט) „יָבֵשׁ" (סוכה ל:) אַפּערוועלקטער.

יְגִיעָה (בראשית לא, מב) אבמי-הונג דורך אַרבייט —

יְגִיעוֹת (ברכות נה:) יְגִיעַ כַּפַּי

---

[1] גם נמצא בהפך „או כי יומו יבא" (ש"א כו, י). יש מפרשים ביאת שמש (אונטערגאנג דער זאננע) ולדעתי גם ביאת שמש לעת ערב היא ג"כ עלית השמש ולא שקיעה כי בתקופתו הוא תמיד במדרגת עליה וזריחה אל אשר הוא שואף סלה (עי' כ"ב, כח).

(בראשית, שם) דאָס ערוועַרבונג פון מײַנע הענד דורך מיהע.

יְגִיעַת וּמָצָאתָ (מגילה ו:) האָסטו זיך געמיהט, האָסטו ערריַיכט.

יָד (בראשית לה, כח) האַנד — **יָדַיִם** (משלי ו, י). „האָט אַ יד״ — אַנטהײל נעמען (תהלים פט, כב). **יָד אַחַת** לאָקויט, סינדיקאַט.

יוּד — נאָמען דער 10־טע אות אין אלף־בית.

יְדִידִי (ישעיה ה, א) מײַן טרײַער פרײַנד. **יְדִידִי וַאֲהוּבִי** (סוף יוצר ליום א׳ ש״פ) מײַן פרײַנד און בעליעבטער. **יְדִיד לִבִּי** — הערצענס־פרײַנד.

יְדִידְיָה (ש״ב יב, כה) גאָטטעס ליעבלינג. מיט דעם נאָמען האָט אָנגערופען נתן הנביא, שלמה המלך ווען ער איז געבאָרען געוואָהרען (זעה — „דוד״).

יוֹדֵעַ (ש״א טז, מז:) וויַיסער. **יַדְעָן** קענער. **יָדוּעַ** (ישעיה נג, ג: ברכות ה) בעוואוסט, בעקענט. **יוֹדֵעַ מַחֲשָׁבוֹת** (סנהדרין, ז:) ער ווײס יענעמס געדאַנקען. **יוֹדֵעַ נַגֵּן** (ש״א טז, יז) פערשטײט (קען) שפּיעלען.

יוֹדֵעַ סֵפֶר (ישעיה כט, יא) בעלעזענער, פערשטײט די שוואַרצע פינטלאַך; **יוֹדֵעַ עֲתִידוֹת** (סנה׳ צא:) ער ווײס די צוקונפט. **יְדִיעָה** נאַכריכט. **יְדִיעוֹת**, **יְדִיעוֹת בֵּית רַבּוֹ** (שבועות ה:) די וויסענשאַפט פון זײַן חדר לערנונג. „האָט אַ ידיעה״ בעזיצט אַקענטניס פון איין זאַכע.

יְהוֹאָשׁ (מ״ב יג, י:) גאָטטעס פײַער. נאָממען פון צוויי יודישע קעניגע (בל״ו — היוועש).

יְהוּדָה (בראשית כט, לה) געלויבטער. פיערטער זאָהן יעקב אָבינו׳ס פון לאה. דער שבט יהודה איז בעשטאַנען פון **74,600** מאַנן; פון שבט יהודה שטאַמט „מלכות בית דוד״ (דה״י—א ב, ג—טו; רות ד, יח—כב:).

יְהוּדִי (אסתר ב, ה) יודע. **יְהוּדִים** (ירמיה מג, ט) הײַסען, די וואָס זײַנען פערבליבען בײַ מלכות בית דוד אָבגעטהײלט פון די עשרת השבטים. זיי זײַנען געוועזען דער שבט יהודה און בנימין צוזאַמען

דער איבעריגער טהייל יודען האט זיך גערופען „ישראל״ (איזראַעליטען), נאָך דעם נאָמען פון אונזער פאָטער יעקב וואָס האָט אויך געהייסען ישראל (גאָטטעס הערשער). „יודענע״— יהודית, איין יודישע פרויענצימער. דער נאָמען יוד ווען ער שרייבט זיך מיט לאַטיינישע בוכשטאַבען "Iud" ווערט געלעזען דער בוכשטאַב יוד ווי זין, „ד׳זיד״, דער פון שטאַמט דער צונאָמען „זשיד״, אָבער ער איז גאָר קיין שימפף וואָרט.

יְהִיֶה (בראשית א, כט) זיין, געשעהען. **יְהִיֶה מִי שֶׁיִהְיֶה** זאָל זיין ווער עס זאָל זיין.

יְהוֹשֻׁעַ (שמות יז, ט) געהאָלפענער פון גאָטט[1]. איהם האָט משה רבינו בעפאָלמעכטיגט דאָס ער זאָל נאָך זיין טוידט אַריין ברייגנען דיא גאַנצע פאָלק יודען אין ארץ ישראל, און ער האָט דורך געפירט אַלע שטרייטען מיט איין און דרייסיג קעניגע און האָט די יודען צוטהיילט די לאַנד מיט אַגורל (יהושע יד) אין אַמשך פון 14 יאָהר (כתובות, כד).

יָוָן—גרעק — **יְוָנִים**. מיר גענען אַזוי אויך די רוסען, וויל זיי האָבען גריכישע קירכע.

יְחִיאֵל (עזרא ח, ט) גאָטט בעלעבע. דיעזער נאָמען איז אונטער די יודישע פאַמיליען וואָס זיינען געקומען פון גלות בבל צוריק קיין ארץ ישראל[2].

יַחַד (דברים לג, ה). **יַחְדָיו** (בראשית יג, ו) צו זאַמען, בייזאַמען; ווען צוויי טרעפען זיך ביי איין אַרטיקעל וואָס ביידע ווילען דאָס קויפען, כדי זיי זאָלען זיך ניט שטייגען— רופען זיי זיך אַרויס: **יַחְדָּו** ד. ה. „זאָל זיין שותפות״ וויא עס איז אויספיהרליך אין פסוק **יַחְדָּו יַחֲלוֹקוּ** (ש״א ל, כד).

יָחִיד (תה׳ים כה, טז:) איינציג,

יְחִידָה (שופטים יא, לד)

1) כן פרשו חז״ל השם „יהושע״ בר״ת: „יה יושיעך (מעצת מרגלים). עי׳ במדב״ר פ׳ יג.

2) השם זה בלא יוד הוא „חיאל״ אשר בנה את יריחו (מ״א טז, לד).

אֵיינציגע. **יְחִידִים** (תהלים סח, ז) **יְחִידוּת** — **יְחִידֵי סְגֻלָּה** די אֵיינצעלנע שאַטץ. **יִחוּד** (מגילה, יג:) דאָס זיין צוזאַמען אַמאַנספּערזאָן מיט אַ פרעמדע פרויענצימער אין איין אָבגעזאָנדערטען צימער.

יְחֶזְקֵאל (יחזקאל א, ג) גאָטט שטערקע. נאָמען דער נביא יחזקאל, ער איז אוים געצייכענט דער מיט וואָס ער דאָט געהאַט די געטליכע ערשיינונגען אין חוץ לאָרץ, זיינענדיג אין גלות בבל (יחזקאל א, ג; יא, טו) און צום קבוץ גליות האָט מען איהם געוויזען דאָס עס מוז זיין אַווידערבעלעבונג און אַ פעראייניגונג פון אַלע אָבגעשטאָרבענע טהיילען אונטער די גאַנצע פאָלק[1].

יוֹחָנָן (ירמיה מב, יג) גאָט בעגנעדיגט, אויך אונטער תלמודיסטען גיט ביז צוויי און פונפציג וועלכע האָבען זיך אָנגערופען מיט דיזען נאָמען.

יִחוּס — שטאַמונג, פון אַדעלע פאַמיליע; **יַחְסָן** — **יַחְסָנִים**, **יִחוּס אָבוֹת** הויכע הערקונפט. **יִחוּס עַצְמִי** — אייגענע וויכטיגקייט. „יחסנ׳טע".

יַיִן (בראשית ט, כא:) וויין — **יֵינוֹת** (ב״ב צ:) **יֵין גֶּפֶן** (יו״ג) וויינשטאָק וויין. (במד׳ יג, ו) **יַיִן הַמְשֻׁמָּר** (ברכות לד: סנהדרין צט:) אויסגעהאַלטענע וויין. (זעה—לויתן); **יַיִן יָשָׁן** (מגילה טז:) אַלטען וויין[2]. **יֵין נֶסֶךְ** (ע״ז סס, מלה״כ דברים לב, לח) געגאָסענער וויין צום געטצענדינסט בײַ הײַדען. פון דעם איז

---

[1] מתאים עם הכתובים: ולקחתי אתכם מן הגוים וגו׳ וזרקתי עליכם מים טהורים וגו׳ ומכל גלוליכם אטהר אתכם ונתתי לכם לב חדש ורוח חדשה אתן בקרבכם וגו׳ וישבתם בארץ אשר נתתי לאבותיכם וגו׳, ותכף בהקאפיטל שאחריהם (שם לז) יסופר מתחית מתי יחזקאל, שרבי יהודה אומר משל היה (סנהדרין צב:) ור״י בן בתירא אומר באמת היה ולא משל.

[2] על הדרונות ששלח יוסף לאביו „מטוב מצרים" (בראשית מה, כג) אמרו בגמרא: „ששלח לו יין ישן שדעת זקנים נוחה הימנו"—ושואלים בזה ג׳ שאלות: א) ובי רק חביב על הזקנים?, ב) במה עלו זקנים על נערים בדבר זה?, ג) איך יונח חל׳

יודען אָסור בהנאה. יַיִן שֶׁל פֶּסַח ווייַן צום פסח־סדר געַ־ברויך. יַיִן שָׂרָף (יי״ש) בראַנד ווייַן (בראָנפּען בל״ז). אַזוי רופט עס דער דייַטשע, צו ליב זייַן שטאַרקייַט, אויך דער יודע רופט דאָס: „דער ביטערער טראָפּען״ אָבער דער רוססע רופט עס בלויז „וועסעריל״ (וואָדקאַ).

יִישַׁר כֹּחַ (שבת מו ב׳; חולין עה:) זאָל אויפגעשטאַרקט ווערין די קרעפטע!, ד. ה. „אַנרויסער דאַנק!״.

יוֹכֶבֶד (שמות ו, כ) פון גאָטט בעעהרט: נאָמען די מוטער פון משה, אהרן און מרים.

יָכוֹל (שופטים ב, יד) קאָננען, זייַן אום שטאַנדע. יְכֹלֶת (במדבר יד, טו) מעגליכקייַט, קענען ערטראָגען. „ער יכול׳ט ניט״ פערשטייַט ניט אין קענט־ניס. „ניט ביכולת״ ניט אומ־שטאַנד, אין פערמעגליכקייַט.

יֶלֶד (בראשית כא, טו) קינד, קנאַבע, יונגלינג. יְלָדִים (דניאל א, ד:) יַלְדָּה (בראשית לד, ד) יונגפרוי, מעדכען. יַלְדוּת (זכריה ח, ה:) יְלוּד אִשָּׁה (איוב יד, א) געבאָרען פון אפרויענצימער — דער מיט דריקט אוים דער העברייער דעם מענשען׳ס שוואַכקייַט, דער מיט אַלייַן וואָס ער איז געבאָרען פון אַפרוי, דער פאָ־טער מעג שוין זייַן ווער עס זאָל ניט זייַן. „יאָלד״ רופען כלי־זמר איין אונוויסענדען, און אין אַלגעמייַן איז דאָס אַזעלכער וואָס מישט זיך אַרייַן אין אַזאַך וואָס איז ניט זייַן פאַך, אַ הדיוט (אידיאָט) אָדער סתם אַ בולוואַן (גולם).

יְלָלָה (צפניה א, י) וועה—קלאַ־גע—יְלָלוֹת.

יָם (בראשית יד, ג) מעער, יַמִּים (שם א, י). דאָס פערנעמט דרייַ טהייַלען פון אונזער ערד־קוגעל, וואָס אַמאָל איז ער גע־ווען דורכאוים נור פון וואַסער אַלייַן (בראשית א, ב—י:).

הדעת מדבר מאכל ומשתה ששיך רק להטעם? ותשובה אחת מספקת לכלן, והיא: כי האדם לעת זקניתו הוא ככלי אין חפץ בו וימצא הזקן נחומים ביין ישן שעולה בערכו על יין חדש ודעת הזקן נוחה בראותו כי יש דבר שייקר בשביל זקנותו.

יוֹם (בראשית א, ה) טאָג. ד. ה. די ליכטיגע צייט פון זונן ערשיינונג ביז איהר פערגעהן— **יָמִים** (שם ד, ג). **יוֹם הָאָרוֹךְ** (ערובין נז:) דער לייענגסטער טאָג אין יאָהר. ער קומט אויס צו זיין אין תקופת תמוז אויף דער צפון זייטערד. ממילא איז דאָרט דאַן די קירצטע נאַכט— און קומט אויס צו זיין אין דרום זייט דאַנן דער קירצטער טאָג. און די לייענגסטע נאַכט. אין געגענטהייל אין תקופת טבת איז דער יום הארוך און די קירצטע נאַכט פאַר דרום זייט און אין צפון איז דאַנן דער יום הקצר מיט די לייענג־סטע נאַכט. נאָר אין תקופות ניסן און תשרי איז דער טאָג מיט די נאַכט גלייך פאַר ביי־דע טהיילען וועלט. **יוֹם הַדִּין** (ע"ז יח, ד"ר פ' צ"ג) געריכטס־טאָג, בעשטימטער טערמין, בל"ז.

יוֹם טוֹב (שמ"א כה, ח) פייער־טאָג, פעסט טאָג— **יָמִים טוֹבִים** (ב"ב קכא:). אַ בע־שטימטער סימן איז צו וויסען: אין וועלכען טאָג עס וועט פאַל־לען יעדער יום טוב און תענית פון גאַנצען יאָהר נאָך די פסח טעג פון דעם יאָהר, נאָך דעם געפלאָכטענעם אלף־בית וואָס הייסט: „א"ת—ב"ש" (זעה—„א"ת ב"ש"), אויף דעם אופן: „א"ת"— ווען דער ערשטער טאָג פסח (דערויף וויזט דער א) דאַנן פאַלט „תשעה באב". „ב"ש"— ווען דער צווייטער טאָג פסח— פאַלט שבועות". „ג"ר"—ווען דער דריטער טאָג פסח—פאַלט „ראש השנה". „ד"ק"—ווען דער פיערטער טאָג פסח — פאַלט קריאַת התורה, ד"ה „שמחת תורה". „ה"ץ"—ווען דער פינפ־טער טאָג פסח — פאַלט „צום כפור". „ו"ף"—ווען ו־דפסח, איז געפאַלען דער פאָריגער „פורים". אויך פאַלט אין איהם ל"ג־בעומר (דער סימן איז „פל"ג"). אין די טעג פאַלען נ י ט די ימים טובים, און תעניתים: „א, ג, ו"—פאַלט ניט יום כפור, צום גדליה (אויסער אַ נדחה קען פאַלען זונטאָג) און תענית אסתר. „ב, ד, ו"—פאַלט ניט ראש השנה, סוכות און ניט שמיני עצרת. „ב, ד, ז"—ניט

פּורים און ניט ל״ג בעומר. „ב, ה, ז״—פאַלט ניט שמחת תורה. „ג, ה, ז״—ניט שבועות, הושענה רבה, פּסח־שני (כ׳ סיון) [1]. **יום טוב** — קומט פאָר אונ־טער מענליכע נעמען [2]. **יום כּפּור** — אַ שטרייַנג אָפּקומענעס טאָג דעם צעהנ־טען תשרי מן התורה (ויקרא כג, כז). פערבאָטען פון פינף זאַכען, ערקלערט מדרבנן (יומא, עד.). **יום כּפּור קָטָן** — דער קלייַן יום כפור. גאַנץ וועהניג האָבען זיך אייַנגעפיהרט צו פאַסטען ערב ראש חדש, מתקן צו זייַן וואָס מען איז פּוגם אַ גאַנץ חדש [3]. **יוֹם הַקָּצֵר** (עירובין, נו:) דער קירצטער טאָג אין יאָהר, ער פאַלט צו צפון זייַט אין תקופת טבת און צו דרום זייַט אין תקופת תמוז (וועה—„יום הארוך״). **יָמִים הַנּוֹרָאִים** (או״ח נ״ה ס״ק כא) די פורכטבאַרע טעג, הייסען די טעג פון ר״ח אלול ביז נאָך יום כפור. **יוֹמָם וָלַיְלָה** (ירמיה לג, כה) טאָג און נאַכט (ד. ה. שטענדיג אָהן אַ אויפהער). **יוֹמָא דְּפַגְרָא** וואַקאַציאָנס טעג [4]. **יְמוֹת הַמָּשִׁיחַ** (שבת, קנא:) משיח׳ס צייַט. „זיצט יומם ולילה״ ווי טאָג אַזוי נאַכט—און לערינט.

---

[1] סימני קביעות המועדים אילו מובאים באו״ח הל׳ ר״ח סי׳ תכח ונשנו ברחבה בס׳ „בינה לעתים״. ולסימן א״ת—„שאלף של פסח הוא אותו יום לתשעה באב, נתנו סימן מהכתוב „על מצות—ומרורים יאכלוהו״. זה שיסד הפיטן (ביוצר להפסקה ראשונה): „ליל הלל וילל בשוה נגררים״ לאמר: אותו לילה שאומרים הלל על הסדר ש״פ—בו אומרים ג״כ הקינות של תשעה באב.

[2] השם הזה נמצא גם באחרונים בזמננו: בו נקרא הרב בעל התוספות יום טוב וגם המלומד ר׳ יום טוב ליפמאן צונץ ז״ל, ויש לו מהלכים בין העם.

[3] כן הלשון באו״ח הל׳ ראש חדש סי׳ תי״ז: נהגו קצת להתענות בערב ראש חדש וכו׳ לתקן את אשר עותו בכל החדש, מאחר שהוא יום האחרון של החדש, כמו שנוהגין להתענות בער״ה שהוא יום האחרון בשנה על כל מה שפגם כל השנה. ובעלי הקבלה כהאריז״ל נותנים טעם ליום כפורים זה להשתתף בצער הלבנה שנתמעטה, שהיא מכונת נגד הלבנה העליונה, היא השכינה וחלול שמה בביכל.

[4] פגרא מלי חולשא, כמ״ש: „אשר פגרו מלכתי (ש״א ל, כא) והוא יום שנחלשו

יִמַּח שְׁמוֹ (ימ״ש) עֶס זָאל ווערִין פַּארטִילִיגט זַיין נאָמעֶן.

יִמַּח שְׁמָם (תהלים קט, יג). „יִמח שְׁמוֹנִיק״ — אַ לַיידאַק, די ערד זאָל אִיהם נִיט טראָגען.

יוֹנָה (מ״ב יד, כה) טויבּע, נאָמען פון די תּרי עשׂר נביאִים.

יְנֻטָּה (ירושלמי ר״פ מקום שנהגו) צוּנֵייגוּנג. אַמאָל מענלִיכער נאָמען (תענית פ״ד הל׳ ב), יעצט אִיז דאָס אַ נאָמען אונטער פרויען.

יְנִיקָה (ב״ב, עא:) זויגען, געניסען.

יוֹנָתָן (ש״א יד, א) גאָטטעס גאַבּע, אָדער טַייבּעלע [1]. נאָמען שאוּל המלך׳ס זאָהן. די ריינע אוּן שטאַרקע לִיעבּע וואָס אִיז געוועזען צווִישען אִיהם אוּן דוד׳ן — ווערענד ער אִיז נאָך געוועזען בַּיי זַיין פאָטער אַהויף מוּזִיקאַנט — דִינט בַּיי אוּנזערע הכמִים פאַר אַמוּסטער פון לִיעבּע אָהן אִינטערעסע (אבות פ״ה).

יְסוֹד (שמות כט יב, זבחים נג:) גרוּנדלאַגע — **יְסוֹדוֹת** (יחזקאל ל, ד)

יוֹסֵף (בראשית ל, כד) גאָטט פערמעהרע. דער בּעליבּטער זאָהן יעקב אָבִינוּ׳ס פון רחל. בּעקאַנט מִיט דער בּעוואוּסטע געשִׁיכטע: „מכִירת יוסף״ (ועה—וישב).

יְסוּרִים (שבת, נה) שמערצען, וועהען. **יְסוּרִים קָשִׁים** אוּנערטרעגלִיכע שמערצען. **יְסוּרִים שֶׁל אַהֲבָה** (ברכות ה:) שמערצִין וואָס מען נעהמט אָן פאַר גוּט, דער מִיט אָבּצוּקוּמען פאַר זִינד.

יַעֲלֶה (דברים ל, יב) עֶס זאָל אויפשטייגען, הערויפקוּמען. „אָנגעמאַכט אַנאַנצע יעלה״—זאָגט מען ווען יעמאַנד מאַכט פון אַוואָרט אַגאַנצע סוּמאַטאָכע אוּן אַגעטוּמעל—דאָס שטאַמט פון דעם פזמון „יעלה״

ונתעצלו בני הישיבה לבא לשיעורידהם משום איזה אמתלא, והלשון הוא בגמרא: יומא דמפגרי ביה רבנן (שבת, קכט:).

[1] כמו שתרגמתי שמשון מלשון שמש, בנון ההקטנה מחבה, כן יש לומר ג״כ ביונתן שנתוסף נון מחבה להשם יונה, ותתחלף ההא לתיו כמשפטה בסמיכות.

צו „כל נדרי" וואָס פערנעהמט דעם גאַנצען אלף=בית און אויך פערקעהרט על פּי „תשר"ק", וואַס פאַר יעדער בוכשטאַב קומט דער וואָרט „יעלה". דען דער א"ב איז אַ מאַסשטאַב פאַר אַלע פייטנים אויף אַהין און צוריק, אָפט אויך על פּי א"ב כפול צוליינענדיג דעם שם המחבר בראשׁ החרוזים און חזק.

יוֹעֵץ (ש"ב טו, יב) ראַהט=געבער, **יוֹעֲצִים** (משלי טו, כב).

יַעֲקֹב (בראשית כה, כו) פערזענהאַלטער. נאָמען דער דריטער פון אונזערע דריי אָבות און האָט אויפגעשטעלט די צוועלף שבטים.

יְפֵה־פִיָּה (ירמיה מו, כ) אַלער שענסטעס—**יְפִיפִיָּה** (פסחים ו:) שיינהייט—**יְפֵה פִיּוֹת** (מגילה טו; תענית ל:). **יְפַת תֹּאַר** (דברים כא, יא) שיינעס געשטאַלט. דאָס ווירד געלייגט אויף אַשיינע פרויענצימער.

יוֹצֵא (בראשית ב, י) הערויס=געהן, הערויסקומען. **יָצָא** (מנחות ג:) אויסגעפיהרט. **יָצָא יְדֵי חוֹבָתוֹ** (ברכות ח:) אויס=געפיהרט זיין פפליכט. **יוֹצֵא לְכָל הַדֵּעוֹת** אויסגעפיהרט נאָך אַלעמענס מיינונג. **יוֹצֵא וְנִכְנָס** (סנהדרין, כא:) אָפטער איינגעהער. **יָצָא מִדַּעְתּוֹ** — אַראָפּ פון זיננען. **יָצָא מִן הַכְּלָל** (ברייתא דר"י) אויסגעשלאָסען פון דעם אַלגעמיין. **יָצָא לְתַרְבּוּת רָעָה** (ברכות ז; חגיגה טו:) הערויס אין אַשלעכטער אויפפיהרונג (זעה — „תרבות רעה" אין אנמערקונג).

יְצִיאַת מִצְרַיִם (פסחים קיח; ב"מ ס"א:) דאָס הערויס געהן פון מצרים. **יְצִיאַת הַנֶּפֶשׁ** (שבת קנא:) דאָס זעלבע וויא: **יְצִיאַת נְשָׁמָה** (מו"ק כח:) דאָס אויסגעהן די זעלע.

יִצְחָק (בראשית כא, ג) פריידע=קינד. דער צווייטער פון די אָבות, ער ווערט איבעראַלל דערמאָנט אין תפלות און אין סליחות צוליעב זיין עקדה (זעה סדרה — וירא).

יֵצֶר (בראשית ח, כא) זיננען, נייגונג. **יֵצֶר טוֹב** (ברכות ה; שם ס:) נייגונג צו גוטטעס.

יצר הרע (שם) בעזע לײדענשאַפט.

יקר (תהלים קט״ו, טו:) טײַער, געאַכטעט. יקרן — פערקויפט טײַער. יקרות (איכה פ׳ בני ציון היקרים) אַ טײַערקײַט אויף שפּײַז וואַרען. יקר המציאות — זעלטען אָנצוטרעפין. „אַ מענש אַ יקר״ מיט גוטע זיטען, שטיל ווי אַ טויב, אין געגענטײַל „אַ בן יקיר״: קונדעס, אַ טהײַערער חפץ (ועה— „בן יקיר״).

יקותיאל (דברי־הימים־א ד, יח) פון גאָט צוגעוואָרפען [1]).

ירא (בראשית יט, ל.) פירכטעט יראים (מ״ב יז, לב).

יראה (אבות פ״ה) פורכט פאַר גאָט. די זעלבע ווי ירא שמים (ברכות לט. סנהדרין, ע:). אָדער ירא אלהים (בראשית כב, יב) גאָטעס פירכטיגער — יראים ושלמים גאָטעס פירכטיגע און פאָלקאָמענע, אונגעטהײַלט געגען גאָט [2]). יראת שמים (תנחומא בהעלותך יא). „יראת שמים פנים״ — געמאַכטע פרומיגקײַט אום צו קענען לײַטען בעטריגען.

יורד (איוב ז, ט) אַרונטערגעקומענער. יורד מנכסיו אַרונטערגעקומענער פון זײַן גוטען שטאַנד, אַ געפאַלענער בעל הבית.

ירודים (פסיק׳ דברים פ׳ יג עשה״כ „וירד מיעקב״). ירודה (שמ״ר פ״ל). ירידה (ערובין, טו: תנחומא בהעלותך יא) אַראָפּ שטײַגונג, זינקט. יורד לחיין (כתובות נ: ב״מ, עא:) קומט אַרונטערנעהמען זײַן חיונה.

יריד (ע״ז, יג: ב״ר פ׳ מו) יאָהרמאַרק — ירידים [3]).

ירוחם (ש״א א, א) דער ערבאַרמטער. נאָמען דער עלטער פאָטער פון שמואל הנביא.

ירחמאל (דה״י־א ב, ט) גאָטטעס ערבאַרמטער.

[1]) תרגמתי עשה״כ ויקא את יונה וע״י עוד „שמות האנשים״ 10 בהערה 9.

[2]) זה לשה״כ: „היה שלם עם ה׳״ (מלכים־א טו, יד).

[3]) אולי על שה״כ: ירד ירדנו לשבר אכל (בראשית כג, יב).

יִרְמְיָה (ירמיה כו, א) עֶרהויכט פון גאָט [1]). נאָמען פון דעם נביא ירמיה, און דער קלאָגער אויף ציון אין זיין „איכה". מיט דעם זעלבען נאָמען גיט נאָך אָנגערופענע אין תנ"ך און אויך אונטער די חכמי התלמוד.

יְרִיעָה (שמות כו, ב) טעפּיך, פאָרהאַנג — **יְרִיעוֹת** (שם). **יְרִיעָה** — הייסט אויך די אויסגעאַרבעטע פערגאַמענט (פאַרמענט) צום שרייבען אָדער שוין אָבגעשריבענע עמודים פון אַ ספר תורה אָדער אַ מגילה.

יֶרֶק (בראשית א, ל) קרייטער — **יְרָקוֹת** (ברכות מד) געמיזע פון גרינסען, גאָרטענוועֶרק.

יוֹרֵשׁ (בראשית טו, ג). **יַרְשָׁן** — ערבער — **יוֹרְשִׁים** (מנחות ד:). יורש'טע, גערשה'ענט, ירש'נען.

יְרֻשָּׁה (דברים ב, ה. אבות פ"ה) ערבשאַפט.

יְרוּשָׁלַיִם (יהושע י, א) די הייליגע שטאָדט „ירושלים" די רעזידענץ פון מלכי יהודה פון דוד המלך ביז נאָך דעם חורבן. אין איהר איז געווען ביידע בתי מקדשים, אויף איהר האָט יעקב אָבינו געזאָגט דאָם דאָרט איז דער טויער פון הימעל (בראשית כח, יז) און דער פּלאַטץ פון די געטליכע ערשיינונג פאַר די נביאים (ישעיה כב, א). זי איז פער-בליעבען פערהייליגט ביי אַלע פעלקער אויך יעצט—ניט ווי אַנדערע רעזידענצין. ווי פון בבל-נוֶה, זיינען פערבליבען רוים-טעסען פיר שלאַנגען [3]). ירושלים בעזוכען מאָנאַרכען און פירש-טען, בפרט מיר בעדאַרפען אָן איהר ניט פערגעסען (ווי מיר האָבען געשוואָרען זיצענדיג ביי

[1]) כמ"ש: בטרם אצרך בבטן הקדשתיך נביא לגוים נתתיך (ירמיה א, ד),

[2]) ישעיה יג: משא בבל. וירושלים עודנה בקדושתה כחזון המשורר: נכבדות מדובר בך עיר אלהים סלה, אזכיר רהב ובבל וגו' ולציון יאמר וגו' והוא יכוננה עליון (תהלים פז), וכמו כן הערו חז"ל (ברכות נח) על בבל לגבי ערי ארץ ישראל: אמר ר' יוחנן נתקללה בבל נתקללו שכניה דכתיב ושמתיה למורש

די טייכען פון בבל (תהלים קלז): „אם אשכחך ירושלים תשכח ימיני וגו׳“, און איהר בעגריסען מיט ליעבע, ווי דוד המלך הייסט אונז: „שאלו שלום ירושלים“! (תהלים קכב, ו).

ירושלמי—אמאן אוים ירושלים. **ירושלמית** (הולין סה:). **ירושלמיות** (יומא מד:).

יש (בראשית כח, טז) עס איז דא, עס גיבט. **יש אומרים** (ב״ב טו) מאנכע זאגען, **יש ויש** (מ״ב י, טו:) גאנץ געווים. **יש מאין**—עקסיסטירט פון ניכ׳טס.

ישיבה (אבות פ״ב, ב״ק טז:) זיטצונג צום לערנען מיט תלמידים, אקאדעמיע. **ישיבות**.

ישוב (פסחים קיב: בבא קמא עט:) בעוואהנט, צו לאנד. **ישובים**. ישוב׳ניקעס, ישוב׳ניצעס—דארפסלייט, פון צולאנד. **יושב בטל** (סוכה לז) זיטצט אהן בעשעפטיגונג.

ישוב הדעת (ב״ר, פ׳ לה) זיך בעזאנען, איבערלייגונג.

ישוב העולם (ירוש׳ ב״ב פ״ב קדושין פ״א:) בעוואנט מיט טא־לאנט, אין ערד ארבייט. **יושב אהל** (ברא׳ ד, כ) זיצט אין קלויז — און לערינט[1].

ישן (ויקרא כה, כה) אלטע גע־טריידע, פון פאריגען יאהר (דמאי פ״ד מ״ו, בכורים פ׳ מ״ש) (זעה—„חדש“).

יששכר (בראשית ל, יח) יעקב׳ס זעכסטער זאהן פון לאה׳ן און אויך דער זעכסטער פון די שבטים וועלכער איז בעשטאנען פון 54,400 מאנן (במדבר ב, ח). פון דיזען שבט שטאמען פיעל חכמים אין מאט־העמאטיק און אסטראנאמיע[2].

ישועה (תהלים קיט, קנה) הילף, רעטונג. **ישועות** (ישעיה כו, יח

קפוד ואגמי מים (ישעיה יד), נתקללה שומרון נתברכו שכניה דכתיב: ושמתי שומרון לעי השדה למטעי כרם (מיכה א).

[1]) במקורו מוסב על אוהל רועה, והושאל על היושב באהלי תורה. תרגמתי ע״ש הכתוב: אגורה באהלך עולמים (תהלים סא, ה), ה׳, מי יגור באהלך (שם טו, א).

[2]) דה״י א יב, לג; עירובין ק: הרמב״ם הל׳ קה״ח פ׳ יז, הל׳ כ״ה; במבוא לחכמי ישראל בספרי „כל חמדת ישראל“ צד 27 בללתים.

(שבת לח:). **יְשׁוּעוֹת וְנֶחָמוֹת**— הילפע און טרייסט. **יְשַׁעְיָה** (ישעיה א, א:) הילף גאָטטעס. דער ערשטער און גרעסטער נביא פון די נביאים אחרונים. **יִשָּׁקֵנִי** (שה"ש א, ב) זאָל ער מיך קושען.

יָשָׁר (משלי ד, יא) גראַדהייט, געוויסען. **יַשְׁרָנוּת**[1] **יַשְׁרָן - יַשְׁרָנִים. יַשְׁרָנוּת**, גערעכטיגקייטס געוויסען.

יִשְׂרָאֵל (בראשית לב, כט) גאָט-טעם קעמפפער (הושע יב ד, ה). מיט דעם הייסט אויך „יעקב אָבינו" און דער נאָמען איז פערבליבען אויף אונז „בני ישראל" (שמות א, ב) וואס מיר האָבען געקעמפפט געגען די געטצען דינער, און פיעל פעל-קער אפילו די וואס האָבען זעלבסט אונז געצוואונגען דער צו ווי די גרעקען א. ד. ג. האָ-בען אויף אונז קוקענדיג איינ-געפונען אַז דאָס איז פוסט און דום[2]. **יִשְׂרָאֵל** אַ פּרי-וואַט מענש פון יודען, ניט קיין כהן אדער לוי, **יִשְׂרְאֵלִים**.

יָתוֹם (דברים י, יח) וואַיזע, **יְתוֹמִים** (שמות כב, כג) **יְתוֹמָה** (כתובות סו, א) **יְתוֹמוֹת**.

יִתְרוֹ—די פינפטע סדרה אין צווייטען ספר (שמות יח, א—כ, כו) און די 18-טע אין חומש; זי הייסט אויף דעם נאָ-מען פון יתרו משה'ס שוויגער פאָטער, ער איז געוועזען אַפּירשט אין מדין[3] אויך איז אַ סברא דאָס ער איז געוועזען אין מיניס-טעריום פון פרעה (סוטה יא). זיין געניט-קייט איז צו זעהן וואָס ער האָט אויפגעגעבען משה'ן מאַכען איין סטאַטסאָרדנונג[4].

יִתְרוֹן (קהלת א, ג) פאָרצוג, אַמעלה מעהר. **יִתְרוֹנוֹת**.

---

1) ירושלמי מגילה פ"א שם הגרסא ישרות.

2) ועי' בגמרא: „עזין שבאומות—ישראל" (ביצה כה:).

3) כן מכנהו הכתוב „כהן מדין" (שמות ג, א) והוא במשרת הממשלה, כמו: ובני דוד כהנים (ש"ב, יח).

4) בפרשת ואתה תחזה (שמות יח).

כ.

כ—דער 11=טער אות אין „א״ב״ און דער צווייטע פון יוד און דערום דינט ער אנ־שטאט דעם ציפער „20״, צב״ש: **בַּת כ׳. כ״ב אותיות הא״ב. כ״ד משמרות כְּהֻנָּה** און דאס גלייכען.

אויך קומט דער **כ** מיט אנדערע בוכשטאבען אין פער־קירצונג פון גאנצע ווערטער (אין ראשי תבות), צב״ש:

כ״א — כָּל אֶחָד, כָּל אַחַת, כִּי אִם.

כאו״א — כָּל אֶחָד וְאֶחָד, כָּל אַחַת וְאַחַת.

כ״ד — כֹּה דִבְרֵי.

כד״ש — כָּל דְּבַר שֹׁרֶשׁ.

כה״ג — כֹּהֵן גָּדוֹל, כְּהַאי גַּוְנָא.

כה״ק — כִּתְבֵי הַקֹּדֶשׁ.

כהתיה — כֹּל הַנְּשָׁמָה תְּהַלֵּל יָהּ, הַלְלוּיָהּ.

כ״ז — כָּל זֶה, כָּל זְמַן.

כ״י — כְּתַב יָד, כֵּן יִרְבֶּה.

כיו״ב — כַּיּוֹצֵא בּוֹ.

כ״כ — כָּל כַּךְ, כְּמוֹ כֵן.

כל״ז — כְּלֵי=זֶמֶר.

כל״ח — כִּי לְעוֹלָם חַסְדּוֹ.

כ״מ — כָּל מָקוֹם, כֵּן מַשְׁמָע.

כמ״ש — כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב, כְּמוֹ שֶׁנֶּאֱמַר.

כמש״נ — כְּמוֹ שֶׁנֶּאֱמַר, כְּמוֹ שֶׁנִּדְפַּס.

כנ״ל — כַּנִּזְכָּר לְעֵיל, כַּנֶּאֱמַר לְעֵיל, כֵּן נִרְאֶה לִי.

כ״פ — כַּמָּה פְּעָמִים.

כ״ץ — כֹּהֵן צֶדֶק.

כצ״ל — כֵּן צָרִיךְ לִהְיוֹת.

כ״ש — כָּל שֶׁכֵּן, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב.

כש״ת — כְּבוֹד שֵׁם תִּפְאַרְתּוֹ.

כת״ר — כְּבוֹד תּוֹרָתוֹ, כֶּתֶר תּוֹרָה.

דער **כ** איז אויך איינער פון די בעדינונגס בוכשטאבען „איתן, משה, וכלב״, וואס יעדערער פון זיי דינט אנשטאט גאנצע ווערטער. זיין ווירקונג בעשטייט אין דעם וואס ער בעדייטעט אין אנפאנג ווארט צום פער־גלייכען איין געגענשטאנד צום צווייטען, און הייסט דעריבער **כָּף הַדִּמְיוֹן** (א זעלכע ווערטער

קומען דאָ פאָר פיעלע וועלכע זיינען אָבגעזונדערט פון גרונד וואָרט מיט אַזאַ שטריכעל „׳".

כְּ׳אֶבֶן דּוּמָם (חבקוק ב, יט) שטום ווי אַ שטיין.

כְּ׳אַחַד הַנְּבָלִים (ש"ב יג, יג) ווי איינער פון די ניעדערטרעכטיגע.

כְּ׳אַחַד הָרֵקִים (ש"ב ו, כ) ווי איינער פון די ניכטיגע.

כְּבַד פֶּה (שמות ד, י) בעהינדערט פון מונד — צום שפרעכען [1].

כָּבוֹד (יהושע ז, יט) האָנער, עהרע, אַנזעהן, עהרענפאָל.

כִּבּוּד (קדושין, לא:) עהרע ערווייזען, פאָרנעהם טהון — **כִּבּוּדִים**. **כִּבּוּד אָב** (כתובות כה:) **כִּבּוּד אֵם** (שם). **כִּבּוּד אָב וָאֵם** (פאה משנה א; שבת קכז; סנהדרין, נו:) עהרען פאָטער און מוטער. דאָס איז די פיערטע מצוה אין די צעהן געבאָט (עשרת הדברות) **כַּבֵּד אֶת אָבִיךָ וְאֶת אִמֶּךָ**. **כָּבוֹד גָּדוֹל** (זבחים קכ:) גרויס עהרע. **כְּבוֹדוֹ בִּמְקוֹמוֹ מוּנָּח** (יומא, לח:) זיין עהרע פערבלייבט אונבערירט. **כְּבוֹד הַתּוֹרָה** (סוטה, מט; מגילה, כג:) אַכטען די לעהרע.

כְּבוֹד שַׁבָּת (שבת, קכא:) בעשוינען דעם שבת טאָג.

כִּבְיָכוֹל (חגיגה יג [2]) ביי גאָטט איז מעגליך.

כְּבָר (קהלת א, י) שאָן לייננגסט, שאָן לאַנגע. **כְּבָר נֶאֱכַל** שאָן לאַנג פערצעהרט.

כְּבֹשֶׁת גַּנָּב (ירמיה ב, כו) וויא עס איז בּאַשעמט אַדיב.

---

[1] מלת כבד יונח גם על פעולת החושים שארי האברים המשמשים להחושים, כמ"ש: „ועיני ישראל כבדו מזוקן" (בראשית מח, י), כבדה אזנו משמוע" (ישעיה נט, א):

[2] יש פותרין מלת „כביכול" כאלו הוא תאר להקב"ה, והערוך השלם הערה כי תחלת השמוש לזה הוא במכילתא בא (מס׳ דפסחא פ׳ יד) · ואבי מורו שליט"א באר לי כ"ז בנותן טעם: כי „כ"ב" הוא השם בן עשרים ושתים אותיות, ופתרונו: כב־יכול — לאמר: השי"ת הוא כל יכול, וכן תרגמתי בזה; ובקצור כללי הגמרא, במבוא התלמוד להגניד מבאר כעין זה: כ״ב הוא תואר להתורה

כְּדַי (יבמות מו, נדה ט:) גענוגענד ווערט, עס לוינט. „עס איז כדי".

כְּדֵי (ר"ה טז) אום, פון וועגען. **כְּדֵי חַיּוּתָה** גענוג וועדליג צום ערנעהרונג. (פסחים קיט:)

כְּדַאי (ברכות ט:) „וְעָה כדי".

כְּדְאֶשְׁתַּקַּד (ברכות ט:) ווי דער פאָריגער יאָהר.

כִּדְבָעֵי (ע"ז טז:) ווי ס'געהערט צו זיין.

כְּדוֹמֶה לְמָשָׁל עהנליך, צום ביישפיעל[1].

כְּדִין וּכְדָת (מגילה יב:) נאָך דער געזעצליכקייט.

כְּדֶרֶךְ כָּל הָאָרֶץ (בראשית יט, לא) אויף דעם איינגעפיהרטען אַרט.

כַּדּוּר הָאָרֶץ דער ערד קוגעל.

כְּהַאי גַּוְנָא (שבת, קנח) אין דעם געשטאַלט (כדומה למשל).

כֹּהֵן (ברא' יד, יח) פריסטער, גייסטליכער דינער אין טעמפעל. **כֹּהֲנִים** (שם א, ה:). **כֹּהֲנִים, לְוִיִּם וְיִשְׂרְאֵלִים** (מגילה, כא). — אין די דריי קלאַסען איז איין נעטהיילט געוואָהרען די גאַנצע יודישע פאָלק. די גרעסטע טהייל זיינען די ישראלים ד. ה. די פאָלק, איז בעשטאַנען פון עלף שבטים און פון צוועלפטען שבט, דער שבט לוי, איז בעשטימט געוועהן צו דוחאָווגע אונטערנעהמונג אין גייסטליכע געגענשטענדע, און צו לעהרנען דאָס פאָלק (דברי' לג, י); העכער אין ראַנג זיינען די כהנים, זיי שטאַמען אויך פון שבט לוי וואָס אַהרן מיט זיינע זיהן זיי-

שנכתבה בכ"ב אותיות הא"ב—היא יכלה לאמר כן אבל אנו אי אפשר לנו לאומרו; אי נמי: כ"ב—הוא נוטריקון: „כ'תוב ב'תורה", כמו שמצינו מפורש: „אלמלא מקרא כתוב א"א לאומרו (עירובין, כב). ורש"י (ביומא ג:) אומר: שהוא חול, ונותן כלל על כל "כביכול" שבש"ס שפירושו „כאלו יכל", כלומר: הכף והבית הן שתי אותיות השמוש למלת יכל ומבואר כאלו בהיותי יכול, וגם נמצא הכף והלמד משמשות יחד למלת לכתחילה.

[1]) המבטא המורגל הזה הוא מלשון חכמים מל' „משל למה הדבר דומה" (ברכות יב).

נען געװאָהרען די ערשטע כהנים און אויך זייערע נאָכ־קומען האָבען אַלע זייער נעמען „כהנים". אויף זיי איז מוטל געװען צו מאַכען די קרבנות און צו בענטשען דאָס פאָלק (דה"א כג, יג), אונטערזוכען אויסגעשלאָגענע מיט אויסזאַטץ, װען דער כהן האָט דאָס געפונען פאַר אָנשטעקענד, האָט ער פערהיט דאָס זאָל זיך ניט פערשפרייטען און דעם קראַנקען האַלטען פערשלאָסען (ויקרא יג, יד). **כהן גדול** (ויקרא כא, י) אויבער־פריסטער, דער ערסטער איז געװען אהרן הכהן (ועה אהרן). איבעראַלל זיינען די כהנים געװען בעשטימט צוא פערשפרייטען די לעהרע אונטער דאָס פאָלק [1], און זיי זיינען געװען בעזאָרגט מיט זייערע לעבענס־מיטעל פון מעשר און תרומה װאָס דאָס פאָלק פלעגט זיי געבען אַצעהנטייל פון זייערע תבואות. אויך יעצט װערט אפּהן בעעהרט: מען רופט איהם אויף צום ערשטען צו דער תורה (גטין, נט:), און צום ברכה אויף אַ כוס אין אַ מסיבה (שם ס:), און מען בענוצט איהם צום „פדיון הבן"; ער טאָר ניט נעהמען אַ גרושה, זיך ניט געפינען אין אַ שטוב װאו עס ליגט אַ ברמנן אָדער געהן אויף דעם בית עלמין.

כ'הנה וכ'הנה (ש"ב יב, ח) זאָ און זאָ פיעל.

כ'הרף עין (ברכות, ב:) װי איין אויגענבליק.

כונה (ברכות, יג:) אַנדאַכט, מיט אַבזיכט, געהיימער זין, אויפמערקזאַמקייט. **כונות** — „האָט אין כונה" האַלט אין זינען.

כזב (הושע יב, ב) ליגען, פאַלש — **כזבים** (שופטים, טו). **כזבן** (תנחומא פ' מסעי) ליגנער.

כ'זית (ברכות, מח: ביצה, טז:) גרויס װי איין אַיילבערט (אָליװע).

כ'זנב הלטאה (פסחים, נג חגיגה, יא:) װי איין

[1] כמ"ש: „כי שפתי כהן ישמרו ד ע ת ותורה יבקשו מפיהו (מלאכי ב, ז)

עק פון איין אידעקסע, ד"ה:
אפיציעל, א ברעקעל.

כח (ש"א כח, כ) קראפט, שטערקע — **כחות** (נדה,סו.)
כח בית דין — די מאכט פון געריכטס־הויז. **כח גברא** (לעיין שם) מענליכע קראפט.
כח הדבור — ריידענס קראפט.
כח הדמיון — איינבילדונגס קראפט. **כחות הטבע** — קרעפטע דער נאטור. **כח המושך** — אנציהענס קראפט.
כח הרשאה — בעפאלמעכטיגט. **כחא דהתירא** (ברכות, ס:) מוטה צו ערלויבען.

כ'חוט השערה (יבמות, נז:) ווי איין האאר פאדען.

כ'חול הים (בראשית לב, י) פיעל ווי דאס זאנד (זאמד) ביי דעם (ברעג) מעער [1].

כ'טוב לב המלך ביין (אסתר א, י) אלס דעם קעניגס הארץ וואר פרעהליך פון וויין.

כ'יד המלך (שם ז.) נאך דעם קעניגס מעגליכקייט.

כ'ידוע — ווי עס איז בעקאנט.

כך הוה [2]) זאה איז עס געשעהן.

כך היה אומר

כך היה מונה (וועה — „וכך").

כל (בראשית ה, ה) גאר, גאנץ, אללע, יעדער. **כל אמה ולשון** (מו"ק, טז:) יעדע נאציאן און פאלק פון בעזאנדערע שפראך. **כל בו** — אלעס איז אין איהם (פיעל זייטיג). „כל־בוניק" — ערלויבט זיך אלעס.

כל דבר אסור — אלעס וואס איז פערבאטען. **כל דבר שרש** די גאנצע אורזאכע [3]). **כל דכפין** (הגדה לפ') יעדער וואס האט הונגער. **כלו האי** (ברכות, י:) גאר דיזע. **כל הון דעלמא** [2]) גאר די פערמעגען, וואס אין דער וועלט קען געבען.

כל הנערים (ש"ב יג, לב) אלע יונגלינגע, קנאבען. **כל הפושט יד** — ווער נאר עס שטעלט

---

[1]) פסוק הוא בבראשית לב, יג: ופרוש' מבואר בהפסוקים: „כחול אשר על שפת הים" (יהושע יא, ד), „כחול אשר על שפת הים — לרוב (מ"א ד, כ).

[2]) בשבת ק"ח הלשון: „כן הוה" ושם קכ"ז הלי: „כך היה" ומשניהם נזדווג הלי „כך הוה".

[3]) מלה"כ: „ושרש דבר נמצא בו" (איוב יט, כח).

[4]) הלי בגמרא: „כל חללא דעלמא" (ב"מ, מט).

אוים אַ האַנד (צום נעהמען צדקה).
כָּל הַצָּרוֹת — אַלע אַנגסט, אונגליקען. כָּל הַקּוֹדֵם זָכָה (בכורות, פ.) וועֶר עֶס פערחאַפּט פאָרהער צו דעם געהערט. כָּל הַתּוֹרָה כֻּלָּהּ (שבת לא: נדה ל:) גאָר די לעהרע אין גאַנצען. כָּל וָכָל -- גאָר און גאָר. כָּל זְמַן (ברכות, ח:) די גאַנצע צייט. כֻּלּוֹ זַכָּאי (סנהדרין, צח:) אין גאַנצען גערעכט. כֻּלָּנוּ חֲכָמִים (אגדה ש״פ) מיר אַלע זיינען קלוג (געלעהרטע). כָּל חֲמָתוֹ (תהלים עח, לח) זיין גאַנצען גרימם. כָּל טוּב (דברים ו, יא) אַלעם גוטעס. כָּל יָמָיו (דהי״ב יח, ז. נדרים, סב: קדושין כט:) אין זיין גאַנצען לעבענס צייט. כָּל יִשְׂרָאֵל (דברים לד, יב) די גאַנצע פאָלק ישראל—מיט דעם אויסדריק ענדיגט זיך די תורה. כָּל מַלְכֵי מִזְרָח וּמַעֲרָב (ברכות, ד: ב״ב, טז:) אַלע קעניגע פון מאָרגען און אָסטען זייט. כָּל מוּם רָע (דברים טו, כא) נאָר אַ בעזען פעהלער. כָּל מָמוֹן שֶׁבָּעוֹלָם (קדושין, ?א:) גאָר דאָס געלד פון דער וועלט. כָּל מִינֵי הֲנָחוֹת — אַלע אַרטען נאָכלאַס (אַיינלאָזען). כָּל נִדְרֵי (שבת, קכו:) אַלע געליבדע [1]). כָּל עֲבוֹדַת פֶּרֶךְ (שמות א, יד) אַלע שווערע אַרבייט. כֻּלּוֹ רֵיחַ — דורכאויס פערדינסט. כֻּלּוֹ שֶׁלִּי (ב״מ, ב:) עס איז אין גאַנצען מיינס. כָּל שֶׁהוּא (מו״ק, י:) עטוואָס. „כל הנעלדען” (אבות ס״פ). כֻּלּוֹ שְׁקָרִים (ב״ר פ״ה, ה) דורך פאַלשונגען. כְּלֹא יָדַע (שא״ר, א) ווי ניט וויסענד. כְּלָא — ווי ניכטס. כְּלָא נֶחְשָׁב (דניאל ד, לב) פאַררעכענט ווי גאָר נישט. כָּלָה (בראשית יח, כא). כְּלָיָה (אבות פ״ה) פערניכטונג, אונטערגאַנג. כָּלָה וְנֶאֱבַד — עס געהט אונטער און עס ווערט פערשוואונדען, „כלה מאַכען” — פערניכטען, „מאַכולו מאַכען” [2])— פערדערבען, איספאָרצען.

[1]) המקור הזה לא משתעי בכל נדרי של ליל יום כפור שבמחזורים שאין לו מקור בתלמוד כלל, והפרת נדרים בכלל בערב ר״ה זמנם הוא.

[2]) הלשון בנמרא: שן דמכליה קרניה (בבא קמא).

כַּלוֹת (דברים מח, כו) פערניכ־טעט ווערין, אונטער־געהן, פערלענדעט ווערין. „אַכַּלוֹתֶע זאָל עס ווערין"!.

כַּלָּה (שה"ש ד, ח) ברויטע, **כַּלוֹת** (הושע ד, יג). **כַּלָּה נָאָה וַחֲסוּדָה"** (כתובות טז) אַשיינע, אַ אָרדענטליכע כלה.

כְּלִי (ויקרא טו, ד) **כְּלִי** (במדבר יט, טו) געשיר, געפעס, גערעט: **כֵּלִים** (מ"א ד, ג) „**כְּלֵי בַיִת"** (בראשית לא, לז) הויז געשירר, מעבעל, ווירטה־שאַפט. **כְּלֵי זַיִן** (סנהדרין פב), געוועהר, וואַפען, **כְּלֵי זֶמֶר** מוזיקאַלישע אינ־סטרומענטע, ובל"ז: מוזיקאַנ־טען, שפּילער אויף בעללער.[1] אין פערקירצונג: **כְּלֵ"ז** „כְּלֵ"ז צו די כֵּלִים" ד. ה. מוזיקאַנטען, נעמט זיך צו די אינסטרומענטען!

כְּלִי מַחֲזִיק בְּרָכָה (סוף עוקצין) אַשפּאַראָווידיגע געשירר. **כְּלִי נִפְלָא** — אַ מענש מיט זעלטענע פעהיגקייטען [2]). **כְּלֵי קֹדֶשׁ** (במדבר לא, ו) די הייליגע געשירר וואָס איז געוועזן אין בית־המקדש, מיר אָבער רופען מיט דעם נאָמען די רח"ש דאָס הייסט, רבנים, חזנים ושמשים א. ד. ג. „אַרויס פון די כלים" — הייסט: אַראָפּ פון זינען.

כִּלְאַחַר יָד (שבת קנו) הינטער דער האַנד (אונטער'ן האַנד).

כָּלֵב (במדבר יג, ו) אַנ'אמת האַרץ. מיט דעם נאָמען האָט גע־הייסען דער נשיא פון שבט יהודה, איינער פון די צוועלף מרגלים וואָס האָט גערעדט אמת ווי ער האָט געטראַכט.[3])

---

[1]) גב זה ברוח לשון עברית יסודתו, כמו שקרא דוד לשאול וליהונתן גבורי מלחמה—„בלי מלחמה (ש"ב א, כז). ומה שאמרו שבת פרעה הכניסה אלף מיני זמר (שבת, נו) אין זה אלף מיני כ ל י זמר דק אלף מיני נגונים שונים, הראיה ממה שאמרה על כל מין זמר „כך עושין לעבו"ם פלוני וכך לעבו"ם פלוני" כלומר כך מוגנים ומזמרים לפניהם. ומצאתי אסמכתא להשערתי זו מהאמור בגמרא (עירוכין יא) מגריפה היתה בבית המקדש י' נקבים היו בה וכל אחד ואחד מוצא כמה מ י נ י ז מ ר זכו' שמזה מוכח להדיה שמיני זמר קאי על הנגונים ולא על כלי הזמרה.

[2]) כן נמצא על בעל תכונות רעות „וכילי כליו רעים (ישעיה לב, ז).

[3]) בהלשון הזה אמר כלב ליהושע אחרי כבוש א"י, בהזכירו לפניו שליחותו

כֶּלֶב (שמות יא, ז) הונד. **כְּלָבִים** (ב"ק פא). וואָס מען זאָגט כְּלַבְתָּה דאָס איז פון ווײַבליך כַּלְבָּה אָדער כַּלְבִיתָּה; **כֶּלֶב רַע** (ב"ק טו) אַבייזער הונד, **כֶּלֶב שׁוֹטֶה** (יומא פג) אַמשוגענער הונד, דאָרט איז געזאָגט זײַנע סמנים: די מויל איז איהם אָפען און עס רינט פון איהר שלײַם, די אויערען הײַנגען אַראָפּ און דער ווײַדעל איז איהם צווישען די פיס. טויטען איהם מוז מען פון ווײַטען, ניט אָנריהרען זיך אָן איהם; אויך איז דאָרטען אָנגעוויזען מיט וואָס מען קורירט זיך ווען ער בײַסט איין (אַנדערע געפינען אַ גרונד פון דעם אין דעם הייל-מיטעל פון דעם בעוואוסטען פראָפעס-סאָר „פאַסטער").

כִּלְהוֹךְ הַשּׁוֹר (במדבר כב, ד) ווי עס פרעסט אָפּ דער אָכס (דורך זײַן לעקען).

כְּלָל (סאה פ, א, ד) רעגעל, אַלגעמײַן **כְּלָלִים** (תנחומא תשא, סי, טו). **כְּלָל גָּדוֹל** (שבת, סז) געוויסער רעגעל; **כְּלָל וּפְרָט** (בריתא דר' ישמעאל) דער אַלגעמײַן און דער אײנצעלהײַט (גענערעלעס און ספּעציעלעס). **כְּלַל יִשְׂרָאֵל** — דער יודישער אַלגעמײַן. **כְּלָלוֹ שֶׁל דָּבָר** (עירובין סה) דער רעגעל פון דער זאַך.

כְּלָל (ברכות מו, מגילה, יז) פער-אײניגט.

כְּלוֹמַר (סנהדרין מו; כתובות סה) ווי געזאָגט, עס איז גע-מײַנט, דאָס הײַסט.

כְּמוֹ — ענליך. **כְּמוֹתְךָ יִרְבּוּ בְּיִשְׂרָאֵל** (יבמות טז; ברכות, מח) אַזעלכע ווי דו זאָלען זײַן בײַ יודען פיעל.

כַּמָּה (בראשית מז, ח) ווי פיעל. **כַּמָּה וְכַמָּה** — זייער פיעל **כַּמָּה מַעֲלוֹת** — פיעל שטופּ-פען. **כַּמּוּת** קאָליצעסטוואָ.

כְּמָה שֶׁנֶּאֱמַר — ווי עס איז געזאָגט.

כַּמָּה שָׁנִים (סנהדרין צא) פיעלע יאָהרען.

כִּמְטַחֲוֵי קֶשֶׁת (בראשית כא, טז) ווי ווײַט עס טראָגט אַ שאָס פון בויגען.

במרגלים: „ואשיב אותו דבר כ א ש ר ע ם ל ב ב י (יהושע יד, ז) וכן שנו חכמים שהמרגלים ע"ש מעשיהם נקראו, וכן פרשו השם „כלב" שהיה פיו ולבו שוים (סוטה, לה).

כְּמֶלֶךְ בַּגְּדוּד (איוב כט, כה) ווי אַקעניג אין אַרמיי.

כְּמִנְהַג בַּעֲלֵי־בָתִּים — ווי דער איינפיהר ביי וואָהלהאָבענדע מענשען.

כִּמְעַט (דהי״א טו, יט) ביינאַהע, שיער, קוים.

כֹּמֶר — גייסטליכער צום קלויסטער, פּאַסטער, אויסער יודישע — **כְּמָרִים** (מ״ב, כג, ה).

כֵּן — יאָ, **כֵּן יֹאבְדוּ** (שופטים, ה, לא) אַזוי זאָלען פערטיליגט ווערין (אַללע צוררים).

כֵּן יִרְבֶּה (שמות א, יב) אַזוי זאָלען זיך מעהרען (דער צאָהל פון יודישע קינדער). **כֵּן לֹא יֵעָשֶׂה** (בראשית לד, ז) דערגלייכען פּאַסירט ניט.

כִּנָּה (שבת פ״ב) אונגעציפער, לויז — **כִּנִּים** (תהלים עו, ח).

כְּנֶגֶד (פסחים, קח) געגען, „זיין כנגד״ דערווידער זיין.

כְּנֵסִיָּה (אבות, פ״ד) פערזאַמלונג — **כְּנֶסֶת הַגְּדוֹלָה** (שם, פ״א) די גרויסע פערזאַמלונג. גיוועזען נאָך דעם גלות בבל, האָבען פיעל מתקן גיוועזען. **כְּנֶסֶת יִשְׂרָאֵל** (ברכות, נג; גטן, מה) די יודישע געמיינדע (ד״ה דער גאַנצער נאַציאָן).

כַּנְפוֹת (דברים, כב, יב) די בּרעגען פון אַ פיער עקעדיגע קלייד — אין וועלכע מיר מאַכען ציצית.

כְּנוּפְיָה (שבת, ס; תענית, סד) [1] **כְּנוּפְיוֹת** — פערזאַמלונג אין אַ הויז, אויך אַ הויפען מענשען (אַנגעזאַמעל) אונטער איין געשפרעך אויף דעם פרייען מאַרק.

כִּיס אֶחָד (משלי א, יד) אין ביסיניע.

כִּסֵּא (בראשית מא, מ) שטוהל, טראָהן. **כִּסְאוֹת** (תהלים קכב ה). **כִּסֵּא הַכָּבוֹד** (ברכות נט: שבת, קנב: חולין, צא:) עהרען טראָהן, אַזוי איז אין תלמוד אויך אין די כתבי הקדש פון די נביאים (ישעיה ו, א; ירמיה יד, כא; יחזקאל א, כא; תהלים מז, יט) אָנגערופען גאָטטעס רוהע אָרט אַממעהרסטען. אָבער דאָס איז מעהר ניט ווי אַ בעגריף צו געבען, דען דער זעלבער נביא

[1]) מלי כפנה שרשיה (יחזקאל יז, ז) לאמר אספה וכנסה שרשיה אליה.

ישעיה וואָס זאָגט אַז ער האָט געזעהן גאָט זיצט אויף זיין טראָהן (ישעיה ו, א) פערטייצט ער צום סוף (ישעיה סו, א) אַז דאָס איז געמיינט די גאַנצע הימעלשע אַסטראָנאָמישע איינריכטונג (השמים כסאי) דען די געטליכקייט איז צו בעגרייפען אַלס אונבעגרענצט. **כִּסֵּא אֵלִיָּהוּ**—אֵליהו׳ס טראָהן, רופט זיך אָן וואָס מען שטעלט פאַר דעם סנדק צום ברית וואָס ער האַלט דאָס קינד [1]. **כִּסֵּא דִין, כִּסֵּא רַחֲמִים** (ויק״ר פ׳ כט; פסקא דר״כ צד קכא).

כּוֹס (בראשית מא, יא) באָקאַל, בעכער — **כּוֹסוֹת** (ירמיה לה, ה). **כּוֹס שֶׁל אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא** – אֵליהו הנביא׳ס כוס (ליהאַנאָוועס כוס) וועלכען מען שטעלט פסח צום סדר ביי דעם עפענען די טהיר צו בעווייזען אויף די חרות (פרייהייט) פון גלות מצרים, און אֵליהו וועט אויך קומען אָנזאָגען די פרייהייט פון יעצטיגען גלות (מלאכי ג, כג). **כּוֹס שֶׁל בְּרָכָה** (ברכות, נה:) **כּוֹס שֶׁל קִדּוּשׁ וְהַבְדָּלָה**– קדוש גלעזעל. **כּוֹס תַּנְחוּמִים** טרויסט בעכער, וואָס מען איז מנחם אָבל.

כְּסֵדֶר (יומא, ג: תנחומא פקודי ז.) נאָך דעם אָרדנונג, נאָך אַנאַנד.

כִּסְלֵו (נחמיה א, א) נאָמען דער ניינטער מאָנאַט. זיין ראש חדש איז אָפט צוויי טעג, דער צווייטער קומט אויס נאָר אין די טעג: **א, ב, ג, ד, ו**; אויך איז ער ניט בעשטימט אין זיינע טעג, אַמאָל ציילט ער ניין און צוואַנציג טעג און אַמאָל דריי־סיג. „כה כסלו" הייבט זיך אָן די אַכט טעג „חנוכה".

כְּסוּמָא בָּאֲרֻבָּה (נדה, כו: ב״ב יג:) ווי אַ בלינדער טרעפט פונקט אין הארובע.

[1]) נזכר בפרקי דר׳ אליעזר (פ׳ כט) ובזהר בהקדמה דף יג; שאליהו בא על כל ברית מילה. ומן הראוי היה לקרוא הכסא ע״ש אברהם אבינו, שהמילה נקראת על שמו „בריתו של אברהם אבינו" שהוא ראשון בנמולים (אסת״ר) לאות ברית וכן הלשון בגמרא (קידושין עב) יושב בחיקו של אברהם (עי״ש מהרש״א), אולי משום שנאמר באליהו „קנא קנאתי להי" שעזבו את בריתך (מ״א יט, י) על כן נקרא הכסא על שמו.

כּ׳סְעוּדַת שְׁלֹמֹה בְּשַׁעְתּוֹ (ב״מ, פג:) זאָ ווי שלמה המלך׳ס בעללער אין זיין גלענצענדיגער צייט.

כֶּסֶף (בראשית מד, ח) זילבער, געלד (שם כב, טו). **כֶּסֶף טָהוֹר** [3]) (מלכים יג). **כֶּסֶף צָרוּף** (תהלים יב, ז).

כְּעַבְדָא קַמֵי מָרֵה (שבת, י:) ווי די רעספעקט פון אַ קנעכט ווען ער שטייט פאַר זיינעם הערן.

כּ׳עִגּוּל — דער שטרודעל צום שבת מאָהל[2]).

כּ׳עֲלוֹת הַשַּׁחַר (יהושע ו, טו) צום מאָרגענשטערן אויפגאַנג.

כּ׳עָנִי בַּפֶּתַח — ווי אַ בעטלער (שטייט) אין טהיר.

כַּעַס (תהל׳ קיב, י) צאָרן; **כַּעְסָן** צאָרניגג, „איז מען אין כעס אויפ׳ן חזן שפרינגט מען ניט קדוש״ (או״ח נג, ס״ג כב ובסי׳ תקפא בהגהות). דאָרט איז געזאָגט מען בעדאַרף ניט זאָגען אָמן אויף זיין ברכה.

כַּעֲפְרָא דְאַרְעָא (פסחים פ״ג)

כַּף — נאָמען דער 11-טע אות אין אַלף-בית.

כַּף הַקֶּלַע (ש״א כה, כט) פפאַנע דער שלייַדער.

כ׳כְּפִי (מלאכי ב, ט) וועדליג.

כְּפִי הַמִּדְבָּר — וועדליג דעם אָברעהד.

כְּפוּי טוֹבָה (עבודה-זרה, ה:) פער-בייגט דאָס גוטעס, אונדאַנקבאַר. **כָּפוּף** (שבת, ז: סנהדרין, כד;) געבייגען, גענויגט, דאָס זעלבע ווי „נכנע״.

כֵּפֶל (ב״ק, פב) פערדאָפּעלונג, אויך איינע פון די פיער

---

[1]) בלשון המקרא לו נמצא כסף טהור כ״א כסף צרוף (תהלים יב, ז) והפכו הוא כסף סיגים (משלי כו, כג) גם: כסף נמאס (ירמיה ו, ל), זולתי בזהב נמצא „זהב טהור״ (שמות כה, יא).

[2]) שרשו עגול (מ״א ז, כז) וכמו עגולי דבלה (תרומות פד׳ מ״א; ב״מ כא דבר הנעשה בתבנית עגול נקרא כעגול והוא המאפה תנור הנטמן לסעודת שבת ונמצא מין מאבל מוכן למזון בשם זה בירושלמי (בכורים פ״ג) „שמעון ב״ר אבא היה בקי במרגלותא ולא הוה ליה עגול לאכול״. וספר המטעמים מביא דברי רש״ם עה״כ: „והמן כזרע גד״ פי׳ עגול והכעגול שאנו אוכלין בזמן הזה הוא זכר למן.

סיסטעמען אין רעכנונגס קונסט (מולטיפליקאציאן). **כפלים** (ישעיה מ, ב

כפול (שמות כה, טז) געדאפפעלט

כפלי כפלים — פיעלפאך.

כפול שמונה׳דיג – פערדאפעלט אין אכטען.

כופר (נדרים, כה.) אבלייגנער—

כופרים (שבת, קטז:).

כופר בכל (ב״ק, פב:) לייקענט אפ דעם גאנצען שולד (דער געגענזאטץ פון מודה במקצת).

כופר בעקר (סנהדרין, לח:) לייקענט אפ די הויפט זאכע, פון דער רעליגיאן׳ס פרינציפען (ניהיליסט).

כפרה (ברכות, ד:) בעדעקען די שולד, פערגעבונג.

כפרות — אין תלמוד איז דאס געזאגט אויף די קרבנות [1] יעצט האבען מיר מיט דעם נאמען פערהייליגט דעם דרייען איין האהן איבער דעם קאפף עיו״כ. די גאונישע מפרשים געפינען אין דעם א מנהג של שטות וואס איז כדאי דאס מבטל צו זיין [2]. „א כפרה הוהן״, דער וואס ליידעט א שטראף פאר פרעמדע פער־ברעכען. „אכפרה זאל ער ווערין״, „מעג גיין א כפרה״ — מעג אום קומען פאר זיין שעדליכקייט. „עס טויג אויף כפרות״, „אויף צעהן כפרות״ איז געזאגט אויף א זאך וואס טויג לחלוטין ניט דערצו, צו וואס דאס איז גע־שאפען; אויך אויף דעם שיידונג פון ניט קיין איינגעגעבענע פארטיי פון א ווייב א מרשעת אדער א מאנן א אויסוואורף זאגט מען אויף דעם — „אפגעשלאגען

[1]) הלשון בגמרא (ברכות, ב) „כפרה לא מעכבא וכו׳ אין כפרתו מעכבתו מלאכול בתרומה״ שקאי על הקרבן.

[2]) הב״ח (באורח חיים סי׳ תר״ה) מורה שהמהדרין אחרי תרנגול לבן, הוא מדרכי האמורי (על פי האמור בגמרא „עבודת גלולים יג)‏; אבל הבית־יוסף מוכיח שם בשם רבותינו הגדולים, שראוי לבטל המנהג הזה מכל וכל בלא הבדל בין תרנגולים לבנים או אדומים, או שחורים. ועי׳ המאמר „עבודת התרנגול אצל העמים הקדמונים״ מאת ד״ר שלמה רבין (השרון להכרמל ש״ג גליון ט׳—יא) שזבחו תרנגולים ג״כ לכפרת פשע. וכאשר תתקים בנו ההבטחה: „מכל גלוליכם אטהר אתכם״ (יחזקאל לו, כה) גם זה התרנגול ילך למיתה ואנחנו נכנם לחיים טובים ארוכים ולשלום.

כפרות". „כפרה פאַר מיר" (שבועות ט:) מײַן אויסבײַטונג.

כַּפְתּוֹר וָפֶרַח (שמות, לז, יט) אויסגעצאַצקעט, אויסגעצייכענט[1].

כְּקוֹף בִּפְנֵי אָדָם (ב"ב, נח:) ווי אײַן אַפּע, (אַבוּזאַנע, מאַלפּע) געגען אַ מענשען.

כִּקְרִיעַת יַם סוּף (סוטה, ב:) שווער ווי שפּאַלטען (אויף טרוקען צו מאַכען) דעם ים סוף.

כְּרוֹז (דניאל ג, ד; סנהדרין פו, מב:) אַ עפענטליכער אויפרוף, פובליקירט. **כְּרוֹזוֹת** (דב"ר פ"ד).

כְּרַחֵם אָב עַל בָּנִים (תהלים קג, יג) ווי עס ערבאַרמט זיך אַ פאָטער איבער (זײַנע) קינדער.

כִּרְחוֹק מִזְרָח מִמַּעֲרָב (תהלים קג, יב) ווי ווײַט עס איז דער אָסטען זײַט פון דער וועלט ביז דעם וועסטען זײַט.

כְּרָךְ (ברכות, נד:) אַ שטאָדט.

כְּרַךְ גָּדוֹל (גטין, נח; חולין, ס:) אַ גרויסע שטאָדט — **כְּרַכִּים** (עירובין, כא; כתובות, קי:).

כֶּרֶךְ — אַ בינד צו אַ בוך (ב"מ, כט:). **כְּרָכִים, כְּרִיכִין** (ב"ב, יג:). **כְּרִיכָה-כְּרִיכוֹת** (ב"מ, ו, ג:).

כַּרְמֶל (מ"א יח, יט:) אײַן פּראַכטפאָללער וועלט בעקאַנטע באַרג אין ארץ ישראל. אויף איהם האָט אליהו הנביא געמאַכט זײַן וואונדער צייכען, און אַלע יודען האָבען אײַנגעשטימט אויף אײַנצעלהײַט פון גאָט[2]. ער הייסט **כַּרְמֶל** צוליעב זײַן ברייטען פּלאַטץ פאַר פיה פיטערונג[3]. צוליעב זײַן פרוכטבאַרקײַט הייסט אויף זײַן נאָמען די ארץ ישראל ווײַנען: **כַּרְמֶל** ווײַן וואָס צייכענט זיך אויס געגען

---

1) לשון הכתוב הוא במעשה המנורה, והיה למשל ומליצה על כל דבר נחמד ונעים עוד בפי קדמונים; וז"ל המדרש רבה (ב"ר פ' צא): בשעה שהיה אדם אומר דבר מתוקן לפני רבי טרפון, היה אומר: „כפתור ופרח" ובשעה שהיה אומר דבר בטלה היה אומר: „לא ירד בני עמכם" (בראשית מא, לח), לאמר: לא תצטרף אתכם הבנתי והסכמתי.

2) כמסופר במל"א יח: ונקבע בתפילותינו: „עננו כמו שענית לאליהו בהר הכרמל".

3) מלשון הכתוב „ירעה מקניך כ ר נרחב" (ישעיה ל, כב), וכמ"ש אם יחבאו בראש הכרמל (עמוס ט, ג), ואומרים משום שיש בו מערות ומנהרות מקומות מובשרים להתחבא.

אייראָפּייאישע, און ווערען בעריהמט פון פּראָפעססאָרען און אויף אַלע אויסשטעלונגען.

כַּרְעֵיה דְאַבוּהָ (עירובין ע:) די פוס פון דעם פאָטער, ד. ה. געראָטען אין טאַטען.

כּוֹרְעִים וּמִשְׁתַּחֲוִים (אסתר ג, ב) בויגען און בוקען זיך.

כַּרְפַּס (כתובות, סא:) ערד געוויכסע, גרינס.

כָּרוּת (ויקרא יז, ד) אויסראָטונג, אָבטרענען. ווען יעמאַנד געהט ניט מיט דעם אַבראַד וואָס בעצייכענט דעם נאַציאָן, ווי מילה אָדער חמץ אום פּסח עסען — הייסט יענער אויסגעשלאָסען פון זיין פאָלק (ונכרתה מעמיו).

כֵּשֵׁם (ברכות, נה.) זאָ ווי, ווערליג.

כִּשּׁוּף (דה"ב לג, ו; סנהדרין נו:) צויבער.

כָּשֵׁר (אסתר, ח, ה) רעכט־שאַפען, טויגליך, ערלויבט צום געברויך — **כְּשֵׁרִים**.

כַּשְׁרוּת (ב"ב, קכח:) דאָס איז דער געגענזאַטץ פון פּסול, טרפה. „כשר'ע בהמה": די פיה וועלכע זיינען ניט פערבאָטען צום עסען, ווי זיינען בעצייכענט מיט צוויי סימנים, זיינען מעלה גרה און די קלייען זיינען איבער געשפּאָלטען. דיזע זיינען איבעראַל ניט קיין רייסענדע ווי טהירע און קענען שלעכט ניט ווירקען אויף די וואָס עסען פון זייער פלייש מיט זייער חאַראַקטער, וויל זיי זיינען תמ'עוואַטע. דערום רופט מען אויך אַ מענשען וואָס איז זייער נאַאיוונע, אָהן פאַלשקייט און שעדליכע חיטראָסט— „כשר'ע בהמה". „כשר'ער יוד" אָרענטליך און פרום[1]). „כשר טאַנץ" — דער טאַנץ וואָס איז פערעכינט פאַר אַ מצוה, זאָגאַר מיט אַ אשה, דאָס איז צו געהן אויף אַ חתונה מיט דער כלה אדריי־טאַנץ, צו מקים זיין „כיצד מרקדין"[2]). „כשר טענציל" הייסען אויך די קאַראַהאָדען וואָס דער רבי טאַנצט מיט זיינע חסידים, אַריינקומענדיג אין גרויס

---

[1]) לכל אדם ישר קורין בשם „כשר", כמו: „כל המוריד דמעות על אדם כשר" (שבת, קה:), „טבי עבדי כשר היה" (ברכות, טז:), „כורש מלך כשר היה (ראש השנה ג:).

[2]) ובאמת אמרו „ביצד מרקדין לפני הכלה" (כתובות, טז:) ולא עם הכלה.

התלהבות. „כשר׳ע כלי״ אַנגעשירר וואָס איז ניט פערמישט געוואָרען אין איהר פליישיגס מיט מילכיגס, און זי איז מילכיג, אָדער פליישיג אָדער גאָר פּאַרעווע, און מען קען נאָך פון איהר מאַכען איינס פון די צוויי. „כשר׳ן כלים״, „גע׳כשר׳ט כלים״ הייסט דעם טובל זיין נאָך דעם שייערין, אָדער אַ חמצ׳דיגע אויף אַ פּסח׳דיגע. „אָפּ כשרן פלייש״ — אָפּגיסען די פלייש נאָך דעם בעזאַלצען. „כשר פערדינט״ — אַ שטראָף וואָס יעמאַנד ליידעט וואָס עס קומט דאָט איהם לכל הדעות. „כשר׳ע האַלדז״ רופט אַ ווירטהען איהר הויזמעדכען וואָס נעמט ניט אַליין צו עסען זייענדיג אפילו זייער הונגעריג. „כשר ה קיך״—וואו עס ווערט אָפּגעהיט ניט צו מישען מילכיגע מיט פליישיגע כלים און מען עסט נור פלייש פון יודישע שחיטה מיט זאַלצען. „כשר׳ע נשמה״ וואָס האָט נאָך ניט טועם טעם חטא געוועהן. „כשר׳ער פּסח״, „כשר׳ע סוכה״, „כשר׳ע ציצה״ דאָס אַלעם הייסען פּינקטליך איספּאָלניאַיעט נאָך דעם דין.

כְּ׳שׁוּרָה (ישעיה כח, כה; ב״מ, עג:) עס גייט אין גראַדען אָרדנונג (זעה — „שורה״).

כַּת (סוטה, מב:) — **כִּתָּה** (ביצה טו:) פּאַרטיי. **כִּתּוֹת** (חגיגה יב; תענית, כט; ר״ה טז: סוטה, יד) קאָעטוס, גרופּען. **כַּת לֵצִים** (סוטה, מב:) **כַּת לֵצָנִים** (סנהדרין, קג:) באַנדע אָפּלאַכער, שפּאָטער, הויבטזעכליך שטאַמט דאָס פון די וואָס אירר־ליכט פערפיהרט רייזענדער, גלויבענדיג דאָס טייוואָלים שפּאָטען זיי אויס.

כְּתָב (אסתר, ח, ח; הוריות, יג; מנחות, מד:) צייגניס. **כְּתַב** (מגילה, ט; חולין י:) שרייב אַרט. **כְּתָבִים**. שריפטען. **כַּתְּבָן** (כלים, פי״ז, מ״ב) קינסטלער אין שריפט (קאַלליגראַף). **כַּתְּבָנִים** (ירושלמי, מגילה פא דע״א). **כַּתְּבָן גָדוֹל**[1]. **כְּתוּבָּה** (שבת, יז:) — **כְּתוּבּוֹת** (כתובות פט) שריפטליכע צייגניס, הויכצייטס פערשריבענים דאָקומענטען צווישען די פּאַאַר, דאָס האָט מתקן גיוועזען שמעון בן שטח (כתובות, פב:).

---

[1]) במדרש חז״ל חלשון: „כתבן מובחר״ (ילקוט קהלת תתקסח).

כְּתוּבִים (ב"ב, יג:) שריפטען, ד"ה די מגילות: „רות, שיר השירים, קהלת, אֵיכה און מגילת אסתר" אויך דניאֵל עֶזרָא, צוזאַמען מיט נחמיה [1] און דברי הימים (שם). אַלע צוזאַממען שטעלט דאָס אויף דער דריטער טהייל פון תנ"ך וואָס איז אָנגערופען כתובים. **כְּתוּבִים אַחֲרוֹנִים** — די אַפּאָקריפען, שריפטען וואָס זיינען איבער געזעטצט פון גריכיש ענליך צו די אָריגינעלע כתובים [2]. **כִּתְבֵי הַקֹּדֶשׁ** (שבת, קטו; ידים פג:) די היילינע שריפטען, אַזוי הייסען די ספרי נביאים, דער גאַנצער תנ"ך בכלל. **כְּתִיבָה טוֹבָה, כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה** — אַזוי ווערט געוואונשען אום ראש השנה אויף דעם גרונד פון תלמוד (ראש השנה טז:). **כָּתוּב וְחָתוּב** (ב"ק, פד) פערשריעבען און גע־שטעלט אַזיגעל. „גע'כתב'עט". **כִּתְבֵי יַד** (ב"ב קסז.) מאַנוסקריפּ־טען. געשריעבענע און גערדוק־טע פערפאַסונג.

כּוֹתֶל מַעֲרָבִי [3] דער מערב וואַנד וואָס איז פערבליע־בען פון בית המקדש צייט חורבן, די פעלקער רופען איהם: „די יודישע טרויער־וואַנד", דען עס קומען דאָרט די דערבייאיגע

---

[1] גם כל מלי דעזרא, נחמיה בן חכליה אמרינהו (סנהדרין, צג:) ושאיל בגמרא: „מאי טעמא לא אקרי ספרו על שמו"? ותשובה ע"ז הביא שם מהכתוב „שם עולם אתן לו אשר לא יכרת" — „זה ספר דניאל שנקרא על שמו". הלא יקשה; על שם מי יקרא? הלא כל הספרים נקראו על שם כותבם? אך זה הוא הדבר שכל מלי דעזרא, נחמיה בן חכליה אמרם בכ"ז נקרא ע"ש עזרא, ולא עוד שגם ספר נחמיה נצטרף לספר עזרא במספר ספרי כתבי הקדש.

[2] מצאתי להעיר, כי ספר בן סירא—אשר על ספרי כתובים אחרונים יתחשב, נקרא בגמרא: „כתובים" סתם, ומחברו ומצטרפו אל התנ"ך בלשון זה: „כתוב בתורה, ושנוי בנביאים, ומשולש בכתובים" וכו' ועל כתובים מביא שם פסוק מבן סירא (ב"ק, צב).

[3] כן נקרא קיר המערבי הנשאר מחורבן בית המקדש על שממת הר הבית בירושלים, מקום מקדשנו. ואמרו: „כותל מערבי של בית המקדש אינו חרב לעולם" (פסיקתא פ' החדש הזה על הכתוב „דומה דודי לצבי), ואיתא: „אין השכינה זזה מכותל מערבי" (מדרש תהלים יא, ג. תנחומא שמות י). וכן אמרו חז"ל על הכתוב: „והשמותי את מקדשכם" (ויקרא כו, לא:) „קדושתם אף שהם שוממין" (מגילה, כח:).

יודישע אײנוואָהנער, אויך רײזענ־דער, אויסווײנען זײער ביטער הערץ וואָס זײ זײנען נע ונד, צײט מיר זײנען ערװײטערט גע־וואָרען פון אונזער לאַנד, אויך אונטערדריקט און בערויבט פון מענשליכע רעכטע און בירגער־רעכטע אין פיעל לענדער. און צווישען מאַנכע ווילדע פעלקער.

די לײנג פון דער וואַנד איז 48 מעטר און די הויך איז בלויז נור אַכט מעטר, דען די אונטערשטע אָפּטהײלונג פון צעהן צײלען שטײנער איז בעגראָבען אין דער ערד. די לענג פון יעדען שטײן איז אונגעפעהר 1 מיט אַ האַלבען מעטר, און דיק—1 מעטר.

ל.

ל—דער 12־טע אות אין „א״ב״ און דער 3־טע נאָך דעם י, דערום דינט ער אַנשטאָט די צאָהל „30״, און שליסט זיך מיט נאָך בוכשטאַבען צו בע־נוטצען אויף אײנצעלנע מיט צעהנדליגע צ. ב. ש:

ל״ג בָעוֹמֶר – 33 טעג אין ספירת העומר.

דער בוכשטאַב ל דינט צום אָנפאַנג וואָרט אַנשטאָט דעם וואָרט: אֶל—„צו״.

אויך דינט ער אַנשטאָט דעם בעגריף „פיר״—ה׳ יִלָחֵם לָכֶם (שמות יד, יד) גאָט וועט פיר אײך שטרײטען. אויף דעם בעגריף „צו זײן״—טוב לחסות בה׳ (תהלים קיח, ח) עס איז גוט צו זײן בעשיצט אין גאָט [1].

אויך האָט דער למד אין זײנע אײגענשאַפטען צוזאַממען צו שטעלין פערקירצטע ווער־טער (ר״ת), ווי דיזע:

---

[1] הספר מורה הלשון בחלקת שמוש הלשון הולך וחושב עד ששה עשר אופני שמושים להאות ל; ומורה גם על טוב הערך והסדר, כמו למשפחתיהם יצאו מן

ל-איז אויספיהרליך צו לעזען: לשון.

ל"א - לא אמרינן, לשנא אחרינא.

ל"ג - לא גרסינן.

ל"ד - לאו דוקא.

להד"ם - לא היו דברים מעולם.

לכ"א - לכל אחד.

לאו"א - לכל אחד ואחד.

לכד"פ - לכל הפחות.

ל"ל - למה לי.

למ"ד - למאן דאמר.

לע"ע - לעת עתה, לעתיד לבא.

לפ"ז - לפי זה.

לפענ"ד - לפי עניות דעתי.

לפ"ק - לפרט קטן.

ל"צ - לא צריך.

ל"ק - לא קשיא.

לשה"ק - לשון הקדש.

לשה"ר - לשון הרע.

לש"ש - לשם שמים.

ל"ת - לא תעשה.

לא (בראשית ב, יז) ניכט, לא, ניט „מיט א אלף" אזוי ווערט עס פערטייטשט יענער זאל קיין טעות ניט האבען און מיינען „לו" מיט א וואו, וואס האט דעם בעדייטונג: „צו איהם". **לא אליכם** (איכה א, יב) ניט פאר אייך געדאכט. **לא גרסינן**- זא האבען מיר ניט געלערנט, דארום זיינען מיר ניט איינשטימיג [2]. **לא די** (סנהדרין, ה.) עס איז נאך ניט גענוג. **לא דק** (סוכה, ח.) עס איז ניט גענויט געמיינט גאר אויף א האר. **לא הא ולא הא** (שבת, קנב:) ניט דאס און ניט יענס. **לא היה ולא נברא** (ב"ב, טו:) ניט ער איז געווארען, ניט ער איז געבאהרען. **לא זה הדרך** (מ"ב ז, יט; ב"מ, לז:) ניט אין אזא וועג געהט מען אוועק. **לא חדש ולא שבת** (מ"ב ד, כג) ניט ראש חדש ניט שבת (קיין פראזדניק). **לא יאוחר** – ניט פערזאמען. **לא יזכר ולא יפקד** — זאל עס ניט געדאכט

התבה (בראשית ח, יט); ובא לשמש יחד עם מם השמוש, „והקול נשמע עד למרחוק" (עזרא ג, יג), ויש שהמם קודמת: „מלמעלה החרם" (שופטים ח, יג) ותחת מלת היחס „את"—הרגו לאבנר (ש"ב) תחת את אבנר.

[1]) מלי גרסא (ברכות, ח:) „היכי דהוו גרסי" (שם.).

ווערִין. „לא יחרִין—גֶעלד". **לא יִמָּלֵט** (משלי יט, ה) עֶס קָאן נִיט עֶנטרִינֶען. **לא יַעֲלֶה וְלא יָבֹא** – זָאל עֶס נִיט פָארקוּמֶען. **לא יִצְלָח** (ירמיה יג, ז) אוּנ־נוּצלִיךְ, צוּ קֵיין זַאךְ. **לא כְּתָב וְלא לָשׁוֹן** (ע״ז, ט:) קֵיין שרִיפט אוּן קֵיין שפּראַךְ. **לא מְנָה וְלא מְקַצְתָה** (סוטה, ח:) נִיט פוּן דָאס אוּן נִיט עֶטוואָס. **לא מַעֲלֶה וְלא מוֹרִיד** — נִיט עֶס פערעֶרגערט, נִיט עֶס בעֶ־סערט. **לא עָלְתָה עַל דַּעְתִּי** (ירושלמי קדושין פ״ג) עֶס אִיז אוֹיף מַיין געֶדאַנקעֶן נִיט הערוֹיף געֶ־קוּמעֶן. **לא פָּחוֹת** (סוכה, מה: סנהדרין צז.) נִיט וועֶהנִיגעֶר. **לא פָסַק פּוּמֵיהּ מִגִּירְסָא** (ב״מ, פה:) זַיין מוֹיל האָט נִיט אוֹיפגעֶ־הערט פוּן דעֶם לערנעֶן. **לא צָחַקְתִּי** (בראשית יח, טו) אִיךְ האָבּ גאָר נִיט געֶלאַכט—דאָס ווערט געֶזאָגט ווען עֶס גִיט זִיךְ נִיט אַיין, נִיט געֶלוּנגען. **לא קָם** **כָּמוֹהוּ** (מ״ב כג, כה) עֶס אִיז אַזעֶלכעֶר נאָךְ נִיט געֶוועֶן. **לא תַעֲשֶׂה** (שמות כ, י) טהוּע נִיט.

לֵאָה (בראשית כט, טז) דִי צאַרטעֶ [1]).

דִי עֶרשטעֶ אִיז געֶוועֶן מִיט דעֶם נאָמעֶן אֵיינעֶ פוּן דִי אִמהוֹת, דִי פרוֹי פוּן יעקב אָבִינוּ, פוּן אִיהר זַיינעֶן אַרוֹיסגעֶקוּמעֶן זעֶכס שבטִים—אַ העֶלפט פוּן גאַנצעֶן נאַציאָן.

לְאַבּוּד — צוּם פערנִיכטוּנג.

לַאֲחָדִים — אוֹיף אֵיינצעֶל־נעֶם פערקוֹיף (אויפען היכר).

לְאַחַר זְמַן — נאָךְ דעֶר צַייט.

לְאַחַר יֵאוּשׁ (ב״מ, כו:) נאָךְ דעֶם קוּמעֶן צוּם פעֶר־צווייפלוּנג.

לְאַחַר יַד (כתובות, מ:) אוּנ־טערעֶן האַנד.

לְאַחַר מַעֲשֶׂה (ר״ה, כט: חולין, קא:) נאָךְ דעֶם אָפּטהוּן.

לְאַחַר מִיתָה (מנחות, ד; כתובות סז:) אוֹיף נאָךְ דעֶם אָבּשטערבּעֶן.

[1]) תרגמתי מענין ליאות מרוךְ ועדן, כי הרךְ והענוג נראה כנלאה ויגע. ומה שכתוב ועיני לאה רכות, ידוע בכל המקרא שרךְ נרדף עם עונג ועדן (צארט), כמו: „הרכה בךְ והענוגה" (דברים כח, נו), „לא תוסיפי יקראו לךְ רכה וענוגה (ישעיה מז, א); וכן מפרש הרשב״ם „ועיני לאה רכות—נאות", וכן התרגום אונקלוס: „ועינו לאה יאין", זהי פשוטו והדרש משתמש לענינו.

לְאַלְתַּר (ר"ה, טז:) באַלד, גלייך. **לְאַפּוּקֵי** (ב"מ, ו. ב"ב, נו: מנחות, ה.) אויסשליסליך, אויסער. **לֵב** (בראשית ח, כא), **לֵב** — הערץ, כאראַקטער — **לְבָבוֹת** (דהי"א כה, ט). **לְבוֹת** (משלי כד, יב). **לֵב טוֹב** (אבות פ"ב) גוט הערציג, גוטען כאראַקטער. **לְבַד** (אסתר ד, יא) אויסגענומען, אויסער, חוץ. **לְבַטָּלָה** (שבת, עז: נדרים ח:) צו ניכטס ברייננגען, אונטהעטיג.

לְבָנָה (ישעיה כד, כג) מאָנד, זי גיט אונז דעם אָבּשטראַלענדען שיין פון די זוןשיין, וואָס פאַלט אויף איר זייט וואָס אַנדגעגען דער זון, ווי עס איז איר צו זעהן ווען זי איז ניט אין איר פאָלער רונדע ליכטיגקייט: אין אָבענד איז איר האַלב רונדע ליכטיגקייט צו מערב זייט וויל עס פאַלט אויף איר די זון שטראַלען וואָס זי געפינט זיך אין יענער זייט נאָך איר אונטערגאַנג, און דאָסמאָרגינס ווערט איר האַלב רונד פאָרמע פון איר זייט וואָס איז אַנדגעגען מזרח, וויל די זון קומט אָן נעענטער פון יענעם זייט און בעלייכטעט איר זייט וואָס צו מזרח, אָבער ניט זי האָט זיך אומגעקערט מיט איר פעליגען זייט צו מערב [1]. (איר בעשטימטע צייט צום ערנייאונג אין יעדער מאָנאַט,זעה—„מולד").

לְבָנוֹן (דברים ג, כה) מיט דעם נאָמען „ליבאַנאָן" איז גרויסע בערגע צווישען פּאַלעסטינאַ און סיריען, איז בערימט מיט זיינע הויכע און דיקע צעדערבוימער וואָס זיי רעכנען זיך צו זיין אין איין עלטער מיט דאָס ערדע אַליין [2]. דער לבנון פערמעגט נאָך אַ מערקווירדיגקייט: וואָס אין איהם הערשט אַ גאַנץ יאָהר די פיער סעזאָנען פון יאָהר אַלע צוזאַמען, זיין געשמאַק

[1]) כאשר הערו ע"ז בגמרא: „מעולם לא ראתה חמה פגימתה של לבנה" (ראש השנה כ"ג), והטעם הוא כאשר בארתי בזה.

[2]) זה שאמר דוד בתהלותיו (קד, טז) „ישבעו עצי ה', ארזי לבנון אשר נטע" — בעצמו בזמן הבריאה.

פאַלער גערוך איז געשטעלט צום מוסטער 1). שלמה המלך האָט אין איהם געבויט זיין זומער פּאַלאַץ „בית יער הלבנון״ (מלכים-א ז, ב; י, יז. שם כא). דעם באַרג האָט משה רבינו ע״ה דערמאָנט מיט גרויס נייגיערדע אין זיינעם פיעל בעטען צוזעהן דאָס גוטע לאַנד—געמליך. דעם **לְבָנוֹן** (דברים ג, כה), אויך די נביאים הקדושים שטעלען איהם פאַר אַ ביישפּיעל פון פּראַכט, שטערקע און רייכקייט פון דער נאַטור 2).

ל׳בְרִיאַת הָעוֹלָם (ע״ז, ט:) פון דער צייט״וועלט באַשאַפונג.

ל׳בְרָכָה (משלי י, ז) צום זעגנונג.

ל״ג בָעוֹמֶר — דער 33-טער טאָג פון די פופציג ספירה-טעג, וואָס מען בעדאַרף צעהלען פון פסח ביז שבועות, דאַן צו ברייננגען דעם ערשטען גאַרב (עומר) פון די נייע תבואה. דיזער טאָג איז בעשטימט פאַר אַ יומא דפגרא, וויל אין איהם איז אָפּגעהאַלטען געוואָרען דער פּעסט פון רבי עקיבא׳ס תלמידים, וואָס זייער צאָהל איז געוועזען ביז 24 טויזענד און זיינען געוועזען פּלוטזיש פאַררעכנט אין בר כוכב׳ס אַרמעע; דערום מאַכען קינדער ביקסלאַך און בויגענס און גייען מיט זייערע רבים אין פעלד שפּאַצירען און שיעסען.

ל׳גַבֵי (ברכות, לג) אין פערגלייך, צום קאָנטראַסט.

ל׳גְנַאי (שבת, נו:) צום בעליידיגונג.

ל׳דוּגְמָא (שבת יא, צ:) צום פּראָבע, אַלס מוסטער.

ל׳הָבָא (ב״ק, עב:) צום צוקונפט.

ל׳הַבְדִיל (בראשית א, יד) צום אונטערשיידען, אָבצוזאָנדערען. **לְהַבְדִיל בֵין הַחַיִים וּבֵין הַמֵתִים** 3) צו אונטערשיידען צווישען לעבענדען און טויטען, דאָס ווערט געזאָגט ערּאינערינדיג אַ גע-

---

1) „וריח לו כלבנון״ (הושע יד, ז; וכמ״ש בשיר השירים ד, יא).

2) שה״ש ד, יד; ה׳ טו; ישעיה לה, ב; שם ס, יג; תהלים צב, יג; הושע יד, ו; ועוד.

3) משום שנאמר ויעמוד בין החיים והמתים ותעצר המגפה (במדבר יז, יג).

שטאָרבענעם. **לְהַבְדִּיל בֵּין טוּמְאָה לְטָהֳרָה** [1] צום אָבזאָנדערן צווישען אונרייִנהייט און רייִנהייט — ביי צוזאַמען ערווענענדיג צוויי אַזעלכע אונגלייכע קאָנטראַסטען. **לְהַבְדִּיל בֵּין קֹדֶשׁ לְחוֹל** (יחזקאל מב, כ) צו אָבזאָנדערן צווישען הייליגען און אונהייליגען (וואָכענדיג). **לְהַדְלִיק** (חגיגה, ג:) „געמאַכט להדליק", אָנגעצונדען, עס זאָל ברענען. **לְהוֹט** (ב"ר צ"ג ו; תנחומא סי' יב) להוט'רע, נייגעריג, איבערגעבען [2]. **לְהַכְעִים** (מ"א טו, יג; מו"ק יח:) ערצירנען, „טוט צו־להכעים" צום ערגערן. **לְהֶפֶךְ** (יחזקאל טז, לד) גראַדע פערקערט. **לַהֲרוֹג וּלְאַבֵּד** (אסתר ג, ג) טויטען און פערטיליגען. **לַאו** (ב"ק, י) ניט. **לַאו דַוְקָא** (גטין, מד:) ניט גענוי.

לוֹה (משלי כב, ז) לייהער, באָרגער, שולדנער.

לֵוִי (בראשית כט, לד) זיך אַנשליסען, פערבינדען. אַזוי האָט אונזער מוטער לאה גערופען איהר דריטען זאָהן; און זיינע נאָכקאָמען הייסען: „שבט לוי". פון דעם שבט לוי שטאַמט משה רבנו. אויך איז פון דעם שבט אָפגעזאָנדערט געוואָרען פון אהרן, משה'ס ברודער — די כהנים. די לוים זיינען געוועזען בעשטימט אלס געהילפע פון די כהנים צו גאָטטעס דינסט, און אויך זינגער און שפּיעלער אין טעמפּעל. אין ערשטען בית המקדש איז בעשטאַנען בלויז זייער כאָר און אָרקעסטער פון פיער טויזענד מאַנן, וואָס האָבען נור געשפּיעלט אויף די אינסטרומענטע וואָס דוד המלך האָט זעלבסט פיר זיי איינגעריכטעט [3]. אין סך הכל זיינען געוועזען לוים אין זיין צייט, בלויז מענער, פון דריי־

[1] מעין ויקרא יא, מז.

[2] מלה תלמודית, הוראתה על המסור לאיזה דבר בכל חושיו (ירושלמי פאה, ה' טו): „דואג ואחיתופל שהיו להוטים אחר לשון הרע".

[3] „וארבעת אלפים מהללים בבלים אשר עשיתי להלל" (דהי"א כג, ה).

סיג יאָהריג און ווייטער—אַכט און דרייסיג טויזענד (דהי"א כג, ג–ה). ביי יעצטיגער צייט איז פערבליעבען פיר זיי איין נאַציאָנאַלע אַמט, דאָס זיי גיעסען אויף די כהנים אויף די הענד בעפאָהר זיי געהען דוכנ'ען, אויך רופט מען זיי אויף צו דער תורה די צווייטע נאָך דעם כהן.

לְוַאי (ברכות, כא.) דאָס זעלבע ווי „הלואי".

לְוָיָה (סוטה לח: עירובין נה:) בעגלייטונג. **לְוָיַת הַמֵת** (ריש מפנין.) דאָס בעגלייטען איין פערשטאָרבענעם צום בעערדיגען איהם; דאָס איז פעררעכענט אין די מצוות וואָס אַ מענש געניסט די פריכטע פון בעלאָהנונג אויף דיזען עולם, און דער קרן איז פעסטגעשטעלט צום יענעם עולם (שבת, קכז:).

לִוְיָתָן (תהלים קד, כו) דיעזער גראָססע פיש, מיט זיין נאָמען „לויתן", איז ערואינערט אין תנ"ך פינף מאָל אַלס עקסעסטירענדער אין דער פראַקטישער וועלט. דעם לויתן מיט'ן שור הבר (ווילדער אָכס) זיינען ביידע זאַגענהאַפטע צום געברויך אויף דעם באַאל פאַר די צדיקים אין עולם הנשמות און ויין צום געטראַנק פון דעם יין המשומר (ב"ב עד, ירושלמי מגילה פ"א, שם פ"ג, סוכה לד, ילקוט ישעיה רמ"ז שס"א); דאָס איז די ערשטע כתה, וואָס נעמען אַזוי אָן אין פשטות, ווי. דער רמב"ם טהיילט זיי איין אין דריי קלאַססען, מיט זייערע פערשיעדענע בעגריפען, וועגען תענוגי עולם הבא [1], און ער פערלאַנגט פון די פריי=דענקער, זיי זאָלען זיך ניט האַלטען קליגער פאַר חכמי התלמוד, דען זיי האָבען דאָס אויך בלויז געזאָגט אַ בעגריף צו געבען, דען זיי זאָגען אויך אין אַיידעלערען זייט (ברכות יז.) „אין די קינפטיגע וועלט עקסעסטירט ניט עסען, ניט טרינקען, נור ווערטלאָזע זיינען ערקרוינט מיט זייערע ערוואָרבענע קרוינען — דורך תורה ומעשים טובים — און געניסען

[1]) עיין בפירוש המשניות להרמב"ם במסכת סנהדרין, במשנה: „כל ישראל יש להם חלק לעולם הבא".

פון די געטליכע לויטערקייט" וואָס מיר קענען שוין אין דעם קיין בעגריף ניט האָבען, מיט אונזערע פינף חושים (געפיהלען), און עס בלייבט מעהר ניט ווי צום גלויבען.

לְ'זִכְרוֹן דְבָרִים (שבועות, מד) צום ערינערען דעם אָברייד.

לוּחַ (ישעיה ל, ח) טאַפעל, פלאַטע.

לוּחוֹת (שמות כד, יב). **לוּחוֹת הַבְּרִית** (דברים ט, ט) די טאַפלען פון די צעהן געבאָטע.

לוּחוֹת הַחֶשְׁבּוֹן — טאַפלען צום רעכנונגס קונסט. **לוּחַ הַמַפְתְּחוֹת** — שליסעל'ן טאַפעל, אַזוי הייסט דאָס אינהאַלט בעצייכנונג פון אַיין בוך. **לוּחַ הַשָּׁנָה** — יאָהר קאַלענדאַר.

לְ'חִוּוּק (ירוש' כתובות פי"ב) צום פערשטערקען.

לְ'חַיִּים (משלי י, טו) **לַחַיִּים** (ישעיה ד, ג) צום לעבען (וואָהלזיין). דער וואונש (טרינקשפרוך) ווען מען טרינקט אין אַ געזעלשאַפט (שבת, סז:) דען עס גיט אויך ווען מען טרינקט צוליעב דעם שטערבען, ווי צום מנחם אָבל זיין, אָדער וואָס מען פלעגט געבען אַ בעכער טרינקען איין פעראורטהיילטען צום טוידט פערשכור'ן אים, צו פערלייכטערען אים ער זאָל ניט קלאָר שפירען זיין טוידט-שטראָף [1], ווי דער פסוק זאָגט: „גיט בערוישענדעס געטראַנק דעם אומגליקליכען, און ויין—דעם פערביטערטען געמיהט" (משלי לא, ו).

לְחַיִּים טוֹבִים וּלְשָׁלוֹם — צום גוטען לעבען און צום פריעדען — אַזוי אַנטוואָרטעט דער, צו וועמען מען טרינקט „לחיים".

לַחֲלוּטִין (עירובין טו: ממ"א, כ, לג:) בעשטעטיגט, בעשטימט.

לֶחֶם (בראשית יח, ה) ברויט, שפייזע, נעהרונג (בראשית ג, יט). **לַחְמָא**-איז די זעלבע ווי

---

[1]) הטעם הזה באר לי אבי מורי נ"י, בגירסא דינקותא, והוא מסנהדרין מג: „היצא ליהרג משקין אותו קורט של לבונה של יין כדי שתטרוף דעתו שנא' תנו שכר לאובד" וכו' (משלי לא ו:). וכמו כן הוא בתנחומא (פקודי סי' ב): אם הוא מחויב סקילה מביאין לו יין טוב יחזק ומשקין אותו כדי שלא יצטער מן הסקילה",

לֶחֶם-אין חאַלדעאַיש (ארמית—תרגום לשון). **לֶחֶם הַפָּנִים** (שמות לה, יג) ברויט געלייגטע נור לפנים, ניט צו עסען, נור צום צערעמאָניע (מנחות פא:). **לֶחֶם חֶסֶד**—געגאַדען ברויט. **לֶחֶם עֹנִי** (דברים טז, ג) אָרימע ברויט, ברויט דער עלענדער, לײדענדע. אַזוי הייסט די מצה פון פסח: **לַחְמָא עַנְיָא**—צום אַנדענקען וואָס מען פלעגט געבען עסען די שקלאַפען אָן זאַלץ עס זאָל זײ טױגען אויף לענגער. **לֶחֶם עֲנִיִּים**—ברויט פיר אָרימע (צו ערנעהרען אומזאָנסט).

לַ׳הַצָּאִין (כריתות ו; פסחים קיד:) אויף די העלפט.

לַחַשׁ (ירמיה, ח, יז) בעשווערונג, פערערעדען, אָפּשפּרעכען. אויך אין בעדײטונג שטיל בעטען, מורמלען (ישעיה, כו, טז) ועה.—„תפלה בלחש".

לְ׳טוֹבָה (בראשית, נ, כ; סנהדרין ב:) צו גוטען. **לְטוֹבָתִי** (ספרי קרח, יח) צוליעב מײן וואָהל. **לְטוֹבָה אוֹ לְרָעָה** (סנהדרין, פט:) צום גוטען אָדער צום בײזען. **לְטוֹבַת הַכְּלָל** — פיר דעם אַלגעמײנעם וואָהל. **לְטוֹבַת הָעִנְיָן** — אום אויסצובעסערן דעם געגענשטאַנד. **לְטוֹבַת הָעֵסֶק**—צו אויסבעסערען דעם געשעפט.

לִטְרָא (תרומות, פב, ביצה ג; ב״ב פט) איין פפונד, פונט—**לִטְרָאוֹת. לִטְרָא בָּשָׂר** אַפונט פלייש. **לִטְרָא דָגִים** — אַפונט פיש.

לִ׳ידֵי נִסָּיוֹן (סנהדרין קז:) צוּבעשטײן אַ אויספּרוב.

לִידִידִי (ישעיה, ה, א) צו מײן פרײַנד (ליעבלינג).

לַ׳יְּהוּדִים (אסתר, ח, טז) צו די יודען—איז געוואָרען פרעהליך!

לְ׳יָמִים הַבָּאִים (ב״ק, ג) אויף דער צוקונפט.

לִ׳ימוֹת הַמָּשִׁיחַ (ברכות, לד) אין משיח־צײטען.

לְ׳יֶתֶר בִּטָּחוֹן—צוליעב מעהר זיכערהײט.

לֶךְ־לְךָ — געה דיך. דאָס איז די דריטע סדרה פון ערשטען ספר אין דער תורה (בראשית יב, א—יז, כז). אין איהר איז ערצעהלט פון דעם ערשטען

שטראַהל פֿון דעם אַרויסטרעטונג אַברהם אָבינו׳ס געגען זיין פֿאַ־טערס פֿאַמיליע און געגען זיין לאַנד וואָס האָבען געדינט געט־צען, און האָט געוואַנדערט איבער דער לאַנד כנען צו פֿערשפּריי־טען גאָטטעס בעקענטניס און פֿערפלאַנצען גוטע מדות אונ־טער יענע ווילדע פֿעלקער, וויזענדיג פֿון זיך גוטע מדות זייענדיג אַ גרויסער מכניס אורח, אַ רודף שלום, ומַעֲבִיר עַל מִדּוֹתָיו (בראשית יג, יד, יח). אויך האָט ער פֿערפלאַנצט ביי אונז דעם ברית מילה, וואָס דאָס היט אונז אויס פֿון פֿיעל שעדליכע קראַנקהיי־טען און צוליעב דעם פּרוכט־באַרען מיר און מעהרען זיך [1].

לְ׳כָבוֹד (שמות כח, ב) צוליעב די אַכטונג. לִכְבוֹד יוֹם טוֹב – לִכְבוֹד שַׁבָּת (ביצה, טז:). לִכְבוֹד הַמְחוּתָּן – לִכְבוֹד הַמְחוּתָּנִים. לִכְבוֹד הַמְחוּתֶּנֶת׳טֶע — שפּיעלט מוזיק!.

לְ׳כַךְ נוֹצַרְתָּ (ירוש׳ כלאים) אויף דעם ביזטו געשאַפֿען.

לַ׳כֹּל (קהלת ג, א) צו יעדעם.

לְ׳כָל (בראשית א, ל) צו אַלעס, צו גאָר. לְכָל הַדֵּעוֹת נאָך יעדעם מיינונג, איינשטימיג.

לְכָל הַפָּחוֹת (לכה״פ) צום וועניגסטען. לַכֹּל זְמָן (קהלת ג, א) צו אַלעם איז אַ צייט.

לָ׳כֵן (בראשית ד, טו) דאַהער, דאַרום.

לְ׳כַ׳תְּחִלָּה (ברכות, טז:) וואָס ערשט געשעהן איז.

לוּלֵא (תהל׳ קכד, ב) ווען ניט. לוּלֵא זֹאת–ווען ניט דאָס.

לוּלֵי (תהלים קכד, א) וויזע יאַ.

לַיְלָה (בראשית א, ח) נאַכט.

לֵילוֹת (ש״א ל, יב).

לֵיל שִׁמּוּרִים – לֵיל פֶּסַח (שמות יב, מב) די פּסח׳דיגע סדר נאַכט.

לְ׳כַף זְכוּת (ברכות, טז:) צום וואָגשאָל פֿון דער גערעכטיגקייט. לְכַף

[1] ככתוב שם: ואתנה בריתי ביני ובינך וארבה אותך במאד מאד (בראש׳ ז, ב) והפריתי אותך במאד מאד (שם ו); ובכל פרשת מילה (שם יז) מבטיח על הריבוי, וגם לישמעאל שנכנס לברית, נאמר שם: והפריתי אותו והרביתי אותו במאד מאד (בראש׳ יז, כ). מלבד הסכמת הרופאים שהמילה מעכרת ממרעין בישין.

חוב (שם) צום בעשולדיגונגס וואָגשאָל.

לולב (סוכה, כט:) פּאַלמענצווייג. **לולבים** (ע"ז, נז: במד"ר פ"ג) איינער פון די פיער מינים פיר סוכות צום אתרוג.

ל'לעג ולקלם (יחזקאל לו, ד; תהלים עט, ד) צו פערשפּאָטונג און צו פעראַכטונג.

למד — נאָמען פון 12־טען בוכשטאַב אין אַלף־בית.

למד'וואָו'ניק (סוכה, מה) איינער פון די זעקס און 30 צדיקים וואָס יעדער דור מוז האָבען, און אָהן זיי קען די וועלט קיין קיום ניט האָבען [1], אַזוי ווי מיר געפינען דאָס אַברהם האָט געפועלט סדום זאָל ניט אומגעקעהרט ווערען צוליעב צעהן צדיקים.

למוד (ירמיה ב, כד) איבונג, איינלעהרונג. **למודים** די איינגעאיבטע געגענשטענדע. **למודיות**־לעהרונגען. **למדן** אַ געלערנטער.

למען (דברים יא, כא) צוליעב, אום. **למען דעת** (מ"א ח, ס) זאָל מען וויסען. **למען השם** (למה"ש) אום גאָטטעס ווילען.

לינה (סוכה, מא) נאַכטען. **לינת לילה** — איבערנאַכטען.

לינת הצדק צום וואָלטהאַט.

למאי — צו וואָס. **למאי נפקא מינה** (ברכות, ב; חגיגה, ו:) צו וואָס קומט אַרויס דער פון.

למעלה (במדבר לד, ד) העכער, איבער. **למעלה מהטבע** — איבער די נאַטור־ליכקייט. **למעלה מהשכל** איבער דעם פערשטאַנד.

למען השם — אום גאָטעס ווילען.

למשל (ש"א י, יב) צום שפּריכוואָרט, צום ביישפּיעל.

למשל ולשנינה (דברים כח, לז) צום שפּריכוואָרט און צום שפּאָט.

לסוף (שבת, י:) צום ענדע, שלוסס.

---

[1]) ומד"ר פ' לה. „אין העולם יכול לעמוד בפחות מל צדיקים" ובתנחומא וירא הלשון: „אין העולם חסר שלשים צדיקים" ובפ' גיד הנשה — מ"ה: שהעולם מתקים בהם ובחולין צב ובסוכה מה: ובסנהדרין צז המספר לו'. והמספר הזה נשאר שגור בפי ההמון „למד־וו־ניק".

לעבודת הבורא — צו גאָט־טעס דינסט.

ל׳עזאזל (ויקרא טז ח) צום ווּיסטע, טײַפעל.

ל׳עולם (בראשית ג, כב) עוויג, שטענדיג. **לעולם ועד** (שמות טו, יח) אויף אימער און עוויג. **לעולם תקח** — שטענדיג זאָלסטו נעהמען — אויף אַ חוב, פיעל צו וועהניג און בעטען ווײַטער.

ל׳ערך — אונגעפעהר, אָב־שאַטצענדיג, גלײַכ־שטעלענדיג.

ל׳עת הצרך — צו די נאָט־ווענדיגע צײַט.

ל׳עת עתה — פאָרלויפיג, געגענווערטיג.

ל׳עתיד לבא (שבת, פמ:) אין דער קינפטי־גער צײַט [1].

ל׳פי (ויקרא כה, טז). **לפי הערך** (זעה—„לערך"). **לפי שעה** (סוטה, כא: שבת, כח:) פאָרלויפיג.

ל׳פחות — צום וועהניגסטען.

ל׳פנים (מגילה, יב.) צום אויס־זעהן, צום אָנשטעל (זעה—„לחם הפנים").

ל׳פני ולפנים (ב"מ, טז:) טיעף אינווענדיג.

ל׳פנים משורת הדין (ברכות ז. ב"ק צט, ב"מ כד:) נאָך טיע־פער אַלס דער רײַהע דער געריכט.

ל׳ץ (משלי כ, א) שפּאָטטער. **לצים** (תהלים א, א) אויך **לצנים** (ירושלמי בכורות פא, הל׳ ו:) **לצנין** (תנחומא סוף פקודי). **כת לצנים** (זעה—„כת").

לצמיתות (ויקרא, כה, כג) אויף עוויג.

לקוטין (ירושלמי, באה, פ"ד) צו־זאַממען־געקליבענע.

לקוי (יבמות פ:) **לקוי המה** (סוכה כט.) זאָנענפינסטער־ניס **לקוי לבנה** (שם) מאָנד־פינסטערניס. **לקוי המאורות** (שם כט) דאָס דונקעל ווערין די שײַן פון די בעלײַכטער, פלוצלונג אין אַ העלע לויטערקײַט, ווײַל זיי ווערען פערשטעלט אויף דער

[1] נאמר ברות (ב, ד): ותשבע ותותר, דרשו חז"ל: „ותותר — לעתיד לבא" (שבת קיג), משמע שהלשון לעתיד לבא הוא על זמן מאוחר, וכן נמצא בהוראות זמן קרב, כמו שאמרו לנבי המביאין ירק הלשון: „נמצא אתה מכשילן לעתיד לבא (תענית כ:) לאמר: לא יחפצו להביא לשוק, אם לא יקנו מהם.

ווײַלע פֿון אַ דורך לויפֿינגען פּלאַ־נעט, צווישען די זון און די ערד, וואָס דאָס מוז פֿאָרקומען גאַנץ נאַטירליך, נאָך דעם אַסטראָנאָ־מישען סיסטעם—גאַנץ די זעלבע ווי עס מוז אַבעשטימטע צײַט קומען די נאַכט־פֿינסטערניס, אָדער ווי די טעג ווערען קירצער און לענגער; אָבער מען בעדאַרף עס ניט אָנעהמען פֿאַר אַ צייכען אויף בייזעס. דערום האָבען שוין אונזערע חכמים אין תלמוד (סוכה, כט) פֿערזאָגט — וואָס זיי זײַנען געווען אויך גרויסע אַסטראָנאָ־מיקער: דאָס זײַענדיג אַיין עם חָכָם וְנָבוֹן בעדאַרפֿען מיר ניט זײַן אַבערגלויביש און שרעקען זיך פֿאַר די הימעלשע נאַטיר־ליכע ערשײַנונגען [1].

לְ׳קִיּוּם (רות ד, ז; פאה פ״א מ״ד) צום בעשטעטיגונג, פֿעסט שטעללען.

לָ׳רוֹב (בראשית ל, ל) אין מענגע.

לִ׳רְפוּאָה (שבת, צ: סנהדרין פד:) צום הייל־מיטעל, צו געזונד.

לְ׳שֶׁבַח (שבת, נו:) צום בעריה־מען, צום בעזעפֿטיגען.

לְ׳שִׁטָּתוֹ (חולין, צא.) נאָך זײַן סיסטעם, בעשלאָסע־נער מיינונג.

לְ׳שָׁלוֹם (שמות, ד, יח) צום גליק, צו פֿריעדען.

לְ׳שֵׁם שָׁמַיִם (אבות פ״א) פֿון גאָטטעס וועגען.

לִ׳שְׁמָהּ (ברכות, יז) צוליעב איהר נאָמען אַליין (צוליעב די לעהרע, איהר גרינדליך צו קע־נען, אָהן אַיין אַנדער אויסזיכט).

[1]) הפחד והמורא מאותיות השמים יבוא, רק מחסרון ידיעה, כמו כן מצינו שמתואר בגמרא תכונת האדם קדמאה, אשר לא ידע סבת התקצרות היום, ואמרו: „כיון שראה אדם הראשון שהיום מתמעט והולך, אמר: אוי לי שמא בשביל שסרחתי עולם חשך בעדי וכו׳ ישב ח׳ ימים בתענית ובתפילה, כיון שנפלה תקופת טבת וראה יום שמאריך והולך—אמר מנהגו של עולם כך״ (ע״ז ח.) והקשיתי מלומדי תורה: „מדוע תלה במנהגו של עולם, ומדוע לא האמין כי תעניתו ותפלתו גרמו לרוע הגזרה שתתבטל״? ומהם ענו לי בטוב טעם: כי לו יהא שתפלתו שנתקבלה—היה להתהפך פתאום מיום קצר ליום ארוך, כיתר הנסים: כיומו של חזקיה „הלך עשר מעלות אחורנית״ בפעם אחת, „ושמש בגבעון״ אבל רק היה מאריך והולך לאט לאט, מזה הבין כי הולך בדרך הטבע ומנהגו של עולם כך, וק״ל.

לָשׁוֹן (ישעיה לג, יט) צונגע. **לְשׁוֹנוֹת** (ב"מ, פו). שפּראַכע (מגילה י), אויסדריקע (עדיות פא, מג). **לְשׁוֹן הַקֹּדֶשׁ** (ב"ק פג; סנהדרין, כא; שם צו; סוטה מב) די הייליגע שפּראַכע, אַזוי רופט זיך די ביבלישע שפּראַך וואָס מיט איהר האָבען גערעדט די נביאים הקדושים זייערע גע־טליכע נביאות, אויך הייסט זי: **לְשׁוֹן עִבְרִי** (ספרי ברכה, פ שמ"ג) העבּרעאישע שפּראַך. **לְשׁוֹן הָרָע** (שבת לג:) פערליימדונג. **לְשׁוֹן זָכָר** (קידושין ב:) מענליך. **לְשׁוֹן נְקֵבָה** (שם) ווייבליך. **לְשׁוֹן יָחִיד** (מגילה לא) איינ־צעלנע צאָהל. **לְשׁוֹן רַבִּים** (שם) מעהר צאָהל. **לְשׁוֹן כָּבוֹד** (פסחים, ג:) **לְשׁוֹן שֶׁקֶר** (משלי כא, ו:) ליגענהאַפטע צונג. **לְשׁוֹן נוֹפֵל עַל לָשׁוֹן** (לנע"ל, ב"ר פ' יח). **לְשׁוֹן נְקִיָּה**. „זאָל איהם אָפּנעהמען דער לשון"—אַזעלכען וואָס רעדט וואָס מען בעדאַרף ניט אויסזאָגען. „ריידען אויף שטום לשון" — הייסט האַלבע ווערטער וואָס איז ניט צושליסען פון די רעד קיין געוויסע זאַך.

לְשָׁנָה הַבָּאָה (שביעית פב, מו) דעם קומענדין יאָהר. **לְשָׁנָה הַבָּאָה בִּירוּשָׁלָיִם**—דעם קומענדען יאָהר (צו זיין) אין ירושלים. **לְשָׁנָה טוֹבָה תִּכָּתֵבוּ** (או"ח תקד) **וְתֵחָתֵמוּ לְאַלְתַּר** (חיי אדם הל' ר"ה סי' ה') צום גוטטען יאָהר זאָלט איהר פערשריבען ווערין און אויך פערחתמה'ט ווערין באַלד (צום נייען יאָהר). **לְשָׁנוֹת** (שבועות, כט:) צום אומ־ענדערין.

לֵית בְּרֵירָה (סוכה כד.) ס'איז בעסערס ניט דאָ צום אויס־קלייבען.

לֵית דִּין וְלֵית דַּיָּן (ב"מ, צז) עס גיט ניט קיין רעכט און ניט קיין ריכטער.

לְתֵאָבוֹן (חולין ג; סנהדרין צז:) נאָך דעם באַגער, פערלאַנג. דער געגענזאַטץ פון להכעיס.

לְתַרְבּוּת רָעָה (חגיגה טו.) צו פערמעהרען בייזעס, שלעכטע ערציאונג (זעה — „תרבות רעה" אין אנמערקונג).

מ.

מ—דער 13=טער בוכשטאַב אין א"ב. און דער 4=טער נאָך דעם יוד, דינט דערום אַנשטאָט דעם צאָהל „40", צב"ש: **מ"יום**—40 טעג; **מ"סְאָה**—40 מאָס. אויך שליעסט ער זיך מיט נאָך בוכשטאַבען וואָס רעכנען זיך פאַר איינצעלנע, צב"ש: **מ"ט פָּנִים** (תנחומא במדבר), 49 אַרטין.

דער **מ**, אַלס איינער פון די בעדינונגס בוכשטאַבען „משה וכלב" האָט ער דיזע בעדייטונג קומענדיג צום אָנפאַנג וואָרט:

ער קומט אַנשטאָט דעם וואָרט „מן"—פון.

אויף אַ קליינעם טהייל פון מעהרערס: וַיִּקַּח מֵאַבְנֵי הַמָּקוֹם (בראשית כח, יא) ער האָט גענומען (איינעם) פון די שטיינען די אָרטיגע.

בעצייכינט דעם קאָמפּאַראַטיף: „עָצוּם הוּא מִמֶּנּוּ" (במדבר כב, ו) ער איז מעכטיגער אַלס איך — ער הייסט דאַרום: מ=הַיִּתְרוֹן.

אַנשטאָט דעם בינדעוואָרט וויַיל: „מִדַּעְתִּי כִּי קָשֶׁה אָתָּה וגו'" (ישעיה מח, ד) וויַיל איך ווייס דאָס דו ביזט אַ פערעקשנטער א. ז. וו.

אויף צוריק האַלטונג: „וַתַּעֲמֹד מִלֶּדֶת" (ברא' כט, לה) זי הערט אויף צו געבערען.

אויף די הערקונפט פון אַ אורזאַכע: וַיִּמְעֲטוּ וַיָּשֹׁחוּ מֵעֹצֶר רָעָה וְיָגוֹן (תהלים קז, לט) און זיי ווערען פערמינדערט און געביַיגען דורך דעם ביַיזען געוועלטיגען און דורך קימער.

דער **מ** קומט אַנשטאָט דעם בוכשטאַב **ל** וואָס בעדייטעט „צו": וְאִם יִמְעַט הַבַּיִת מִהְיוֹת מִשֶּׂה (שמות יב, ד וכתרגומו) ווען די הויזגעזינד איז קליין צו אַ גאַנצען לאַם.

צום ענדע וואָרט דינט דער **מ** אַלס איינער פון אותיות הַכְּנוּיִם, צו בעדייטען די געהעריגקייט פון געגענשטאַנד צום דריטען פערזאָן, אין מעהר צאָהל, צב"ש: בְּנָם—זייער זאָהן,

בְּגָדָם—זייער קלייד, א. ד. ג. די זעלבע ביי צייטווערטליכע-הויפטווערטער, צב״ש: אָכְלָם זייער עסען. לָמְדָם–זייער לערנען.

ביי הויפטווערטער אם ענדע ווארט דייטעט ער מיט אַ פאָרגעהענדען י׳ אויף מעהר צאָהל: בֵּן–בָּנִים זיהנע. סֵפֶר–סְפָרִים ביכער.

דער מ קומט אויך צוזאַמען מיט נאך בוכשטאבען אין פערקירצונג (ר״ת), צב״ש:

מ״א – מִדְרַשׁ אַגָּדָה, מָקוֹם אַחֵר, מִשְׁנָה א׳.

מבה״ח – מְבָרְכִין הַחֹדֶשׁ.

מ״ד – מַאן דְּאָמַר, מִי דָמֵי.

מד״ס – מִדִּבְרֵי סוֹפְרִים.

מה״ר – מַשִּׁיב הָרוּחַ (משה״ר).

מה״ת – מִן הַתּוֹרָה.

מו״מ – מַגָּע וּמַשָּׂא, מַטּוֹת וּמַסְעֵי, מַשָּׂא וּמַתָּן.

מז״נ – מַזְכִּירִין נְשָׁמוֹת.

מ״ט – מַאי טַעְמָא.

מיו״כ – מוֹצָאֵי יוֹם כִּפּוּר.

מכא״א – מִכָּל אֶחָד וְאֶחָד.

מכו״א – מִכָּאן וָאֵלָךְ.

מכ״ש – מִכָּל שֶׁכֵּן.

מ״ל – מִזְמוֹר לְתוֹדָה, מַתְחִלִין לוֹמַר.

מ״מ – מַגִּיד מוּסָר, מִכָּל מָקוֹם.

ממ״נ – מִמָּה נַפְשָׁךְ.

מנ״א – מְנַחֵם אָב.

מנ״ל – מְנָא לָן.

מו״ס – מוֹכֵר סְפָרִים.

מ״ע – מִצְוַת עֲשֵׂה.

מע״ל – מֵעֵבֶר לְדַף, מֵעֵת לְעֵת.

מ״צ – מוֹרֶה צֶדֶק.

מצ״ע – מִצַּד עַצְמוֹ.

מוצש״ק – מוֹצָאֵי שַׁבַּת קֹדֶשׁ.

מק״ק – מִקְהִלָּה קַדִּישָׁא.

מרע״ה – משֶׁה רַבֵּנוּ עָלָיו הַשָּׁלוֹם (מרבע״ה).

מ״ש – מַה שֶּׁנֶּאֱמַר, מַה שֶּׁכָּתוּב.

מש״ה – מִשּׁוּם הָכִי.

מ״ת – מַתַּן תּוֹרָה.

מתח״י – מִתַּחַת יָדוֹ.

מִי (בראשית ג, יא) ווער, וועלכער. **מִי וָמִי הַהֹלְכִים** (שמות י, ח) ווער און וועלכע זיינען דאס די געהער. **מִי יוֹדֵעַ** (יונה ג, ט) ווער (עס) וויים. **מִי שֶׁהָיָה** (פסחים, צג:) דער געוועזענער (גבאי). **מִי שָׂמְךָ** (שמות ב, יד) ווער האט דיר געגעבען מאכט.

מָה (בראשית יב, יח) וואָס, אַךְ ווי! (תהלים ח, ב). **מָה הָרַעַשׁ** — צו וואָס איז דער ליאַרם (זעה—„רעש“). **מַה טּוֹב** (משלי טו, טו:) איז געווים גוט. **מַה טּוֹב וּמַה נָּעִים** (תהלים קלג, א) ווי גוט און ווי אַנגענעם—איזט. **מַה יּוֹם מִיּוֹמַיִם** (ב״מ נט; סנהדרין סה:) מיט וואָס איז דער טאָג אַנדערש פון אַנדערע טעג. **מַה יָּפִית** (שה״ש ז, ז) אַךְ, ווי שיין דו בינסט!—מיט דעם נוסח רופט זיך אַ זמירות צו שבת. ווען די פריצים פלעגען אַריינקומען צו זייער אָרימען פער׳חשכ׳טען אידישען אַרענדאַר און איהם טרעפען דאָס זינגענדיג צום שבת מאָלצייט מיט גרויס רחבת און תענוג, מיט די בע־גלייטונג פון זיינע קינדער אַרום טיש, מיט זייערע זיסע קול׳כע־לעך—פלעגט עס זיי מאַכען פיעל קנאָה—דען אונטער זייערע אָרימע קלאַסע, ווען עס קומט פראַזדניק, פלעגען זיי קומען שכור, אין שטוב איז פינסטער און מאַכען סקאַנדאַלען—פלעגט ער דעם יודען אויך הייסען זינגען „מה יפית“ — ביי אַנדערע אַנ־געלעגענהייטען, און מאַכען אַ חוכָה וְאִטְלוּלָא. דרום האָט מען עס אין נייערע סדורים מעהר ניט אַריין געשטעלט. **מַה לִּי בְּצַעַר הַזֶּה** (סנהדרין, ק:). **מַה לָּנוּ וְלַצָּרָה הַזֹּאת** (שם לז.) צו וואָס איז אונז דער קריינקונג. **מַה לּוֹ לְשַׁקֵּר** (כתובות כז:) צו וואָס בעדאַרף ער לייגען. **מַה לְּכֹהֵן בְּבֵית הַקְּבָרוֹת** (ש״ר פ״ה) ווי קומט אַ כהן אויף דעם בית עולם. **מַה נַּפְשָׁךְ** (ביצה י:) (זעה—„ממה נפשך“). **מַה נִּשְׁתַּנָּה** (קידושין כב; פסחים טז:) צוליעב וואָס איז פערענדערט. „מה נשתנה ליכט“—די ליכט וואָס איז אָנגעצונדען אום פסח צום סדר־באַל. **מַה שְּׁמֶךָ** (בראשית לב, כח) ווי איז דיין נאָמען?.

מֵאָה (בראשית ו, ג) 100. **מֵאוֹת** (שם ה, ה). עס גיט פיעל אַר־טיקלען וואָס ווערען געציילט אויפ׳ן הונדערט, ווי ציגאַרעטען, ציגעל, גילזען, געלד. „ווער עס האָט מאות—דער האָט די דעות“.

מְאַבֵּד בְּיָדַיִם — פערניכטעט אייגענהענדיג.

מְאַבֵּד עַצְמוֹ לָדַעַת (מסכת שמחות פ״ב, הל, א) בעֶ־געהט זעלבסט־מאָרד.

מַאְדִּים (שבת קנו, ב״ר פ״י) דער רויטשטראַלענ־דער פלאַנעט (מאָרס) (זעה — „מזלות״). איהם האָט די מעטהאָ־לאָגיע בעטשוּמט פאַר דעם „קריעגס גאָטט״ און קומט אויך אין דער אַגדה: „ווער עס ווערט געבאָרען אונטער זיין צייט איז אַ שעדליכער און אַ פערדאָרבע־נער״ (שם). דער פון שטאַמט וואָס מיר רופען אָן איין באַנדיט, אויך מיט׳ן נאָמען „מאַידים״.

מַאי דַּהֲוָה הֲוָה (יומא ה:) וואָס עס איז געוועזען איז געוועזען.

מֵאֲחוֹרֵי הַפַּרְגּוֹד (ברכות יח:) פון הינטערן פאָרהאַנג (פאַווילִיאָן) וואָס איבערן טיר.

מְאוּיַם׳דִיג (סנהד׳ כט) אֵימה־דיג, שרעקליך.

מַאֲכָל (בראשית ו, כא) שפּייזע געריכטע. **מַאֲכָלִים.**

מַאֲכַל בְּהֵמָה (סוטה ט.) פִיה פראַס.

מַאֲכִיל טְרֵפוֹת (חולין נו) דער וואָס פער־קויפט טרפה פלייש אַנשטאַט כשר׳ע. **מַאֲכַל כָּשֵׁר**—שפּייזע, איינגעריכטעט נאָך יודישע רע־ליגיאָנס געזעצע (זעה—„טרפה״, אויך אין אַרטיקעל — „כשר״).

מַאֲכַל מֶלֶךְ (ע״פ בראי מט, כ) אַ געקעכטס וואָס עס מעג דאָס עסען אַקיסר.

מֵאָלֶף עַד תָּיו (שבת ה, ע״ו, ד:) פון דעם ערשטען בוכשטאַב, אין דעם אלף בית, ביז דעם לעצטען.

מַאֲמִין (ישעיה כה, טו) גלויביגער. **מַאֲמִינִים** (דברים א,לב).

מַאֲמִינִים בְּנֵי מַאֲמִינִים (סנהדרין, קפ:)

מַאֲמָר (אסתר ט, לב) אַנשפּראַכע, אויפזאַטץ. **מַאֲמָרִים.**

מַאֲמַר הַמּוּסְגָּר—איינגעשלאָ־סענער זאַטץ (אין קאַ־ווינקעס)—וואָס קומט צום אַנ־מערקען, אָדער מאַכען דייטליכער די פאָרהער געזאָגטע.

מָאוּס (ביצה, ט) אָבשייליך. עקעלהאַפט; **מָאוּס וְנִמְאָס** געוואָהרען״ הייסט: פער־לאָרען דעם געדולד. „מאוס׳קייט״, עקעלהאַפטע. „מאוס׳ע העוויות״—

עקעלהאַפטע גרימאַסען. „מאוס חלשות״ — אַזוי מאוס! אַז עס איבעלט צום חלש'ען. „מאוס'ע מעשה״ שענדליכע טהאַט. „מאוס'ער נאָמען״ — שענדליכער בערוף. „מאוס'ער סוף״ — אַשלעכטער אויסלאָז. „מאוס'ע סבה״ אַריינגעפאַלען דורך אַ שלעכטען צופאַל, און געהאַט דורך דעם אַ מאוס'ן סוף.

מְאַסֵּף מָמוֹן — זאַמעלט אויף מאַססען געלד.

מֵאִיר (חגיגה טו:) בעלויכטענד. איינער פון די גרויסע תלמודיסטען, וואָס נאָך זיין נאָמען בעווייזט אויף איהם דער תלמוד דאָס ער האָט ליכטיג געמאַכט די חכמים אין דורכפיהרען דינים (עירובין, יג:). „מאיר בעל הנס״ (זעה — „רבי מאיר״).

מֵאַרְבַּע כַּנְפוֹת הָאָרֶץ (ישעיה יא, יב) — **מֵאַרְבַּע פִּנּוֹת עוֹלָם** — פון די פיער וועלט-עקען.

מַאֲרִיךְ (קהלת ז, טו) פערלייננגערט. **מַאֲרִיךְ בְּדִבּוּר** — פערציהט אַ לאַנגען געשפרעך. **מַאֲרִיךְ בְּדְרוּשׁ** — פערציהט אַלאַנגע רעדע. **מַאֲרִיךְ בִּתְפִלָּה** (ברכות, לג.) שטעהט לאַנג שמונה עשרה. **מַאֲרִיךְ בְּשֻׁלְחָנוֹ** (ברכות נד:) פערברייננגט לאַנג ביי'ן עסען. **מַאֲרִיךְ יָמִים** (קידושין, לט: מדות פ״ג) לעבט לייננער — ווי געוויינליך.

מְבוּהָל (אסתר ח, ד) איבעראַשט, איבעראיילט.

מְבֻזֶּה (ברכות, סב; סוטה, מב; סנהדרין, צט:) פעראַכטעט. **מְבוּזָה** פעראַכטענד.

מוּבְחָר (ב״מ, פו). **מוּבְחָרִים** (פסחים, נז:) אויסערוועהלטע, אָבגעקליבען דאָס בעסטע.

מַבְטִיחַ (שבועות, לה:) פערזיכערט, פערשפרעכט (קאַווירט) אויף געווים.

מְבַטֵּל (ע״ז מב; סוטה, יד:) פערניכטעט, מאַכט צו נישט. „מבטל פון לערנען״ (שבת, לג:) שטערט דעם לערנען.

מִ'בֶּטֶן אִמּוֹ (קהלת ה, יד) פון זיין מוטערס לייב.

מָבוֹא (דהי״א ט, יט; עירובין, ב:) איינגאַנג, דורכגאַנגס-

האַללע (דורך־הויף); איינלייטונג (הקדמה). „מבוא מבוא לאַקסען" ווען יעמאַנד לייענט אַ גרויסע הקדמה, רעדט און רעדט און לאָזט אויס מיט ניכטס.

מֵבִיש (מס׳ כלה) בעשעמט **מְבוּיָשׁ** ווערט פערשעמט.

מִבַּיִת לְבַיִת — דאָס גענן בעטלען אין די הייזער.

מַבּוּל (בראשית ו, יז) פערפלייצונג, (וואַסער פלוט).

מְבַלְבֵּל — פערטומעלט, פערווירעט. **מְבוּלְבָּל**,

מֵבִין (דהי״א טו, כב: חגיגה, יא:) פערשטעהט אויף אַ זאַך.

מְבִינִים (עזרא ח, טו). **מְבִינוּת**־ געניטקייט.

מְבוּסָם (מגילה, ז:) ביי אַ שנאַפּס.

מְבַעֵר (מ״א, טו, ג) ווערקרוימען.

מְבַעֵר חָמֵץ — דאָס ווערקרוימען דעם זויערס ערב פסח; דאָס ווערט אויך געזאָגט אויף אונלעגאַלע אַרטיקעלן וועלכע מען קען בעשטראָפט ווערען ווען מען זאָל עס געפינען אין אַ אונטערזוכונג.

מְבַקֵּר חוֹלֶה (שבת, יב) בעזוכט אַ קראַנקען.

מְבָרְכִין הַחֹדֶשׁ (סנהדרין, מא:) דעם ראש חדש בענטשען.

מְבָרֵר (סנהדרין כג.) ערקלעהרט.

מְבַשֵּׂר (ש״ב יח, כו) פערקונדעט, מעלדעט.

מַגָּע וּמַשָּׂא (אהלות פב:) אָנריהרען און אונטערטראָגען — אַזאַך וואָס איז אונריין (מטמא). „ניט האָבען מיט איהם קיין מגע ומשא" — קיין פערקעהר, און אויפטראַגע.

מַגִּיד (ש״ב א, ה) ערצעהלער, אָנזאָגער, רעדנער.

מַגִּידִים. מַגִּידוּת — זאָגעריי.

מַגְדִּיל (מגילה, יג) ערציהען, אויסהאָדעווען.

מַגִּיהַּ (כתובות, קו) קאָרעקטאָר, דאָס וועקשאַפען די גרייזען (זעה—„הגהה") פאַר דעם דרוקען אָדער נאָך דעם אויסשרייבען ספרי תורות, תפלין, מזוזות ומגלות.

מְגַזֵּם—טרייבט איבער די ווירקליכקייט, אין איידעלען אופן—אַ ליגנער" (זעה—„גוזמא").

מְגַיֵּר — אַ פרעמדלינג ברייגען צו יודענטהום.

מְגִלָּה (שבת, צו:) ענדעקען אַרוים־
געבען. **מְגַלֶּה סוֹד**
(משלי יא, יג:) ענדעקען אַ געהיים.

מְגִלָּה (ירמיה לו, ו) בוכראָללע,
צוזאַמענגעוויקעלט. דיזע
ראָללען זיינען ביי אונז נאָך פון
פערצייטען, איידער מען האָט
ביכער געבונדען אין בלעטער.
אַזוי איז אונז די תורה אויך
געגעבען געוואָהרען אין ראָללען
(גטין, ס:). אַזעלכע גיט ביי אונז
פינף ראָללען ביכער (חָמֵשׁ מְגִלּוֹת):
א) מְגִלַּת „רוּת", ב) מְגִלַּת „שִׁיר
הַשִּׁירִים", ג) מְגִלַּת „קֹהֶלֶת", ד) מְגִלַּת
„אֵיכָה", און ה) מְגִלַּת „אֶסְתֵּר".

מְגַלְגֵּל (זעה — „גלגול").

מֵגִין (סנהדרין, צט:) בעשיצט,
„זְכוּת אָבוֹת זאָל מֵגִין זיין".

מַגִּיעַ (קהלת ח, יד) בעטרעפט.
(ב"מ קיח) קומט אַרוים.
מַגִּיעַ מִכְּבוֹדוֹ סַךְ — קומט
אַרוים פון איהנען אַ סומע...

מַגֵּפָה (ש"א ד, יז) פעסט. **מַגֵּפוֹת**
(שמות ט, יד).

מְגוּשָּׁם — קערפערליך. מגושמ״
דיג״ האַמעטנע.

מִדָּה (חגיגה, טו:) אייגענשאַפט,
כאַראַקטער. **מִדּוֹת**
(שם). **מִדַּת הַדִּין** (פסחים, קיח:)
אייגענשאַפט דער געזעצליכקייט.
מִדַּת הָרַחֲמִים (ב"ר פל"ג) אייגענ־
שאַפט צו בעמיטליידען. **מִדַּת
חֲסִידוּת** (ב"מ, נב:) אייגענשאַפט
פון בעגנעדיגען. **מִדָּה
טוֹבָה, מִדּוֹת טוֹבוֹת** (חגיגה,
טו:) גוטע אייגענשאַפטען. **מִדָּה
כְּנֶגֶד מִדָּה** (סנהדרין, צ. נדרים
לב: שבת, קה:) אָבהאַנדלונג געגען
בעהאַנדלונג.

מִדָּה (שמות כו, ב) מאָס — **מִדּוֹת**
(יחזקאל מב, טו).

מוֹדֵד (חבקוק ג, ו. ב"מ, סא:)
מְדִידָה — מעסטען.

מוֹדֶה (משלי כח, יג) געשטייט.
מוֹדֶה וּמִתְוַדֶּה (נחמיה
א, ו) געשטיי און בעקען. **מוֹדֶה
בִּקְנָס** (ב"ק, יד:) נעמט אָן די
שטראָף. **מוֹדֶה בְּמִקְצָת**
(ב"ק קו: שבועות לח:) בעשטייט אויף
אַ קליינעם טהייל. **מוֹדֶה עַל
הָאֱמֶת** (תדב"א פ' כא) בעקענט
די וואַרהייט.

מִ'דְאוֹרַיְתָא — געזעץ פון דער
תורה.

מִ'דְאֶשְׁתַּקַּד פון פאַר אַ יאָה־
רען (זעה — „בדאשתקד")

מְדַבֵּר (דברים ד, לג) רעֶדט.

מְדַבָּר (תהלים פז, נ.; פסחים, סח:) זיך מיט אײנאַנדעֶר בעֶרײדעֶן (אָבּרײדעֶן). מְדַבֵּר, מְדַבֶּרֶת — רופעֶן אָן שדכנים „חתן, כלה" װעֶגעֶן װעֶמעֶן זײ רעֶדעֶן — אַ שידוך.

מִדְבָּר (דברים לב, י) װיסטעֶ, סטעֶפּפּעֶ. מִדְבָּרִיּוֹת.

מְדֻחֶה (מו"ק, כב) אָבּשטײסן. מַדִּיחַ (סנהדרין, ע.) פעֶרשטױסעֶן, פעֶרשטופּט.

מְדַחֵיק כּוֹלֵי הַאי (מ"ב, פג:) װעֶן עֶר איז זאָ פיעל אונפעֶרשעֶמט.

מְ׳דוֹחֵק (תנחומא ברא׳ ב) פון בּעֶדרײנגניס.

מְדַלֵּג (שה"ש ב, ח) שפּרינגעֶר, אַזױ רופעֶן אונזעֶרעֶ שאָך שפּיעלעֶר דעֶם פיגור „ריטעֶר".

מְדַמֶּה (סנהדרין, מז.) פעֶרגלײַכט.

מְדִינָה (אסתר א, א) פּראָװינץ. מְדִינוֹת. מְדִינוֹת הַיָּם (גיטין ב:) איבּעֶרזעֶאישעֶ פּראָװינצעֶן.

מוֹדָעָה (שבת סח:) אַנאָנס, בּעֶ= קאַנטמאַכונג, פעֶרעֶ= פעֶנטליכעֶן שריפטליך — מוֹדָעוֹת. מוֹדִיעַ (דניאל ח, יט) גיט צו װיסעֶן (דאָס קעֶן זײַן אויך מונדליך). „מודיע זײַן דעֶם עולם" — מעֶלדעֶן די געֶמײנדעֶ. „איך בּין אַײך מתרה ומודיע".

מַדְפִּיס — אַ דרוקעֶר — מַדְפִּיסִים.

מְדַקְדֵּק (ברכות, טו:) גראַממאַ= טיקעֶר, פּונקט= טינאָר, געֶנױ זײַן (מעֶלאָצנעֶ).

מְדַקְדֵּק בְּמִצְוֹת (ברכות, כ:) פיהרט פּינקטליך דעֶם רעֶליג= יעֶזעֶן פעֶרזאָג (זעֶה — „דקדוק") — מְדַקְדְּקִים (ברכות, מז:).

מְ׳דְרַבָּנָן — געֶזעֶץ פון די ראַבּינעֶר.

מַדְרֵגָה (שה"ש ב, יד) טרעֶפּ, גראַדעֶ, ראַנג, לאַגעֶ — מַדְרֵגוֹת. מַדְרֵגָה עֶלְיוֹנָה — הױכעֶ שטופּעֶ. מַדְרֵגָה תַּחְתּוֹנָה (קידושין, מ:) ניעֶדעֶריגעֶ שטופּעֶ.

מַדְרִיךְ (ישעיה מח, יז:) עֶרציהעֶר, לײַטעֶר.

מִדְרָשׁ (דהי"ב כד, כז; ברכות, יא. נדרים, לז:) עֶרקלעֶרונג, שריפטפאָרשונג, דײנקװירדיג=

קיטען—מִדְרָשִׁים. מִדְרָשׁוֹת
איז געלייענט אויף שוהלען—
„בתי מדרשות". סתם מדרש
איז ערקלערונג פרשיות און
פסוקים אין דער תורה (קדושין,
מט.) אונטער דעם נאָמען „מִדְרָשׁ—
מִדְרָשִׁים" גיט עס: **מִדְרָשׁ
רַבָּה** ד"ה: דער גרויסער מדרש,
אויף גאַנץ תורה, און די פינף
מגילות: רות, שיר השירים,
קהלת, איכה, אסתר; אויך גיט:
מדרש תהלים, מדרש שמואל
ומשלי—ער הייסט „מדרש שוחר
טוב". און מדרש תנחומא (נאָך
דעם נאָמען פון דעם צוזאַמענ=
שטעלער ר' תנחומא בר אבא).

מֵהֹדּוּ וְעַד כּוּשׁ (אסתר א, א)
אויף ווייטע שטרעקען.

מְהַדֵּר (שבת, כג:) בעשיינט.

מְהַדְּרִין (שבת, כא:).

מְהַדְּרִין מִן הַמְהַדְּרִין (שם)
זיי קוקען יעדער מצוה אין
פרעכטיגען אופן אויסצופיהרען.

מְהוּדָּר (מנחות, י. סוטה, טו:)
פרעכטיגער.

מֵהַיּוֹם וָהָלְאָה (ש"א יח, ט) פון
היינט און ווייטער.

מֵהֵיכָא תֵּיתֵי (הוריות, י:) פון
וואנען שטאַמט עס.

מוֹהֵל (מד"ר פ"א, שיר פ' עד שהמלך)
בעשניידער— **מוֹהֲלִים.**

מָהוּל (שבת, קלה.) גע'מלה'טער.
„מוהל=מעסער" בעשנייד מעסער.

מַהֲלַךְ (יונה ג, ג) אַ שטרעקע
רייזע. **מַהֲלַךְ רַב**
אַ גרויסע שטרעקע צום רייזען.

מְהוּמָה (דברים כח, כ) צער=
שטרויאונג, רוישונג.

מְהוּמוֹת (עמוס ג, ט).

מַהֲנֶה (סנהדרין, צב:) גיט צום
געניסען.

מְהַנֵּי מִלֵּי מַעֲלִיָּתָא (ברכות,
ח.) פון דיזע גוטע ווערטער.

מַהְפֵּךְ (ע"ו, י:) קעהרט אום.
„מהפך די שבועה"
(שבועות, מ.) דאָס איבערגעבען
צושווערען דעם געגנער, דאָס
הייסט אויך: „גלגול שבועה"
(קדושין,כז.). **מַהְפֵּכָה** (דברים כט,
כב) אומקעהרונג, פערוויסטונג.

מְהַרְהֵר (סנהדרין, קי:) נאָכדיי=
קען, האָט אין זינען.

מְהַרְהֵר בִּתְשׁוּבָה — האָט
אין זיננען זיך אויסבעסערען.

מְהִירוּת - פלינקייט.

מַהוּת - סובּיעקט, דאָס וועזען.

מִזְבֵּחַ (בראשית ח, כח) אַלטאַר— **מִזְבְּחוֹת** (במדבר כג, א) אַ גרויסע שטיינער צו פערברענען אויף דעם פּיה פון גאָטטעס וועגען, מיט דעם אָפּפערין פאַר איהם דאָס וואָס איז בּיי זיך טהייער; אַנדערע פעלקער פלעגען בּריינגען צום בּראַנד אָפּפער אויך איין אייגען קינד דאָס וואָס איז גאַנץ בּעליעבּט—דער מיט איז אברהם אבינו נור געפּראָובּט געוואָהרען (זעה—„עקדת יצחק").

מֶזֶג (שה"ש ז, ג) **מְזִיגָה** (פּסחים, קח:) מישונג, דעסטילאַציע.

מֶזֶג טוֹב — גוט געריינינגט, אין חאַראַקטער. **מֶזֶג הָאֲוִיר** טעמפּעראַטור, לופט דיסטילירונג.

מְזֻמָּן — זעה—„נזדמן".

מַזְהִיר (תנחומא סוף שופטים) וואַרנען, פּאַסטרעגעט.

מִזּוּוּג זִוּוּגִים (ב"ר פ' סח) פּאָרט צוזאַמען פּאָארען.

מְזוּזָה (שמות כא, ו) טהירפּפאָס־טע, אויסאַק **מְזוּזוֹת** (דברים ו, ט) נאָך דעם נאָמען פון דעם אָרט הייסט אויך די קליינע פּאַרמענטראָללע **מְזוּזָה** (יומא, יא) **מְזוּזוֹת** (שם) וואָס ווערען אָנ־געשלאָגען אויפען אויבערסטין דריטעל טהירפּפאָסטע, אין רעכטען זייט פון אַריינגאַנג. אין איהר ווערט פערשריבען די צוויי פּרשיות פון דער תורה: „שמע ישראל" (דברים ו, ד—ט) און „וְהָיָה אִם שָׁמֹעַ" (שם יג, יא כא [1]).

מְזַכֶּה (סנהדרין, קד.) בּעמעכטיגט.

מְזַכֶּה רַבִּים - די מענגע פערדינט מאַכען, אין רע־ליגיאָנס זאַכען.

מַזְכִּיר (בראשית מא, ט) עראינע־רונג. **מַזְכִּיר נִשְׁבָּחוֹת** עראינערט וואָס לאַנג פערגעסען איזט. **מַזְכִּיר נְשָׁמוֹת** - עראי־

---

[1]) שתי פרשיות אלו שבמזוזה מפורשות במנחות כח. המשל לזה בגמרא: „למלך השומר על הפתח" במסכת שבת קנו: והר"ן שפירא בספר מצות שמורים דף פז מרמז זה מהשם „שדי" הכתוב על המזוזה ונראה מבחוץ הוא הר"ת „שומר ד׳לתות ישראל" ושלושת המלים שנוהגים הסופרים לכתוב על צד השני של המזוזה מתחת „כוזו במוכסז כוזו" זהו רק מלהטי המקובלים ואמצעותיהם, והם הן האותיות שאחרי שלשה אותיות השמות „ה׳ אלהינו ה׳—אחד": כ׳ תחת י׳, ו׳ „תחת הה" ז תחת—ו, וכן כולם, דוק ותמצא.

נערט די זעעלען דער זעליגען (זעה—„הזכרת נשמות״).

מַזָל (שבת, קנו) גליקק. „בעל מזל״ אדער „בר מזל״ רופט מען אזעלכען וואס בעגליקט און עס געלינגט איהם איבעראל, בל״ז זאגט מען: „עס גיסט זיך איהם איין״[1] אין געגענטייל הייסט „רע מזל״ (תענית, כט:) „שלים־מזל־ניק״ (שלימעזאלניק בל״ז). „פערשאלטענער מזל״ (פסחים יב, ו:).

מַזָל בְּרָכָה – שפארזאמקייט.

מַזָל טוֹב – גראטולירונג צום אנפאנגען נאר א אונטערנעמונג: א בעגייאונג, א פערלאבונג, הייראט און ביי איין נייגעבארענעם קינד, אדער איינע הויז בעוואהנען און דאס גלייכען.

מַזָלוֹת (שבת, קנו:) די בעוואוסטע און בעקאנטע זיעבען פלאנעטען (שִׁבְעָה כּוֹכְבֵי לֶכֶת) (ירושלמי פסחים פא), מיט זייערע נעמען ווי זיי זיינען פון די זון און ווייטער: 1) מערקור — די נעהנסטע צו די זון, $7\,{}^{3}/_{4}$ מיליאן מייל, און 20 מאל קלענער פאר די ערד. איהר יאהר איז 87 טעג. 2) ווענוס—ווייט $14\,{}^{1}/_{2}$ מיליאן מייל פון דער זון, איהר גרויס איז כמעט ווי די ערד, און דאס איז ביי אונז דער מארגענשטערין. 3) יופיטער—ווייט פון דער זון 104 מיליאן מייל, גרויס 1334 מאל פאר די ערד, איהר יאהר איז אונזערע עלף יאהר מיט 315 טעג (12 יאהר אהן 50 טעג). 4) סאטורין — פון איהר גרויס וואלט גיקענט זיין 790 אזעלכע פלאנעטין אין די גרויס פון אונזער ערד. 5) מארס — ווייט פון די זון 10 מיליאן מייל, איהר יאהר איז כמעט די זעלבע ווי ביי אונז, אויך די לענג פון איהרען א טאג. 6) אוראנוס—ווייט פון דער זון 834 מיליאן מייל.

---

[1]) כן מתרגם הרה״ג בעל תפארת ישראל בבארו המאמר „אין מזל לישראל״ (נדרים, לב:) שהוא מלשון „יזל מים מדליו״, „תזל כטל אמרתי״, כי בעל מזל הוא האיש אשר תזל עליו ברכות ה׳, והרבה שלוחים למקום ואל כל אשר יפנה יצליח״, אבל ישראל עתה בבחינת הסתרת פנים, כמ״ש: ועזבני וגו׳, ועזבתים והסתרתי פני מהם (דברים ל, מ); והאחרונים קוראים לזה השפעה אלהית והמאמינים בהשפעת מערכת צבא השמים מיחסים הפעולה הזאה למערכת המזלות.

7) נעֶפּטוּן -- ווײַט 604 מיליאָן מײַל, פוּן די בײדע שטערען איז די זוּן צוּ זעהן אַזוֹי ווי מיר זעהן דאָ אַ קלײנעם שטערינדיל, דערוּם איז אוֹיף דעם נעפּטוּן ווארימקײט אוּן ליכטיקײט מיט 900 מאָל ווײניגער ווי בײ אוּנז [1]. העכער פוּן זײ זײנען די צוועלף מזלות (ברכות, לב:), דאָס זײנען די גרוּפּע רוּהע-שטערין וואָס צוּ יעדער חדש קוּמט די זאָננע אַנדגעגען אײן אַנדער גרוּפּע, וואָס צוּליעב די לעהרע—ווי זיך צוּ ערקלערען וועגען זײ—האָבען גאָר פאַרצײַטיגע אַסטראָנאָמי-קער זײ געגעבען נעמען ווי עס איז זײ אײַנגעפאַללען. די גרוּפּע וואָס די זוּן קוּמט איהר אַנט-קעגען אין מאָנאַט ניסן, רוּפען זײ: מזל—„טָלֶה" . „איר-שׁוֹר . „סִיוָן"—תְּאוֹמִים . „תַּמּוּז"—סַרְטָן . „אָב" — אַרְיֵה . „אֱלוּל—בְּתוּלָה . „תִּשְׁרֵי"—מֹאזְנַיִם . „חֶשְׁוָן"—עַקְרָב . „כִּסְלֵו" — קֶשֶׁת . „טֵבֵת" — גְּדִי . „שְׁבָט"—דְלִי. אֲדָר—דָגִים [2])—ווי עס איז זײ צוּזעהן אוֹיסגעמאָלט אין פּשטות (אַפילוּ דער מזל אֱלוּל אוֹיך) אין תּפלת טל אין מחזור של פּסח, מיט אַ פּזמון צוּם גראַם לכבוֹד יעדען מזל בעזוּנדער.

מְזַלְזֵל (ברכות, יח: שבת, סב:) שעצט נידעריג, פער-אַכטעט אַווירדיגען געגענ-שטאַנד. **מְזַלְזֵל בִּנְטִילַת יָדַיִם** — מאַכט צוּ קלײן דאָס הענד וואַשען. **מְזַלְזֵל מִקַּח**—וואַרפט דעם בעשטימטען פּרײַז-דאַמיט צוּ קאָנקוּרירען.

---

1) כולם יחד נרשמים אצל התוכנים בר"ת: „שצ"מ חנכ"ל" ועי' רש"י שבת קכט: ד"ה: „דקימא ליה מאדים", וסדרם זה מלמעלה למטה לארץ, שמותם וזמן סבובן עי' ב"ר פ"י. העמים הקדמונים שעבדו להם נקראו בל' חז"ל „עובדי כוכבים ומזלות" (בר"ת: עכו"ם).

2) בשמותם אלו נזכרים במקומות שונים בתלמוד: ר"ה יא ועוד ובמדרשים ב"ר פ"י וישנם עוד שמות למזלות בכתבי הקדש ובתלמוד חקרו אחריהם, כמו: „בימה וכסיל" (עמוס ה, ח) „עיש כסיל, וכימה" (איוב ט, ט) „בימה וכסיל ועיש" (שם לט, לא—לב) אשר לדעת הגמרא (ברכות, נח:) הם הכבבים המלוים בהמזלות: „עש—הוא זנב טלה—דאזלא אבתריה", ועל כימה דרש שמואל בר"ת „כמאה ככבי", הוא שמואל ירחינאו שאמר: „נהירין לי שבילי דרקיעי כשבילי דנהרדעא" (ברכות, נח:), אשר לדעת אחרים הם כנופיה של כוכבים ואמרי לה דמפוזרין.

מְזוּמָן (ע"ז, יז:) גרייטע—געלד. **מְזוּמָנִים** (ב"ב, ע"ה:) בעשטימטע. **מְזוּמָן לִבְרָכָה** (ברכות, מג:) בעשטימט צום בענטשען, ד"ה „בענטשען מיט אַמזומן" ווען דריי עסען צוזאַמען. **מְזוּמָן לְפוּרְעָנִיּוֹת** (סנהדרין, קד:) בעשטימט צו שלעכטע בעצאָהלונג, ד"ה: בעשטראָפט צו ווערען. **מִזְמוֹר** (תהלים ג, א) געזאַנג מיט ווערטער (טעקסט). **מִזְמוֹרִים** — קאַפּיטלען, צוזינגען און צו זאָגען. „אַוועק ווי אַ מזמור"—דאָס גרינג איינגעבען זיך פון איין לינקער זאַך, ווי גרינג עס איז אָפּצוזינגען איין איינגעזונגענעם ליעד. **מָזוֹן** (בראשית מה, כג) שפּייז, נאַהרונג — **מְזוֹנוֹת** (יומא, יא; כתובות, מז:) נאַהרונגס מיטעל.

מְזוֹן סְעוּדָה אַחַת - שפּייז אויף איין מאָהלצייט. **מְזוֹנוֹת לְהַזּוּג** - קאָסט פיר די יונגע פּאָאַר, ביי זייערע עלטערען. **מִזְנָה** (שבת, פח:) בודלען. **מַזִּיק** (פסחים, ב:) בעטריגען, בעטריגער, אויך שלעכטע גייסטער (קדושין, כט:). **מַזִּיקִים** (חולין, קה:) „גע'מזיק'ט"—געקאַלעטשעט. **מַזִּיקוֹת** (ב"ק, פא:) מאַכען שאַדען, אויך מעשה קונדס איינפעליג פון אַקלוגען יונג. **מִזֶּרַע הַיְּהוּדִים** (אסתר, ו, יג) פון יודישען הערקונפט. **מִזְרָח** (תהלים קג, יב) אָסט, מאָרגען זייטע. צו די זייט פון די זונן ערשיינונג שטעלען מיר זיך מיט דעם פנים צו דאַווענען שמונה עשרה[1]. מען טאָר אָבער ניט האַלטען אין זינען

[1]) אם משום שכינה, כדאמרי בגמרא (ב"ב, כה): „סברי ר' אבהו ורבי יהושע בן לוי שהשכינה במערב ולא במזרח" וכן גם דעת רבי (סנהדרין, צא.) ולבסוף נמנו וגמרו שהשכינה בכל מקום; ומצינו לרב ששת שהזיר לשמעיה שיוכל להעמידו לכל רוחות להתפלל (שהוא בעצמו היה סגי נהור כדאיתא בברכות נח.)—אך ורק לא לצד מזרח, שכן מורים המינים (ב"ק, כה.) ולנו להתפלל רק לצד שכנגד א"י, שכן מצינו בדניאל (דניאל ו, יא), ומפרש בגמרא (ברכות, ל): היה עומד בחוץ לארץ יכוון לבו כנגד ארץ ישראל, שנאמר: והתפללו אליך דרך ארצם (מ"א ח) נמצא כל ישראל מכונים את לבם למקום אחד (ברכות, ל.); נמצאים לומדים שהעיקר הוא לכוון לצד ארץ ישראל, (עי' מאמר ידי די החכם רח"א חזן „המקדש אם המזרח" בהצפירה 159–161 לש' תר"ם).

דאָס צוליעב די זונן טוען מיר עס חלילה, דאָס וואלט געווען ריכטונגע געצענ־דינסט (יחזקאל ח, ו—טו); אויך טאָר מען ניט דיינקען מיט דעם צובעשטימען די זייטע וואו דער רבינו של עולם, דען ער איז „מְלֹא כָל הָאָרֶץ כְּבוֹדוֹ״. דער זינן דער פון איז בלויז דאָס וואו מיר געפינען זיך, דאַרפען מיר שטעהן מיט דעם פנים צו ארץ ישראל, וועלען אויסקומען אַלע יודען — וואָס זיינען פערשפּרייט אין אַרבע כנפות הארץ — געווענדעט צו אַיין צענטראַלנעם פונקט — צו ירושלים.

מִזְרָח — הייסט אויך אַזאַ ציור נעמאָלט, אָדער אויסגעניייט קינסטליך דורך האַנד אַרבייט אין יעדער אידישער הויז וואו עס גיט דאָרט אַ יונגעס מיידעל, וואָס איז אויף איהם בעצייכענט דער וואָרט „מזרח״ מיט בעפּוצונג, דאָס האַלט מען אויף דעם מזרח וואַנד מען זאָל וויסען וואו מזרח איז. „מזרח וואַנד״ — הייסט דער אויבען־אָן וואַנד אין שוהל און אין אַלע קלויזען, וואָס דאָרטען זיצען די „פּני״ און דאָרט אויף דעם רעכטען מיטען איז דער ארון הקדש.

מֹחַ (ב״ק, צמ:) געהירען. מאַרך אין קאָפּ. **מוֹחוֹת**. „געשפּאָלטען דעם מוח״ — געעפּענט דעם שאַרבען ביז דעם מאַרך. „דריי ניט אַ מוח״ קלאַפּאָטשע ניט אַ קאָפּ.

מְחַבֵּל (סנהדרין, כד:) בעשעדיגט, פערדערבט, טייוועל. **מְחַבְּלִים** (שה״ש ב, טו).

מְחַבֵּר — בעהעפטעט, שטעלט צוזאַמען אַ ליטעראַרישע ווערק (פערפאַסער). **מְחַבְּרִים** (וועה — „חבור״).

מְחַדֵּשׁ — טהוט אויף נייעסען (אין לערנען). „מחדש זיין די לבנה״ (וועה — „מולד״).

מְחַזֵּק (שמות יד, טו) גיט צו מוטה.

מַחֲזִיק — שטיצט. **מַחֲזִיק לוֹמְדֵי תּוֹרָה** — **מַחֲזִיק טוֹבָה** (ברכות, יח; אבות פ״ד) דאַנקבאַר פיר גוטעס.

מוּחְזָק (ב״ב, קיט; סנהדרין, פט:) האַלט אין זיין רשות. „מאַכט מחזקות״ — וויצעלט זיך (ווי מיט אַיין אַיינענע).

מַחְזוֹר (ברכות, נט:) ריקקעהר, אזוי רופט די נייע העברעאיש דעם געבעט בוך פון פיוטים פיר אלע ימים טובים, דאס הייסט ער ווערט ווידערהאלט פון יאהר צו יאהר אין די פייערטעג: „מחזור ליום כפור", „מחזור לראש השנה", מחזור לשלש רגלים" (פסח, שבועות, סוכות). **מַחְזוֹר**—די זונן אומקרייזונג. וואס צו אלע אכט און צוואנציג יאהר ענדיגט זיך איהר אסטראנאמישער צירקוליאר און זי קומט אוים אויף דעם זעלבען ארט־פונקט (ברכות, נט:), און די תקופות הויבען אן אוים צוקומען אין די זעלבע טעג און סעקונדען פינקטליך און ריכטיג ווי אין די פאריגע מחזורים פון צייט די וועלט שטייט ביז זי וועט נאך אויף איהר שיינען. ער הייסט: „מחזור גדול" די גרויסע אומקרייזונג. „מחזור קטן" הייסט אלע 19 יאהר וואס עס בעדארף זיך אויסגלייכען אין זיי די לבנה יאהרען מיט די זונן יאהרען, וואס פעלט אין לבנה אנדגעגען זונן יאהרען 19 מאל 10 טעג, 21 שטונדען 204 זעקונדען, וואס צוליעב דעם פאלט אין יעדער מחזור קטן, (ד. ה. אלע נײנצען יאהר) זיעבען איבער־יאהרען: 3־טער, 6־טער, 8־טער, 11־טער, 14־טער, 17־טער און 19־טער.

מַחֲזִיר לְמוּטָב (סנהדרין צז:) אויסבעסערען אפערדארבענעם מענשענס אויפיהרונג. **מַחֲזִיר גְרוּשָׁתוֹ** (מו"ק, ח) נעהמט ווידער זיין געשיידעטע פרויא.

מַחֲזִיר עַל הַפְּתָחִים (מגילה טו, כתובות קח, ב"ב ט) שנאָרער, געהט מבית לבית בעטלען.

מַחֲטִיא הָרַבִּים (אבות פה) פיעלע צו זינדע ברייננגען.

מִחְיָה (שופטים ו, ד) ערנעהרונג, לעבענס אונטערהאלטונג. „האלט א מחיה"—ערנעהרונגס הויז, צום צובייסען.

מְחַיֶּה (נחמיה ט, ו) באלעבט, ערנערט **מְחַיֶּה מֵתִים** (סנהדרין צב:) בעלעבט טוידטע.

מְחַיֶּה נְפָשׁוֹת—ערקוויקט זעלען. „מחיה געוועהן" (ברכות, לב:). „א מחיה" „עס איז מחיה'דיג"—ערקוויקענד.

מְחוּיָב (ברכות כ:) מוז, אָביאַ־זען—**מְחוּיָבִים.**

מְחַיֵּב (יומא לה:) בעשולדיגט אַ צווייטען.

מוֹחֵל (תרומות פ"ו, מ"א חגיגה י:) פערציַיהעט. **מוֹחֵל עֲוֹנוֹת** (כתובות טו:) פערציַיהעט זינד, מיט דעם פסעבדאָנים טי־טול רופט מען אַ קאַטאָלישען גלח וואָס זיַינע גלויבענס גענאָס־סען פערטרויען פאַר איהם זייערע זינדע, און ער איז זיַי מוחל. אויך ביַי אונז געפינען זיך פערמיטלער וואָס נעהמען אָן פדיונות צו פועל'ן אַ מחילה, וואָס צו דאָס קען קיינער ניט העלפען נור די תשובה און אויסבעסערונג פון אייגענטהימער (ש"א ב, כה; ע"ז יז).

מְחִילָה (ב"מ סו, סנהדרין מד; ירושלמי יומא פ' יוה"כ) פער־ציַיאונג, פערגעבונג (יומא סח) **מְחִילָה גְמוּרָה**—אַפּאָלקאָמע פערציַיאונג.

מַחֲלָה (במדבר לו, יא) קרייַנק־ליכע. איינע פון די פינף טעכטער צלפחד'ס וואָס האָבען זיך אויסגעהאַדאַטאַי־סטוועט ביַי משה רבינו גליַיכע רעכטע אין ירושה ווי זין.

מְחַלֵּל (אבות פ"ד) עטוועהען (זעה—„חלול").

מַחֲלֹקֶה (אבות פ') **מַחֲלֹקוֹת** (ב"ב, קמז) צוטהיילטע אין מיינונגען, זיַינען מחולק ביז מען צוקריגט זיך.

מַחֲמִיר (סוטה, כא; ע"ז, ז:) לייגט שווירינקייט (דער גע־גענזאַטץ פון מיקל ד. ה. פער־גרינגערין).

מַחֲמַת (ר"ה, ה: ב"ק, לא) צוליעב— **מַחֲמַת כַּמָּה טְעָמִים** צוליעב פיעלע אורזאַכען. **מַחֲמַת קִנְאָה** — צוליעב בענייַדונג. **מַחֲמַת שִׂנְאָה** — צוליעב פייַנדשאַפט.

מַחֲנֶה (בראשית לב, ט) קריעגס לאַגער—**מַחֲנוֹת** (בראשית לב, יא).

מְחוּסָר (שבת, קלב.) פעהלענד, מאַנגעל. **מְחוּסַר לֶחֶם** — אין ברויט מאַנגעל. **מְחוּסַר פַּרְנָסָה** — פערדינסט מאַנגעל.

מִחוּץ (ויקרא יג, מו) פון אויסער (זעה—„חוץ").

מְחִיצָה (ירושלמי שבת פב: עירובין צג:) צאַם, שײַדװאַנד— מְחִיצוֹת (מכות, כ:).

מֶחֱצָה (שמות ל, כג) העלפט. מֶחֱצָה עַל מֶחֱצָה- העלפט אויף העלפט. מַחֲצִית הַשֶּׁקֶל (שמות בא, טו) ½ טאַלער.

מְחַק (ב"ב, פט:) אָבשטרײַכען, „געמאַכט אַ מחק" — אַ טעות אין רעכנונג [1].

מֶחְקָר ערפאָרשונג, פילאָזאָפיע.

מָחָר (יהושע כב, כז) מאָרגען.

מַחֲרִיב עוֹלָמוֹת—פערוויסטעט וועלטען.

מַחֲרִיד (ויקרא כו, ו) ערשרעקט.

מַחֲרִים (קדושין, מט:) שטעלט אין באַנן. מַחֲרִים וּמְנַדֶּה - ד"ז.

מְחָרֵף וּמְגַדֵּף (נדה, לא:) זידעלט זיך—מְחָרְפִים וּמְגַדְּפִים (בראשית רבה פרק א, יג).

מִידוּשׁ (שבת ה, יא:) אַ שפּירענ־ דער וועהטאָג.

מַחֲשָׁבָה (ירמיה יח מא. כתובות, ח:) געדאַנק, פּלאַן — מַחֲשָׁבוֹת (משלי טו, כב). מַחֲשָׁבָה זָרָה-אַבעזײַטיגטע געדאַנקען.

מַחֲשָׁבָה טוֹבָה (קדושין, מ:) אַ געדאַנק צו גוטען, אין געגענ־ טײל איז: מַחֲשָׁבָה רָעָה (שם). „אין מחשבות'ן". מַחֲשָׁבָה כְּמַעֲשֶׂה (ב"מ, מז:) געטראַכט איז ווי געטאָן.

מְחוּתָּן — פערשוואַגערט אין געשוויגערשאַפט— מְחוּתָּנִים. מִתְחַתֵּן (בראשית לב ט, ש"א כב). „אַ נאָהנטער מחותן" אויף דעם וואָס מען ליידט ניט, „אוים מחותן"—ווען מען וויכט אוים פון הויז און מען בעגלייט מיט די ווערטער: „זײַ מיר ניט קײן צו נאָהנטער מחותן!".

מִטָּה (ש"א יט יג) בעטטע. מִטּוֹת-אויך אַ סאַרג.

מָטָה (ויקרא כה, לה) ערניעדערט, אַראָפּ פון טראָפּ, „ער איז גאָר מטה".

מוֹטָה (ישעיה נח, ז) וואַנקענדע. ווײַבליכער נאָמען, עס קען שטאַמען פון מענליכען נאָמען: מ ט ה—אומענדערט פון מ ר ד כ י.

מֵטִיב (תהלים קיט, סח) בעגוטיגט, שטיצט, פאַדערזוועט.

[1] מלשון: „מחוק כל שטרי חובותינו" בתפילת אבינו מלכנו.

מַטְבֵּעָה (ברכות, מז:) מינץ, מאַ-
נעטטע — **מַטְבְּעוֹת**
(סנהדרין לז) . „פסול'ע מטבע"—
אויף אַ פאַלשען מענשען .
מְטַהֵר (ויקרא יד, ד) רייניגט.
מוּטָל (ברכות יו, יח) ארויפגעלייגט.
מוּטָל עַל הַצִּבּוּר-
אנגעלייגט אויף דער געמיינדע.
מוּטָל בְּסָפֵק (ב"מ יח, מז.)
מַטִּיל סָפֵק — וואַרפט אין
אַ צווייפעל.
מְטַלְטֵל (ישעיה כד, יו) בעריהרט
פון ארט.
מְטַלְטְלִים (סוכה, מז:) בעוועג-
ליכע גיטער .
מְטַמֵּא (אהלות ח) פעראונרייניגט.
מַטְמוֹן (בראשית מג, כג) בעהאַל-
טענע, אוצר. **מַטְמוֹנִים**
(ירמי' מא, ח) **מַטְמוֹנִיוֹת** (פסחים קיט).
מְטוּנָף (תנחומא וירא סי' יב) פער-
שמוצטער (ירמיה מא, ח).
מְ'טַעֲמִים שׁוֹנִים — צוליעב
פערשיעדענע אורזאַכען .
מַטְעַמִּים (בראשית כז, ב) געשמאַק-
האַפטע שפייזע .
מְטוּפָּל-(זעה—„בעל מטופל") .

מַטְרִיחַ (סוכה, כט.) בעמיהט,
בעלאַסטעט, מען בע-
נוצט דאס אין בנין צווי: „זיינט
זיך מטריח".
מַטְרוֹנִיתָה (ר"ה, יט. ב"מ, פד.
חולין, קה). **מַטְרוֹנָה**
איידעלע פרוי, פירשטין [1].
מַטְרִיף (חולין מט) ערקלערט
פאר טרוף, אונברויכבאר.
מְטָרֵף (ברכות לד) אצודרעהטער,
וואַהנזיניג.
מְטוּשְׁטָשׁ (ב"ב טו) פערוויסט,
פערמעקט.
מַטּוֹת-די ניינטע סדרה אין
פיערטען ספר (במדבר ל,
לב, מב) און די 43-טע סדרה אין
חומש, אינהאלטעט דריי אָב-
טהיילונגען: א) וועגען נדרים.
ב) דאס געהן ראַכע נעמען פון
די מדינים דורך איין נאַציאָ-
נאַלען שטרייט דורך די אנפיהרונג
פון דעם נאַציאָנאַליסט פנחס
(זעה סדרה „פנחס"). ג) משה האט
געגעבען די דריטהאַלבען שבטים
לאַנד און זיי האבען פערזיכערט
אַז זיי וועלען דאס ניט בעזיט-

---

1) תרגום של שומר הפילגשים (אסתר ב, יד)—מטרוניתא, והיא כבלשון רוסית אשה חשובה (Матрона).

צען אַלם אַרב, וואו זיי וועלען ניט מיט העלפען דאָס גאַנצע פאָלק בעזאָרגען זיך. דער פון איז צו לערנען דאָס איינצעלנע מענשין בעדאַרפען ניט חאַפּען דעם גליק פון אַ אַלגעמיינע קאַסע וואו דער אַלגעמיין אַליין איז נאָך גאַנץ ווייט פון זיין גליקליכען אויסזיכט; פאַר אַזאַ חאַפּען האָט יהושע פערשטיינט דעם עכן מיט זיין פאַמיליע (יהושע ז).

מְיָאֵשׁ—פערצווייפעלט. זיך מיאש געוועהן [1].

מַאי דְהֲוָה הֲוָה (יומא ה:) וואָס געוועזען, איז געוועזען.

מְיַבֵּם—הייראַטהען אַשוועגערען, דעם ברודערס ווייב, ווען ער האָט קיין קינדער ניט איבערגעלאָזט (זעה—„חליצה").

מְיוּחָם (קידושין פא, יבמות קא; הוריות יג, פיוט ליו"כ) וואָהל געבאָהרען, הויכע הערקונפט. **מְיוּחָסִים**. **מְיוּחֶסֶת** (תענית לא). „אַגרויסע יחסנ׳טע"!. „וואָס איז מיט דיר דער יחוס"?

מַיִם (בראשית י) וואַסער, וואַסערען. **מַיִם אַחֲרוֹנִים** (ברכות מו. יומא פג) דעם וואַשען די הענד נאָך דעם עסען. דאָס איז דער געגענזאַטץ פון **מַיִם רִאשׁוֹנִים** דאָס וואַשען זיך פאַר דעם עסען (יומא פג:). דאָס איז איינע פון די וויכטיגסטע אין די היגיעניע וואָס אונזערע חכמים זיינען דעם איינפיהר מיחס צו שלמה המלך דאָס ער האָט דאָס איינגעפיהרט (שבת יד). **מֵי רַגְלַיִם** (ברכות, מא) אורין. **מַיִם שֶׁלָנוּ** (נדה יז) איבערגענעכטיגטע וואַסער, וואָס מען געברויכט צום קנעטען דאָס טייג אויף מצה באַקען. דאָס ווערט אָנגעשעפט פאַר זון אונטערגאַנג צוליב דעם וואָס עס זייערט ניט דעם טייג.

מְיַסֵּד (תנחומא תלא, יב) גרינדער, **מְיַסְּדִים**.

מְיוּעָד—בעשטימט. **מְיוּעֶדֶת** (קידושין ו).

מְיַשֵּׁב—איבערלייגט זיך, איבערדיינקט (ב"ק כ:).

---

[1] הוא מלשון המקרא „ונואש ממני שאול" (שמואל א כז, א), ובלשון התלמוד באבדה; „יאוש בעלים" (ב"ק סג), יאוש שלא מדעת (שם פ"ב).

מְיוּשָׁב (שבת קיג:) איבערלייגט מיט פערשטאנד, „מיושב'דיג"—שעמהאפט.

מְיַתֵּר (ב"ק ג; סנהדרין, פט:) לאזט איבער זיינע.

מַכָּה (ש"א ד, ח) שלאק. **מַכּוֹת** (שם מסכת) שלעק. **מַכָּה בִּצְדָדָה**—א שלאק ביי דער זייט. **מַכַּת מְדִינָה** (ב"מ קח) אלאנ-דעם שלאק. **מַכַּת בְּכוֹרוֹת** (ברכות נח:) א שלאק אויף די ערשטע געבארענע. **מַכַּת רֶצַח** (מירמיה ל, יד) מערדערישע שלעק. מַכָּה אֲשֶׁר לֹא כְתוּבָה בַּתּוֹרָה (דברים כח, סא) אזא שלאק וואס איז ניט געשריבען אין (תוכחה פון) דער תורה.

מִיכָה—ווער איז ווי ה'. נאמען איינער פון די תרי עשר גביאים.

מִיכָאֵל (במדבר יג, יב) ווער איז ווי גאט דער מעכטיגער. נאמען דער פאטער פון דעם געשיקטען מיט די מרגלים פון שבט אשר.

מַכַּבִּי—זעה—„חנוכה".

מְכַבֵּד (שם י, ג) בעהרט, **מְכֻבָּד** (ישעיה נח, יג) בעהרטער.

מַכְבִּיד (חבקוק ב, ו) בעשווערט, בעלעסטיגט.

מְכֻוָּן (ברכות ל; שבת, עד; ב"ב קכד) געהאט אין זינען.

בִּמְכֻוָּן—אבזיכטליך.

מוֹכ"ז—פערקירצט פון „מֵבִיא וּמוֹסֵר כְּתָב זֶה" דאס הייסט דער איבערברייננגער און איבער געבער פון דיזען אויפשריפט. „מוכ"ז צעטעל"—א שריפטליכער אנווייזונג ווער איהם צושטעלט צום איינמאהנען.

מַ'כַּח—וועגען וואס עס איז.

מוֹכִיחַ (משלי כה, יב) שטראפט, פרעדיגט.

מַכְחִישׁ (חולין ז) לייקענט אב.

מְכַלֶּה (איוב ט, כב) פערניכטען אין גאנצען; אבער „מכלה מאכען" (מאחולע) איז בלויז איספארציען.

מִכָּל הַמִּינִים (כתובות סא) פון אלע זארטען.

מִיכַל (ש"א יד, מ) סימפאטיש, אנציהענדע. אזוי האט געהייסען שאול המלך'ס טאכטער

וואס איז געווען פערליעבט אין דוד'ן אלס ער איז געווען ביי איהר פאטער אהויף-שפּיעלער.

מֵבִין (תהלים סה, ז. ביצה, כ:) פאר-בערייטעט. **מוּכָן** (משלי כא, לא) בערייט. **מוּכָן וּמְזוּמָן** (ע"ז, יז) געארדענט און בערייט.

מוּכָן לְפוּרְעָנִיוֹת (מגילה, יב:) בערייט צו האבען א בעצאה-לונג — דורך א בעשטראפונג.

מַכְנִים (סנהדרין, יז.) ברייננט אריין. **מַכְנִים אוֹרֵחַ** א גאסט פריינד.

מִכְנָסַיִם (שמות, כה, מב) הויזען.

מֶכֶם (ב"ק, קיג) שטייער, פאשלינע.

מוֹכְסָן (שם קיד) ארענדאר אויף דעם שטייער.

מִכְסֵה (שמות כו, יד) א דעקע.

מְכֻסֶּה (משלי י, יח) בע-דעקט, פערשטעלט.

מְכוֹעָר (פסחים, מט) העסליכער.

מְכוֹעֶרֶת (תענית, כ:).

מְכוֹעָרוֹת (ע"ז, כ). דערפון שטאמט אויף א גאנץ שיינע בלשון סגי נהור „מאכאראס".

מְכִירָה (סוטה, יג) דאס פער-קויפען. **מוֹכֵר** (ויקרא כה, טז) פערקויפער, פערקויפט.

מוֹכְרִים (עמוס, ט). **מוֹכֵר סְפָרִים** — בוך קרעמער.

מַכְרִיז (ב"מ, כה) רופט אוים, פערעפענטליכט. „מכריז ומודיע דעם עולם" — פערעפענט-ליכט פאר דער געמיינדע.

מוּכְרָח — געצוואונגען, גענויטהיגט.

מַכְרִיעַ (אבות פ"ד) וועגט העראב.

מִכְשׁוֹל (ויקרא יט, יד) שטרויכ-לונג, הינדערניס.

מְכַשֵּׁף (דברים יח, י) צויבערער — **מְכַשְּׁפִים** (מלאכי ג, ה).

מְכַשֵּׁפָה (שמות כב, יז) צויבערין.

מְכַשְּׁפוֹת (סנהדרין, פו) מכשפ'טעס.

מַכְשִׁירִים (שבת, קלא:) די גע-הערינע, נוצליכע געגענשטענדע.

מָלֵא (יהושע ג, טו) פאל געפילט.

מָלֵא — הייסט א פאלקא-מענער מאנאט, וועלכער ציילט 30 טעג (ב"מ, נט), דער געגענזאטץ פון א חדש חסר (שם) וואס ציילט נור 29 טעג (ר"ה, ז: ערכין, ט:), דאס קומט דערפון וואס ראשי חדשים זיינען פון גאנצע טעג, און דער זמן המולד קען פאלען

אין האַלבען טאָג אָדער אין האַלבע נאַכט (זעה—„מולד").

דיזע חדשים זיינען אימער מלא: ניסן, סיון, אָב, תשרי, און שבט. אימער חסר זיינען: איר, תמוז, אלול, און טבת. אָבער די חדשים: חשון און כסליו זיינען אָפט ביידע חסרים און אָפט חשון אַ חסר און כסליו—מלא, דאַן הייסט דער יאָהר אין אָרדנונג (כסדרה) און ציילט 354 טעג; ווען דער יאָהר האָט 7 חדשים מלא, ד"ה ווען חשון איז מלא, הייסט דער יאָהר אַ פאָלקאָמענער (שלמה), און ציילט 355 טעג, און ווען 7 חדשים זיינען אין אים חסרים הייסט עס אַ פעהלענדע (חסרה) און ציילט 353 טעג. **מָלֵא**—הייסט אויך אַ שכור וואָס איז גענוג בעטרונקען, אָבער ווען איבערגענוג הייסט ער **מָלֵא וְגָדוּשׁ** (תמיד ד, ה)—ד"ה פול און געקויפט (מיט אַ קויפ). **מָלֵא חֵמָה** (אסתר ג, ה) פאָלל אין גרימם, פערבייזט. **מָלֵא רַחֲמִים**—די תפלה פון הזכרת נשמות. **מָלֵא רֶצַח**—פאָלל מערדעריש. **מָלֵא שִׂמְחָה**—פאָללער פריידע.

מֵילָא—זאָ, דערפון שטאַמט: **בְּמֵילָא, מִמֵּילָא, מֵילָא בְּכֵן** אַלזאָ, וועט עס געשעהן, זאָ ווי זאָ.

מִילָה (שבת פ"ה, יבמות ע; מנחות ה) דאָס בעשניידען. **מִלָּה בְּמִלָּה**—וואָרט פאַר וואָרט.

מִלֵּי דְעַלְמָא (פסחים, קיג; שבת, יח, פב:) וועלטליכע זאַכען.

מַלְאָךְ (בראשית כב, יא) ענגעל. **מַלְאָכִים** (שם יט, א). **מַלְאָךְ דוּמָה** (ברכות יח) ענגעל דער גראַבען [1]. **מַלְאָךְ הַמָּוֶת** (ע"ז כ:) דער ענגעל צום שטערבען [2]. **מַלְאֲכֵי חַבָּלָה** (ברכות פ:) ענגלען צום פערדערבען. **מַלְאָךְ מֵלִיץ** (איוב לג, כג) ענגעל דער פירשפרעכער. **מַלְאֲכֵי**

---

[1]) נ"ל לנקד דומה מל' „יורדי דומה" והוא מלאך הממונה על הקברים, כדפי' רש"י שם: „מלאך הממונה על המתים", ובגמרא סנהד' צ"ד, גם במדרש תהלים (יא ו) קורא לשר הרוחות (מלאך הממונה על הרוחות)—„דומה", ומבאר הטעם: שהוא שומר הדממות, מל' „יקום סערה לדממה", וא"כ יש לנקד דומה בחולם מל' שמש בגבעון דום; וי"ל דאיכא תרי דומה: חד דומה הממונה על הרוחות (סנהדרין צג), וחד דומה—זהו שעל הקברים.

[2]) כל מקרה שיוכל להיות השליח למיתה נקרא בפי חז"ל „מלאך המות". כן

מַלִיצִים. מַלְאֲכֵי רַחֲמִים (ב"ר פ' נ) ענגעלען פון בארמ־הערציגקייט. **מַלְאֲכֵי הַשָּׁרֵת** (שבת פח) ענגעלען וואס שטעהען צום דינסט. **מַלְאָכִים מַמָּשׁ** (ב"ר פ' עה, ג) ווירקליכע ענגלען. (אבער ניט קיין שלוחים, ווי עס קען אויך זיין אין בעדייטונג). **מַלְאָךְ רַע עָנָה אָמֵן** (שבת קיח). **מַלְבּוּשׁ** (איוב כז, טז) אנצוג. **מַלְבּוּשִׁים. מַלְבּוּשֵׁי כָבוֹד** (זמירות לשבת) עהריגן אנ־קליידונג, **מַלְבּוּשֵׁי חוֹל** (שבת, קיג) וואכענדיגע קליידונג. **מַלְבּוּשֵׁי יוֹם טוֹב. מַלְבּוּשֵׁי שַׁבָּת** (שם) פעסטקליידונג [1]). **מַלְבִּישׁ** (שבת, קלג) בעקליידעט. **מַלְבִּישׁ עֲרוּמִּים** (שבת, קלג סוטה יד.) בעקליידעט נאקעטע.

מוֹלָד (ראש השנה, ב:) דאס געבארען ווערען — **מוֹלְדוֹת.** דער בעוויזען זיך א ברעג פון דער לבנה צום ניי־מאנד. פון איין מולד ביז דעם צווייטען דויערט $29^1/_2$ מעת־לעת מיט **793** טהייל פון א שטונדע, ד"ה $^2/_3$ שטונדע מיט **73** חלקים[2]). צו דעם מולד רעכענט זיך שוין דער ראש חדש פון נייען מאנהייט, דערום בעדארף מען צום בענט־שען ראש חדש גענוי וויסען דעם טאג, די שעה און די מינוט ווען דער מולד פאלט. די פינקט־ליכקייט קומט פון דעם, וויל מיר רעכנען דעם חדש נאך די

מצינו ברבי פינחס בן יאיר, בראותו פרדים לבנים בפתחו של רבי, אמר: „מלאך המות בביתו של זה׳! (חולין ז) דא"ר חנינא לא שאלני אדם על מכת פרדה לבנה וחיה (שם).

[1]) תרגמתי לפי פעלו „לבש". השם בא מן הפעל או להפך; לפתרון שמות יתר מיני בגדים עי׳ מאמרי בהצפירה גליון 199 ש׳ 1890. ושמות כל מיני בגדים ועדים בעברית הנם מפורשים ע"פ א"ב בחבורי „להקת נביאים" צד 119—122.

[2]) עי׳ תרגום יונתן „מולד סיהרא׳ (בראשית א, יד), ובגמרא ר"ה, כה: „אין חדושה של לבנה פחות מכ"ט יום ומחצה וב׳ שלישי שעה וע"ג חלקים׳ להחדוש הקודם. וע"פ סגנון חכמי העברונין: „אין בין מולד לחברו אלא א, יב, תשצג", לאמר: מלבד ד׳ שבועות יש לצרף עוד יום אחד י"ב שעות ותשצ"ג חלקים משעה.

לבנה [1]) און ווערליג דעם רעכנונג קומען אויס אלע ימים טובים אין וועלכע טעג זיי פאלען אין חדש, און אפארזעהן אין אטאג קען מאכען אקלקול אין חמץ בפסח, אדער אין דעם יום כפור טאג א. ד. ג. פערצייטען פלעגען בית דין פון ירושלים פערנאנדער שיקען שלוחים מעל־דען אין די גלות לענדער וועגען די חדשים וואס פאלט אין זיי א יום טוב ווען זייער מולד איז געפאלען (ר"ה יז) און פאר ארומיגע שטעדט — מיט פייערצייכונגם (ירמיה ו, א) אויף די הויכע בערג (פסחים ב. ר"ה, כב: ביצה ד:). פון דעם דריטען מעת לעת נאך דעם מולד ביז דעם 14־טען אין חדש—וואס דאן קומט די לבנה אין איהר פאלער רונדע פארמע— איז די געהעריגע צייט איהר מחדש צו זיין.

מִלְוָה (ב"מ, ו) קרעטיט, בארג.

מַלְוֶה (משלי יט, יז) ענטלייהער.

מַלְוִין (שבועות, מז:)

מַלְוֶה בְרִיבִּית (ברכות נה) פער־לייהער אויף ציגזען—דאס איז שטרייגג פערבאטען אין דער תורה (שמות כב, כד; ויקרא כה, לז; דברים כג, כ).

מְלַוֶּה — בעגלייטעט. **מְלַוֶּה הַמֵּת**—צו דער קבורה.

מְלַוֶּה מַלְכָּא—בעגלייטען דעם שבת (וואס הייסט „שבת מלכתא") מיט א סעודה שבת־צו־נאכט. דער מאלצייט הייסט „סְעוּדָתָא דְדָוִד מַלְכָּא" דוד המלך'ס מאלצייט. [2])

---

[1]) „ישראל מונין ללבנה ואומות העולם מונין לחמה" (סוכה, כט. שמות רבה פ' טו, לב) ושם מדמה ומשוה תולדות ישראל בתקופותיה להלבנה: החודש שלשים יום—ימלוכת ישראל שלשים דור, מאברהם החלה להאיר ובימי שלמה נמלאה אורה, ומאז החלה להתמעט עד צדקיה המלך, ונאמר בו: ואת עיני צדקיה עור—מלך בבל (ירמיה לט, ז) וחשכה מלוכת ישראל לגמרי—כהלבנה שמתכסה בסוף החודש, ועוד תשוב תאיר, ויהיה אור הלבנה כאור החמה—בב"א.

[2]) בלשון בגמרא (שבת, קיט:) לעולם יסדר אדם שלהנו במוצאי שבת, אף על פי שאינו צריך אלא לכזית, ורש"י מדרש שם: במו"ש נמי כבוד שבת ללותו ביציאתו דרך כבוד, כאדם המלוה את המלך בצאתו מן העיר, ע"כ הלשון „מלוה מלכא"—באלף.

מֶלַח (בראשית יט, כו) זאַלץ.
מִלְחָמָה (בראשית יד ב) שטרײַט. **מִלְחָמוֹת** (דהי"א כח, ג). **מִלְחֲמוֹת גוֹג וּמָגוֹג**— (וע"ה—"גוג ומגוג").

מֶלֶךְ (בראש' יד, א) קעניג, רעגירער. **מְלָכִים** (שם, שם ט). **מַלְכָּה** (אסתר א, ט) קעניגין. **מַלְכוּת** (שה"ש ו, ח)—מלכות (בל"ז). **מֶלֶךְ בְּכִיפָּה** (מגילה יג) אַ קעניג איינער אונטער דעם הימעלשען געוועלב, ד"ה אויף דער גאַנצער וועלט. **מֶלֶךְ בָּשָׂר וָדָם** (ברכות לב, שבת ל, סנהדרין, ט:) אַ קעניג וואס בעשטעהט פון פלייש און בלוט, אין קאַנטראַסט פון דעם באַשעפער: "מֶלֶךְ מַלְכֵי הַמְּלָכִים הקב"ה" (סנהדרין, לח).

מֶלֶךְ הַמָּשִׁיחַ (שהש"ר פסוק התאנה; מדרש תהל' קיט טו) אַזוי הייסט דער ערוואַרטעטער ערהאַבענער פערזאָן וואס וועט די גאַנצע מענשהײַט שטעלען אויף איהר הויכע שטופע אין פריעדען און צופריעדענהײַט.

מֶלֶךְ טִפֵּשׁ (מגילה, יב:) דוממער קעניג. **מַלְכֵי מִזְרָח וּמַעֲרָב** (סנהדרין, קה) אַלע קעניגע פון אַסטען און וועסטען. **מֶלֶךְ עֶלְיוֹן** – אַלערהעכסטער קעניג (פיוט לר"ה).
מֹלֵךְ (אסתר א, א) רעגירט. **מוֹלֵךְ מֵעַצְמוֹ** — האָט זיך זעלבסט גענומען די ממשלה. **מְלוּכָה** (מ"א כא, ז). **מַלְכוּת** (דהי"א יב יג) רעגירונג. "מלוכה'דיג"-קייזערליך, מאַיעסטעטיש.

מְלָאכָה (בראשית ב, ב) טאַלענט (ווי אומנות). **מְלָאכוֹת** (שבת, ב:). "דאָס איז זײַן מלאכה"— זײַן שטיקעל אַרבײַט. אָפּטועכץ (ירמיה נ, כה). "פון פיל מלאכות ווייניג הצלחות" (פאָלקס זאַגע).
מוֹלוּךְ (נחמיה י, ה) ראַהט געבער. דער פון שטאַמט מולך אַ מענליכער איינען נאָמען. **מַלְכָּה** — קעניגין, אויך אַ ווייבליכער נאָמען.
מִלְכָּה (בראשית יא, כט) ראַהט-

ולמה נקראה ע"ש דוד לא נהירא לי המקור לזה; ושתי אלה הסעודות: סעודת מלוה מלכא וסעודה רביעית בשבת לפי דרשת ר' חדקא (שבת, קיז:) לא נתקבלה לחיוב רק בין המהדרין מן המהדרין.

געגעבען (דניאל ד, כד) אַברהם אָבינו׳ס פלעמיאַניצע און שוועגערען (מגילה, יד:).

מַלְכִּיאֵל (בראשית מו, יז) נאָטט איז מיין קעניג. געוועזען יעקב אָבינו׳ס אַ אור-איינִיקעל פון די מיט אים אַריינגעקומען אין מצרים.

מַלְכִיוֹת, זִכְרוֹנוֹת, שׁוֹפָרוֹת (ר"ה טז, לב) די דריי טהייִלען „שמונה עשרה" פון מוסף לראש השנה.

מְלַמֵּד (סנהדרין, יט: ע"ז, יט) לעהרער, אונטעררִיכטער — **מְלַמְּדִים. מְלַמְּדוּת**-לעהרעריי (קנעלען). **מְלַמֵּד זְכוּת** (שבת, לה: חולין, צב) בעווייזט נעגעכט צו מאַכען דעם בעשולדִיגטען. **מְלַמֵּד חוֹבָה** (שבת, לד:) בעווייזט צו בעשולדִיגען. **מְלַמֵּד תִּינוֹקוֹת** (ב"ב, כא: סנהדרין, פז: אבות דר"ן פ"ו) לעהרינט קליינע קינדער. „אַ מלמד — בלייבט אַ מלמד".

מְלוּמָּד - געלעהרטער — **מְלוּמָּדִים** (דהי"א כה, ז). **מְלוּמְּדֵי מַכּוֹת** (סוכה, כט) געוויינט אין שלעק. **מְלוּמְּדֵי**

מִלְחָמָה (שה"ש ג, ח) געאיבטע צום שטרייט. **מְלוּמָּד בְּנִסִּים** (מעילה, יז) געוואוינט עס זאָל איהם טרעפען איבערנאַטירליכעס.

מִלְּעֵיל — אויבען. **מִלְּרַע**-אונטען (ירוש׳ ר"ה פב:) בעשטימטע טרעמינען אין גראַמאַטיק: ווען דער טאָנצייכען (אודאַרעניע) קומט אין וואָרט פאַר די לעצטע זילבע הייסט זי מִלְּעֵיל, און אויב אויף די לעצטע הייסט זי מִלְּרַע.

מֵלִיץ (איוב לג, כג) פערמיטלער, בעטער. **מְלִיצִים**. **מֵלִיץ טוֹב** (שבת, פט:) אַ גוטער אויסבעטער. **מֵלִיץ יוֹשֶׁר** (פיוט לר"ה) בעטעט די גראַדע גערעכטיגקייט.

מַלְקוֹת (מכות ד, כב:) שלעק. „געמלקה׳עט".

מַלְשִׁין (משלי ל, י) פערקלאַגען, פערלייִמדען—**מַלְשִׁינִים, מַלְשִׁינוּת.**

מִלְּתָא דִּבְדִחוּתָא (פסחים, קיז:) אַ פריילִיכען וואָרט.

מִלְּתָא דְּשַׁוְיָא לְתַרְוַיְכוּ (סנהדרין, לט) אַ וואָרט

וואָס לוינט פאַר אייך בּייִדען.

מִלְתָא דִשְׁכִיחָא (ביצה, ב:) אַ זאַך וואָס פּאַסירט אָפט.

מֵם — נאָמען דער 13-טע אות אין אלף בית.

מוּם (ויקרא כא, יז) קערפּערליכער פעהלער — **מוּמִים. מוּם־רַע** (דברים כט, טו—כא) אַ שלעכטער פעהלער.

מִ'מָה נַפְשָׁךְ (שבת, לד) פון וואָס דײַן באַגער איז (בראשית כג, ז).

מַמְזֵר (דברים כג, ז) מישלינג — **מַמְזֵרִים, מַמְזֶרֶת.**

מַמְזֵר בֶּן הַנִדָה (מסכת כלה) געבאָרען אָהן חופּה און אָהן טבילה — דאָס איז בּײַ יודען אַ גרויסער שימפּף וואָרט.

מוּמְחָא (שבת, ס:) קאָמפּעטענטע, בעקאַנט אַלס אַ אויסנאַהמע. **מוּמְחִים** (שם).

מְמֵילָא (ב"ק, ג: ב"מ, סד:) פון זיך זעלבּסט.

מְמַלֵא מְקוֹמוֹ (שבת, נא: כתובות, קג. הוריות, יא:) בעטרעט יענעמ'ס שטעלע.

„**מְמַלֵא זײַן**" (קידושין, לח:) ערפילען — וואָס עס פעלט.

מַמְלִיץ טוֹב (זעה—„מליץ טוב").

מָמוֹן (ברכות, סא: פסחים, ה. מו"ק, יז) געלד, פערמעגען — **מָמוֹנוֹת** (סנהדרין, ח).

מְמוּנֶה (יומא, כח:) בעאַמטער — **מְמוּנִים** (דהי"א ט, כט).

מִ'מִין הַמוּבְחָר (גטין, יז:) פון בעסטען זאָרט.

מַמְצִיא (יומא, פו: חגיגה, ה;) ערפונדען.

מִ'מִצְרַיִם וְעַד הֵנָה (במדבר יד, יט) פון מצרים (הערויסגאַנג) בּיז יעצט.

מוּמָר (קידושין, יח. סנהדרין, כז: חולין, ה:) משומד, פערביטענער פון געבּאָרענער רעליגיאָן. **מוּמָרִים** (חולין, ג.). **מוּמֶרֶת** (סוכה, נו:). **מוּמָרוֹת.**

מוּמָר לְהַכְעִיס (סנהדרין, כז.) פערלאָזט זײַן גלויבען צו אום ערגערין זײַן נאַציאָן. **מוּמָר לְתֵאָבוֹן** (שם) וועלכער עס פערגלוסט זיך איהם די פרײַערע רעליגיאָנס געזעטצע.

מַמָּשׁ (שבת, קנב: סוטה, יג. סנהדרין יט:)ווירקליכע, האַפטיגע.

מַמָּשׁוּת (ב"ק, כב.) האַפטיגע רייד אָדער סחורה וועלכע האָט קיין האַפט.

מֶמְשָׁלָה (סוטה לז, סנהדרין, צ:) הערשונג, געוועלדיגונג— **מֶמְשָׁלוֹת**. (תהלים קלו, ט)

מֵמִית (ש"א ב, ו) טאָדטעט. „ממית'ט" שלאָגט שטאַרק. „ממית'ט זיך אויף איהם"-- לאָזט זיך קאָסטען איבער די קרעפטען.

מַמְתַּקִּים (שה"ש ט, ז. נחמיה ח, י) זיס־קייטען, גוטע זאַכען.

מַאן דְּאָמַר (סנהדרין, כ) דער וועלכער האָט געזאָגט. **מַאן דְּכַר שְׁמֵיהּ** (עירובין סה) ווער דערמאָנט גאָר זיין נאָמען.

מִין—סאָרט, אַרט. **מִינִים** (ירוש' סב פ' שרצים). **מִין בְּהֵמָה** (שבת, כח) אַ אַרט פיה. **מִין חַיָּה** (שם) אַ אַרט טהיר. **מִין בְּשֶׁאֵינוֹ מִינוֹ** (בכורים, פג) ניט געפּאַסט צום מין. **מִין אַשְׁפָּה** — אַ מיסטיגער סאָרט. **מִין הַמּוּבְחָר**—דער בעסטער סאָרט. **מִינֵי בְשָׂמִים** — פערשידענע געווירצען. **מִין הַיָּפֶה**—דער שיינער געשלעכט (וויבליכער געשלעכט)[1]. **מִין הַמְּצָאָה** — אַרט ערפינדונג. **מִינֵי מְזוֹנוֹת** (ברכות, ט) ערנערונגס אַרטיקעלן. **מִינֵי סְחוֹרוֹת** — פערשידענע וואַרע. **מִינֵי קִטְנִיּוֹת** (ביצה, יד) קליינוואַרג, קליינע געוויכסע, ווי אַרבעסען, באָהנען, לינזען. **מִינֵי מַתֶּכֶת** (מנחות, כח) זאָרטען, מעטאַלל.

מִין (גטין, מה) דער אַרוים פון כלל יוד.

מִן (בראשית ח, טו) פון. **מִן הָאָרֶץ** (שמות א, י) פון דער ערדע. **מִן הַמּוּבְחָר** (בכורים פ"א, מג. תנחומא ראה י, ח) פון דאָס בעסטע. **מִן הַסְּתָם** — וואַרשיינליך, מעגליך. **מִן הַצַּד** (סנהדרין, לז:) פון דער זייט. **מִן הַקָּצֶה אֶל הַקָּצֶה** (שמות לו, לג) פון ברעג צום ברעג. **מִן הַשָּׁמַיִם** (ע"ז, יח) פון הימעל! דורך אונ־נאַטיר־ליכען אַרט.

---

[1]) בתלמוד מתקרי: „קאקי חוורי" (ברכות, ב.).

מִנֵּיהּ וּבֵיהּ (סנהדרין , לט) פון איהם זעלבסט; אויך אין זינן: באלד, אויגענבליקליך.

מַאֲנִי (ירושל׳ ע״ז פ״ב הל׳ ט) איין מענליכער נאמען—אין בעדייטונג האט עס „א עלעגאנטעם קלייד״ (סנהדרין, צד).

מָנֶה יָפֶה (ביצה, טו) איין אנשטענדיגע פארציאן.

מְנַגֵּן (מ״ב ג, טו) א שפיעלער (אויף אאינסטרומענט). **מְנַגְּנִים.**

מְנַדֵּב — געשפענדעט, שיינקט א נדבה.

מְנַדֵּר—נעמט אויף זיך צו טאן וואס גוטעס.

מִנְהָג (עירובין קד, ב״ב צג) איינפיהר, גילטיגער געברויך.

מִנְהָגִים. מִנְהָג בִּזָּיוֹן (ברכות כג:) א שענדליכער איינפיהר.

מַנְהִיג (סנהדרין צב:) אנפיהרער, פארשטעהער. **מַנְהִיגִים** (ב״ב עי)· **מַנְהִיג הַדּוֹר** (סנהדרין נב.) אנפיהרער פון זיין צייט [1].

מְנֻוָּל (קידושין לה, סוכח נב) העסליכער, מאוס׳ער. **מְנֻוָּלִים** (ירושי׳ מ״ק פ״ג)· **מְנֻוֶּלֶת** (אדר״נ פ״ב מ).

מוּנַח (ב״מ ג) איינגעלייגען—אויף זיכערהייט.

מִנְחָה (תענית כו) נאך מיטאגס געבעט. אפפער גאבע (ויקרא ב, א)· א געשענקע (בראשית לב, יד)· **מִנְחָה גְדוֹלָה** (פסחים קז) דער צווייטער מאל דאוונען טעגליך, די צייט איז פון האלב איינס נאך מיטאג. **מִנְחָה קְטַנָּה** (שם) איז די צייט פון האלב פיער נאך מיטאג (ברכות כו).

מְנוּחָה (בראשית מט טו) רוהע.

מְנוּחָה שָׁעָה — איין שטונדע ארוהיגע. „קיין מנוחה ניט״ (ע״ג ב).

מְנוּחָה — א ווייבליכער נאמען, קען שטאמען פון דעם מענליכען **מָנוֹחַ** (שופטים יג, ב) שמשון הגבור׳ס פאטער.

מְנַחֵם (איכה א, כא) טרייסטער.

מְנַחֵם אָב—רופט זיך דער מאנהייט „אב״ (זעה—„אב״).

מְנַחֵם אָבֵל (מגילה כג) טרייסטעט דעם טרויעריגען, נאך זיין

[1] בתלמיד משמש גם למושך הסוס ברסנו: „היה אחד רוכב ואחד מנהיג (ב״מ, ב:).

פערשטאָרבענעם, אין די ערשטע זיעבען טעג (שבעה).

מְנַחֵם (מ"ב טו, יד) נאָמען דער 16-טער יודישער קעניג.

מִנְיָן (מגילה, כג) געצעהלטע, מיט דעם רופען מיר אַן אַ יודישע געמיינדע פון צעהן מענשען, וואָס רעכנען זיך פאַר אַ צבור צו רעליגיעזעשע אויס-פיהרונג (ברכות, כא).

מְנַכֶּה (שבת, לב) רעכענט אַרונטער.

מְנִיעָה—שטערונג, אָבהאַלט—**מְנִיעוֹת**.

מוֹצָאֵי שַׁבָּת—שבת אויסגאַנג (שבת-צונאַכט).

מְנַצֵּחַ (דהי"ב ב, יז) בעזיעגען, איינעהמען.

מְנַצְפַּ"ךְ (שבת, קד, מגילה ב) די 5 בוכשטאַבען וואָס ענדערן זיך אין געשטאַלט ווען זיי קומען צום ענדע וואָרט.

מְנַקֵּר (ממשלי ל, יז) טרייבערער. (זעה—„גיד הנשה").

מְנוֹרָה (שמות לז, יז) לאַמפּ, לייכ-טער. **מְנוֹרַת הַמָּאוֹר** (שם לה, יד) אַ לאַמפּ צום בעלייכ-טען. מיט דעם נאָמען איז דער בעוואוסטער ספר מיט אויפ-געקליבענע אַרטיקלען פון מדרש.

מְנַשֶּׁה (בראשית מא, נא) דער פער-געסענער. אַזוי האָט אַנאָמען געגעבען יוסף זיין ער-שטען זאָהן, וואָס איז איהם גע-באָרען געוואָרען אין מצרים, צוליעב זיין ווערען פערגעסען פון זיין פאָטער'ס הויז. פון דעם שטאַמט דער שבט מנשה וואָס האָט געציילט 32200 פערזאָן (במד' ב, כא). **מְנַשֶּׁה** הייסט אויך חזקיה המלך'ס זאָהן. איז גע-וואָרען קעניג צו 12 יאָהר אַלט און האָט אויך רעגירט לייננער פאַר אַלע קעניגע אין ירושלים—צוויי און פופציג יאָהר (מ"ב כא).

מְנַשֵּׁךְ (סנהדרין, סו) קושט.

מַס (מ"א ח, כו) שטייער, צאָהלונג בעשטימט פון דער רעגירונג.

מְסִבָּה (ברכות, מו. שבת, קיט) טיש-געזעלשאַפט.

מְסוּבִּין (שם) זיצען אַנגעלעהנ-טע אַרום דעם טיש (זעה—„הסיבה").

מַסִיג גְבוּל (דברים כז, יז) פֶער־נעֶהמט יעֶנעֶמס פלאַטץ־רעֶכט.

מְסֻגָל (מכילתא יתרו) בעֶזיצט אַיין אֵייגעֶנשאַפט, איז פעֶהיג.

מְסַדֵר (ברכות, יג:) אָרדעֶנט.

מְסַדְרִין (ב"מ, קיג).

מְסַדֵר קִדוּשִין — אָרדעֶנט טרויאונג צעֶרעֶמאָניעֶ, אויף אַ חתונה. **מְסַדֵר גִטִין** — אָרדעֶנט דעֶם שיידונג פון מאַנן און ווייב.

מַסִיח דַעַת (זעֶה — „הסח הדעת").

מַסִיחַ לְפִי תוּמוֹ (גטין יט, כה) רעֶדט אונשולדיג, אָהן אַ זייטיגעֶן מיינונג (נאַאיוו).

מְסַחֵר — האַנדעֶל. **מְסַחֲרִים.**

מְסַיֵם (ברכות, טז. ב"ק כז) בעֶענדיגט.

מַסְכִים (סוטה כה. חולין, טט) איינשטימיג.

מְסֻכָן (חולין, עה) געֶפאֶהרליכעֶר. **מְסֻכֶנֶת** (שם).

מַסֶכֶת[1] (שבת, ג. תענית, י) איין טהייל משניות אָדעֶר גמרא. **מַסְכְתוֹת** (ב"ק, קב.). זייעֶר צאָהל אין ש"ס און זייעֶרעֶ נעֶמעֶן זעֶה — „גמרא".

מְסַלֵק (ב"מ, סה) אָפשאַפעֶן אַ חוב, בעֶצאָהלעֶן (זעֶה — „סילוק").

מִ'סִינַי (אבות, פ"א) פון דעֶם באַרג סיני — אָנגעֶנומעֶן.

מַסְעֵי — די צעֶהנטעֶ סדרה אויך די לעֶצטעֶ אין פיערטעֶן טהייל חומש (במדבר לג, א—לו, יג) און די 43־טעֶ אין חומש. אין איהר איז אויסגעֶרעֶכעֶנט אַלעֶ אונזעֶרעֶ סטאַנציעֶס אין דעֶר מדבר — פון מצרים ביז ארץ ישראל. אויך איז בעֶצייכעֶנט די גרעֶנעֶצעֶן פון ארץ ישראל און די נשיאים וואָס זיינעֶן בעֶשטימט געֶוואָרעֶן אויף צו טהיילעֶן די לאַנד פיר די צוועֶלף שבטים, און ווי צלפחד'ס טעֶכטעֶר האָבעֶן געֶנומעֶן ירושה אין דעֶר חלוקה פון ארץ ישראל, דורך זייעֶרעֶ טענות.

---

[1]) הרמב"ם ז"ל בהקדמתו לפי' המשניות מבאר שהוא מלשון „הארג עם המסכת" (שופטים טז, יג) שהיא סבוכה וארגת ממימראות רבות; והערוך מביא גם דעת היש אומרים שהיא מלשון „הסכת ושמע" (דברים כז, ט) יען שבאו מפי השמועה; והוא מחלקי התורה שבבעל פה.

מוֹסִיף (סנהדרין, כט) מֶעהרט, צוּלייגט. **מוֹסִיף מְחוֹל עַל הַקֹּדֶשׁ** (יומא, פא) צוּלייגט פוּן וואָך אויף דעם הייליגקייט פוּן טאָג שבת ויו״ט.

מוּסָף (תענית, כז) צוּזאַטץ=געבעט.

מוּסָפִים (ברכות כו, ל׳). יעצט הייסט דאָס די צווייטע צוּגעגעבענע שמונה עשרה צוּם דאַווענען שבת אָדער יו״ט.

מִ׳סוֹף הָעוֹלָם וְעַד סוֹפוֹ (זבחים, קט.) פוּן איין ענדע וועלט ביז די צווייטע.

מַסְפִּיד (קה״ר פ׳ וישב העפר) (זעה—„הספד״).

מַסְפִּיק (אבות פ״ה) בענוגענד.

מְסֻפָּק (ירושלמי ראש השנה פ״א) צווייפעלט.

מַסְקָנָא (מגילה, יד) בעשלוּס, רעזולטאַט.

מוּסָר (דברים יא, ב) צוּרעכט ווייזוּנג, שטראָף רייד.

מוּסַר הַשְׂכֵּל (משלי א, ג) קלוּגע אוּנטערווייזוּנג. „עס איז זיך אַ מוּסר אַראָבצוּנעהמען״—אַ ביי=שפּיעל צוּ האָבען פוּן אַנדערענס פינסטערען סוֹף אַזוֹי זיך ניט צוּ אויפפיהרען.

מָסוּר (ב״ק, ה) גיט איבער, דאַנאָסירט.

מְסִירָה—איבערגעבוּנג: „פער׳מסר׳ט״, „גע׳מסר׳ט״.

מְסִירַת מוֹדָעָה—דאָס איבערגעבען אַ בעוואוּסט=זיננינקייט.

מוֹסֵר מָמוֹן יִשְׂרָאֵל (ר״ה, יז) גיט איבער יוּדישעס געלד—אין רויבערישע הענד.

מוֹסֵר נֶפֶשׁ (תנחומא שופטים), **מְסִירַת נֶפֶשׁ** (ערכין, ט:) שטעלט דעם לעבען אין געפאַהר.

מְסִירַת נֶפֶשׁ עַל קִדּוּשׁ הַשֵּׁם (ברכות יח, ב) גיט אָב דעם לעבען, דערמיט צוּ פערהייליגען גאָטעס נאָמען.

מוֹסֵר דִּין עַל חֲבֵרוֹ (ברכות, נה:) גיט איבער אַ אָנקלאַגע אויף זיין חבר.

מְסֹרָה (אבות פ״ג) אַ איבער=געבענער נוּסח (טעקסט) פוּן אָריגינאַל, אָדער מוּנדליך פוּן אַ ריכטיגער קאָמפּעטענט=נער קוועללע.

מַסְרִיחַ (פסחים, נד: ע״ז, כ) גיט אַרויס אַ שלעכטען גערוּך. **מַסְרִיחִין** (ב״ב, קכב).

מְסָרֵס (חגיגה, יד. קידושין, כה:) אויסשניידען, קאַסטרירען.

מסית (ירמיה מג, א). **מסית ומדיח** (סנהדרין פ"ז, מ"ד) רעדט איין צו פערברעך, פער־פיהרער.

מסתלק (ב"ר פ' ק) ווערט אָפּ־געשאַפט (זעה—„פטירה").

מסתמא (סנהדרין, ס:) פון אונ־בעשטימונג (זעה—„סתם").

מסתמא דמלתא (פסחים, קג) די זאַך שטאַמט.

מסתפק במועט – בענוגענט זיך מיט וועהניג.

מעביר (כתובות, פז. גטין, נז) שאַפט אָפּ. **מעביר בקולמוס** – ציהעטאיבער מיט דעם פעדער. **מעבר יבק** (בראשית לד, פג) דער איבערגאַנג דעם טהאָל, אָדער טײַך יבוק. מיט דעם נאָמען הייסט אויך דער ספר אין וועלכען עס איז צוזאַמען געשטעלט די גאַנצע זאָגאַכץ און בעהאַנדלונג פון אַ גוסס און נאָך דער פטירה— ביז אין זײַן נײַער דירה. **מעביר נחלה** (ב"ב, קלג:) ווען יעמאַנד איז בייז אויף זײַנע ערבער (נאַסלעדניקעס) און שרײַבט אָפּ זײַן פערמעגענס ירושה פיר אַנדערע. **מעביר על מדותיו** (תענית, כה: יומא, כג:) לאָזט זײַנע איבער גיין. **מעביר קריאָה, מעביר סדרה** – איבער לעזען די סדרה פון דער וואָך—מיט די טראָפּ (זעה—„שנים מקרא").

מ'עבר לים (דברים ל, יג) פון יענעם זײַט מער.

מעוברת (יבמות, פו) שוואַנגערע. אויך—אַ עבור־יאָהר, וואָס ציילט אַ 13־טען חדש.

מעדני מלך (בראשית מט, כ) קייזערליכע שפּײַז, לעקער ביסען. **מעדני מלכים מעדני מאכלים** [1]. שמאַק־האַפטע שפּײַזע. **מעדני עולם** (יומא, עד) שפּײַזע געריכטע, וואָס קען נור געבען אין דער וועלט.

מעיז פנים (כתובות, יח) שטעלט זיך פרעך אַנטגעגען.

מעכב (ברכות, יז. סוטה, יג. ב"ב, טו) האַלט אָפּ צוריק. **מעכב הגאולה** (נדה, יג. שם ה,' במשיח) האַלט צוריק די ערלייזונג. **מעכב הקריאה**

---

[1]) ממעדני מלך הוה מעדני מלכים (בלי רבים) וממלכים נתהפך למאכלים.

האַלט אָפּ דעם לעזען (קריאת התורה).

מַעֲלָה (תנחומא בהעלותך, יא) ער־האַבענע איינגעשאַפטען, טוגענדען. **מַעֲלוֹת** (ערכין, נו).

מַעֲלֶה – הויך שטעלען. „ניט מעלה און ניט מוריד״. ניט עס ערהויכט, ניט עס ער־ניעדערט, ד״ה: עס מאַכט ניט בעסערס ניט ערגער. **מַעֲלַה גֵרָה** (ויקרא יא, ג) ווידער־קייען (זעה—„חזיר״).

מַעֲלִים (איוב מד, ג) פערלייקענט, (גלייך צו הכחשה).

מַעֲמָד (תהלים סט, ג) בעשטאַנד. **מַעֲמָדוֹת** (תענית, כו [1]).

מַעֲנֵה לָשׁוֹן (משלי טז, א) אַ אָפּ־ענטפערונג מיט דעם צונג— מיט דעם נאָמען הייסט אויך דאָס תחינות ביכעל צו זאָגען אויפען בית עלמין ביי די קברים פון קרובים. „אַ טייערער מענה לשון״ אַזעלכע וואָס האָט אַ געשליפענעם צונג און אַמויל שוועבעל און פעך.

מֵ׳עִנְיָן לְעִנְיָן (ב״ב, קיד) דאָס איבערגעהן פון איין געגענשטאַנד צום צווייטען— אין געשפרעך. **מֵעִנְיָנֵי דְיוֹמָא** פאַסענד צו דער צייט.

מֵ׳עוֹר אַחַת – פון איין פעל· ווען בתים פון תפלין ווערען אַזוי אויסגעאַר־בייט יעדער פון איין שטיק.

מֵ׳עִיר לְעִיר וּמִמְּדִינָה לִמְדִינָה (ברכות סב, לג) פון שטאָדט צו שטאָדט, און פון לאַנד צו לאַנד.

מַעֲרָב (תהלים קג, יב) וועסטען, די זייט וועלט וואו די זונן פערגייט. **מַעֲרִיב** אָדער **מַעַרְבִית** רופט זיך דאָס אָבענדגעבעט (דאַווענען מעריב).

מֵ׳עֶרֶב שַׁבָּת לְעֶרֶב שַׁבָּת (ברכות, יז) פון פרייטאָג ביז פרייטאָג.

מְעוֹרָב עִם הַבְּרִיּוֹת (כתובות, יז) פערמישט מיט לייטען.

מַעֲרָכָה (ש״ב יז כא) **מַעֲרָכוֹת**– אַ געגענשטאַנד וועל־

[1]) שם במשנה, ובגמרא מבואר מה הן מ ע מ ד ו ת: „בערי א״י היו אנשי משמר מתפללים שיתקבלו הקרבנות בירושלים ברצון, וישבו ד׳ תעניות בשבוע על כל צרה שלא תבא״.

כער איז אײַנגעריכטעט אין אָרדנונג; די זעלבע הייסט אויך די הימעל סיסטעם אין איהר אַסטראָנאָמישען אָרדנונג (קאָנשטעלאַציע) — „מערכת השמים". און אַזוי ווי מען האָט געגלויבט דאָס יעדער מענשענס שיקזאַל איז אָפּהייִנגיג אָן אַ הימעלשען פּלאַנעט, קומט דאָס דער פון וואָס מען זאָגט אויף אַ פרוי וואָס לעבט גליקליך פאַר איהר מאַן—דאָס זי האָט: „אַ גוטע, אַ גאָלדענע מערכה", דאָס הייסט אַ גוטען מזל (שיקזאַל), אָדער אין געגענטייל: אַ פינצטערע מערכה.

מְעָרַת הַמַּכְפֵּלָה (בראשית כג, ט) די דאָפּפּעלהעהלע. וואָס אברהם אָבינו האָט איר געקויפט פאַר אַ פאַמיליען גראַב, ווייסענדיג בעשטימט דאָס זיינע נאָכקאָמען וועלין זיין דאָרט די לאַנד בעזיטצער, און דאָס איז אונז פערבליבען פאַר אַ עוויגען דענקמאָל—דאָס דאָרט זיינען בעערדיגט אונזערע אורפאָטערס פיער פּאַאר: „אדם וחוה, אברהם ושרה, יצחק ורבקה, יעקב ולאה" (סוטה, יג. ב"ר פ' נח, ג).

מַעֲשֶׂה (ישעיה יט, טו. ברכות, ט. גטין, לה) טהאַט, פּאַסירונג. **מַעֲשִׂים** (בראשית כ, ט). אין זשאַרגאָן זאָגט מען „מעשיות" „בבא מעשיות" — „ספורי מעשיות". **מַעֲשִׂים אֲשֶׁר לֹא יֵעָשׂוּ** (בראשית כ, ט) טהאַטען וואָס פּאַסירט גאָר ניט. **מַעֲשֵׂה בְהֵמָה** (סוטה, עד). **מַעֲשִׂים בְּכָל יוֹם** (ב"ק, צד:) טעגליכע פּאַסירונג. **מַעֲשֵׂה בְרֵאשִׁית** (שבת, נג. חולין, ס:) נאַטירליכער אַרט. **מַעֲשִׂים טוֹבִים** (ב"ב, ע) גוטע טהאַטען. **מַעֲשֵׂי יָדַי** (סנהדרין, לט) מיינע אויפגעטהאָנענע. **מַעֲשֵׂה יָדָיו** (תהלים, יט, ב). **מַעֲשֵׂי יָדַי לְהִתְפָּאֵר** (ישעיה ס, כא) מיין האַנד אויסאַרבייטונג צום ריהמען. **מַעֲשֵׂה נִסִּים** (תענית, כד. חולין, מג) איבערנאַטירליכעס, וואונדער טהאַטען. **מַעֲשֵׂה לִסְתּוֹר** (נדרים, מח) פּראָטיוואָרעצנע. **מַעֲשֵׂה נוֹרָא** – אַ שרעקליכע געשיכטע. **מַעֲשֵׂה סוֹחֵר** — איין אַרט פון איין קויפמאַנן. **מַעֲשֵׂה רָע** (ירושלמי ברכות פב:) אַ בייזער, שלעכטער טהאַט — **מַעֲשִׂים**

רעים. **מעשה שהיה** (חגיגה, ג:) עס האָט פּאַסירט. **מעשה שהיה כך היה** (קידושין, עו) דער פּאַסירונג איזט אַזוי פאָרגעקומען. **מעשי שטן** — אַ אָפּגעטאָנענע זאַך פון שטערער. **מעשה תעתעים** (ירמיה, י, טו) אַ טהאַט פון אַ פעראירערע און פערפיהרער. „דאָס איז נאָך דעם אַ מעשה" (יומא, ג). „גאָר ניט אַזוי איז געוועהן די מעשה" (שם לט). „פאַר וואָסערע מעשים טובים קומט דאָס איהם" (איוב א, י—יא).

מעשר (בראשית יד, כ) פערצעהנטען, אַ צעהנטעל — **מעשרות** (נחמיה יב, ד) דאָס איז געוועהן דער נאָרמאַלער אָבצאָהלונג (אַקציז) פיר די רעגירונג אויך פיר די דוחאָוונע לייט. גוטע און פרומע לייט פיהרען זיך נאָך איצט אויך אַזוי און גיעבען מעשר פון זייערע פערדינסטען אויף צדקה זאַכען.

מ׳עשרה ראשונים (ברכות, מז) פון דעם ערשטען צעהנדליג וואָס קלויבען זיך אויף אין שוהל צו דאַוונען. וואָס מיט זיי איז שוין גערעכענט דער נאָטהווענדיגער צאָהל צום מנין (זעה—„מנין"). די נאָכדעם געקומענע זיינען שוין בלויז צום פערשעהענערען דעם פובליק, ד״ה: „ברב עם" (משלי יד, כח).

מעות (כתובות, צח) קליין געלד [1]. **מעות חטים** (מ״ש פ״ד. מ״ה) געלד געקליבענע צו קויפען ווייצען מעהל אויף מצה פיר אָרמע אויף פסח. **מעות מזומן** באַרעס געלד, ד״ה ניט אויף באָרג, וועכסלען, אָדער סתם אַ משכון — אַנשטאָט געלד. **מעות נדוניא** — נאַדאַן געלד. **מעות צדקה** (ע״ז, טז) אויפגעקליבענע געלד אויף צדקה זאַכען. **מעות של פורים** (ע״ז, שם) געלד וואָס מען פלעגט געבען פון קופת הקהל אָרימע

[1]) כן משמע ממשנה (מעשר שני פ״ד משנה ט); מקורו משם המטבע „מעה" (חגיגה, ב.)—„מעות" לשם עצם כללי, כן למטבעות ממתכיות וגם לשטרות נייר. בתנחומא (סדר מטות סי׳ ק) מבאר השם מעות בדרך המוסר לבל יבטח אדם בעשרו שהוא כצל, ואומר: „מעות—שהן מעת-לעת" כמ״ש ה׳ מוריש ומעשיר.

זײַ זאָלען האָבען מיט וואָס מקים צו זײַן די סעודת פּורים, אַזוי ווי מען גיט איצט אויף מצות און ארבע כוסות אויף פּסח.

מֵעֵת לְעֵת (דהי"א ט, כה) פון איין צײַט אין דעם טאָג ביז מאָרגען אין דער זעלבער צײַט—אין פערלויף פון פיער און צוואַנציג שטונדען.

מַפָּה (ברכות מא, נא) שערוועט— **מַפּוֹת**.

מִפִּי הַשְּׁמוּעָה (סוכה, כח) „אַ גאַסען שלוך". אַ פּאָג=לאָסקע וואָס געהט אום צווישען דאָס פּובליקום אין גאַס אָהן קיין אַסנאָוואַניע פון וועמען דאָס שטאַמט.

מַפְטִיר (מגילה, כד.) דער בע=שליעסער. **מַפְטִיר בְּנָבִיא** (מגילה, כד) בעענדיגט דאָס לעזען אין דער תּורה מיט אַ געפאַסטען קאַפּיטל אין נביאים (זעה—„הפטרה").

מְפַיְּיסִים (עירובין, ב. פּסחים, קז) איבער רעדען מיט גוטע ווערטען, (איבער בעטען).

מוּפְלָא (ברכות, ג. סנהדרין, פז.) אויסגעצייכענט, צײַגליך.

מַפִּיל (מ"ב ו, ה) נידערפאַלט. „מפּיל זײַן" אונצײַטיג געבערען. „מפּיל קינד" פאַר דער צײַט געבאָרען.

מַפָּלָה (ברכות, י) אונטערגאַנג, פאַלל — **מַפָּלוֹת** — „המנ'ס מפּלה".

מוּפְלָג (עירובין, סג:) פאָרטרעפ=ליך, אויסנאַהם— **מוּפְלָגִים**. **מוּפְלָג בְּחָכְמָה** (ב"ב, קכ) זעלטען קלוג. **מוּפְלָג בְּזִקְנָה**-זעלטען אַלט. **מוּפְלָג בַּתּוֹרָה** - אַ זעלטענער למדן.

מַפְלִיג (אבות, ח) רעכענט פאַר איבערטריבען.

מְפַלְפֵּל (תרג' איוב טו, יב) דיס=פּוטירט (זעה—„פּלפּול").

מִפְּנֵי (קדושין, לג). **מִפְּנֵי דַרְכֵי שָׁלוֹם** (גטין, נט) צוליעב די וועגען, וואָס פיהרען צום פריע=דען. **מִפְּנֵי הַשָּׁלוֹם** צוליעב דעם פריעדען—צו פערשאַפען.

מִפְּנֵי הַדֹּחַק (ר"ה, ז).

מְפוּנָּק (פּסחים ג, ע"פ המקרא משלי כט, כא) פערצערטילט.

מַפְסִיק (פּאה פ"א מ"א, פ"ב מ"ב) שטעלט אָפּ ~~אין מיטען~~. „מפסיק זײַן" אונטערברעכען.

מְפַצֶּה—בעפריעדיגט (עי' ערוך ערך—„פיץ").

מְפַקְפֵּק (ע"ז, לה.) צווייפעלט.

מַפְקִיר (ב"מ, ט) מאַכט פריי פיר יעדען איינציגען.

מוּפְקָר (שביעית, פ"ט. סנהדרין, מט) פריי געלאָזען, אויס־געלאַסען — **מוּפְקָרִים**, **מוּפְקֶרֶת**.

מוּפָּר לָךְ (ב"ב, עד) עס איז דיר צערשטערט.

מְפַרְנֵס (ב"ב, יא) שפּייזער, האַלטאויס זיין הויז מיט קאָסטען [1].

מְפַרְסֵם (יומא, יא:) פערעפענט־ליכט, מאַכט בעקאַנט.

מְפוּרְסָם (יומא, פו. ויק"ר פ' לב) בעוואוסט, בעקאַנט איבעראַלל — **מְפוּרְסָמִים**. **מְפוּרְסֶמֶת** (במד"ר פ"א).

מְפָרֵשׁ (ירוש' ע"ז פב) ערקלערט, מאַכט דייטליך, פער־שטענדליך—**מְפָרְשִׁים**. **מְפוֹרָשׁ** (סנהדרין, לח.) דייטליך, יאַסנאָ.

מְפַשֵּׁר (תנחומא תשא) אויסגלייכט צווישען בעלי דינים (זעה—„פשרה").

מוֹפֵת (שמות ז, ט) וואונדער ציי־כען—**מוֹפְתִים**. **מוֹפֵת הַדּוֹר** (חולין, קג:) דער אויסגע־צייכענטער, בערימטעסטער פון דער צייט.

מַפְתֵּחַ (שופטים ג, כה) שליסעל. **מַפְתְּחוֹת** (תמיד פ"ג מו) (זעה—„לוח המפתחות").

מ׳פֶּתַח בֵּיתוֹ (שמות יג, כב) דורכ׳ן טהיר פון זיין הויז, דער וואָס געהט ניט אַרויס צוליעב אַ געוויסע אורזאַכע וואָס פערהאַלט איהם.

מַ"ץ-מו"ץ – פערקירצט פון **מוֹרֶה צֶדֶק** – בעלעהרט די גערעכטיגקייט, ד. ז. ווי „מורה הוראה".

מַצָּה (פסחים, קטו). **מַצּוֹת** (בראשית יט, ג). **מַצָּה שְׁמוּרָה**– אויסגעהיטע מצות, פון צייט דעם שניידען דעם ווייטץ, עס זאָל ניט קומען צו אַ זויערקייט.

---

[1]) כונתי לתרגם שיתאים פרוש המלה הזאת ע"פ האמור בגמרא (ב"ב, ח) „פרנסת את הארון לארכו".

אַרמז דרויף איז אין פסוק „ושמרתם אֶת המצות״ (שמות יב, יז) אָבוואָהל דאָס גייט אַריבּער די פּינקטליכקייט פון דעם אָנ־דיינק ווי עס איז צוגעגאַנגען בּיי דעם אַרויסגאַנג פון מצרים אפילו אין היילינעס, און עס האָט ניט אוספּייעט זייערע טייג איינצוזייערען, דאָך האָבען זיי מיט אַ האַלב יאָהר פאָרהער דאָס ניט געהיט.

מוֹציא—הערויסגעבּער. **מוֹציא לָאוֹר**—גיט אַרויס פאַר׳ן שיין, דורך דעם אָפּדרוקען אַ מאַנוסקריפּט אָדער אַ צייטונג.

מוֹציא לַעַז (שבת, צו) לאָזט אַרויס אַ שלעכטען בּערוף.

מוֹציא—הייסט אויך וואָס פיהרט דורך פיר אַנדערע זייער שולדיג־קייט אין אַ מצוה זאַך (ברכות, מח: ר״ה, כח:).

מוֹצָאֵי יוֹם טוֹב (סוכה, נא) דאָס אויסגאַנג פון פייערטאָג.

מוֹצָאֵי שַׁבָּת—**מוֹצ״ש** (ביצה, טז) שבת־צו־נאַכט. **מוֹצָאֵי יוֹם כִּפּוּר** (פסחים, נו) דאָס אויס־גאַנג פון יום כפור.

מָצָא (בראשית ב, כ) געטראָפען, געפונען. **מָצָא אוֹ מוֹצִיא** (וועה אין פתגמים).

מְצִיאָה (ברכות, ס:) געפונענע זאַך — **מְצִיאוֹת** (ב״מ, פ״ב). „געקויפט אַ מציאה״ — גע־קויפט זייער בּיליג, אונטערען פּרייז. „אַ כשר׳ע מציאה״ — אַזעלכע וואָס מען בּעדאַרף ניט מעלדען, פּובּליקירען (דאַרויף איז דאָ בּעשטימטע דינים ווען און וועלכע מציאות געהערען צום געפינער).

מַצָּב (יהושע ד, ג) בּעשטאַנד, לאַגע.

מַצֵּבָה (בראשית לה, כ) דענק־מאָל — **מַצֵּבוֹת** — אַ שטיין אָדער מעטאַל וואָס ווערט געשטעלט מיט אַיין אויפ־שריפט אויף קברים פון פער־שטאָרבּענע.

מִ׳צַד (דברים לא, כ) פון דער זייט. **מִצַּד הֶחָתָן, מִצַּד הַכַּלָּה**—פון חתנ׳ס אָדער כלה׳ס קאַנט. **מִצַּד הָעוֹבֵר לְצַד הַמְקַיֵּם** — פון דעם קאַנט וועלכער וועט איבּערטרעטען די בּעדינגונג צו דעם קאַנט וואָס

האַלט פעסט. מ'צַדִי צַדִיקִים (שבת, קנה) פון אַלע קאַנטען.

מַצְדִיק (משלי יז, טו) גיט גערעכט. **מַצְדִיק הַדִין** (ברכות, יט) נעמט אָן פאַר גערעכט דעם אורטהייל.

מְצֻוֶה (משלי ו, כו) געבאָט, רעליגיאָנס בעפעהל. **מִצְוֹת** (ויקרא ד, ב) רעליגיעזע אויפגאַבען, אָדער געוויסענס וואַלטהאַטען אויסצופיהרען, „צו גרוים מצוה זאָל עס זיין" (כ"ב, ח:).

מִצְטַדֵק (בראשית מד, טז) זיך פערטהיידיגט.

מִצְטַעֵר (סוכה, כו) קוועלט זיך, עס מאַכט אים שמערצען.

מִצְטָרֵךְ לַבְּרִיוֹת (תענית, כג.) בעדאַרפען אונטערשטיצונג פון מענשען.

מַצִיל (דברים לב, לט) רעטעט.

מוּצְלָח (קידושין, כט). **מַצְלִיחַ** (בראשית לט, ב) עס בעגליגט איהם.

מְצַמְצֵם (סנהדרין, עו) שפאָרט איין, אין גענויאיגקייט.

מְצוּמְצָם-קוים אויסקומעניש, אין דריינגעניש.

מְצַעֵר (קידושין לא, ע) מאַכט שמערצען, בעטריבט.

מְצַפֶּה (ש"א ד, יג) אויסגעקוקט, ערוואַרטעט. **מְצַפֶּה לְשֻׁלְחַן אֲחֵרִים** (ביצה, לב:) קומט אָן צו אַ פרעמדען טיש.

מְצִיצָה (ירוש' נזיר פ"א) אויסדריקען, אַרויסציהען (די צוזאַמענגעלאָפענע בלוט אין וואונד נאָך דער מילה).

מְצוֹרָע — די פינפטע סדרה אין דריטען ספר (ויקרא יד, א—טו, לג) און די 28-טע אין חומש. אין איהר איז דער נאָכטראַג פון די פאָריגע סדרה תזריע, ווי צו פערהיטען פון אַ אויסזאַטץ און ווייספלוס (ווענערישע קראַנקהייט).

מְצָרֵף (סוטה, יז) פערבינדעט, ציהעט צו, פעראייניגט.

מְקַבֵּל (אבות פ"א) עמפפאַנגען, אויפנעהמען, גענימען; **מְקַבֵּל בְּאַהֲבָה** (ברכות, פ"א) אָננעמען ליעבליך, אָננעמען פאַר גוט. **מְקַבֵּל מָרוֹת** (ברכות, מח) נעמט אָן בעהערשונג. **מְקַבֵּל נַחַת** — געניסט פערגעניגען. **מְקַבֵּל פָּנִים** (חגיגה, ה)

נעמט אויף פערזענליך. **מְקַבֵּל שַׁבָּת** (שבת פ"ב). **מְקַבֵּל שָׂכָר** (קדושין, נז) נעמט בעלאָהנונג.

מְקוּבָּל (ברכות, לו. עדיות, פח) ווייס געהיימע לעהרע, פון שמות הקדושים.

מְקַבֵּר (סנהדרין, קיג) בעערדיגט, בעגראָבט.

מוּקְדָּם (ברכות, מא). **מוּקְדִּים** (ב"ב, טז:) אין פאָראויס.

מִ׳קַּדְמַת דְּנָה (דניאל ו, יא) פאָר דעם, פון לאנג אָן.

מְקַדֵּשׁ (ביצה פ"ב) פערהייליגט, זאָנדערט אָפּ איין געגענשטאנד צו איין זאך. **מְקַדֵּשׁ הַשַּׁבָּת** (ביצה, יז:) פערהייליגט דעם שבת, אָבצוזאָנדערן איהם אויף די רוהע, ניט צו ארבייטען אין אים. **מְקַדֵּשׁ הַשֵּׁם** (זעה — „קידוש השם"). **מְקַדֵּשׁ אִשָּׁה** (קידושין, ב) דער בעשלוס פון הייראטען איר.

מִקְוָה (שמות ז, יט) אריינגיונגס טויכבאד, באשיין — **מִקְוָאוֹת** (מקואות פ"ג מ"א). יעצט זאָגט מען שוין אויך **מִקְווֹת**.

מַקַּח (שבת, קנא) פרייז. **מַקָּחִים** — „ווי האלט עס דער מקח?" ווי שטייט דער פרייז. „גענומען א גוטען מקח" א הויכען פרייז. אין העבּרעאיש איז דער בעדייטונג קויפען: **מֶקָּח וּמִמְכָּר** (ב"ק, קנה) איינקויפען און פערקויפען (האנדלען). **מַקַּח טָעוּת** (ב"ב, סט: כתובות פ"א מב) אשיבאצנע פאקופקע — א פעראירטע איינקויפונג.

מִקָּטֹן וְעַד גָּדוֹל (בראשית יט, יא) פון קליין ביז גרויס.

מְקַטְרֵג (תענית, י:) אנקלאָגער — **מְקַטְרְגִים**.

מְקַיֵּם (ב"ר פ' צג, ו) ערפילט.

מְקוּיָּם (ב"מ, ז.) ערפילט געוואָרען, בעשטעטיגט.

מְקַיֵּם פְּסַק — פיהרט אויס, ערפיהלט דעם אורטייל.

מֵקִיל (סוטה, כא. ע"ז, ז:) פערלייכטערט (דער געגענזאַטץ פון דעם מעהר בעקאנטען וואָרט — „מַחְמִיר").

מְקַלְקֵל (כתובות, עג) פערדערבט. איספאָרצעט, מאַכט קאַליע — **מְקַלְקְלִין** (שבת, קו) (זעה — „קלקול").

מָקוֹם (בראשית א, ט) א בעשטימטער אָרט, א פלאַטץ —

מְקוֹמוֹת (דברים יב, ב). **מָקוֹם חָשׁוּב**—אַ געאַכטעטער פּלאַץ. **מָקוֹם מְנוּחָה** (ישעיה סו, א) אַ פּלאַץ וואו צו רוהען. **מָקוֹם סַכָּנָה** (תענית, כ:) אַיין אָרט וואו דער געפאַהר שטעהט פאָהר. **מָקוֹם קָדוֹשׁ** (ויקרא כד, ט) אַיין אָבגעזונדערטער אָרט אויף אַ הייליגע אונטערנעהמונג. **מָקוֹם מְזוּמָן לְפוּרְעָנִיּוֹת** (סנהדרין, קב) אַ בעשטימטער אָרט צו בעצאָהלען פאַר זינדע, דורך שטראָף און ליידען. **מָקוֹם תּוֹרָה** (פסחים מט) אָרט מיט ישיבות.

מְקַמֵּץ (ב"ב קז) אַיינשפּאָרען.

מְקַנֵּא (ברכות יא, כט) אֵייפערט, בעניידעט, זיך אָן נעמען.

מְקַנֵּחַ (ברכות נב:) וויסט אָב.

מַקְפִּיד (שבת קיד. גטין, עה.) האָט פאַראיבעל.

מְקַפֵּחַ (נזיר כג) אָברייסען. **מְקַפֵּחַ פַּרְנָסָה** – ענטרייסט די פּרנסה (די פּערדינסט). **מְקַפֵּחַ שָׂכָר** – רייסט אָפּ פון דעם לאָהן.

מִקֵּץ — די צעהנטע סדרה אין ערסטען חומש (בראשית מא, א—מד, יז). פאָרטזעצונג פון מכירת יוסף, ווי ער איז געוואָרען וויצע קעניג איבער גאַנץ מצרים און האָט בעזאָרגט די לאַנד מיט ברויט אין הונגער יאָהרען; אויך איז צו לערנען ווען מען ווערט וואָהלהאַבענד בעדאַרף מען אָן די פאַמיליע ניט פאַרגעסען, ווי יוסף האָט זיי אינגאַנצען געהאָלפען—נאַכהער אַלס ער האָט געשטעלט צום פּראָבע זייער געוויסען און זיינען זיך אויך טריי איינער דעם צווייטען, דאָס איינער פאַר דעם צווייטען איז געוועזן פערטיג זיך איבערצוגעבען אַלס שקלאַף (שם מד, לג).

מוּקְצָה (שבת, קכו. תמורה כח.) אָבגעזאָנדערט.

מוּקְצוֹת (שבת מג). צו זיין אָבגעזאָנדערט פון וועלכען ניט איז געגענשטאַנד צוליב דעם שבת (זייערע אַרטען זעה מסכת שבת דף מד—מה).

מְקֻצָּע (ב"ב קעה:) גרונד בראַנש.

מְקַצֵּר (ברכות, לד) פערקירצט, אָהן שהיות. **מְקַצֵּר יָמִים** (מדות פג) פערקירצט די לעבענס טאַגע.

מקצת (ב"מ, ג) אַ קלייַנער טהייל פון אַ גאַנצע זאַך.

מקצת היום (חגיגה, יט) אַ קלייַנער טהייל פון טאָג.

מקור (זכריה יג, א) קוועללאָרט, שטאַם אָרט — **מקורים**.

מקרא (נחמיה ח, ח) פאָרלעזונג, אויך דער „תנ"ך" (ב"מ לג). **מקרא דרדקי** (ב"ב, כא) לערנען אָנפאַנג קלייַנע קינדער.

מקראות גדולות — אַזוי הייסט אַ תנ"ך וואָס איז אַרויס געגעבען אין אַ גרויסען פאָרמאַט מיט פיעל פירושים.

מ'קירות לבו (ברכות, י:) פון גרונד הערצין.

מקרב (סנהדרין, צט:) ערנעהנ־טערין. **מקורב** — גע־פינט זיך נאָהענט — **מקורבים**.

מקריב (ויקרא ג, א) ברייַנגט נאָהנט, צום אָפּפערען.

מר (רות א, יג) — **מרור** ביטער. **מרורים** (שמות יב, ה) בי־טערנעס. **מר נפש** (ש"א כב, ב). **מרת נפש** (ש"א א, י) אַ פער־ביטערטע זעלע — **מרי נפש** (שופטים יח, כה). **מרה שחורה** — מעלאַנכאָליע.

מר — הערר. **מר בר רב אשי** — זאָגט מען אויף דעם וואָס מאַכט רבנות'ע העזיות.

מריה דאתריה (ב"מ, פד:) דער הערר אויף זייַן אָרט (בעאַמטער פון זייַן פאָסט).

מר־חשון (ר"ה, יא. תענית, יב.) רעגען־מאָנאַט. אַזוי ווערט גערופען דער מאָנאַט „חשון" (זעה — „חשון") [1].

מורא (מלאכי ב, ה) פורכט — **מוראים** (דברים ל, לד). „מורא'דיג" שרעקליך, „האָסט מורא — לייען קריאת שמע" (מגילה, ג. סנהדרין, צד.) [2].

מראה (בראשית יב, יא) אויסזעהן, וויד. **מראית עין** (כלאים פ"ג מה. פ"ט מב) פערנעהמט

---

[1] יש מבארים הטעם למה נקרא החדש חשון בתואר מר ויען שהוא מלי כמר מדלי (ישעיה מ, טו) שגשם טורד בו תדיר; ובמקרא נקרא „בול" (מ"א ו, ל), משום האי טעמא, שהוא מלי יובל מים (לדעת הקוק"ד); וי"א שהוא מלי „והעלה נבל" (ירמיה ח, יג) שהעלים נובלים בו (ליסטאפאד).

[2] בהלצה מוכיחים זה מהמשנה: „מאימתי קורין את שמע" (ברכות, ב.) לאמר: „מחמת אימה — קורין את שמע".

אַ אויג, עֶס אִיז דאָ אויף וואָס אַ קוק צו טהאָן. **מַרְאֵה מָקוֹם** (קדושין, מט.) ווײַזט אָן דעם אָרט. **מוֹרֶה** (מ"ב יז, כח) לעהרער, בעלעהרט. **מוֹרֶה הוֹרָאָה** (פסחים, ג:) בעלעהרט צו פסקענען שאלות. **מוֹרֶה הֶיתֵּר** (יבמות, מה:) בעלעהרט צום ערלויבען. **מוֹרֶה צֶדֶק** (הושע י, יב) ווײַזט אויף די גערעכטיגקײַט.

מוֹרֵנוּ — אונזער לעהרער. פאַרצײַטען אַ טיטול פון אַ הויכען ראַבינער, אָביער יעצטיגע צײַטען—נאָר אַ בר אוריין.

מַרְבָּע (יחז' מח, ב. עירובין, עז:) פירקאַנטיג. **מַרְבָּעִים** (מ"א ז, לא).

מַרְגֵּז — פערבייזערט, ערגערט.

מְרַגְּלִים (יהושע ב, א) קונדשאַפטער.

מוֹרֵד (סנהדרין, מט.) ווידערשפעניגט — **מוֹרְדִים** (נחמיה ב, יט). **מוֹרֵד בְּמַלְכוּת** (סנהדרין, שם) דערווידער די רעגירונג. **מְרִידָה** (במד"ר פי"ח).

מָרְדְּכַי (עזרא ב, ב) הויבט געוויריץ (מגילה, י:). נאָמען דער העלד פון פורים-געשיכטע, וואָס זײַנענדיג אַ הויף מאַנן בײַן פערסישען שאַך, האָט ער זײַן פאַטריאָטיזם צו זײַן פאָלק ניט עהאַלטען און האָט אָנגעטהאָן טרויער, אויך געמאַכט גוואַלדען אין גאַס געגען קייזערליכען פּאַלאַטץ, אויף דעם גרויסזאַמען מאַנופעסט וואָס איז אַרויסגעגעבען געוואָרען אויף יודען מיט המנס קאָפּף. דערום הייסט ער מיט דער פערדינטען טיטול: „מרדכי היהודי" [1].

מְרַחֵם (ביצה, לב:) ערבאַרמט.

מֶרְחָץ (שבת, ט:) באַדע הויז. **מֶרְחֲצָאוֹת** (שבת, לג).

מֶרְחָק (משלי כה, כה) אַ ווײַטע שטרעקע — **מֶרְחַקִּים** (ישעיה לג, יז).

מִרְיָם (שמות טו, כ) די ערהאַבענע [2]. מיט דעם נאָמען הייסט משה רבנו'ס און אהרנ'ס

---

[1]) פרשת נדולת מרדכי וחכמתו מפורש במסכת מגילה דף יג, טו, וכמו כן בשקלים ובספ"ק דמנחות.

[2]) תרגמתי משרש רום, שהעין הפעל מנע"ו יתהפך ליוד, כמו: לון—לינה קים—קימה; וי"מ שהוא מל' מר ומרור, שנקראה על שם מרירות מצרים, שכן מצינו,

שוועסטער (במדבר כו, נט) וואָס דער פסוק רופט איהר „מרים הנביאה" (שמות טו, כ).

מַרְעִישׁ עוֹלָם (תענית, כ. ב"ר פ' עא. תנחומא תשא סי' יג.) מען שטורעמט אויף די וועלט — **מַרְעִישׁ עוֹלָמוֹת** (ברכות, נט) [1].

מַרְשַׁעַת — אַ בייזע.

משֶׁה (שמות ב, י) דער הערויס־געצויגענער (פון טייך), אויך האָט עס אין בעדייטונג „דער הערויסציהער" וואָס האָט אונז פון מצרים הערויסגעצויגען [2]). מיר רופען איהם „משה רבינו" וויל דורך איהם האָבען מיר מקבל געווען אונזער הייליגע תורה (דברים ד, מד; לג, ד; תהלים עח, ה; אבות פ"א יעוד) און איז פערהייליגט אויך ביי נייערע געזעצגעבער [3]) וואָס האָבען פון איהם געשעפט אלע זייטען לעהרע צו גאָט און צו לייט (זעה — „תורת משה".) „משה רבינו'ס יאָהר־צייט" פאַלט אין ז' אדר, אין דעם זעלבען טאָג איז ער אויך געבאָרען (קדושין, לח.).

מוּשִׁי (שמות ו, יט) ווייכע. נאָמען איינער פון לוי'ס פאַמיל־יע אין מצרים, יעצט דינט עס פאַר אַ ווייבליכען נאָמען.

מַשָּׂא (מ"ב ה, יז). **מַשּׂוֹי** (ברכות כט.) לאַסט, לאָדונג. **מַשָּׂאוֹת.**

מַשָּׂא וּמַתָּן (שבת פט. חגיגה טו.) אַיינקויפען און פערקוי־פען, האַנדעל, געשעפט פיהרען. „אַ שיינער מַשָּׂא וּמַתָּן" זיך אָנגע־מאַכט אַ עסק, אַ צרה.

מַשִּׁיב הָרוּחַ (תענית, כד.) לאָזט בלאָזען דעם ווינד. דער קורצער נוסח האָט אַ מאָל גע־

בהרבה שמות יצאי מצרים—אלצפון נחבי, סתור, ע"ש שהילדים נצפנו, נסתרו ונחבאו משוטרי פרעה לבל ישליכום היאורה; ועל תקותם להגאולה שנמסרה להם: „פקוד יפקוד אלהים אתכם"—גואל, יגאל, פדה צור, יהושע ועוד כיוצ"ב. כמו שפרשתי בהקדמתי למחברתי „שמות האנשים".

[1]) במקרא הלשון מרעיש את השמים ואת הארץ (חגי ב, כא).

[2]) ע"י משפט האורים לשטיינבערג ערך „משה".

[3]) למשל: ביעוואנגעליום „מתיה" 18, „מפעלות השליחים" ז, 38—20; ובאלקוראן „חזון המשוררים" לט—סה; חזון הספור א—מג.

האָלפען צו רעגען [1] איז עס דערום פערבליבען צו זאָגען דעם גאַנ־צען ווינטער (פון שמיני עצרת צו תפלת גשם ביז פסח צו תפלת טל) וואָס די צייט איז אין ארץ ישראל נעטהיג דער רעגען.

משֻׁגָּע (דברים כא, לד) דול, וואַהנזיננינ. **מְשֻׁגָּעִים** (ש״א כו, טו) משוגענע. **מְשֻׁגַּעַת** — משוגע׳נע, „משוגע צו שכור", „משוגע צו חסר דעה". „משוגעים־הויז"—אַנשטאַלט צו קורירען וואַהנזיננינע.

מַשְׁגִּיחַ (שה״ש ב, ט; סנהדרין צט.) קוקט אויף, פאָרשטע־הער, **מַשְׁגִּיחִים**.

מַשְׂכִּיל (איוב כב, ב) געבילדעט, אינטעליגענט. **מַשְׂכִּילִים** (דניאל א, ד). **מוּשְׂכָּל רִאשׁוֹן** אורבעגריף. ווי עס לייגט זיך אויפ׳ן שכל אויגענ־בליקליך, אָהן איבערלייגונג, אין דעם זעלבען זינן איז „מֻשְׂכָּל רִאשׁוֹן".

מִשְׁכָּן (שמות כה, ט) רוהע אָרט. געצעלט אַלס טעמפעל, אין אונזער דורך רייזענדיג דעם מדבר. **מִשְׁכְּנוֹת** (תהלים קלב, ה).

מַשְׁכּוֹן (ב״מ, צב) פפאַנד, מען גיט צום גאַראַנטיע.

מַשְׁכָּנוֹת (תנחומא משפטים, נשא). דאָס שטאַמט אויך פון דעם פאָריגען וואָרט משכן, וויל דאָס רוהעט און שטייט איין ביי דעם פערלייער אום צו פער־זיכערען דעם חוב, דער פון קומט דער שפריך וואָרט „מַשְׁכּוֹן בְּבַיִת, שָׁלוֹם בְּכִּים".

מְשֻׁלָּח (משלי כט, טו) אַ געשיק־טער פון אַ פעראיין, צו די מיטגלידער, אויך פון אַ פירמאָ צו איהרע קונדען (וויאַזשאָר). **מְשֻׁלַּחַת** (קדושין, נו.) געשיעדענע פרוי, אויך אַ בייזע אָנשיקעניעם (ירושלמי שבת פ״ב). „משלח געוועזן" קוים גע־פאַטערט פון זיך.

---

[1] מקורה מהמאורע המסופר בגמרא תענית (כד.): „רבי גזר תענית, בעי רחמי — ולא אתא מטרא, נחית קמיה אילפא (ואמרי לה: רבי אילפא), אמר: „משיב הרוח!" ונשׁ איזבי קאמר: „מוריד הגשם!" ואתא מטרא. ושאלו ליה: „מאי עובדיה?" אמר שהוא דר במקום שאין יין לקידוש ולהבדלה והוא משתדל בטרחא ומביא, ומוציא אותם ידי חובתם. ובגמרא, (ב״מ פה:) מיחס הנוסח הזה לר׳ חייא ובניו.

מִשְׁלוֹחַ מָנוֹת (אסתר ט, כב) דאָס שיקען פּאָרציאָנען.

מוּשְׁלָם (הוריות, יא) פאָלקאָמען. **מוּשְׁלָמִים. מוּשְׁלֶמֶת. מוּשְׁלָמוֹת. מוּשְׁלָם בְּכָל הַמַּעֲלוֹת** (כלה רבתי, פ״ג) פאָלקאָם אין אַלע אויפשטײַגונג, ערריַיכט בילדונג און גוטע אייגענשאַפטען.

מַשְׁלִים (ירוש׳ ר״ה פא) פאָלענדעט אין גאַנצען, [illegible]

מְשֻׁלָּם (מ״ב כב, ג) [illegible] אַ מאַנן [illegible]

מְשׁוּמָד [illegible] פערטיגט [illegible] אָדער [illegible] זיינע גלויבענס געזעצע [illegible] מְשׁוּמָדִים[1] (זעה — שמד) [illegible]

מְשַׁמֵּשׁ. [illegible]

מִשְׁנֶה (ב״מ [illegible]) [illegible] אָדער בעשלום.

מִשְׁנִים קַדְמוֹנִיּוֹת ([illegible]) [illegible]

מַשְׁעֵר (תרומות פ״ד מ״ו, חולין צו.) זיך פּרוּבירען צו טרעפען — אַ צאָהל אָדער אַ מאָס [illegible] אײן אונבעשטימטען [illegible] שטאַנד (זעה [illegible])

מִשְׁפָּחָה (יהושע ז, יז) [illegible] **מִשְׁפָּחוֹת** [illegible]

מִשְׁפָּט [illegible] **מִשְׁפָּטִים** [illegible] „מִשְׁפָּט" זאָגט [illegible] טען זיך. „צו [illegible] גענומען [illegible] פאַנגען. „[illegible] מִשְׁפָּט" [illegible] אין [illegible]

מִשְׁפָּטִים [illegible] זעלבסטשטענדיגע [illegible] [illegible] חומש. [illegible] האַלט [illegible] פון [illegible] [illegible] צווישען [illegible] איז [illegible] [illegible] אין [illegible] לינג ניט [illegible] פאָלגען, און [illegible] [illegible] איבעראַלל [illegible].

1) [illegible] מלשה״כ: ונשמד מואב מעם (ירמיה מח, מב), לאמר: שנתבלבל בשאר האומות, כי עם לא [illegible] רק ההתבוללות זו היא מיתתו. ועי׳ [illegible] שאמר רבי עקיבא לפפוס (ברכות, סא:).

איז געגעבען געוואָהרען, פיר אונז צווישען זיך, עס זאָל די מכירה קיין האַפּט ניט האָבען מעהר ווי אויף 6 יאָהר, ניט אַלס שקלאַף נור ווי אַ געדונגענער (ויקרא כה, לט מ). אָבער ניט מיט ליידיגען איהם צו לאָזען! מען מוז איהם מיט געבען פון אַלעס וואָס ער האָט געאַרבייט ביי זיין הערען: פון געוויכסע, געטראַנקע און פּיה (דברים טו, יד). האָט ער איהם געמאַכט אַ „בייל" אין משך פון זיין דיענסט איז ער גלייך פריי. נאָך מעהר פריוויליגע האָט אין דעם הינזיכט אַ פרויענצימער, זי האָט זיך אויך ניט גערעכענט פאַר אַ שקלאַפין נאָר ווי אַ געדונגענע, זי האָט נאָך נעקענט ווערען דעם ווירטה'ס אַ שנור מיט אַללע פרויענרעכטע (שמות כא, ט).

מַשְׁפִּיעַ — מאַכט אַ ווירקונג, העלפט מיט.

מְשֻׁפָּע (שבת, ה:) מיט שרעפּיג, דאָס איז די זעלבע ווי אַלכסון.

מְשׁוּפְרֵי דְשׁוּפְרֵי (פסחים, נ:) פון דאָס בעסטע.

מַשְׁקֶה (דהי"ב ט, כ) געטראַנקע.

מַשְׁקָאוֹת מַשְׁקִין (ברכות מו.).

מִשְׁקָל (מ"ב בה, טו) געוויכט —

מִשְׁכַּל רִאשׁוֹן גרונדזאַטץ (זעה — „מושכל ראשון").

מְשׁוּקָץ (יבמות סג.) עקעלהאַפט.

מְשׁוֹרֵר — זענגער, — דיכטער.

מְשׁוֹרְרִים (ב"ב, קכ.) געדיכטע-זענגער ובלע"ז כאָריסטען מ.ט זענגער, בעגלייטער, העלפער דעם חזן בײַ'ן עמוד.

מְשָׁרֵת (יהושע א, א) דינער —

מְשָׁרְתִים (דהי"א ו, יז).

מִשֵּׁשֶׁת יְמֵי בְרֵאשִׁית (ברכות לד, שבת ,ב, חגיגה א, סוכה מט:) פון די זעכס פעריאָדיטע צייטען וואָס די וועלט מיט איהרע נאַטירליכקייט האָט זיך געגרינדעט.

מִשְׁתַּדֵּל (אבות פ"ב) זיך שטאַרעוועז, אַנטייל נעהמען וועגען עפּעס.

מְשׁוּתְלַח'ם יאָהרען — ער האָט געלעבט 969 יאָהר (בראשית ה, כו). מעהר פאַר איהם איז שוין אין ביבלישע צייטען ניט דאָ מיט מעהרערע יאָהרען

מִשְׁתּוֹמֵם (דניאל ד, טו) ווערט ערשטוינט.

מַשְׁתִּין (ש"א כה, כב) מַשְׁתִּים (שבת פב.) מַשְׁתִּינִים (קידושין עא.) מַשְׁתֶּנֶת (עירובין, קי) פִּיסֶען, הארנען. דאָס איינהאַלטען זיך ברייננגט צו קראַנקהייט, אויך מאַכט עס צו בּעזדיעטניקעס (בכורות, מד:).

מֵת (שמות יב, ל) טאָדטער — מֵתִים (מ"ב יט, לה). מֵת מִצְוָה (ברכות, יט: מגילה, כו) אַ טױ־טער וואָס האָט ניט ווער עס זאָל זיך מיט זיין קבורה מתעסק זיין.

מִיתָה (שבת, נה.) דאָס טאָדט. מִיתוֹת (סנהדרין, לה).

מִיתָה מְשׁוּנָּה (שבת, קנו. סוטה לה. ב"ב, י) אוננאַטירליכער טוידט.

מִיתַת נְשִׁיקָה (ברכות, ח. מו"ק, כח. ב"ב, יז.) שטערבט קושענדיג, די זעלע ווערט פעראייניגט מיט די הימעל הארמאָניע, ווי אַ קלייגער פלאַם ווערט צוגע־צויגען צו אַ גרויסען, דאָס דער קערפער ווערט מעהר ניט ווי אין אַ זיסען שלאָף.

מִתְנַבֵּר (חגיגה, טו.) איבערשטיי־געגדע קרעפטין.

מִתְוַדֶּה (פסחים, ג. סנהדרין, מג:) ערקענט זיין פערברעך.

מִתְוַכֵּחַ — דיספוטירט.

מִתְחַבֵּר — ווערט פעראייניגט.

מִתְחַיֵּב (אבות פ"ג) נעמט אויף זיך די שולדיגקייט.

מִתְחַיֵּב בְּנַפְשׁוֹ (נדה, יז.) זיך בעשולדיגט געגען אייגענע פערזענליכקייט.

מִתְחַכֵּם — קליגט זיך, זוכט איינפעליגע הילפס מיטלען.

מַתְחִיל (ירוש' מגילה פב) פאַנגט אָן.

מַתְחִלָּה (פסחים קטו.) אָנפאַנגס.

מִתְחָרֵט (חגיגה, ה:) בערייעט, האָט חרטה.

מִתְכַּוֵּן (נזיר, כו.) געווען אָבזיכ־טיג, געהאַט אין זינן.

מִתְחַתֵּן — בעשוועגערט זיך.

מַתֶּכֶת (מ"ש פ"ד מ"י, שבועות, ד.) מעטאַלל.

מַתְמִיד — פלייסיגער — מַתְמִידִים.

מָתוֹן (ברכות, כ) געדולדיגער, געלאַסענער. מְתִינוּת־געדולדיגקייט.

מַתָּנָה (במדבר יח, ו) געשאַנק— מַתָּנוֹת (משלי טו, כג).

מַתְּנַת אֱלֹהִים (קהלת ג, יג) גאָטטעס גאַבע. מַתָּן בַּסֵּתֶר (משלי כא, יד) אַ געשאַנק אין

נעהיים, אין שטולען. **מַתְּנַת חִנָּם** (שביעית פ"ח, מ"ה) ניט קיין פערדינטע געשאנק. **מַתְּנַת יָד** (דברים טו, יז) א גאבע פון האנד. אזוי פלעגט מען אנרופען די צוגעזאגטע נדרים צום „מי שברך" [1]. יעצט ווערט געזאגט: „גיגעבען א מתנת יד" אויף א שטארקען קלאפ. **מַתָּנוֹת לָאֶבְיוֹנִים** (אסתר ט, כב) געשענקע פיר ארמע. **מַתָּנוֹת לְהֶחָתָן**, **מַתָּנוֹת לְהַכַּלָּה**. **מַתָּנוֹת לְהַדְּרָשָׁה** (זעה — „דרשה"). **מַתַּן תּוֹרָה** (עבודה זרה ט, כד) [illegible] אונזער צוהערען די צעהן געבאָט ביי דעם בארג סיני, אין דריטען חדש נאך דעם הערויסגעהן פון מצרים אין דעם זעכסטען סיון (שבת, פו).

מִתְנַגֵּד — געגנער — **מִתְנַגְּדִים**.

מִתְנַדֵּב (חולין, צ) זאגט צו, נעמט [illegible] פרייוויליג אויף [illegible] א וואהל טהאט.

מִתְעַלֶּה (אבות פ' בתנחומא אמור יז) [illegible] אויפגעקומען [illegible].

מִתְעַסֵּק — בעשעפטיגטער — **מִתְעַסְּקִים** (תנחומא אמור, יג).

מִתְעַשֵּׁר (סנהדרין, צב) „נתעשר (רייך) ווערין".

מִתְפַּיֵּם — לאזט זיך איבער בעטען.

מִתְפַּלֵּל (ע"ז, ד) בעטעט ביי גאָט — **מִתְפַּלְּלִים**.

מָתוֹק מִדְּבַשׁ (תהלים יט, יא) זיסער אלם האניג.

מְתִיקוֹת — אנגענעהמקייט, התפעלות פון פערגעניגען.

מִתְכַּוֵּן (תנחומא תשא, יב) בעסערט אוים, [illegible] אויסבעסערונג.

מִתְקַנֵּא (ב"ק קה, נה) בענייט [illegible] דעט, איז מקנא.

מוּתָּר (שבת, קח. סוכה, טו) [illegible] ווערען, פריי. ערלויבט א

מוּתָּר לְךָ — ביזטו [illegible] דעם גדר וואס דו האסט זיך פערבונדען) ווערט געזאגט דריי מאל ביי דעם התרת נדרים.

---

[1] כן מצאתי בפראגבעל במחזור היידנהיים במי שברך שאחר קריאת התורה והמפטיר [illegible] אחר שסיים המפטיר ברכה אחרונה — „החשוב שבקהל [illegible] [illegible] ספר תורה עמו, ומברך במי שברך [illegible] מתנת ידו".

מַתִּיר (דמאי פ"ג מ"ג) מאַכט פרײַ, ערלויבט. **מַתִּיר אֲסוּרִים** (ברכות השחר) מאַכט לויז געפאַנגענע. **מַתִּיר נֶדֶר** מאַכט פרײַ פון דעם נדר.

מַתְרֶה (תנחומא נשא סי' ב) בע־וואַרנט — פון געריכט.

מַתְרֵעַם (מגילה, ו: מיחזקאל כו, לה) בורצעט אונטער, האָט פעראיבעל, פערבייזערט.

מִתְרַצֶּה—ווערט אײַנגעווילינגט.

מוֹתָרוֹת—איבעריגעס, לוקסוס.

מַתָּת (קהלת ג, יג) געשאַנק, אויך אַ מענליכער נאָמען. שטאַמט אין פערקירצונג פון: **מַתִּתְיָהוּ** (עזרא י, יג) גאָט־טעס געשענק, בעוואוסט אין דער יודישער געשיכטע אַלס כהן גדול פון די חשמונאים אין די צײַט צור חנוכה געשיכטע.

הערה לׅהאות „מ".

בשביל חמשה דברים רבו המלים המתחלות באות „מ": א) היא מן היסוד כלשאר האותיות, כמו: מרידה, מתוק, מרור, משא וכדומה. ב) בשביל שהבינוני פועל מתחיל באות „מ", כמו: מדריך, מעכב, מפרנס, מרחם וכדומה. ג) בשביל רוב המלים שבאות בבנין התפעל: מתגדל, מתקבל, משתדל. ד) בה יתוספו המלים הבאות באות „מ—השמוש" בתחלתן מאותיות משה וכלב. ה) „מ—היתרון". ובשביל כך על נקלה עלה ביד המחבר של בקשת הממין להוציא בה חפצו זה לפעלו.

נ.

נ—דער 15־טע בוכשטאַב אין דעם אלף־בית. ער איז פער־רעכענט אין צאָהל אַנשטאָדט דעם ציפער „50", אָדער אַנ־שטאָדט דעם צאָל וואָרט „חמשים", צב"ש: נ' שַׁעֲרֵי בִּינָה, נ' שַׁעֲרֵי טוּמְאָה און דאָס גלײַכען.

דער בוכשטאַב נ דיענט:

א) אַם אָנפאַנג צײַטוואָרט, צו בעדײַטען אויף די צוקונפטיגע צײַט אין מעהר צאָהל, צב״ש:

נַעֲשֶׂה, נִשְׁמַע.

ב) אַם ענדע וואָרט דינט ער בײַ הויפּט ווערטער, צו ווײַזען אויף דעם געהעריגען געגענשטאַנד צום צווייטען פּערזאָן ווײַבליך:

בְּגַדְכֶן. ד״ז בײַ די צײַט ווערטער **דִּבַּרְתֶּן, לְבַשְׁתֶּן, הֲלַכְתֶּן.**

אויך קומט ער אין פערבינדונג מיט נאָך בוכשטאַבען, צום פערקירצען גאַנצע ווערטער אויף ראשי תבות, ווי דיזע:

נ״א – נְבִיאִים אַחֲרוֹנִים, נוּסָח אַחֵר, נוּסַח אַשְׁכְּנַז, נְפִילַת אַפַּיִם.

נבג״מ – נִשְׁמָתוֹ בְּגַן עֵדֶן מְנוּחָתָה, אדער „נִשְׁמָתוֹ בְּגִנְזֵי מְרוֹמִים״.

נ״ח – נֵס חֲנוּכָּה. נֵר חֲנוּכָּה. נִשְׁאָר חוֹב.

נט״י – נְטִילַת יָדַיִם.

נט״ל – נְטִילַת לוּלָב.

נ״כ – נְבִיאִים, כְּתוּבִים. נְשִׂיאַת כַּפַּיִם.

נ״ל – נִזְכַּר לְעֵיל, נִרְאָה לִי.

נ״מ – נַפְקָא מִנֵּיהּ.

נ״ס – נוּסַח סְפָרַד.

נ״ע – נִשְׁמָתוֹ עֵדֶן, נוּחִי עֵדֶן.

נפ״מ – זעה — „נ״מ״.

נצו״י – נִצְּבִים וַיֵּלֶךְ.

נָע וָנָד (בראשית ד, יב) בל״ז. „נע וָנד״, אָהן רוה און פערוואָגעלט, אום וואָלקענײַען זיך.

נַעֲנוּעִים (סוכה,לז:) דאָס טרײַסלען דעם לולב פון זיך, געגען אַלע פיער וועלט קאַנטען, און צו זיך, הערויף און העראָב (סוכה לז: אור״ח הל׳ לולב סי׳ תרנ״א).

נֶאֱמָן (במדבר יב, ז; דמאי פ״ב, סב) בעגלויבט. **נֶאֱמָנוּת** גלויבווירדיגקײַט, טרויאונג און גלויבען, „אויף נֶאֱמָנוּת״ וואָרהאַפטיג.

נִאוּף (נדרים, כ.) בוהלען, עהעברעכען, **נוֹאֵף** (איוב כד, טו) היט ניט זײַן פּאָאר. **נוֹאֲפִים** – מְנָאֲפִים (הושע ז, ד). **נוֹאֶפֶת** (ויקרא כ, י) נאַפקע בלשון זשאַרגאָן.

נָבִיא (ברא׳ כ, ז) פּראָפעט פּאָראויסזאָגער.

נביאים (במדבר יא, כט). **נביאים ראשונים** (זכריה ז, ז. ברכות לא) די ערשטע נביאים[1]; אויך דער ערשטער טהייל נביאים אין תנ״ך. בעשטייט פון דער יודישער געשיכטע. **נביאים אחרונים** די לעצטע נביאים, אויך דער צווייטער טהייל ספרי הנביאים, בעשטייט פון פראָפעצייאונג פון דער צוקונפט און מוסר פאַר זייערע צייטען. די ספרי הנביאים הייסען מיט די נעמען פון די נביאים גופא (זעה — „עשרים וארבעה״) און אַזוי ווי אַזעלכע אָבות פון יודישע פאָלק אַזוי אויך אַזעלכע נביאים האָט דאָך קיין אומה ולשון ניט געהאַט (במדב״ר ריש פ׳ בלק), (זעה — „אבות״).

נבואה (נחמיה ו, יב, ב״ב, יב.) פראָפהעצייאונג, וויסזאָגענד. **נביאות** (שבת קלח, סוטה ט: מח:). „אַ נאַרר איז אַ נביא״ — נאַררען זאָגען נביאות (ב״ב, יב:). **נבהל להון** (משלי * כח, כב) געלד־גייציג.

נבל (דברים לב, כב) ניעדערטרעכטיגער. **נבלים** (ש״ב יג, יג). **נבלה** (בראי׳ לד, ז) שאַנד טהאַט, אַ מיאוס׳ע מעשה. **נבלות** (הושע ב, יב). **נבול פה** (שבת לג.) פעראונציכטיגען די מונד.

נבלה (ויקרא ז, כד) לייכנאַם. **נבלות** (שבת, קח.) אַ טויטער קערפער, אויך פון אַ צדיק אַ נפטר (מ״א יג, כד). בל״ז רופט מען אַזוי אויך אַלעבעדיגע בהמה אָדער ניט געגליכען אַיין מענשען וואָס איז ניט פעהיג צו קיין זאַך. **נבלות וטרפות** (שבת קה, ב״מ נה:) הייסט: ניט כשר׳ע פלייש צום עסען נאָך דעם יודישען רעליגיאָן. (זעה — טרפה).

נגע (שמות יא, א) פּלאַגע. **נגע צרעת** (ויקרא יג, ב) אַיין אויסזעטציגער אויסלאַג, אויך: אַ מענטש — אַ קלעק, אַ אָנשיקענים וואָס טרעט ניט אָפּ.

נגיד (ש״ב ו, כא) פירשט, הערשער, **נגידים** (דה״ב יא, יא)

---

[1]) במסכת סוטה מח: מאן נביאים הראשונים? אמר רב הונא: „שמואל ודוד ושלמה״, וממים: „לאפוקי חגי זכריה ומלאכי דאיקרי אחרונים״. ולעיל (צד 180) אצל השם „ישעיה״ עטרתיו בהתואר „גדול בנביאים״ — המראה מקום לזה בחגיגה יג: ובבמדבר רבה פי ואתחנן: „אין לך גדול בנביאים ממשה וישעיה״.

ובל"ז: אַרייבער, אַפערמעגענליכער [1]), דערום ווערט געזאָגט אויך אין ווייבליך אויף אַרייבע: „נְגִידָה, נְגִידוֹת".

נִגְזָל (משלי ד, טז; ב"מ קיב) בערויבטער. „אַ קאָזאַק אַנגזל" ווערט געזאָגט אַז אַ תקיף בעקלאָגט זיך דאָס מען צולֹת אים.

נִגְלָה (דניאל י, א) אָפּענבאַר. **נִגְלוֹת** (דברים כט, כח).

נִגּוּן (פסחים, קיז) מעלאָדיע — **נִגּוּנִים**.

נוֹגֵעַ (זכריה ב, יב) בערירט צום בייזען; אויך: וואָס אַנבעלאַנגט. **נוֹגֵעַ בְּדָבָר** (סנהדרין יט, ע"ז, ג) פעראינטערעסירט, די זאַך איז איהם אַנבעלאַנגט, אַנגעגריפען.

נוֹגֵשׂ (זכריה י, ד) בעדריקער — **נוֹגְשִׂים** (שמות ה, ו) **נְגִישׂוֹת** „טוט אָן נגישׂות" — אָפּגעלייגט אויף צו בעדרינגען.

נִדָּה (ויקרא כ, כא) אָבזאָנדערונג. **נִדּוֹת** (נדה לא:), די פעריאָדישע צייט פון אַ פרויענצימער (מענסטרואַציאָן), וואָס זי ברויכט זיין אָבגעזאָנדערט פון איהר מאַנן (זעה — שבת לא. ב"ר ס"פ יח).

נְדָבָה (שמות לה, כט) פרייוויליגע גאַבע, אַלס שטיצע פיר אָרימע. **נְדָבוֹת** (עמוס ד, ה). „געגעבען אַ נדבה" — אַיינגעטיילט אַ קלאַפּ בל"ז.

נָדִיב (משלי יט, ו) פריינגעביגער, פאָרנעהמער. **נְדִיבִים**. (ש"א ב, ח). **נַדְבָן** (עס קומט ניט אין מעהרצאָל, ניט ווייבליך).

נִדְחֶה (איוב ו, יג; כתובות סד:) פערשטויסען. וועגשטופען, אָפּלייגען אויף אַ שפּעטעריגען טערמין. ווי אַ „תַּעֲנִית אַ נִדְחָה" ווען ער פאַלט צו זיין אום שבת.

נַדְּן [2]) צוגאַבע, געשאַנק.

נֶדֶר (במדבר ל, י) געליבדע, זיך צו צוזאָגען טהון עטוואָס גוטעס. **נְדָרִים** (יונה א, טז). **נְדָרִים וּנְדָבוֹת** (ביצה, יט).

נֶעְדָּר (ישעי' מו, כט) פעהלען.

נוֹהֵג (שם יא, ו) פיהרט אָן. אויך: געברויכט, האָט די זיטע, פיהרט זיך אויף (ברכות יא.) **נוֹהֵג אֲבֵלוּת** — פיהרט זיך אין טרויער. **נוֹהֵג כְּשׁוּרָה** (ב"מ עג: ב"ב קלג:) פיהרט זיך ווי געהעריג.

---

[1]) אולי נתתרבב מהכתוב: „נגיד על האוצרות" (דה"א כו, כד).

[2]) במקרא „נֵדֶה" (יחזקאל טז, לג) ובתלמוד „נדוניא" (תענית כד.).

נוֹהֵג בְּרָמָה (כתובות, קג) פיהרט זיך שטרייננג **נוֹהֵג כָּבוֹד** (סוטה יג) פיהרט זיך מיט רעספעקט געגען יעמאַנדען. „דער עולם איז זיך נוהג" (פסחים סה, סנהדרין צא:).

נֶהֱנֶה (ברכות, ל: ב"ק כ:) געניסט.

נֶהֱרָג (ב"ק, צב.) — „נהרג'ט זיך" אַ וואָגהאַלדז, וואָס שטעלט זיך אין אַ געוויסען געפאַהר.

נִזְהָר (תהלים יט, יב) פערוואָהרנען, זיין פאָרזיכטיג.

נִזְדַּמֵּן (מגילה טו, יבמות קכא.) (זעה — „מזדמן").

נֵזֶק (אסתר ז, ד) שאַדען. **נִזּוֹק** (ברכות מו.) ווערט געשעדיגט.

נִזָּקִין (ב"ק ב.) ווערען געשעדיגט· **נְזִיקִין** הייסט אויך דער פיער־טער סדר פון די זעכס סדרים משניות, בעשטייט פון די דריי בבות, סנהדרין און מכות.

נָזִיר (במדבר ו, ב) אָבגעזונדער־טער, פון לוקסוס און שיק. הויפטזעכליך פון אַלכאָהאָל. **נְזִירִים.**

נֹחַ (בראשית ה, כח) נאָמען דער העלד פון דער געשיכטע פון „מבול". אויף זיין נאָמען הייסט אויך די סדרה „נח"—די צווייטע אין ערשטען טהייל חומש (בראשית ו, ט—יא, לב) וואָס דאָרט איז ד רציילט וועגען מבול; אויך די צוטיילונג פון די דריי ראַסען אונטער מענשען וואָס שטאַמען פון זיינע דריי זיהן „שם, חם, ויפת". אויך איז דאָ צו לערנען דאָס יעדער מענש בעדאַרף זיך אינטערעסירען ווי פאַר זיך אַזוי פאַר די גאַנצע וועלט אין מענש־הייט, אַזוי ווי נח האָט פאָר בע־רייט שפייז אין קאַסטען פאַר אַלע ברואים עס זאָל פערבליי־אַ ישוב העולם. נאָך אַ וויכטיגע זאַך קומט אין דיזע סדרה: דער שטרייגער באַפעל קיין בלוט ניט צו עסען, און בלוט פון מענשין ניט צו פערגיסען; דאָס איז אַ אָנזאָג ניט גראַדע יודען אַלליין נור אַלע פעלקער—די גאַנצע מענשהייט, וואָס מען רופט עס פון די „שֶׁבַע מִצְוֹת בְּנֵי נֹחַ". דאָס קען דינען פאַר אַ ריכטיגען פאַקט אַנדגעגען דעם פאַלשען בעשולדיגונג פון „עלילות דם".

נִיחָא (ב"ב קז. סוטה, לו:) בערו־היגט, אַיינגעשטימט, רעכט געוואָרען.

נַחֲלָה (דברים יב, ט) עֶרבּטהייל, בּעזיטץ. נַחֲלָאוֹת – נַחֲלוֹת (ב״ק, קטו).

נֶחָמָה (חגיגה, טו. כתובת, סז.) בּעֶ־רוּהיגונג, טרויסט.

נֶחָמוֹת (ירושלמי ברכות פב:).

נַחוּם (נחום א, א) נאָמען איינער פֿון די צוועלף נביאים (תרי עשר) • ווייבּליכער נאָמען בל״ז: „נֶחָמָה״.

נְחֶמְיָה (עזרא ב, ב) גאָטטעם טרייסט. מיט דעם נאָמען איז געווען אַ הויף־מאַנן בּיי דעם קעניג פֿון בבל, אין דער צייט פֿון גלות בבל, ער האָט בּעקומען אַ ערלויבּנים צו געהן נאָך ירושלים ווידער אויפבּויען דעם בית המקדש.

נַחְמָן (כתובות, ח) נאָמען אונטער אמוראים.

נֶחְסַר (ביצה, יט) פֿעליג.

נְחֹשֶׁת (שמות כו, ב) קופּפער.

נַחַת (קהלת ד, ו) רוהיגקייט, בּעקוועמליכקייט. נַחַת רוּחַ (ברכות, נז:) בּערוהיגטען מוטה, פֿערגעניגען.

נְחוּת דַּרְגָּא (יבמות סג) אַ שטאַפּפּעל הערונטער.

נוֹטֶה לָמוּת (שבת, לב. עירובין, כט:) האַלט בּיין אויסגעהן.

נָטָה (מ״א ב, כח) געניינגט, דינט פֿאַר אַ מענליכען נאָמען. ריכטיגער איז נָטַע־פֿפלאַנצונג, וואָס דאָס ווערט געלייגט אויף קינדער (ישעיה יא, א).

נְטִילַת יָדַיִם (שבת יד: סוטה ד:) דאָס הענד וואַשען.

די גמרא זאָגט דאָס שלמה המלך האָט עס בּיי אונז איינגעפֿיהרט, און אויף דאָס גרויס נוטצליכ־קייט, וואָס דאָס איז אין היגיעניע, האָט אַ בת קול אויך איינגע־שטימט (עירובין כא:) אויך יעצט, בּיי יעדער אונגעזונטע צייט, איז דאָס בּעוואָרענט פֿון ערצטע, אונ־טער אַנדערע אויפפֿיהרונג, אויך צו וואַשען די הענד צום עסען.

נוֹי סֻכָּה (סוכה, י:) די בּעפּוּט־צונג צום סוכה.

נִכְבָּד (בראשית לד יט) געעהרט, וויכטיג. נִכְבָּדִים (במדבר כב, טו) אָנגעזעהענע. נִכְבַּדֵּי הָעֵדָה, נִכְבַּדֵּי הָעִיר.

נִכָּיוֹן (ב״ק, צה.) אַבצוג, אָפּשטוי־שענד (איוב ל, ח), בל״ז: אָבשטויסען פֿון רעכנונג.

נִכְלַל — פערמישט אין דעם אלגעמיין.

נִכְנָע (מ"א כא, כט: דהי"ב לו, יב) אונטערוואָרפען.

נִכְנַס (עירובין סה. סנהדרין, כא.) הערייַן געקומען.

נִכְפֶּה (בכורות מד:). **נִכְפִּין** (פסחים קיב) עפּילעפּטישע, פאַלענדע (פאַליקע) (זעה—„חולי נופלים").

נִכָּר (איוב לד יט. ברכות נ.) עס איז צו ערקענגען.

נִכְשָׁל (זכריה יב ח. סנהדרין כא) געשטרויכעלט געוואָרען.

נִכְתָּב (אסתר ג, יב) פערשריבען.

נִכְתָּבִים (אבות פ"ב).

נוֹלָד מָהוּל (שבת קלד. סוטה, יב) געבאָהרען אַלס בעשניטען.

נִמְאָס (תהלים טו ד) פעראָבשייַען.

נִמְאָס וּמָאוּס (ישעיה ז, טו) ווערט געלייַגט אויף לאַנגווייַליגקייַט.

נִמְצָא (חולין, יט:) ערפּאַרען.

נָעֳמִי (רות א, ב) די אַנגענעהמע[1]) זי וואַר רות'ס שוויגער, וואָס פון איהר שטאַמט דוד המלך. צוליעב דעם קומט אַ בעזאָנדערע מגילה וועלכע רופט זיך „מגילת רות".

נִימוּם — (זעה—„בנימוס").

נִמְצָא (פסחים, ח) געפינען מיר איין.

נִמְשָׁל (תהלים מט, יג) עהנליך, געגליכען.

נוּן — נאָמען דער 14-טע אות אין דעם אלף-בית.

נֵס (ברכות ד, יד:) וואונדער — **נִסִּים** (אבות פ' ברכות, ד.).

נֵס בְּתוֹךְ נֵס (פסחים, קיח. סוטה מז: חולין קכז). **נִסִּים וְנִפְלָאוֹת**— וואונדער איבער וואונדער. **נֵס גָּדוֹל הָיָה שָׁם** — אַ גראָסער וואונדער איז דאָרט געשעהן— די ערשטע בוכשטאַבען פון די 4 ווערטער ווערט געגאָסען אויף דריידליך פיר קינדער צום שפּיעלען אום חנוכה[2]). „אַ נס איז איהם געשעהן" (שבת, נג:) איבערנאַטירליכעם האָט אים פּאַסירט. „אויף אַ נס בעדאַרף מען זיך

---

[1]) היא בעצמה תרגמה שמה מל' נועם ומתיקות, ואמרה: „אל תקראנה לי נעמי קראן לי מרה כי המר שדי לי מאד (רות א, כ).

[2]) ובמדרש לקח טוב (שמות טז. יז) מובא זה על נס פורים, ובגמרא חנינה כו: איתא בלשון „נס גדול נעשה" — בלחם הפנים.

ניט סומך זיין" (פסחים, סד:) ד"ה יעדער אונטערנעהמונג בעדארף שטימען מיט דעם פראקטישען לעבען, ניט פערלאזין זיך אז עס וועט דורך געפיהרט ווערען איבערנאטירליך [1]. „די באבע יענטעס נסים" וואס זיי ערציילען פון וואונדער איבער וואונדער.

נוסח (עזרא ו, יא) אריגינאל, פארמולא. **נוסחאות**—פארשריפט, פון וועלכע מען זעצט איבער איין אויפשריפט (ערוך, ערך „נסח") אדער מען זאגט אים נאך, ווי: „נוסח אשכנז", „נוסח האר"י", נוסח ספרד", איז די פערשידענע נוסחאות אין די סידורי התפלות פון דעם דאווענען.

נסיון (סנהדרין, קז.) פרובונג, **נסיונות** (אבות פד.) „בײַשטײַן בײַ דעם נסיון" — באהערשען דעם אייגענעם ווילען.

ניסן (נחמיה ב, א) נאמען פון איין מאנהייט. ער איז ביי אונז אנגענומען פאר דעם ערסטען מאנהייט אין יאהר (אסתר ג, ז) — נאך דער געשיכטע פון מצרים ארויס געהן — און נאך איהם רעכענען זיך אין ארדנונגסצאהל אלע איבעריגע מאנאטען. זיין צייט איז אין פריהלינג [1]. זיין ראש חדש איז אימער איין

[1] בעל התפארת ישראל בקידושין (משנה יג) מפרש את הכתוב הנה אנכי שולח מלאך לפניך לשמרך וגו' השמר מפניו ושמע בקולו אל תמר בו כי לא ישא לפשעיכם כי שמי בקרבו (שמות יג, כ) שהקב"ה הזהיר את ישראל, בצאתם ממצרים שהורגלו בנסים ונפלאות, לבל יוסיפו עתה, בהנהגתם המדינות בבואם אל הארץ, לסמוך על רוב נסים, ולא ימרו את ההנהגה הטבעית, כי גם בזה יד ה' ומאתו מסודרה והוכנה ע"פ הנטיה הטבעית (אינסטינקט) שיסד ושהמלאכים הם כחות הטבע עי' מורה נבוכים ח"ב פ"ו.

[2] כמה שנאמר : „החדש הזה לכם ראש חדשים, ראשון הוא לכם לחדשי השנה" (שמות יב, ב) והוא הנקרא בתורה : „חדש האביב" (שם יג, ד). ועי"ז הסכימו כל חכמי התכונה, כשהוצרכו לבחור מהגלגל נקודה ידועה להתחיל ממנה חשבון תקופות הגלגל —— שמצד עגול הגלגל החוזר בעולם לא ישוער בו תחלה וסוף, ראשון ואחרון —— כמאמר חז"ל עה"כ „עושה שלום במרומיו" (איוב כה, ב) כשהיה כל מזל אומר אני הוא הראשון (דב"ר פ"ה) —— ובאו לכלל הסכמה: לבחור במזל טלה העולה בניסן, למנותו לראשון בתנועת הגלגל, יען בו תכנס השמש והאור יגבר על החשך והחום על הקור ואז האויר יתמזג בין קור ולח, בריא מאד וכל היקום יקום לתחיה —— ונתנו לו משפט הבכורה.

טאָג פאַלט נור אין יום: א, ג, ה, ז, און צעהלט דרייסיג טעג.

נִיסָן וואונדערמאַן, מיט דעם נאָמען הייסען אונטער מאַנסלייט, צוליעב די נסים וואס האָט פּאַסירט אין דעם מאָנהייט ניסן, מאַנכע הייסען אויך „נסים" [1].

נְסִיעָה (תנחומא במדבר, סי׳ יד) רייזע — **נְסִיעוֹת**.

נִסְתַּלֵּק (תנחומא בשם יב, פסחים, נו.) אָבגעטהאָן געוואָרען, ווערט געזאָגט אויף דעם אָבשטאַרבען פון אַצדיק (ועה —„נפטר").

נִסְתָּר (תהלים יט, ז) פערבאָרגען, אין דער טערמינאָלאָגיע פון דקדוק הייסט עס די דריטע פּערזאָן. אויך „חכמת הקבלה, [illegible] [illegible] „נסתר" [illegible]

[illegible] [illegible]

ניסע, פערבאָרגענעם

נֶעֱלָה (סוטה מו). שלוסגעבעט צו יום כפור.

נֶעֱלָב (יומא, כג.) בעשעמטער.

נֶעֱלָבִים (גטין, לז:).

נֶעֱלָם (ויקרא ד, יג) פערשוואונדען. **נַעֲלָמִים** (תהלים כו, ד) אַ מאָהל פלעגט מען אַזוי אָנרופען ניט קיין פערשריבענעם אין קהל׳שען רייסטער.

נֶעֱצָר (ש״א כא, ח) פערהאַלטען, פערשפּאַרט, אויך אַ אויסדריק אויף „האַרט-לייביג".

נַעֲרָה (בראשית כד, טו) מעדכען.

נַעֲרָה מְאוֹרָשָׂה (דברים כב, כה) איין פערלאָבטע מעדכען.

נַעֲשֶׂה וְנִשְׁמַע (שמות כד, ז) מיר וועלען טהאָן — נאָמיר נור הערען [2].

נָ[illegible]ח ([illegible] א, [illegible]) אָנגעבלאָזען. [illegible]

נֵפְטְ (שבת, פב.) נאַפט — קעראָסין.

נִפְטָר [illegible]

[illegible]

[illegible]

[1] [illegible]

[2] [illegible]

[3] [illegible] לרשע [illegible] ערין: „ירד בור", [illegible]

נֵפֶל (תהלים נח, ט) אונצייטיגע געבורט—**נוֹפְלִים** (ברכות, ה:). אויך: אַקאָרסט געבאָהרען— ביז אַ מאָנהייט אונטער מענשען און ביז אַכטאָג אונטער בהמות (שבת קלה:). **נְפִילָה** (סוטה, מד:) פאַל.

נִפְלָאוֹת (יהושע ג, ה) וואונדער, „נפלאות פון רבי'ן" איבערנאַטירליכע ערציילונג וואָס בלויז חסידים זעהען אין זייער רבי'ן אין זיין יעדער תנועה.

נַפְקָא מִנֵּיה (ברכות, ג:) אוים= נעהמליך, עס קומט דער פון אַרוים, בל"ז: „אונטער=שיעד".

נֶפֶשׁ (בראשית ט, ה) פערזאָן מיט אַלעבענדע זעעלע — **נְפָשׁוֹת** (חולין, צד:). **נֶפֶשׁ הַבַּהֲמִית** – אַזוי רופען אָן ספרי מוסר דעם מענשען'ס שטרעבען צום ערדישען לעבען, אויף אַ אום מענש זאָגט מען: „אויך אַיין נפש?".

נַפְתָּלִי (בראשית ל, ח) מיין ראַנג= לען (נערונגען). יעקב'ס זוהן געבאָרען פון לאה, זיין שבט איז בעשטאַנען, פון מצרים אַרויסגעהענדיג — **53400** מאַנן (במדבר ב, ל).

נֵץ הַחַמָּה (ברכות, ט:) דאָס זונן אויפשיינען [1].

נִצָּבִים — די אַכטע סדרה אין פינפטען טהייל חומש (דברים כט, ט—ל, כ) און די **51**=טע אין חומש. אין דיזער סדרה איז קיין אויפגאַבע, נאָר ער איז מזהיר דאָס פאָלק ישראל זיי זאָלען זיך פיהרען נאָך די רעליגיאָנס געזעטצען וואָס איז אויפגעגעבען אין דער תורה, דאַנן וועלען זיי געניסען אַלעם גוטעס, זיצענדיג אין די אייגענע

„ויגוע, ויאסף אל עמיו", „לקח אותו אלהים", „שכב עם אבותיו" „נאסף עם אבותיו". „ובמבטוי התלמוד משתמשים העולם לרב וקדוש — „נפטר מן העולם" והוא מלשון: „ויפטר דוד מפני שאול" (ש"א יט, י) וגם על משרע"ה איתא הלי בגמרא „בשעה שנפטר מרע"ה לג"ע" (תמורה טז) כי הצדיק יפטור מהעולם התהו וממצוקותיו ותלאותיו, ולמיתת צדיקים לוקחי פדיונות אומרים בלשון „נסתלק" כי לא שייך לגביהו הלי פטירה ע"פ טעם הנ"ל רק ע"פ הטעם דאמור בגמרא (בבא קמא קג.). דמסתלק מצבורי בסף וצבורי מעות.

[1]) מלי הנצו הרמונים (שה"ש ז, יג) להתחלת הצמיחה, ומזה בלי חכמים על התחלת זריחת השמש „נץ החמה" או מלשון נוצץ (יחזקאל א, ז).

לאַנד; וועלען זיי אָבער פיזרזינדיגען — וועלען זיי גענוג ליידען און פערוואָגעלט ווערין אין פרעמדע לענדער. ביז מען וועט צוריק נאַציאָנאַליס ווערין, וועלען מיר צוריק קומען אין אונזער לאַנד (שם ל, א—י).

נִצָּחוֹן (סוטה פח מא) בעזיגען.

נִצְּחוֹנוֹת (ב"מ, נט) אויס־פיהרען עקשנות.

נִצַּל (ירמיה ז, י). **נִצּוֹל** (סוטה, כא) „נצול געוואָהרען" גערע־טעט געוואָהרען (געראַטעוועט).

נִצּוֹץ (ישעיה א, לא) פייערפונק.

נִצוֹצוֹת (שבת, מו:) עס ווערט געזאָגט, אויף אַ שפור פון אַגי־ענישען טאַלאַנט. „אַ נצוץ פון דוד המלך" ווען יעמאַנד בעזיטצט אַ טאַלאַנט פון מוזיק, פאָעזיע א. ד. ג. „אַ נצוץ יודישקייט" אַ פונק יודישקייט. **נִצוֹצִית קְדוֹשָׁה** – אין קבלה.

נוֹצְרִי — אַ כריסט. **נוֹצְרִים.**

נִצְרָךְ (ברכות, כג. ב"ק, נ:) בעדערפטיגער.

נָקִי (שמות כא, כח) ריין פון שולד, אויך ריין פערליערען דעם גאַנצען פערמעגען, „אַרוס נקי"[1].

נְקִי כַּפַּיִם (תהלים כד, ד) מיט דעם פיינעם טיטול רופט מען אָן אַ זעלטענעם בעאַמטען וואָס נעמט קיין שוחד. **נְקִיּוּת** (שקלים ט: תמורה, ג:) ריינליכקייט. „פראַווען נקיות" בעשעפטיגונג פון גיין אויפען לופט פאַר דעם דאַווענען.

נְקֵבָה (בראשית א, כז) ווייבס פער־זאָן, פרויענצימער. **נְקֵבוֹת** (קדושין, פב).

נְקָבִים (ברכות, כג) די לייבליכע קאַנאַלען—ריינינגען[2].

נְקָבִים גְּדוֹלִים — גרויס בעדערפניס. **נְקָבִים קְטַנִּים** קליין בעדערפניס (הוריות, יג).

נִקְבַּר (שבת, טו:) ווערט בעערדיגט.

נְקֻדָּה – נְקֻדּוֹת (שה"ש א, יא) פונקטען.

נְקָמָה (תהלים קמט, ז) ראַכע. **נְקָמוֹת** (שופטים יא, לא).

---

[1]) כמו שאומרים: „פלוני יצא נקי מנכסיו" (קידושין, נו:).

[2]) ע' תרגום יונתן על הכתובים ביחזקאל (כח, יב—טו) ובמסכת ב"ב עה ע"ב מלאכת תופיך ונקביך בך ביום הבראך כוננו (שם, שם יג).

נוקם — ראכע. **נוקם ונוטר** ראכזיכטיג און האלט לאנג א שנאה.

נר (ויקרא כד, ב) ליכטע. **נרות** (במדבר ח, ב). **נר הבדלה, נר חנוכה** (שבת ח ב"ק, כב:). **נר נשמה**—יאהרצייט ליכט. **נר של שבת** — די ליכט צוליב דעם שבת. **נר תמיד** (ויקרא כד, ב) ליכט צום ברענען בעשטענדיג.

נורא (בראשית כח, יז) פורכט־באר—**נוראים.**

נרדף (איוב יט, כח) ווערט פער־פאלגט — **נרדפים** (תנחומא אמור סי' ג).

נרעש (ירמיה ג, מו) ווערט איבער־ראשט.

נשא — די צווייטע סדרה אין פיערטען טייל חומש (במדבר [illegible]) און די 35־טע אין חומש. [illegible] די [illegible] טהיילונג [illegible] עפטיגונג פון [illegible] שבט [illegible] דעם [illegible] מיט די [illegible] די 12 נשיאים האבען געבראכט צו

דעם בעגייאונג, אויך וועגען היגיענע און די בעהאנדלונג פאר א אונטרייע ווייב.

נושא חן (אסתר ב, טו) געפעלין, סימפאטיזירט.

נושא פנים (ברכות, כ. יומא, פז.) אכטעט דעם פערזאן.

נשיאת כפים (סוטה, לח. עירובין, יא.) דאס הענד הויבען צום דוכנ'ען (זעה—„דוכנ'ען").

נשאר חייב (נ"ח) פערבליבען שולדיג.

נשוי (כתובות, צ.) פערהייראטעט—**נשואה** (ל"נ).

נשים (בראשית ד, יט) פרויען, ווייבער. **נשים חכמות** (משלי יז, א). **נשים צדקניות** (סוטה, מא) פראמע פרויענצימער. **נשים רחמניות** (איכה [illegible]) מיטליידענדע פרויען. [illegible]

נשמה (דברים [illegible]) [illegible] [illegible]. **נשמות** [illegible] **נשמה יתירה** ([illegible]) [illegible] פערהעליכקייט און [illegible] טיט [1]. „נעהמט אוועק די נשמה" (שבת לב) קוועלט אים.

[1]) [illegible] (קידושין, [illegible]).

חז [illegible] [1]) [illegible] רש"י (במסכת ביצה, טז) [illegible] ולשמחה ולהיות פתוח לרוחה. [illegible]

נִשְׁמַר (הושע יב, יד) געוואָרען בעהיטעט.

נִשְׂרַף געוואָרען פערברענט.

נִשְׂרָפִים (זבחים פה:).

נִשְׁתּוֹמֵם (דניאל ד, טז) ערשטוינט געוואָרען.

נִתְגַּלָּה (פסחים, קיח: סנהדרין, כא.) ענדעקט געוואָרען.

נִתְגַּלְגֵּל הַדָּבָר (שבת י.) דורך וועלצונג איז די זאַך געשעהן.

נִתְחַמֵּץ (ר״ה ג:) איז פערדאָרבען געוואָרען. אַראָפּ פון גוטען וועג.

נוֹתֵן (משלי כח, כז) גיבט. **נוֹתְנִים**.

נְתִינָה (ב״ב, קטז:) אַ גאָבע, געשענקע. „אַ קנאַפּער נותן" הייסט אַ קאַרגער וואָס פוילט זיך געבען אַ נדבה. „גאָט איז אַ נותן ליעף כח" (ישעיה מ, כט), ד״ה: ער גיט דעם פערמאַטערטען קרעפ־טען צו ערטראָגען. „נותנ'ן", געבען בל״ז.

נָתָן (ש״ב ז, ב) גאָבע גאָטעס. (בראי יח, ל). אין תנ״ך איז מיט דעם נאָמען „נתן הנביא" אין דוד'ס צייטען, איז געווען בעשטימט אין די סוויטע צו שלמה המלך'ס קרוינאַציע (מ״א א, לב). ער האָט בעשריבען זייערע ביי־דענס ביאָגראַפיען (דהי״א כט, כט; דהי״ב ט, כט) 1).

נְתַנְאֵל (במדבר א, ח) אַ נשיא פון שבט יששכר.

נְתַנְיָה (מ״ב כה, כג) איינער פון די קייזערליכע פאַמיליע פון די מלכי יהודה (שם, שם כה).

נִתְעַלָּה ערהויבט געוואָרען.

נִתְעַשֵּׁר רייך געוואָרען, (העשיר) (נדרים לח.).

נִתְפָּעֵל — געוואָרען ענציקט, איבעראַשט.

נִתְפָּרְדָה הַחֲבִילָה (ע״ז יא, גטין נט) עס איז צולאָזען געוואָרען דער צוזאַמענבאַנד.

נִתְפַּרְסֵם (ויק״ר פ׳ לב) בעוואוסט געוואָרען.

נִתְרַבָּה פערמעהרט געוואָרען.

נִתְרַצָּה (ירוש׳ ברכות, פ״ד) איינ־געווילינגט געוואָרען.

1) תכן רוח חזיונותיו ערכתי בפרק „חקירה ודרישה ע״ד הספרים שאבדו לנו מתקופת כתבי הקדש" (מאסף להמליץ צד 114).

ס.

ס — דער 15=טע אות אין דעם אלף=בית. ער דינט אויך פאר א ציפער 60 און פאר דעם צאהל=ווארט „ששים", צב"ש: „ס רבו" (סנהדרין, צא). אויך דינט ער אין פערקירצונג, צב"ש:

ס' איז צום לעזען: סמן.

ס"א – סטרא אחרא, ספרים אחרים.

ס"ד – סלקא דעתך.

סה"כ–סך הכל.

ס"ז – סוף זמן.

ס"ס – ספק ספקא.

ס"פ – סוף פרק, סוף פרשה, סוף פסוק.

סופ"ק – סוף פרק קמא.

ס"ת – ספר תורה, ספרי תורה.

סבה (מ"א יב, טו; ב"ב קנ"ט) אור=זאכע, ווענדונג, צופאל. **סבות** (איוב לד, יב). „א מיאוס'ע סבה" — א שלעכטער צופאל.

סביבה (ירמיה לב, מד) אומגעגענד. **סביבות** (נחמיה יב, כה).

סבלן (ספרא, ריש ויקרא) געדולדיגער [1].

סברא (ברכות לה, שבת לד.) ערקונדיגט מיט טיעפזיניגקייט. „די סברא איז מחיב" (גיטין ז, שם ז.) דער גראדער פערשטאנד ווייזט אזוי. „עס איז א ס ב ר א" — עס לאזט זיך פערשטיין מיט דעם גראדען פערשטאנד.

סגי נהור (ברכות נח.) ליכטיגע סטאר, א בלינדער.

סגלה (שמות יט, ה) א שאטץ, **סגלות**. בל"ז הייסט עס אנגענומענע הייל=מיטעל.

סגנון (דב"ר פ' צג; סנהדרין, פט) סלאג, סטיל. **סגנון הלשון** — אויסדרוק=ארט אין דער שפראך.

---

[1]) גרסת הערוך סבלון, ושתיהן מל': „אני אסבול" (ישעיה כו, ד), משרש סבל.

סָגוּר וּמְסֻגָּר (יהושע ב, א) פֶעסט אַיינגעשלאָסען.

סוֹד (משלי כ, יט) געהיימניס, **סוֹדוֹת. סוֹדֵי סוֹדוֹת** פערטרויטער אומגאַנג. „סודות פון חדר — טאָר מען ניט אויסזאָגען" (סנהדרין, לא).

סֵדֶר (ב"ק, קב.) אָרדנונג, **סְדָרִים** (איוב י, כב). **סְדָרִים מִשְׁנָיוֹת** די זעקס אָבטיילונגען פון די משנה: 1) **סֵדֶר זְרָעִים**, 2) **סֵדֶר מוֹעֵד**, 3) **סֵדֶר נָשִׁים**, 4) **סֵדֶר נְזִיקִין**, 5) **סֵדֶר קָדָשִׁים**, 6) **סֵדֶר טַהֲרוֹת**[1] (שבת, לא). **סֵדֶר הַלִּמּוּד** (עירובין נד) פראָגראַם אָדער סיסטעם אין לערנען. **סֵדֶר כַּפָּרוֹת** הייסט דער גאַנצער טאַראַראַם און זאָגאַכטס צום כפרות שלאָגען — אפילו אַ נוסח פאַר קינדער וואָס זיינען נאָך אין מוטערס לייב, (זעה — „כפרה"). **סֵדֶר עוֹלָם** (יבמות סב); די וועלט-פיהרונג (געשיכטע), בל"ז: „ווי דער סדר עולם איז זיך נוהג" ד"ה: ווי עס איז איינגעפיהרט ביי דער וועלט. „סדר של פסח" צירעמאָנאַל פון פסח אַבענדע: „דער ערסטער סדר", „דער צווייטער סדר". „סדר'ט" — פראַוועט דעם פסח סדר. „סדר'ט זיך" — פאַרבערייטעט זיך אין פאַנטאַזיע.

סִדְרָה, סְדָרוֹת — די פרשה חומש, וואָס איז איינגעטהיילט ביי אונז צו לעזען צו „קריאת התורה" יעדען שבת בצבור; אָבער וואָס מיר לייענען „שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגּוּם" (זעה דאָרט) רופען: מיר „מעביר די סדרה"; אין סך-הכל איז איינגעטהיילט די ספר תורה אין 54 סדרות, עס זאָל גענוג זיין צו סדרות פיר יעדען שבת, אויך אין איין עבור יאָהר; דער זוהר גיט אַ סימן אויף זייער צאָהל — „נג",

---

[1]) ברכות כ. שבת לא. חגיגה י, זבחים ה; בגמרא שבת שם נותן סמן לכל שש הסדרים מן הפסוק הזה (ישעיה לג, ו) והיה אמונת — זו זרעים, שמאמין בה' שיציא לחם מן הזרעים שזורע; עתיך — זו מועד, שהמועדים תלויים בעתותי השנה. חוסן — זו נשים, שתלד לו יורשים; ישועות — זו נזיקין, שהיא ישועה לעולם, שתרחיק מנזק; חכמת — זו קדשים; ודעת — זו טהרות שיש בזה דעה וחכמה רבה ברפואה וכיוצ"ב, והרמב"ם בהקדמתו נותן סימן לסדרם זה: „זמ"ן נק"ט".

ד"ה: — 53, אויסער די סדרה „וזאת הברכה" וואָס זי פֿערנעמט קיין שבת, דען מען לייענט איהר בלויז שמחת־תורה. אין ניט איין עבור יאָהר ווערען געלעזען אַנדערע סדרות צוויי צו זאַמען. — יעדער וואָך הייסט מיט דעם נאָמען פֿון איהר סדרה (זעה — אָנפאַנג א'). עס גיט געגענדען וואָס ביי זיי איז איינגעטהיילט די סדרות דורכצולייענען די תורה איין מאָל אין 3 יאָהר [1].

סִדּוּר (ב"מ, קיז) **סִדּוּרִים** (ויק"ר פ"ה) אַיינגעאָרדענטער געבעט בוך צום דאַוונען טאָגליך, אום ראש חדש, שבת ויום טוב, (אויסער פיוטים און סליחות, דערויף איז דאָ בעזאָנדערע — אַ מחזור און אַ סליחה).

סִיוָן (שבת פז, תענית כט) נאָמען דער 3־טער מאָנאַט נאָך ניסן; זיין ראש חדש פֿאַלט אין איינעם פֿון די וואָכען־טעג: א. ג. ד. ו. ער ציילט 30 טעג. אין 6־טען סיון, איז דער יום טוב שבועות.

סוֹחֵר (סנהדרין, קז.) אַהענדלער, קויפמאַן, **סוֹחֲרִים** (בראשית לז, כח). קויפֿען־אויף אויסגעאַרבייטע אַרטיקעלען דורך אַנדערע, אונד פערקויפען עס פאַר העכערע פרייזען, פֿיעל זיי קענען נעהמען — פֿון דעם איז זייער עקסיסטענץ [2]. זייערע אַרטען זיינען: **סוֹחֲרֵי בְגָדִים** הענדלער פון פערטיגע קליידער. **סוֹחֲרֵי בְהֵמוֹת** (שקלים, מ"ב) פיה הענדלער. **סוֹחֲרֵי עֵצִים** געהילצהענדלער. **סוֹחֲרֵי תְבוּאָה**

---

[1]) פסקי סדרה עי' פרש"י ותוספות שבת פד. קיב, קיד. ומגילה כא. ובספר היקר „מסורת התורה והנביאים" לידידי הרה"ג ד"צ ומו"ץ בווילנא הרב פסח פינפער צד 31-45. ושם גם המקורים והמ"מ ע"ד שמסימין במערבא ובשארי דוכתא לקרוא את התורה ולסימה אחת לשלש שנים ויותר, וכן היא מסודרה בידם. ועי' שה"ג מערכת ספרים סוף מערכה ג. וחלוקת הסדרות שלנו בנ"ג שבתות נקבע על פי הרוקח ומהרי"ל.

[2]) בתלמוד קבעו כמה הרשות נתונה להסוחר להשתכר, ואמרו: „המשתכר אל ישתכר יותר משתות" (בבא בתרא, צ.).

געטרײַדע העגדלער, א. ז. וו.

סְחוֹרָה (יחזקאל כז, טו; ב"ם לה) וואַרע, **סחורות.** אַרטיקלען בּעשטימטע צום פער-קויפען. „אַבּליַנדע סחורה" — אַזאַ אַרטיקעל וואָס מען קען ניט ווײסען זײַן ריכטיגען ווערטה. „דאָס איז איין מאָל אַ סחורה!" — אַפּערפיהרער, דורך בּעטרוג און שווינדעל. „אַ סחורה טאָר ניט מאוס ווערען", ד"ה: מען בּרויכט ניט פערקויפען אַלאַנג פער-לעגענע סחורה אונטער איהר בּעשטימטען פרײַז, דען עס קומט דער בּעלן אונד צאָהלט. „אַ צו געלעגענע סחורה" — וואָס איז פערדאָרבּען געוואָרען פון לאַנג ליגען בּײַ דעם קרעמער.

סִטְרָא אַחֲרָא — דאָס אַנ-דערע זײַטיגע[1]. די קבּלה רופט אָן דערמיט די נישט-גוטע (משחיתים, און מקטרגים) וואָס ווערען פון דעם מענשענס זינד — אַזוי ווי די „גוטע מלאכים" ווערען דורך מעשים טובים, וואָס הײסט **סִטְרָא דִקְדוּשָׁא.**

סִיּוּם (ברכות יב; ב"ב, כב.) אויס-לאָז, בּעענדיגט אויס-לערנען, אויסהאָבּען אַגאַנצען ספר, ווי: **סִיּוּם הַמִּשְׁנָה, סִיּוּם הַשַּׁ"ס. סִיּוּם הַתּוֹרָה** — איז אויך געמײַנט: בּעענדיגען איהר אין אויסשרײַבּען.

סִיַּעְתָּא דִשְׁמַיָּא (מגילה ו:), גאָטעס הילפע.

סַךְ (ע"ז, יט). **סְכוּם** (ביצה כט: ת"א שמות ה, יח) בּעשטימטע סומע-צאָהל. **סְכוּמִים**[2]. **סַךְ הַכֹּל** די גאַנצע סומע (אַרום

---

[1]) שטר בל' ארמית הוא צד כמש"כ: „ולשטר חד" (דניאל ז, ה), ומזה — „שטר חובי" (כתובות סה.) שקורין להפתקא שנותן בעל חוב להצד שכנגדו; ומזה נשתרבב בסבות גלגולי הפילולוניה בלשון רוסיא על צד „Сторона". לזאת קורין בעלי הקבלה לצד השני של הטוב: „סטרא אחרא" תחת צד הרע, כמו במקרא לטמאה — אינה טהורה (בראשית ז, ב; ש"א, כ, כו).

[2]) לי נראה שמקור למלת סכום בעברית הוא ממלת „מכס" — בהפוך סדר האותיות, „מכסת נפשות" (שמות יב, ד) הוא סכום הנפשות; והמתנת כהונה, בשה"ר פסוק „אחת היא", מוכיח שהוראת „סכום" הוא מנין הפרטים, נרדף עם „מפקדי התורה" על מנין הכללי.

און אַרום). „אַ סך מעהר״ — פיל מעהר. סְכוּם עֶצוּם — צאָהל־רייך. „אַז מען צאָהלט קיין סכום זאָגט מען קיין דעה״.

סְכָה (יונה ד, ה) היטטע, אָבדאַך.

סֻכּוֹת (בראשית יג, לז). צו ליב די סוכה הייסט די 8־טעג פייערטאָג, פון 15־טען תשרי — „סוכּות״ (ויקרא כג, ד,— לו). וואָס מיר פערברייגגען אין אַ סוכּה צום אַנדענקונג וואָס אונזערע אור־עלטערען זיינען געזעסען אין ביידלאַך אויף זייערע רייזען דורך דעם מדבר, גייענדיג פון מצרים קיין ארץ־ישראל (שם כג, מב — מג). אויך צוליעב די שוטץ וואָלקען.

סְכַךְ (סוכה ד, יא) דאָס בעדעקונג צום סוכּה, פון געוויקסע־מאַטריאַל צום שאַטען.

סַכִּין (תמיד, פ״ד) מעסער, סַכִּינִים (חולין, ח:).

סַכָּנָה (שבת סז, חולין ח:) געפאַהר, סַכָּנַת נְפָשׁוֹת (ביצה כב.) לעבענסגעפאַהר. „אַקנאַפּע סכנה״ עם שטייט ניט פאַר קיין שאָדען.

סִכְסוּךְ (נדה, כה:) פאָדערונג, קאָנפליקט. סִכְסוּכִים אָנרייצען א טומלענעם [1].

סְלִיחָה (תהלים קל, ד) פערצייאונג. סְלִיחוֹת (נחמיה ט, יז). אַזוי הייסען דיא פזמונים צוא אַ פאַסט־טאָג און תשובה־טעג.

סִלּוּק (יומא, כד) אָבשאַפען, בעזייטיגען, ד״ה כל״ז: אָבצאָהלען אַ חוב, קווט ווערין דורך אַרבייט. „געהאַט אַ סילוק״ אפינסטערין בעצאָהלונג, אַרוים ראַקום.

סַם (שבת, קד) געווירטץ, שפּעצעריי. סַמִּים (שמות ל, ז). סַם הַמָּוֶת (יומא עב: ב״ק פו) גיפט, אַרסעניק, „פער׳סם׳ט״ — פערגיפטעט.

סַמְבַּטְיוֹן (סנהדרין פה:), סַבַּטְיוֹן, סַנְבַּטְיוֹן — מיט די נעמען רופט זיך אַזאַ זאַנד־מעער, זיינע וועלען איזט פון גרויסע שטיינער, עס וואַרפט עס שליידערט, בלויז דעם שבת טאָג פלעגט מען איהם זעהען איין

---

[1] מוצאו מעברית: מלי וסכסכתי מצרים במצרים (ישעיה יט, ב), ויאמר על שני בעלי דין אם לא יבאו לידי פשרה בהתביעות שיש להם זע״ז.

רוהענדען [1] — דער פון שטאמט דער שפריך ווארט, ווען מען האט קיין מאל קיין רוה פון וועמען: „דער סמבטיון רוהעט אויף שבת“.

סַמֶּךְ — נאמען דער 15־טער בוכשטאב אין דעם אלף־בית.

סוֹמֵךְ (תהלים לז, יז) שטיצט. „אויף דעם סומך“—פער־לאזען זיך אויף דעם.

סְמִיכָה (ברכות, מב) דאקומענט, אויף דעם ענדיגען א סטודיום. „סמיכות אויף רבנות“ ערלויבנים צו פסקנען שאלות [2].

סְמִיכוּת הַפָּרָשִׁיּוֹת (ברכות, י) אנבעלאנגטע קאפיטלען.

סִמָּן (ברכות, ב. ב״מ, כב) צייכען.

סִמָּנִים (גיטין, כד). **סִמָּן בְּרָכָה** (פסחים, ג) א שפאר. **סִמָּן טוֹב** (שבת, פט) א גוטער צייכען; ד״ז איז: **סִמָּן יָפֶה** (ב״ב, קמו.) א בעוויז אויף גוטעס. „זאגען א סימן“ — א קען־צייכען.

סַנֵּיגוֹר (קדושין, ד) פערטהיידיגער, פארשטעהער אין גערוכט.

סַנְדְּלָר (אבות, פ״ד) שוה מאכער, שוסטער [3].

סַנְדִּיק, סַנְדְּקָא (ילקוט שמעוני, תהלים לה) געפאטער (קוואטער בל״ז).

סַנְהֶדְרִין (מסכת) סענאט, זיטצונג פון 71 ריכטער אין דעם זאאלאן „לשכת הגזית“ וואס איז געווען אין בית המקדש, זי הייסט „סנהדרי גדולה“; „סנהדרי קטנה“ פון 23 ריכטער, איז געווען אין יעדער שטאדט (סנהדרין מה, סג).

סוּס (שמות יד, ט) פפערד, **סוּסִים** (מ״א י, כח). דער פפערד איז בעריהמט אויך אין ביבל

---

[1] מקורים רבים לו, וכלם בשפה אחת: כי כל ימי השבוע הוא מושך אבנים ובשבת הוא נח. כנראה מדברי פּליניאוס, שמביא הערוך בערכו, היה בארץ יהודה ומיחסים אותו לנהרי אשור; והיוסיפון במלחמותיו אומר: ששמו האמתי הוא שבתיון ע״ש השנוי שבו ביום השבת.

[2] קרי ליה רבי, יהבי ליה רשותא למידן (סנהדרין, יג), והוא מלה״כ: ויהושע בן נון מלא רוח חכמה כי סמך משה ידיו עליו (דברים לד, ט).

[3] מהשם סנדל (שבת ס) יצא התואר סנדלר-בשמוש אות ר תחת נ שבלשון חכמים: למדן, בעסן, כמשפט לשון אשכנזית מבאד — בעדער וכיו״צב.

מיט זיין שוינהייט אונד מיט זיין קרעפטיגקייט (תהלים קמ״ז, י; איוב לט; שה״ש א, ט). קיין חיה און קיין בהמה ברייגגט ניט אזוי פיל נוטצען, ווי דער פפערד: ער דינט צום פאהרען און אויף משאות שלעפען, אויך צו דעם ערד ארבייט איז ער דער הויפט, און צום רייטען פון פערגניגען וועגען (אסתר ו. קהלת י, ז) און צו א מלחמה (משלי כא, לא; ירמיה ח, ו). זיי זיינען אויך זייער בעקוועמליך פאר די „פערד־גנבים״. מיט פערדין ווערט געפיהרט גרויסע מסחרים, זייערע האאר און פעל איז אויך א גילטיגער ארטיקעל. אבער דאס אפשערען זייערע עקען פון שיינקייט וועגען רעכענען דאס די ספרי מוסר פאר א גרויסע זינד געגען „צער בעלי חיים״ (ספר חסידים סי׳ תקפ״ט), וייל זיי קענען שוין ניט אראב־שמייסען די פליגען וואס בע־פאלען און בייסען זיי. דערצו שמירט מען זיי נאך איין אין א פעט׳ס זיי זאלען גלאנצען, זאמלען זיך אויף זיי פיעל בייסענדע קאמארען.

סעודה (ברכות מז, אבות פ״ג) מאל־צייט, **סעודות** (ר״ה, כג). **סעודת אירוסין ונשואין**, פערלאבונגס און הויכצייטס מאלצייט. **סעודת ברית מילה**, דעם באל, ווען מען איז מהל. **סעודה גדולה** (סנהדרין קד) א גרויסער באל. **סעודת הבראה** [1] דעם ערסטען אנ־בייסען, וואס מען גיט איין אבל קומענדיג פון בית עלמן. **סעודה המפסקת** (כתובות פג) דער מאל־צייט צום פערפאסטען. **סעודת לויתן** (ב״ב, עה.) (זעה — „לויתן״). **סעודת מלוה מלכא** (זעה — „מלוה״) [2]. **סעודת מצוה** — דעם באל צום אויספיהרען א מצוה זאך, ווי: א ברית, א חתונה, צו א בר מצוה, א סיום א. ד. ג. **סעודת פורים** (מגילה, ז:) דער פורים באל. **סעודת שלמה בשעתו** (זעה — „כסעודת שלמה״).

[1]) נגזר מלה״כ: ויבוא כל העם להברות את דוד לחם (ש״ב ג, לה) בהתאבלו על אבנר; וכן במות עליו בנו כתיב: ולא ברה אתם לחם (שם יב, יז).

[2]) המקור לזה הוא במסכת שבת קיט. וחשיבות הסעודה הזאת מפורשה בכתבי האר״י ובספר יסוד ושרש העבודה, ועי׳ לעיל ערך „מלוה מלכא״ ובהערה שם.

סוף (ברכות, יד) ענדע. **סוף סוף** (סנהדרין, פא.) ענדליד. **סוף פסוק** ענדע זאַטץ. „אַ סוף פון אַ מעשה", „אַ מעשה אָהן אַ סוף".

סַפְדָן (תענית, ה) טרויער רעדנער, **סַפְדָנִים** (קהלת יב. ה — שם הלשון סופדים).

סָפֵק (שבת פ"ב) צווייפאַל **סְפֵקוֹת** (שבועות, יט). **סָפֵק גָדוֹל** (חולין, ז.) אַ גרויסער צווייפאַל. **סְפֵק סְפֵקָה** (קידושין, עה) אַקלייַנער צווייפאַל.

סִפּוּר (ספר יצירה) ערצעהלונג. **סִפּוּרִים** — **סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיוֹת** — ערצעהלונג פון פאַסירונגען.

סְפִירָה (שם) צייַלונג. „ספירה טעג" — די 50 טעג וואָס בעדאַרפען געצייַלט ווערען פון פסח ביז שבועות (ויקרא כג, טז), (זעה — „חדש"), דיזע טעג ווערט געהאַלטען אַ נאַציאָנאַל טרויער (זעה — „ל"ג בעומר").

סֵפֶר (בראשית ה, א) פערצייַכעניס, בעשריבענער אָדער געדרוקטער בוך, **סְפָרִים** (קהלת יב, יב). **סֵפֶר גוֹרָלוֹת** — בעצייַכנונג צום אויסוואַרפען טרעפונג. **סֵפֶר הַיָשָׁר** בעצייַכענט די גראַדהייַט. **סִפְרֵי הַשְׂכָּלָה** בילדונגס-ביכער. **סִפְרֵי חָכְמָה** — וויסענשאַפטס-ביכער. **סְפָרִים חִיצוֹנִים** (סנהד' ק.) זייַטיגע ביכער. **סֵפֶר חֲרֵדִים** אַ בוך פאַר פרומע. **סִפְרֵי חֶשְׁבּוֹן** רעכנונגס-ביכער. **סִפְרֵי מְלִיצָה** שילדערונגס ביכער. **סִפְרֵי מוּסָר** צורעכטווייַזונגס-ביכער. **סִפְרֵי קֹדֶשׁ** (שבת פו.) הייליגע ביכער, ד"ה דער תנ"ך. **סֵפֶר רְפוּאוֹת** (ברכות, י:) מעדיצינישע בוך, צום הייל-מיטלען. **סֵפֶר תְּהִלִּים** (כ"ב, יד:) פסאַלמען בוך (זעה — „תהלים"). **סֵפֶר תּוֹרָה** (דברים לא, כו) געזעטצבוך, דאָס הייסט דער חומש. **סִפְרֵי תוֹרָה** (איז עס אין מעהר צאָהל).

סוֹפֵר (שופטים ה, יד) אַ שרייַבער, שריפט-שטעלער, **סוֹפְרִים** (ירמיה ח, ח). **סוֹפֵר סְתָ"ם** אַ שרייַבער פון: „ספרי תורה, תפילין, מזוזות"[1]. **סַפְרָא**

[1]) במסכת סופרים (פ׳ יג הל׳ א) מכנה לסופר סת"ם — „לבלר" והמכונים בספרות

רַבָּא [1] אַ גרויס שריפטשטעלער, אָדער — אַ זעלטענער שרייבער „קאַליגראַף".

סְפָרַד (עובדיה, כא) ספּאַניען.

סְפָרַדִי, סְפָרַדִים שפּאַנישע, פּאָרטוגעזישע יודען.

סַרְבָן (ברכות פ"ה, מ"ד; סוטה, יג) לאָזט זיך פיל בעטען.

סִרְחָא (יבמות, פט.) איבלע געריך.

סִרְכָא (חולין מו: מח.) אַ צוצעפּע־נעם, אַנגעוויכסע צום לונג.

סַרְסוּר (ב"ר פ"ח, דב"ר פ"ג) מאָקלער, פערמיטלער, **סַרְסוּרִים** (שם). **סַרְסָרוּת** (ב"ר פ, עב) אונטערהאַנדלונג.

סְתַם (ב"ק כ, מדניאל יב, ט.) אונבעשטימט. **סְתָמָא** (ב"מ, לב) מעגליך, פיליכט (זעה — „מסתמא").

סְתוּמָה (ב"ר ריש פ' צו מיחזקאל כח, ג) פערשטעלט, פערשריבען די גאַנצע שורה, אָהן אבלויז, **סְתוּמוֹת**.

סוֹתֵר (שבת, ל.) צערשטערט, צו וואַרפט, **סְתִירָה** (מגילה, לא. נדה ג.) געגענזאַטץ. **סְתִירוֹת**.

סִתְרֵי תוֹרָה (פסחים, קיח:) די פערבאָרגענע סודות וואָס עס איז אָנגעוואונקען אין די ווערטער און נקודות פון דער תורה [2].

ע.

ע דער 16־טער בוכשטאַב אין דעם א"ב און דער 7־טער נאָך דעם „י", דינט ער אַנשטאַט דעם ציפער 70 אָדער פאַר דעם

החדשה סופרים — הם הכותבים דעת עצמם והגות לבם; והתואר הזה ממקום קדוש יהלך שבו נקרא עזרא (עזרא ד, יא).

[1]) „ספרא רבא" מכנים עתה למליץ נפלא או לכתבן גדול ובאמת התואר הזה מרום וקדוש, שבו נקרא משה רבינו: „ספרא רבא דישראל" (סוטה יג, ותרגום שה"ש פסוק ב).

[2]) נדרשים ומרומזים בכל תג וקוץ הנקראות „כתרי אותיות התורה" שבהן העשר ספירות כלולות. מובא בספר הזוהר משפטים ד' צט, אחרי עא, אמור עט, שלח קע ובשארי דוכתי, וריקאנטי פ' לך.

צאָהל־וואָרט „שבעים״. אויך קומט ער מיט נאָך בוכשטאַבען צו זאַמען אין אָבקירצונג (ר״ת), צום בייַשפּיל:

ע״א — עֲבוֹדַת אֱלִילִים, עַד אֶחָד, עַד אֶחָד, עִנְיָן אַחֵר, עַמּוּד א׳.

ע״ב — עַמּוּד ב׳.

ע״ג — עֲבוֹדַת גִּלּוּלִים, עַל גַּבֵּי.

ע״ד — עַל דְּבַר, עַל דַּעַת, עַל דֶּרֶךְ.

ע״ה — עֲבָדִים הָיִינוּ, עָלָיו הַשָּׁלוֹם, עֲלוֹת הַשַּׁחַר, עַמּוּד הַשַּׁחַר, עַם הָאָרֶץ.

עוה״ב — עוֹלָם הַבָּא.

עוה״ז — עוֹלָם הַזֶּה.

עה״ח — עַל הֶחָתוּם.

עה״כ — עַל הַכָּתוּב.

עה״נ — עַל הַנִּסִּים.

עה״ק — עִיר הַקֹּדֶשׁ.

ע״ז — עֲבוֹדָה זָרָה, עַל זֶה.

ע״ח — עַל חֶשְׁבּוֹן, עֶרֶב חֲנֻכָּה, עֶרֶב חֻפָּה.

ע״י — עַל יְדֵי, עֵין יַעֲקֹב.

עי״ז — עַל יְדֵי זֶה.

עיו״ט — עֶרֶב יוֹם טוֹב.

עי״ל — עוֹד יֵשׁ לֵאמֹר.

עכ״ז — עַל כָּל זֶה.

ע״כ — עַד כָּאן, עַל כֵּן, עַל כָּרְחוֹ.

עכ״פ — עַל כָּל פָּנִים.

עכ״ל — עַד כָּאן לְשׁוֹנוֹ.

ע״ל — עַיֵּן לְעֵיל, עַיֵּן לְקַמָּן.

ע״מ — עַל מְנָת.

עמ״ב עוֹשֵׂה מַעֲשֵׂה בְרֵאשִׁית.

עמ״ש — עַיֵּן מַה שֶּׁכָּתוּב — מַה שֶּׁנֶּאֱמַר.

ענט״י — עַל נְטִילַת יָדָיִם.

ע״ס — עַל סַךְ, עֶרֶב סוּכּוֹת.

ע״ע — עֶבֶד עִבְרִי, עַל עַצְמוֹ, עַד עַתָּה.

ע״פ — עַל פִּי, עַל פְּנֵי, עֶרֶב פֶּסַח.

עצה״ט — עַל צַד הַיּוֹתֵר טוֹב.

עקה״ש — עַל קִידּוּשׁ הַשֵּׁם.

ער״ה — עֶרֶב רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

ער״ח — עֶרֶב רֹאשׁ חֹדֶשׁ, עֶרֶב חֲתוּנָּה.

ער״ס — עֶרֶב סֻכּוֹת.

ער״ש — עֶרֶב שַׁבָּת.

עש״ז — עִם שְׁלוֹם זוּגָתוֹ.

עש״ק — עֶרֶב שַׁבַּת קֹדֶשׁ.

עשי״ת — עֲשֶׂרֶת יְמֵי תְשׁוּבָה.

ע״ת — עֵירוּב תַּבְשִׁילִין, עֵירוּב תְּחוּמִין.

עת״ב — עֶרֶב תִּשְׁעָה בְּאָב.

עֶבֶד (שמות כא, ב) קנעכט, דינער. **עֲבָדִים** (בראש׳ מד, טו) (וועה — „משפטים״).

עֲבוֹדָה (שמות א, יד) אַרבּײַט. אויך הײסט עס די אויסגעפֿיהרטע צערעמאָניע דורך דעם כהן גדול אין בית המקדש אום יום כפּור (יומא כט, שמ״ר פ״ל), יעצט — דעם חזן׳ס זינגען און זאָגען פֿון דעם, מיט די כּורעים פֿאַלען אין מוסף יום־כּפּור. **עֲבוֹדַת אֲדָמָה** (דה״י א, כז, כו) ערד אַרבּײַט. **עֲבוֹדַת הַבּוֹרֵא** — דאָס דינען דעם באַשעפֿער, ד״ה: בּיטטען בּײַ איהם לעבען, און צום לעבען, און איהם הויבּען אונד לויבּען, און אַלעס וואָס מען טהוט, בּעדאַרף זײַן נאָך זײַן פֿערלאַנג (אבות פ״ב, יב), ווי עס איז אונז איבּערגעבּען דורך די תּורה, נביאים און חכמים. **עֲבוֹדָה זָרָה** (סנהדרין, ם) פֿרעמדע גאָטעסדינסט, ניט איינשטימיג מיט דעם זינן פֿון יודענטהום — דאָס געטצענדינסט דינט פֿאַר איין בּײַשפּיעל אויף האַס און אַנטיפּאַטיע: „קען ניט אָנזעהען ווי עבודה זרה״, „פֿײַנט, טרײַף ווי עבודה זרה״, ווי עס איז דערויף געזאָגט: שַׁקֵּץ תְּשַׁקְּצֶנּוּ וְתַעֵב תְּתַעֲבֶנּוּ כִּי חֵרֶם הוּא (דברים ז, כו) דו זאָלסט עס פֿעראַבשײַען און עס זאָל דאָס דיר גרוילען, דען עס איז פֿערבּאַנט.

עֲבוֹדַת פֶּרֶךְ[1] בּעשטרײַנגטע אַרבּײַט. **עֲבוֹדָה קָשָׁה** שווערע אַרבּײַט.

עוֹבְדָא (תענית כב. יומא עא.) בּעשעפֿטיגונג, פּאַסירונג[2]. „וועמענס עובדא זאָל דאָס זײַן?״ וועמענס שטיקעל אַרבּײַט. **עוֹבְדוֹת** (הוריות י:) שקלאַפֿערײַ, שווערע דינסט.

עָבַר (צפניה ב, ב). פֿערבּײַגעגאַנגען. **עוֹבֵר** (אסתר ג, ג) טרעט איבּער, היטעט ניט דעם געזעטץ — **עֲבֵרָיָן** (נדה יג:). **עוֹבֵר אוֹרַח** (ישעיה לג, ח) וועגוואַנדערער. **עוֹבֵר בָּטֵל** (אבות פ״ה, כא) פֿערשאָלען און פֿערלאָרען. **עוֹבֵר זְמַן** (ברכות כו.) לאָזט פֿאָראיבּער די בּעשטימטע

---

1) עי׳ רש״י עה״כ: ויעבידו מצרים את בני ישראל בפרך (שמות א, יג) ועה״כ: לא תרדנו בפרך (ויקרא כה, נג).

2) תרגום של מעשה—עובדא.

צײַט. **עוֹבֵר לַסוֹחֵר** (בראשית כג, טז) עס גײט אָן אין האַנדעל. **עוֹבֵר עֲבֵירָה** (סוטה ג.) פּיהרט אויס אַ פֿערבּרעך. **עוֹבֵר קְרִיאַת שְׁמַע** ער לאָזט פֿאַרבּײַ די צײַט פֿון לײענען קריאת שמע, דאָס הײסט 3 שעה מיט 18 מינוט נאָך זאָנען אויפשײַן. **עוֹבֵר תְּקִיעַת כַּף** פֿערבּרעכט אַ האַנד שלאַג. **עוֹבֵר עַל בַּל תְּאַחֵר** (ר״ה, ו:) טרעט איבּער דעם פֿערזאָג: „זאָלסט ניט פֿער־שפּעטיגען״ (דברים כג, כב). **עוֹבֵר עַל בַּל תַּשְׁחִית** (שבת סז:) טרעט איבּער דעם פֿערזאָג: „זאָלסט ניט פֿערדערבּען״ (דברים כ, יט) — אַזאַך וואָס קען נאָך נוצען. **עוֹבֵר שְׁבוּעָה** טרעט איבּער זײַן צושווערען.

עֲבֵרָה (יומא פה:) איבּערטרע־טען די געבּאָטענעס, דאָס געזעטץ, זינד. **עֲבֵרוֹת** (יומא, שם:). „אַבּיטערע עבירה״ אַ פֿערבּרעך צו פֿערניכטען אַ זאַך, וועלכע קען נאָך נוצען.

עִבְרִי (בראשית לט, יד) אַ איד.

עִבְרִים (שמות ב, יג).

עִבְרִיָּה (דברים טו, יב) **עִבְרִיּוֹת** (שמות א, טו). מיט דעם נאָמען „עברי״ האָט זיך אָנגערופען אונזער ערסטער פֿאָטער אַברהם (בראשית יד, יג) און יעדער אײנציגער פֿון אונזער פֿאָלק (שם מג, לב; יונה א, ט) און אַזוי הײסט אונזער גאַנצעס פֿאָלק — **עִבְרִים** (בראשית מ, טו; ש״א י, יא) [1].

עִבְרִית (ידים פ״ד) העבּרעאיש, לשון הקודש. „זאָגען עברי״ הײסט: לעזען אָנפֿעהלערען אין אַ אידעשען ספר. „האַרטע עברי״ — גערעט קלאָהרע רײד (דבּורים), אַרײַן געזאָגט אָהן צערעמאָניעם. „קען ניט אַשײַטעל עברי״ — אַ זײַטעל עברי אָבּלעזען.

---

[1] יש סוברים שע״כ נקראים אנחנו ב״י עברים, ע״ש תוצאותינו מעבר נהר נהרים, כמ״ש: בעבר הנהר ישבו אבותיכם מעולם (יהושע כד. ב); ולהראב״ע לא נהירי לו הטעם בשביל היחס לעבר הנהר, כי אז ישתתפו עמנו בשם זה בני קטורה ובני ישמעאל ועשו. עי׳ פי׳ הראב״ע עה״כ: לא תתעב אדומי כי אחיך הוא (דברים כג, ח) ובערוך השלם ערך „עברי״.

עבור (ר"ה כו. פסחים ב.) אײַנ־טהײַלען אַ איבעריגען מאָנאַט אין יאָהר, **עבור חודש** (סנהדרין ב:) אַ חדש מלא. **עבור שנה** (שם, שבת פו). אַ עבור יאָהר, בעשטײַט פון 13 חדשים (מיט אַחדש ואדר), ער צײַלט 385 טעג, אין 55 װאָכען; דאָס קומט: אויס צו גלײַכען עס זאָל שטימען די לבנה יאָהר מיט די סעזאָנען פאָן דעם זאָנען יאָהר (זעה „אדר").

עוג מלך הבשן (במדבר כא, לג) דינט פאַר אײן מוסטער אויף גאַנץ הויך, דען זײַן בעט איז געװען 9 אײלען די לײַנג און 4 די ברײַט. איהם האָט משה רבינו אַלײן אײנגענומען אין די ערשטע מלחמות בײַ דעם גרענעץ פון ארץ ישראל פאַר דעם ירדן.

עגול (עירובין עט, סוכה ח׳ ב"מ כא,) אַ רונדער שטריק.

עגל (ויקרא ט, ב) קאַלב, **עגלים** (מ"ב טז, יד). **עגל הזהב** (מ"א יב, כה) דער גאָלדענער קאַלב, װאָס די יודען האָבען געמאַכט אין דער מדבר פאַר אַ גאָט צו דיענען צו איהם, — דאָס בילט נאָך יעצט בײַ אונז, מיט דעם האָבען אַראָפּפאַל פאַר אַ רײַכען פראָסטען מענשען מעהר װי פאַר אײן אָרעמען למדן און געלעהרטען.

עגמת נפש (איוב ל, כה, ברכות נה.) בעטריבנים — פון דאָס לעבען, אַ קלעמענים.

עגונה, עגונות (גיטין כו: לג) צו געאַנקערטע, צוריק־געהאַלטענע.

עד (בראׄ יב, ו) ביז. **עד בלי די** (מלאכי ג, י) ביז איבער גענוג. **עד דלא ידעי** (מגילה ז.) ביז בעװאוסט לאָז. **עד היום** (ש"א ו, יח) ביז הײַטע צו טאַגע. **עד חרמה** (דברים א, מד) ביז צום פערניכטען. **עד כאן** (חגיגה טו.) ביז היער. **עד לב השמים** (דברים ד, יא): ביז רעכטען מיטען הימעל. **עד לחשבון** ביז דעם רעכענונג, **עד סוף כל הדורות** (חולין, עה) ביז דאָס לעטצט אין גאָר דאָס מענ־שען־אַלטער.

עדה (בראשית ד, יט) די אָבגע־װײַבטע. װײַבליכער נאָמען „עירע". אײנע פון למך׳ס צװײ פרויען, װאָס אײנע װאַר „צלה",

בעדייטעט „צוגעטולעטע", גע־
גענזאַטץ פון „עדה"[1].

עֲדָה (במדבר טז, ב) געמיינדע.

עוֹדֵף (שמות טז, כג) איבערמאָס.

עֵדוּת (ברכות יד:) צייגע. **עֵדוּת שֶׁקֶר** (שם) פאַלשע צייגע.

עַוְלָה (איוב יא, יד) אונרעכט.

עוֹלוֹת — געוואַלט, געקירצט, „עס איז איין עולה".

עַז פָּנִים (דברים כח, נ). **עַזֵּי פָּנִים** (חגיגה יג) **עַזּוּת פָּנִים** (קידושין ע:) פרעכעס געזיכט.

עַזּוּת (שם מט:) פרעכהייט. **עַזּוּת מֵצַח** (שם ע:) פרעכער שטערען.

עֶזֶר (דה"י א יב, יט) העלפער, איין מענליכער נאָמען.

עֶזְרָא (עזרא ז, א) הילף. דער מאַן פון דיזען נאָמען איז געוועזן איינער וואָס האָט געבראַכט הילפע דעם יודישען פאָלק, ער האָט אונז פון גלות בבל געפיהרט מיט די ערלויב־ניס פון כרש מלך פרס, צוריק אויפצושטעלען די יודישע רע־גירונג אונד האָט פילע תקנות איינגעפיהרט (עזרא ז, י; סנהדרין כא).

עֻזִּיאֵל (ירמיה לו, כו) מיין הילף איז גאָטט. „אַמענליכער נאָמען.

עֲזַרְיָה (נחמיה יב, לג) גאָטעס הילף. אַמענליכער נאָמען.

עַיִן — נאָמען דער 17־טע אות אין א"ב.

עַיִן (שמות כא, כד) אויג. **עֵינַיִם** (תהלים קטו, ה). **עַיִן יָפָה** (שבת עד, ב"מ קג:) פריינגעביג, פער־גינט. **עַיִן הָרָע** (אבות פ"ב) בייזע אויג, ניט קיין פערגינער, „אַבייזע עין הרע האָט זיי אויפגעגעסען" (סנהדרין צג.)[2] **עַיִן לֹא רָאָתָה** (ישעיה סד, ג) איין אויג האָט דאָס ניט אָנגעזעהען (סנהד' צט).

עִכּוּב (הוריות, י) איין אָבהאַלט, הינדערניס, **עִכּוּבִים**.

עַכְבָּר (ישעיה סו, יז) מויז (מל' מאוס). **עַכְבָּרִים** (שבת, קנא).

---

[1] ע"י רש"י עה"כ ויקח לו למך שתי נשים (ברא' ד, יט) שמביא דברי המדרש על השם צלה שהיא יושבת תמיד בצל אישה מרוב חבה. ולזאת נראה לי לפרש גם השם עדה מל' הסרה ורחוק מבעלה, מלי: „עדה עליו שחל" (איוב כח, ח) ובארמית (דניאל כח, ח) „מהעדה מלכין" שפי' מסיר מלכים מכסאותם.

[2] על אודות שליטת עין הרע להרע עי' מאמר בהצפירה גליון 12 לשנת 1903.

„עכבר'שניק" שטאמט פון **עכברא רשיעי** (ירושלמי ב"מ פ"ג, מעין הוריות יג:), אזעלכע וואס מאכען אן שאדען מעהר פיל זיי געניסען פון דעם.

עוכר ישראל (מ"א יח, יז) ברייגגט אונגליק אויף יודישען פאלק.

על (שמות יט, ד) אויף. **על אם הדרך** (יחזקאל כא, כו) אויף דעם רעכטען מיטען וועג. **על אמונתי** אויף מיין טרויען גלויבען. **על אפי ועל חמתי** (ירמיה לב, לא) עם מאכט מיר צארניג און אויפגערעגט. **על הפחות** צום וויינינסטען. **על התורה ועל העבודה** (אבות פ"א) איבערגעבען — אויף לערנען און אויף גאטעם דינסט. **על חטא** (יומא יח) וועגען דעם זינדע. מיט דעם פאנגט זיך אן די וידוי צום יום כפור. „פון על חטא, איז מענים פעט". **על ידי הדחק** (ב"ק יט:) דורך נויט. **על כל צרה שלא תבא** (תענית יט, פסחים קיז) אויף נאר א אנגסט וואס זאל ניט פאסירען. **על כן** (דברים טו, יא), דעסהאלב. **על כסא מלכותו** (אסתר א, ב.) אויף זיין קייזערליכען טראהן, ד"ה: ביי איהם איז די הערשונג. **על פי דין** — נאך דעם זאקאן. **על דרך הדרוש** איבערגעבען דורך ערקלעהרונג. **על פי דרך החקירה** דורך דעם איבערקלעהרען. **על פי הדחק** (ד"ז ווי „על ידי הדחק"). **על פי דרך הטבע** דורך איין נאטירליכען ארט. **על פי טעות** דורך איין אירטהום. **על פי פשט** – מיט איינפאכען בעדייטונג. **על פי קבלה** מיט דעם ערקלעהרען דורך קבלה (זעה — „קבלה"). **על פי רוב** דאס מעהרנסטע טהייל. „דאס רוב". **על צד היותר טוב** אויף דעם בעסטען ארט.

עליו השלום (ברכות יב)[1] ער זאל זיין אין פרידען.

עלוי (תמורה, לב.) ערהאבענער, געניאלנע, וואונדער־קינד.

---

[1] זכרון טוב זה: „עליו השלום", הנאמר על כל נפשות מת מישראל, נאמר במקורו אשר צינתי — על משה רבינו.

עֲלִיָּה (ערכין, טו; יוצר לש"ת) אויפשטייגען. **עֲלִיּוֹת**—ד"ה: דעם אויפרופען „עולה לתורה" זיין, (זעה — „שבעה קרואים"), דאס איז איינגעטהיילט: צום ערסט—כהן, צווייטער—לוי, נאכהער—תלמידי חכמים און בני תלמידי חכמים און פרנסי חדשים (גיטין ס, או"ח סי' קלו). אויף דעם פערקויפען דורך טארגעווען שבת און יו"ט די עליות—פראטעסטירט געגען דעם שטארק דער מהרש"ל (זעה — ספר יערת הדבש ח"ב וס' מקורי מנהגים סי' יא).

עוֹלֶה לִגְדוּלָּה (שבת סג, סנהדרין יד) ערהויכט געהארען, געשטויגען צו וויכטיגעס אין אמט.

עוֹלֶה לְרֶגֶל (חגיגה ג.) דאס געהן פייערין אין ירושלים פון גאנץ ארץ ישראל, יעדער געזונטער מאנספערזאן, אין אלע 3 רגלים: פסח, שבועות, און סוכות (שמות כג, יד). **עָלְתָה עַל דַּעְתִּי** (ירוש' קידושין פ"ג) ארויף אויף מיין זינען.

עוֹל (במדבר יט, ב) יאך, לאסט. **עוֹל אִשָּׁה וּבָנִים** (קידושין כט) די בעלעסטיגונג פון א פרוי מיט קינדער. **עוֹל דֶּרֶךְ אֶרֶץ** (אבות פ' ג) לאסט פון וועלטליכע פערפליכטונג. **עוֹל מַלְכוּת** (שם) לאסט פון שטאדט'ס געזעטץ. **עוֹל מַלְכוּת שָׁמַיִם** (ברכות יג.) די בעלעסטיגונג פון היסעלשען רעגירונג (רעליגיאנס פערפליכטונג). **עוֹל תּוֹרָה** (אבות פ' ג) יאך די געזעץ פון גאטטעס לעהרע.

עֶלְיוֹן (דברים כו, יט) אויבען, הויך, **עֶלְיוֹנִים** (יוצר לש"ת).

עָלוּל (פסחים, יח) פעהיג, גענייגט.

עֲלִילָה (תהלים סו, ה) פאלשע בעשולדיגונג, **עֲלִילוֹת** (דבר' כב, יד). **עֲלִילַת דָּם** פאלשע בעשולדיגונג וועגען בלוט, **עֲלִילַת שֶׁקֶר** פאלשע בעשולדיגונג דורך ליגענס.

עוֹלָם (משלי, ה) וועלט. **עוֹלָמוֹת** (עירובין נד, ע"ז ז.). **עוֹלָם הָאֱמֶת** ריכטיגע וועלט. **עוֹלָם הַבָּא** (ברכות מז:) די קומענדע וועלט-צייט. **עוֹלָם הַזֶּה** (שם) דיעזער וועלט-צייט[1]). **עוֹלָם הַגַּלְגַּלִּים** די וועלט פון די

[1]) תרגמתי עוה"ב—זמן העתיד, ועוה"ז הוא זמן ההוה, כפשוטו וכמשמעו מלשון

פּלאַנעטען. **עוֹלָם הָפוּך** (פסחים נ. ב"ב י:) אַ פאַרקערטע וועלט. **עוֹלָם הֶפְקֵר** (איכ"ר פ"א, ג) פרייע וועלט (זעה, — „הפקר־מענש"). **עוֹלָם הַשֶּׁקֶר** איין פאַלשע וועלט. **עוֹלָם הַתֹּהוּ** אַ וויסטע וועלט. **עוֹלָם וּמְלוֹאוֹ** (ב"ר פ"א, ב) די וועלט און וואָס איהר ערפילט. **עוֹלָם מָלֵא** (סנהדרין לז) אַגאַנצע וועלט. **עוֹלָם וָעֶד** (תהלים מח, טו) אימער און עוויג. **עוֹלָם עוֹבֵר** די פאַרבייגעהענדע וועלט. **עוֹלָם בְּמִנְהָגוֹ נוֹהֵג** (ע"ז נד:) די וועלט פיהרט זיך אויף איהר שטייגער. **עוֹלָם קָטָן** אַ קליין וועלטיל (מיקראקאסמוס), אַזוי בענענען די מוסר ספרים דעם מענשען. „דער עולם" די פובליקא. „אַ גרויסער עולם" אַהיפּש געמיינדע. „עולמ'־שע" די וועלטליכע, אַזוי רופען אָן דיא חסידים דיא אַנטי־חסידים (מתנגדים), דיא זעלבע איז געמיינט „עולמ'שע בית המדרש", „עלמ'שער רב" געגן אויף עולמות" — עוויגקייטען.

עָם (בראי יא, ו) פאָלק. **עַמִּים** שם יז, טז). **עַם הָאָרֶץ** (פסחים מט) אונוויסענדער מענש. **עַם הָאֲרָצוֹת** אונוויסענהייט, פּראָסטקייט. **עַמֵּךְ עַמִּי** (רות א, טז.) דיין פאָלק איז מיין פאָלק. **עַם רָב** (במדבר כא, ו) אַ גרויסער פובליקום.

עוֹמֵד בְּדִבּוּרוֹ (שבועות, יג) האַלט זיין וואָרט.

עֲמָלֵק (שמות יז, ח). **עֲמָלֵקִים.** די ערשטע אָנפאַלער אויף אידען, גאָר ניט האָבענדיג קיין אַביעדע — ימח שמם (זעה — „המן"). און עס איז שוין פון זיי קיין זכר ניט, כן יאבדו אַלע אידישע אומזאָנסטע שונאים די וואָס ריידען און טהוען זיי שלעכטעס און בזיונות.

עִמָּנוּאֵל (ישעיה ז, יד) גאָט מיט אונז! נאָמען ישעיהו הנביא'ס זאָהן, צום צייכען עס

הגמרא (ב"ב קכב): „עולם הזה — אדם יש לו שדה לבן, אין לו פרדם; עוה"ב — אין לך כאו"א שאין לו בהר ובשפלה ובעמק" משמע שעלי אדמות משתעי; ואודות עוה"ב בעולם הנשמות — מבואר, עיינו בספר המדע להרמב"ם הל' תשובה פ' ח, ועי' לעיל ערך „לניתן" בפנים ובהערה שם.

זאָל זיי ניט אָבשרעקען דער שטרייט וואָס איז זייא דאַן פאָרגעשטאַנען [1].

עַמִּינָדָב (שמות ו, כג) מיין אַדרעלעם פאָלק. נאָמען אהרן הכהן'ס שוויגער־פאַטער, און נאָך ערהאַבענע לייטע אין ביבלישע צייטען (במד' א, ז: דהי"א ו, ז; שם טו, י).

עַמְקוּת — טיעפזיניגקייט, חריפות.

עוֹנָה (שמות כא, י) די בעשטימטע צייט צום פאָרען (עי' כתובות סב.).

עָנִי (דבר' כד, יב) איין אַרמער. **עֲנִיִּים** (תהלים יב, ו). **עֲנִיּוּת** (שבת, סב:) אַרמוטה. **עָנִי בֶּן טוֹבִים** (כתובות, סז.), **עָנִי בַּר טוֹבִים** (ברכות, נח) איין אָרעמאַן פון אַשיינעם הערקונפט. **עָנִי בַּפֶּתַח** איין אָרעמאַן ביי דעם טיר. **עָנִי בְּאוֹתָהּ שָׁעָה** (פאה פ"ד; מ"ר) איין אָרעמאַן אויף דער ווײַלע. **עָנִי וְאֶבְיוֹן** (תהל' עד, סא) איין אַרמער אונד בעדערפטיגער.

עֹנֶג (ישעיה נח, יג) ערגענצען, פערגעניגענד. **עֹנֶג יוֹם טוֹב**, **עֹנֶג שַׁבָּת** (ברכות לא. שבת קיח). **עֹנֶג רוּחָנִי** — גייסטליכע פערגעניגען.

עֲנָוָה (משלי כב, ד; חגיגה, ד.) דעמוטה, בעשיידענהייט.

עָנָיו (במד' יב, יג) דעמוטהיג, **עֲנָוִים** (תהלים י, טז). מיט דיעזע טהייערע מידה איז געריהמט משה רבנו אין דער תורה (במד' שם) און הלל הנשיא אין תלמוד (שבת, לא); דען די איין גוטע מדה פערהיט פון פיל שלעכטע מידות: דער עניו ברויכט ניט קיין כעס אונד קיין גאוה. אונד וועט ניט אָננעהמען קיין לשון הרע א. ד. ג. חכמה און בילדונג קען אַזוי ניט איידלען דעם מענשען ווי

---

[1] עמנואל—יש מפרשים שהוא בן ישעיהו, שנאמר: ואקרב אל הנביאה (שם) שעל פי רוב הראו הנביאים האותות על עצמם, וכן קרא הנביא הושע לבניו ע"ש האותות לעתיד, וי"מ שבן אחז המלך הוא. בהכתבת הזאת—„עמנו אל!" השתמשו האשכנזים בדגלי פרוסיה במלחמתם את הצרפתים בש' 1870 — „גאטט מיט אונז!!" והצליחו.

ענוה, דען וואס חכמה האט אין קאפף — האט דאס ענוה אין פיאטע (ירושלמי שבת פ"ג הל' ג).

עִנְיָן (קהלת א, יג. ב"ב קיד) אנגעלעגענהייט, געגענשטאנד, אינטערעססע. **עִנְיָנִים**. „עניני עולם הזה" דאס פערברייגגען אין פערגניגען. „עניני משא ומתן" געשעפטס אנגעלעגענהייטען.

עֲנֵנוּ (ירושלמי ברכות פ"ד, תענית פ"ב) ענטפער — ערהער אונז! מיט דעם לשון האט אליהו הנביא געפועל'ט א געטליכען וואונדער זאל געשעהען (מ"א, יח) אונד מיט דעם פאנגט זיך אן די תפלה אין א תענית צבור. „זאג מיט איהם עננו" איז געזאגט אויף א זעלכען וועלכער געניסט גוט אונד מאכט גרימאסען, העויות פון א אבגעקומענען.

עוֹנֶשׁ (מ"ב, כג, לג) בעשטראפונג, קאנטריבוציאן, **עוֹנָשִׁים**.

עֵסֶק (חגיגה יג, ביצה לב.) געשעפט, בעשעפטיגונג: **עֲסָקִים**.

עַסְקָן (ויק"ר, פי"ט, א). **עוֹסֵק בְּמִצְוָה** (ברכות, טז) בעשעפטיגט זיך מיט אויספיהרען א רעליגיאנס אויפגאבע. **עוֹסֵק בְּצָרְכֵי צִבּוּר** (ירושלמי ברכות פ"ה) בעשעפטיגט זיך מיט די אינטערעסען פון דער געמיינדע. **עוֹסֵק בְּמַשָּׂא וּמַתָּן** — בעשעפטיגט זיך מיט האנדיל. **עוֹסֵק בַּתּוֹרָה** (חגיגה ה.) בעשעפטיגט זיך מיט דער לעהרע. „האב מיט זיי קיין עוסק" (קידושין פב:). „ער האט אויף זיך איין טייערען עוסק" — איין אונגליק. „דאס איז שוין איין מאל איין עוסק" — א גוט געשעפט.

עוֹף (בראשית א, כא) געפליגעל (עָף), **עוֹפוֹת** (פאה פ"א, מ"ו) „עופילאך" — פיצעל קינדער. „א עוף אויף שבת" (ביצה טז. (שם הלשון „בהמה").

עָפָר (בראשית יח, כז) שטויב. **עָפָר וָאֵפֶר** (שם יח, כז) שטויב אונד אש; אזוי האט אברהם זיך אליין אנגערופען, נידעריגצו מאכען זיך — חאטש לייט האבען איהם אנגערופען: „געטליכער פירשט" (שם כג, ו).

עִפּוּשׁ (פסחים ז, מיואל א, יז) שימעל, שטאנק, עפידעמיע.

עֵץ (בראׁ א, יא) בוים, האָלץ — עֵצִים (שם כב, ז). עֵץ הַדַּעַת (שם ב, ט) בוים דער ערקענטניס. עֵץ הַחַיִּים (שם) בוים דאס לעבען. עֲצֵי – חַיִּים – די צוויי וואַליקלאַך אויף וועלכע מען איז גולל די ספר תורה.

עֵצָה (מ״א א, יב) ראַטה, איבער־לייגונג, פּראָיעקט, פּלאַן. עֵצוֹת (דברים לב, כח). עֵצָה טוֹבָה (גטין, כב) אַ ריכטיגע בעראַטהונג.

עַצֶּבֶת (משלי טו, יג). עַצְּבוֹת (תהלים טז, ד) בעקימע־רונג. דאס איז איינע פון די צוויי גוטע מדות וואס איז אנגע־בומען ביי יעצטיגע חסידים: „אחדות און ניט זיך בעקימערין", „דער רבי האט געהייסען לוס־טיג זיין"! דען עצבות — פאר יאָגט פון דעם מענשען דעם

רוח הקדש (שבת, ל:) — „מוטה פערלאָרען — אלעס פערלאָרען"[1].

עָצֵל (משלי ו, ו) פוילער — עֲצֵלִים (אבות פ״ב). עַצְלָנִים (סוכה, כו). עַצְלוּת (משלי לא, כז) פוילהייט.

עֶצֶם (בראשית ב, כג) ביין, הויפּט, זעלבסטהייט. עֲצָמוֹת (יחזקאל לז, א). עֶצֶם הַדָּבָר, עֶצֶם הָעִנְיָן – די גרונד־זאַכע; „אֵין עֶצֶם" — אין דער ווירקליכקייט.

עֲצִירָה, עֲצֶרֶת (ויקרא כג, לו) צוריקהאַלטונג.

עֲצִירַת גְּשָׁמִים – רעגען־פערהאַלטונג, (ועה—נעצר").

עֵקֶב – די דריטע סדרה אין פינפטען טהייל חומש (דברים ז, יב — יא, כה) און די 46־טע אין חומש. די סדרה גיט די לעהרע ניט צו רעכענען דאס אייגענע פעהיגקייט גיט

ט) בגמרא (ברכות לא) המצוה לגרש את העצבות, קאי על זמן התפלה: „אין עומדין להתפלל לא מתוך עצבות וכו׳ ולא מתוך דברים בטלים" נמצאים לומדים מסמיכת הענינים אלו: שלא לגרש את העצבות בדברים בטלים וכנופיא של התול; וכן מישב הגר״א ז״ל את המשנה (ברכות ל:) „חסידים הראשונים היו שוהין שעה אחת ומתפללין" כלומר: היו שוהין שעה אחת בתפלה ובתחנונים שתפלתם תהי נשמעת, כתפלת „מי אנכי שאזכה להתפלל", ומפני שזה נגד ההרגל של החסידים שבזמנו, רק באופן הראשון, ע״כ קראו לו—מתנגד.

דעם מענשען פערמעגען, אויך ניט צו בענוטצען זיך מיט די פערמעגליכע קרעפטען צו דריקען שוואכערע פאר זיך אונד ניט צו קוואפען זיך אויף ערווארבענע געלד דורך פערדארבענהייט, און איבערהויפט פערשאפען זיך גוטע מדות (רלב״ג).

עֲקִיבָא (ברכות, ח.) גאטטעס בעלאהנונג. איז געווען איינער פון די גרעסטע תנאים און איינער פון די עשרה הרוגי מלכות [1].

עֲקֵדָה (ויק״ר פ״ב שם פ׳ כט) דאס בינדונג, ד״ה: „די עקדת יצחק״ (ר״ה, טז) דאס בינדונג יצחק׳ן, וואס זיין פאטער אברהם האט איהם געבונדען צום אפפערין (בראשית, כב). דיזער נסיון, וואס ביידע היילינע אבות זיינען בעשטאנען, איז אונז איבערגעבליבען בירושה, וואס מיר לאזען זיך בפועל ממש שלאכטען און ברענען פאר דעם ריינעם גלויבען אין דעם איינצעלהייט פון באשעפער, גלייך קומענדיג אין גלות בבל האבען שוין בעשטאנען אזא נסיון דניאל מיט זיינע חברים, און פון דאן אן הערט ניט אויף דער פייער פון אינקוויזיציע אין פיל פערשיידענע ארטען, און מיר טראגען עס איבער מיט געדולד.

עֲקֻדִּים, נְקֻדִּים וּבְרֻדִּים (בראשית לא, י) פוס געצייכענטע, קליינפלעקקיגע און געשפרענקעלטע האט ד ם שווינדעל לבן הארמי געמאכט מיט יעקב אבינו אין די צייכען פון זיינע שעפסען, כדי זיין לאהן צו בערויבען (בראשית, לא).

עָקָר (דברים ז, יד) אונפרוכטבאר, בעזדיעטניק.

עֲקוּרִים (יבמות פ״ד). **עֲקָרָה** (ברא׳ יא, ל). **עֲקָרוֹת** (סנהדרין, ק).

עִקָּר (ברכות, לג.) שטאם, הויפטזאך. **עִקַּר הַדָּבָר, עִקַּר הַמַּעֲשֶׂה, עִקַּר הָעִנְיָן** — הויפטזעכליך. **עִקַּר הַוָּיוֹת** (סוטה, מה.) די הויפטקוועלע פון ערנאהרונג. **עִקָּר שָׁכַחְתִּי** —

[1] תרגמתי עקיבא מל׳ עקב רב, ושמו מתאים עם האמור על מיתתו: „זו תורה וזו שכרה״ (ברכות סא).

די הויפט זאכע האב איך פער־געססען. **עִקָּר חָסֵר מִן הַסֵּפֶר** – די הויפט טעמא פעלט אין בוך. **עֲקֶרֶת הַבַּיִת** (תהלים קיג, ט) די הויפט ווירטהין (במדב"ר פי"ד, יז).

עוֹקֵר (קהלת ג, ב) אויסוואָרצולט. **עוֹקֵר הָרִים** (ברכות סד עי' רש"י) רייסט בערג (דורך פלפול). **עוֹקֵר מִן הַשֹּׁרֶשׁ** (ע"ז, מד') איסקאָרעניען, רייסט אוים מיט דעם וואָרצעל.

עֵקֶר (ויקרא כה, מז) אויסגעוואַנ־דערטער (לפי' הרשב"ם), „געוואָרען אַ עקר" — אָפגעצוי־גען, אַ בורח.

עִקֵּשׁ – האַרטנעקיגער, אין זיין קרומקייט. **עִקְּשִׁים.** **עַקְשָׁנוּת** פערעקשנ'ט, איינ־געעקשנ'ט — זיך איינגעשפאַרט.

עִיר (בראשית ד, יז) שטאָדט. **עָרִים** (במדבר לב, כד). **עִיר גְּדוֹלָה** (יונה ג, ג) אַ גרויסע שטאָדט. **עִיר הַקֹּדֶשׁ** (ישעיה נב, א) די שטאָדט דער הייליג־קייט. **עִיר הַנִּדַּחַת** (סנהדרין, ב.) פערשטויסענע, פערפיהרטע שטאָדט. **עִיר וָאֵם בְּיִשְׂרָאֵל** (ש"ב כ, יט) אַ שטאָדט אונד איין מוטטער פיר אידען. **עִיר מְלוּכָה** (במדבר לה, יא) קרוינ־שטאָדט. **עָרֵי מִקְלָט** (במדבר לה, יא) שטעדט פון אויפנאַהמע, בעשטימט פיר די וואָס קומען זיך פערהיטען פון בלוטרעכער, ווען זיי האבען אונגערין וועמען געטוידט.

עָרֵב (כ"ב קעו) דאָס קאַווירען [1].

עֲרֻבּוֹת (שם קעד) גאַראַנט־יע, איבערנעהמען איינצאָהלען איין פרעמדען חוב.

עֵירוּב (שבת, יד.) פערמישט, מיט אַ ערלויבנים — אָנבע־לאַנגט צום שבת, אין 3 ערליי אַרטען: א) **עֵירוּבֵי חֲצֵרוֹת** (שם לד. ביצה, טו) מען זאָל מאָגען טראָגען אין די הייפען, ב) **עֵירוּב תְּחוּמִין** (שם) מען זאל מעגען גיין אויסער דעם בעגרענצ־טען קרייז, וואָס איז ערלויבט פיר שבת, ד"ה: 2000 איילען וויים פון שטאָדט, צו יעדער

---

[1]) ערב הוא מלי' ערבון (ברא' לח, יז) הנתן למשכון, כמו: הכל נתון בערבון (אבות פ"ג, טז) וכן גם הבטחת הערב הוא כמשכון על החוב.

זײַט, ג) **עֵירוּב תַּבְשִׁילִין** (ביצה טו) מען זאָל מעגען קאָכען און באַקען אויף שבת, ווען עס פאַלט ערב שבת אום יום טוב, מאַכט מען ערב יום טוב אַ קלײנע פּאָרציע פון צווײערלײ געקאָכטע מינים, דאָס הײסט שוין אַ אָנהײב אויף שבת.

עֶרֶב (בראשית א, ה) אַבענד, אויך: דער גאַנצער טאָג פאַר דעם אָנקומענדען טאָג וואָס אין איהם איז וואָס בעשטימט, צב״ש: **עֶרֶב שַׁבָּת** (ב״ק, לא), **עֶרֶב יוֹם טוֹב** (ביצה, י) **עֶרֶב פֶּסַח** (פסחים, נ.) **עֶרֶב שָׁבוּעוֹת**, **עֶרֶב סוּכּוֹת** (סוכה, נה). **עֶרֶב רֹאשׁ הַשָּׁנָה** (ברכות, יח). **עֶרֶב רֹאשׁ חוֹדֶשׁ**, **עֶרֶב יוֹם הַכִּפּוּרִים**, **עֶרֶב תִּשְׁעָה בְּאָב.** אויך נאָר אײן ערוואַר־טעטער טאָג: ווי **עֶרֶב חֲתוּנָה** און דאָס גלײַכען.

עַרְבּוּבְיָה (ע״ז, ב) צומישונג.

עֵרֶב רַב (שמות יב, לח) געמיס־טעס פאָלק.

עוּרְבָא פָּרַח (ביצה, כא) אַראָב איז געפלויגען, ד״ה ווי מען זאָגט: „אַ אויסגע־בלאָזענע אײ״.

עֲרָבָה (סוכה, מד) באַך־ווײדע.

עֲרָבוֹת (ירמיה ה, ו), **עֲרָבִים** (תהלים קלז, ב). אַ וויצקע וואָס וואַכסט בײַ פײַכטע ערטער, וועלכע מיר פערבּרויכען צו די 4 מינים פון לולב אום הושענא רבה („וועה.—הושענא רבה״).

עֵרֶךְ (ויקרא כז, ג) אָבשאַטצען, טאַקסירען. „אין אַ ערך״— אונגעפער. „גאָר אָן אַ ערך״ — ניט אָבצושאַטצען.

עָרֵל (בראשית יז, יד) אונבעשני־טענער. **עֲרֵלִים** (יהושע ה, ז). מיט דעם בענענונג איז בעצײכענט ניט קײַן יהודי (ירמיה ט, כה).

עֵרוֹם וְעֶרְיָה (יחזקאל טז, ז) נאַקעט און בלויז.

עוֹשֶׂה שָׁלוֹם (איוב כה, ב) ער פערשאַפט פריעדען. מיט דעם נוסח גײט מען אוים די „שמונה עשרה״. אונד עס ווערט אויך געזאָגט אויף אַ סוחר וואָס האַלט בײַ באַנ־קראָטירען: „ער האַלט בײַ עושה שלום״.

עֵשָׂו (בראשית כה, כה) אַ פערטיגער, געבארען בעוואקסען מיט האאר; דער צווילינג פון אונזער פאטער יעקב, האט זיך בעשעפטיגט מיט יאכט, אונד געלעבט פון שווערד און מאכט (זעה — „הלעיטני"). „אַ אמתר עשו" אַ שימפף וואָרט אויף אַ הלעיטני. „אז מען גיט ניט יעקב'ן — גיט מען עשו'ן".

עֲשָׂרָה (בראשית יח, לב). **עֶשֶׂר** — צעהן. **עֲשָׂרוֹת** (שמות יח, כה) צעהנדליגע. **עֶשְׂרִים** (בראשית יח, לא) צוואנציג. **עֲשָׂרָה בְּטֵבֵת** (ר"ה, יח) 10 טעג אין חדש טבת, איז אַ פאסט טאג מיט סליחות זאגען, ווייל אין איהם האט זיך אנגעפאנגען דער בעלאגערין ארום ירושלים פון מלך בבל און האט זיך געענדיגט מיט דעם ערסטען חורבן (מ"ב כה). **עֲשָׂרָה בַּטְלָנִים** (מגילה, כא. ב"ק פב) צעהן פרומע מענשען, וועלכע זיינען געשפייזט פון דער געמיינדע, זיי זאלען זיך שטערען פון אללע ענינים אונד עסק זיין אין צרכי צבור. און זאלין זיין בעשטימטע צום דאוונען בצבור (רש"י שם). **עֲשֶׂרֶת בְּנֵי הָמָן** (אסתר ט, י) די צעהן זעהנע המנ'ס דעם צורר היהודים, וואס מען האט זיי געהאנגען מיט איהם צוזאמען. **עֲשֶׂרֶת הַדִּבְּרוֹת** (ב"ק, נד.) די 10 זאגען, וואס אין זיי איז די צעהען געבאט, וועלכע איז אריינגעקומען אין די 2 לוחות, וואס משה רבנו האט זיי אראב געבראכט פון דעם בארג סיני (שמות לב, טו; דברים ט, יא), און זיי זיינען די גרונד געזעטצע ביי אלע רעליגיאנס געזעטצגעבער און עם ווערט שטרייג אויפגעהיט פון די רעגירונג. **עֲשָׂרָה הֲרוּגֵי מַלְכוּת** (איכה רבתי פ"ב) די 10 תנאים, די גרעסטע אנפיהרער פון אידען, וואס די רוימישע מלוכה האט זיי דן געווען מיט מיתות משונות. **עֲשֶׂרֶת הַשְּׁבָטִים** (מלכים א יא, לה; סנהדרין, קי:) די גאנצע יודישע פאלק איז בעשטאנען פון 12 שבטים — נאך די 12 זעהנע פון יעקב אבינו; נאך שלמה המלך'ס טוידט האבען זיך 10 שבטים אבגעזאנדערט פון שבט

יהודה, ווײַל זײער פֿאָדערונג צו פֿערקלענערן די פֿיל אַרויפֿגעלײגטע אָפּצאָלונגען איז ענטזאַגט געוואָרען, און האָבען געמאַכט אַיין בעזאָנדערע מלוכה. זײער ערסטער מלך איז דערזעלבער וואָס האָט זײ צובונטעוועט, דער ירבעם בן נבט, וואָס ער האָט זײ פֿערפֿיהרט דיענען צו גאָלדענע קעלבער, צוליב זײַן פּאָליטיק, אידען זאָלען ניט גײן קײַן ירושלים עולה לרגל זײַן, זײ זאָלען זיך דאָרט ניט איבערגעבען צו די מלכי יהודה (מ"א יב, כו—כח). דיזע עשרת השבטים זײַנען פֿערטריבען געוואָרען פֿון ארץ ישראל, נאָך זײַענדיג געצענדינער צו זײערע קעלבער (מ"א יד, מ. ב"ר פ' עג) און מיר ווײסען ניט אין וועלכע פֿאָלק זײ האָבען זיך פֿערוואַנדעלט (יבמות, טז:); אײנגעלשע געלעהרטע ווײַזען אָן אויף זיך, ווײַל זײ האַלטען טהײַער אונזערע כתבי הקדש, דען די עשרת השבטים זײַנען פֿערבליבען פֿרעמד פֿון תלמוד; אַנדערע ווײַזען אָן אויף די קיטײַער, וואָס בײַ זײ איז דאָ פֿיל פֿערצײַטיגע אידישע מנהגים, און אויף נאָך פֿעלקער פֿון ווײַטען מזרח: ווי יאַפּאַניער א. ד. ג. אונזערע נביאים הקדושים, האָבען אונז מבטיח געווען אויף „קבוץ גליות", ערוואַרטען מיר דאָס אויך די עשרת השבטים וועלען זיך דאַן געפֿינען פֿאַר אונז, ווען אַלע צערשפּרײטע ברידער וועלען צוזאַמענקומען. אויך מיר האָבען דאָס מתקן געווען צו ערינערען אין אונזערע תפֿילות: „וְקַבֵּץ נְפוּצוֹתֵינוּ מֵאַרְבַּע כַּנְפוֹת הָאָרֶץ", אָבער ר' יוחנן (בגמרא מגילה יד) ווײַזט אויף מיט פּסוקים: דאָס נאָך ירמיהו הנביא האָט זײ אַראָפּגעבראַכט צוריק, און זײ זײַנען מיט אונז פֿערמישט (ערכין, לב).

עֲשֶׂרֶת יְמֵי תְשׁוּבָה (ר"ה, יח)

די צעהן טעג פֿון ראש השנה ביז יום כפור, וואָס זײַנען בעשטימט צום אויסבעסערען זיך[1]: אָפּגעבען ווערען מען האָט

[1]) בגמרא (יבמות מט:) דרש את הכתוב: „דרשו ה' בהמצאו" (ישעיה נה, ו) אלו עשרה ימים שבין ר"ה ליוה"כ.

געטהאן אנ'עולה אין געלד, מפ"ס זיין ווען מען איז ניט נוהג כבוד געווען, און מען בעדארף מוחל זיין אלעמען וואס האבען פוגע בכבוד געוועזן. **עשר מכות** (שמו"ר, פ"ה, ו) די צעהן שלעק, וואס די לאנד מצרים האט איבער געלעבט, צוליעב זייער ניט וועלען בעפרייען די יודען פון שקלאפעריי (שמות ה—יא). **עשרה ראשונים** (ברכות, מז.) דיא ערשטע צעהן וואס קומען אין שוהל (צום דאווענען). **עשרים וארבע** – פיער און צוואנציג. אין דעם צאהל איז אונז פערבליעבען היילינגע ספרים פון וועלכע דער תנ"ך בעשטייט, דאס זיינען: 5 חומשים: 8 נביאים: **יהושע, שופטים, שמואל, מלכים, ישעיה, ירמיה, יחזקאל, תרי־עשר**, און 11 כתובים: **רות, תהלים, איוב, משלי, קהלת, שיר, איכה, דניאל, מגילת אסתר, עזרא־ונחמיה** (זעה — „כתובים"), און **דברי הימים**, אין סך־הכל — 24 ספרים, וואס יעדער תלמיד־חכם דארף זיי גוט קלאר וויסען, און ווען עס פעלט איהם איינע איז ער ניט גערעכענט פאר קיין תלמיד חכם[1].

עשיר (רות ג, י) רייכער, פער־מעגליכער — **עשירים** (קהלת י, ו). **עשירות** (שבת, קב:). **עשירות** (קידושין, מט:) רייכטהום. **עשיר גדול** (נדרים, מט: תנחומא פ' אחרי י). **עושר וכבוד** (ברכות מז:) רייכטהום און עהרע.

עת (בראשית כט, ז) צייט — **עתים** (נחמיה ט, כח), **עתות** (תהלים ט, י). **עת לעשות לה'** (תהלים קיט, קכו) א צייט וואס איז צו טאן פון גאטטעס וועגען. **עת צרה** (דניאל יב, א) א דראנג־זאלע צייט. **עת רצון** (תהלים סט, יד) באוויליגטע צייט[2].

[1] מדרש שיר רבה עה"כ „נפת תטופנה שפתותיך כלה" ובתנחומא תשא סי' טז; ומספרם עי' במדב"ר פ' יח, יב. ובפרק „חקירה ודרישה אדות הספרים שאבדו לנו מתקופת כתבי הקדש" (בהמאסף להמליץ) הוכחתי מכתבי הקדש עצמם שאבדו לנו עשרים ספרים — כמעט כמספר הנשארים בידנו — שהם כ"ד.

[2] עת רצון — מלתא היא (יבמות עב.)

עָתִיד (איוב טו, כד) בּעֶרייט, עֶס שטייט פאָר. **עָתִיד לִיתֵּן אֶת הַדִּין** (שבת, צו:) עֶס שטייט פאָר צו שטיין פאַר דעֶם געֶריכט. **עָתִיד** – אין צוקונפט, דאָס איז אֵיינעֶ פון די דריי צייטעֶן וואָס ווערט אַיינגעֶטיילט יעֶדעֶ „צייט־וואָרט" אין דקדוק. נאָך דעֶר אָרדנונג פון דעֶר צייט־פעֶרלויף: „עָבָר, בֵּינוֹנִי עָתִיד".

פּ.

פּ—געֶשטאַלט דעֶר 17־טעֶ בוכשטאַב אין „א"ב" און א״ז פעֶרעֶכעֶנט אַנשטאָט דעֶם ציפעֶר „80" אָדעֶר דעֶם צאָהל־וואָרט: „שְׁמוֹנִים", צב"ש: „פּ' אֶלֶף" 80 טויזעֶנד. „פּ' שָׁנִים" — 80 יאָהר, אָדעֶר: „עֶר האָט שוין פּ" — ד"ה: „אַ בֶּן שְׁמוֹנִים".

אויך דינט עֶר אַליין, אָדעֶר צוזאַמעֶן מיט נאָך בוכשטאַבעֶן, אין אָבקירצונג (ראשי תבות), צום ביישפּיל:

פּ' – פָּסוּק, פֶּרֶק, פַּרְשָׁה.

פּ"א – פֶּרֶק א', א. ז. וו.: פּ"ב, פּ"ג, פּ"ד, פּ"ה, פּ"ו. אויך איז צו לעֶזעֶן: פַּעַם אַחַת, פִּרְקֵי אָבוֹת.

פּא"פּ – פֶּה אֶל פֶּה, פָּנִים אֶל פָּנִים.

פּב"פּ – פָּנִים בְּפָנִים, פְּלוֹנִי בֶּן פְּלוֹנִי, פְּלוֹנִית בַּת פְּלוֹנִית.

פּ"ז – פַּרְשָׁה זָכוֹר.

פּ"ח – פְּרִי חָדָשׁ, פֶּרֶק חֲמִישִׁי, פַּרְשָׁה חֹדֶשׁ.

פּ"ל – פֶּסַח לֶעָתִיד.

פּ"מ – פֶּסַח מִצְרַיִם.

פּ"פּ – פַּרְשָׁה פָּרָה.

פּ"ץ – פְּרִי צַדִּיק.

פּ"ק – פֶּרֶק קַמָּא.

פּ"ר – פֶּרֶק רִאשׁוֹן, פֶּרֶק רְבִיעִי.

פּו"ר – פְּרִיָּה וּרְבִיָּה.

פּר"ח – פְּרִי חָדָשׁ, פַּרְשָׁה חֹדֶשׁ.

פּ"ש – פֶּסַח שֵׁנִי, פְּרִישַׁת שָׁלוֹם. פֶּרֶק שְׁלִישִׁי. פֶּרֶק שֵׁנִי. פֶּרֶק שִׁשִּׁי. פַּרְשָׁה שְׁקָלִים.

פּ"ת – פֶּתַח תִּקְוָה, פִּתְחֵי תְּשׁוּבָה.

פֵּא – נאמען דער 17־טער אות אין אלף בית.

פֶּה (שמות ד, יא) מונד. **פִּיּוֹת** (שופטים ג, טז). **פִּיפִיּוֹת** (תהלים קמט, ו). **פֶּה אֶחָד** (מ"א כב, יג) איינשטימיג. **פֶּה קָדוֹשׁ** (סנהדרין, כג) אַ ריינע מונד, וואָס רעדט גיט קיין דברים בטלים.

פֵּאָה (נחמיה ט, כב) **פֵּאוֹת** (פאה פ"ב, מ"ו) די שלייפען לאָקען. „עס ליגט מיר ניט אין דער לינקער פאה". **פֵּאָה** – הייסט אויך וואָס איין אידישער פעלד־בעזיצער אין אונזער לאַנד פלעגט בעדאַרפען לאָזען ביי דעם ברעג פון זיין פעלד — אַ ביסעל אונ־געשניטענע זאַנגען פיר אָרמע.

פֶּגַע (קהלת ט, יא) בעגעגנים, **פְּגָעִים** (שבועות, טו:). **פֶּגַע רַע** – בייזע בעגעגנים (מ"א ה, יח). **פּוֹגֵעַ בְּכָבוֹד** – בעריהרען דעם האָנער.

פְּגַם (סנהדרין, עה:) **פְּגִימָה** (ר"ה פה. מדות, ג). **פְּגוּמָה** (פסחים קי) **פְּגִימוֹת** (חולין, יז) **פּוֹגֵם** (ערכין, טו). **פָּגוּם** (קידושין, סו) בעריהרט פון די גאַנצקייט [1]. **פְּגַם מִשְׁפָּחָה** (סנהדרין, כב) גע־פעהלערט דעם פאַמיליען יחוס.

פֶּגֶר (ש"א יז, מו) לייכע (לא—חי) אַ טרופ. **פְּגָרִים** (מ"ב יט, לה) „אַ אמת'ע פגירה" איז גע־זאָגט געוואָרען אויף אַ גאַנץ מאָגערע פיה [2].

פִּדְיוֹן (תהלים מט, ט) לייזונג. **פִּדְיוֹנוֹת. פִּדְיוֹן הַבֵּן** (ב"ק, קי) אויסלייזען דעם קינד, דעם בכור, פון כהן מיט 5 טהאַ־לער (במדבר יח, טז). **פִּדְיוֹן שְׁבוּיִם** (ב"ב, ח) אויסלייזען גע־פאַנגענע. „פדיון געלד" הייסט— אָנגעלייזטע פון סחורה. „געבען פדיון" — אויף אַ צדקה זאַך, אַנשטאָט אַ תענית; אויך וואָס מען גיט דעם רבי'ן „ח"י קערב־לאַך" אָדער רענדלאַך, און אָפט „חי מאָל חי" — ער זאָל וויר־קען ביי דעם רבש"ע דעם

---

[1] להתחלת השמוש בדבר שלם, שעי"ז התחסר מעט—נקרא פוגם; כן מצינו (במסכת גטין יח.) קורין, משתתחיל אשה לקבל מקצת על חשבון כתובתה—משתפגום.

[2] לגוף אדם מת קורין בלע"ז מת, ולבעל חי—פגר, ובכתבי הקדש נמצא ההפך: כלב מת (ש"א כד, טו), פגרי אדם (ירמיה לג, ה), פגרי מלכים (יחזקאל מג, ט).

געֶבעֶרם פעֶרלאַנג זאָל עֶרפילט ווערעֶן (זעֶה — „מוחל עונות").

פִּזְמוֹן (תר"י שמות טו, כא) פּאָעֶזי. אַ געֶדיכט מיט אַמעֶלאָדיעֶ — אין ווידעֶרהאָלונג צווישעֶן די געֶמיינדעֶ און קאַנטאָר (קהל וחזן).

פִּזְמוֹנִים — דאָס איז איינעֶ פון די פעֶרשיעדעֶנעֶ נעֶמעֶן פון די פיעלעֶ שטיקעֶ וואָס מיר האָבעֶן צו זינגעֶן אונד צו זאָגעֶן, ווי: פיוט, יוצרות, סליחות קרובץ א. ד. ג. (זעֶה — „פיוט אין הערה"). „אַוועֶק געֶגעֶבעֶן אַ פזמון" — אַריינגעֶזאָגט אַז עֶס האָט געֶקלעֶקט.

פַּזְרָן — פעֶרשווענדעֶר, אויסברייגנעֶר, פוכטלעֶר.

פַּזְרָנוּת.

פַּחֵי נֶפֶשׁ (ע"ז ג.) געֶשמעֶרצטעֶ זעֶלעֶ, אין גרויס פעֶרדרוס.

פַּחַד (ש"א יא, ז) פורכט. שרעֶק.

פְּחָדִים (איוב טו, כא).

פַּחְדָן טרוס. „פחד'ליוועֶ" שרעֶקעֶנדיג.

פָּחוֹת (פסחים, קיד), **פְּחָת** (ביצה לא:) ווייניגעֶר. **פָּחוֹת מִשָּׁוֶה פְּרוּטָה** (סנהדרין נז.) ווייניגעֶר אַלס די ווערדעֶ פון אַ גראָסעֶן.

פִּטַם (סוכה לד) דעֶר וואָרציל, קנאָפּ, שפיץ אין פרוכט.

פָּטוּר (ברכות יח) פריי און לויז. „אַ פְּטוּר" — שיידונג צוייגענעם ביי געֶ'גט'עֶ, **פָּטוּר בְּלִי כְּלוּם** געֶפטרת מיט גאָרנישט (סוטה לז) „פטר'ט מיר אָב" (קידושין לא) פעֶרהאַלט מיר ניט.

פְּטִירָה (תענית יא) אַזוי הייסט דעֶר אָבשטאַרבעֶן פון אַ צדיק, צוליב דעֶם וואָס עֶר ווערט פטור פון דעֶם עולם ההבל ווי זי זעֶהט אויס אין די אויגעֶן פון אַ צדיק (זעה — „נפטר").

פִּיּוּט, פִּיּוּטִים (ב"ר פ', פח) דיכטונג, צוזאָגעֶן ימים טובים צו וויסעֶן די שטעֶלעֶן פון נוסח התפלה [1].

פַּיְטָן (ויק"ר פ, ל) **פַּיְטָנִים** (ריש שהש"ר) פּאָעֶטין, דיכטעֶר.

---

[1]) שמות הפיוטים נשתנו לפי מקומם: אם ביוצרות נקראו יוצר. להאופנים — אופן, ליוצר אור — מאורה, לאהבה רבה — אהבה, לאין אלהים זולתך — זולת, לגואל ישראל — גאולה. וקרובות נקראו כלם בכלל (ש"ר פסוק „מי זאת" ובוי"ר

פִּיּוּס (חגיגה טו) דאָס איבער בעטען (זעה — „מפיס"). **פִּיּוּסִים.**

פֶּלֶא (שמות טו, יא), **פְּלִיאָה** (תהלים קלט, ו) וואונדערבארעס.

פְּלָאִים (איכה א, ט) **פֶּלֶא גָדוֹל**, **פְּלִיאָה גְדוֹלָה** — גרויסע וואונדער. **פִּלְאֵי פְלָאִים** (שמ"ר פ"ד), **פִּלְאֵי פְלָאוֹת** (ברכות נו:) וואונדער איבער וואונדער.

פְּלוּגְתָּא (מו"ק יד:) געטהיילטער מיינונג.

פְּלֵיטָה (בראשית לב, ט) רעטונג, ענטקאָמען. „געמאַכט די פליטה" האָט זיך אָבגעטראָגען (ד"ז ויברח).

פַּלְטִיאֵל (במדבר לד, כו) מײַן רעטער איזט גאָט. מעגליכער נאָמען, איז געווען אַ נשיא פון שבט יששכר, אין דער קאָמיסיע וואָס איז געווען בעשטימט צו צוטהיילען ארץ ישראל פאַר די שבטים. אויך מיט דיעזען נאָמען קומט יעצט פאָר אונטער מענער—פיליַיכט שטאַמט עס פון דעם נאָמען „פײַטיל" אָדער פון „פלטי" (במד' יג, ט) אָדער „פוטיאֵל" (שמות ו, כה).

פְּלוֹנִי (רות ד, א) יעמאַנד, אירגענד (מ"ב ו, ח), **פְּלוֹנִית** (ב"מ ו, ח). **פְּלוֹנִי בֶּן פְּלוֹנִי. פְּלוֹנִית בַּת פְּלוֹנִית** (שבת נו, סז.) „פלונית'טע" (זוגתו).

פַּלַסְטִינִי (איכ"ר פ' היו צריה, ב"ר פ' צא) ארץ ישראל. געווען צוזאַמען מיט דיא לאַנד פון פלשתים.

פִּלוּסוּף (ע"ז נד:) פהילאָזאָף, אויפגעקלעהרטער. פרײַנד פון חכמות. **פִּלוּסוּפִים** (שם, ב"ר פ' סא [1]).

פ' יט) ע"ש שאומרים אותם בקרב התפלות, ומקריבות בא השבוש קרובץ, ואותו מפרשים בר"ת קול רנה וכו', כמו שמוכיח התשבי והיידענהיים במבוא הפיוטים. וע"ד הפיוטים בכלל מביא הערוך השלם בערך „פיוט" דעות הגאונים הקדמונים אשר רגנו שמוסיפין בתוך התפלות שתקנו כנה"ג, והרמב"ם במו"נ ח"א פ' כח, גם הארי הק' והספר חסידים סי' רנו התנגדו להפזמונים. וכן הכמי ספרד מוקירי לה"ק בטהרתה, וע"כ לא קבלו פזמונים ופיוטים בתפלותיהם המתפללים בנוסח ספרד. ובכן גם להחסידים גם להמשכילים באמצע התפלות כיתר דמי וכטרחא דצבורא (מגילה, כב:).

[1]) עין תוספות שבת קטז. ד"ה „פלוגתא" וספר הגדרים לר' יצחק נחום הלוי.

פִּלְפּוּל (ב"ב קמה.) שאַרפזיניגע — דיספוטיאַן, **פִּלְפּוּלִים.**

פַּמַלְיָא שֶׁל מַעְלָה (חגיגה יג.) הויפליַיטע, אויבער־פּאַלאַטע. מיניסטאַרען אָדער דעפוטאַטען אין פּאַרלאַמענט. ד"ה די שרים וואָס בעטראַכטען וואָס געהערט רי אַנגעלעגענהייטען פון דאָס פאָלק [1].

פְּנֵי מָקוֹם (כתובות, עז:) מאַכט פּלאַטץ, „מאַכט אַוואַהרע".

פְּנוּי (ירוש' יבמות ז: ח:) אונפּערהייראַטער, פרייער — **פְּנוּיִם. פְּנוּיָה** (קדושין, פ"א), **פְּנוּיוֹת** (שהש"ר ד, יב) אונפּערהייראַטע. **פְּנוּיָה** - הייסט אויך אַ שבת וואָס איז פריי פון יוצרות, וואָס פאַלט צווישען די „פיער פרשיות" — פון פורים ביז פסח.

פִּינְחָס (שמות ו, כה) מענליכער נאָמען, מיט וועלכען עס האָט זיך אָנגערופען אהרן הכהנ'ס איינוקעל, און זיין פאָטער „אלעזר" האָט איבערגענומען בירושה פון זיין פאָטער די כהונה גדולה (במד' כ, כח). פנחס איז געבאָרען אין מצרים. דאָרטיגע געבאָרענע יודישע קינדער האָבען געהייסען נאָך די גזרות פון לאַנד, ווי: נַחְבִּי, סְתוּר, אֶלְצָפָן א. ד. ג. וואָס בעדייטעט: בעהאַלטען, פערבאָרגען — פון פרעה'ס בעאַמטע, מען זאָל זיי ניט וואַרפען אין טײַך „ניל" פיר דעם קראָקאָדיל וואָס הייסט שלאַנג. (זעה—„מרים" אין הערה) און צוליב דעם הייסט ער פנחס וואָס האָט דעם בעדייטונג „שלאַנגען מונד" [2]. און אויף זיין נאָמען הייסט די סדרה **פִּינְחָס** — די 8־טע אין 4־טען טהייל חומש (במדבר כה, י—ל, א) און די 41־טע אין חומש. — דאָרט איז בעשריבען די גרויסע נאָגראַדע וואָס ער האָט בעקומען פאַר זיינעם זיין נאַציאָנאַליזם „מיט איין עווינען פרידען" —

[1]) כן פירש ומבאר רש"י שם חגיגה יג.

[2]) השם „פינחס" מתרגם הה' שטיינבערג בספר המלים שלו „משפט האורים" כן לפי הברתו, כאלו כתוב: „פי נחש" — בחלוף האותיות „ש"ס"; ועל מצרים נאמר: „קולה כנחש ילך" (ירמיה מו, כב) וכן מכונה בישעיה כז, א; ויחזקאל כט, ג. והשם נחש יש מפורש בשמות בני (ש"ב יז כה, דה"א ד, יב).

אין תלמוד איז געזאָגט דאָס ער איז דאָס אויך דער „אליהו הנביא" (ב"ב, קיד: רש"י שם); אויך איז דאָ בעשריבען די נעמען פון אַלע יודישע פאַמיליעס דאַמאָלס־דיגע, מיט דעם צאָהל פון יעדען שבט און דער סך הכל פון דאָס גאַנצע פאָלק — וואָס משה האָט זיי אויסגעציילט, איידער ער האָט זיי איבערגעבען צו יהושע קומענדיג פאַר דעם ירדן אַנטקעגען יריחו. און משה איז אָנגעזאָגט געוואָרען ער זאָל זיך בעגוגנען דערמיט: צו זעהן די לאַנד — וואו ער פיהרט דיא אידישע פאָלק — פון וויַיטען, שטעהענדיג אויף אַ הויכען באַרג, דען ער וועט דאָ שטערבען און דאָרטען ניט אַריינקומען. דאַן האָט משה געבעטען גאָט זאָל בעשטימען אַ אָנפיהרער וואָס זאָל זאָרגען פיר זיי — דערפון איז צו זעהען זיין גרויס טרייהייט צו די אידישע פאָלק, וואָס ער איז פערבליבען מיט זיין טיטול „טרייער הירט" — איז עס בעשטימט געוואָרען דורך איהם דער יהושע בן נון פון שבט אפרים. ער איז געווען איינער פון די 12 מרגלים וואָס זיינען געשיקט געווען אויסזעהן די לאַנד ארץ ישראל, ער איז געווען אַ גרויסער פאַטריאָט פון ארץ־ישראל (זעה—„יהושע"). פון די סדרה ווערט אויך צוגעפאַסט צו יעדען יום טוב פון אַגאַנץ יאָהר — נאָך די קרבנות צו יעדער צייט, צו לייענען פאַר דעם מפטיר.

פְּנִיָּה — נייגונג, ווענדונג (צו איינעם־נוטצען). **פְּנִיּוֹת.**

פָּנִים (בראׄ לב, לא) געזיכט, „פנים׳ער", געזיכטער. **פָּנִים אֶל פָּנִים, פָּנִים בְּפָנִים** (דברים ה, ד) פערזענליך. **פְּנֵי הַדּוֹר** (סוטה מט:), **פְּנֵי הָעֵדָה, פְּנֵי הָעִיר** די פאָרשטעהער פון שטאָדט[1]. **פָּנִים חֲדָשׁוֹת** (שבת קיד, כתובות ה.) נייער פערזאָן, אַקאָרסט אָנגעקומען. „אַ פנים" ווי עס שיינט. „אַ פנים דאָס האָט" צום בעדויערען איין

[1]) במקרא „פני העיר" (בראשית לג, יח) מוסב על נוכח העיר ממש, ובספרות התלמודית מוסב על מנהיגי העיר. ובמדרש בראשית (פ׳ צ"א): „אין פני הארץ אלא עשירים".

אויפפיהרונג וואָס איז אַ שאַנדע אַנצוזעהן. „אַ פּנים איז אַ מסור" דעם מענשינס געזיכט גיט אַרוים זיין לאַגע.

פְּנִימִי (זבחים, נב.) אינוועהניגסטער **פְּנִימִיּוֹת** אינערליך.

פִּנְקָס (אבות, פ"ב) נאָטיץ בוך, פער־צייכנונגס־בוך **פִּנְקָסִים**.

פֶּסַח (שמות יב, יא) דער ערשטער און הויפּט־פייערטאָג פון אונזער נאַציאָנאַלע געשיכטע, וואָס מיר פייערען אַכט טעג פון 14־טען ניסן — צום אַנדענ־קען פון אונזער בעפרייט ווערען פון גלות מצרים, וואָס פון דאַנן אָן זיינען מיר געוואָרען אַ פאָלק (דברים כו, יט; שם כט, יב). דער בעדייטונג פון דעם וואָרט „פסח" איז — איבער הופּפען, פערשוי־נען, וואָס אונז האָט איבער גע־לאָזט דער פּעסט וואָס דיא מצריים האָבען געליטען פון „מכת בכורות": **פֶּסַח שֵׁנִי** (פסחים צג:) דער צווייטער פסח, עס הייסט אויך: **פֶּסַח קָטָן** (ר"ה יז:) דער קליין פסח, וועלכער ווערט אָבּ־געלייגט אויף אַ מאָנאַט צייט פיר אַזעלכע וואָס האָבען ניט געהאַט דיא מעגליכקייט צוא מאַכען פסח מיט אַלעמען צוא גלייך, וויל זיי זיינען געווען אין אַ ווייטע־וועג אָדער אין אונ־ריינקייט (במדבר ט, י—יד).

פֶּסַח — דינט פיר אַמעגליכען נאָמען — מעגליך עס זאָל זיין אַ אָנדיינקונג פון יום טוב פסח [1].

פָּסוּל (זבחים טו) אונברויכבאַר — **פְּסוּל** (שביעית פ"ה, מ"ו) **פְּסֻלוֹת** (ב"ב, קכח.) „פסול'ע הושענא". „פסול'ע סוכה", „פסול'ע ציצה" — בעדייטעט אוננוצבאַר צוא זייער ציעל. „אַ פסול אין משפחה" (רו"ר, פ"ו)

[1] כמו שנמצא השם „יום־טוב" ע"ש הכולל של כל החגים, בכל זה לא יאבו רבים להסכים שהשם „פסח" נקרא על שם חג הפסח, יען כי לא נמצא איש הנקרא בשם יתר החגים: שבועות או סוכות, ע"כ משערים כי הוא פתח בחית, הקצור מהשם „פתחיה" — לבלי הזכיר שם יה, כמו שנקרא שכנא משכניה אורי מאוריאל או אוריה. השם פסח אמנם נמצא במקרא לשם גברא אבל בנקוד פָּסֵחַ (עזרא ב, מט; דהי"א ד, יב).

פערדארבען דעם יחוס. „גע־פסל׳ט״, „פסל׳ען״.

פסולת (ירוש׳ שקלים פ״ה; במדב״ר פ״ג) אבפאל, בראק.

פסיעה גסה (שבת, סג:) גרויסע טריט, שפרייזען — איז פערבאטען אום שבת, אויך פערדונקעלט דאס די שיין פון די אויגען (ברכות, לג:)

פסוק (מנחות, צט.) זאטץ, פערז. **פסוקים** (מגילה, כב.).

פסוקי דזמרה (שבת, קיח.) לויב־זאטצע — הייסען די צוויי קאפיטלען תהלים: הללו את ה׳ מן השמים (קמח), הללו אל בקדשו (ק״נ). „לערנען פסוק״ הייסט: לערנען דעם תנ״ך — זאל זיין דערפאר ווייל ער איז איינגעטהיילט אין פסוקים (מגילה כב. ירוש׳ תענית פ״ב הל׳ ג), אדער: ווייל קינדער פלעגען לערנען א פסוק אום א פסוק, אדער: יעדען קינד פלעגט מען איינ־לערנען א בעזונדערין פסוק (גיטין, נו.).

פסק — בעשטימט, אבשניט (שבת, עה.). **פסק דין** (כ״ב קלה.) ד״ז ווי **פסק בית דין** — בעשטימטער אורטהייל פון געריכטס־הויז. „געהאט א ביי־טערען פסק״ — א פינסטערען אבשניט. **פוסק, פוסקים** — די קאמפעטענטע מורי הוראות, וואס האבען בעשטימט גע־זעטצען, אין זייערע איבער גע־לאזענע ספרים, וואס מען מעג און וואס מען טאר ניט (איסור והיתר).

פועה (שמות א, טו) ברומערין. מיט דעם נאמען האט געהייסען א יודישע העבאממע אין מצרים וואס האבען ניט ערפיהלט פרעה׳ס מערדערישען געזעטץ, צו דערשטיקען אידישע יונגליך ביים געבאהרען ווערין. דער נאמען האט אין בעדייטונג ווייל די העבאממע ברומט ביי דאס קינד איינשטילען (סוכה, יא). אויך איז מעגליך דאס דער יעצ־טיגער נאמען „פאיע״ שטאמט פון פועה.

פועל (ב״מ, פג:) איין ארבייטער — **פועלים** (ירוש׳ ברכות פ״ה)

פועל בטל (ב״מ, לא:) איין אר־בייטער אהן ארבייט. **פועלים עצלים** (אבות פ״ד) פוילע ארביי־טער. **פועלי ציון** — א גרופע

אַרבייטער וועלכע זיינען אָבגעגעבען די אידעע פון „ציוניזמוס" ד"ז ווי „חובבי ציון" (זעה—„ציון").

פועל יוצא – אַרוים קומען אַ ווירקונג. „געפועלט"—פועל'ן, ווירקען. **פְּעוּלָה** (משלי י, טז) ווירקונג, אויפטהאָן **פְּעוּלוֹת** (תהלים כח, ה). „אַ פעולה אין לערנען" (במדב"ר פ"ד, יג).

פַּעַם (משלי ז, יב) איין מאָל — **פַּעֲמַיִם** (בראשית כז, לו) צוויי מאָל. **פְּעָמִים** (ר"ה, כה) אָפט=מאָל, מאַנכעס מאָל. **פַּעַם אַחַת** (יומא פד) אַמאָל האָט פּאַסירט. **פַּעַם אַחַת בַּיּוֹבֵל** (הולין, צא) איין מאָל אין אַפערלויף פון אַ יובל, ד"ה: זעלטען („זעה—יובל").

פִּצּוּי — מפצה זיין, בעפרידיגען.

פּוֹקֵד עֲקָרוֹת (ברכות, לא) ערינערונג וועגען דיא קינדערלאָזע [1].

פְּקוּדֵי — די 11=טע או די לעצטע סדרה פון 2=טע טהייל חומש (שמות לח, כא — מ, לח) און די 23=טע אין חומש. אין איהר קומט דער רעכנונג פון די טהייערע מאַטריאַלען, וואָס איז פערנ[illegible]ן געוואָרען צום משכן פון די פאָלקס נדבות. דער פון איז צו לערנען: אַז גבאי צדקה בעדאַרפען אָבגעבען רעכנונג [2].

פִּקָּדוֹן (שבועות לז) אַ אָבגעגעבענע זאַך צום בעוואַהרונג, **פִּקְדוֹנוֹת** (יבמות קט).

פִּקֵּחַ (ברכות, סא) קלוגער, ערפאַהרענער, אַ אָפענע קאָפּ. זעהט און פערשטעהט. **פִּקְחִים** (שמות כג, ח) **פִּקַּחַת** (כתובות פח). **פִּקְחוּת** (יבמות קיב).

פִּקּוּחַ נֶפֶשׁ (שם, קג). **פִּקּוּחַ נְפָשׁוֹת** לעבענסרעטונג [3].

---

[1] מלה"כ: „וה' פקד את שרה" (בראשית כא, א), „כי פקד ה' את חנה" (ש"א ב, כא).

[2] עי' מסכת בכורות (דף ה'), ביחוד על הכתוב „ואת האלף" (שמות לח, כח); ומשה העמיד שני עדים על החשבון צדק, את שני האומנים במלאכת המשכן, את בצלאל ואת אהליאב (כהערת בעל הטורים שם).

[3] פקח מלי פתיחה כמו „פקח קוח" (ישעיה סא, א), והונח מתחילה להציל נפש מתחת המפלת, מלי „מפקחים את הגל" (סנהדרין עב.) ונשאר על כל מיני הצלה בחולה שיש בו סכנה הלשון — „פקוח נפש".

פּוּקַר (מגילה, כה) זיךְ פּאַרניכשטעלט פון רעליגיעזע מנהגים.

פָּרָה (במדבר יט, ב) קוה, **פָּרוֹת** (בראשית לב, טו) **פָּרָה אֲדֻמָּה** (שם) אַרויטע קוה, איז געווען איהרע אַש צום געברויך צו רייניגען אַ טמא.

פְּרִי (בראשית א, יא) פרוכט. **פֵּרוֹת** (ברכות לה.). **פְּרִי הָאֲדָמָה** (דברים כו, ב) ערד־פרוכטען. **פְּרִי הָעֵץ** (ויקרא כג, מ) בוים־פרוכטען.

פֹּרֶה — פרוכטבאַרע, אַ ווײַב־ליכער נאָמען.

פֶּרֶא (ירמיה ב, כד) ווילדער. **פְּרָאִים** (תהלים קד, יא). **פֶּרֶא אָדָם** (בראשית טז, יב) ווילדער מענש, אונערפאַרען, דזיקאַן.

פֵּרוּד (סוכה, כט:) אָפּטהיילען. **פֵּרוּד הַדֵּעוֹת** — אָפּגעטהיילטע מיינונגען. **פֵּרוּד לְבָבוֹת** — די הערצען זיינען אָבגעטהיילט, ד"ה: בעפיינדעט.

פַּרְהֶסְיָא (סנהד' עד:) עפענטליך[1].

פּוֹרֵחַ (בבא בתרא, קלז.) פליהט, שוועבט. **פּוֹרֵחַ בָּאֲוִיר** (חגיגה טו:) פליהט אין דערלופט. **פָּרְחָה נִשְׁמָתוֹ** — די נשמה איז אַרויס־געפלויגען. דאָס איז געזאָגט אויף אַ פלוצלינגען טוידט דורך אַשרעק פון גרוים איבעראַשונג.

פְּרָט (ב"מ פ.) אויסגעשלאָסען, בעזאָנדערס. **פְּרָטִים** (שמ"ר פ"ו לב) איינצעלנע. „חשוב'ר בכמה פרטים" ווירדיגער, אויס־נאַהמיגער אין פיעל איינצעלנע געגענשטענדע. **פְּרָט** — הייסט די יאָהרען רעכנונג (ע"ז, ט): **פְּרָט גָּדוֹל** — די איינצעלנע פון גרויסען צאָהל (די טויזענדע יאָהרען) פון וועלטשעפּונג. **פְּרָט קָטָן** — דער צאָהל פון יאָהרען הונדערטע.

פְּרוּטָה (קידושין, ב.) אַ קליינע מאָנעטע[2]). **פְּרוּטוֹת** (פסחים ג.) **פְּרוּטָה אַחַת** איין איינצעלנער גראָשען. **פְּרוּטָה אַחֲרוֹנָה** לעצטער גראָשען.

פְּרִיָּה וּרְבִיָּה (יבמות סא: סה:) פרוכטבאַרען און פערמעהרען[3]).

---

[1]) שם בסנהדרין נתן קצב: „אין פרהסיא פחותה מעשרה".

[2]) שם בגמרא קידושין ב. נתן ערך לשויה.

[3]) מלשון: „פרו ורבו" (בראשית א, כב).

פָּרוֹכֶת (שמות כו, לא) פֿאָרהאַנג. **פָּרוֹכוֹת** (ירוש' שקלים פ"ז).

פּוּרִים (אסתר ט, כו) גורל, לאָאָס. דער טאָג וואָס איז בּעשטימט געוואָרען דורך דעם פּערסישען ניעדערטרעכטיגען פּרעמיער מיניסטער „המן הרשע" ימח שמו, צו פּערטיליגען דיא יודען פון פּערסיען. און האָט געהאַט די גרויסע מפּלה. דערום ווערט בּיי אונז געלעזען אום פּורים צוויי מאָל די מגילה פון דיזער געשיכטע — אום אָבענד און פריהמאָרגען, און מיר פּער־בּריינגען אין איהם זייער פרעהליך עס זאָל דיענען פאַר אַ בּיישפּיל פאַר אַלע שונאי ישראל אַז קיין גוטער סוף לאָזט זיך ניט אויס פון קיין צורר היהודים. **פּוּרִים קָטָן** — קליין פּורים. ד"ה: דער 14־טער אָדר־ראשון אין אַ עבור יאָהר (זעה — „אדר"). „פּורים־שפּיעל" דער פּאָרשטעלונג פון פּורים געשיכטע. אום פּורים מעג מען אַלעם טהון און פּאָה־רען. אויף דעם טאָג — זאָגט מען — גייט דער מדרש דאָס יעקב האָט אויסגעבּעטען בּיי עשו'ן ער זאָל איהם פערקויפען איין גוי'עשען טאָג, עס זאָל זיין יום טוב און אַלעם מעגען און שכור'ן אויף אַ אופן [1]). דערויף זאָגט מען: „פּורים איז קיין יום טוב — קדחת איז קיין קריינק" ווייל אום פּורים מעג מען אַלעם טהון און אין קדחת קריינק איז מען ניט צו בּעט און מען קען אַלעם עסען.

פַּרְנָס (יומא פו.). **פַּרְנָסִים** (שם) פּאָרשטעהער, אָנפיהרער פון די געמיינדע. ד"ז **פַּרְנָס עַל הַצִּבּוּר** (סנהדרין צב:) **פַּרְנַס הַחֹדֶשׁ** — דער אַנפיהרער אין זיין מאָנאַט.

פַּרְנָסָה (תענית ט.) פּערדינסט, אַיינקינפטע, לעבּענס־מיטעל [2]). **פַּרְנָסוֹת, פַּרְנָסָה בְּכָבוֹד** פּערדינסט מיט עהרע.

[1]) מהכתוב שאמר יעקב לעשו „מכרה כיום" (בראשית כה, לא), אמור במדרש (ב"ר פ' סג, טו): „מכור לי יום אחד מן הידך" ואמר מא"ד: שזה יום הפורים, שהוא חג — ומותר בכ"ז בכל מלאכה ולשכרה עד דלא ידעי, ואין מכלים דבר.

[2]) בברכות סג: משמע הכנסה לכלכלה; וכן ביומא לט: „מהם היתה פרנסה

פרנסה בצמצום פערדינסט קוים אויסקומעניש. **פרנסה ברוה** פערדינסט מיט גוטען פראפיט.

פרסום (פסחים, קיב) עפענטליך בעקאנט געמאכט.

פרסומא ניסא (מגילה ג:) פערעפענט דעם וואונדערבארן צופאל.

פריעה (יבמות, ע"א) דאס ענטבלויזען — די אויבערסטע הייטעל פון דעם גליד — צום בעשניידען.

פרעה (בראשית מא:) נאמען די עגיפטישע קעניגע וועלכע זיינען אונז בעקאנט פון אונזער געשיכטע פון דעם גלות מצרים, **פרעה'ס צרעת** (ברא' יב, יז) פרעה'ס אויסזאטץ.

פרעון (ב"מ טו:) בעצאהלונג, דער פון ש ט א מ ט

פורענות (ברכות יח). **פורעניות** (אבות, פ"ה) בעצאהלט ווערען — דורך שטראף פאר זינדע.

פריץ (יחזקאל יח, י), **פרוץ** (ב"ר פ"ע) געוואלד־טהעטער, אויסגעלאסענער. **פריצים** (יחזק' ז, כב קידושין עא). **פרוצה, פרוצות** (גטין, מו). **פריצתא** (מגילה, יב). „א גרויסער פריץ" איז געמיינט אויף אידיש — „א שררה", וויל זיי זיינען געוויינט געווען צו זעהען פון די מאגנאטען וואס האבען געהאט ציטען ווען זיי האבען געהאט אייגענע שקלאפען, און געלעבט דורך אין גוליאנעס און צולאזענהייט, איז פערבליבען דער טיטול אויף א גוטס־בעזיטצער וואס לעבט שוין עקאנאמיש און ארטיג. „א גרויסער פריץ" א איראניע אויף א קבצן וואס דרייט די וואנסען. „א בייזער פריץ" — אזעלכען וואס מען לאכט פון זיין קאפף.

פורץ גדר (קהלת י, ח) ברעכט דורך אבצאהמונג. אזעלכער וואס טרעט ארויס פון בעשטימטע הנהגות (זעה—שבת קי).

פרצוף (ר"ה, כ"ד:) געזיכט. געשטאלט, פיזיאגאמיע. **פרצופים** (שם, קנ:). **פרצוף פנים** (יבמות, קכ.) געזיכט'ס געשטאלט, ד"ז ווי „צורה".

לכהונה". וכן בב"ר פס"ט על בקשת יעקב: „ונתת לי לחם לאכול ובגד ללבוש" קורא לזה „פרנסה".

פֶּרֶק (ברכות יד.) אָבּטהײל שריפט, קאַפּיטעל, **פְּרָקִים. פִּרְקֵי אָבוֹת** די 6 קאַפּיטלען זיטען־לעהרע און זאַגען, וואָס דיענען אַלס פאַטערין פיר אַלע ספרים אין דעם היגזיכט. **פֶּרֶק מִשְׁנָיוֹת** אַ אָבּטהײל משניות פון אַמסכת. **פֶּרֶק שִׁירָה** — קאַפּיטעל גע־דיכטע־נעזאַנג — פון פסוקים וואָס איז צוגעפּאַסט פיר יעדען פון פיעלע ברואים וואָס איז צוא לערנען פון זײערע אינ־סטינקטיווע פיהרונג [1].

פּוֹרֵק עוֹל (נדרים ה.) ענטזאַגט זיין פפליכט.

פְּרוּרִים (ברכות לו. מישעיה כד, יט) ברעקלעך, שטיק־לעך. דראָבּישקעס. אינגעווייד פון אַ בהמה אָדער אַ עוף נאָך דעם שעכטען.

פָּרוּשׁ (סוטה כב.) אָבּגעזאָנדער־טער, **פְּרוּשִׁים** (שם) **פָּרוּשׁ מִן הָאִשָּׁה** (שבועות יח) מאָנאַך.

פֵּרוּשׁ (שבת, לא. ב"ב, נב.) בעדײַטונג, ערקלעהרונג. **פֵּרוּשִׁים.**

פֵּרוּשׁ הַמִּלִּים — פֵּרוּשׁ הַמִּלּוֹת — ווערטער אָבּטײַטשען. **פֵּרוּשׁ בְּשָׁלוֹם** — בעגריסען. „איך וויל ניט פורש בשמו זיין" — דײַטליך זיין נאָמען ניט אַרויס זאָגען.

פָּרָשָׁה (ברכות, ט:) אַ אָבּטהײלונג אין דער תורה, **פָּרְשִׁיּוֹת** (שם ח. גטין ס. ב"ק קו. ועה — „סדרה") [2].

„פרשיות" הײסען דיא פיער פרשיות צו תפלין (ועה — „תפלין"). אויך די אַרבע פרשיות פיוטים וואָס ווערט געזאָגט פון פאַר פורים ביז פסח: א) פרשה שקלים, ב) פרשה זכור, ג) פרשה פרה, ד) פרשה חודש.

פְּשַׁט (ערובין כג.) ענדעקט דעם ערקלערונג [3], **פְּשָׁטִים.**

---

[1] נתקן ע"פ מאמר ר' יוחנן „אלמלא נתנה תורה היינו לומדים צניעות מחתול, עריות מיונה, גזל מנמלה, דרך ארץ מתרנגול" וכו' (עירובין, ק:) ועי' ע"ד דברים בטוב טעם ודעת בספר העיקרים (מאמר ג' פ"א).

[2] כן מפרש הרה"ג רפ"פ בספרו „מסורת התורה והנביאים" (פ"ב דף 31): פרשה בשין מורה על ענין בפני עצמו (כמו פורש אין להם, מלי פרום לרעב לחמך) ובשין ימין — לענין מפרש ומבאר (דייטליך ערקלעהרען).

[3] נ"ל לתת טעם מופשט את בגדיו (ויק' ו, ד) כי הפשט מסיר הציעף המכסה על הכונה.

„פשט, רמז, דרוש, סוד" (פרדס). מיט דיזע פיר־לייע ארטען קען ערקלערט ווערען דער זינן פון יעדען פסוק אין דער תורה, אָבער צום לעבען איינצופיהרען מוז דינען דער איינפאַכער ערקלערונג, דאָס הייסט דער פשט[1]. „פשט׳ליך" — בעדייטונג בלויז אין וויטץ[2].

פָּשׁוּט (הוריות יג: ויק"ר פ׳ טז, א) איינפאַך. „אין פשטות" (זבחים, קיג) אין איינפאַכען זינן ערקלערט, אָהן פלפול וסברות. **פְּשׁוּטוֹ כְּמַשְׁמָעוֹ**—ערקלערונג ווי עס לאָזט זיך פערשטיין. **פָּשׁוּט בְּתַכְלִית הַפַּשְׁטִיּוּת** איינפאַך, אין פאַללען זינען דעם וואָרטעס (וואָס עס קען שוין פשוט׳ער ניט זיין), **פָּשׁוּט אַמְהַיֶה**, גאָר איינפאַך געזאָגט: עס בעלעבט, עס ערקוויקט. „פשוט׳ער בעל הבית" אַ איינפאַכער מענש, אָהן תורה, אָהן גדולה, און אָהן עושר (אָן גלעקליך). **פְּשׁוּטָה** (תנחומא ב, א). „פשוט׳ע מעשה" נעמיין, צו־איינפאַך, (עהנליך צו „אַמיאוס׳ע מעשה") **פְּשִׁיטָא** (שבת ג, ב"מ עז) געווים.

פּוֹשֵׁט (שבת, ב) שטעלט אויס, דערלאַנגט. **פּוֹשֵׁט יַד** (שם) שטעלט אויס אַ האַנד — בעטען אַ נדבה. **פּוֹשֵׁט אֶת הָרֶגֶל** (כתובות קח.) שטעלט אויס אַ פוס — צום אַנטלויפען, פון די בעלי חובות — זעטצט אָן.

פּוֹשֵׁעַ (ישעיה מח, ח) פערברעכער. **פּוֹשְׁעִים** (תהלים נא, טו). **פּוֹשֵׁעַ יִשְׂרָאֵל** (גיטין, נז.) פערזינדיגטער יודע. **פּוֹשְׁעֵי יִשְׂרָאֵל**.

פְּשָׁרָה (ברכות, ה.) אויסגלייך, אָבמאַך צווישען בעלי־דינים. **פַּשְׁרָן**, **פַּשְׁרָנִים** מאַכען דורך דעם אויסגלייך, **פַּשְׁרָנוּת**.

---

[1] כמאמרם ז"ל: „אין מקרא יוצא מידי פשוטו" (שבת סג.), וכן מצינו: „מפני שאתה דורש ובת תצא היא לשרפה"! (סנהדרין נא:); בכל זאת אין זה כלל גמור, כי הלא כמעט כל התלמוד נוסד ע"פ השלש עשרה מדות שהתורה נדרשת בהן וממנו תוצאות לאורח חיים.

[2] שכן „חכמי הליזאנקא" קוראים לזה: „דרך הלצה".

פִּשְׁתָּן (שבת, כו:) פלאַכס, ליאָן[1]) די זריעה דער פון הייסט „ליאָן זוימען". **פִּשְׁתָּנִי** (ירוש' יבמות פ"ו) פלעכסער.

פֶּתִי (תהלים יט, ח) נאַרר, אָהן איבערלייגונג. **פִּתְאֹם** (שם קטו, ו).

פָּתָה (בראשית ד, ז) טהיר, עפע־נונג, **פְּתָחִים** (משלי ח, ג).

פֶּתַח חֲרָטָה (עירובין, סד.) איין אויסרייד ווי צו נעהמען דאָס וואָרט צוריק.

פְּתִיחָה (מגילה י:) אָפּענמאַכען. **פְּתִיחוֹת** — „מכבד מיט פתיחה" מיט אָפען מאַכען דעם אָרון הקדש, צו דעם זאָגען אַ פיוט וואָס איז געדרוקט מיט גרויסע אותיות און אין בעזונדערע שורות יעדער זאַטץ, (דען צום גראַם זיינען זאָ ווי זאָ אַלע פיוטים) — און איז בעצייכענט אין פראַמבעל: „**פּוֹתְחִין הָאָרוֹן**" דאָס הייסט שוין ניט סתם פיוט אָדער פזמון, נור — „אַ תפלה". **פִּתְחוֹן פֶּה** (תענית כ. חולין סג: ב"ר פ"א, י) מוטה אַמויל צו עפענען, צום ריידען.

פִּתְקָא (סוטה, יב) אַ צעטעל, רייסטער, **פִּתְקָאוֹת**. **פְּתִיקִין** (ב"ר פ' צא).

פּוֹתֵר (בראי מ, ח) דייטען, ער־קלערען, **פִּתְרוֹנִים** (שם). **פּוֹתֵר חֲלוֹם** אויסלייגען אַטרוים **פִּתְרוֹן חֲלוֹמוֹת** (ברכות נה:).

צ.

צ—געשטאַלט דער 18־טע בוכשטאַב אין „א"ב" און דער 9־טע אין די צעהנדליגע, דינט ער אַנשטאַט אַ צאָהל־וואָרט „תשעים". דער „צ" קומט אויך מיט נאָך בוכשטאַבען אין פערקירצונג, צב"ש:

צ"ג – צְדָקָה גְדוֹלָה, צוֹם גְּדַלְיָה, צֶמֶר גֶּפֶן.

צה"ד – צָדוֹק הַדִּין.

[1]) שם המין בעברית: „הפשתה והשעורה" (שמות ט, לא) כמו: „והדגה אשר ביאור (שם ז, יח) – ת' דגים, פשתים ושעורים.

צה״כ – צֵאת הַכּוֹכָבִים.
צ״ל – צָרִיךְ לוֹמַר, צָרִיךְ לִהְיוֹת.
צ״ע – צָרִיךְ עִיּוּן.
צעב״ח – צַעַר בַּעֲלֵי חַיִּים.
צ״צ – צִדְקָתְךָ צֶדֶק.

צוֹאָה (ישעיה כח, ח) אויסוואורף.

צְבִי (יחזקאל כ, ו) פּראַכט. אויך אִין בּעֶדײַטוּנג — „הִירש״ וואָס דִינט פאַר אַ מענליכען נאָמען, ווײַבּליך איזט **צְבִיָּה** (מ״ב יב, ב).

צָבוּעַ (ירמיה יב, ט) בּעֶפאַרבּ־טער. **צְבוּעִים** (סוטה כב) פאַלשע וואָס ווײַזען זיך פרום אין פערשידענע פאָרמען — ווי די חיה צבוע וואָס ענדערט אִיהרע פאַרבּען (ב״ק עז) אִין 365 פערשידענע קאָלאָהרען (ב״ר פ״ז), — כּדי מען זאָל האָבּען צו זײַ צוטרוי, ענדליך בּעטריגען זײַ. דערויף מאַכט די גמרא אויפמערקזאַם: דאָס מען דאַרף ניכט זיך שרעקען, ניט פאַר פרומע אויך פאַר ניט פרומע, בּלויז פאַר פערשטעלטע פרומע, דען: „ווי זמרי טרײַבען זײַ זנות, און פערלאַנגען פינחס׳ם זכות״ (סוטה, כב).

צִבּוּר (ברכות, ח.) פּוּבּליקוּם פער־זאַמלונג [1]. **צִבּוּרִים** (מ״ב ו, ח).

צַד (ישעיה סו. יב) זײַטע, פּאַרטײַ.

צְדָדִים (חולין ח. קידושין נד).

צְדֵי צְדָדִין (שבת, קנה.) **צַד הֶחָתָן, צַד הַכַּלָּה** — דיא פאַמיליען פון דיא יונגע פּאָאר.

צַד הַיּוֹתֵר טוֹב אויף דעם בּעסטען אופן (ארט). **צַד הָעוֹבֵר לְצַד הַמְקַיֵּם** גע־לײַגטע שטראָף וואָס בּעדאַרף צאָהלען „די זײַטע וואָס בּרעכט די בּערינגונג צו די זײַטע וואָס האַלט וואָרט״. **צַד הַשָּׁוֶה שֶׁבָּהֶן** (קידושין, ה:) די זײַטע אִין וואָס זײַ גלײַכען זיך אוים. „אײן צד טאָר מען ניט אוים הערין״ (חושן משפט הל׳ דיינים ס׳ יז, ס״ק ח).

צֵדָה לַדֶּרֶךְ (בראשית מב, כה) רײַזע פּריפּאַסען.

---

[1] בלי המקרא, וכן בגמרא הונח על קבוצת פירות ומעות: „צבורי פירות וצבורי מעות״ (ב״מ ריש פ״ב), „ויצבור יוסף בר״ (בראשית מא, מט) והושאל לקבוצת אנשים: „אל תפרוש מן הצבור, צרכי צבור, תענית צבור״.

צַדִי — נאָמען דער 19־טע אות אין א״ב.

צָדוֹק (ש״ב ח, יז) גערעכטער, נאָמען פון אַ כהן אין דוד המלך׳ם צייט, וועלכען ער האָט איבערגעגעבען צוא זאַלבען זיין זוהן שלמה צום קרייגען איהם (מ״ב א, לט). אויף זיין נאָמען הייסען דיא גאַנצע אָבטהיילונג כהנים צום וואַכען דעם בית המקדש (יחזקאל מד, טו).

צִדּוּק הַדִּין (ברכות. יט.) גע־רעכטיגקייט פון געריכט, די צערעמאָנאַל תפילה ביי דעם בעערדיגען, ד״ה ווי מען זאָגט: „גאָט איז גערעכט און זיין משפט איז גערעכט״.

צִדְקִיָּה (ירמיה כו, יב) גאָטטעס גערעכטיגקייט. נאָמען דער לעצטער יודישער קעניג (מ״ב כה).

צַדִּיק (בראשית ו, ט) פראָם, גע־רעכטער. טוגענדהאַפט. **צַדִּיקִים** (שם יח, כד). **צַדְקָנִית**, **צַדֶּקֶת** (מגילה י, רו״ר). **צַדְקָנִיּוֹת** (סוטה יא). **צַדִּיק גָּמוּר** (תענית כא) אַ פ אָ ל ק אָ מ ע נ ע ר פרומער׳ **צַדִּיקִים גְּמוּרִים** (ר״ה, טז). „ווי אַ צדיק אויף דער וועלט״ (קה״ר פ׳ יש הבל). „אַ צדיק אין פעלץ״, ד״ה: ניט דער ריכטיגער צדיק פון א״ב נור דער ענדע צדיק (וואָס הייסט שלום צדיק דער פון שטאַמט שלעכטע צדיק) וואָס קומט אין וואָרט פעלץ.

צְדָקָה (ברא׳ טו, ו) וואָהלטהעטיג־קייט. **צְדָקוֹת** (תהלים יא, ד). **צְדָקָה וָחֶסֶד** (משלי כא, ג) וואָלטהאַט און גנאַדע.

צַו — די צווייטע סדרה אין 3־טע טהייל חומש (ויקרא ו, א — ח, לו) און 25־טע אין חומש. אין איהר איז די פאָרטזעטצונג פון די סדרה ויקרא, אין דינים פון קרבנות און די כהנים׳שע אוניפאָרמעס.

צַוָּאָה (סוטה יז) איין אָרדנונג וועגען ערבע, טעסטאַ־מענט. **צַוָּאוֹת**[1]).

צִיּוֹן (ש״ב ה, ז) אויסגעצייכענטע. נאָמען דער היילינגער

---

[1]) שם צואה נגזר מפעל: צו לביתך כי מת אתה (ישעיה לח, א), ובדרז״ל קנה לו זכות אזרח בדיני ירושה עפ״י צואת השכיב מרע; וברבים „צואים״ (ויקרא רבה פ״א), צואין (ירוש׳ ברכות פ״ד), וצוואות לא נמצא בלשונם.

שטאדט „ירושלים" [1])‏, דער אידישער צענטראלנער נאציאנאלפונקט אין ארץ ישראל; דארט איז געוועזען די רעזידענץ פאר די „מלכי בית דוד" און דיא רעליגיעזע אנגעלעגענהייטען — אין דעם „בית המקדש". דארט איז אויך געוועזען דער טהויער פון הימעלשע אפענבארונג פאר דיא נביאים [2])‏. ארויסגייענדיג פון לאנד אין גלות האט ירמיה הנביא אויסגעקלאגט „ציונסקלאג" אין זיין „מגילת איכה", און קומענדיג צו די טייכען פון בבל דארט זיינען מיר געזעסען בעקימערט און מיר האבען אויך געוויינט עראינערינדיג זיך אן ציון. דאן האבען מיר געשווארען דעם טרויער ניט צופערגעסען אין דיא העכסטע פריידען (זעה — „זכר לחורבן") — ווי עס איז מיט א היים פאטריאטישען גייסט, קורץ און קינסטלעך פארגעשטעלט אין דעם קאפיטעל „על נהרות בבל" (תהלים קל)‏. וואס מיר זאגען אים פאר דעם בענטשען צום עסען אין די וואכענטעג, אויסער שבת, יום טוב ווערט געזאגט דער קאפיטעל „שיר המעלות בשוב ד' את שיבת ציון" (שם, קכו) — וועגען אונזער צוריק קומען קיין ציון.

ציוניסט — הייסט א פאטריאט פיר ציון, וואס ווירקען איהר צו בעלעבען און בעוואהנען פון יודען מיט אויטאנאמיע אויך קאלאניזאציע, מיט פאבריקאציע, צו קומען אהין מיט דעם ציעל צו לעבען און איהר צו בעלעבען, ניט בלויז מאכען פאר א בית-הקברות-לאנד, אלטע זאלען קומען אהין שטערבען [3])‏.

---

[1]) בפיוט הושענות ליום ב' דסוכות „אבן שתיה" הולך וחושב כ"ב שמות, תוארים וכנוים — לפי סדר הא"ב מאלף עד תיו — שבהם נקראה ירושלים עיה"ק, תבב"א.

[2]) מלכים א, יא ח, נב; ישעיה כב, א: זכריה ג, ב; תהלים קלב, יג. גם על הכתוב הנאמר ביעקב „ויפגע במקום" (בראׄ כח, יא) הוכיחו חז"ל שהוא הר המוריה מקום מקדשנו, וקרא לו: „שער השמים" (שם יד).

[3]) עד עכשו היו נוהגים רק חלשים וזקנים לבוא אל ארץ ישראל למצוא שם קבר. ומגלות בבל היו שולחים ארונות מתים לקברם בא"י, ועל זה צוח רבי ברי קריא בלה"כ (ירמיה ב, ד): „ותבואו ותטמאו את ארצי" במיתתם (ירושלמי כלאים פ"ט, הל' ד).

צִיוּר (תרגום שמות כו, טו) געמאָל־טעם בּילד, **צִיוּרִים.**

צַיִת (ב"ק, כג:) געהאָרכען, פאָלגען.

צָלִי (שמות יב, ט) געבּראָטענע,

צוֹלִין (פסחים, עד:) מען בּראָט. דערפון שטאַמט „צלין'ט"—די מאכלים וואָס בּראָטען זיך אין אֵייפען פון פרייטאָג בּיז מאָר־גען אויף שבת צו מיטאָג.

צְלָלָה (בּרא' ד, יט) בּעשיצט (שופטים ט, טו) **א וויבּלי־כער נאָמען** (וועה—„עדה" אין אָנמערקונג.)

צֶלֶם (בּראשית א, כו) פאַסאָן, בּילד. **צֶלֶם אֱלֹהִים** (בּרא' שם.) געטליכעם געשטאַלט[1], בּל"ז הייסט עס „יודישעם אוים־זעהן" — ניט געענדערט די צורה דורך ראַזירען און שערען, נור ווי עס איז בּעשטימט פון בּאַשעפער. **צֶלֶם** (דניאל ג, א), **צְלָמִים** (ע"ז פ"ו)—הייסען די פיגורען צום געטצען דינסט.

צְלָעוֹת (שבת, קנב:) זעבּרע, ריפּפּע.

צוֹם (מ"ב כא, ט) פאַסט־טאָג. **צוֹמוֹת** (אסתר ט, לא).

צוֹם גְּדַלְיָה (ר"ה יח) דער פאַס־טען צום אָנדיינק פון גדליה. וואָס איהם האָט דער מלך בּבל בּעשטימט, אַלם ער האָט אָבּגענומען אונזער לאַנד, ער זאָל דאָרט הערשען אין זיין נאָמען אויף די יודישע מאַססע, אָבּער איינער אַנידערטרעכטי־גער, מיטען נאָמען ישמעאל (ימ"ש) האָט איהם געטוידט, דאַנן זיי־נען אַלע פערבּליבּענע יודען אין לאַנד צולאָפען קיין מצרים, מורא האָבּענדיג פאַר די בּבליים צוליעב דעם אויפשטאַנד געגען זיי, און מיר ויינען שוין אינ־גאַנצען דערוויטער געוואָרען פון אונזער לאַנד. דיזער „תענית" איז געבּאָטען צום פאַסטען „ג' תשרי" ד"ה אויף מאָרגען נאָך ראש השנה (ר"ה יח:). דאָס האָט קיין שייכות צו די תשובה טעג, נור וויל אין דעם טאָג איז ער נהרג געוואָרען. דאָס האָט פאַ־סירט 52 טעג נאָך דעם חורבּן—אזוי בּאַטרעפט אויך זיין נאָ־מען „גדליה" (סדר הדורות).

---

[1] כן הוא בשמוש הלשון העברית, להורות על רוממות יצטרף אל אחד מכנוי ה' „במו: כהררי־אל".

צֶמַח (זכריה ו, יב) שפּראָסענדע מענליכער נאָמען. בעשטימט פון דעם נביא זכריה אַלס גרינדער פון גאָטטעס טעמפּעל, אויף וועלכען ער האָט דאַן נביאות געזאָגט[4].

צִמְצֵם (סנהדרין עו:) געוואיינקייט, איינמאַרקירען, אין דחקות, שפּאַרעניש, קוים אויסקומעניש.

צֶמֶר גֶפֶן (כלאים, פ״ז) בוימוואָל.

צֹאן קָדָשִׁים (יחזקאל לו, לח) געהייליגטע שאָף, בעשטימטע צוא אָפּפערין.

צַנָא דְמָלֵי סִפְרֵי (מגילה כח:) אַקאָרב וואָס איז פול מיט ביכער — „אַ אַלמער ספרים" — איז אָנגערופען אַמענש וואָס איז פיעל בעלעזען און בעלערנט[2].

צָנוּעַ (משלי יא, א). **צְנוּעִים** (שם שם ד). **צְנוּעָה** (יומא נד.). **צְנוּעוֹת** (שבת קיג:). **צְנִיעוּת** (מגילה יג: ב״ב קכג) קיים, זיין בעשיידען, זיין גוט און פרום און ניעמאַנד זאָל דער פון וויסען.

צִנְצֶנֶת (שמות טז, לג) וואַזע, סלוי.

צִנְצֶנֶת יי״ש אַ באָקאַל שנאַפּס.

צַעַר (ב״ק פד) שמערץ, קוועלונג.

צַעַר בַּעֲלֵי חַיִּים (שבת קכח, ב״מ לא, לב: ועה — „חברה צעב״ח").

צַעַר גִדוּל בָנִים (סנהדרין יט:) די ליידען פון קינדער האָדעווען און ערציהען.

צַעַר, שֶׁבֶת, רִפּוּי וּבשֶׁת (ב״ק כו.) בעצאָהלען פאַר אַלע הזיקות: פאַר שמערצען, ניט אַרבייטען, היילען און פאַר שאַנדע מאַכען.

צָפוֹן (במדבר לד, ז) נאָרדען.

צְפוֹנִית (זבחים פה:). זייטע פון דער וועלט וואָס קומט לינקס ווען מען שטייט מיט דעם געזיכט צו מזרח זייט[3]. דער וואָרט „צפון" בעדייטעט אין העברעאישען — בעהאַלטען, ערשטענס איז עס

---

[4]) הכתוב בעצמו יפרש ויתן טעם לשמו: „הנה איש צמח שמו ומתחתיו יצמח ובנה את היכל ה'".

[2]) ויש טפשים שנוהגין כבוד ויקר לבעל אוצר ספרים יותר מאשר לספרא רבה, וע״ז איתא בגמרא: כמה טפשאי שאר אנשי דקיימי מקמי ספר תורה ולא קיימי מקמי גברא רבה" (מכות כב:).

[3]) וסמנך: צפון וימין אתה בראתם (תהלים פט, יג). ובגמרא עירובין נותן סימן „אחר: חמה יוצאת ביום ארוך ושוקעת ביום ארוך — זה הוא פני צפון".

בעהאלטען פון מענשען, דען פיעל חראברע געלעהרטע האבען זיך אונטערנומען צו צוקומען צו זײן פאליום — זײנען כמעט אלע אונטערנעהמער אום געקומען פון מאנגעל און קעלט, ווײל דארט איז דער אײזמער. און מעהר ווי אײז און שנײ אויף גרויסע שטרעקען ווי די אויג פערנעהמט איז ניט צוא זעהן. אויך איז זי בעהאלטען פון די זון שײן. דערום איז ניט געזונד צו וואוינען אין אײן הויז וואס מיט פענסטער נור צו צפון זײט, ווײל דארט איז ווילגאטש און עס האדעווען זיך פיל מיקראבען (ד"ה גאנץ קלײנע בעשעפניש) וואס פערדערבען די לופט פון הויז און מען אטהעמט זײ אין זיך, און איהרע ליכטיגקײט איז אויך מעהר ניט ווי א ווידערשײן (אור חוזר), וואס איז שעדליך אויך פאר דיא אויגען[1].

צפורה (שמות ב, כא) דער פאגעל. נאמען דער פרויא פון משה רבינו.

צפורן (ירמיה יז, א) נאגעל אויף די ברעגען פינגער.

צפרנים (מו"ק, יח.).

ציצה — פראנז, **ציצית** (במדבר טו, לח) „שויהע פאדען" אין די 4 עקען פון טלית און טלית קטן.

צרה (משלי א, כ) בעדרענגניס, אונגליק, **צרות** (ברכות יג)

צר עין (שבת, קח) ניט קײן פערגינער.

צורה (ברכות י) געשטאלט, אויסזעהען, א פנים. **צורות** (ר"ה כד). **צורת אדם** אײן געשטאלט פון אײן מענשען. **צורת אות** געשטאלט פון אײן בוכשטאב. **צורת מטבעה** געשטאלט פון אײן מאנעטע.

[1]) זה הוא הלשון בפרקי דרבי אליעזר פ"ג: „רוח הצפון ברא ולא גמרו, אמר: „שכל מי שיאמר שהוא אלוה יבוא ויגמור את הפנה הזאת שהנחתי וידעו הכל שהוא אלוה; ושם הוא מדור למזיקים לזועות, לרוחות ולשדים, ומשם רעה יוצאת לעולם, שנאמר: מצפון תפתח הרעה" (ירמיה א, יד). וכן מביא גם בילקוט איוב (ד' קיג). עיין ערוך השלם ערך „צפון". ומה שיאמר הפדר"א „לא השלימו" הוא שבהגיע השמש לצד צפון החושך יכסה ארץ, והלילה תואר לקללה ולצרה כמש"כ: לילה לכם מחזון (מיכה ג, ו), אור חשך באהלו (איוב יח, ו).

צורה ופנים אַגעשטאַלט און אַפיזיאָנאָמיע — **צורת הפתח** אַ געשטאַלט פון איין אַריינגאַנג — אין איין הויז [1].

צורבא דרבנן (ברכות טו) שאַרפער למדן, איין שטאַרקער למדן [2].

צריך (שבת ל. ביצה יא:) געברויך, מוז. **צורך** (הוריות יג) — **צרכים** (ברכות לד) נאַטירליכע בעדערפניס. **צריך עיון** (בספרי הפוסקים) מען בעדאַרף נאָך זעהען. **צרכי צבור** (סנהדרין יז) די געמיינדישע נאָטהווענדיגקייט.

צרעה (דברים ז, כ) ביענע, וועספע, דינט אַלס ווייבליכען נאָמען [3].

צרעת (ויקרא יג, מב) אויסזאַץ, קרעץ.

צורר (אסתר ח, א) פיינד, **צוררים** (במדבר כה, יח). **צורר היהודים** (אסתר שם) יודענפיינד.

צרור הכסף (משלי ז, כ) דאָס בינטעל געלד.

---

[1] בגמרא „אנשי צורה" (מו"ק ט.) — אדם של צורה (תענית טז), פי' חשובים ביותר; נרדף עם „פני הדור" (סוטה, יט). ובירושלמי (עבודה זרה פ"ג הל' א): „לא הביט צורת מטבע בימיו", ובפסחים (בבלי, קד:) „דלא אסתכל בצורתא דזוזא", וכן לתכונת כל דבר קראו — צורה, כמו: „צורתא דשמעתתא" (שבת סג.).

[2] הערוך, ערך „צרב" מבאר שהוא מל' קשה וחזק, ומוכיח מביצה ה. והפלאה שבערכין מבאר, מל' חריף ומוכיח מביצה ז, ורש"י תענית ד. ויבא"ר מבאר: שעל התורה בכלל נאמר: „הלא דברי כאש", והלומדה יצרב: „האי צורבא מרבנן דרתח — אוריתא היא דקא מרתחא ליה" (תענית ד.) ובזה המליצה על ת"ח: הוו זהירין בגחלתן שלא תכוה" (אבות פ"א).

[3] במקרא נמצא דוגמתו השם צרועה (מ"א יא, כו); וצרעה מכונה גם הדבורה כמו: משל אומרים לצרעה: „לא מדובשך ולא מעוקצך" ובשתיהן יש בשמות הנשים.

ק.

ק — געשטאַלט דער 19=טע בוכשטאַב אין „א״ב״ און 10=טע נאָך דעם „יוד״, דינט ער אָנשטאָט אַ ציפער „100״ אָדער דעם צאָהל=וואָרט „מאה״, צב״ש: „בת—ק״ (רש״י ישן ריש פ׳ חיי) אַ פרוי פון הונדערט יאָהר. „ק״נ״ טעמים (עירובין, יג:) 150 גרונד=זאַכען. „ק״ן אלף״ — הונ=דערט פופציג טויזענד.

דער „קוף״ דינט אויך אין פערקירצונג (ראשי תבות), צב״ש:

ק׳ - קהל, קרי.

קאנ״ם — קונם אנב סודר.

קה״ח — קדוש החדש.

קה״ת — קריאת התורה.

ק״ו — קל וחומר.

קו״ח — קהל וחזן, קל וחומר.

ק״י — קדיש יתום.

ק״ל — קדוש לבנה, קל להבין, קשה לי.

ק״ק — קדשי קדשים, קהלה קדישא, קבלת קנין, קצת קשה.

ק״ש - קבלת שבת, קדיש שלם, קריאת שמע.

קרוב״ץ — קול רנה וישועה באהלי צדיקים.

קבלה (ברכות, סב) ערהאַל=טונג, אויפנעהמען, אויך: איבער געגעבענע לער=נונגען, טראַדיציאָן (חולין קל:), איבערהויפט — „געהיימלעהרע״ (חכמת הנסתר) פון עשר ספירות אונד אויפשטעלען שמות והשבעות. „קבלה אויף שחיטה״ אָנגענומען אַלס מומחה צום שלאַכטען. **קבלת בחרם** נעהמט אויף זיך אַיין חרם — ווען עס איז פאַלש זיין טענה. **קבלת התורה** — דעם אָנגעה=מען די געטליכע לעהרע אויף דעם באַרג סיני פון די 10 געבאָטע. **קבלת מעות** דאָס ערהאַלטען געלד. **קבלת פנים** אויפנעהמען איין פערזאָן. **קבלת קנין** דאָס אָננעהמען דעם איינקויף דורך אַיין

בעשטימטען סימוואָל, ווי דעם אָננעהמען אַ ברעג פון יענעמ׳ס קלייד [1]. **קבלת שבת** אויפ־נעהמען דעם שבת, ביי זיין אָנ־קומען, מיט מזמורים.

קבלן, קבלנות (ירוש׳ מו״ק פ״ג) פּאָדריאַטשטשוואָ.

קובע (אבות, פ״ג) בעשטימט, **קבוע** (מנחות, ד:) **קביעות** (שם, ג) בעשטענדיגט.

קבוץ (כתובות, ח) אויפגעקליבענע מאַסע, קליינע געמיינדע.

קבוץ גליות (מגילה, יז) פער־זאַמלונג פון די פערטריבענע.

קבצן — זאַמלער פון נדבות, בעטלער. **קבצנים. קבצנות** — בעטלעריי.

קבר (בראשית כג, ד) גראַבע, **קברים** (שמות יד, יא).

קבורה (קהלת ו, ג) בעגרעבניס.

קברן, קברנים. קברי אבות די גראַבען פון די עלטערן.[2] **קבורת חמור** (ירמיה כב, יט) עזיל בעגרעבניס. **קבר ישראל** אידעשע גראַבע. **קבר רחל, קבורת רחל** (בראשית לה, כ) די די בעערדנונג פון אונזער מוטער רחל. „זיך דער קבר׳ת“ (איוב ג, כב) ד״ה: זיך דער שלאָגען צו אַ פינ־סטערע קאַריערע, נאָך פיעל מאַטערן זיך ווי מיט דעם טוידט.

קדחת (דברים כח, כב) פיעבער. **קדחת רביעית** ¼ יאָהריגע פיבער. „קדחת פער־דיענט“—גאָר ניט אויפגעטאָהן. „ער ווייס קדחת“ — קען גאָר נישט. „האָט קיין קדחת גע־האַט“—שטאַרק ווי אַ מויער.

קודם (עירובין, כא) בעפאָר, איי־דער. **קודם כל דבר** בעפאָר אַללעס. **קודם מתן תורה** (ע״ז, כד.) פאָר דעם געבען אונז די תורה (זעה—„קבלת התורה“). **קודם החתונה** — פאַר דער האָכצייט (נוסח התנאים). **קודם החופה** (סגנון הבדחן) פאַר דעם טרויאונג. **קדמון** (פזמון יגדל) עקסעסטירט פון פאָרהער; אויך־

---

[1]) נקרא בל׳ חכמים: „קנין אגב סודר“ (ב״מ, מז.) ולפנים בישראל לקיים כל דבר — „שלף איש נעלו ונתן לרעהו“ (רות ד, ז).

[2]) כן סגנון ההמון, ול׳ הפייטן: „אז בהלוך ירמיה על קברי אבות“ (קינות לת״ב) אבל בלשון המקרא הוא „קברות אבות“ (נחמיה ב, ה).

אַ פאַרצײַטיגער פּוסק. **קַדְמוֹנִים** (איוב יח, כ).

קָדַר (ירמיה ח, כא) פערפינס־טערט. „צוקדרט" — צוריבען. „האַנדעל מיט קדר" — מיט לומפּען. „קדר־ווײַליך" קאַפּייר.

קֵדָר (שיר השירים א, ה) טאָטער. „גלויבען אין קדר" — ער זאָל קענען העלפען צו קראַנק־הײַטען דורך רויכערין מיט קרײַטער און מיט לחשים.

קָדוֹשׁ (שמות יט, ו) הייליג. **קְדוֹשִׁים** (ויקרא כ, ז).

קָדוֹשׁ וְטָהוֹר – הייליג אונד ריין. „שפּרינגען קדוש" — צו די דרײַ מאָל קדוש אין קדושה.

קִדּוּשׁ (ב"ב, קכ"א) פערהייליגען, אָבזאָנדערין. **קִדּוּשׁ הַחֹדֶשׁ** (סנהדרין, י) אָננעהמען דעם נײַ מאָנאַט (זעה — „מולד"). **קִדּוּשׁ הַשֵּׁם** (סוטה, י) פערהייליגען גאָט־טעס נאָמען. **קִדּוּשׁ וְהַבְדָּלָה** (פסחים, קה). **קִדּוּשׁוֹת וְהַבְדָּלוֹת** (ברכות, לג:) הייליגען דעם שבת און יום טוב מיט דעם אָננעה־מען זיי מיט אַ כוס; און דאָס זעלבע אָבזאָנדערין זיי פון די וואָכען טעג צו זייער אויסגיין.

קִדּוּשׁ לְבָנָה – הייליגען די לבנה בײַ איהר בענײַעט ווערען (זעה — „מולד").

קְדוּשָּׁה (ברכות, כ). **קְדוּשּׁוֹת** (מגילה, יז. ויק"ר פ' כב)

הייליגקײַט, ד"ה די קדושה אין חזרת הש"ץ, די ערשטע קדושה „נקדש" — פון שחרית און „נעריצך" (בנוסח אַשכנז) אָדער „כתר" (בנוסח ספרד) איז די צווייטע קדושה — צו מוסף; זי בעשטייט פון 3 זאַצען: **קְדוּשָּׁה** הייליגקײַט (ישעיה ו, ג). ברכה — לויבונג (יחזקאל ג, יב). מלכות — גאָטט רעגירט (תהלים קמו, י). אַנ־שטאָט דעם קומט אין נוסח ספרד כתר, אויך קומט קריאת שמע „שמע ישראל" ווײַל עס איז געווען אַ גזרה אויף קריאת שמע ניט צו זאָגען האָט מען אַרײַנגע'גנב'עט אין קדושה און אַזוי איז דאָס פערבליבען [1]) ווי עס האָט פּאַסירט מיט דעם מפטיר (זעה — „מפטיר").

---

[1]) ספר שבלי הלקט סימן מ"ה בשם תשובות הגאונים.

קָדְשֵׁי קָדָשִׁים (זבחים פ"ה) גאַנץ הייליג.

קַדִּישׁ (דניאל ד, י) די קורצע תפלה וואס ווערט געזאָגט פון חזן אין דאַבנן אין איינינע ערטער [1], אין 2 אַרטען: „חצי קדיש"—אַ העלפט פון דעם קדיש, און „קדיש שלם"—גאַנץ קדיש. אים זאָגט מען אויך נאָך תהלים זאָגען, נאָך לערנען אַ שיעור מיט אַ מנין, אָדער נאָך אַ דרוש. נאָך דעם לערנען זאָגט מען שוין דעם „קדיש דרבנן" ווייל אין איהם קומט אַריין דער נוסח: „על ישראל ועל רבנן", עס גיט אויך „קדיש יתום", פאַר אבלים ר"ל [2]. עס איז פאַר דעם נפטר אין דעם קיין איינציגעם וואָרט ניטאָ, נור פאַר איהם איז אַ זכיה, דאָס זיין זון בעט בצבור פאַר די גאָטטהייט עס זאָל פאַרגרעסערט אונד פאַרהייליגט ווערן, און לעבען און פריידען פאַר כלל ישראל, וועלכען ער זאָגט דעם גאַנצען יאָהר נאָך דעם עלטערינס אָבשטאַרבען אין יעדען מאָל דאַווענען, אויך יעדער יאָהר אין דעם טאָג פון „יאָהרצייט". מאַנכע רופען אָן זייער זון פאַר זייער לעבען—„אונזער קדיש", און די וואָס האָבען ניט קיין אייגען זאָהן—דינגען זיי פאַר זייער לעבען אַ קדיש זאָגער.

קַדִּישׁ — פערהייליגט, איין מענליכער נאָמען.

קְדוֹשִׁים - די זיעבענטע סדרה אין דריטען טהייל חומש (ויקרא יט, א—כ, כז) און די דרייסיגטע אין חומש, אין איהר איז פיל זיטליכקייט צו לערנען.

---

[1]) אין פוחתין משיבעה קדשים בכל יום, עשה"כ: „שבע ביום הללתיך" (עטרת זקנים באו"ח, סי' נה ס"ק א).

[2]) תפלת קדיש קדמונים תקנוה לאבלים (ע"י מסכת סופרים פי' יט הל' יב) ומש"כ בסדור בית יהודה כי עוד בזמן שבית המקדש היה קים היו נוהגים אבלים לאמרו — בדותא היא, כי א"כ למה היא בשפת ארמית ולא בלה"ק? ע"כ יותר נכון לשער כי הקדיש הוא בן גילו של היקום פורקן, כן בתכניתו ובן בסגנון לשונו, וגם הוא בשתי דוגמאות: קדיש יתום וקדיש דרבנן, שבו ג"כ הנוסח לרבנן ולתלמידיהן ולחבורתא קדישתא כהנוסח עצמו של היקום פורקן השני.

קָהָל (שמות טז, ג). **קְהִלָּה** (מגילה, ב.) געמיינדע — **קְהִלּוֹת** (ע"ז, יח.). **קְהִלָּה קַדִּישָׁא** (ברכות, ט:) היילינע געמיינדע—**קְהִלּוֹת הַקֹּדֶשׁ** (אה"ר). **קְהִלַּת יַעֲקֹב** (דברים לג, ד). **קְהִלַּת יִשְׂרָאֵל**— יודישע געמיינדע. „קהל'שער אתרוג" — געקויפט פון קופת הקהל, פיר יעדען פריי צום בענטשען אתרוג. „קהל'ס לייט"— בעשטימטע פיר קהל'שע אינ־טערעסען, ד"ה אויך „קהל'שע קלאמקע"[1] ד"ה: דער וואס חאפט זיך אן די קלאמקע פון קהל'ס שטוב — רייסט ער פון טויטע און פון לעבעדיגע, און פערבלייבט א אייביגער שטאדט זייגער מיט א חזקה פאר קינדס קינדער. „קהל'ס שטוב" — די מעשצאנסקע אופראווא. „קהל־שע געלד"—אבצאהלונגם געלד וואס ווערט אויפגעמאנט פון דער געמיינדע אויף קהל'שע אינטערעסען.

קְהָת (בראשית מו, יא) פערזאמלער (שם מט, י). מעגליכער נאָ־מען, יעקב אבינו'ס א עניקעל, און משה רבינו'ס—זיידע.

קַטֵּיגוֹר (ר"ה, כו. קידושין, ה.) אָנ־קלאגער. **קִטְרוּג** (כתובות קיב:) אנקלאגע.

קָטָן (בראי' מב, יג) קליין, יונג אין יאהרען—**קְטַנִּים**. **קְטַנָּה** (שה"ש ח, ח) קליינע — **קְטַנּוֹת**.

קַטְנוּת (סוטה, מח) א קלייניגקייט. **קַטְנוּת דְּמוֹחִין** — א קליין קעפעלע (מיט וועהניג פער־שטאנד). **קִטְנִיּוֹת** (ביצה, יד:) קליינוואַרג, ווי: ארבעס, באבעס.

קְטַנֵּי אֲמָנָה (סוטה, מו.) קליין גלויביגע, האבען קיין טרויאונג אין גאט — אז ער קען גיך און באלד העלפען. **קְטַנִּים** (ב"ק, צב:) קליין בעדערפנים.

קְטוֹרֶת (שמות ל, לה) פערשמעקט מיט געווירצען (קאָם־מעטהיק). „ער גיט אים שמעקין קטורת" (יומא, לט). ובל"ז איז גע־מיינט דאס זעלבע ווי: „ער לע־רינט מיט איהם בלק".

קַיָּם (ברכות, נד.) עקזעסטירט, האלט זיך אויף. **קִיּוּם**

---

[1]) בדוגמא לזה במליצת כה"ג, הנביא קורא לאלה: „דולג על המפתן" המדבר ג"כ על אדות אלה החיים על חשבון העם (צפניה א, ט) ועי' „רחש" בהערה.

(גטין, כא. פאה פ"א, מ"ד) בעשטעטי־גונג, דויערהאַפטיג. **קיום המין** דאָס אויפהאַלטען דעם אַרט בעשעפענים. **קיום העולם** — די וועלטליכע געזעלשאַפט זאָל זיך קענען אויפהאַלטען. „לייגען אויף קיום" (ירושלמי סנהדרין פ"ב, הל' ב) אַ זאַלאָג, אַלס גאַראַנטיע, צו פערזיכערן.

קל (איוב כד, יח) גרינג, פלינק (ש"ב ב, יח), ניכטסווירדיג (שבת, לג). **קל הדעת** — לייכטזינניגער. **קל שבקלים** (קה"ר פס' דור הולך) דער גרעסטער אויסוואורף. **קל וחומר** (ברכות, כג) די לייכטע איזט צו פערשטיין פון די שווערע. **קלות וחומרות** (יבמות, ח) ערלייכטערונג און בעשווערונג — אין דינים זאַכען. **קלות ראש** (מו"ק, כו) לייכטזיניגקייט, פרעכהייט.

קול (בראשית ג, ח) אַ שטימע, קלאַנג. **קולות** (שמות ט, כח) געשרייען. **קול אחד** (שמות כה, ג) איינשטיממיג. **קול גדול** (דברים ה, יט) הויכע שטימע. **קלא דלא פסיק** (מו"ק, מח) אַ קלאַנג אָן אויפהער. **קולות וברקים** (שמות יט, טז) דאָנערן און בליטצען. **קול מבשר** (פזמון הושענות) אַ שטימע פון פערקינדונג. **קול נגינה** — אַ מעלאָדישע שטימע. **קולי קולות** (ברכות, ו) גוואַלדיגע געשרייען. **קולנית** (כתובות פז, א) שרייערין, מיט איהר קול'כעלע, אונטער פרויען. **קול קורא** (ישעיה מ, ג) איין אויסרופענדע שטימע.

קללה (דברים יא, כו) פלוך, שימפונג. **קללות** (סנהדרין מח.) **קללות התוכחה** — די פלוכונג וואָס זיינען אויסגערעכינט אין די תוכחות (ויקרא, כו. דברים, כח). **קללות והחרמות** — פלוכונג און באַנונג. **קללות נמרצות** (מ"א ב, ח) שאַרפע פלוכין.

קלמן — מענליכע נאָמען, פערקירצונג פון קלונימוס, שטאַמט פון גריכישען.

קולמוס (שבת, יא. גטין, ז) שרייב פעדער, שרייבראָהר.

קלנדא (ע"ז ח.) דאָס הייסט (אויף לאַטיין): ראש חדש, אויך ראש השנה. דערפון שטאַמט דער נאָמען „קאַלענדאַר" אויף אַ יאָהר לוח, וויל ער פאַנגט

זיך אָן פון נײַ יאָהר און בּע־
צײכענט יעדער נײַ מאָנאַט פון
אַ גאַנץ יאָהר. „קאַלענדאָ" פלעגט
מען אויך אָנרופען בײַ אונז דעם
רב'ס אַרויספאָהרען צו די אַרו־
מיגע ישובים פון זײַן שטאָדט
נאָך ראש־חדש געלד [1].

קְלַסְתֵּר פָּנִים (ברכות ז.) פּהי־
זיאָגנאָמיע, געזיכטסציגע.

קְלָפָה (סנהדרין, יז.) בּאַלטאָרי־
רען — **קְלָפִיּוֹת** (ירושלמי
יומא, פ"א מ"א)

קְלִיפָּה (פסחים עו.) אָנצעפּענעס,
קְלִיפּוֹת (זעה — „דבוק") [2]

„קְלִיפַּת הַשּׁוּם" (ברכות, נח.)
דאָס שאָלעכטץ פון קנאָבעל.

קִלְקוּל (קהלת י, י; תרגום ירוש'
ויק' יז, טו) פערדערבען,
איספּאָרצען, **קִלְקוּלִים.** „הע־
רויסקומען אַ קלקול" עס קען
שאָדען מאַכען — אין רעליג
יעזען זינן [3].

קַיְּמָא לָן (ב"ק, עו:) בײַ אונז
איז עס בעשטימט, בּע־
שטעטיגט (זעה „קים").

קֶמַח (בראָ' יח, ו) מעהל, פון צו־
מאָלטע תבואה.

קַמֵּיעַ (שבת ס; ב מ"רפ, יב) אַמו־
לעט, **קַמֵּיעִים** (שם סא:)
בל"ז — „קמיעות"; אויפשריפט,
צו טראָגען פאַר אַ סגולה.

קַמְצָן (חולין מו) גײַציגער, קאַר־
גער, פאַרמאַכטע האנד [4]
קַמְצָנִים, קַמְצָנוּת.

קִנְאָה (במדבר ה, יד) אויפערזיכט,
נײַדען (אבות פ"ב). **„קִנְאָה**

---

[1]) „קלנדרי" הוא שם של כל יום ראשון לשמונת החדשים, מן החדש הראשון יאנואר. עי' ערוך השלם ערך ינוברים, ועי' פי' תפארת ישראל לסדר מועד על משנה ג' פ"א דעבודה זרה, ומאמרו „שבילי דרקיע" אות נ"א, ד"ה: „חשבון חדשי חמה".

[2]) בלי האגדה הוא הזג שעל הפרי: „רימון מצא, תוכו אכל קליפתו זרק" (חגיגה, טו:) וכן קליפת השום. ובלשון ההמון קוראין „קליפה" לדבוק ורוח רעה, ע"פ למודי הקבלה, ומקורו הוא בתרגום של „בפחת" (ויקרא יג, ב) ומין נגע שאי אפשר להפטר ממני (עי' ערוך ערך, „קלף").

[3]) ובדרז"ל „כל המקלקלים פטורים" (שבת קו.) — משום מלאכה בשבת.

[4]) קומץ הוא חופן מל': „וקמץ הכהן", ולכן הכילי נקרא קמצן שחפנו סגור ומסוגר מתת, הפך הנדיב שהוא פתוחה ידו. וכן הלשון בתנחומא (תולדות ה'): צבי כשהוא ישן, עין אחת קמוצה ועין אחת פתוחה.

שִׂנְאָה״ (ברכות, יז) נייד און האַס.

קִינָה (ש״ב א, יז) קלאַגע, טרויער־ליד, „**קִינוֹת**״ (דהי״ב לה, כה). **קִינוֹת לְתִשְׁעָה בְּאָב** קלאַגען צום 9־טען אָב — איבער דעם חורבן ירושלים.

קוֹנֶה (דברים כה, סח) אַ קויפער, **קוֹנִים**. „**קוֹנֵה הַכֹּל**״ קויפט אַללעס, וואָס עס מאַכט זיך[1] „**קוֹנֶה שְׁלֵמוּת**״ פערשאַפט זיך פאָלקאָמענהייט. **קוֹנֶה שֵׁם** (ש״ב ח, יג) ערווערבט זיך אַיין בע־רוף. **קְנִיָּה** איינקויפונג. **קְנִיּוֹת**. **קִנְיָן** (אבות פ״ב) איין ערווערבונג דורך אַ בעשטימונג (וּעה—„קבלת קנין״) אויף די שטעללע פון גע־שריבענע תנאים.

קְנוּנְיָה (ב״מ, יג) געמיינשאַפט.

קְנָס (ב״ק, יד) געלד־שטראָפע, **קְנָסִים** (פסחים, כט.) **קְנָסוֹת** (סנהדרין, ח). „קנס׳ונען״ בעשטראָ־פען, „פער׳קנס׳ט״ — פערלאָבט, מי טאַ בעדינג פון געלד־שטראָף, ווער פון ביידע צדדים עס וועט זיך ענטזאַגען (קידושין מו עי׳ ערוך).

קֵיסָר (גטין, נו) קייזער, **קֵיסָרִים**, **קֵיסָרִית** קייזערין.

קְעָרָה (שמות לז, טז) שיסעל, **קְעָרוֹת** (במדבר ז, פד. ב״ב נז) אַ געשיר מיט אַ טיעפקייט, עס זאָל קענען איינהאַלטען פלי־סיגע. „הויבען די קערה״—אויף וועלכע עס איז די „סדר־מצות״ צו וויזען לכל המסובין, זאָגענדיג „כהאָ לחמאָ״. „שטעלין אַ קערה״, אָדער: „זיטצען ביי די קערה״— וואָס מען שטעלט אַ טעלער ערב יום כפור אין שוהל־אריינגאַנג, צואיינקאַסירען עליות געלד און צוגעזאָגטע נדרים ונדבות פון אַ גאַנץ יאָהר, וואָס געהערט צום שוהל הכנסות. און אויף אנדערע צדקות.

קוֹף — נאָמען דער 19־טע אות פון דעם אַלף־בית.

קַפְּדָה (גטין, עט) פאַראיבעל נעה־מען, **קַפְּדָן** (אבות פ״ב) שטראָנגער, פונקטענאַר.

קְפִיצַת הַדֶּרֶךְ (סנהדרין, צה) צוזאַמענציהען. איינ־

---

1) זולתי התואר להקב״ה „קונה שמים וארץ״ (בראי יד, יט) או בתפלת אבות „וקונה הכל״ לאמר: שרכש לו הכל ע״י שברא ויצר הכל.

שפּאָרען וועג, ד"ה איז: „קפיצות הארץ" (חולין צא).

קֵץ (דניאל יב, ו) ענדע. **קִצִּים** (ע"ז סא:), **קִצִּין** (סנהדרין צז:) די ענדע פון לאַנגען גלות (סנהד' צב: כתובות, קיא) און די ערשיינונג פון די גאולה שלמה וואָס זי איז געזאָגט פערשטעלט אין דניאל'ס חזיונות, וואָס וועט זיין במהרה בימינו.

קוֹצוֹ שֶׁל יוּד (מנחות כט. לד, לה.) דער תג (אויבער־שטער שפּיצעלע) וואָס איז אויף דעם בוכשטאַב „יוד" — האָט אויך פּועל צו בעדייטען.

קָצֶה (שמות טו, לה) ברעג, דאָס לעצט, אויך אָנפאַנג, ווי **קְצַת חוֹלֶה** — ערב קראַנק.

קַצָּב (ביצה יא:) פליישׁ־האַקער— **קַצָּבִים** (שם, כה:) **קַצֶּבֶתָה.**

קִצְבָה (כתובות מ, ש"ר פ. כה) בע־שטימונג. „נעהמט קצבה"— ערנעהרט זיך פון צדקה געלד, וואָס איז בעשטימט אויף שטיצע פאַר געפאַלענע מענשען.

קָצִין (ישעיה ג, ו, ירושלמי גטין פ"א) פירסט, **קְצִינִים** (מיכה ג, א). אָבער אין זשאַרגאָן הייסט עס בלויז אַ רייכער, דערום קומט עס אויך ווייבליך **קְצִינָה** (זעה — „נגיד").

קָצַר קורץ. **קִצּוּר** אָבקירצונג, **קִצּוּרִים**; **קִצְּרָן** (ברכות לד.) „מאכט בקצור"— ניט מאַריך. „קצור פון אלע קצורים". **קִצּוּר יָמִים** (מס' מדות פ"ג) פערקירצונג די לעבענס טאַגע. **קִצּוּר שֻׁלְחָן עָרוּךְ** נאָמען דער בוך אין וועל־כען עס קומט אין קורצען בע־שלוס אלע דינים פון ספר „שלחן ערוך" (זעה — „שלחן ערוך").

קְרִיאָה (ברכות, יג) פאָרלעזונג. **קְרִיאַת הַמְּגִלָּה** (מגילה פ"א, מ"ד) דאָס לעזען די ראָללע פון פורים געשיכטע, ד"ה: מגילת אסתר". **וּקְרִיאַת הַתּוֹרָה** דאָס לעזען אין דער תורה, די פרשה וואָס איז איינגעטהיילט פיר יע־דען שבת אָדער יום טוב ותענית צבור. **קְרִיאַת שְׁמַע** (מנחות צט) דאָס לייענען די פרשה „שמע ישראל" מאָרגענס און אָבענדס (זעה — „שמע ישראל").

קוֹרֵא (ברכות פ"ב, מ"ו) דער לע־זער אין דער תורה, ד"ה דער „בעל קורא".

קְרוּאִים (ש"א ט, יג) געלאַדענע פערבעטענע צום מאַלצייט.

קְרָאִי, קְרָאִים — קראִי'מען. אַסעקטע וואָס האַלטען זיך אין אידישען גלויבען במקצת — אָננעהמענדיג די אידעע פון איינעם אַ פּאַרצײַטיגען מיט דעם נאָמען „ענן": „נאָכצוגעהן דעם פסוק אין מקרא בוכשטאַבליך" דאָך קומען זיי ניט אויס אָהן די תלמודישע ערקלערונג, צב"ש: וואו צו שעכטען אַבהמה, וואָס צו מהל'ן, און ווי זיך צו פּײַניגען אין דעם יום כפור טאָג א. ד. ג. וואָס עס איז ניט געזאָגט בפירוש אין דער תורה, און עס ווערט אויסגעפיהרט בײַ זיי ווי בײַ אונז ווי עס ווערט ערקלערט אין תלמוד [1].

קָרוֹב (רות ב, כ) פערוואַנדטער. **קְרוֹבִים** (דברים ד, ז). **קְרוֹבָה** (ע"ז יז). **קְרוֹבוֹת** (פסחים קיח:). **קָרוֹב וְגוֹאֵל** (ויקרא כה, כה) פערוואַנדטער און ערלייזער. **קָרוֹב לְאַרְבָּעִים** נאָהענט צום פיערציג יאָהריגען עלטער. **קָרוֹב לְמַלְכוּת** (ב"ק פג.) האָט איינגאַנג אין רעגיערונגס אַנשטאַלטען, האָט אויפטראַגע מיט הויכע בעאַמטע. **קְרוֹבִים לְמַלְכוּת** (גטין ט). **קָרוֹב לְמִקָּח** נאָהענט צום ווירדיגען פּרײַז. **קָרוֹב לְמִיתָה** האַלט בײַן שטערבען. **קָרוֹב לְרֶוַח** נאָהנט צום פערדיענסט. **קָרוֹב לְשָׂכָר** (ב"מ, סד) נאָהענט צו בעלאָהנונג, צום פערדינסט. **קָרוֹב בְּעֵינַי** (יבמות קט) עס שײַנט פאַר ריכטיג. „אַ ווײַטער קרוב" — ווײַט אין פערוואַנדשאַפט.

קָרְבָּן (ויקרא ו, יג) אָפּפערגאַבע. **קָרְבָּנוֹת** (שמו"ר, פ' ל), צו פערברענען אַ בהמה אָדער אַ עוף, אָבצוקומען פאַר וועלכע עס איז אַ זינדע. ביז די שפּעטערע צײַטען האָבען די נביאים הקדושים געוואָלט אָבגעוואָהנען דער פון אינגאַנצען און אויף דעם אָרט פערפלאַנצען מעשים טובים, פון צדקה וחסד. דער ערסטער נביא שמואל האָט שוין אַרויסגעזאָגט זײַן מיינונג אין דעם

[1]) מנין לשחוטה שהיא מן הצואר וכו' (חולין, כז.); מנין למילה שהיא באותו מקום וכו' (שבת, קח.), וחמשת עינויי יו"כ כמפורש בגמרא (יומא, עד).

ריכטיגען זינן פאַר שאול המלך [1] ביז דיא חכמי התלמוד האָבען איינגעפיהרט תפלות אָנשטאָט קרבנות (ברכות, כו:) בעדאַרף דאָס אויך זיין מיט דעם זעלבען פּרינציפּ וואָס די נביאים האָבען פערלאַנגט ביי קרבנות—מעהר טהאָן גוטעס אַלס פיעל זאָגעכטס.

קָרְבַּן מִנְחָה סִדּוּר — דער טיטול בלאַט פון דעם געבעט בוך מיט דעם זשאַרגאָניזשען איבערזעצונג, פיר פרויען.

קֹרַח — די 5-טע סדרה אין 4-טען טהייל חומש (במד׳ טז, א — יח, לב) זי בעלעהרנט: ניט מקנא צו זיין דעם וואָס שטעהט העכער, דער בעשטימטער פערבלייבט און דער בעל מקנא זינקט נאָך מעהר אַרונטער.

קֶרֶן (פאה פ״א, מ״ה; תרומות, פ״ו). גרונד קאַפּיטאַל. **קֶרֶן וְרֶוַח** דער גרונד קאַפּיטאַל מיט דעם פּראָפיט. **קֶרֶן הַצְּבִי** (כתובו׳ קח.) הירשען האָרען, אַ ביישפּיל אויף אַ זאַך וואָס איז אַריינגעקומען אין אַזעלכע הענד וואָס מען קען שוין צוריק ניט חאַפּין, ווייל אַ הירש לויפט אַוועק גיך (רץ כצבי). **קֶרֶן קַיֶּמֶת** (פאה, שם) דויערהאַפטער קאַפּיטאַל, פאָנד.

קְרִיעָה (מו״ק כב.). **קְרִיעוֹת** (שם, בו). אַיינרייסען אויף זיך די קלייד צום צייכען פון טרויער. „רייסען קריעה"[2]. „עס איז קורע צו זיין" (מ״ק, כב.) עס איז גרויס דער טרויער. **קְרִיעַת יַם סוּף** (פסחים קיח, סוטה ב.) דאָס איבעררייסען דעם וואַסער פערבינדונג פון דעם רויטען מעער וואָס הייסט: „נעשפּאָלטען דעם ים".

---

[1] ש״א טו, כב: „החפץ לה׳ בעולות וזבחים כשמוע בקול ה׳" וגו׳; וכן בישעיה א, יא — יד: „למה לי רוב זבחיכם יאמר ה׳" וכו׳ ומסים: „דרשו משפט" וגו׳; וכן בירמיה ז, כא — כג ועוד הרבה בדברי הנביאים: „כי חסד חפצתי ולא זבח ודעת אלהים — מעולות" (הושע ו, ו). וכן בכתובים: תהלים י, ז; נא, יח — יט; משלי כא, ג ועוד.

[2] לקרוע הבגדים מצער ואבל מצינו את יעקב אבינו הראשון — בהתאבלו על יוסף בנו (בראשית לז, לד); וכן הוא הראשון להוציא את רגש אהבה וחיבה ע״י נשיקה (שם כט, יא) שרבים מחוקרי קדמוניותה מראים עליו בעל הממציא הראשון, יבן מצאנוהו הראשון לחוזה חזיונות — בברכו את בניו לפני מותו (שם מט).

דאָס דינט פֿאַר אַ בײַשפּיל פֿאַר יעדען שוועריגקײט. **קְרִיעָה וּבְלִוָיָה** אָבגעריסען און אָבגעלאָזען.

קַרְקַע (במדבר ה, יז) באָדען, גרונד, לאַנד, פֿעלדער. **קַרְקָעוֹת** (כתבות, פז).

קוֹרַת רוּחַ (אבות פ״ד, יבמות סג) בערוהיגונג דער געמיטה.

קָשֶׁה, קֻשְׁיָה (סנהדרין, עב) האַרט, שווער — צו פֿערשטײן. **קֻשְׁיוֹת. קָשֶׁה כְּבַרְזֶל** (מנחות צח) האַרט ווי אײזען. **קָשֶׁה לְהוֹצִיא** — שווער אַרױסצובעקומען. „נישט קשה" ניט שווער, לײַכט, צימליך. „בלײַבט אַ קשיה" — בלײַבט אַ פֿראַגע, אונפֿערשטענדליך. „אַ קשיה אויף אַ מעשה" „אויף אַ מעשה פֿרעגט מען קײן קשיה", עס קען אַרעס פּאַסירען. **קְשֵׁה עוֹרֶף** (שמות לב, ט) האַרטנעקיג. אַזוי רופט אָן משה רבנו דעם כאַראַקטער פֿון אונזער יודישע פֿאָלק, מיט דעם זײַ צו פֿערטהײדיגען וואָס דאָס איז אַ מעלה צו דעם פֿעסטען האַלטען זיך אָן די רעליגיע ווען אויף האָבענדיג פֿיל צער און צרות צוליב איהר. **אַ קְשֵׁה** (ש״א כה, ג) אַ האַרטער מענש.

קֶשֶׁר (מ״ב יא, יד) בונד. **קֶשֶׁר שֶׁל תְּפִלִּין** (מנחות לה.) דער צוזאַמענבונד די רצועות פֿון די תפילין (זעה — „תפילין").

קֶשֶׁת (בראשית ט, יד) רעגענבויגען.

ר.

ר — דער 20-טע בוכשטאַב אין „א״ב", רעכענט זיך אַנשטאָט אַ ציפֿער „200", אויך אַנשטאָט דעם וואָרט „מָאתַיִם" אָדער „שְׁתֵּי מֵאוֹת", צב״ש:

ר׳ אֶלֶף — 200 טויזענד. **רמ״ח אֵבָרִים** — 248 גליעדער—אין מענשליכען קערפּער.

אויך קומט ער אין פֿערקירצונג,

(ר"ת), אליין אָדער מיט נאָך בוכשטאבען צוזאַמען, צב"ש:

ר' — איז צו לעזען: רַבִּי.

רבש"ע — רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם.

ר"ג — רַבֵּינוּ גֵּרְשֹׁם.

ר"ה — רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

רה"ק — רוּחַ הַקֹּדֶשׁ.

ר"ח — רֹאשׁ חֹדֶשׁ.

רח"ש — רַב, חַזָּן, שַׁמָּשׁ.

רו"כ — רוֹכֵל כֶּסֶף.

ר"ל — רַחֲמָנָא לִצְלָן, רוֹצֶה לוֹמַר.

ר"מ — רַבִּי מֵאִיר, רֵישׁ מְתִיבְתָּא.

ר"ן — רַבֵּינוּ נִסִּים.

ר"ת — רַבֵּינוּ תָּם, רָאשֵׁי תֵּבוֹת.

רְאֵה — די 4-טע סדרה אין 5-טען טהייל חומש (דברים יא, כו.—טז, יח) און די 47-טע אין חומש. דאָרט איז אָנגעזאָגט אין פיעל שטעלען (שם יב: ה, יא, יג) — ווי דער רלב"ג מאַכט אויפמערקזאַם — צו דיענען גאָט אין איין בעשטימטען אָרט — ניט אָנמאַכען פיל קלויזען; אויך דורך אַ בעשטימטען מענשען דאַרויף, ניט פון מארק אַ מענשין שטעלען פאַר אַ פאַרבעטער צו גאָט-טעס דינסט (במד' יו, ה, שם יח, ד).

רוֹאֶה (ש"א כו, יב) זעהט. **רוֹאֶה וְאֵינוֹ נִרְאֶה** (ברכות, י. חגיגה, ה:) ער זעהט און איהם איז ניט צו זעהן. **רוֹאֶה חֶשְׁבּוֹן** — קאָנטראָלער. „זייט רואה" — היט צו, גיט אַכטונג.

רְאוּבֵן (בראשית כט, לב) זעהט אַ זאָהן![1]. יעקב אָבינו'ס ערשטער זוהן פון לאה'ן. די מוטער האָט איהם אַזוי אָנגערופען פון פיעל פרייד צוליעב פערפלאַנצען ליעבע צום מאַנן, וואָס ער האָט רחל'ען געליעבט מעהר פון איהר (שם כט, ל). פון איהם שטאַמט דער „שבט ראובן" וואָס האָט געציילט — פון מצרים הערויסגעהענדיג 46,500 מאַנן (במדבר א, כא), אויך נאָמען פון איין אַמורא (ירושלמי שבת פ"ו. כתובות פרק י"א).

רָאוּי (ע"ז, כד) ווירדיג, טויגליך.

רְאוּיִם (תנחומא בהעלותך טו).

רָאוּי לִבְרָכָה — עס איז ווירדיג דאַרויף צו מאַכען אַ ברכה.

רָאוּי לְהוֹרָאָה (שבועות, יח) ווירדיג צו פסק'ענען שאלות.

---

1) כן חלקו חז"ל שמו, כאלו כתוב בשתי מלות: „ראו—בן!" (ברכות, ז.).

רְאִיָּה (חגיגה, ב.) דאָס זעהן. „אַ שטאַרקע ראיה", „אַ ווייטע ראיה"; דאַגעגען איזט: „אַ שוואַכע ראיה", „אַקורצע ראיה" (קורצזיכטיג).

רַאֲיָה (ברכות, יא) אַ בעווייז, אַ פאַקט—**רְאָיוֹת** (שבת, קד.) „אַ ראיה האָט איהר". „אַ ראיה ווי גאָר ניט".

רֵאָה (חולין, מב. תמיד פ"ד) לונג.

רַב (אסתר א, ח) עלסטער. **רַבָּן** לעהרער (אבות פ"ג) **רַבָּנִים** **רַבָּנָן** (נדרים, כ.). **רַבָּנוּת** (פסחים פ"ז) לעהרעריי. **רַבִּי** (ב"מ פ"ד) ראַבינער. **רַב הַכּוֹלֵל**— גראַנד ראַבינער. **רַבִּי מֵאִיר בַּעַל הַנֵּס** (ע"ז יח) דעם תנא פלעגט טרעפען אָפט נסים, דערום איז מען מנדר אויף ר' מאיר בעל הנס, ביי ערוואַרטען איין גוטען געשעהענעס, טראָץ דעם וואָס ר' מאיר בעהויפטעט: דאָס בעסטע איז — פאָרט ווי דער פסוק זאָגט אין קהלת: בעסער איז מען זאָל זיך קיין נדר געבען (נדרים ט.). „רבי געלד" אַ שאָדען וואָס קומט פון דעם זיין ניט ערפאַהרען, ווייס מען שוין צו זיין פאָרזיכטיג. פירט זיך אין רבנישען סטרוי — „מעשה רבי'ל" (ברכות, נה:).

רַבּוֹתַי (חגיגה ה.) מיינע הערן [1]

רַבּוֹתֵינוּ (כתובות סג.)

רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם (שם ד, ב), **רִבּוֹנֵיהּ דְעָלְמָא כּוּלֵיהּ** (תענית כח:) הערר פון דער גאַנצער וועלט[2].

רַבֵּינוּ בְּחַיֵּי — ער רופט זיך מיט דעם נאָמען „הדין הספרדי". פון זיין פירוש אויף חומש (בדרך דרוש). ווערט אָפט געבראַכט אין טייטש חומש „צאינה וראינה". דער זעלבער „רבינו בחיי" האָט געמאַכט דעם וויכטיגען ספר „חובת הלבבות", ער גיט אויך איבערזעצט אויף יודיש דייטש.

רַבֵּינוּ גֵּרְשׁוֹם (זעה — „בחרם דרבינו גרשום").

---

[1] יש רב תואר לאדון ביחם עבדו, כמו: „רבו מוסר לו שפחה כנענית"; והעיקר התואר למורים, כמו: שמעתי מפי רבותי (סוכה, כח.)

[2] נרדף עם „מריה דעלמא כוליה" המורגל בל"ז, ובלשון הגמרא איתא „מריה דאברהם" (שבת, כב.) תואר להקב"ה — זה שאומרים אלהי אברהם (פסחים, קיז).

רִבֵּי רְבָבוֹת — מיריאַרדען.
רוֹב (ב"ק, כד) מעהרהייט, **רַבִּים** (שמות כג, ב). **רוֹב דֵעוֹת** (שבועות מא) די גרעסטע טהייל מיינונגען.
רוֹב כּוֹס — די גרעסטע טהייל אָבטרינקען פון באַקאַל.
רְבִית (ב"מ, ס.) צינזען, וואוכער. ד"ה עס פערמעהרט זיך דער קאַפּיטאַל. **רַבּוּתָא** (כתובות סג: חולין צא:) אַ גוזמא, פערגרעסערט, מערקווירדיג.
רְבִיעִי (בראשית א, יט) דער פיערטער, **רְבִיעִית** (במדבר כח, ז) אַ כוס פון אַ פיערטיל קוואַרט, צו קדוש און צו הבדלה (פסחים קט.).
רִבְקָה (בראשית כב, כג) די דיקע[1]. נאָמען דיא 2=טע פון אונזערע אמהות, די פרוי פון יצחק און מוטער פון יעקב.
רֶגַע (תהלים ל, ו) אויגענבליק — **רְגָעִים** (ישעיה כז, ג). אַ רגע איז אַ מינוט, דאָס הייסט $^1/_{60}$ פון אַ שטונדע. **רֶגַע מְנוּחָה** איין אויגענבליק רוהע. **רֶגַע כְּמֵימְרָא** (ברכות, ד) אַ מינוט דויערט ווי אויסזאָגען אַ וואָרט.
רוֹגֶז (איוב ג, כו), **רוּגְזָא**, **רַגְזָנוּת** (קידושין, מא.) צאָרן. ערגניס.
רַגְזָן (קידושין מ.) — **רַגְזָנִים** (שמ"ר פ"ז) צאָרניגע, נערוויסע, לייכטע אויפגערעגט צו ווערען. „דער'רגז'נען" פערבייזערין.
רָגִיל (תענית, טו:) געאיבט (שם, כ: פסחים, צט.) געוואָהנט.
רְגִילוּת (ברכות כב. שבת קיט.) געוואָהנהייט.
רֶגֶל (שמות כא, כד) פוס. **רַגְלַיִם** (ויקרא כא, יט).
רֶגֶל (פסחים, ח:) פייערטאָג. **רְגָלִים** (שמות כג, יד). „רגל געלד" געשאַנק צו יום טוב, פיר דוחאָוונע לייט.
רוֹדֵף (משלי כח, א) פערפאָלגט, פערפאָלגער. **רְדִיפָה** (ירושלמי ב"ק פ"ד). **רְדִיפוֹת** — פערפאָלגונגען. **רוֹדֵף אַחַר הַכָּבוֹד** איז גערען מען זאָל איהם בעעהרען. **רוֹדֵף שָׁלוֹם** (אבות פ"א, יב) יאָגט נאָך צו

[1]) כן מתרגם המלומד האשכנזי טֶצְנֶר במחברתו „**Namenbuch**" לשמות האשכנזים, והוא מלי „עגל מרבק" (ש"א כח, כד); ובגמרא: „הכניסה לרבקה" (ב"מ ל.) הכנים הבהמה להאבום (קריפפע), שמפטמים שם העגלים להיותם שמנים ובריאים.

שאפען פרידין. „רודפ'ן, רודפ'ט".

רוח (בראשית לב, יז) אבלייז, אינטערוואל, אויך: פארטהייל, פערדינסט, צינזען (מ"ק, יז).

רוחים (יומא כא.). „געהאט רוח" פערדיענט אין עסק. „זיינע געלד גייט אויף רוחים" (זעה — „מרויח'ער").

רוח (בראשית א, ב) ווינד, גייסט, **רוחות** (תהלים קד, ד). **רוח גבורה** (ישעיה יא, ב) העלדענמוטה. **רוח חכמה** (שם, ב"ר לד, ט) גייסט דער וויזהייט. **רוח הקדש** (ברכות ח.) היילינגע גייסט. **רוח שטות** (סוטה, ג) דומער גייסט. **רוח רעה** (שופטים ט, כג), **רוחות רעות** — שלעכטע גייסטער. „א אמת'ר רוח" — א שטורמישער מענש. „א רוח אין איהם אריין" (סוטה ג.) א געוואוינליכע קללה ביי פאלנישע חסידים[1].

רוחניות גייסטליך, אונקערפערליך; „א רוחניות מעשה" ניט קיין שטייפער מאטעריע.

ריח (בראשית ח, כא) גערוך, דופט, **ריחות** (שהש"ר פס' לריח).

ריח בשמים א גערוך פון געווירצען, **ריח גן עדן** (רש"י עה"כ ברא' כז, כז), **ריח טוב** (ברכות, מ) גוטער גערוך, **ריח רעה** (שם, כה) שלעכטער גערוך, געשטאנק.

רחבת (בראשית לד, כא) געראם. „לעבען אין רחבת" אין בעקוועמליכקייט, ניט געדריקט פון מאנגעל און נויט.

רחים (ביצה, כג:) מיהלע, מיהלשטיינע.

רחל (בראשית כט, ל) מוטטערשאף[2]. נאמען — די דריטע פון אונזערע אמהות, יעקב אבינו'ס בעליעבטעסטע פרוי. זי האט איהם געבארען דעם יוסף'ן און בנימין.

רחמים (שבת, קנא.) ערבארמונג, **רחמן** (ב"ב קמה) בארמהערציגע. **רחמנא** (גיטין, יז.) בארמהערציגקייט, אזוי רופט

---

[1]) הכתוב מלמדנו: „עושה מלאכיו רוחות" — רוחות ממש, לדעת הרמב"ם ז"ל, ולא שדים ולילין, ושמואל אמר: „הכל ברוח" (ב"מ קז.) הרוח המנשב מחליא ומבריא. אדות פעולות הרוח עי' מדרש תהלים כז, ויק"ר כד.

[2]) כן מתרגם טצנר לפי עסקה בבית אביה, שנ': „ורחל באה עם הצאן וגו' כי רועה היא" (בראשית כט, ט). וצאן נקראו גם רחלים (שם לא, לח; שם לב, טו) ונאמר „וכרחל לפני גוזזיה" (ישעיה נג, ז).

מען אָן דעם באַשעפער, ווייל ער ערבאַרמט זיך איבער אַלע זיינע געשאַפענע (תהלים קמה, ט).

רַחֲמָנָא לִצְּלַן (שבת, פד.) דער ערבאַרמיגער זאָל רעטען.

רַחֲמָנוּת (יבמות סד). „רחמנות פנים" — שטעלט אָן אַגרימאַסע ווי אַ הילפסלאָזיגער צו בעמיט־ליידען. „בעט זיך רחמים" פאָ־דערט מיטלייד.

רַחַ"ש — פערקירצונג פון „רב, חזן, שמש" (זעה — „כלי קדש"). „אָפריכטען רח"ש", הייסט: אָב־צאָהלען זיי זייער איינקינפטע פון אַחופה אָדער צו אַברית [1].

רַךְ לֵב (דברים כ, ח) ווייכהערציג.

רְכִילוּת (ירושלמי פאה, פ"א ה"א) קלאַטשעריי, פערליימדונג. „אָנטראָגען רכילות" הייסט, דאָס איבערגעבען איינער פון צווייטען שלעכטע נאָכרייד.

רַמַּאי (קידושין נט, ע"ז יט) בע־טריגער, **רַמָּאִים** (ב"מ מו).

רַמָּאוּת (ב"ב, קכג) בעטרוג.

„געלער רמאַי" — צו דעם איבער־ציינונג איז מען געקומען אַז דאָס מעהרסטע שווינדלער זיינען אונטער געלע [2]. דער איינביל־דונג קומט פילייכט פון דעם, ווייל מיט דעם האָרפאַרב איז אויך דער ליסטיגער פוכס; אָבער אין דעם ביבל איז געזאָגט אין אַלגעמיין, דאָס אין אַלע ראַסען גיט עס בעזעס דיא מאַסען (בראשית ו, ה; שם ח, כא).

---

[1] פה מקום אתי להערות שעל דברת שומרי משמרת הקהלות היתה הנבואה הראשונה בשמואל בתוכחת מגולה על בני עלי: על פחזותם ועזותם, בלקחם בחזקה מתנות הכהונה (ש"א ב, טז); וחזות קשה הוגד לו: „אם יתכפר עון בית עלי בזבח ובמנחה — עד עולם!" (שם ג׳ יב — יד).

[2] התשבי כתב בשרש „צבע": „הזהרו מן הצבועים" (סוטה כב.) פי׳ אדמוני בטבע. וצבע שערו אדום, כי רובם הם רעים בטבע. וספר „ברכת משה" כתב, שנרמז בתורה: „שער צהוב — וטמא אותו הכהן" (ויקרא יג, יב). וכן איתא בס׳ שבילי אמונה (נתיב ד, שביל א) ובחוברת משלי הקדמונים מאת דר׳ לוינסון רב דשטוקהולם, וכן ראיתי באלפס והבאתי ראיה ממקרא זה: „והוא אדמוני" (ש"א טז, יב) וכתיב בו להלן „כי אמר אלי ערם יערים הוא" (שם כג, כב), ובפתגם אשכנזי: „איין ראטער בארד איז א בעטריגער, והרוסי יאמר:

„Рыжій Красный, — Народъ опасный".

רֶמֶז (שבת, קז.) אָנדייטונג, אָנ־ווינקען. **רְמָזִים** (שם, קיג:).

רִסּוּק אֵבָרִים (חולין, נא:) צו־ברעקלען די גלידער — איז געזאָגט אויף אַשלעכטען אָבשניט.

רַע (בראׁ ו, ה), בייזע, שלעכטע, **רָעִים** (שם יג, יג). **רַע עַיִן** (משלי כג, ו) בייזע אויג, ניט פער־גינער. **רָעָה** (בראשית כו, כט) שלעכטעס, בייזעס. **רָעוֹת** (שם כח, ח). „טהאָן אַ רעה" (שם כו, כט), „טהאָן רעות" (איב"ר פ' יד). „רע־גינע" פערבייזטע.

רַעְיוֹן (קהלת א, יז) געדאַנקען, אידעע, **רַעְיוֹנוֹת**.

רַעַשׁ (מ"א יט, יא) רוישונג.

רֵעוּת (ברכת התנים) פריינדשאַפט.

רוֹפֵא (ירמיה ח, כב) אַרצט, דאָקטאָר מעדיצין, **רוֹפְאִים** (בראשית נ, ב). **רוֹפֵא מוּמְחָא** קאָמפּאַטענטער אַרצט. בל"ז „רופא" פעלדשער. **רְפוּאָה** (סנהדרין, קא) היילמיטעל. **רְפוּאוֹת** (יומא, מט). **רְפוּאָה שְׁלֵמָה** (רפאינו בש"ע) פאָלקאָמע גענעזונג. „צו רפואה" (ברכות, ס:) צום גוטען ווירקונג, גענעזונג. „קאַלטע רפואות" הילפסלאָזע מיטעל. „דער צו איז דאָ אַ רפואה" (כתובות, קיא.) אַ מיטעל, אַ עצה.

רְפָאֵל (דהי"א כו, ז) הייל גאָט! מענליכער נאָמען, אין תלמוד איז מיט דעם בענענט הימעלשע בענעזונג (ב"ר פ'

רוֹצֵחַ (דבר' ד, מב), **רַצְחָן** (סוטה מד) מערדער. **רוֹצְחִים** (מכות, י). **רַצְחָנִים** (סוטה, פט:), **רַצְחָנִין** (בבלי שם מז.). **רוֹצֵחַ הַיַּעַר** — אַ מערדער וואָס לויערט אין וואַלד. **רְצִיחָה** (סנהדרין, לה.) מערדעריי. **רְצִיחוֹת**.

רָצוֹן (דברים לג, כג) אַיינוויליגונג, צופרידענהייט.

רְצוּעָה (ברכות, כג.) ריעמען, באַנד, **רְצוּעוֹת** (זבחים, נג). „רצועה צו מלקות" (ב"ב, ז:), „רצועות צו תפילין" (מו"ק, כה:).

רֵיק (נחמיה ה, יג) לעערע מענש. **רֵיקִים** (שופטים ט, ד). לייכטזיננינגע. **רֵיק שֶׁבְּרֵיקִים** (במדב"ר פ"ד, יד).

רֹאשׁ (בראׁ ג, טו) קאָפּף, **רָאשִׁים** (מ"ב י, ו). אויך הויפטמאַנן, אָנפיהרער, עלסטער (במד' יד, ד), ערסטער (שמות יב, ב). **רֵאשִׁית**

(בראׄ י, י) אָנפאַנג, ערסטענס. „ראשית בין איך מודיע" — ערסטינס בענאַכריכטע איך.

ראשונים (ויקרא כו, מה) הייסען אַלע די **נביאים ראשונים**, (זעה — „נביאים"). אויך די ערסטע פוסקים (עירובין, נג.), און די ראַבינער פון מיטעל־אַלטער — געגען זאַטץ פון „אחרונים" (זעה— דארט).

ראש בית דין (ברכות, נז.) עלסטער אין געריכטס הויז.

ראש המדברים (שבת, לג.) דער הויפט אַנשפרעכער.

ראשי העדה, ראשי הקהל — פאָרשטייער דער געמיינדע.

ראש הרבנים גראַנד ראַבין.

ראש השנה (יחזקאל מ, א) אָנפאַנג יאָהר, נייַ יאָהר.

ווערליג די אומקרייזונג פון דער צייט, נאָך די זון סעזאָנען, קען מען בעשטימען נאָר אַ טאָג פאַר אַ נייַ יאָהר (בראשית א, יד), און נאָך איהם נאָך רעכנען דעם אָרדנונגס צאָהל פון די 12 מאָנאַטען אין יאָהר, נאָך יעדער מולד פון דער לבנה (שם). נאָר פאַרצייטען האָט מען בעצייכענט די יאָהרען נאָך אונזער בעפרייט ווערין פון מצרים (שמות טז, א. שם יט, א. במדבר א, א. שם לג, לח. מ"א ו, א) און מיט דעם נייַ יאָהר זיינען נאָך געגאַנגען אויך די 12 חדשים. און ניסן איז געווען און געבליבען דער ערשטער, דען דערויף איז בפירוש אָנגעזאָגט אין דער תורה (זעה — „ניסן" אין הערה), אָבער דער יאָהר רעכנונג האָט זיך געענדערט: ווען מיר זיינען געוואָרען אַ רעגירענדע פאָלק, האָבען מיר געציילט דאַן די צייטען נאָך די יאָהרען פון די מלכים — ווי עס איז שוין בעצייכנט אין אַלע ספרי הנביאים און אין אָנפאַנג מסכת ראש השנה. נאָך דעם חורבן, ווען מיר זיינען געוואָרען בלויז אַ וועלט פאָלק, איז פערבליבען מיר זאָלין ציילין נאָך די וועלט בעשאַפונג, ווי עס איז אונז איבערגעבען אין דער תורה. וועגען די צייט דערויף אין יאָהר, זיינען געוועזען פעראיינאַנדער געטיילט אין זייערע מיינונגען צווי פון די גרויסע תנאים, פון יענער צייט פון חורבן: „רבי יהושע", ער האָט בעוויזען פון

פסוקים און פון דער נאַטור אַז אין ניסן איז ניי בעשאַפען געוואָרען די וועלט, און דערצו איז אויך אין ניסן פיל נאַציאָנאַלע פאַסירונג — אַחוץ וואָס מיר זיינען בעפרייט געוואָרען פון מצרים: האָט אין איהם אויפגעהערט די באַלעסטיגטע אַרבייט פון אונז, אין ניסן זיינען געבאָרען אונזערע אָבות הקדושים, אין איהם איז יוסף בעפרייט געוואָרען פון תפיסה, אין איהם זיינען ערינערט געוואָרען די עקרות, שרה, רחל און חנה. אָבער „רבי אליעזר" האָט אויפגעוויזען אויך פון פסוקים און פון דער נאַטור דאָס אין תשרי איז געשעהן די וועלט בעשאַפונג, און די אויבען גערעכינטע נאַציאָנאַלע געשעהניסען (מסכת ראש השנה דף י, יא), און דער ראש השנה איז פערבליבען בעשטימט דער ראש חדש תשרי. און נאָך איהם ציילען מיר די יאָהרען, אָבוואָהל די תורה רופט איהם אַליין אָן „דער זיעבענטער מאָנאַט" (ויקרא כג, כד; במדבר ט, א) און אויף איהם האָבען שוין בעלאַנגערט אַלע פייטנים מיט אַלע זיינע געשעהעניסען נאָך רבי אליעזר'ס דעה, אָבער די חדשים זיינען פערבליבען אין זייער אָרדנונגס צאָהל — ניסן דער ערסטער אין יאָהר, דען דאָס איז בפירוש אין דער תורה (שמות יב, ב. ועה — „ניסן") צוליב דעם נאַציאָנאַלען אָנדיינקונג, אָבער ראש השנה איז אַ וועלטליכער, איהם האָבען געמאָגט אַלע אַנדערע פעלקער און נאַציאָנען, וועלכע גלויבען אין „חידוש עולם", מיט אונז צוזאַמען פייערען און איהם מאַכען פאַר אַ אינטער נאַציאָנאַלען ניי יאָהר.

ראשו ורובו (שבת, יג:) זיין קאָפּ מיט'ן גרעסטען טהייל קערפּער.

ראש חדש (שבת, פו:) נייא מאָנהייט. **ראשי חדשים.** די ראשי חדשים קומען כסדר נאָך די טעג פון וואָך, איז צוויי טעג ראש חדש — קומט דער אָנגעקומענער ר"ח מיט אַ טאָג שפּעטער פון דעם צווייטען טאָג פון פאָריגען חדש (חוץ ר"ח חשון קומט אין דעם זעלבען

טאָג וועלכער אין איהם איז גע־פאַלען דער צווייטער טאָג ראש השנה—וואָס דאָס איז דער ר"ח תשרי). — די ראשי חדשים פון חדש: נִיסָן, סִיוָן, תִּשְׁרֵי, שְׁבָט זיינען אימער פון איין טאָג. תַּמּוּז, אֱלוּל, חֶשְׁוָן, אֲדָר וַאֲדָר — זיינען אימער פון צוויי טעג. כִּסְלֵו, טֵבֵת איז — ווען חשון כסלו זיינען ביידע מלא, ד"ה צו 30 טעג — זיינען זיי דאַן ביידע צו איין טאָג ר"ח; ווען איינער פון זיי איז אַ חדש חסר, ד"ה 29 טעג, דאַן איז כסלו נור איין טאָג ר"ח און טבת צוויי טעג.— ווען צוויי טעג ראש חדש, איז פאַררעכענט דער ערשטער טאָג פאַר דעם דרייסיגסטען פון פערגאַנגענעם הדש און דער צווייטער טאָג ר"ח איז דער ערשטער אין דעם נייעם חדש, אויסער דער חדש תשרי איז שוין דער ערש־טער טאָג רה"ש פאַררעכענט פאַר דעם ערשטען טאָג אין חדש תשרי (ווי אויבען איז גע־זאָגט ביי ר"ח חשון), די נפקא מניה איז אַנטקעגען די ימים טובים, וואָס פאַלען אין דעם חדש, ווי: יום כפור בעדאַרף זיין דעם צעהנטען תשרי (במדבר כט, ז), סוכות — דעם פונפצעהנטען (ויקרא כג, לד). „ראש חדש" — פלעגט ביי אונז הייסען אַ יום טוב, אויך נאָך יעצט טראָגט ער אַ מאַניפעסט פון אַ פעסט טאָג: מען זאָגט ניט אין איהם די טרויערדיגע קאַפּיטלען: „יענך ה' ביום צרה" און „תחנון" און דעם פערקלאָגטען „לאַנגען והוא רחום". מען זאָגט אין איהם דעם יו"ט הלל מיט מוסף און קריאת התורה פון סדרה פינחס (במדבר, כח) ווי פאַר אַלע יום טוב טעג. פרומע פרויען אַרבייטען ניט אין איהם זייערע היימישע זייטיגע אַרבייט, און שיקען די רביים אין חדר — „ראש חדש געלד". דאָס זיינען די כללים פון ראשי חדשים אין כלל, אָבער דאָס וואָס אנבעלאַנגט צו וויסען צו יעדער חדש בעזונדער מיט זייערע קביעות — ד"ה ווען זיי קענען אויסקומען — זעה ביי יעדען חדש נאָך זיין נאָמען.

ראשי פרקים (סוטה, ל. אדר"נ פ׳כד) אָנפאַנגס פאַראַגראַ־פען וועגען בעדינגונג. **ראשי תבות**—אָנפאַנג ווערטער פער־קירצטע (זעה אין דער הקדמה, זײַטע 11 אין הערה).

ריש (שבת, קד) נאָמען 21־טע אות אין העברעאישען א"ב.

רש"י — איז דער ראשי תבות פון נאָמען „רבי שמעון יצחקי" ז"ל, דער גרויסער און ערסטער מבאר פון דעם גאַנצען תנ"ך על פי פשט, ברײַנגט אויך גאַנץ אָפט די דרשת חז"ל אויף פיעל פסוקים; אויך איז זײַן פירוש כמעט אויף גאַנץ תלמוד. אין יעדער חדר איז געלערינט געוואָרען „חומש מיט רש"י".

רושם (סנהדרין, קב:) מערקמאָהל. „מאַכט אַ רושם", אַקענט.

רשימה — בעצײַכנונג, נאָטיץ, קאַטאַלאָג. **רשימות**.

רשע (בראשית יח, כג) שלעכטער, גאָטלאָזער. **רשעים** (במדבר טז, כו). **רשע גמור** (חגיגה, יג) פאָלקאָמער זינדער. **רשעים גמורים** (ר"ה, טז). **רשעות** — בײַזהאַפטיגקײַט. **רשעת**—בײַזע. **רשע מרושע**.

רשות (ברכות, נא:) ערלויבניס, פרײַשטעהענד. **רשות היחיד** (שבת, ב.) אייגענטהום פון אַ איינצעלנעם מענשען. **רשות הרבים** (שם) וואו עס איז פאַר יעדען איינציגען פרײַ. „נעהמען רשות"—בעטין ערלויבניס.

רות (רות א, ד) גענוגזאַמע [1]. די העלדין פון מגילה „רות". פון איהר שטאַמט דוד המלך (זעה—„נעמי").

---

[1]) תרגמתי מלי רוה, כמו: „רותה בשמים חרבי" (ישעיה לא, ה), וכן מסיק רבי יוחנן שהוא מלשון רוה: „ולמה נקרא שמה רות—שיצא ממנה דוד שרוהו להקב"ה בשירות ותשבחות" (ב"ב, יד.).

ש.

ש— געשטאלט דער 21-טע בוכשטאב אין „א״ב״ און איז פערעכענט אנשטאט דעם ציפער „300״, אדער דעם צאהלווארט **שלש מאות**, און פעראייניגט זיך מיט די בוכשטאבען וואס בעדייטען אויף איינצעלנע און צעהנדליגע, צב״ש: **ש״י עולמות** — 310 וועלטען. **שס״ה גידים** — 365 אדערין (וואס געפינען זיך ביין מענשען אין קערפער). **שס״ה מצוות לא תעשה** אדער **שס״ה** טעג אין יאהר״ (כתובות ו.)

דער בוכשטאב **ש** דינט צום אנפאנג ווארט אנשטאט דעם בעציהענדעם ווארט „אשר״, בעדייטעט; וועלכער, וועלכע, וועלכעם, צב״ש: ששם עלו שבטים (תהלים קכד, ד) וואס קומט אנשטאט — „אשר שם״.

קומט דער **ש** אלס בעדינגונגס בוכשטאב, מיט נאך בעדינגונגס בוכשטאבען צוזאמען, איז ער צום ערסטין, צב״ש: שבשפלנו (תהלים קלו, כג); און אמאל קומט ער דערנאך, צב״ש: „מי משלנו (מ״ב ל, יא); „לדבר אתו בשלי״ (ש״ב ג, כז) צו רייד מיט איהם אפריוואט זאך[1].

דער **ש** האט אויך דעם זעלבען איינגעשאפט, פון פערקירצונג, מיט אנדערע בוכשטאבען, אויף אזא אופן:

שא״ב – **ש״ב** – שאר בשרי.

שב״מ – שבת מברכין.

שב״ר – שבת בראשית.

ש״ד – שפיכת דמים.

שה״ג – שבת הגדול, שם הגדולים.

שה״ח – שקיעת החמה.

שו״ב – שוחט ובודק.

שו״ת – שאלות ותשובות.

---

[1]) במלת בשלי הב׳ והש׳ שתיהן משמשות ליחם הקנין, לדעת הגמרא: „לדבר אתו בשלי — אמר רב יהודה אמר רב: לדבר אתו על עסקי שלו״ (סנהדרין, מט.), באמתלא זאת הטה יואב את אבנר הצדה לבל ישמעו החיל אשר ברגלם השיחה אשר לא מעניני הצבא והמלחמה, רק מעסקי פרטי שלו.

שה"ש – שִׁיר הַשִּׁירִים.
ש"ז – שָׁנָה זוֹ, שָׁנָה זֹאת.
ש"ח – שַׁבָּת חֲזוֹן, שַׁבָּת חֲנוּכָּה, שׁוֹמֵר חִנָּם, שִׂפְתֵי חֲכָמִים, שָׁנוּ חֲכָמִים.
שחו"ה – **שחוה"מ** – שַׁבָּת חוֹל הַמּוֹעֵד.
ש"ט – שֵׁם טוֹב, שָׁנָה טוֹבָה.
שט"ח – שְׁטַר חוֹב.
ש"י – שֶׁל יַד.
ש"כ – שִׂפְתֵי כֹהֵן.
שכ"מ – שְׁכִיב מְרַע.
שליט"א – שֶׁיִּחְיֶה לְאֹרֶךְ יָמִים טוֹבִים אֲרוּכִים.
ש"מ – שַׁבָּת מְבָרְכִין, שְׁמַע מִנֵּיהּ.
שמו"ת – שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגּוּם.
שמ"ע – שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה, שְׁמִינִי עֲצֶרֶת.
ש"נ – שַׁבָּת נַחֲמוּ.
שנ' – שֶׁנֶּאֱמַר.
שנ"ב – שֶׁהַכֹּל נִהְיָה בִּדְבָרוֹ[1].
ש"ס – שִׁשָּׁה סְדָרִים. (מִשְׁנָיוֹת אָדֶער גְּמָרָא).
ש"ע – שֻׁלְחָן עָרוּךְ, שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה, שָׁנָה עִבּוּרָה.
ש"פ – שֶׁל פֶּסַח, שָׁנָה פְּשׁוּטָה.
שו"פ – שׁוּשַׁן פּוּרִים.
שופ"ק – שׁוּשַׁן פּוּרִים קָטָן.
ש"צ – שְׁלִיחַ צִבּוּר.
שק"ה, שקה"ח – שְׁקִיעַת הַחַמָּה.
ש"ר – שֶׁל רֹאשׁ, שֵׁם רָע.
שר"ח – שַׁבָּת רֹאשׁ חֹדֶשׁ.
ש"ש – שַׁבָּת שׁוּבָה, שַׁבָּת שִׁירָה, שִׁבֹּלֶת שׁוּעָל.
שש"י – שִׁיר שֶׁל יוֹם.
ש"ת – שַׁבָּת תְּשׁוּבָה — שִׂמְחַת תּוֹרָה.

שְׁאֵלָה — אַ פראַגע. „אַ שאלה דאָס איז", ד"ה: עס איז קיין צווייפעל. „אַז מען פרעגט אַ שאלה איז טרוף". „עסט ניט פון אַ שאלה" (חולין, לז:) ד"ה: ווען מען דאַרף שוין פרעגען דערויף, איז שוין אַ חשש טרוף.
שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת — פראַגען אונד אַנטוואָרטען — הייסען רבנים'שע ספרים וועגען רעליגיעזע אַנגעלעגענהייטען. „די שאלה" הייסט: די געבעט אויף רעגען (תענית, י׳), מיט די קורצע תפילה „טל ומטר", וואָס איז צוזאָגען אין שמונה עשרה, צו „בָּרֵךְ עָלֵינוּ אֶת הַשָּׁנָה הַזֹּאת", ווייל

[1]) מאנכע ערקלערין דאס דער פון שטאמט: „מאבען אישנבים", ד"ה אי. פערקירצונג: מאבען ברכה — „שהכל נהיה בדברו".

די גערָאטענהײט פון יאָהר ווענדט זיך אָן די רעגעלמעסיגקײט פון רעגען, זאָגט מען דאָס ווינטער צײט, וואָס ארץ ישראל נײטיגט זיך דאַן אין דעם, און הײסט די „שאלה"—פאַנגט אָן אויף דעם 60-טען טאָג נאָך תקופת תשרי און מען זאָגט ביז פסח (תענית, מ. עי' או"ח ה"ת סי' קיז).

שְׁאוֹל תַּחְתִּיָּה (דברים לב, כב) די אונטערסטע העללע.

שָׁאוּל (ש"א ט, ב) אויסגעבעטענער. מיט דעם נאָמען איז געווען אײנער פון די זיבציג פערזאָן פון יעקב אבינוס פאַמיליע, די אַרײַנגעקומענע מיט איהם קײן מצרים; מיט דעם נאָמען איז אויך אין אונזער געשיכטע דער ערשטער אידישער קעניג „שאול המלך". ער האָט אַ קורצע צײט רעגירט, אָבער ער האָט פיעל אויפגעטהאָן געגען די אידישע פײַנדע (ש"א יד, מז—מח) און אַנדגעגען אַבערגלויבערײַ אויסצוראָטען פון אידישע לאַנד (שם כח, ט) און איז געשטאָרבען אויף דעם קריעגס פעלד ווי אַ גרויסמוטהיגער העלד (שם לא, ד).

שֶׁאֵינוֹ יוֹדֵעַ לִשְׁאוֹל (הגדה ש"פ) וועלכער פערשטײט ניט צו פרעגען, אַ דומער.

שְׁאֵר בְּשָׂרוֹ (ויקרא יח, ו) אַ לײַבליכער פרײַנד.

שְׁאָר יְרָקוֹת (פסחים קלו) פערשידענע קרײַטער.

שֶׁבַח (ברכות, לא) לויב. **שְׁבָחִים** (עירובין, יח:), „זײַנע שבחים איז ניט אויס צוערצײלען". „אָבגעבען אַ שבח צום רבינו של עולם".

שֶׁבַח – מענליכער נאָמען, וואָס שטאַמען סתם פון העבראישע ווערטער.

שִׁעְבּוּד (סנהד', צא:) אונטערין יאָך.

שְׁבָט (זכריה א, ז; ר"ה פ"א, מ"א) נאָמען דער 11-טער מאָנאַט פון יאָהר, זײַן ר"ח איז 1 טאָג, פאַלט נור אין: יום ב, ג, ד, ה, ז, און צײלט 30 טעג; ער פאַלט אין רעכטען מיטען ווינטער; אין צפון איז אין אים די קירצטע טעג און לײַנגסטע נעכט, מיט קעלטען, שנײען, פרעסט און שטורימווינטען ווי די אַקלימע בײַ

דעם אַייז מעער. אויף דעם מאָנאַט געהט אַיין שפּריך וואָרט: „שבט ניע בראַט", ד"ה: דיזער מאָנהײַט איז גאָר קײַן גוטער ברודער פאַר אָרימע מענשין. דער נאָמען שבט אין העבראַיִשער שפּראַך האָט אין בעדײַטונג נאָך דעם ארץ ישראל אַקלים, ד"ה: שטאַב, אַ צווײַגעל, אַ וויצקע (יחזקאל כא, טו), ווײַל דאָרט אין פּאַלעסטינאַ הייבט אין דיעזען מאָנאַט זיך אָן צו בעווײַזען קנאָספּען פון בליהונג, דאָס אין דעם האַלבען דיזען מאָנאַט איז בעשטימט אַלס נײַ יאָהר פון די בוימען (ר"ה ב.) (זעה — „חמשה עשר בשבט").

שֵׁבֶט (שמות כח, כא) שטאַמם — **שְׁבָטִים** (יהושע יח ב). אַזוי הייסען די צוועלף שטאַמען, די אידישע פאַמיליען (ירמיה ב, ד; שם לא, א), פון וועלכע עס איז צוזאַמען געשטעלט געוואָרען דאָס יודישע פאָלק, דורך די צוועלף ברידער, די זאָהנע יעקב'ס (בראש' כט. כח) נאָך זייערע נעמען דיזע:

1) שבט ראובן. 2) — שמעון. 3) — לוי. 4) — יהודה. 5) — יששכר. 6) — זבולון. 7) — יוסף. 8) — בנימין. 9) — דן. 10) — נפתלי. 11) — גד. 12) — אָשר. (שמות א).

שִׁבֹּלֶת שׁוּעָל (פסחים לה.) האַפער, האָבער.

שִׁבְעָה (בראַ' ז, ד) **שֶׁבַע** (בראשית ה, ז) 7. **שִׁבְעִים** (שם ה, יב) 70. אונטער דעם צאָהל 7 קומען זייער פיעל ענינים, ווי: 7-טעג פון וואָך. 7 יאָהרען פון שמיטה, 7 שמיטות אין אַיובל. 7 וואָכען ספירה. אין זשאַרגאָן קומען פאָלגענדע: **שִׁבְעָה** די זיעבען טרויער טעג נאָך אַ פּערשטאָרבענעם פון אַ נאָהנטען אין פאַמיליע[1]. עס איז געבראַכט אין ספר מענה לשון

---

[1]) בירושלמי פ"ק דכתובות: „משה תקן שבעת ימי האבלות ושבעת ימי המשתה". עי' שבת קנב: „אמר ר' חסדא: נפשו של אדם מתאבלת עליו כל שבעה, שנאמר: ונפשו עליו תאבל" וכתיב „ויעש לאביו אבל שבעת ימים" ומנין לאבלות שבעה? דכתיב: „והפכתי הגיכם לאבל" מה חג — שבעה אף אבלות שבעה (מו"ק, כ:) וטעם ע"פ הסבר להמספר שבעה באבלות מובא בס' מקורי מנהגים משפת אמת: כיימי שנותינו שבעים שנה, ויהיה שבעת ימים, יום לתקופה מז' העשריית בשנים.

דאָס וואָס אבלים שטעלין אין „שבעה טעג" אַ גלאָז וואַסער געבען אַליכט, איז עס שטרייִנג פערבאָטען ווייל דאָס איז מדרכי האמורי. **שֶׁבַע בְּרָכוֹת** — 7 ברכות, פיר דיא יונגע פּאַאר אונטער דער חופּה און אין אַלע זיבען טעג פון **שִׁבְעַת יְמֵי הַמִשְׁתֶּה** (שופטים יד, יב, ב"ר פ"ג) וואָס מען מאַכט צוליעב נייַע געסט (פּנים חדשות) וואָס קומען גראַטולירען, (געבען „מזל טוב") דאָס יונגע פּאָאר[1]). **שִׁבְעָה דְנֶחֱמָתָא** — 7 טרייסט קאַפּיטלען, געקליבענע פון דעם נביא ישעיה, וואָס מען לייענט צום מפטיר, פון שבת נחמו און וויַיטער. **שֶׁבַע חָכְמוֹת** 7 הויפּט־געגענשטענדע פון וויסענשאַפט: אַלגעבראָ, אַסטראָנאָמיִ, פּהיזיק, באָטאַניק, מוזיק, מאַלערייַא, אַרחיטעקטורע. **שִׁבְעָה טוֹבֵי הָעִיר** (מגילה, כו) 7 בעסטע פון שטאָדט, וואָס מען קלייַבט אויס אַלס אָנפיהרער. **שִׁבְעָה עָשָׂר בְּתַמּוּז** (ערכין יא:) 17 טעג אין תמוז, איז ביי אונז יעדער יאָהר אַ תענית מיט סליחות צו זאָגען, און פון איהם פאַנגט זיך אָן צו רעכענען די 3 טרויער וואָכען ביז תשעה באב, אויף דיא ביטערע געשיכטע וואָס אין איהם האָט פּאַסירט דורך דעם בעלאַגערין ירושלים. **שִׁבְעָה קְרוּאִים** (מס' סופרים פ. יד הל' א) די זיעבען וואָס מען רופט אויף צו דער תורה, צו יעדער סדרה דורך לייענען שבת (זעה— „עליה")· „שבעים מאָלצייַט" 70־טער געבורטסטאָג־מאָלצייַט. — אין העברייאישען דינט אויך די צאָהל זיעבען פאַר אַ אונבעשטימטע סומע און צאָהל, ווי: **שִׁבְעָה יָמִים** (ב"ב, עד.) 7 מערען. **שִׁבְעָה מְדוֹרֵי גֵיהִנּוֹם** (אדר"נ פ' יט) 7 אָבטיילונג פון דער העלע[2]). ד"ז איז אויך אין צעהנדליגע: **שִׁבְעִים לָשׁוֹן** (סוטה, לג), **שִׁבְעִים**

[1]) נשנה במסכת כתובית ונקבע להלכה במנהגי ישראל. והמקור אתן לזה לענ"ד הוא בשופטים (יח) שחגגו רעי שמשון, אם כי הרעים היו מהפלשתים — אולי משום כבודו נהגו בו מנהג ישראל, או שמשון נהג בעצמו מנהג ישראל בהמשתה שעשה, כי המשתה עשה הוא, ונאמר כי כן יעשו בחורים — אולי אלו בחורי ישראל.

[2]) תרגמתי מלשון: „לכל צדיק מדור בפ"ע" שבג"ע, וא"כ לרשעים מדורים

לשונות (מגילה, יג) פיעל פער־שידענע שפראכען[1].

שבועה (במדבר ל, ג) שוואור, **שבועות** (יחזקאל כא, כח). „אמת׳ע שבועה" (תהלים קלב, יא) ריכטיג געשווארען; אין געגענטהייל איז: „פאלשע שבועה" (זכריה ח, יז).

שבועות (שמות לד, כב) וואכען. אזוי הייסט דער יום טוב וואס פאלט זעכס טעג אין סיון, צו ליב דעם וואס מען בעדארף אבציילען 7 וואכען (דברים טז, ט) פון 2־טען טאג פסח וואט מען ברייננגט דעם עומר, ד"ה דעם מעסטיל פרישע געטריידע פון דעם יאהר. און אויף דעם 30־טען טאג (פון 2־טען טאג פסח) פייערט מען דעם שבועות. אויך האט געקענט הייסען „אינטערנאציאנאלער פייערטאג", אזוי ווי אונזער „ראש השנה", ווייל אין איהם איז געגעבען געווארען די צעהן געבאט וואס דאס איז אנגענומען פאר גרונד געזעטצע אונטער די איבעריגע נייע צוגעקומענע גרויסע רעליגיאנען, קריסטליכע און מאחמעדאנישע (זעה — „עשרת הדברות").

שבר (ויקרא כד, כ) אויפבראך. **שברי כלי** (יומא כא.) ברוך־געשיר. **שברת הלב** — אהארצפלאצעניש. **שברים** — די צובראכענע קורצע טענער 8/16 אין שופר בלאזען (דאנעגען דעם תקיעה און תרועה וואס זיינען לאנג־געצויגענע טענער).

שבוש (ר"ח, ל:) פעהלער, גרייז, **שבושים**.

שבת (שמות כ, י) רוהע־טאג. **שבתות** (ויקרא כג, ל) (בל"ז: „שבתים"). **שבת** הייסט דער זיבענטער און לעצטער טאג אין יעדער וואך, וואס עס איז בעשטימט פאר א רוהע טאג, ניט צוא ארבייטען אין

בגיהנום, וכן בפעל „מדור באהלי רשע" (תהלים פד, יא); אך חובבי הגיהנום מתרגמין מלשון אנדיל המדורה (יחזקאל כד, ט) הנאמר על התופת: „מדורתה אש ועצים הרבה, נשמת ה׳ כנחל גפרית בוערה בה" (ישעיה ל, לג).

[1]) המספר שבעה המורה בעברית גם על סכום בלתי מסוים, כמו: „שבע יפול צדיק וקם", וא"כ יש לשער שגם המספר שבעים מורה על סכום גדול ורב בלתי מסוים בעשרות.

איהם. דער פּועל יוצא פון דעם איז, אַזויא וויא אַנדערע מצוות התורה: גײַסטליך און קערפּערליך. גײַסטליך איז אין דעם בעצוג פון יודישען גלויבען אין „חדוש העולם", צו נאָכמאַכען דעם אַנדענקונג וויא דיא תורה בעשרײַבט: דאָס אין זעכס פּעריאָדען [1] האָט גאָט בעשאַפען דעם גאַנצען הימעלשען סיסטעם, מיט די ערד און אַלעם וואָס עס גיט אין איהר, און אין דעם זיעבענטען — רוהע געהאַט (שמות כ, יא שם לא, יז); און קערפּערליך האָט דער שבת־טאָג אַ וויכטיגע בעדײַטונג, דאָס ער איז דער ערשטער שריט אין סאָציאַליזם: צו פערהיטען און פערבעסערין די לאַגע פון דער אַרבײַטער קלאַסע — דעם פּראָלעטאַריאַט, געגען די בורזשואַזיע, די גוטס בעזיטצער און פאַבריקאַנטען, דאָס זייערע אַרבײַטער זאָלען האָבען אַיין רוהע טאָג, ווי די תורה גיט אַ בעדײַטונג בפירוש „וְיוֹם הַשְּׁבִיעִי שַׁבָּת וגו׳ לְמַעַן יָנוּחַ עַבְדְּךָ וַאֲמָתְךָ כָּמוֹךָ" (דברים ה, יד), ד"ה: אָבער דער זיבענטע טאָג (אין יעדע וואָך) איז אַ רוהע טאָג א. ז. וו. דאַמיט דײַן קנעכט און מאַגד זאָלען רוהע האָבען ווי דו—רוהעסט אַ גאַנצע וואָך ווען דו ווינשט. אויך איז אין דעם זעלבען פסוק (און אין שמות כג, יב) פערזאָגט אויף די רוה פאַר די פיה, וועלכע העלפען מיט זייער כח אין דעם מענשענס אַרבײַט (שביתת בהמתו), וואָס דער פּאַראַגראַף קומט שוין געוויס ניט אַרײַן אויך בײַ דיא ציוויליזירטע גוטהערציגע חברה צער בעלי חיים. דיעזע בײַדע טעמים זײַנען אַ הויפּטזאַכע אין רעליגיעזען און עקאָנאָמישען שטאַנד אין די ציוויליזירטע מענשהײַט. ווי דער תלמוד רופט אָן דעם שבת: „מתנה טובה" ד"ה, אַ גוטע געשאַנק פיר דיא

[1]) בענין ששת ימי עשיה בהבריאה, הוא לגבי קוב"ה — אשר „אלף שנים בעיניך כיום אתמול" (תהלים צ, ד), ומהרה דמרי עלמא — תמני מאה וחמשין ותרי, שנין (סנהדרין, לח.) — דברה תורה כלשון בני אדם (ברכות, לא). עי׳ דרוש „אור החיים" להגאון בעל תפארת ישראל בפירוש המשניות שלו על מאמר חז"ל (סנהדרין, צז) „תנא דבי אביי: שית אלפי שנין הוה עלמא, וחד חריב".

מענשהייט, איז געגעבען פון גאָטעם אַרחיוו[1]. ווייל די רוהע מאַכט ניעמאַנדען שאַדען, נור נוטצען, דען נאָך דעם רוהען ערווערבט מען נייע קרעפטען[2]. דער נביא ישעיה האָט דאַרויף אָנגעוויזען, דאָס מען זאָל זיך ניט בעקימערין וועגען דעם טאָג שבת און מען זאָל איהם אָנרופען: „פערגעניגענד טאָג" (ישעיה נח, יג), אפילו איין אָבל פערלאָזט אין אין איהם זיין טרויער צערעמאָניע, און מען בעדאַרף אין איהם פרעהליך זיין, שענער זיך אָנציהען און מיט בעסערע גוטע שפייזע-געריכטע פון אַלע טעג פון וואָך (ביצה טז.). זיין מוטהיג, פרעהליך, דאָס הייסט די „נשמה יתירה" פון שבת (זעה — „נשמה יתירה" אין הערה). זיא דאַרף זיין פריי פון די קייטען פון אַרבייט זאָרג, און שווירינקייטען, אין איין וואָרט — איין קעניגין געגען די אַרבייטס-טעג, דאָס אין דעם לשון פון דיא חכמים הייסט זי: **שַׁבָּת מַלְכְּתָא** (שבת קיט).—עס גיט שבתים אין יאָהר וואָס האָבען בעזאָנדערע בענעננגען: **שַׁבָּת בְּרֵאשִׁית** דער שבת הייסט נאָך דיא סדרה בראשית, וואָס מען הויבט אָן אין איהם ווידער צו לייענען די תורה, דעם ערסטען שבת נאָך סוכות. **שַׁבָּת הַגָּדוֹל** דער שבת פאַר פסח, הייסט גרויסער, ווייל אין דיא קומענדע וואָך ווערט דערציילט אין סדר של פסח דער גרויסער נס וואָס מיט אונז האָט פאַסירט. **שַׁבָּת חֲזוֹן** דער שבת פאַר תשעה באָב, ווייל אין איהם לייענט מען די הפטרה „חזון ישעיהו. **שַׁבָּת חוֹל הַמּוֹעֵד** דער שבת וואָס פאַלט אין חול המועד. **שַׁבָּת חֲנוּכָּה** דער שבת וואָס קומט אוים אין די וואָך פון די אַכט

[1] ז"ל הגמרא: א"ל הקב"ה למשה „מתנה טובה יש לי בבית גנזי ושבת שמה ואני מבקש ליתנה לישראל" (שבת, י, ביצה, טז.)

[2] באחד מגליוני הלבנון מובא הנסיון שעשתה ממשלת אנגליה בשני עגלונים שנמסרו להם סוסים שוים בגבורתם וצותה על שניהם לנסוע בדרך אחד רחוקה, על אחד צותה לנסוע תדיר, ועל השני צותה לשבות יום תמים אחרי נסיעתו ששת ימים, וזה ששבת בא למקום הנועדה לשניהם — ימים מספר לפני השני.

חנוכה טעג. **שַׁבָּת מְבָרְכִין** וואָס מען בּענשט אין איהם ראש חדש. **שַׁבָּת נַחֲמוּ** דער שבת באַלד נאָך תשעה באב וואָס מען לייענט אין איהם די הפטרה „נחמו, נחמו עמי". **שַׁבָּת ראש חֹדֶש** — ווען עס געפאַלט שבת מיט דעם ראש חדש טאָג צוזאַמען. **שַׁבָּת שׁוּבָה** — דער שבת וואָס קומט באַלד נאָך ראש השנה, און מען לייענט די הפטרה „שובה ישראל" עס קומט אויס אין „עשרת ימי תשובה" רופט ער זיך אָן בל"ז: **שַׁבָּת תְּשׁוּבָה. שַׁבָּת שִׁירָה** — דער שבת פון סדרה בשלח, וואָס קומט אין איהם די שירת הים „אָז ישיר", אויך די הפטרה איז צוגעפאַסט מיט די שירה „ותשר דבורה". דער וואָרט שבת ווערט אויך ערּאינערט מיט דיזע אויס־דריקע: „שבת גוי" — דער בע־שטעלטער סטרוז צו טאָהן אין יודישע הייזער, היימישע אַרבייט, וואָס פאַר אונז איז עס מוקצה. „שבת צו נאַכט" — דער אָבענד צו שבת אויסגעהן. „ערב שבת" — דער שבת אָנקומען. „מאַכען שבת" הייסט דעם צוגרייטען אויף דעם שבת'דיגען מעת לעת וואָס געהערט צום קאָכען און באַקען (שמות טז, כג. ות"א שם).

„פערשטערטער־שבת" ווען מען האָט צער און זאָרג, אָדער מען האָט מאַנגעל אין שפייזע געריכ־טען וואָס איז איינגעפיהרט לכבוד שבת. „מחלל שבת" — הייסט: טאָן אַרבייט וואָס איז פערבאָ־טען אום שבת.

שַׁבָּתַי (נחמיה ח, ז) דער רוהענדע. איז געוועזען איינער פון די חוזרים וואָס האָבען איינגע־לערנט נאָך עזרא'ן מיט דאָס פאָלק די תורה.

שְׁגִיאָה — פערזעהען, פעהלער. **שְׁגִיאוֹת** (תהלים יט, יז).

שִׁגָּעוֹן (מ"ב ט, כ) וואַהנזינן — **שִׁגְּעוֹנוֹת**.

שֵׁד (מגילה, ג) טייפעל. **שֵׁדִים** (דברים לב, יז). **שֵׁדָה** (ירוש' שבת פ"א הל' ג). **שֵׁדוֹת** (קהלת ב, ה. ע"פ גטין סח.) שד'כע. „אַ שד זיצט אין איהם" (אבדר"נ, פל"ו). „אַ קינד ווי אַ שד".

שִׁדּוּךְ (שבת, קנ.) פערבינדונג צום הייראַט, **שִׁדּוּכִים** שם ג.

שַׁדְּכָן — הייראַטס פערמיטלער,

שַׁדְכָנִים. שַׁדְכָנוּת. „שדכן׳טע". „גע׳שדכן׳ט".

שֶׁהִי־פֶּהִי (מגילה, יג.) אַ ראשי תבות: **שַׁבָּת הַיּוֹם, פֶּסַח הַיּוֹם** — דאָס איז אַריינגעקומען אין המן׳ס דאַנאָס, דאָס יודען בעפרייען זיך פון די רעגירונגס אַרבייט, זאָגענדיג: „היינט איז ביי אונז שבת, היינט איז ביי אונז פסח"—און פטר׳ן מיט „שיהע פיהע".

שֶׁהֶחֱיָנוּ (מנחות, מב), די ברכה אויף דעם וואָס מען דערלעבט אַ נייע אָנגעקומענע זאַך ווידערצוזעהען, צו האָבען אָדער געניסען.

שְׁהִיּוֹת (ברכות, ז.) פערזאַמונג, פערהאַלטונג, צוריק האַלטונג. „מאַכען שהיות".

שָׁוֶה ווערטה (ע״ז, ט). **שָׁוֶה כֶּסֶף** (ב״ק, יד) עס איז ווערט געלד.

שָׁוֶה פְּרוּטָה (שם, קג) עס האָט די ווירדע פון אַ גראָשען. **שָׁוֶה בְּשָׁוֶה**—גלייך אויף גלייך, אָהנע צוצאָהלען.

שְׁוָא — אומזאָנסט, אָהן אַ פועל יצא, פון וואָרט **שָׁוְא** (תהלים פט, מח), אַזוי הייסט די נקודה (:) אונטער אַ בוכשטאַב וואָס מאַכט קיין באַוועגונג.

שָׁוְא וָשֶׁקֶר—פאַלש און ליגען.

שׁוֹחַד (דברים טז, יט) בעשטעכונג, אונטערקויפונג.

שׁוֹחֵט (ישעיה סו, ג) שלאַכטער, **שׁוֹחֲטִים** (חולין ב).

שְׁחִיטָה (פסחים, ד.) דאָס שלאַכטען, **שְׁחִיטוֹת. שׁוֹחֵט וּבוֹדֵק** שלאַכטער און אונטערזוכער, צו איז די געשלאַכטעטע פיה אַגעזונטע, זי זאָל זיין רעכט צום עסען. **שְׁחוּטֵי חוּץ** (זבחים, קיג) געשלאַכטעטע אויסער דער עזרה. יעצט רופט עס אָן די טאַקסע: „אַריינגעפירטע פלייש פון הינטערען שטאָדט". „געהאַט אַ שחיטה" — בלשון הקצבים הייסט עס: געהאַט בעשעפטיגונג מיט שלאַכטען (טָבַח וּמָכַר). און העראויסגעקומען מיט ריוח: „אַ אמת׳ע שחיטה" — דער געגענטהייל אין אַנדערע בעשעפטיגונג הייסט שוין: אַ געפעהרליכער און אַ שעדליכער אונטערנעהמונג. „שחט׳ן, „גע׳שחט׳ן.

שִׁיחַת חוּלִּין (ע״ז, יט) איינפאַכע געשפרעך.

שָׁחוֹר (ויקרא יג, לא) שוואַרץ. **שְׁחוֹרִים** (זכריה ו, ב). **שְׁחוֹרָה** (שה"ש א, ה). **שְׁחוֹרוֹת** (שם ה, יא). **שָׁחוֹר עַל גַּבֵּי לָבָן** — שוואַרץ אויף ווייס, ד"ה: שריפטליכע דאָקומענט. **שַׁחֲרִית** (תענית, כו:) דאָס מאָרגען־געבעט.

שׁוֹטֶה (ב"ב, קטו) אונזיניגער, טהאָר, נאַרר. **שׁוֹטִים** (שם יב:). **שׁוֹטִים שֶׁבְּשׁוֹטִים** (ירושלמי תרומות). **שׁוֹטֶה שֶׁבָּעוֹלָם** (נדה, נב). **שְׁטוּת** (בכורות, ה.) שטות'עריי, דומהייט.

שִׁיטָה (ברכות, יז. ביצה, יג) סיסטעם. **שִׁיטוֹת** [1].

שֶׁטַח (במדבר יא, לב) אויסשפרייטונג, אַ שטרעקע.

שָׂטָן (איוב ב, א) שטערער, פערפאָלגער [2].

שְׁטָר (קידושין, ב) שריפטליכע דאָקומענט. **שְׁטָרוֹת** (זעה — „שטרא אחרא"). **שְׁטַר חוֹב** (ברכות, ז) שולדשיין, וועכסיל.

שְׁטַר חֲצִי זָכָר — אַ טאָכטערס ערבשיין, גלייך מיט די ברידער. **שְׁטַר מְכִירָה** — קויפערטראָג. **שְׁטַר עִסְקָא** — געשעפטס דאָקומענט, אַזוי הייסט דער פערשטעלטער וועכסיל אַלס שותף אין פערדינסט, רעכטליך צו מאַכען די פערבאָטענע פראָצענט ווי דאָס הייסט: „היתר עסקא".

שַׁיָּךְ (שבת, קכז: קידושין, מב.) געהערט, געאייגנעט — **שַׁיָּכוּת**.

שְׁכִיחַ (ברכות י) אָפט, ניט זעלטען, בנמצא.

שִׁכְחָה (פאה פ"ח:) דאָס פערגעסען.

שֵׂכֶל (משלי יט, יא) פערשטאַנד, שאַרפזינן — **שִׂכְלִיּוֹת**.

שַׂכִּין־מעסער — **שַׂכִּינִים** (מאיוב מ, לא). זעה — „סכין".

שָׁכֵן (משלי כז, י) נאַכבאַר, אַ דערבייאיגער איינוואָהנער — **שְׁכֵנִים**־**שְׁכֵנָה** שכנ'ת. **שְׁכֵנוֹת** (רות ד, יז). **שְׁכֵנוּת** — נאַכבאַרשאַפט. **שָׁכֵן רַע** (ברכות, נח) בייזער, שעדליכער נאַכבאַר.

---

[1] עי' ערוך ערך „שט" ומבוא התלמוד לר"ש הנגיד.

[2] כל מכשל העומד לאדם על דרכו נקרא שטן, כאמור בבלעם: „ויתיצב מלאך ה' בדרך לשטן לו" (במדבר כב, כב), ובן ע"י אדם, נאמר: „ויקם ה' שטן לשלמה את הדד האדומי" (מלכים א יא, יד); והשטן הנאמר באיוב: „ויבא גם השטן בתוכם"—משתמשין בו בדרז"ל למקטרג על בני אדם בפני בית דין של מעלה.

שׁוֹכֵן עָפָר — זײַן רוּהע איז שוין אין דער ערד. דאָס װאָרט געזאָגט אויף אַ זעלי־גען װאָס איז אַבּיסעל ניט יוצא געװעזן פאַר דער װעלט.

שְׁכִינָה (ברכות, ה: ר״ה, לא) דער אָרט װאו די גאָטהײַט איז מיט אַ בּעזונדערע השגחה [1].

שַׁבְנָא (שבת, יב. תוספות ד״ה שבנא) נאַכבּאַרשאַפט. פערפאַ־סער פון דעם נוסח צוזאָגען קומענדיג שבּת מבקר חולה זײַן.

שְׂכַר (דברים טו, יח) בּעלאָהנונג, געהאַלט — **שְׂכִירוּת** (עירובין, סב: ב״מ, צח:). **שְׂכַר בַּטָּלָה** (ב״מ, לא. כתובות, קלה.) בּעלאָהנונג פאַר דער צײַט פון לײדיג געהן (אָהנע אַרבּײַט). **שְׂכַר דִּירָה** — דירה געלד (זעה—„דירה״). **שְׂכַר הֲלִיכָה** (אבות פ״ה טו) בּעלאָהנונג בּלויז פאַר דעם געהן און גאָרנישט אויף טהאָן. **שְׂכַר טִרְחָא** בּעלאָהנונג פאַר די מיהע. **שְׂכַר יוֹם** (ב״מ, קי:) טאַגלאָהנער. **שְׂכַר לִמּוּד** — לעהרע געלד (רבּי געלד). **שְׂכַר מְלָאכָה** אַרבּײַטס געלד. **שְׂכַר שָׂכִיר** (דברים טו, יח) בּעלאָהנונג דעם בּעדונגענעם—צו דער אַרבּײַט. **שְׂכַר שִׂיחָה נָאָה** (נזיר, כג:) בּעלאָהנונג פאַר אַ גוּט װאָרט.

שִׁכּוֹר (מ״א כ, טז) בּעטרונקען. **שִׁכּוֹרִים** (יואל א, ה).

שִׁכְרוּת (תענית, כו). **שִׁכְרוּת שֶׁל לוֹט** (סוכה, מט:) בּעטרונ־קען װי לוט (בראשית יט, לג) — „לוט׳רע״. „גע׳שכּור׳ט״, „פער־שכּור׳ט״, „אָנגע׳שכּור׳ט״. „בּיזט שכּור טו געה שלאָפען״ (ב״ב, י).

שֶׁלֹּא כְּדֶרֶךְ הַטֶּבַע — ניט װי דער נאַטירליכער אַרט.

שֶׁלִּי שֶׁלָּךְ (אבות, פ״ה) דאָס װאָס מײַן — איז דײַן.

---

[1] בתלמוד בכ״מ „שכינה״ תואר להקב״ה: „פה שעתיד לדבר עם השכינה״ (סוטה, יב) שאמרו על משה, ונאמר בו „וידבר ה׳ אל משה, ויאמר ה׳ אל משה״, א״כ השכינה הוא הקב״ה בכבודו ובעצמו; וכן נראה הלשון בדרז״ל: „מנין לעשרה שמתפללים ששכינה עמהם? שנאמר: אלהים נצב בעדת אל (אבות, פא) — קראו לאלהים שכינה, וכמ״כ הכתוב: „היש ה׳ בקרבנו״ (שמות יז, ז) מתרגם אונקלום — שכינה. אבל בעלי הקבלה הפרידו את השם יתברך, קוב״ה ושכינתיה לשני מושגים נפרדים ואח״כ הם מתאמצים ליחדם ומתפללים: „לשם יחוד קוב״ה ושכינתיה״.

שַׁלְוָה (תהלים קכב, ז) זיכערהייט, רוהיגקייט.

שְׁלַח — 4-טע סדרה אין 4-טע טהייל חומש (במדבר יג, א — טו. מא), אונ 37-טע אין חומש. זי בעלעהרינט דאס מען בעדארף קיין טרוס ניט זיין, דען דאס מאכט ווייטער פון געוואונשטען ציל. אויך דאס דער פאר־שטעהער בעדארף זיך מיהען פיר דאס פאלקס טובה, און זיי אויסבעסערען אין זייער פער־אירט זיין — ניט מיט בעשטרא־פונג נור מיט געבעט.

שָׁלִיחַ (ב"מ, פו) א געשיקטער. **שְׁלוּחִים** (ר"ה, יח). **שְׁלִיחוּת** (קידושין, מא.) באטשאפט. **שְׁלִיחַ בֵּית דִּין** (יומא, מח.) א געשיק־טער פון געריכטס הויז. **שְׁלִיחַ לְהוֹלָכָה** (גטין, סב:) א געשיקטער אבצוטראגען. **שָׁלִיחַ לְקַבָּלָה** (שם) א געשיקטער אבצונעהמען. **שָׁלִיחַ מְיוּחָד** (סנהדרין, צט:) בעשטימטער שליח. **שְׁלִיחַ צִבּוּר** (ברכות כא) געמיינדע אבגעזאנדטער, פארבעטער. **שְׁלִיחַ צִיּוֹן** (ביצה, כה:) א שליח פון בבל קיין ירושלים מיט

שאלות. **שְׁלוֹחַ מָנוֹת** (אסתר ט, כב) שיקען פארציעס פון פורים סעודה, דאס פעראייניגט אידישע פאמיליען ווי אלע זיינען צוזאמען אויף איין נאציאנאלען באל.

שֻׁלְחָן (שמות כה, כג) טיש — **שֻׁלְחָנוֹת** (דהי"ב ד, ח). **שֻׁלְחָן עָרוּךְ** (יחזקאל כג, מא) געגרייטער טיש (ווי צום עססען). מיט דעם איז בעצייכענט איינער פון די סמנים וואס געהערין צום פסח סדר. אויך איז בעקאנט מיט דעם נאמען דער ספר וואס האלט איין אלע דינים און איינ־געפיהרטע מנהגים נאך דער יודישען רעליגיע.

שַׁלִּיט (בראשית מב, ו) הערשער. **שׁוֹלֵט** (סנהדרין, צב.). **שְׁלִיטָה** (ויק"ר, פט.) הערשאפט. **שָׁלָל** (בראש ח מט, כז.) **שְׁלַל רָב** (ש"ב ג, כב). „א שלל" (דברים כ, יא) א מענגע.

שָׁלוֹם (בראשית כט, ו) וואהלבעפינ־דען, גליק, פריד, פריינד־שאפט; דער ווארט שלום האט פיעל בעדייטונג: א) פרידען אין לאנד (ויקרא כו, ו) וואו עס איז שטיל פון מלחמות. ב) **שָׁלוֹם**

בַּיִת (ויק"ר פ' יח, א. שבת, קנב) אַ צופרידענער לעבען בײַ מאַנן אונד ווײַב, וואָס דאָס האָט אַ גרויסער בעדײַטונג אין זײַער גאַנצען לעבען, דאָס צוליב שלום בית האָט גאָטט, וואָס איז דער סימוואָל וואָרט „אמת" (שבת, נה,) — משנה געווען (בראשית יח, יב—יג; יבמות, סה), און עס איז ערלויבט אָבמעקען אַ הײַליגען שם צוליב דעם שלום בײַ מאַן אונד ווײַב (במדבר ה, כג). ג) מיט דעם וואָרט שלום ענדיגען די כהנים זײַער ברכה צום דוכנען (במדבר ו, כו), דאַרויף מאַכט די גמרא אויפ־מערקזאַם דאָס קײַן געשירר — וואָס זאָל קענען אײַנהאַלטען אין זיך אַלע גליקען פאַר אידישע פאָלק, איז ניט דאָ בעסער ווי דאָס פריעדען [1], ווי דער שפריך וואָרט: „וואו שלום — דאָרט איז ברכה". ד) שלום איז איינע פון די דרײַ זאַכען וואָס אונזערע חכמים האָבען אַיינגעפונען דאָס זײַ האַלטען אויף די וועלט — אמת, דין און שלום (אבות, פ"א); אויך דער הימעלשער סיסטעם בעשטײַט פון דעם וואָס אַיין קאָמעט קומט ניט אַרײַן אין בעדרײַנג מיט דעם צווײַטען [2]. ה) פון דרך שלום וועגען — מעג מען לײַגען [3]. ו) **שָׁלוֹם** איז אַ איינגעפיהרטער אויסדריק צו בעגריסען אַ בעקאַנטען בײַ דעם אָנטרעפען זיך (שמות יח, ז) און צום פעראַבשײַדען זיך (שם ד, יח; ברכות, סד.) [4]. **שָׁלוֹם עֲלֵיכֶם!** זאָגט מען אַפילו גאָר אַ פרעמדען

---

[1] לא מצא הקב"ה כלי מחזיק ברכה לישראל אלא השלום (סוף עוקצין).

[2] כמ"ש: „עושה שלום במרומיו" ועי' ר"ה כג. גודל מעלות השלום הרבו חז"ל לרומם במאמרים רבים אין מספר, במלא רוחב התלמוד, האגדות ומדרשים; גם ייחדו לו פרק מיוחד „פרק השלום" בש"ס, ונכבדות מדובר אדות השלום במדרש במדב"ר פ' נשא (פ' יא) ובתנחומא ריש פינחס.

[3] „דברו הכתובים דברי בדיי להטיל שלום" (ירושלמי פאה פ"א, ובבלי יבמות סה:) „ר"א בר"ש אומר: מותר לשנות בדבר השלום וכו' רבי נתן אומר — מצוה וכו'". וכאמור לעיל בסימן ב.

[4] תיקון חכמים שיהא אדם שואל לחבירו בשם, כמ"ש: „ה' עמכם!" (רות ב, ד), „ה' עמך!" (שופטים ו, יב) ושלום הוא משמותיו של הקב"ה (ברכות, נד.) עי' ערוך ערך „עת".

(אבות פ"ד). און צו קדוש לבנה ווינשט מען זיך: **שָׁלוֹם עֲלֵיכֶם, עֲלֵיכֶם שָׁלוֹם.**

שָׁלוֹם וְשַׁלְוָה—פריעד און רוהיגקייט.

שָׁלוֹם (שופטים ו, כד) מיט דעם נאָמען קען מען זאָגען איז אָנגערופען געוואָרען דער אידישער שופט „גדעון", פאַר זיין אַנטהייל נעהמען אין די אידישע שלעכטע לאַגע, און מיט דעם כח האָט ער זיי אין גאַנצען גע־האָלפען (שם). דער נאָמען „שלום" גיט יעצט פיעלע אונטער מענ־ליכע געמען, און גאָר פערצייטען איז איהם אָנצוטרעפען אונטער פרויען: „אימא שלום" האָט גע־הייסען רבן גמליאל'ס שוועסטער און פרויא פון דעם תנא ר' אליעזר הגדול (שבת, קטז).

שָׁלֵם (בראשית טו, טז) גאַנץ, פאָלקאָם, „**שָׁלֵם בְּכָל הַמַּעֲלוֹת**" (ועה — „קונה שלימות").

שְׁלֹמֹה (ש"ב יב, כד) פריעדמאַנן. מיט דיזען נאָמען האָט אָנגערופען דוד המלך זיין זאָהן ידידיה'ן, וואָס ער איז גע־וואָרען דער **שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ** – פראָפעצייענדיג: דאָס אין זיין צייט וועט זיין פריעדען, און קיין מלחמה וועט ניט געפיהרט ווערין (דה"א כב, ט). איהם זיינען אַרומיגע מלוכות געוועזען אונטערטעניג אויפ'ן פרידליכען אַרט (מלכים א, — ה, ט, י), בלויז פאַר זיינע חכמות וואָס ער האָט איבער־שטיגען די חכמים פון זיין צייט (שם ה, יא). און איז פערבליבען מיט איין עוויגען אונשטערב־ליכען נאָמען: „חכם מכל אדם" (שם); דען בלויז זיינע דריי פער־עפענטליכטע ספרים, בעווייזען דאָס ער איז געוועזען אַ חכם אין אַלעס, דען זיי זיינען גאַנץ אין פערשיעדענע טהעמען: „שיר השירים"— גאַנץ הייליגע געדיכטע, אונטער אַ פאַרשטעל־טין ראָמאַן, צווישען די נאַציאָן און רעליגיאָן, „משלי" — זיטען לעהרע, מיט גרוים פסיחילאָגישע ערקונדיגונג, און „קהלת" — פהילאָזאָפיע, וואָס יעדער פסוק פון די צוויי איז געוועזען טהעמען פאַר די פאַבעליסטען, אויסער די מאַנוסקריפטען זיינע וואָס האָבען פערהאַפט דיא אַלטע גריכישע פהילאָזאָפען אין

ירושלים, קומענדיג אהין מיט אלכסנדר מוקדון, און האבען זיך אויך פערשאפט אונשטערבליכע נעמען דורך שלמה המלך'ס חכמות (עי' כל חמדת ישראל, ח' I, 16).

שָׁלשָׁה (בראשית ז, י) דריי. **שָׁלשׁ** (בראשית יא, יג) וויבליך.

שְׁלִישִׁי (שם א, יג) דריטער. **שְׁלִישׁ** (ב"ק ט, מנחות מה.) א דריטהייל. אונטער דעם צאהל-ווארט גיט דיעזע געגענשטענדע אין געשפרעך: **שְׁלשָׁה אָבוֹת** דיא דריי אורפאטערן (זעה — „אבות"). **שְׁלשָׁה יְמֵי הַגְבָּלָה** (שבת, פו:) די דריי טעג פאר שבועות, וואס דאס פאלק איז געוועזען בעגרענצט צו זיין בקדושה ובטהרה צום קבלת התורה (שמות יט, י — יב, טו) **שְׁלִישִׁי לְמִילָה** (ב"מ, פ"ו:) דעם דריטען טאג נאך דעם מהל'ן. **שְׁלִישִׁי בְּשֵׁנִי** (ב"ב, קכח), **שְׁלִישִׁי בִּשְׁלִישִׁי** (יבמות, כ.) נאהנטע פריינדע (גליד געשוועסטער קינדער). **שָׁלשׁ סְעוּדוֹת** (שבת, קיז, קיח) דיא דריא שבת מאלצייטען [1]. **שְׁלשׁ עֶשְׂרֵה מִדּוֹת** (ר"ה, יז; עי' שם בתוספות) די דרייצעהן אייגענשאפטען וואס איז גערעכענט ביי גאט, וואס אנבעלאנגט מענשען. אין „שלש עשרה מדות" איז אויך איינגעטיילט דיא כללים פון דער תורה (ברייתא דרבי ישמעאל). **שְׁלשׁ עֶשְׂרֵה עִקָּרִים** די דרייצעהן הויפט זאכען אין וועלכע עס בעשטייט דאס יודישע גלויבען (זעה „אני מאמין"). **שָׁלשׁ רְגָלִים** (שמות כג, יד) די דריי פייערטעג אין יאהר — וואס זיינען בעשטימט פאר אונזער נאציאן: „פסח, שבועות און סוכות" (שמות כג, טו—יז; דברים טז, טז).

שְׁלשִׁים (חגיגה, יט) 30 טעג טרויער, נאך אפערשטארבענעם[2].

---

[1] ג' סעודות בשבת, יליף שם מהכתוב: „אכלוהו היום, כי שבת היום, היום לא תמצאוהו בשדה", ג"פ היום למספר שלש סעודות, וכנגד ג' האבות, וסעודה השלישית מרומזת בהפסוק „והאכלתיך נחלת יעקב אביך" (ישעיה נח), וסוד „שלש סעודות" בס' הזוהר פ' האזינו, ד"ה: „ביומא דשבתא", ע"כ הוגגים אותם רביים וחסידיהם בדחילו ורחימו.

[2] שלשים לאבל כתוב בתורה במיתת אהרן (במדבר כ, כט) ובמיתת משה (דברי לד, ח), זולת במיתת יעקב היתה אבל ע' יום, זאת היתה עפ"י מנהג המצריים, שטפלו במתיהם הרבה, כמ"ש „ויבכו אותו מצרים שבעים יום" (בראשית, נ, ג).

שלשול (ברכות, נז.) דורכפאל, לאקסירען[1].

שלשלת היוחסין (ירושלמי סוכה פ"ה, קה"ר פ' וישוב העפר) „געקייטילט פון אדעל" (געקנאטען פון רבנים).

שום (יומא, כב) קיינע: **שום הנאה** – קיין אנגענעהמקייט. **שום טענה ומענה** – קיין פאדערונג און ענטגעגנונג. **שום ספק** – קיין צווייפאל, **שום שיכות** – קיין אנהאנג. **שום תועלת** – קיינע נוטצען.

שם (בראשית ב, יא) נאמען, בערוף (ש"ב ח, יג). **שמות** (בראשית ב, כ). **שם גדול** (ש"ב ז, ט) אגרויסער בערוף, **שם דבר** הויפט ווארט (אטערמין אין דקדוק), אויך אזעלכער וואס איז בעוואוסט מיט זיין שפעציאלנאסט. **שם המפורש** (תנחומא וישב סי' ב) אויסדריקליכער נאמען פון גאטט[2]. **שמות הקדושים** הייליגע נעמען און פיטולען אנצורופען דעם באשעפער. **שמות נרדפים** פערשידענע ווערטער וואס האבען אויף זיך איינס און דעם זעלבען בעדייטונג. **שמות**-הייסט בלעטער פון צעריסענע הייליגע ספרים, וויל אין זיי קומט פאר די „שמות הקדושים".

שמע ישראל (דברים ו, ד) „הערע פאלק ישראל!".

דאס איז דער הייליגסטער סימוואל אויף'ן העכסטען אידעאל פון דעם יודענטהום, דאס „אונזער גאטט—איז דער איינציגער גאטט"; מיט דעם אויסרוף לייגען מיר זיך שלאפען און מיט איהם שטעהען מיר אויף (בשכבך ובקומך); ער איז דער הויפטזאטץ אין די פרשיות פון דיא תפילין, און אין דער „מזוזה". און מיט דעם אויסרוף פון „שמע ישראל" הויכט מען אוים די נשמה אין ודוי צום שטערבען. מיט איהם האבען אויך טויזענדער אידעשער זעלען מקדש השם געווען, ווען זיי האבען זיך געלאזט שלאכטען און ברענען צוליב די איינצעלהייט פון גאטט.

---

[1] רש"י כתובות י': „כל מלמעלה למטה קרי ליה שלשול".

[2] בן ארבעים ושתים אותיות (קדושין, עא.).

און דעם בעשלום דארף מען זיך פארשטעלען ווען מען זאגט **שמע ישראל** אין **קריאת שמע**. **שמע ישראל** איזט אויך איין שרעק־רוף (זעה—„מורא").

שמע מניה (ברכות ז.) פער־שטייא דער פון.

שמואל (ש"א א, כ) פון גאט אויסגעבעטין, און צו גאט פערליהען. אזוי האט אויס־געדייטעט קינסטליך מיט דער העבראישע שפראך זיין מוטער די פאטין „חנה" [1] (זעה — „חנה"). און ער איז באמת געוועזען איבער געבען אין גאנצען פאר די אידישע פאלק, פאר זיין לאנד און זיין שפראך: פאר דאס פאלק—איז ער געוועזן א נביא מיט גרוים צוטרוי [2], אויך זייער פרעזידענט און ריכטער [3], אין עקאנאמישען און פאליטישען סטרוי: ער האט ארגאניזירט א אויפשטאנד געגען אידישע בייזע גרענעץ נאכבארען — די פלשתים [4], און האבען זיי אונ־טערדריקט און דורך שטרייט פון זיי צוריק אבגענומען זייערע פערחאפטע שטעט און גאנצע קרייזען [5]. אין זיין עלטער האט זיך אידען פערגעלוסט נאכמא־כען אנדערע פעלקער פון זייערע אומגעגענדע, און זייערע על־טעסטע זיינען געקומען פאר שמואל'ן ער זאל איינפיהרען איין מאנארכישען סטרוי, און אויס־קלייבען איינעם פון זיי פאר א קעניג. שמואל האט געהאט גרוים פערדרוס פון זייער וואונש דיזען (שם ח, ו) און האט אויפ־געוויזען פון זיין דעמאקראטי־שען (רעפובליקאנישען) שטאנד־פונקט—פיעל זיי וועלין ליידען פון די רעכטען וואס זייער קע־ניג וועט זיך נעמען איבער זייערע פערזענליכקייט, איבער זייערע קינדער און רינדער און איבער גאר זייער האב און גוטס און דאס גאט אליין וועט זיי דערפון ניט העלפען (שם ח, י — יח). דאס פאלק זיינען אבער דאך פער־בליבען פעסט אין זייער פער־לאנג, און ער האט זייא נאכגע־געבען און געזאלבט דעם שאול המלך, וואס האט זיי אנפאנגס פיעל געהאלפען פון זייערע פיינדע (זעה — „שאול"). שפעטער,

אַלס שאול איז געוואָרען נאַכלעסיגער (שם טו, כד) האָט שמואל געזאַלבט דעם דוד׳ן אַלס טראָהן פאָלגער (שם טז). — אויך די העברעאישע שפּראַך האָט שמואל בעלעבט, ווי אין פּראָזאַעשען טהייל—ער האָט בעשריבען די ערשטע טהיילען פון נביאים ראשונים(ב״ב, יב). און די פּאָעזישע, דורך די פערזאַמלונג פּראָפעטען וואָס ער האָט צוזאַמענגעשטעלט (ש״ב יט, כ). איהם פערגלייכט דער פסוק צו דעם משה רבינו [6]) און איז הויך געריהמט אויך און מדרשים ואגדות [7]).—מיט דעם נאָמען שמואל הייסט אויך אַ נשיא פון שבט שמעון, וואָס איז אין די קאָמיסיע נשיאים אויף צו טהיילען די לאַנד ארץ ישראל פאַר די שבטים (במדבר לד, יז). אויך איז מיט דעם נאָמען איין עלסטער אין שבט יששכר (דה״י א ז, ב). — אונטער די חכמי התלמוד הייסען 67 חכמים מיט דעם נאָמען שמואל, אונטער זיי דער אַסטראָנאַמיקער און אַרצט „שמואל ירחינאי" (ברכות, נח: שבת, נג: פסחים, נד: ב״מ, פח:) און איז אויך גערעכינט דער קעניג פון יורידישטען (רש״י שבת ע״ש אריוך).

שְׁמַד (שבת, ס:) טויפע, רעליגיאָנס צוואַנג (וער — „משומד"). „ערגער ווי גע׳שמד׳ט"—גאַנץ פריי פון אַלע רעליגיאָנס אָבּראַדען, זיינענדיג בּיי דעם גלויבען. „ער וואָלט זיך שמד׳ען פאַר אַ גראָשען" ד״ה: אַ זעלטענער געלדגייץ, דאָס ער איז גרייט דעם גלויבען אָבגעבען פאַר דאָס קלענסטע מטבע. „אָבגע׳שמד׳ט"

[1]) כמ״ש: ותקרא את שמו שמואל, כי מה׳ שאלתיו (ש״א א, כ), וגם אנכי השאלתיהו לה׳ (שם, שם כח). [2]) וידעו כל ישראל—כי נאמן שמואל לנביא לה׳ (שם ג, כ). [3]) וישפוט שמואל את ישראל כל ימי חייו וגו׳ (שם ז, טו—יז). אשר לא נאמר כזאת בנביא זולתו, שלא היו שופטים ומושלים כמוהו אך ורק נביאים. [4]) ויהי דבר שמואל לכל ישראל... ויצא ישראל לקראת פלשתים למלחמה (שם ד, א). [5]) ויכנעו הפלשתים, ולא יספו עוד לבא בגבול ישראל כל ימי שמואל; ותשובנה הערים אשר לקחו פלשתים מאת ישראל—לישראל וגו׳ (שם ז, יג—יד). [6]) אם יעמוד משה ושמואל לפני (ירמיה טו, א), משה ואהרן בכהניו ושמואל בקוראי שמו (תהלים צט, ו). [7]) מעלות שמואל הרמתי וחין ערכו בעיני חכמי התלמוד, חולך והושב הערוך „ארבעים ושלשה מקומות" בגמרא ובמדרש.

הייסט: משקה וואָס איז געוואָרען געפּאַלשט מיט וואַסער. „פערטריבען און שמד" — פעריאָגט דורך פערפאָלגונגען.

שִׂמְחָה (מו"ק, ח:) פריידע. **שְׂמָחוֹת** (תהלים טז, יא) (שְׂמָחוֹת בל"ז). **שִׂמְחָה** — סתם הייסט אַ פאַמיליען באַלל אויף איין חתונה, תנאים אָדער ברית. **שָׂמֵחַ בְּחֶלְקוֹ** (אבות, פ"ט) צו־פריעדענער מיט דעם וואָס ער פערמאָגט. **שִׂמְחַת בֵּית הַשּׁוֹאֵבָה** (שבת פב: ב"מ מט, סוכה מט, נא, נג) דאָרט (שם נא) איז בע־שריעבען די גאַנצע צערעמאָניע. **שִׂמְחָה גְדוֹלָה** (יונה ד, ו; תענית כ:) אַ גרויסער פריידע. **שִׂמְחָה וְשָׂשׂוֹן** (אסתר ח, יז) פריידע און פרעהליכקייט. **שִׂמְחַת יוֹם טוֹב** (ביצה, י). די פרעהליכקייט וואָס מאַכט דער פייערטאָג. **שִׂמְחָה שֶׁל מִצְוָה** (ברכות לז:) די פרעה־ליכקייט צום אויספיהרען אַמצוה. **שִׂמְחַת תּוֹרָה** די פריידע צוליב דעם סיום התורה, אויף מאָרגען נאָך שמיני עצרת און אויך די התחלה (זעה — „סדרה" בהערה). דער טאָג קען נור פאַלען אין די טעג: א, ג, ד, ו. דעם, וועמען מען רופט אוים צום בעענדיגען, הייסט: „חתן תורה". און צום אָנ־פאַנגען, הייסט: „חתן בראשית". „עס זאָל זיין שמחות ביי אידען!" — אַ פּאַטריאָטישער וואונש (ירמיה לג, י—יא). „מיר זאָלען זיך זוכה זיין צו זעהן אויף אונזערע קינדערשע שמחות" — אַוואונש ביי דעם פערנאַנדער געהן פון אַפאַמיליען באַלל. „פון איין שמחה האָב איך קיין צער" — ביי דעם אָננעהמען איין איינלאַדונג אויף אַ שמחה. **שְׂמָחָה** — דינט פאַר איין אייגע־נאָמען אונטער מענער (סוכה, מח:), אויך ווייבליך.

שְׁמוֹנָה (בראשית כב, כג) אַכט. **שְׁמוֹנֶה** (שם ה, ד) ווייב־ליך [1]). **שְׁמוֹנִים** — אַכטציג. **שְׁמִינִי** (שמות כב, כט) דער אַכטע, אין אָרדנונגס צאָהל. **שְׁמִינִי עֲצֶרֶת** (במדבר כט, לה) דער

[1]) הרב החכם הכולל רבי מרדכי פלונגיאן זצ"ל — שהיה ידידי וחביבי (וכן מכנה גם אותי בהסכמתו על מחברתי הראשונה „חדר לתינוקות בבית רבן) ונעים לי להזכירו ולהביא דבר חכמה בשמו — הוא נתן טעם לשבח: מדוע נשתנו בהמספר סדרי יסוד

אַכטער טאָג פֿון יום טוב סוכּות, (סוכּות איז בלויז זיעבען טעג און דער אַכטער איז פֿון ליעבּ־שאַפט יום טוב, פֿאַר דעם אָבּ־שיידען זיך פֿון אים). אין איהם איז געשטעלט צו בּעטען אויף רעגען, אויף דעם קומענדען יאָהר אין תּפלת גשם, און מען הייבּט אָן זאָגען „משיב הרוח" בּיז פּסח.

שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה (ברכות מ, כח:) אַכטצעהן. די בּרכות וואָס האָ־בּען מתקן געוועזען דיא כּנסת הגדולה, און מיר בּעטען אין זיי דריי מאָהל טעגליך: „שחרית מנחה און מעריב" אין וואָכענדע טעג, וואָס דאָרטען איז אַלעס וואָס אַנבּעלאַנגט אָן מענשענס בּעדערפנים. זייא ווערען געבּע־טען אין כּלל, פֿיר דער גאַנצער וועלט און וואָס אַנבּעלאַנגט אָן דער אידישער פֿאָלק.

שְׁמִינִי — די 3־טע סדרה אין 3־טען ספר (ויקרא ט, א—יא, מז) אונד די 26־טע, אין חומש. אין די סדרה איז דער שלום וועגען קרבּנות וועלכע אַנבּעלאַנגט כּהנים אַליין, און אין איהר איז די גרויס וויכטיגע פּרשה פֿון די אָבּגעקליבּענע מיני בּרואים צום עסען און וועלכע עס זיינען עקעלהאַפטע אונד שעדליך צום געזונד און פֿאַר דעם מענשענס כאַראַקטער (זעה — „חזיר").

שְׁמִיעָה (סנהד׳, לד:) דאָס הערין. איינע פֿון דיא פֿינף חושים. **שְׁמוּעָה** (משלי טו, ל) נאַכריכט, געהערטעס. **שְׁמוּעוֹת טוֹבוֹת** (פּסחים, נ:) גוטע נאַכריכ־טען. **שְׁמוּעוֹת רָעוֹת** (שם.) בּייזע נאַכריכטען. **שְׁמוּעָה רְחוֹקָה** (פּסחים ד:) אַ פֿערשפּעטיגטער טרויער נאַכריכט, ד"ה: אַלס עס איז שוין אַריבּער שלשים. „שמועת'ן" — דערציילען אָנגעהערטעס.

שִׁמְעִי (ש"ב טז, ה) געהאָרכזאַמע. דאָרט איז דאָס אַ מענ־ליכער נאָמען, יעצט ווערט עס

הכלל שבדקדוק העברי, אשר הסימן לנקבה הוא „קמץ והא בסוף התבה" ובהמספר הוא להיפך: שהקמץ והא הוא לסימן זכר?—יען שהמספר הוא מזיק לדבר הנמנה (שמות ל, יב; ש"ב כד; ב"מ, מב), על כן יבא המספר בשנוי, שלא כדרך הלשון, ולא יהיה קצף בפקוד אותו. (אינני זוכר אם מדעת עצמו אמרו או בשם אומרו).

בֶּענוּטצט פַאר אַווײַבּלִיכֶע נאָמֶען, פִילײַכט פֶערצוֹיגֶען פוּן „שמחה“.

שְׁמַעְיָה (מ״א יב, כב) גֶעהאָרכט פוּן גאָט. מִיט דֶעם נאָמֶען הײַסט „שמעיה הנביא“ וועֶלכֶער האָט אָבּגֶעהאַלטֶען דֶעם קֶענִיג רחבעם בּן שלמה, עֶר זאָל נִיט שטרײַטֶען מִיט דאָס פאָלק, פַאר זײַער אוֹיפשטאַנד גֶעגֶען אִיהם, אוּן האָבֶּען גֶעפאָדֶערט פֶער־לײַכטֶערוּנג אִין אָבּצאָהלוּנגֶען נאָךְ זײַן פאָטֶער׳ס טוֹידט (זעֶה — „עשרת השבטים“). דֶער נביא שמעיה האָט אוֹיךְ גֶעשרִיבֶּען דִי גֶע־שִיכטֶע פוּן דִיזֶען קֶענִיג רחבעם (מ״א יב, כב; דהי״ב יב, ה; שם, שם טו). דֶער ספר אִיז לײַדֶער אֵיינֶער פוּן דִי צוואַנצִיג ספרים וועֶלכֶע עֶס פֶעהלֶען צוּם תנ״ך, אוּן זײַנֶען עֶראִינֶערט אִין תנ״ך גוּפא (מאסף להמליץ ח״א צד 118 — 109). מִיט דֶעם נאָמֶען „שמעיה“ גִיט עֶס אִין תנ״ך בִּיז 22 בֶּערִיהמטֶע מֶענשֶען, כּהנים ושרים אוּן אִין תלמוּד אִיז אֵיינֶער פוּן דִי גרֶעסטֶע תנאִים (ביצה, כה.), בֶּעוואוּסט פוּן דִי פאַאר: „שמעיה ואבטליון“ (סנהדרין, צו:). אוֹיךְ פִיעל פוּן דִי אמוֹראִים (ר״ה י. עירובין, לב. ועוד).

שִׁמְעוֹן (בראשית כט, לג) דֶערהֶער־טֶער -- דֶער צווײַטֶער זאָהן יעקב׳ס פוּן לאָה׳ן. פוּן אִיהם שטאַמט דֶער שבט שמעוֹן, אִיז בֶּעשטאַנֶען—הֶערוֹיסגֶעהֶענ־דִיג פוּן מצרים—פוּן 59300 מאַנן (במדבר א, כג).

שֶׁמֶן פְּסוּל (קידושין, עא:) אִיבּ־לֶער בֶּערוּף.

שׁוֹמֵר (ש״ב יז, כב) וועֶכטֶער, הִיטֶער. **שׁוֹמְרִים** (ישעיה סב, ו). **שׁוֹמֵר חִנָּם** (ב״מ, צג:) הִיטֶעט אוּמזאָנסט, אָהן בֶּעלאָה־נוּנג. **שׁוֹמֵר שָׂכָר** (שם) הִיטֶעט פאַר גֶעצאָהלט. **שׁוֹמֵר יִשְׂרָאֵל** (תהלים קכא, ד) הִיטֶער פוּן יוּדֶען, אִיז בֶּענֶענט „גאָט“. **שְׁמִירָה** (ברכות, כ:) בֶּעוואהרנֶען, בֶּעהִיטֶען.

שְׁמִירָה מְעוּלָה (ב״ק, מה:) אַ זִיכֶערֶע בֶּעהִיטוּנג. „שמירה׳לֶע“ (במדב״ר פ״ד יא) אַ מוּלֶעט, אַ בּלײַ־עֶנֶע אָדֶער אַ שטִיקֶעל פאַרמֶעט צוּזאַמֶען גֶעשטֶעלטֶע מִיט סתם אוֹתיוֹת, וואָס בּעלי־שמוֹת גִיעֶ־בֶּען אַלס אַ שמירה פוּן טײַוואָ־לִים, קלײנֶע קִינדֶער אוּן קִינד־בֶּעטֶערִינס זאָלֶען עֶס טראָגֶען.

אָדער אין אַ הויז אַלס זיכערונג פון אַ שרפה ר"ל, וואָס דאַן ווערט עס פאַרברענט צוזאַמען מיט די הויז.

שְׁמוּרָה – בעהיטעט (זעה — „מצה שמורה").

שְׁמַרְיָה (עזרא י, לב) בעוואָהרענט פון גאָטט, אַ מענליכער נאָמען.

שַׁמָּשׁ (דניאל ז, י. ברכות, נא.) דינער, **שַׁמָּשִׁים**. דאָס גיט אין פערשידענע אַמטען: א) ביי דעם טיש, אַלס לאַקיי. ב) ביי חברה קדישא. ג) אין קלויז, איז אין צוויי אַרטען: **שַׁמָּשׁ גָּדוֹל** (סנהדרין, נט:) און **שַׁמָּשׁ קָטָן** – אונטער שמש. ד) דאָס ליכטעל מיט וועלכע מען צינדעט אָן די חנוכה ליכט. ה) דער לייננסטער פון די אַכט פעדים מיט וועלכען מען מאַכט איין די ציצית.

שִׁמְשׁוֹן (שופטים יג, כד) זאָנכען[1]. בעוואוסט מיט זיין נאָמען „שמשון הגבור" וועלכער איז געווען פרעזידענט 20 יאָהר, ביי אידען אין די צייט פון די שופטים.

שְׁמוֹת – דער צווייטער אין חומש און אויך די ערסטע סדרה פון דעם טהייל (שמות א, א—ו, א) און די דרייצעהנטע אין חומש. אין דיזע סדרה איז בעשריבען דער צאָהל פון יודישע קליינגעזינדיל אַריינגעקומענע אין מצרים, בעשטאַנען פון 70 פערזאָן, און זיי האָבען זיך שנעל געמעהרט אין צאָהל און געשטאַרקט אין מאָראַל דאָס זיי האָבען שוין געהאַט דעם נאָמען „פאָלק" (שמות א, ח) אַז דאָס עגיפטישע מלוכה האָט שוין געזאָרגט זי זאָל ניט בטל ווערין אַנדגעגען זיי, און האָט זיי בעשריינקט מיט אַלערליי שטרייגנגע שטערונגען און טיראַנישע בעהאַנדלונג; אָבער זייער העלפער און רעטער משה'ן האָט געהאָדעוועט דער קעניג ביי זיך אַליין, און דאָרטען זייענדיג האָט ער שוין אָנגעהייבען וואַיזען זיין טהעטיגקייט אין פאַטריאָטיזמוס

1) שמשון נגזר מהשם שמש בנון ההקטנה, מרוב חבה שקראה לו אמו, כי עד הולדו היתה עקרה.

פאר זיין פאלק, און פון זיין דערשטיקען איין טיראנישען מצרי האט אים שוין געפיהרט צו דעם אלגעמיינעם בעפרייאונג.

שין — נאמען דער 21-טע אות אין „א"ב". **שין ימין, שין שמאל** — די צוויי גלייכע בוכשטאבען אין געשטאלט אבער פערשידען אין אויספראכע, דאס דער ש׳ שמאל איז צום אויסשפרעכין ווי סמך, און פערענדערין דעם בעדייטונג פון ווארט, ווי „שם" דארט, „שם" געטאהן. „שרים"—זענגער, „שרים" פירסטען [1].

שן (שמות כא, כד) צאהן. **שנים** (בראשית מט, יב).

שינה (ברכות, נז:) דאס שלאפען. **שינת עראי** — צופעליג זיך צוליגען. **שינת קבע** (שם) בעשטימטער שלאף.

שונא (דברים ד, מב). **שונאים** (ירושלמי ברכות פמ). **שנאה** (ש"ב יג, טו) פיינדשאפט, האסס. **שונא בנפש** (ש"ב ה, ח). **שונא ישראל** (פסחים, קיג:). **שונאי ישראל** (סנהדרין, צו.) **שונא מוחלט. שונא מתנות** (משלי טו, כז) האסט געשענקע. **שונאי ציון** (תהלים קכט, ה) פיינדע ציון׳ס. **שנאת חנם** (שבת, לב: מתהלים לה, יט) אומזאנסטע, אונפערשולדעטע פיינדשאפט. „טראגט א שנאה"— האלט אין הארצען א שטארקען פאראיבעל. „צו מיינע שונאים!" (דברים ז, טו; דניאל ד, טז). „עס איז א שונא ניט צו ווינשען" (איוב לא, כט). „קיין שונא קען ניט טהון, דאס וואס מען טהוט זיך אליין" (שם ה, ז). „גאט! בעהיט מיר פון מיינע גוטע פריינד—פון מיינע שונאים וועל איך מיך שוין אליין פערהיטען [2].

שנה (בראשית ה, ו). **שנת** (שם מא, נ) יאהר. **שנים** (שם ה, ו). **שנת ברכה, שנת הצלחה** –

[1] הערוך קבץ קבוץ גדול מבה"ק ובדרז"ל מקומות שלא חלקו ביניהם בהוראתיהם. ויש אשר במקום שין שמאל שבבה"ק הוא בלשון התלמודי בסמך כמו ערש—ערס,וכיוצ"ב.

[2] זה מרומז בהכתוב (תהלים קיח, ז): ה׳ לי בעוזרי (נגד אוהבי) ואני אראה בשונאי (בעצמי); והבאור עה"כ: כי לא אויב יחרפני ואשא, לא משנאי עלי הגדיל ואסתר ממנו (תהלים נה, יג) יפרש ג"כ בזה"ל: „יכול אדם להסתר מאויביו ולא מאוהביו".

געבענשטער, גליקליכער יאָהר. **שְׁנַת מַשָּׂא וּמַתָּן** (תפלת כהן גדול ביו"כ) אַ יאָהר פון פיעל געשעפ־טען. **שָׁנָה מְעוּבֶּרֶת**—אַ עבור יאָהר, ד"ה: אַ יאָהר מיט אַ מאָנ־הייט מעהר — פון 13 חדשים (זעה —„אדר"). **שָׁנִים קַדְמוֹנִיּוֹת** (מלאכי ג,ד) יאָהרען פון פערצייטען. **שְׁנַיִם** (בראשית ז, יט), **שְׁנֵי** (שם א, טז) צוויי. **שֵׁנִי** (שם א, ח) דער צווייטע. **שֵׁנִי** איז די צווייטע פרשה אין יעדע סדרה, אויך דער צווייטער טאָג אין וואָך (מאָנטאַג). **שֵׁנִי וַחֲמִישִׁי וְשֵׁנִי** (תענית יב.) די אַיינגעפיהרטע טעג צום פאַסטען און זאָגען סליחות: דעם ערשטען מאָנטאָג און דאָ־נערשטאָג און דעם צווייטען מאָנטאָג, וואָס פאַלען נאָך פסח און נאָך סוכות, אויף דעם חשש ספק פון חלול יום טוב [1]. **שֵׁנִי לְמֶלֶךְ** - די זעלבע ווי-**מִשְׁנֶה לַמֶּלֶךְ** (אסתר י, ג). **שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגּוּם** (ברכות, ח.) צוויי מאָהל דעם פסוק, אין דער פרשה, און איין מאָהל דאָס פערטייט־שען — אויף דעם בבל לשון, וואו מיר האָבין זיך געפונען. אזוי האָבען אונזערע חכמים אַיינגעפונען דאָס אונזער שפּראַך אין אַפרעמדע לאַנד זייענדיג קען זי פערגעסען ווערין, ברויכט מען איהר צו צוויי מאָהל זאָגען יעדען פסוק, און דעם איבער־זעטצונג אויף די לעבענדע לאַנדעס שפּראַך איז גאַנץ גענוג צו געדיינקען פון איין מאָהל. **שִׁנּוּי** (ב"ק, צד:) פערענדערונג— **שִׁנּוּיִם** (ב"ק פו). **שִׁנּוּי הַשֵּׁם** (ב"ק, סה:) אומענדערונג דעם נאָמען. **שִׁנּוּי מָקוֹם** (פסחים, קא:) אומענדערען דעם וואָהנאָרט. **שָׁעָה** (אבות פ"ד) שטונדע — 60 מינוטען. 1/24 פון אַ מעת

---

[1]) כדמצינו באיוב אחרי כי הקיפו ימי המשתה—שעשו בניו—העלה עולות מספר כלם, כי אמר איוב אולי הטאו בני (איוב א, ה); ויש שמתענין בכל שני והמישי דכולי שתא, משום שהם ימי רצון לה', שביום ה' עלה משה לקבל הלוחות וירד בשני ונתרצה לו המקום (תנחומא עה"כ וה' המטיר), ועי' בתוס' ב"ק פ"ב, ד"ה: „כדי". ובט"ז או"ח סי' קלד ובאו"ח סי' תק"פ יש עוד טעם, והמג"א סק"ט מניח בתימא. והספר הסידים סי' רב"ז אומר טעם לשבח: שאלו התעניות באים בשביל הגשמים במרחשון ובאיר שלא תלקה התבואה בשדפון.

לעת, **שָׁעוֹת** (ברכות, לב.). **שְׁעַת הַדְּחָק** (שבת מה:) אַ אײנגע צײַט. **שְׁעַת הַכּשֶׁר** (ב"ק, עז,) בײַ אַ גוטע געלעגענהײַט. **שְׁעַת מַעֲשֶׂה** (חולין קא:) מאָמענטײַלנע. **שָׁעָה מוּצְלַחַת** אַ גליקליכע שטונדע. **שָׁעָה מְשַׂחֶקֶת לוֹ** (ברכות ז,) די צײַט איז איהם גינסטיג, עס געהט איהם גליקליך. „אין אַ גוטע שעה", „אין אַ מזל'דיגע שעה", (זעה—„מזל") אין געגענטהײַל: „אַ בײזע שעה" זאָגט מען ווען מען פאַלט דורך אין אַ אונטערנעהמונג. „אין אַ גוטע שעה צו רײדען, אין אַ בײזע שעה צו שװײַגען" (ברכות, יט.). „זעהט אויס װי אַ שעה פאַר טאָג"—פערפינסטערט פון לײדען.

שִׁעְבּוּד (ברכות. ט:) אונטעראָבונג, שקלאַפען שטאַנד. **שִׁעְבּוּד גָּלֻיּוֹת** (שבת קנא:) שקלאַפערײַ לאַגע, אין פערטריבענהײַט.

שַׁעַטְנֵז (דברים כב, יא) אַ קלײד פון פלאַקס און װאָל װאָס איז געגלעט (געבערשט), געשפונען און געקרעמפעט צוזאַמען—איז דאָס פערבאָטען צו טראָגען (כלאים פ"ט, מ"ח; נדה, סא).

שִׁעוּר (פאה, פ"א) בעשטימט, בעשטימען בלויז מיט אַ אויגען מאָס אָדער דורך בעאורטהײַלען אַ אומגעמאָסטענעם אָדער אײן אונגעצעהלטען געגענשטאַנד. „לערענט אָהן אַ שעור" נאָך אײנאַנד, אָן אַ בעשטימטע צײַט. „געהט צום שעור", „זיטצט בײַן שעור", „לערענט אין אַ שעור" הײסט אין אַ ישיבה װאָס װערט געלערנט פאַר אַ גרופע תלמידים טעגליך אין אַ בעשטימטע צײַט.

שָׂעִיר לַעֲזָאזֵל (ויקרא טז, כו) **שָׂעִיר הַמִּשְׁתַּלֵּחַ** (ירוש' יומא פו, צג) דער זינדע-באָק, װאָס פלעגט װערען פערשיקט אין אַ סטעפּע אום יום כפור, ער זאָל אַ װעק טראָגען מיט זיך אַלע מעם זינדע. יעצט װערט עס בענוטצט אויף יעדען אונשולדיגען װאָס מען װאַרפט אויף איהם פרעמדע שולדען.

שַׁעַר (בראשית כב, יז) טהויער. **שְׁעָרִים** (שופטים ה, ח). **שַׁעֲרֵי דְמָעוֹת** (ב"מ, נט.) די טהויערן װאָס פליסען דורך זײ טרערען פון צובראָכענע הערצער—פאַר גאָט. **שַׁעֲרֵי רַחֲמִים**

(זמירות למוצ"ש) די טהויערין דורך וועלכע עס קומען געטליכע ערבארמונג. **שערי שמים** (בראשית כב, יז) די טהויערין פון הימעלשע ערשיינונג. **שערי תפלה** (ברכות. כב:) דיא הימעל טהויערין דורך וועלכע דאס געבעט קומט אן פאר גאט.

שערות (תהלים מ, יג) האאר.

שעת — (זעה — "שעה").

שפע (דבר' לג, יט) איבערפלוס, מענגע, פיעל. „א גרויסע שפע" א שטראמענדע פרנסה, עס קלעקט ניט קיין הענד (סנהד' נו:).

שפחה (בראשית טז, א) דינערין, שקלאווין, **שפחות** (שם טו, יח).

שופט (שמואל ב טו, ד) ריכטער, **שופטים**.

שופטים — די 5-טע סדרה אין 5-טען טהייל חומש (דבר' טז, יח — כא, ט) און דיא 48-טע אין חומש. דא איז פערזאגט צו זעטצען ריכטער מיט פאליציאנטען אין יעדער שטאדט, און זיי זיינען שטרייננג פערזאגט זייא זאלען מיט גערעכטיגקייט ריכטען, ניט אכטען קיין פערזאהן (אנטקעגען די גערעכטיגקייט) און ניט נעהמען קיין בעשטעכונג. אויך איז פערזאגט ווידער וועגען געטצען דינסט און אנדערע אבערגלויבעריי און צובעריי. און בעשטימט געזעצען פאר דעם אידעשען קעניג, ער זאל ניט האבען פיעל פרויען און ניט אפלייגען פאר זיך גרויסע סומען ער זאל ניט שטאלצירען געגען זיין פאלק. איינגעטהיילט לגאטעם ווער עס איז פריי פון צוא געהן אין מלחמה — פסיחילאגיש ערקלערט. דא איז ווידער געזאגט דער דין פון „עין תחת עין" א אויג — פאר א אויג א. ז. וו. בכדי יעדער זאל זיין פארזיכטיג און זיך צוריק האלטען אין גרעסטען צארין, יענעמ'ס א גליד ניט צו בעריהרען — ווייל ער וועט בעצאהלען ניט מיט געלד נור מיט זיין אייגענע אויג.

שופך דמים (נדה, יג.), **שפיכת דמים** (זבחים, פח:) — **שפיכות דמים** (שבת, לב.). בלוט פערגיסונג. א שטארקע בעליידיגונג. **שפוך חמתך** (תהל' עט, ו) פערגיעס דיין גרימצאהרען

(אויף יודען פרעסער) — דער נוסח צום טיער אפען מאכען אין פסח סדר.

שָׁפָל (ש"ב ו, כב) דעמוטיג, געמיין.

שִׁפְלָה (חגיגה, יג.) געמיינע, אָרדנערע. **שִׁפְלוּת** (סוטה, מח.) ערנידערונג. **שְׁפַל רוּחַ** – האלט זיך איינפאך.

שִׁפּוּעַ (ב"ר, פ׳ סט) שיעף, אוקאָס, ד"ז ווי אלכסון.

שׁוֹפָר (ויקרא כה, ט) פּזוינע, טראָמפּעטע (אבלאז-אינ-שטרומענט אָהן קלאפּען), אם מעהרסטין איז עס פון א האָרן פון בּאראן (ויקרא כג, כד; במד׳ ט, א) **שׁוֹפְרוֹת** (שופטים ז, טז). „שופרות“ הייסט אויך דער דריטער טהייל מוסף לראש השנה. **שׁוֹפָר שֶׁל רֹאשׁ הַשָּׁנָה** (ר"ה, כו) דאָס „שופר בלאָזען“ דעם 1-טען און 2-טען טאָג ראש השנה. **שׁוֹפָר שֶׁל מָשִׁיחַ** דאָס בלאָזען מיט א שופר צום מעלדען משיח׳ס אָנקומען[1].

שִׁפְרָה (שמות א, טו) גלענצענדע. נאָמען פון א יודישע העבאמע אין מצרים, אין דער צייט פון פרעה׳ס גזרה צו טויטען די אידישע אינגלעך צו זייער געבאָרען ווערען. די צווייטע איז געווען די אויבען גענאנטע „פועה“ וואָס די תורה זאָגט אויף זיי עדות דאָס זייא האָבען זיך געשטעלט אין געפאהר און ניט ערפילט דעם מערדערישען גע-זעטץ, ווייל דאָס איז א גזרה פון רציחה, זאָנסט א גזרת המלכות וואָס איז געגרינדעט אויף יושר צדק ומשפט איז „דינא דמלכותא דינא“ (גטין, ו.) — און זיי האָבען זיך פערשאפט פיעל הייזער (שמות א, כא) צום פּראקטיקא, ווייל זיי האָבען בעקומען צוטרוי און

[1] כן נשבעים ההמון ומתברכים לזכות לשמוע קול „שופר של משיח“; אולי לוקדה מכליצת הכתוב (ישעיה יח, ג) „כנשא נס הרים תראו“ שזאת היתה אופן התלגרף לפנים, כידוע כהודעת קדוש החדש (ר"ה, כב:) — „וכתקוע שופר תשמעו“ — בשורת הגאולה, שגם זה היה לפנים האופן לפרסם בקהל רב ע"י השופר, כמ"ש בפרסום שנת היובל: „תעבירו שופר בכל ארצכם“ (ויקרא כה, ט). ובלשון המליצה „וכתקוע שופר תשמעו“ נוסד נוסח התפלה: „תקע בשופר גדול לחרותנו“ ובסוף מלאכי המדבר בענין הגאולה, לא במליצה כ"א בפשוטו, נאמר כי אליהו יבוא ויבשר הגאולה (מלאכי ג, כה) בנבואת זכריה באופן אחר.

פון זיי שטאַמען אויך די הייזער
פון מלוכה און כהונה (סוטה יא).
שוק (משלי ז, ח) מאַרק, **שְׁוָקִים**
(שה"ש ג, ב).
שְׁקָטָה (יהושע יא, כג) רוהיג,
שטילשטאַנד.
שִׁקּוּל הַדַּעַת (סנהדרין, ב: ו)
געשאַצט נאָך דעם
מיינונג, איבערלייגונג.
שִׁקּוּל (במדב"ר פ"ז) וויכטיג.
שַׁקְלֶיהָ וְטַרְיָה (חגיגה, יא) בעֶ־
וועגונג און אונטערהאַנדלונג.
שֶׁקֶל (שמות כג, ז) טאַלער. בעֶ־
וואוסט פון דעם **מַחֲצִית
הַשֶּׁקֶל** (שם ל, יג) אַ בעשטימטע
מאָנעטטע פאַר אַפאָלקס אָב־
צאָהלונג, וואס מיר מאַכען נאָך
יעצט אַ זכר דער פון יעדער
פורים „מחצית השקל געלד" און
דעם שבת פאַר איִם — „פרשת
שקלים". אויך די „פינף שקלים"
וואָס מען בעדאַרף געבען איין
כהן צום „פדיון הבן".
שְׁקִיעָה, שְׁקִיעַת הַחַמָּה (שבת,
כא: לד:) דאָס אונטערגאַנג
פון דער זון. — צו וויסען ריכ־
טיג די צייט פון די זון אונטער־
גאַנג איז זייער וויכטיג אין
אידישע רעליגיעזע אינטערעסען,
וויל ביי אונז געהערט די נאַכט
צום קומענדען טאָג, ווי עס איז
געזאָגט אין דער תורה אַנטגעגען
שבת און ימים טובים: „מֵעֶרֶב
עַד עֶרֶב תִּשְׁבְּתוּ שַׁבַּתְּכֶם" (ויקרא
כג, לב.) זעה — „בין השמשות".
שֶׁקֶץ (ישעיה ס, יז) אַבשייַ, עקעל־
האַפטע, — **שְׁקָצִים** (שבת
קמה:) **שִׁיקְצָא** (תרגום ויקרא יא, י)
מיט דעם רופט מען אבלאזען
אָדער אַ יונגעל אנ'עזות פנים —
בל"ז „שייגעץ".
שֶׁקֶר (שמות כג, ז) ליגען, **שְׁקָרִים**
(תהלים קא, ז). **שַׁקְרָן** (ב"ר פ"נ)
ליגנער, **שַׁקְרָנִים** (סנהדרין, קג).
שֶׁקֶר וְכָזָב — ליגען און פאַלש.
שׁוּרָה (ישעיה כח, כה) רייהע,
צייל, אַ שורה — **שׁוּרוֹת**
(פאה פ"ג, מא) זעה — („בשורה"). „אונ־
טערסטע שורה" — דער סך הכל
וואס קומט אַרויס.
שׁוֹר הַבָּר (כלאים פ"ח, מ"ד)
ווילדער אָכס.
בופעל (זעה „לויתן" — זיין בעש־
טימטע פאַאר)[1].

[1]) הר"מ מפרש שם „שור מדברי", גם בו פליגי חז"ל כמו בכוי (קידושין

שָׂרָה (בראשית יז, טו) הערשערין (ברכות, יג). נאָמען פון אונ־זער ערסטע מוטטער פון די פיער אמהות, אברהם אבינוס ערסטע פרוי, יצחק׳ס מוטער און יעקב׳ס באָבע.

שַׂר (יהושע ה, יד). פירשט —

שָׂרִים (ש״ב יט, ז) ווייבליך וואָרט בענוצט: „שר׳עסטע, שר׳עסטעם".

שְׂרָרָה (הוריות י. במדב״ר פ״ד, טו) הערשאַפט — **שְׂרָרוּת** (שם.) „פועלין ביי דעם שררה". אין מעהרצאָל „שררים" בל״ז.

שִׁיר (שופטים ה, יב) **שִׁירָה** (דברים א, יט) געדיכט, ליעד.

שִׁירִים (שה״ש א, א) — **שִׁירוֹת** (ברכות ג.). **שִׁיר הַמַּעֲלוֹת** (תהל׳ קכ, א) **שִׁיר הַמַּעֲלוֹת לְיוֹלֶדֶת** פון אַלע פונפצען שיר המעלות׳ן האָט דער 2־טע זוכה געוועהן מען זאָל איהם קלעפען אין צימער ביי א קינד־בעטערין ביי דעם בעט און ביי יעדען פענסטער און טהיר, מיט דעם פסוק „מכשפה לא תחיה" (שמות כב, יז) וואָס מען דרעהט איבער אויף אַלע זייטען, — פון דעם פסוק איז צו פערשטייען דאָס איז געמיינט קיין כשוף זאָל ניט צו קומען צו די יולדת און צום ילד. ווער דאָס האָט איינגעפיהרט פאַר א מנהג איז גאָר קיין טאַטע ניטאָ, נאָר דרוקען דרוקט מען עס צווייערליי: **שִׁיר הַמַּעֲלוֹת לְזָכָר** און **שִׁיר הַמַּעֲלוֹת לִנְקֵבָה.**

שָׂרוּי בְּצַעַר (סוטה מה.) געפינט זיך אין פערדרוס, אַקריינ־קונג. ד״ז ווי „מר נפש".

שָׂרִיד וּפָלִיט (איכה ב, כב) א פערבליבענער און א

ג) אם מן חיה או בהמה היא (חולין פ.); ולענין סעודתו עם הלויתן עי׳ ערוך ערך „בהמה". ויקרא רבה פ׳ יג, תנחומא פ׳ שמיני, ובהפזמון „אקדמות מלין" שנקבע לפיוט לשבועות לפני קריאת התורה—אשר בלשון ארמיי ספר ממנו גבורות ומלחמות עם הלויתן, וי״מ שהוא ענין מליצי: השור כנוי להפועלים העמלים, שרוב תבואות בכח שור (משלי יד, ד) ולויתן כנוי לבעלי הון האוכלים ואינם עושים—כתכונת דגים שהגדול בולע את הקטן, וזה כל עבודתם (ע״ז, ד.) והפיטנים ובעלי אגדה כלם פה אחד נבאו שהשי״ת יהיה בעזרת השור וינצח את הלויתן שנאמר (איוב מ. יט) „העושו יגש חרבו" האמור על הלויתן (ב״ב עה. ובאקדמות שם).

ענטרונענער. ד"ה: גאר נישט פערבליעבען.

שרים (זבחים, נא:) רעשט, איבער געבליעבענע. „די שרים פון רבי'ן" וואס ווערט דער פון פערזוכט פון א סימן ברכה וועגען ווי עם האט פאסירט מיט דער אלמנה ביי אליהו הנביא (מ"א יז, י—יט)؛ אבער האפען איז א זלזול און ווי א זולל (חולין, קלז).

שרפה (בראשית יא, ג) בראנד— **שרפות** „פער'שרפה'ט". צוגעברענט (בראטען, בעקעריי).

שרץ (ויקרא יא, א) קריכענדעם געווירמע. **שרצים** (מנחות, כט).

שרש (דברים כט, יז) וואורצעל, הערקונפט, **שרשים**. **שרש דבר** (איוב כח, יט) א אורזאכע.

שרות (במדבר ח, כו) בעדינונג.

ששה (בראשית ל, כ) זעכס. **ששים** (שה"ש ו, ח) 60. **ששה בכרם אחד** (תנחומא פקודי ט.) זעכסלינג. **ששת ימי המעשה** (המבדיל). זעכס ארבעט טעג. **ששת ימי בראשית** (ביצה, יח. חגיגה, יח.) די זעכס וועלטבעשאפונגס טעג (ע' רש"י שם). **ששה סדרים** (תענית, כו) זעכס איינגעארדנעטע טהיילען משניות (זעה—„סדר"). אין תלמוד ווערט דאס בפירוש אנגערופען: **ששה סדרי משנה**—נור ווען מען זאגט דאס מיט איין פערקירצונג (מיט א ראשי תבות) „ש"ס", איז דאס געמיינט דעם גאנצען תלמוד, צב"ש: „געקויפט א ש"ס", „איינגעגעבען ש"ס—א מתנה אין קלויז, „קלאר ש"ס", „געמאכט א סיום אויף ש"ס". —„געזאגט א הדרן אויף ש"ס. איז עם געמיינט א שלום רעדע צום בעענדיגען ש"ס, וואס ביי יעדער ענדע מסכת איז געשטעלט „הדרן עלך מסכת".

ששי (בראשית ל, יט) זעכסטע, בעקאנט צוליב די עליה „ששי" אלס א הויכע כבוד, ווי עם איז ערקלעהרט איהר יחום אין ספר הזהר (פ' שלח דף קסד.).

שושבין (סוכה, כה. ב"ק, קמז). **שושבינים** (ברכות, סא.) אונטערפיהרער, „הויכצייטס־קאמעראדען".

ששון ושמחה (ישעיה כב, יג) פריי־ליכקייט אונד פריידע.

שתדלן—פעראינטערעסירטער, פירשפרעכער—**שתדלנים**.

שְׁתַּדְלָנוּת – פֿירשפּרעכערײַ "זיך משתדל זײַן".

שְׁתִי וָעֵרֶב – קרײַץ (מלשה"ב ויקרא יג, נב).

שְׁתִיָּה (אסתר א, ח) דאָס טרינקען.

שׁוּתָּף (שבת, קיט) קאָמפּאַניאָן, **שׁוּתָּפִין** (נדה, לא). **שׁוּתָּפִים** (ב"ב, פ"ג). **שׁוּתָּפוּת** (סנהדרין, סג) וואָס שטעהן פערבונדען אין איין אונטערנעהמונג, ווי האַנדעל אָדער פאַבריקאַציאָן. "געקויפט בשותפות", ד"ה: יעדערער זאָל האָבען אין די ריוח פון די געקויפטע זאַך אַ טהייל.

שְׁתִיקָה (ב"מ, לז.) שטילשווײַגען.

שְׁתִיקָה יָפָה (פסחים, צט.) שווײַגען איז פּאַססענד.

שְׁתִיקָה כְּהוֹדָיָה (יבמות פז) שווײַגען איז געשטעהן יענעמס מײַן.

ת.

ת—געשטאַלט דער 22=טע און לעצטע בוכשטאַב אין העבראַישען "אַלף=בית". און איז דער ערסטער נאָך דעם אָרדנונג פון אומגעקעהרטען א"ב, ד"ה: "על פי תשר"ק.—דער **ת** דיענט אויך אַנשטאָט אַ ציפער 400, אָדער אַנשטאָט דעם צאַהל=וואָרט "אַרבע מאות", ווי: **ת"ח, ות"ט** — די יאָהרען 408=409 פון די בייזע גזרות. **תרי"ג מצות**=13 בעפאָהלען. **תרפ"ט אֲלָפִים**—689 טויזענד (אַ אונ=בעשטימטע צאָהל, אויף אגוזמא).

דער **ת** בעצייכענט אין צייט=וואָרט אויף די צוקונפטיגע צייט, אין אָנפאַנג: פאַר די 2=טע פערזאָן מענליך און 3=טע פ' ווײַבליך, ווי אין דעם וואָרט: "תִּפְעַל". און פאַר 1=טע פ' ווײַב'—"תִּפְעֲלִי". און פאַר מעהר צאָהל, מענ. און ווײַב. תִּפְעֲלִי, תִּפְעַלְנָה.

אויך אַם ענדע וואָרט אויף די פערגאַנגענע צייט מענ. און ווײַב: פָּעַלְתִּי און 2=טע פערזאָן פָּעַלְתָּ=פָּעַלְתְּ. אין מעהר צאָהל: פְּעַלְתֶּם פְּעַלְתֶּן. אין גע=גענוועערטיגע צייט ווײַב. פּוֹעֶלֶת,

פּוּעֲלוֹת —. ד״ז קוּמט דעֶר ת אַנשטאָט דעֶם ה צוּם פעֶרבּינ־דוּנג (סמיכות), צב״ש: אֲדָמָה— אַדְמַת־קֹדֶשׁ.

אוֹיך קוּמט דעֶר ת אִין פעֶרקירצוּנג (ר״ת) אַנשטאָט גאַנצעֶ ווערטעֶר, וויא דיעזעֶ:

ת״א—תַּעֲנִית אֶסְתֵּר, תַּרְגּוּם אוּנְקְלוֹס, תַּרְגּוּם אַשְׁכְּנַזִּי.

ת״ב—תַּעֲנִית בְּכוֹרִים, תִּשְׁעָה בְּאָב.

תובב״א – תִּבָּנֶה וְתִכּוֹנֵן בִּמְהֵרָה בְיָמֵינוּ, אָמֵן [1].

ת״ג—תְּנוּעָה גְּדוֹלָה, תְּקִיעָה גְּדוֹלָה.

תוה״ק – תּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה.

תזו״מ – תַּזְרִיעַ וּמְצוֹרָע.

ת״ח – תַּלְמִיד חָכָם, תַּעֲנִית חֲלוֹם, תְּשׁוּאוֹת חֵן.

תחה״מ – תְּחִיַּת הַמֵּתִים.

תוי״ט – תּוֹסְפוֹת יוֹם טוֹב.

ת״י – תַּחַת יָדִי, תַּרְגּוּם יוֹנָתָן.

ת״כ – תְּקִיעַת כַּף, תּוֹרַת כֹּהֲנִים.

תכ״ד – תּוֹךְ כְּדֵי דִבּוּר.

תומ״י – תֵּכֶף וּמִיָּד.

ת״ל – תְּהִלָּה לָאֵל, תַּלְמוּד לוֹמַר, תִּמְצָא לְעֵיל, תִּמְצָא לְהַלָּן, תִּמְצָא לְקַמָּן.

ת״מ—תְּפִלַּת מִנְחָה, תְּפִלַּת מוּסָף.

ת״נ – תְּקוּפָה נוֹפֶלֶת.

תנ״ך – תּוֹרָה, נְבִיאִים, כְּתוּבִים.

ת״ע – תְּפִלַּת עַרְבִית.

תע״ב—תָּבֹא עָלָיו (עֲלֵיכֶם) בְּרָכָה.

ת״צ—תַּעֲנִית צִבּוּר, תַּעֲנִית צַדִּיקִים.

ת״ק – תְּנוּעָה קַלָּה, תְּנוּעָה קְטַנָּה, תַּנָּא קַמָּא.

ת״ש—תְּקִיעַת שׁוֹפָר, תְּפִלַּת שַׁחֲרִית.

תשב״ר – תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן.

תושלב״ע – תְּהִלָּה וְשֶׁבַח לָאֵל בּוֹרֵא עוֹלָם.

ת״ת – תַּלְמוּד תּוֹרָה.

תַּאֲוָה (בראשית ג, ו) געֶלוּסט, בּאַגעֶרעֶן, לייַדעֶנשאַפט.

תַּאֲוֹת. תַּאֲוֹת עוֹלָם הַזֶּה (ספרי מוסר) דאָס שטרעֶבּעֶן נאָך וועֶלטליכעֶ פעֶרגניגעֶן.

תָּבֹא — די 7־טעֶ סדרה אִין 5־טעֶן טהייל חוּמש (דברים כו, א — כט, ה) אוּן 50־טעֶ אִין

---

[1]) דער אויסדריק ווערט בענוצט ווען מען דערמאנט א שטאדט פון ארץ ישראל, ווי: ירושלים, חברון, יפו א. ד. ג. דאס זיי זאלען אויפגעבויט ווערין און איינגעריכטעט ווערין אי גיכסטען אין אונזערע צייטען.

חומש. אִין אִיהר אִיז גֶעשְׁטֶעלְט: דָאס יֶעדֶער אִידִישֶׁער גוּטסבֶּעזִיטצֶער — ווען מִיר ווַארֶען אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע לַאנד — זָאל בְּרֵיינגֶען אִין אַ קֶערְבִּיל דָאס עֶרסטֶע פרוּכט פוּן זַיין בֶּעזִיצטהוּם אִין בית המקדש, אוּן אִיבֶּערגֶעבֶּענדִיג דאס דֶעם כהן הָאט מֶען בֶּעדַארפט אִיבֶּערדֶערצֵיילֶען דִי אִידִישֶׁע גֶעשִׁיכטֶע אִין קוּרצֶען, פוּן דֶערצַייט ווען יעקב אבינו אִיז גֶעווָארֶען אַוואַנדֶערֶער קַיין ארם נהרים בִּיז אוּנזֶער בֶּעזִיטצֶען דִיא אֵייגֶענֶע לַאנד — „אוּן דָאס אִיז אִיהרֶע פרוּכט!“. דִי רַייכֶע גוּטס בֶּעזִיטצֶער פלֶעגֶען בְּרֵיינגֶען זֵייעֶר עֶרסט־צַייטִיגֶע גֶעווִיכסֶע (בכורים) אִין זִילבֶּערנֶע קֶערבְּלֶעך, פלֶעגט דֶער כהן צוּ נֶעהמֶען דִי פרוּכט אוּן דֶעם קֶערבֶּעל צוּרִיק אָבּגֶעבֶּען; אָבֶער אָרמֶע פלֶעגֶען בְּרֵיינגֶען אִין גֶעפלָאכטֶענֶע קָאסֶעקלֶעך פוּן ווִיצקֶעס, אִיז יֶעם פֶערבְּלִיבֶּען בַּיי דֶעם כהן; דֶערפוּן שטַאמט דֶער שפּרִיך ווָארט: „נָאך דֶעם אָרמֶען שלֶעפּט זִיך נָאך דֶער דלוּת“ (ב"ק, צג.). — אִין דִיזֶע סדרה קוּמט אוֹיך „דִיא תוֹכחה“ ווען מֶען פֶערלָאזט דִי דִי אוֹיפגֶעגֶעבֶּענֶע גֶעזֶעטצֶע פוּן דֶער תוֹרה.

תָּבֹא עָלָיו בְּרָכָה (עירובין, סג:) עֶס זָאל קוּמֶען אוֹיף אִיהם דָאס זֶעגֶען.

תֵּבָה (בראשית ו, יד) קַאסטֶען, **תֵּבוֹת.**

תְּבוּאָה (ויקרא כה, כב) גֶעטרֵיידֶע, אַיינקִינפטֶע (דברי׳ יד, כב)[1] **תְּבוּאוֹת** (בראי מז, כד).

תֵּבֵל וּמְלוֹאָהּ (תהלים פט, יב) דִי בֶּעווָאהנטֶע וועֶלט, אוּן אַלֶס ווָאס אִיהר עֶרפִילט.

תְּבַלֶּה וְתִתְחַדֵּשׁ (או"ח סי׳ רכג). זָאלסט צוּ נִיטצֶען, אוּן מִיט נַייע אָפּפִּרִיסֶען“ — ווִינשט מֶען אַ פרֵיינד צוּ זַיין אָנצִיהֶען אַ נַייעֶם קלֵייד.

[1]) התרגום השני הוא העקר, כי תבואה הוא שם להכנסה בריוח שמביא כל עסק. שרשו „בוא“ מנע״ו, ותוצאותיו מהכנסה שמביא מזרע השדות, כמ״ש: „תבואת זרעך“ (דברים יד, כב) דמתרגמינן ע ר ט ר א ג דיינער אויסזאט; ושם הכולל לתבואת הארץ ומזון הוא „בר“ (בראי מב, כה); זולתי בלשון המשנה קבעו שם לכל צמח בשבלים — „תבואה“.

תביעה — פאָדערונג, מאָנונג, פּריטענזיע. **תביעות. תובע** (ברכות, לב.) פּרעטענזירער.

תבשיל (ב"ב, טו) געקאָכטעס געריכט. **תבשילין.**

תג (עירובין, יג) קרוין, בעצירונג אויף בוכשטאַבען. **תגים.**

תדיר (אבות, פג) בעשטענדיג.

תודרום (סנהדרין, לג) מענליכער נאָמען. **תיאודורוס** (תוספות אהלות, פ"ד), דער נאָמען שטאַמט פון לאַטיינישען.

תהו ובהו (בראׄ א, ב) וויסט און לער.

תהלה (תהלים קמה, א) לויבליד, גילט אַלס אַ ווייבליכער נאָמען (טילע בל"ז). **תהלה לאל** אַלויב צו גאָט, אַדאַנק גאָט.

תהלים (פסחים קיז.) **תלים** (שם) פּסאַלים-בוך, הייסט תהלים וויל ער איז דורך אין לויבונג צו גאָט אין העכסטען פּאָעטישען גייסט [1]. זיינע קורצע 150 קאַפּיטלען, דינען פאַר אַ שפּיעגעל פאַר די גאַנצע וועלט מיליאָנען מענשען אין אַלע עווינע דורות, אויף יעדען צופאַל און פּאַסירונג, וואָס קענען נור פּאָרקומען, איז צו געמאָסטען אַ קאַפּיטעל וועלכע עס איז צו שפּירען דעם רוח הקדש אויף יעדען וואָרט [2] אויך ביי אַנדערע

[1] בעשרה מאמרות של שבח נאמר ספר תהלים: „נצוח, נגון, משכיל, מזמור שיר, אשרי, תהלה, תפלה, הודיה, הללויה"; גדול מכלן „הללויה" שכולל שם ושבח בבת אחת (פסחים, קיז.), ונקראו יחד כולם בשם הכולל — תהלים, ע"ש הפסוק הראשון שבפסוקי דזמרה „תהלה לדוד"; שכל הספר, אף שנכתב ע"י עשרה זקנים: אדה"ר, מלכי צדק, אברהם, משה, הימן, ידותון, אסף, שלשה בני קרח (ב"ב, יד), ולא נאמר על שמותם, אלא על ידי דוד מלך ישראל, למה? שקולו היה ערב, שנאמר בו: „ונעים זמירות ישראל" (קה"ר ה, ז); וי"א ע"ש שהתלים באותיות במילואן בגמט' „ירושלים" היא עיר דוד (ש"ב ה, ט), וי"ד פעמים נזכרה ירושלים בספר תהלים, כמספר השם „דוד" (הר"ר פאלאני בהקדמתו לתהלים).

[2] התפעלות כאלה ע"ד ספר תהלים, נחזה בהקדמת הרב מלבי"ם והרב יוסף יחיא בהקדמותיהם לפי' ספר התהלים. ובירחון הוואסחוד לש' 83 (הבאתי גם בהקדמתי לספרי „מנצח בנגינות") דברי כהן אנגלי נוצרי, שאמר: „עלינו להוקיר ולכבד את עם ישראל, שממנו יצא דוד המלך, אשר לא זכתה כל אומה ולשון להוליד איש אשר רוח אלהים בו — כמוהו" ושם העירותי על דבר אשר אחרי כל התפלות והתשבחות

נאַציאָנען איז דער תהלים פּער־הײליגט אַלס אַ געבעט בוך (ספר אַלים לישׂ״ר עמוד 30). בײ אונז אָבער פּערבײט מען איהם אויף נאָר פּזמונים וואָס ווערען כאָראַליס בעזונגען שטײענדיג פאר אַ אָפענעם אָרון קדש, און געזאָגט יום טוב׳דיג געקלײדעט פון מחזורים אין פּראַכט־בענדער, און דעם הײליגען תהלים ווערט געזאָגט פון אַ אָבגעריסענעם וואַסער־טרעגער, אין שוהל בײ דעם טהיר, פון אַ צושאָטענעם תהלים׳ל און בעט נעבעך: „דער זכות פון דוד המלך זאָל איהם בײשטעהן", וואָס מען רופט עס: „תהלים זעגער" (פּסאַלים זעננער בלע״ז). דער תהלים איז אין פינף ספרים, אַנדגעגען די פינף חומשי תורה (מדרש שוח״ט מזמור א). און אויף יומים, צו יעדען טאָג פון וואָך אויס צוא זאָגען.

תְּהוֹם (בראשית א, ב) אָבגרונד, טיעפענעס, **תְּהוֹמוֹת** (שמות טו, ה).

תָּיו — נאָמען דער 22־טע און לעצטע אות אין א״ב.

תַּזְרִיעַ — 3־טע סדרה אין 4־טען טהײל חומש (ויק׳ יב, א—יג, נט) 27־טע אין חומש. אין איהר איז געזעטצע פאַר אַ קינדבעטערין, און בלוטפלוס, און וועגען אויפפּאַסונג פון אַ אויסזאַטץ עס זאָל זיך ניט אויסברײטען.

תַּהְבּוּלָה — אײנפעלע, פּלאַן, **תַּחְבּוּלוֹת** (משלי א, ה).

תְּחִיָּה — בּאַלעבונג. **תְּחִיַּת הַמֵּתִים** (ברכות, טו:). װידערבעלעבונג דיא טויטען [1].

שאמר דוד בס׳ תהלים, השלים בצווי להללו במיני כלי זמר: „הללוהו בתקע שופר, בנבל בכנור, בתוף ומחול, במינים ועוגב" וגו׳. יען שאין אנו מספיקים להודות לה׳ גם אם פינו מלא שירה כים ושפתותינו שבח כמרחבי רקיע, ובהגיע לחדול מהודות מחזיה שסים כליה שבחיה דמריה עלמא, ע״כ מסר ההלול והשבח לחיי העולמים — אל מקהלת נוגנים. מגדולת ספר התהלים בזוה״ק: פ׳ וישלח ד׳ קעט. פ׳ שמות ד׳ ח, פ׳ פינחס ד׳ רכז: ובתקוני זוהר תקון סט, ד׳ קה.

1) מלשון הכתוב: יחיו מתיך (ישעיה כו, טו); הוכחה על תחית המתים מן התורה עי׳ סנהדרין צ. בפרק חלק, וכל הכופר בה אין לו חלק לעוה״ב. וזה אחד מהי״ג עקרים שמנה הרמב״ם ושנקבעו בסדורי התפלות.

תְּחִלָּה (סוטה, מד), **תְּחִלַּת** (הושע א, ב) אָנפאַנג.

תְּחוּם (עירובין, נא:) גרענעץ, **תְּחוּמִים** (ב"ב, קכב.) **תְּחוּמִין**, **תְּחוּם שַׁבָּת** (שבת, סט:) (זעה—„עירוב תחומין").

תְּחִנָּה (מ"א ח, לב) געבעט — **תְּחִנּוֹת** (דהי"ב ו, לט):ד"ה, ביטען פון גאָטט. מיט דעם רופט זיך די אַלערליי אָנגעדרוקטע זשאַרגאָנישע פיר יודישע פרויען צו זאָגען פאַר גאָט — חוץ די תפלות פון סדורים און מחזורים וואָס איז אויך פאַר זיי אין עברי־טייטש — ניט נעמענדיג אין בעטראַכט דאָס אונזערע חכמים האָבען פרויען אינגאַנצען בע־פרייט פון אַ גרויסען טהייל מצות (ברכות, כ:), און אַנטגעגען גאָטט איז אָנגעזאָגט וואָס ווייניגער צו ריידען [1]. דען פאַר גאָט איז בעוואוסט אַלעמענס געדאַנקען און יעדערענס לאַגע גאָר ניט דערציילענדיג (דהי"א כח, ט). — דער רלב"ג ז"ל מאַכט דערויף אויפמערקזאַם: דאָס פון די לאַנגע „שירת הים" וואָס משה מיט אידישע פאָלק האָבען געזאָגט — האָט דערפון מרים הנביאה מיט אַלע יודישע פרויען געזאָגט נור איין איינצעלנעם פסוק (שמות ח, ט), דער פון איז צו לערנען דאָס פרויען בעדאַרפען זיך צוריקהאַלטען און ניט זיך אַריינלאָזען אין אַ ברייטען געשפּרעך מיט דעם רבונו של עולם און די הייליגע שכינה גלייך ווי מיט אַ שכנה, פון זייער גלייכען.

תַּחֲנוּן (פיוט יו"ב „יום") געבעט — **תַּחֲנוּנִים** (משלי יח, כג).

תַּחֲנוּן — הייסט דער פסוק „ויאמר דוד אל גד" (ש"ב כד, יד) צוזאַמען מיט דעם קאַפּיטעל „רחום וחנון" (תהלים, ו) וואָס איז געשטעלט טעגליך צו זאָגען נאָך שמונה עשרה, חוץ אַ יומא דפגרי, נאָר אַ טאָג וואָס מען זאָגט ניט „אב

[1]) אמר רב הונא אמר רב משום רבי מאיר: לעולם יהיו דבריו של אדם מועטים לפני הקב"ה, שנאמר (קהלת ה, א) כי האלהים בשמים ואתה על הארץ על כן יהיו דבריך מעטים (ברכות, סא.) „המספר בשבחו של הקב"ה יותר מדאי — נעקר מן העולם" (מגילה, יח:).

הרחמים" ווען דאָס פאַלט אום שבת.

תַּחַת (בראשית א, ז) אונטען.

תַּחְתּוֹנִים (פסחים, ח.) אונטערסטע. אויך רופט מען אַזוי „הויזען". **תַּחַת חֶרֶב** – אומגעבראַכט דורך דעם שווערד.

תַּחַת כִּפַּת הַשָּׁמַיִם–אונטער דעם הימעלשען געוועלב, ד"ה: אויף די גאַנצע רונדע וועלט.

תּוֹךְ (מ"א ה, סא) אינגערליך. „אין תוך אַריין" אין גרונד פון דער זאַך. **תּוֹךְ כְּדֵי דִבּוּר** (ב"ק, עג:) אין רעכטען אויסשפּרעכען, גלייך, מאָמענטאַלנע. **תּוֹכוֹ כְּבָרוֹ** (ברכות, כח) „וואָס גערעדט, דאָס געמיינט".

תּוֹכָחָה (שבת, קכט:) שטראָף רייד, צורעכט = ווייזונג —

תּוֹכָחוֹת (משלי ו, כג). **תּוֹכָחָה קְלָלוֹת** — אַזוי הייסען די פלוכען וואָס קומט פאָר אין די צווייַ פּרשיות פון דער תוכחה (ויקרא כו, יד—מא; דברים כח, טו—סח).

תַּכְלִית (איוב כו, י) ענד=צִיעל, צוועק, **תַּכְלִיתִים**.

תַּכְלִית שִׂנְאָה (תהלים קלט, כב) פאָלקאָמע, גרינדליכע פיינדשאַפט. „קומען צו אַ תכלית" זיך בעזאָרגען מיט אַ קאַריערע. „געמאַכ"י אַ תכלית" הייסט אין איראָניע: „געבראַכט צו נישט".

תְּכֵלֶת (שמות כו, ד) פּוּרפּוּר=בּלוֹי, דאָס איז אונזער נאַציאָנאַלער פאַרב, פון אים האָט בעדאַרפט זיין אין כנפה צו יעדער פיער עקעדיגע קלייד (ציצה). ר' מאיר ערקלערט אין פרק התכלת (מנחות, מג:) די וויכטיגקייט פון דיזען פאַרב אַנטקעגען אַלע אַנדערע: „דער מיט וואָס ער האָט דעם קאָליר פון ים, דער ים—פון הימעל, און דער הימעל פון כסא הכבוד" (עי"ש). און דאַרום הייסט עס תכלת וויל די הימעל בלויקייט קומט דער פון וואָס עס ענדיגט זיך דאָס זעהן (מל' תכלה).

תֹּכֶן — פערשטייט די אינערליכע איינריכטונג. **תֹּכֶן הַדָּבָר** — די גאַנצע אינערליכקייט פון דער זאַך. **תֹּכֶן הָעִנְיָן** — אינערליכע פון דעם געגענשטאַנד. **תֹּכֶן** — סתם בענענען מיר דעם בעטראַכטער

דעם גאַנצען איינריכטונג פון הימעל־סיסטעם (אַסטראָנאָם).

תְּכוּנָה — אַסטראָנאָמיע [1].

תֵּכֶף (ברכות, מב.) באַלד, גלייך.

תֵּכֶף וּמִיָּד — זאָ גלייך, באַלד [2].

תַּכְרִיכִים, תַּכְרִיכִין (שבת, קנא. טויטען־אַנקליידונג, סוּיווע [3]). „געשטאָרבען אין פרעמדע תכריכים"—געפיהרט אַ רייכען לעבען און געשטאָרבען אַ אביון.

תַּכְשִׁיט (ב"ק, פב.) שמוק, צירונג, פוטצזאַכע — **תַּכְשִׁיטִים** (כתובות, סה:). **תַּכְשִׁיטֵי נָשִׁים** (ב"ק, פב:) פרויענצירונג, פוטצערייַ. דאָס האָט עזרא איינגעאָרדענט: קאַראַבעלניקעס(פעדלער) זאָלען אומוואַנדערין איבער שטעדט־לעך, יעדע פרוי זאָל בעקומען נאַלאַנטעריי זאַכען, זיי זאָלען ניט אָנווערין די געפעלינקייט ביי זייערע מאַנען (ב"ק שם). „אַ יונ־גער מאַן אַ תכשיט" אַ זיידענער יונגערמאַנציק, אַ צירונג פאַר זיין שטעטעל. „איינגעבען אַ תכשיט"(אויך זאָגט מען אַ ריי־ניגקייט), איז געמיינט אַ ספר תורה אריינגעבען אין אַ קלויז אַ נדבה.

תִּכָּתֵב וְתֵחָתֵם לְאַלְתַּר לְחַיִּים (ר"ה, טז:) דער וואונש אום ראש השנה — מען זאָל באַלד פערשריבען און פער־זיגעלט (פערחתמ'עט) ווערין צום לעבען (ווי אַ צדיק גמור).

תֵּל (דברים יג, יז) הייפעל, הוגעל, **תְּלָמִים** (גטין, לא:). **תֵּל עוֹלָם** (יהושע ח, כח) עווינען שטיינהויפען. „געמאַכט אַ תל" אַ באַרג אַש, חרוב ומוחרב.

תִּילֵי תִּילִים (מנחות, כט: תנחומא בראשית, א) מאַסען בערג.

---

[1] מלה"כ ואין קצה לתכונה (נחום ב, י) והיא הכנה רבה בסדר קבוע ומיוחד ואין לך הכנה גדולה כמערכת צבא השמים בסבובם.

[2] תכף ומיד בלי התלמודי הם שני שמות נרדפים: „תכף לגאולה תפלה (ברכות, מב), „מה דגים שבים כיון שעולים ליבשה מיד הם מתים" (ע"ז, ג:) ואומרים שניהם ביחד „תכף ומיד"—להורות המהירות בלי אחור.

[3] כן הוא בלי המשנה, אבל במקרא הוא להלבשה נהדרה, כמ"ש: „ומרדכי יצא בלבוש מלכות ותכריך בוץ וארגמן" (אסתר ה, טו).

תּוֹלְדוֹת — דִי זעֶכסטעֶ סדרה אִין עֶרסטעֶן ספר פוּן דעֶר תּוֹרה (בראשִית כה, יט—כח, ט). דאָ אִיז בּעֶשרִיבּעֶן דאָס געֶבּעֶרִין פוּן דִי צווייִ אוּנגלייַכעֶ בּרִידעֶר „יעקב אִיש תם" (שם ו, כז) עֶר אִיז דעֶר דרִיטעֶר פוּן אוּנזעֶרעֶ דרייַ אָבוֹת הקדוֹשים, אוּן „עֵשו דעֶר פאָטעֶר פוּן אדוֹם" (שם לו, יט) (דִי „האַנדלוּנגעֶן אוּנטעֶר בּייִדעֶ בּרִידעֶר זעֶה—„הלעיטני").

תְּלִיָּה (סנהדרין, מו:) גאַלגעֶן — **תְּלִיוֹת** (קדושין פ'). **תָּלוּי** (סוטה, מג:) געֶהאַנגעֶנעֶר. **תַּלְיוֹן** (ירושלמי תענית פ"ד ד' מט) העֶנקעֶר.

תַּלְמוּד (ב"מ, לז) בּעֶלעֶהרוּנג, שטוּדיוּם (זעֶה — „גמרא" אִין הערה). מִיט דעֶם נאָמעֶן **תַּלְמוּד** הייִסעֶן דִי בּייִדעֶ־עֶרלייִ גרויסעֶ אוּן וויִכטִיגעֶ קאָמעֶנטאַריוּמעֶן אוֹיף דִי משניוֹת: **I. תַּלְמוּד יְרוּשַׁלְמִי**, הייִסט אוֹיך „גמרא ירוּשלמי", ווייַל עֶר אִיז אוֹיפגעֶשטעֶלט געֶוואָרעֶן אִין ארץ ישראל דוּרך דעֶם תּנא ר' יוחנן, וועֶלכעֶר אִיז געֶוועֶזעֶן אַ תלמיד פוּן דעֶם זעֶלבּעֶן ר' יהוּדה הנשיא וואָס האָט אוֹיפגעֶשטעֶלט דִי „משניוֹת". דִיזעֶ גמרא אִיז קוּרץ, כמעט גאָר אָהן פלפוּל, אָבּעֶר זייִעֶר קִינסטלִיך אוֹיפגעֶשטעֶלט. **II. תַּלְמוּד בַּבְלִי** הייִסט דִי גמרא וואָס אִיז אוֹיפגעֶשטעֶלט געֶוואָהרעֶן אִין בּבל, מִיט **100** יאָהר שפּעֶטעֶר, אוּנגעֶפעֶהר, נאָך דעֶם תלמוּד ירוּשלמי—דוּרך רבינא ורב אשי. דעֶר „תלמוּד בּבלי" האָט שוֹין גאַנץ טִיעף אוּן בּרייִט עֶנטווִיקעֶלט אַלעֶ אָבּטייִלוּנגעֶן פוּן דעֶם „משניוֹת". יעֶדעֶר געֶגעֶנשטאַנד פוּן אִיהם אִיז געֶשלִיפעֶן דוּרך ספּעֶציאַלִיסטעֶן מִיט אַ גאַנץ טִיעפעֶן שכל, געֶנִיטקייַט אוּן וויִסעֶנשאַפט [1]. אַזוֹי ווִיט דאָס דעֶר שטוּדִירעֶנדעֶר אִין אִיהם

[1] אם שכלם ברורים בברורי המשנה, בב"ז מציין התלמוד בעצמו על המצויינים שבהם, המומחים בעניניהם, כמו: שמעון בן ננס—בדיני ממונות (ב"ב, קעה:); רבה בר נחמני—יחיד בנגעים ואהלות (ב"מ, פו:); ר' אליעזר—במראות דם נדה (נדה, כ.); ר' יוחנן—בטרפות (חולין, כח:)—במחלות פנימיות והריאה בבהמה; ר' אליעזר בנו של ר' יוסי הגלילי—בהגדה (חולין, פט); ר' מאיר—לתקון משלים (סנהדרין, לח:); רב

פּיעל־װעהניג, מאַכט עס איהם פערנינפטיג, און גיעט איין פער־שטאַנד יעדען יונגען מענשען, ער מעג זיין װי טומפּיג און גולם־האַפטיג. דאָס איז אַזוי װײַט אָנגענומען פאַר ריכטיג, ביז עס איז פערבליבען דער שפּריכ־װאָרט: „װאו תורה—דאָרט איז חכמה“. אין מיטעלאַלטער איז געװעזען איינגעבילדעט דורך אידישע שונאים, דאָס דער תלמוד מאַכט דאָס די אידישע פאָלק שאַרפזיננינג, און דעריבער שטייגען זיי איבער אַנדערע. אָבער דאָס מעהרסטע האַנדעלס לײַט און שטודירענדע װייסען און פערזוכען גאָר ניט פון די תלמודישע פּלפּולים. די ריכטיג־קײַט איז: דאָס ניט דער תלמוד האָט געמאַכט דאָס פאָלק טיעפ־זיננינג, בלויז די טיעפזיננינגע פאָלק האָט בעשאַפען אַזאַ תלמוד.

אויך אין די תלמודישע אָבטהײלונ־גען מדרשים ואגדות איז ניט פער־פעהלט איין געגענשטאַנד אין דער נאַטור און אין לעבען װאָס איז ניט פּסיכאָלאָגיש חאַראַקטעריזירט.

תַּלְמִיד (ברכות, כה) שילער, שטודענט, דער װאָס נעהמט אונטערריכט. **תַּלְמִידִים** (אבות, פ״ב). „תלמיד“ הייסט ניט גראַדע װאָס לערנט פון דעם רבי מונדליך, נור אויך װאָס געהען אונטער זיין לעהרע אָדער נאָך זיין פּרינציפּ און מדות אויך אין שפּעטערדיגע דורות [1] אויך אַ יונגלינג װאָס לערנט זיך אַ מלאכה אָדער קונסט ביי אַ מייסטער הייסט אויך „תלמיד“ (דה״א כח). **תַּלְמִיד וָתִיק** (עירובין, נד.) טיכטיגער שילער. **תַּלְמִיד חָכָם** (ברכות, ו.) אַ געענדיגטער שיללער [2]. **תַּלְמִידֵי חֲכָמִים** (שבת, קמה.).

אדית—לתשובת המינים (שם) וכיוצא בזה. מזה יש להבין מה הרעש והשאלה בתמיה גדולה על המשנה: „לימא מתניתן דלא כבן ננס״? (ב״מ ב:), „לימא מתניתן דלא כסומכוס?״ יען שהם היו מקובלים בין החכמים למומחים גדולים בדיני ממונות (ציווילרעכט).

[1]) כל מי שיש בו שלושה דברים הללו הוא מתלמידיו של אברהם אבינו וכו׳ (אבות, פ״ה).

[2]) מצאתי לנכון לתרגם ת״ח—תלמיד שהשלים חק למודו והשיג תואר חכם

תם (בראשית כה, כז) פראמב, רעכט-שאפען, אונשולדיג.

תמים (בראשית ו, ט), **תמימים** (תהלים לז, יח; משלי א, יב). **תמימות** (ויק"ר, פ' יא) נאאיוו, אהן פאלש-קייט. "תמה'וואטע" אהן פערש-טאנד צום איבערלייגונג.

תמיד (שמות כה, ל) בעשטענדיג.

תמוז (שבת נג: ר"ה יח.) 4-טער חדש נאך ניסן; דער היים-טער אין יאהר (שבת נג; מל' מזי רעב). זיין ראש חדש בעשטייט פון 2 טעג, דער 2-טער — וואס ער איז דער ערשטער אין נייעם מאנאט — פאלט נור אין איינעם פון די טעג; **א, ג, ה, ו.** און בעשטעהט פון **29** טעג.

תמחוי (פאה פ"ה. מ"ז; פסחים, צט.) ברויט-קארב, יעצט הייסט עס געקאכטע שפייזע (ביליגע קיך) — פאר ארמע.

תמיה (חולין עה.) בעוואונדערונג, ערשטוינונג.

תמצית (פסחים, טו.) אויסגע-פרעסטע, אויסגעקוועצ-טע. "דם התמצית" דאס לעצטע אבגעבליבענע טראפען בלוט[1].

תמר (בראשית לח, ו) די פאלמע. מיט דעם נאמען הייסט די מוטער פון די פאמיליע פון דוד המלך'ס הערקונפט (רות ד, יח—כב). דערום איז פארגעקומען אין קייזערליכע פאמיליע נאך מיט דעם נאמען צוליעב איהר אנ-דענקונג: דוד המלך'ס א טאכטער (ש"ב יג, א), אויך זיינע א איניקעל (שם יד, כז), ביידע בעריהמטע מיט זייער זעלטענע שענהייט. פון "תמר" שטאמט אין זשארגאן דער נאמען **תמרה.**

תנא (כתובות סה:), **תנאים** (סוטה, כב) די חכמים, וואס פון זייערע לעהרע איז אויפגעשטעלט

ועוד לו לשמש תלמידי חכמים, כדמוכח מהמאמר: "כל תלמיד חכם שאינו עומד מפני רבו" וכו' (קידושין, לג:); גדול ממנו במעלה התואר "רבי" שהגיע להוראה ולהחזיק ישיבה (פראפעסאר), כאשר חלקו חז"ל: "חכם יתקרי—רבי לא יתקרי" (ב"מ, פה); ויש אשר גם המחזיק ישיבה יתקרי חכם (ולא רבי), כמאמרם: "חכם שמת—בית מדרשו בטל" (מו"ק, כב:) וההבדל שזה נקרא חכם ולא תלמיד חכם (עי' קידושין מט:). בענין התוארים בחכמים עיין הקדמת הרמב"ם לפירוש המשניות.

[1]) מרכב משתי המלות: "תם, מצית" כמו: שתית מצית (ישעיה נא, יז).

די משניות. **תנא ברא** אויסער ארדענטליכער פראפעסאר, בל"ז זאגט מען: „תנא ברא" אויף אצולאזענעם וואס מען האט אים אין קיין חדר ניט איינגעהאלטען [1].

תנאי (קידושין, מא) בעדינגונג — **תנאים** (ב"ק, פ:). **תנאים ראשונים, תנאים אחרונים** ערסטע און לעצטע עהע פערלאבונגס בעדינגונגען. **תנאי קודם למעשה** (ב"מ, צד.) פאראבריידונג, בעדינגונג פאר דעם טהון.

תנחום (שבת, ל.) געטרייסט, מענליכער נאמען אונטער פיעלע פון די אמוראים, בעוואוסט איז דער בעל המדרש „תנחומא" [2].

תנחומים (ברכות, טז:) טרויסט.

תנחומי אבלים אדר"נ, פ"ל) טרויסטען טרויערענדע.

תנ"ך (מגילה לא, ע"ז יט) פערקירצונג פון די נעמען מיט וועלכע עס הייסען די דריי אבטהיילונגען פון די הייליגע שריפטען; **ת**ורה, **נ**ביאים, **כ**תובים, (זעה—„חומש", „כתובים" אויך— „עשרים וארבע").

תנועה, תנועות בעוועגונג, גרימאסען, ד"ה: העויות, בעוועגט און צורואינירט דאס גלייכגילטינקייט די געזיכטציגע, אום אוים צודריקען דאמיט צופריעדענהייט אדער אונצופריעדענהייט. ביי מדקדקים רופט זיך תנועות די צעהן וואקאלען (נקודות), מיט וועלכע מען בעוועגט די אותיות דורך 5 תנועות גדולות און 5 תנועות קטנות.

תינוק (ברכות, ג.) קליין-קינד, זייגלינג. **תינוקת** (עירו', נג) ; **תינוקות** (שבת, יא ; לזו"נ).

תוספת כתובה (כתובות, קד : ירוש', שם פ' יב) א צוגאבע. צו די געזעצליכע כתובה (זעה— „כתובה").

תועלת (במדב"ר פ' ב, פסחים, קח: מירמיה מ, מא) נוטצען.

ו

---

[1]) מלי פוק תנא לברא (עירובין ט. יומא מג,) זה מעין: „ע ל דא אפקוה לר' ירמיה מבית המדרש" (ב"ב, כב).

[2]) בלי המקרא נמצא שריה בן תנחומת (מ"ב כה, כג).

תַּעֲנוּג (עירובין, נד.) פערגניגענד, **תַּעֲנוּגִים** (שה"ש ז, ז). **תַּעֲנוּגֵי עוֹלָם הַזֶּה** (אבות דר"נ פ' כח) דיעזע וועלטליכע פערגניגען און בעקוועמליכקייט, וועלכע עס פערשאפט אנגענעמקייט די פינף חושים. **תַּעֲנוּגֵי עוֹלָם הַבָּא** (שם) פערגניגען וועלכע עס פערשאפען דעם גייסט ווען ער איז געשיעדען פון קערפער. **תַּעֲנוּג רוּחָנִי** — הייסט אויך גייסטליכע פערגניגען, אבער ווען דער גייסט איז פערבונדען מיט דעם קערפער, וואס קומען בלויז דורך די צוויי געפיהלען פון הערען און זעהען.

תַּעֲנִית (סנהדרין, לה:) פאסטאג, **תַּעֲנִיּוֹת** (סוטה, יב) „תעניתים" בל"ז. זיי קומען פאר אונטער דיזע בענענונג: **תַּעֲנִית אֶסְתֵּר** דעם פאסטען ערב פורים, צום אנדיינק וואס אסתר האט בעשטעלט מען זאל פאסטען דרייא טעג — פאר איהר קומען צו דעם קעניג אחשורש, בעטען פאר אידען (אסתר ד, ז). **תַּעֲנִית בְּכוֹרִים** אפאסט טאג פאר אלע בכורים — איז ערב פסח, צוליעב וואס אונזערע בכורים זיינען נצול געווארען פון די מכת בכורות (או"ח ה"פ, ס'תע). **תַּעֲנִית חֲלוֹם** (תענית, יב:) דעם פאסטען נאך א שוידערהאפטען טרוים. **תַּעֲנִית צִבּוּר** (שם, יג) א פאסט טאג וואס די געמיינדע בעשטימט צוליעב א בייזע גזרה אדער ווייניג רעגען. **תַּעֲנִית צַדִּיקִים** א פאסט טאג ביי פראמע — איז דעם 10טען ניסן (או"ח ה"פ בבאוה"ט סי' ח). **תַּעֲנִית שֵׁנִי וַחֲמִישִׁי** (זעה — „שני וחמישי"). **תַּעֲנִית נִדְחָה** (עירובין, מא:) א אבגעלייגטער תענית, ווען עס האט געזאלט זיין אום שבת (די אנדערע געבאטענע תעניתים, זעה יעדען אין ארטיקעל נאך זיין נאמען). „א געבאטענער תענית" — הייסט וועלכער עס שטאמט ניט בלויז פון א מנהג נור פון דער גמרא. „א גרינגער תענית" א פאסט טאג וואס גערט פאראיבער גאר ניט שפירענדיג דאס מען פאסט, אין געגענטהייל הייסט עס: „א שווערער תענית".

תְּפִלָּה (מ"א ח, לח) געבעט, ביי גאט. **תְּפִלּוֹת** (תהלים עב,

כ). **תְּפִלָּה בְּלַחַשׁ** (סוטה, לב:) שטילע גיבעט, הייסט: די „שמונה עשרה", וואָס די געמיינדע זאָגט יעדער פאַר זיך, דער געגענזאַטץ פון חזרת הש"ץ. **תְּפִלַּת גֶּשֶׁם** (תענית, טו.) געבעט אויף רעגען, איז בעשטימט אויף „שמיני עצרת" צום מוסף, אַ צוגאַבע צו דעם נעכטיגען „הושע נאָ רבה" איבער רעגען, דערצו קומט שוין אויך די קורצע תפלה „משיב הרוח" אויף דעם גאַנצען ווינטער ביז פסח (זעה — „משיב הרוח"). **תְּפִלַּת טַל** געבעט אויף טהוי, איז געשטעלט צו זאָגען אין מוסף פון 1-טען טאָג פסח. **תְּפִלַּת הַדֶּרֶךְ** (ברכות, כט:) געבעט צום רייזע. **תְּפִלַּת מִנְחָה** (שם, כא) מיטאָגס געבעט. **תְּפִלַּת מוּסָף** צוגאַבע געבעט. **תְּפִלַּת עַרְבִית** (שם) אָבענדס געבעט **תְּפִלַּת שַׁחֲרִית** דאָס מאָרגענס געבעט. **תְּפִלָּה קְצָרָה** (שם, ג.) אָדער **תְּפִלַּת הֲבִינֵנוּ** אָבגעקירצטע געבעט פון די שמונה עשרה, פאַר דעם וואָס שטעהט אויפ'ן וועג אָדער ער איז אין וועג. (דעם חלוק פון „תפלה קצרה" ביז „תפלת הבינגו" (זעה מסכת ברכות, כט:). **תְּפִלָּה עַל הַחוֹלֶה** געבעט אויף די געזונדהייט פון איין קראַנקען. **תְּפִלָּה לַעֲצִירַת גְּשָׁמִים** געבעט אויף רעגען מאַנגעל. **תְּפִלָּה לְרִבּוּי גְשָׁמִים** געבעט אויף דעם צוריקהאַלטען דאָס צופיעל רעגען. **תְּפִלַּת שָׁוְא** (ברכות, נד.) אומזאָנסטע געבעט, אויף אַ זאַך וואָס איז שוין פערלאָרען דער האָפנונג אויף אים צו ענדערין. אַ „תפלה" סתם — איז אַ פזמון פון פיוט, געדרוקט אויף גרעסערע אותיות אין קורצע שורות, און עס ווערט געזאָגט אַ פסוק אום אַ פסוק מיט דעם חזן פאַר אַ אָפענעם אָרון קודש (זעה — „פתיחה").

תְּפִלִּין (מנחות, מד.) געבעט-טראַכט.[1] **תְּפִלִּין**

---

[1]) תרגמתי מלשון קשוט ופאר, מיוחד לעת העמידה בתפלה, כמ"ש: „פארך חבוש עליך" (יחזקאל כד׳ יז) שקאי על התפלין (ברכות יא.) ועיין ערוך ערך „תפל", שם הוא מביא דעות אחרות ושונות ע"ד פתרון השם תפלין שהוא מל׳ תפלה בל׳ רבים׳ וי"א שהוא מענין ויפלל שעשה פלילות עם קונו ע"ש שהם עדות והוכחה ששם ה׳ נקרא עלינו (תוס׳ מנחות לד: ד"ה לטוטפות).

שֶׁל יַד (שם) דער אֵיינער וואָס איז בעשטימט צום בינדען צו די לינקע האַנד (מנחות לז. מהכתוב דברים ו, ח) און **שֶׁל רֹאשׁ** צום אָנטהאָן אויף דעם קאָפּ, העכער איבער די אויגען (שם). אין ביידע געפינען זיך די זעלבע פיער פרשיות פון דער תורה. א) „קדש לי כל בכור" (שמות יג, א—י). ב) והיה כי יביאך (שם יא — טז). ג) שמע ישראל (דברים ו, ד—ט). ד) והיה אם שמוע (דברים יא, יג—כא). דיזע פיער פרשיות: צום של יד שטעלט מען אלע צוזאַמען אין איין בית, אָבער צום של ראש איז יעדער פרשה אין אַ בעזונדערין בית (מנחות, לד:). מיט דעם איז זיי אויך צו ערקענען פון אויסען; אויך איז דער של ראש מיט 2 בולט'ע שינ'ן (שם לה.). מיט דעם ש און קשר של־ראש וואָס איז חי אַ ד און קשר של־יד וואָס איז ווי אַ י קומט אַרויס דער היילינגער שם **שדי** (רש"י מנחות לה: ד"ה קשר).

דיזער סדר פון די פיער פרשיות איז נאָך דיא דעה פון רמב"ם און פון רש"י, און הייסען „תפלין של רש"י", אָבער מיט אַ קליינעם אומענדערונג איז נאָך דעם „רבינו תם'ס תפלין" — וואָס זיינען איינגעפיהרט ביי חסידישע מענשען, און לייגען ביידע־ערליי, צו יוצא זיין לכל הדעות[1]. „ווי אַ איד היט אָב אַלע טאָג תפלין צו לייגען" — דער שפריך־וואָרט האָט געדיענט אַ צייט יאָהרען פאַר אַ ביישפיעל אויף אַ געגענשטאַנד וואָס האָט ניט פערפעהלט זיין רעגעלמעסיגקייט[2].

תּוֹפֵס (ב"מ, י.) האַלט איין, פערחאַפט. „ווי זייט איהר דאָס תופס" אין וואָס פאַר אַ זין

[1]) תפילין של רבינו תם יניח רק זה שמוחזק ומפורסם בחסידות (שו"ע או"ח הל' תפילין, סי' לד).

[2]) מצות תפילין הציגו בתלמוד למופת על אלה המצות הרפוית בזמנם, והטעם והסבה לזה אמרו בכלל: „כל מצוה שלא מסרו עצמן ישראל עליה בשעת גזירת המלכות, כגון תפילין — עדיין היא מרופה בידם (שבת, קל.), ומקשי שם התוספות: והא אלישע בעל כנפים הניח בשעת הגזרה? ומתרץ: כי לא מסר נפשו, רק כְּחד ואמר שהם כנפי יונה. ולבלי להרחיק בשתי ידים את אלה הרפויה בידם, נתן רבינו תם הסבר על המאמר „פושעי ישראל בגופן — קרקפתא דלא מנח תפלין" (ר"ה, יז.) מפרש ר"ת:

נעהמט איהר דאס אן. **תפיסה** (חולין, קז:) געפענגניס, ארעסט הויז. **תפוס** (עירובין, כא) ארעס־טירטער. **תפוסים**—פערהאל־טענע אין פעסטונג — קומען אפ א שטראפע פאר א קרימינאל. **תפיסה** הייסט אויך א בעגריף, בענעהמען (ד"ז ווי „השגה").

תצא — די 6־טע סדרה אין פינפטען טהייל חומש (דברים כא י—כה, יט) און 49־טע אין חומש. אין איהר איז פיעל געזעטצען ווי צו זיין צו גאט און לייט: אויף ריכטיגע מאס און געוויכט, אויך פרויען רעכט און מצות חליצה (זעה—„חליצה"), אויף רייניטליכקייט און צו זיין אבגע־היט פון אנשטעקענדעס (שם כג י—טו); מען זאל גוט געדיינקען עמלק'ס אנפאל, אויף אונז געהענ־דיג אין בעפרייאונגס וועג (שם כה, יז—יט) זעה—„עמלק".

תצוה — די אכטע סדרה אין צווייטען טהייל חומש (שמות כז, כ—ל, י) און די 20־טע אין חומש. דארט איז בעשרי־בען דער אוניפארם, קאסטיומען און טראכט פאר די כהנים צו גאטטעס דינסט, מיט דעם חשן און אפוד און אויך די אורים ותומים. דא איז צו זעהן די גרויסע קונסט וואס איז געווען ביי יודישע פאלק וואס זיי האבען איינגעטהיילט אויך איין גרויסען *עווינען נאמען מיט זייער קונסט די לאנד מצרים (זעה דעם אנ־מערקונג אין סדרה „ויקהל").

תיקו (ב"ק, ט:) פערבלייבט א פראגע! דער אויסדריק קומט פאר אין תלמוד ווען

דהיינו כשהמצוה בזויה עליו, ומביא הוכחה מהלשון במסכת יומא לו: „פשעים — אלו המורדין, ואם עסק בתורה כמניח תפלין דמי, דאמר במכילתא: „העוסק בתורה פטור מן התפלין", ומסים: והא דאמר במדרש „תפלין מפני מה לא החזיקו בהן—מפני הרמאין" לא נראה לר"י דמשום רמאין נמנעו מלעשות מצוה, אלא הכי פירושו: „לא החזיקו נאמנות באדם המניח תפילין לרמות בני אדם" עכ"ל. והמניח תפלין לשם שמים, לקים בזה מצות התורה: „וקשרתם לאות על ידך ולטוטפות בין עיניך" בוודאי מצוה רבה היא גם להעוסק בתורה, כי כל התורה כלה הוקשה לתפילין, שדרשו מהכתוב: „למען תהיה תורת ה' בפיך — מן המותר לפיך" שקאי על התפילין (שבת קח).

אַ דבר הלכה פערבלייבט אין אַ צווייפעל, ניט בעאורטהיילט [1].

תְּקוּמָה (תנחומא אמור, מג. ויקרא כו, לז) בעשטאַנד.

תִּקוּן (סוכה, נא.) אויסבעסערונג, איינאָרדנונג. **תִּקוּנִים.**

תִּקוּן נְשָׁמָה — אויסבעסערונג דעם מענשענס זעעלע, נאָך זיין טוידט — דורך השבעות און פדיונות. דאָס איז געגען די דעה פון אונזערע חכמים וואָס זיי האָבען געגליכען דיעזע וועלט צו אַ פאָרהויז. זיי הייסען זיך דאָ מתקן זיין אָבער נאָך דעם טויט העלפט קיין תשובה (אבות פ"ד). **תִּקוּן** — סתם הייסט נעבען משקה אין שטיבעל ביי חסידים פאַר דעם עולם.

תִּקוּן סוֹפְרִים — הייסט דער ספר וואָס ער איז אַ מיטעל פאַר סופרים נאָך צו שרייבען: „תורה, נביאים ומגילות“. **תִּקוּן הָעוֹלָם** (גטין, לו:) אויסבעסערונג פיר די וועלט. **תִּקוּן שָׁבוּעוֹת** צוזאַמענגעשטעלטע זאָגאַכץ אויף שבועות ביי נאַכט.

תַּקָּנָא (סנהדרין, כה.) אויסבעסערונג (ב"ק, פ). איינריכטונג, פעסטשטעלונג.

תַּקָּנוֹת (שם, קג) סטאַטוטען.

תַּקָּנוֹת אַגֻדָּה, תַּקָּנוֹת הַחֶבְרָה — איינגעפיהרטע פונקטען פיר דעם פעראיין.

תַּקָּנוֹת עֲגוּנָה — אויסבעשערונג פיר אַ פערבונדענע פרוי וואָס איהר מאַנן איז ווי אין וואַסער אַריין, זי זאָל מאָגען זיך פערהייראַטען פאַר אַ צווייטען.

תְּקִיעָה (במדבר י, א—י) געבען אַ טאָן דורך אַ בלאָז־אינסטרומענט. **תְּקִיעַת שׁוֹפָר** (ר"ה, טז) דאָס בלאָזען דורך אַ שופר (זעה — „שופר“). **תְּקִיעַת כָּף** (משלי כב, כו) גאַראַנטיע, דורך האַנדשלאַג.

---

[1] המבטא הזה יפרש התוספות יום טוב (סוף עדיות) בר"ת: „תשבי יתרץ קושיות ואבעיות“, ובמבוא לר"ש הנגיד נותן בה בללים אלו: „אם בענין ממון לקולא, ואם בענין אסור לחומרא, וממון המוטל בספק — חולקין“ (ב"מ ב:). ולי נראה לפרש: שמלת „תיקו“ הוא הפארטפעל, לגנוז כתבים אשר אין אחרית לתוצאותם — **Дѣло безъ послѣдствiи**; וכן השתמשו בתלמוד במלת תיקו לאבעיא דלא מתפרש, לאמר: ראויה לתתה בתיק, בגליונות הגנוזים. וכן הוא הלשון בתנחומא ובילקוט סדר תצוה, עה"כ: „שמן זית זך נתון בתוך תיקו גם הערוך מפרש: „בדבר העומד בתיך תיק“.

תַּקִּיף (ר"ה, יא.) מעכטיג, קרעפ־טיג. **תַּקִּיפִים** (תענית, כג). **תַּקִּיפוֹת**. „תקיף אין מעמד" שטייט שטייף אין פערמעגינס. „א תקיף ביי דעם שררה" — געאכטעט, מיט רעספעקט.

תְּקוּפָה (שבת, עה.) אומקרייז. **תְּקוּפוֹת** (שם)—איז געלייגט אויף די זאננען אומ־קרייזונג מיט אלע פלאנעטען, וואס מאכט די ענדערונג אין די פיער סעזאנען פון דעם יאהר: א) **תְּקוּפַת נִיסָן**, ב) **תְּקוּפַת תַּמּוּז**, ג) **תְּקוּפַת תִּשְׁרֵי**, ד) **תְּקוּפַת טֵבֵת** (עירובין, כו. איכ"ר פ' נשקד) [1]. פון איין תקופה ביז די צווייטע דויערט 91 טעג מיט 7 $^{1}/_{2}$ שטונדע און דערום בעדארף מען בלויז צו ווארטען 7 מיט א האלב שטונדע, ווען עס גייט פאראיבער 13 וואכען גאנצע פון די פאריגע תקופה, דאן איז די נייע אנגעקומענע תקופה. מיט די תקופות ענדערט זיך די לייגג און די קורצקייט פון די טעג, אין אלע טהיילען וועלט (וועהע—„יום הארוך"), אויך דער טעמפעראטור פון די קעלט מיט די ווארעמקייט.

תּוֹרָה (ברכות, ג) לעהרע געזעטצ־ליכקייט, הויפטזעכליך וואס אונז איז געגעבען געווארען דורך משה און הייסט אויף זיין נאמען: **תּוֹרַת מֹשֶׁה** (יהושע ח, לא מלאכי ג, כב) אדער **תּוֹרַת מֹשֶׁה רַבֵּינוּ** (ר"ה, ז.), בעשטייט אין 5 טהייל, (זעה—„חומש"). אויך **תּוֹרַת מֹשֶׁה אֱמֶת** (במדב"ר פ' יח, יא) דען איהר פערהיילינען אלע אנדערע רעליגיאנס געזעטצ־געבער, דאס ביז די וועלט וועט אונטערגיין וועט איין אות, איין שטריכעלע פון דער תורה ניט פערגיין [2]. **תּוֹרָה נְבִיאִים**

---

[1] בב"ר (פ' יג, ה) הערה: „שכנגד ד התקופות נקראה הארץ בד' שמות: „ארץ, תבל, אדמה ארקא". וכ"א מהשמות הם ע"ש תכונת התקופה ופעולתה על הארץ עי"ש. וכללים לקביעות ארבע התקופות, ראה בגמרא בדברי שמואל ירחינאה—המומחה בתקופות ומזלות — ברכות נח, עירובין נו. ובאור מספיק תמצא בערוך, ערך „תקף". על דבר שתית מים בעת נפילת התקופה מביא הר"ר אבודרהם בשם הגאון רבינו האי שאין לחשוש כלל (עי' פי' אזולאי בספר חסידים סי' תתנ"א).

[2] אבן גליון (מפעלות השליחים ז 38—20). וגדולת משה בתורתו, באלקאראן,

וכתובים (מגילה, כא) אונטער א פערקירצטען נאמען היסען אלע בייזאמען „תנ"ך", אויך הייסען, זיי: **תורה שבכתב** (שבת, לא.); דער צווייטער טהייל פון דעם איז **תורה שבעל פה** (שם) דאס איז משנה און דער תלמוד (גמרא), וואס פלעגט נור זיין געלערינט אויסוויינינג און איבערגעגעבען מונדליך פון איינער צום צווייטען, נאכהער באמערקענדיג דאס די דורות ווערען שוואכער און די צרות ווערען שטארקער האט מען דאס אויפגעקליבען און צוזאמענגע־שטעלט געשריבענע. **תורה וגדלה** (גטין, נט.) (זעה אין „פתגמי אוריתא"). **תורה ומעשים טובים** (קה"ר פ' ושבחתי אני) לעהרע מיט גוטע טהאטען.

תרי עשר (ב"ב, יד:) צוועלף, אונטער דעם נאָ־מען רופען זיך אן די קלענערע צוועלף ספרי נביאים אחרונים, וואס זיינען צוזאמען געשטעלט אונטער דעם איין צאהל [1].

תרבות רעה (ברכות, ז:) שלעכטע ערציאונג [2].

תרגום (מגילה, ג.) איבערזעטצונג, בעקאנט איז מיט דעם נאמען דאס כאלדעאישע איבער־זעטצונג פון דעם חומש (זעה — „שנים מקרא ואחד תרגום") [3].

(חזון הפרה מט—נ, חזון הנשים קנ—ג, חזון המחיצה צט, וכ"י, חזון המשוררים לט—סה—חזון הספור א, יג) ושם העיקר. ונתקימה במשה ההבטחה: „וגם בך יאמינו לעולם" (שמות יט, ט) כי גם החפשים בדעות, המתירים לעצמם דבר שבנגד התורה, הם מוכיחים שדבר רק לשעתו ולאקלימו, ואינם מכונים חלילה לכחש בו, וכל אחד מתאמץ להשוות דעת משה וכונתו לדעתו.

[1]) שם המספר תרי הוא בארמית שנים, וכן נמצאים מכונים ג"כ בשם המספר בעברית (סוכה, סט) „נביא של שנים עשר".

[2]) „תרבות אנשים חטאים" (במדבר לב, יד) תרגום אונקלוס, „תלמידי גובריא חיביא": ורש"י במקומו אינו מפרש כלום, אך בגמרא (ב"ק טו:) במשנה: „האדם הזאב והארי וכו' בזמן שהן בני תרבות" פירש: שיגדל אדם בביתו, כלומר שלמדים לכל ירעו וכל ישחיתו. והתרגום האשכנזי בחומש שם מתרגם תרבות „איין הויפע" מל' רבוי — הרבה אנשים חטאים. גם הוא לקוח ממפרשי התורה.

[3]) בהמראה מקום (מגילה, ג:) הוא במושג להעתקה משפה לשפה, וכן משמע

תֶּרַח (בראשית יא, כד) נאָמען אַברהם אָבינו׳ס פאָטער (שם, כו), איז געווען אַ געטצען דינער, ווערענד זיין זאָהן אַברהם האָט געקעמפפט געגען איהם, אַלס ער איז אַרויס מיט דער אידעע וועגען די גאָטהייט: אַז דאָס איז אונקערפערליך, העכער פון אַלע בעגריפען, וואָס זיינען פערבונדען צו די פינף חושים— איז תרח פערבליבען אויסגעלאַכט מיט זיין גאַנצען לאַגער געטצען (זעה „מדרש בראשית רבה״ פ׳ לח, י); דער פון שטאַמט וואָס מען רופט אַ אונערפאַרענעם מענשען מיט זיין נאָמען—„תרח״, און ווען ער קומט אויף דאָס ריכטיגקייט, דערויף זאָגט מען: „פרישאָל תרח נאַ דרך״, דען מען קען אויך מיינען דאָס תרח איז צום סוף געוואָרען מיט אַברהמ׳ן איינשטימיג און איז מיט איהם מיטגעגאַנגען (בראשית יא, לא).

תַּרְיַ"ג מִצְוֹת (שבת, פו.) דאָס איז 613 מצות וואָס אין יודישען גלויבען. זיי זיינען צוטהיילט אין צווייערליי אַרטען: 365 צום טהאָן (מצוות עשה), און 248 וואָס איז פערבאָטענע (לא תעשה).

תְּרוּמָה – די 7־טע סדרה אין 2־טען טהייל חומש (שמות כה, א — כז, יט) און דיא 19־טע אין חומש. דאָרט איז צו לערנען: דאָס אויף אַנאַציאָ־אַלע זאַך דאַרף מען ניט מאָנען, נאָר יעדער בעדאַרף געבען מיט׳ן גוטען ווילען, דען אויף דעם משכן צו מאַכען, האָבען* אַלע זאָ פיעל מתנדב געווען, דאָס עס איז נאָך פיעל מאַטריאַל איבער־געבליבען (שמות לו, ה — ז).

נם מהלשון (ב״ק ג:) „כדמתרגם רב יוסף״ „את הכתוב איך נחפשו עשו״ וכו׳ אבל שאר דוכתי איתא במושג פירוש ובאור, כמו: „תרגמיה ר׳ אבא בבית הפרס״ (ברכות, יט); „מאן דמתרגם לי חבית אליבא דחד תנא״ וכו׳, (ב״מ מא וכן בעירובין, כז). התרגום דידן על התורה עיין גמרא ברכות, ד״ה: „לעולם ישלים אדם פרשיותיו עם הצבור שנים מקרא ואחד תרגום בתוספות ובהראש. — „תרגום של תורה אונקלוס הגר אמרה מפי רבי אליעזר ורבי יהושע״, כלומר החכמים האלה מסרו כוונת לו הכתוב לאמתתה — והוא ידע לשון ארמית, לשון מולדתו על בוריה; וכן „התרגום של יונתן בן עוזיאל שאמרו מפי חגי זכריה ומלאכי״ (מגילה, ג.) ע״כ אין להשוותן בקדושתן ואמתתן להתרגום שלנו.

תַּרְנְגוֹל (ברכות, כז.) האָהן — **תַּרְנְגוֹלִים** (שם כב:). **תַּרְנְגוֹלִין** (ב"ק פ"ב:) העהנער. **תַּרְנְגוֹלֶת** (בכורות ח.) הוהן. **תַּרְנְגוֹלוֹת** הינער.

תְּרוּעָה (במדבר י, ה) אַטאָן־געשריי—דורך אַבלאָז מיט אַ שופר.

תַּרְעוּמוֹת (ברכות, יא:) מוררען, פעראיבעל האָבען.

תְּרוּפָה (יחזקאל מז, יב) היילמיטעל. **תְּרוּפוֹת.**

תַּרְפַּ"ט אֲלָפִים–689 טויזענד. אַ אונגעהויערע סוממאַ, אַ צאָל צום איבעראַשען.

תֵּירוּץ (חולין ה.) גראדשטעלונג, רעכטמאַכונג דורך אויסריידען **תֵּירוּצִים.**

תִּשָּׂא די 9־טע סדרה אין 2־טען טהייל חומש (שמות ל, יא— לד, לה) און 21־טע אין חומש. דאַ איז צו לערנען: דאָס אין פערזענליבקייט שטייט ניט טהייערער דער רייבער פאַר דעם אָרמען, ווייל צום „כופר נפש" (לייזע געלד) געבען אַ מחצית השקל — זיינען אַלע גלייך, אָרים און רייך (שמות ל, יב — טו). אויך איז צו לערנען אין דיזע סדרה: אַז ווי נאָר מען דינט צום גאָלדענעם קאַלב ווערט בטל אַלע צעהן געבאָט, דען ווי משה האָט דער זעהן ביי יודען דעם גאָלדענעם קאַלב, האָט ער פון פערדרוס צו בראָכען די לוחות מיט די צעהן געבאָט, און האָט געמאַכט אַנדערע נאָר דאַן ווען ער האָט די שטיק גאָלד געמאַכט צו אַש. צו די צווייטע לוחות איז אויך איבערגעגעבען געוואָרען די בעוואוסטע „שלש עשרה מדות".

תּוֹשָׁב (שמות יב, מה) הויז־גענאָס, אַ אַלטער איינוואָהנער. **תּוֹשָׁבִים** (ויקרא כה, מה).

תְּשׁוּבָה (ברכות, י) ריקקערונג, אויסבעסערונג. **תְּשׁוּבָה וּמַעֲשִׂים טוֹבִים** (נדרים, לא) צוריקהאַלטונג פון זינד, און טהון גוטעס. „נעהמען אויף זיך אַ תשובה" — זיך פיינינגען פאַר אַ אָבקומענעס אויף אַזינד וואָס דער געוויסען פלאַנט. „תשובה טהאָן, טהון תשובה" — נעהמען זיך גוטע אויפיהרונג. **תְּשׁוּבָה** הייסט אויך: אַ אַנטוואָרט אויף

אַ אָנפראַגע, מונדליך אָדער שריפטליך (שבת פח, חגיגה יג.).

תִּשְׁבּוֹרֶת — דראָב, ברוכטהייל, איינע פון די פיער איינטיילונג אין אַריפמעטהיק.

תַּשְׁלִיךְ (מיכה ז, יט) דו וועסט וואַרפען. דער נביא בעט: „גאָט זאָל אין טיפען ים אַלע אונזערע זינד וואַרפען", איז דערפון געוואָרען איינגעפיהרט אום ראש השנה צו שטעלין זיך ביי אַ וואַסער, דאָס ביי דער גוטע געלעגענהייט זאָל עס באַלד ערפילט ווערען, דערצו איז שוין געוואָרען אין סדור אַגאַנצער סדר תשליך מיט זאָגעכטס דערצו, מיט נאָך צודאַמען פון אַנדערע מדפיסים[1].

תַּשְׁמִישׁ הַמִּטָּה (ברכות, נז.) בייַשלאָף.

תִּשְׁעָה, תֵּשַׁע: 9. תִּשְׁעִים 90.

תִּשְׁעָה בְּאָב (ר"ה יח:) ניין טעג אין מאָנהייט אָב. די „ניין טעג" — פון ראש חדש אָב ביז „תשעה באָב" צו טראָגען אויף זיך אונזער נאַציאָנאַלען טרויער פון חורבן בית-המקדש, מיט דעם: ניט עסען אין זיי קיין פלייש און ניט אַמוזירען זיך דורך מוזיקע, אויך ניט פאָהרען אין די בעדער, ניט געהן אויף בעלער א. ז. וו. דעם נייַנטען אָב אָבער איז שוין בעשטימט דורכ-אוים צו פאַסטען און זאָגען קינות, און אַ פרעהליכער מוטה ניט צו בעווייַזען, ווי אין ריכ-טיגע אבלות, דען גראַדע אין דעם זעלבען טאָג איז דובילדע צרות געשעהן[2]), די חורבנות: דער ערשטער בית המקדש, (דורך נבוכדנצר הרשע) און דער צווייטער בית המקדש (דורך טיטוס הרשע), אויך די גרויסע הריגה אין דער שטאָדט ביתר (גטין נג—נח). תשעה באב צו מנחה איז געשטעלט געהאָרען די ברכה „נחם"—צו טרייסטען אַלע וואָס טרויערען נאָך ציון, די פער-

---

[1]) בספרי הפוסקים, בשולחן-ערוך ואו"ח גם בחיי אדם' לא נזכר גם לכנהג.

[2]) ז"ל הגמרא (ר"ה, יח:) בו הוכפלו צרות: בו חרב הבית בראשונה ובשניה ונלכדה ביתר ונהרסה העיר" ובמסכת תענית (כו, במשנה) חושב ה' דברים בתשעה באב והי' דברים — בי"ז בתמוז.

טרויערטע לאַנד און פערוויס־
טעטע, עס זאָל אין איהר שוין
זיין ששון ושמחה (ישעיה נא, ג).
תְּשׁוּקָה (בראשית ג, טז) בעגעהרען.
תִּשְׁרִי (ר"ה, ב.) [1] דער 7־טער
מאָנאַט פון ניסן. זיין ר"ח
איז צוויי טעג, נור ביי איהם איז
שוין דער ערשטער טאָג גערע־
כענט פאַר דעם ערשטען אין
נייעם מאָנהייט, און פאַלט נור
אין די טעג: ב, ג, ה, ז. ער
איז מלא (פון 30 טעג). מיט זיין
ראש חדש איז אויך דער אָנ־
פאַנג ניי יאָהר (זעה—„ראש השנה");
און דער גאַנצער חדש תשרי
איז דורך אוים אין פייער טעג:
אין איהם איז אויך דער הייליגער
גער יום כפור, און די פרעה־
ליכע טעג פון סוכות, דער
שמיני עצרת און דער לוסטיגער
שמחת תורה, אויך „שבת בראשית
איז אַ פרעהליכער טאָג".

[1] בויק"ר פ' כה, ח הוא נותן טעם לשמו זה; „ע"ש שתשרי ותשבוק לחובינו".

לוּחַ הַמְּפְתְּחוֹת

פאר די העברעאישע פערזשארגאנירטע ווערטער צו געפינען זיי נאך זייער העברע-אישען שרש.

ווי זיי קומען אין דעם ווערטער-בוך[1].

ג'אַכל'ט	איז	אין	אֲכִילָה
אֵימה'דיג	—	—	אֵימָה
ג'אַסָר'ט	—	—	אָסוּר
בַּדקנ'עֶן	—	—	בְּדִיקָה
בּולט'עֶר	—	—	בּוֹלֵט
גביר'שאַפט	—	—	גְבִיר
גדול'דיג	—	—	גָדוֹל
גוזמא'דיג	—	—	גוּזְמָא
גזלנ'עֶן	—	—	גַזְלָן
בעֶ'גזל'ט ג'גזל'ט	—	—	גְזֵלָה
ג'גט[2] גט'ן ג'גט'עֶ	—	—	גֵט
גנב'נעֶן	—	—	גַנָב
ב'גנבה'ט ג'גנבה'ט	—	—	גְנֵבָה
ג'דאבנ'ט	—	—	דַאֲבָנָן
פעֶר'דבקה'ט	—	—	דְבֵקוּת
ג'דרשה'ט	—	—	דְרָשָׁה
ג'דרשנ'ט	—	—	דַרְשָׁן
פעֶר'הב'עֶט	—	—	[3]
העזה'דיג	—	—	הֶעָזָה
ג'הרג'ט הרגנ'עֶן דעֶר'הרג'ט דעֶר'הרג'נעֶן פעֶר'הרג'ט צו'הרג'ט צו'גיהרג'עֶט		—	הֲרֵגָה

[1] זעה וועגען דעם אין דער הקדמה, זייטע 12.

[2] בעדארפט האט זיין ג'גט'עט נור דער ט' פון שרש פטרט שוין דעם בעדינוננס-ט, אזוי אויך איז גע'משפט אנשטאט גע'משפט'עט.

[3] ממלת „הב, הב" (משלי ל, טו) ובה"א נוספת: „הבה לי בנים" (בראשית ל, א).

חור׳ן חור׳ט איין ג׳חורט [1]	חוֹזֵר
איין ג׳חזיר׳ט [2]	חֲזִיר
ג׳חכמה׳ט	חָכְמָה
חולה׳דיג חליה׳דיג	חוֹלֶה
חלב׳נע	חֵלֶב
חלום׳ט פער׳חלום׳ט	חֲלוֹם
חלופ׳ן ג׳חלופ׳ט	חִלּוּף
חלש׳ן ג׳חלש׳ט פער׳חלש׳ט	חָלָשׁ, חֲלָשׁוֹת
חנ׳עוודיג חנ׳דעלעך	חֵן
ג׳חנפ׳עט	חֲנִיפָה
חוצפה׳דיג	חוּצְפָּה
חשוב׳ר	חָשׁוּב
ג׳חשכ׳ט פער׳חשכ׳ט	חֹשֶׁךְ
חתמה׳נען ג׳חתמה׳ט פער׳חתמה׳ט	חֲתִימָה
טובל׳ן ג׳טובל׳ט	טְבִילָה

טענה׳ן ג׳טענה׳ט	טַעֲנָה
יוד׳ער	[3]
יכל׳ט	יָכֹל
יחסן׳טע	יִחוּס
יורשה׳ענט ירשה׳נען יורש׳טע	יוֹרֵשׁ
פער׳כוס׳ט	כּוֹס
פער׳כעס׳ט	כַּעַס
כפול־שמונה׳דיג	כֵּפֶל
ב׳כשפ׳ט	כִּשּׁוּף
ג׳כשר׳ט	כָּשֵׁר
ג׳כתבה׳ט	כְּתִיבָה
ג׳מוהל׳ט	מוֹהֵל
מחיה׳דיג	מְחַיֶּה
מחותנת׳טע	מְחוּתָּן
ג׳מלקה׳ט [4]	מַלְקוֹת
ממשות׳דיג	מַמָּשׁוּת
ממית׳ן ג׳ממית׳ט	מִיתָה
ג׳מסחר׳ט	מִסְחָר
ג׳מסר׳ט פער׳מסר׳ט	מְסִירָה
ג׳מקל׳ט	[5]
מורא׳דיג	מוֹרָא
מרויח׳ער	רֶוַח

[1], [2]) „געחזיר׳ט״—הייסט בלשון הגמרא (פסחים, לא.) ווידערהאלען, און „איין געחזיר׳ט״ הייסט איינגעשמוצט (זעה אין ארטיקעל „חזיר״).

[3]) אַ צעהנער (פיאַטאַצאק) (פינף קאפ.) ווייל י איז צעהן.

[4], [5]) ג׳מקל׳ט איז פון ווארט מקל: געגעבין מיט׳ן שטעקין, און ג׳מלקה׳ט איז פון ווארט מלקות—געגעבין שמיטץ.

משונה׳דיג — — מְשׁוּנֶה
ג׳משפט [1] / פער׳משפט — — מִשְׁפָּט
ב׳נבל׳ט — — נְבֵלָה
ג׳נתנ׳ט — — נוֹתֵן
ג׳סֵדר׳ט [2] / ג׳סַדר׳ט [3] — — סֵדֶר
פער׳סם׳ט — — סַם
ג׳עולה׳ט — — עַוְלָה
עופ׳עלעך — — עוֹף
עכבר׳ישניק — — עַכְבָּר
פער׳עקשנ׳ט / איינגע׳עקשנ׳ט — — עַקְשָׁן
ג׳פגר׳ט — — פֶּגֶר
פטר׳ן / ג׳פטר׳ט — — פָּטוּר
פנימ׳ער — — פָּנִים
ג׳פסק׳עט — — פְּסַק
פועל׳ן / ג׳פועלט — — פְּעוּלָה

פשוט׳ר — — פָּשׁוּט
צלי׳נט — — צָלִי
צרה׳דיג — — צָרָה
ג׳קלפה׳ט — — קְלִפָּה
קנס׳ענען / פער׳קנסט [4] — — קְנַס
קצב׳טע — — קַצָּב
רב׳צין — — רַבִּי
דער׳רגז׳נט — — רוּגְזָא
רודפ׳ן / ג׳רודפ׳ט — — רוֹדֵף
ג׳רצח׳ענט — — רַצְחָן
ג׳שד׳ינט [5] — — שֵׁד
ג׳שדכינ׳ט / שדכנ׳טע — — שַׁדְכָן
שחט׳ן — — שׁוֹחֵט
שטות׳עריי — — שְׁטוּת
ג׳שכור׳ט / פער׳שכור׳ט — — שִׁכּוֹר
פער׳שרפה׳ט — — שְׂרֵפָה
תמ׳עוואטע — — תָּם.

1) זעה „ג׳נט״. 2, 3) ג׳סדר׳ט—הייסט געהאלטין פסח, און ג׳סדר׳ט הייסט: זיך פארבערייטעט, געריכט.

4) זעה אין ארטיקעל „קנס״, אין ווערטער בוך גופא. 5) זיך גיקאלעטשעט אונ־מענשליך, ווי א טייוועל וואלט עם גיטאן.

פִּתְגָּמֵי אוֹרַיְתָא

פִּתְגָמֵי אוֹרַיְתָא

א.

אִי אֶפְשָׁר לְבֵית הַמִּדְרָשׁ בְּלֹא חִדּוּשׁ (חגיגה, ג.)
דאָס קען גאָר ניט פּאַסירען,
אין שוהל זאָל קיין נייעס זיין צו הערען.

אֲנַב אוֹרְחֵיהּ לְבַעַל דְּבָבָךְ אִשְׁתְּמַע (סנהדרין, צה:)
זייענדיג אונטער דער וועגינס,
גיב דאָרט דיין פּיינד אָנצוהערענס.

אָדָם לְעָמָל נִבְרָא (סנהדרין, צט.)
אַמענש קומט היע
צו לעבען פון זיין מיהע.

אָדָם קָרוֹב אֵצֶל עַצְמוֹ (שם, ט.)
אַמענש איז צו זיך נעהנטער,
אַלס צו אַברודער און בעקענטער.

אֲוִירָא דְּאֶרֶץ יִשְׂרָאֵל מַחְכִּים (בבא בתרא, קנח.)
די לופט פון יודישע לאַנד,
גיט אַריין פערשטאַנד.

אֵיזֶהוּ עָשִׁיר הַשָּׂמֵחַ בְּחֶלְקוֹ (אבות, פ"ד)
דער איז דער רייכסטער דאָך
אַ צופרידענער וואָס פערלאַנגט ניט נאָך.

אֶחָד בְּפֶה וְאֶחָד בְּלֵב (פסחים, קיג.)
מיט די מויל גלאַט אַזוי,
אין האַרצען ווינד אונד וועה.

אֶחָד הַמַּרְבֶּה וְאֶחָד הַמַּמְעִיט וּבִלְבַד שֶׁיְּכַוֵּן לִבּוֹ לַשָּׁמַיִם (ברכות, ה.)
מעהר אָדער ווייניג,
נור פון גאָטעס וועגען זאָל זיין דער מיינונג.

אַחֲרוֹן אַחֲרוֹן חָבִיב (מדרש לקח טוב)
וואָס מעהר געליבט,
אויף דאָס לעצט פערבלייט.

אַחֲרִית כָּל קְטָטָה — חֲרָטָה (מבחר הפנינים שער הענוה)
דער אויסגאַנג פון צאַנק,
איז – עס טוט באַנג.

אוֹי לָרָשָׁע וְאוֹי לִשְׁכֵנוֹ (סוכה, נו.)
פון דעם בעזינס ווערען בעלאָהנט,
געניסט אויך דער וואָס מיט איהם וואָהנט.

אַל יַעֲמֹד אָדָם בִּמְקוֹם סַכָּנָה (שבת, לב.)
אַ מענש זאָל ניט שטעהן אויף אַ אָרט,
וואו דער געפאַר קומט פאָרט.

אַל יִפְתַּח אָדָם פִּיו לַשָּׂטָן (מגילה, יט.)
פון מויל זאָל אַוואָרט ניט אַרויס פליסען,
וואָס דער טייוועל זאָל זיך אַריין מישען.

אַל יוֹצִיא אָדָם עַצְמוֹ מִן הַכְּלָל (ברכות, מט)
אַ מענש דאַרף ניט אָפּשטייַן.
פון דעם אַלגעמייַן.

אַל יְשַׁנֶּה אָדָם מִן הַמִּנְהָג (בבא מציעא, פו:)
ווי דער אַיינפיהר,
אַזוי נעהם זיך אַפיהר.

אַל תַּאֲמִין בְּעַצְמְךָ עַד יוֹם מוֹתְךָ (אבות, פרק שני)
זאָלסט ניט זייַן אין זיך פערטרויט,
ביז דעם טאָג פאָן דייַן טויט.

אַל תְּהִי בִּרְכַּת הֶדְיוֹט קַלָּה בְּעֵינֶיךָ (מגילה, טו:)
אויך פון פּראָסטען מענשען אַ זעגען,
שעטץ ווי אייַן פערמעגען.

אַל תְּהִי נִבְהָל לְהָשִׁיב (אבות, פרק חמישי)
ניט גלייַך אויפ'ן אָרט,
זאָג אַרויס דייַן אַנטוואָרט.

אַל תְּהִי נוֹחַ לִכְעוֹס (שם פרק שני)
זאָלסט זיך שטערען,
באַלד בייז צו ווערען.

אַל תִּפְרוֹשׁ מִן הַצִּבּוּר (שם)
זייַ ניט נעלם,
פון גאַנצען עולם.

אַל תַּרְבֶּה שִׂיחָה עִם הָאִשָּׁה (עירובין נג: אבות פ"א)

מיט אַפרויענצימער קוים ניט אין אַטיפען געשפרעך,
דען עס קען ברענגען צו אַ גרעסערן פערברעך.

אַלְיָה וְקוֹץ בָּהּ (ראש השנה יז)

אַ ווידעל וואָס שמאַלץ איז דאַרין,
עס איז אָבער מיט אַ דאָרין.

אִם אֵין אָדָם מֵכִין בְּעֶרֶב שַׁבָּת, מַה יֹּאכַל בְּשַׁבָּת?

ווען אַמענש האָט ערב שבת ניט פאָרבערייט (מדרש משלי, פ"ב)
פערבלייבט ער אום שבת אין נויט.

אִם אֵין אֲנִי לִי, מִי לִי (אבות פרק ראשון)

ווען איך זאָל ניט זאָרגען פיר זיך,
ווער וועט זאָרגען פיר מיך.

אִם אֵין קֶמַח אֵין תּוֹרָה (אבות, פרק שלישי)

ווען עס פעלט ברויט,
קען מען ניט לערנען אין נויט.

אִם חָכְמָה אֵין כַּאן, זִקְנָה אֵין כַּאן? (ברכות, לט.)

בעזיצט ניט אַמענש חכמות אַסך,
איז דען זיין אַלטקייט גאָר קיין זאַך?

אִם כֵּן, אֵין לְדָבָר סוֹף (ב"מ, כח:)

ווען אַזוי,
פערבלייבט דאָך די זאַך רוי.

אִם כֵּן, לָמָּה זֶּה אָנֹכִי (בראשית כב, כב)

ווען דער צער פון טראָגען איז יע אַזוי גרוים,
צו וואָס האָב איך צוליעב דעם געמאַכט אַזאַ געֿרוים?

אִם לֹא עַכְשָׁיו, אֵימָתַי? (אבות, פרק ראשון)

אַז נ‏ִיט יעצט?
ווען קען זיין דאָס לעצט?

אֱמוֹר מְעַט וַעֲשֵׂה הַרְבֵּה (אבות, פרק ראשון)

זאָג ווייניגער, און טהוע מעהר.

אוֹמְרִין מִקְצָת שִׁבְחוֹ שֶׁל אָדָם בְּפָנָיו (עירובין, יח)

אַ קליינעם טהייל מעלות וואָס אַ מענש קען פערמאָגען,
מאָג מען איהם אין די אויגען ארוים זאָגען.

אֵין אָדָם דָּר עִם נָחָשׁ בִּכְפִיפָה אַחַת (יבמות, קיב)

אַ מענש קען נ‏ִיט וואָהנען מ‏ִיט אַ שלאַנג
אונטער איין פאַרהאַנג.

(דיזע זאַגע, גייט אויף אַ ווייב אַ פלאַגע).

אֵין אָדָם חוֹטֵא וְלֹא לוֹ (בבא מציעא, ה.)

אַ מענש וויל פון אַזינדע נ‏ִיט וויסען,
פון וועלכע ער וועט פון איהר נ‏ִישט געניסען.

אֵין אָדָם מֵעִיז פָּנָיו בִּפְנֵי בַּעַל חוֹבוֹ (כתובות, יח.)

אַמענש וועט נ‏ִיט זאָגען זיין קאָנטרעהענט אין די אויגען:
„עס איז נ‏ִיט געשטויגען, נ‏ִיט געפלויגען"!

אֵין אָדָם מַקְנֶה דָּבָר שֶׁלֹּא בָּא לָעוֹלָם (ב"מ, לג.)
אַ מענטש קען ניט נעהמען קיין געלד,
פאַר אַ זאַך וואָס איז ניטאָ אויף דער וועלט.

אֵין אָדָם מְשַׂטֶּה בִּשְׁעַת מִיתָה (ב"ב, קעה)
אַ מענטש זאָגט ניט קיין וויטצען,
ווען די נשמה האַלט זיך איהם ביי אויסגליטשען.

אֵין אָדָם מֵת וַחֲצִי תַאֲוָתוֹ בְּיָדוֹ (קהלת רבה, פ"א)
אַמענטש ביי זיין שטאַרבען,
האָט נאָך זיין העלפט וואונש ניט ערוואָרבען.

אֵין אָדָם נוֹגֵעַ בַּמֶּה שֶׁמּוּכָן לַחֲבֵרוֹ (יומא, לח:)
עס איז פאַן יעדען פאַר ווערט,
דאָס וואָס דעם צווייטען איז בעשערט.

אֵין אָדָם נִתְפָּס עַל צַעֲרוֹ (בבא בתרא, טז:)
מען דאַרף ניט אָננעמען פאַר איבעל,
וואָס אַ מענטש רעדט ווען איהם איז איבעל.

אֵין אָדָם רוֹאֶה חוֹבָה לְעַצְמוֹ (שבת, קיט:)
וואָס אַמענטש זאָל נור טאָהן שלעכט,
איז ער אימער פאַר זיך גערעכט.

אֵין אוֹרֵחַ מַכְנִיס אוֹרֵחַ (דוגמא בב"ב, צח:)
אַ גאַסט, נעהמט מען ניט אויף
דאָרט וואו מען איז אַליין אַקאָרסט אַרויף.

אֵין אָרוּר מִתְדַבֵּק בְּבָרוּךְ (ב"ר, פ' נט)

דעם נידער-טרעכטיגען
לאזט זיך ניט פאראייניגען מיט א פראכטיגען.

אֵין בֶּן דָוִד בָּא עַד שֶׁתִּכְלֶה פְּרוּטָה מִן הַכִּיס (סנהדרין צ.)

משיח וועט דאן קומען פאר דער וועלט
ווען אין טאש וועט ניט זיין א גראשען געלד.

אֵין בַּעַל הַנֵּס מַכִּיר בְּנִסּוֹ (נדה, לא.)

א מענש וואס אנס איז איהם געשעהן
האט ער דאס גאר אליין ניט איינגעזעהן.

אֵין בּוּר יְרֵא חֵטְא וְלֹא עַם הָאָרֶץ חָסִיד (אבות פ"ב)*)

דער וואס איז לעער, פירכטעט ניט פאר זינד מעהר,
און דער וואס איז דום, פארשטייט ניט צו זיין פרום.

אֵין דָבָר הָעוֹמֵד בִּפְנֵי הָרָצוֹן (משל עם)

דעם שטארקען ווילען,
קען קיין זאך ניט איינשטילען.

אֵין דוֹמֶה מִי שֶׁיֵּשׁ לוֹ פַּת בְּסַלּוֹ לְמִי שֶׁאֵין לוֹ פַּת בְּסַלּוֹ

עס איז ניט גלייך דער אפעטיט (יומא, יח)
ביי דעם וואס האט ברויט אין קערבּיל צו דעם וואס האט ניט.

---

*) הרמב"ם בפירושו לפרקי אבות על המשנה „שבעה דברים בגולם" הולך וחושב ההבדל בשמות הנרדפים שבלשון חכמים: „בור, עם הארץ, גולם, חכם וחסיד": בור—שאין בו לא מעלות שכליות ולא מעלות המדות, ר"ל: לא חכמה ולא מוסר ואין לו גם קנין הדעות, כאלו הוא ערום מן הטוב ומן הרע, והוא הנקרא: „שדה בור"; ועם הארץ — שיש לו מעלות המדות אבל אין לו מעלות שכליות וכו' וכן תרגמתים בזה.

אֵין דּוֹמָה שְׁמִיעָה לִרְאִיָּה (סנהדרין לד: מכילתא יתרו)
הערין קען ניט טויגען,
גלייך ווי זעהן מיט די אויגען.

אֵין הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מְקַפֵּחַ אֲפִילוּ שְׂכַר שִׂיחָה נָאָה (נזיר, כג:)
אויך פאר אגוט ווארט,
בעפרידיגט גאט אויפ׳ן ארט.

אֵין הַקּוֹמֶץ מַשְׂבִּיעַ אֶת הָאֲרִי (ברכות, ג:)
מען קען ניט זאגען
א הייפעל זעטיגט דעם לייב׳ס מאגען.

אֵין חָבוּשׁ מַתִּיר עַצְמוֹ מִבֵּית הָאֲסוּרִים (ברכות ה:)
דער וואס איז אין געפענגניס הויז,
קען זיך אליין ניט מאכען לויז.

אֵין חָכָם כְּבַעַל הַנִּסָּיוֹן (ס׳ מלי דאבות)
עס גיט ניט קליגער,
פאר דעם וואס איז אין דער זאך א היגער.

אֵין חֲלוֹם בְּלִי דְבָרִים בְּטֵלִים (ברכות, נה:)
עס טרעפט ניט טרוימעריי,
אהן פלוידעריי.

אֵין מְבִיאִין רְאָיָה מִן הַשּׁוֹטִים (שבת, קד:)
וואס מאגען און ניט טארען
נעמט מען קיין בעווייז פון טהארען (נארען).

אֵין מְזַוְּגִין לְאָדָם אִשָּׁה אֶלָּא לְפִי מַעֲשָׂיו (סוטה, ב.)
אַ פּאַרטײַ גיט מען אַ מענטשן אויף
נור װעדליג זײַן בערוף.

אֵין מַזָּל לְיִשְׂרָאֵל (נדרים, לב.)
יודען זײַנען ניט אונטערען גליק,
נאָר אונטער גאָטעס בליק (השגחה).

אֵין מַלְאָךְ אֶחָד עוֹשֶׂה שְׁתֵּי שְׁלִיחוּת (ב"ר פ"נ; תנחומא וירא)
אויף צװײ אויפגאַבען אײן אַנגעל,
איז איהם אויסצופירען אין מאַנגעל.

אֵין מֶלֶךְ בְּלֹא עָם *)
אַ קעניג אָהן אַ פאָלק,
האָט קײן ערפאָלג.

אֵין מְעָרְבִין שִׂמְחָה בְּשִׂמְחָה (מועד קטן, ח:)
מען פער מישט ניט צװײ פרײדענמאָל,
צוזאַמען אויף אײן מאָל.

אֵין מוּקְדָּם וּמְאוּחָר בַּתּוֹרָה (פסחים, ו:)
עס איז ניט שײך פאָרהער און נאַכהער
אין די הײליגע לעהרע ביכער.

*) במקרא נאמר: „ברב עם הדרת מלך" (משלי יד, כח); והפתגם בסגנון המובא בזה הוא רק רגיל על לשון המשחקים בשח-מט.

אֵין מְרַחֲמִין בַּדִּין (כתובות, פד:) *)

דער זאַקאָן,
שאַנעוועט קיין פּערזאָן.

אֵין מְרַצִּין לְאָדָם בִּשְׁעַת כַּעֲסוֹ (ברכות, ז)

מען בעט אַמענשען ניט איבער,
איידער דער צאָרן ברענט איהם איבער.

אֵין מַתְחִילִין בְּב״ד **)

מאָנטאָג און מיטוואָך הייבט מען ניט אָן,
ווי וויים מען נאָר קאָן.

אֵין „נָא" אֶלָּא לְשׁוֹן בַּקָּשָׁה (ברכות, מט)

אין העברעאישען דער וואָרט „נא",
בעדייטעט: „ביטע דאָך, אַלזאָ".

אֵין סוֹמְכִין עַל הַנֵּס (פסחים, סד:)

בעסער פאָראויס זעהן,
ניט פערלאָזען זיך אַנם זאָל געשעהן.

---

*) כהפתגם הזה רגיל בפי משחקים בקוביא: „אין מרחמין בקארטען", לאמר: גם אם יאבד את כל הונו, הרי הוא מן הצועקים ואינם נענים.

**) בגמרא (שבת, קכט:) אמנם חושב ימים המוכשרים להתחלה, אבל שם קאי לענין הקזה, ולשאר ענינים שאין מתחילין בב"ד הוא רק אליבא דזוהר (עקב דף רענ) שאין מורים הלכה מפיו, ומה גם לענין כזה ראוי לגוי קדוש ליזהר מה שצותה התורה הק' בפירוש: „לא תנחשו ולא תעוננו". והן מצינו רבי עקיבא חושב זאת למעשי כספים ממש, ואומר: מעונן זה המחשב עתים ושעות (סנהדרין סה), ובתוספתא (שבת פ) מונה והולך כל דרכי האמורי והבליהם שגם זה בכלל, שאסור לבן ישראל לילך בהם. ומרגלא בפי אבי מורי שליט"א לאמר על כל דבר שבקדושה לבלי לדחותו משום ספיקא דיומא של ב"ד — „בד קדש ילבש".

אֵין עָנִי אֶלָּא בְּדֵעָה (נדרים, מא.)
אָרעם און געמיין,
איז נאָר דער וואָס קען נישט פאַרשטיין.

אֵין עֲנִיּוּת בִּמְקוֹם עֲשִׁירוּת (שבת, קב. מנחות פט)
ווען מען שטעלט זיך אַרויס פאַר רייכער,
בעדאַרף זיך ניט שפּירען: „אָרמער פרייכער".

אֵין עֲנִיּוּת מִן הָאוּמָנוּת וְאֵין עֲשִׁירוּת מִן הָאוּמָנוּת, אֶלָּא הַכֹּל לְפִי זְכוּתוֹ (קדושין פא.)
מיט אַפראָפעסיאָן איז מען ניט פון אָרעמקייט פערהיט
אויך ניט מיט רייכקייט גאַראַנטירט, נור ווי גאָט גיט.

אֵין קַטֵּיגוֹר נַעֲשֶׂה סַנֵּיגוֹר (ברכות, נט. חגיגה יג.)
דער וואָס צו בעשולדיגען שטייט פאָר,
קען ניט ריידען גוטעס אויף אַ האָר.

אֵין רֶגַע בְּלִי פֶגַע (מלי דאבות)
עס גייט ניט פאָראיבער אַ ווייל,
וואָס זאָל ניט מאַכען קיילע.

אֵין שׁוֹטֶה מַרְגִּישׁ (שבת, יג:)
איין נאַרען,
קען קיין זאַך אַרען.

אֵין שְׁנֵי נְבִיאִים מִתְנַבְּאִים בְּסִגְנוֹן אֶחָד (סנהדרין, פט.)
צוויי פּראָפעטען,
זאָגען ניט די זעלבע דעבאַטען:

אֵין שָׁלִיחַ לִדְבַר עֲבֵירָה (ב"ק, עט)
ווען איינער טוט אַ פערבּאָט,
איז קיין תּירוץ: „ער איז נור אַ בּאָט".

אוֹנֵס רַחֲמָנָא פַּטְרֵיהּ (ב"ק, כח:)
קיין זינדע איז, ווען מאַן איז געצוואונגען,
דאָס איז פון די גוטע תּורה געדרונגען.

אֲפִילוּ חֶרֶב חַדָּה מוּנַחַת עַל צַוָּארוֹ שֶׁל אָדָם
אַל יִמְנַע עַצְמוֹ מִן הָרַחֲמִים (ברכות, י)
ווען דער שאַרפער שווערד איז אויפ'ן האַלדז,
בּעדאַרף דער מענש בּעטען גאָט אַלץ.

אֲפִילוּ עָנִי הַמִּתְפַּרְנֵס מִן הַצְּדָקָה, יַעֲשֶׂה צְדָקָה (גטין, ז:)
אַ אָרמער, וואָס פון בּעטלען ערהאַלט ער דעם לעבען,
איז ער אַליין אויך ניט פריי פון געבען.

אֲפִילוּ רֵיקָנִין שֶׁבְּךָ מְלֵאִים מִצְוֹת כְּרִמּוֹן (סנהדרין, לז.)
בּיי אונז איז יעדער פוסטע קעפעל,
פול מיט מצוות ווי אַגראַנאַט עפעל.

אֲפִילוּ שִׂיחַת חוּלִין שֶׁל תַּלְמִידֵי חֲכָמִים צְרִיכָה לִמּוּד
פון געלעהרטע אויך וועלטליכע געשפּרעכען,
בּעדאַרף מען זיי לערנען צו האָבּען אוספּעכין.

אַרְבָּעָה דְבָרִים מְקַרְעִין גְּזַר דִּינוֹ שֶׁל אָדָם:
צְדָקָה, צְעָקָה, שִׁנּוּי הַשֵּׁם וְשִׁנּוּי הַמַּעֲשֶׂה (ר"ה, טז:)

פִיעֶר זַאכֶען, קֶענֶען אַ בֶּעשְׁטִימְטֶען אוּרְטֵייל אוּמַאכֶען:
פְרֵיי גֶעבִּיגְקֵייט, נָאכְגֶעבִּיגְקֵייט,
דָאס בֶּעקוּמֶען אַיין אַנְדֶער בֶּערוּף,
אוּן ווֶען מֶען פִיהרְט זִיךְ אַנְדֶערְשׁ אוֹיף.

אַרְבָּעִים יוֹם קוֹדֶם יְצִירַת הַוָּלָד, בַּת קוֹל יוֹצֵאת וּמַכְרֶזֶת: „בַּת פְּלוֹנִי - לִפְלוֹנִי!" (סוטה, ב.)

מִיט פֶערְצִיג טֶעג פָארְהֶער,
גְאֵיידֶער דֶער קִינְד קוּמְט אַהֶער,
גֵייט אוֹיף יֶענֶעמְס טָאכְטֶער שְׁטִימֶען
דֶער יֶענִיגֶער זָאל אִיהר נֶעהמֶען.

אֵשֶׁת חָבֵר הֲרֵי הִיא כְּחָבֵר (ע"ז, לט)

אִיז דֶער מַאן אַ רַב — אִיז דִי ווַייבּ אַ'רֶבְּ'צִין.

ב.

בָּא לְטַהֵר מְסַיְּעִין אוֹתוֹ (שבת, קד)

ווֶער עֶס ווִיל אָנְהוֹיבֶּען זִיךְ אוֹיפְפִיהרֶן פַיין
אִיז מֶען אִיהם בַּאהִילְפִיג דֶערְבַּיי.

בָּאוּ מַיִם עַד נָפֶשׁ (תהלים סט, ב)

דִי ווַאסֶער בִּיז דִי זֶעלֶע דְרִינְגֶען
נִיט מֶעגְלִיךְ מֶעהר הֶערָאבּ צוּ שְׁלִינְגֶען.

בָּא שַׁבָּת בָּא מְנוּחָה (סנהדרין לח.)
דער וואָס דעם שבת היט,
פיר דעם ברייינגט עס רוהע מיט.

בְּדָאי אֲפִילוּ אִם אָמַר אֱמֶת אֵין שׁוֹמְעִין לוֹ (סנהדרין, פט)
אַז אַ ליגנער זאָגט שוין אַמאָל ריכטיג
ווערט דאָס ניט אָנגענומען פאַר וויכטיג. (זעה „בך עגשר")

בּוֹדְקִין לִכְסוּת וְאֵין בּוֹדְקִין לִמְזוֹנוֹת (ב"ב, ט)
בעט ווער בעקליידען, פרעגט מען דאָס באַשיידען,
בעט ער אָבער עסען – בעדאַרף מען אָן אַלץ פערגעסען.

בְּדֶרֶךְ שֶׁאָדָם רוֹצֶה לֵילֵךְ מוֹלִיכִין אוֹתוֹ (מכות, י)
אין וואָס פאַר אַוועג אַמענש נעמט זיך אַפיהר,
געפינט זיך פאַר איהם אַ פוהר.

בַּטָּלָה אֵם כָּל חַטָּאת (משל סופרים)
דאָס נאָכיאָגען דעם ווינד,
איז די מוטער פון אַלע זינד.

בַּטָּלָה מֵבִיא לִידֵי שִׁעֲמוּם (כתובות, נט)
אום גיין פוסט און פאַס,
מאַכט פון דעם וויכטיגסטען אַש.

בְּמִדָּה שֶׁאָדָם מוֹדֵד. מוֹדְדִין לוֹ (סוטה, ה:)
מיט וואָס פאַר אַמאָס מען גיט,
אַזאַ מאָס ברייינגט איהם מיט.

בִּמְקוֹם שֶׁאֵין אֲנָשִׁים הִשְׁתַּדֵּל לִהְיוֹת אִישׁ (אבות פ״ב
איז נִיט דאָ ווער עֶס זאָל טױגען,
זאָלסטוּ זיך דער צוּ נייגען.

בְּנֵי אָדָם דוֹמִין לְעִשְׂבֵי הַשָּׂדֶה, הַלָּלוּ נוֹצְצִין וְהַלָּלוּ נוֹבְלִין
מענשען זיינען גלייך צוּ גראָז, (עירובין, נד.)
די שפּראָצען אויף, און די לאָזען אַראָפּ דעם נאָז.

בְּנוֹת יִשְׂרָאֵל נָאוֹת הֵן אֶלָּא שֶׁהָעֲנִיּוּת מְנַוְּלָתָן (נדרים, סו.)
אידישע טעכטער זיינען אַלע שיין,
עס מאַכט זיי נוּר אָבגעלאָזין זייער זיין געמיין.

בָּתַר עַנְיָא אָזִיל עֲנִיּוּתָא (ב״ק, צב.)
דער וואָס איז אָרעם אין אַלעם,
נאָך איהם שלעפּט זיך נאָך דער דלות.

ג

גָּדוֹל הַמְעַשֶּׂה יוֹתֵר מִן הָעוֹשֶׂה (ב״ב, ט.)
מיט ברייגען אַנדערע זאָלען טאָהן,
קען מעהר נוּצען ברייגען אַלס אַליין טאָהן.

גָּדוֹל הַנֶּהֱנֶה מִיגִיעוֹ יוֹתֵר מִיְרֵא שָׁמַיִם (ברכות, ח.)
זיך ערנערען פון די אייגענע פּראַצע,
איז וויכטיגער אַלס אַפרומער צאַצע.

גָּדוֹל הָעוֹשֶׂה צְדָקָה בְּסֵתֶר יוֹתֵר מִמֹּשֶׁה (ב"ב, ט:)
ווער עס גיט צדקה קיינער זאָל ניט וויסען.
שטייט ער העכער פאַר משה'ן.

גָּדוֹל הַשָּׁלוֹם שֶׁאַף הקב"ה שִׁנָּה בּוֹ (יבמות, סה:)
פון שלום וועגען,
קען מען אנדערש זאָגען.

גָּדוֹל כְּבוֹד הַבְּרִיּוֹת שֶׁדּוֹחֶה לֹא תַעֲשֶׂה שֶׁבַּתּוֹרָה (שבת, פ"א:)
לייטישע האָנער אַ גרויס וויכטיגקייט האָט
אַז עס קען פערבייטען אַ תורה פערבאָט.

גְּדוֹלָה מְלָאכָה שֶׁמְּכַבֶּדֶת אֶת בַּעְלֶיהָ (נדרים, מט:)
אַ פּראָפעסיאָן איז טיכטיג
זי מאַכט איהרע בעזיצער וויכטיג.

גְּדוֹלָה תַלְמוּד תּוֹרָה יוֹתֵר מִבִּנְיַן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ (מגילה, טז:)
עס איז וויכטיגער אין לערנען זיך מיהען,
מעהר אַלס דעם בית המקדש בויען.

גְּדוֹלָה תְשׁוּבָה שֶׁמְּקָרַעַת גְּזַר דִּינוֹ שֶׁל אָדָם (ר"ה, יז:)
עס איז וויכטיג דאָס אויסבעסערען די זינד
דען זי פעריאָגט בייזע בעשליסונג ווי אַ ווינד.

גְּנַאי הוּא לַאֲרִי שֶׁיִּבְכֶּה לִפְנֵי שׁוּעָל (תדא"ר פי"ו)
עס איז אַ שאַנדע צו זאָגען,
דער לייב זאָל זיך פאַר דעם פוכס בעקלאָגען.

ד

דִּבְרֵי חֲכָמִים בְּנַחַת נִשְׁמָעִים (קהלת ט, יז)
די רייד פון חכמים זיינען געזאָגט געלאַסען
און ווערען געהאָרכט פון די מאַסען.

דִּבְרֵי חֲלוֹמוֹת לֹא מַעֲלִין וְלֹא מוֹרִידִין (גטין, נב.)
אַ גוטער טרוים אָדער אַ שלעכטער,
איז דאָס בלויז אַ געלעכטער.

דִּינָא דְמַלְכוּתָא – דִּינָא (ב"ק, קיז.)
פון דער רעגירונג אַ פריקאַז,
איז דאָס אַ אוקאַז.

דִּין שֶׁל פְּרוּטָה כְּדִין שֶׁל מֵאָה מָנֶה (סנהדרין, ח)
די קלענסטע מטבעה
האָט דעם דין ווי רענדליך אַ מאה.

ה

הֲגַם שָׁאוּל בַּנְּבִיאִים (ש"א י, יא)
איז דען שאול דער איינפאַכער
אויך געוואָרען אַ זנאַכער?

הֶדְיוֹט קוֹפֵץ בְּרֹאשׁ (מגילה, יב:)
אימער דער פּראָסטער
חאַפּט זיך אַרוים דער ערשטער.

הַזּוֹרְעִים בְּדִמְעָה, בְּרִנָּה יִקְצֹרוּ (תהלים קכו, ה)
די וואָס זייען מיט טרערין
וועלען מיט פריידען שעערין.

הֱוֵי מַקְדִּים בִּשְׁלוֹם כָּל אָדָם (אבות פ״ד)
יעדען איינצעלנעם מענטשען,
זאָלסטו פאַראוים בענטשען.

הַיּוֹם כַּאן וּמָחָר בַּקֶּבֶר (ברכות, כח:)
דעם היינטע האַבע,
און מאָרגען אין גראַבע.

הַיּוֹם כַּאן וּמָחָר—וַיִּבְרַח (משל עם)
היינטע איז נאָך דאָ צו האָפּען,
מאָרגען איז ער שוין אַנטלאָפען.

הַכָּבֵד וְשֵׁב בְּבֵיתֶךָ (מו״ק, י״ז.)
זיץ אין דער היים אויף דיין אָרט
וועסטו פערבלייבען ביי דיין עהרע פּאָרט.

הַכֹּל הוֹלֵךְ אַחֲרֵי הַחִתּוּם (ברכות, יד.)
נאָר וואָס,
ווענדט זיך אָן אויסלאָז.

הַהֶכְּרֵחַ לֹא יְגוּנֶּה [1]

צו וואָס עֶס בּרײַנגט דער נויט, בּעדאַרף מען ניט ווערען רויט.

הוֹלֵךְ וְעוֹשֶׂה חָסִיד (אבות פה, טו)

דער וואָס טוט אויף, מיט זײַן לויפען,
דיזער איז פרום אויף אַ אופן.

הַלְוַאי אוֹתִי עָזְבוּ וְתוֹרָתִי שָׁמָרוּ (ירוש' חגיגה פ"א הל"ז)

זאָלען זיי ניט האַלטען גאָט פאַר די פאָלען
בּעסער זאָלען זיי היטען זײַנע בּעפאָלען [2].

הֶרְגֵּל נַעֲשֶׂה טֶבַע שֵׁנִי (שבילי אמונה נתיב ד, שביל ב)

געוואָנהײַט צו וואָס נור,
ווערט דאָס די צווייטע נאַטור.

ז.

זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה (משלי י, ז)

דער ערָאינערונג פון פרומען מענטשין
פער בּלײַבּט מיט אים זיך צובּענטשען.

זָקֵן זֶה שֶׁקָּנָה חָכְמָה וְלֹא זָקֵן אַשְׁמָאִי (קדושין, לב)

אַ אַלטען בּעהרין, איז געמיינט אַ פּראָפעסער,
אָבּער ניט אַ אַלטען הינער פרעסער [3].

1) פתגם מקובל בין יודעי ספר ואין לו מקור, רק יסודתו מהאמור במשלי (ו, ל) לא יבוזו לגנב כי יגנב למלאות נפשו כי ירעב.

2) בספר „יסוד התורה ועקר העבודה" יבואר זאת במשל.

3) כן דרשו את הכתוב הנאמר בעלי הכהן: „ולא יהיה זקן בביתך" (ש"א ב, לב) שקאי על סמיכת חכמים (סנהדרין, יד).

זְרִיזִין מַקְדִּימִין לְמִצְוֹת (פסחים ג).
פְלִינְקֶע, גֶעשִׁיקְטֶע מֶענְטשֶׁען,
זַיינֶען דִי עֶרשְׁטֶע צוּ רֶעלִיגִיאָנס גֶעזֶעצֶען.

זְרִיזוּת מְבִיאָה לִידֵי נְקִיּוּת (שקלים, ט)
שְׁנֶעללְקַייט
בְּרֵיינְגְט צוּ רֵיינְקַייט.

ח.

חַדֵּשׁ יָמֵינוּ כְּקֶדֶם (איכה ה, כג)
בְּעֶנַייֶע אוּנזֶער צַייט,
ווִי מִיר זַיינֶען אַמאָל גֶעווֶען לַייט.

חֲזָקָה עַל חָבֵר שֶׁאֵינוֹ מוֹצִיא מִתַּחַת יָדוֹ דָבָר שֶׁאֵינוֹ מְתוּקָּן (עירובין לב).
עֶס אִיז בְּעֶשְׁטִימְט אַז דִי גֶעלֶעהֶרטֶע גֶעזֶעלֶען
לאָזֶען נִיט אַרוֹיס אַ זאַך וואָס זאָל אִין אִיהם עֶטוואָס פֶעלֶען.

חָכָם עָדִיף מִנָּבִיא (בבא בתרא, י״ב.)
דֶער אוֹיפְגֶעקְלֶערְטֶער
אִיז פאַר אַ נָבִיא ווִיכְטִיגֶער.

חֲמוֹר נוֹשֵׂא סְפָרִים (חובת הלבבות שער עבודת אלהים פ״ד).
אַ בּוּךְ-קְרֶעמֶער וואָס פאַרשְׁטֵייט נִיט אִין ספר אַרֵיינְקוּקֶען,
אִיז גְלַייךְ ווִי אַ עֶזֶעל וואָס אִיז גֶעלאָדֶען בִּיכֶער אוֹיף זַיין רוּקֶען.

חַמְרָא אֲפִילוּ בִּתְקוּפַת תַּמּוּז קְרִירָא לֵיהּ (שבת, נג.)
דעם שׂועל איז אימער קאַלט,
אויך ווען דער סעזאָן תמוז געפאַלט.

חֲמִירָא סַכַּנְתָּא מֵאִיסוּרָא (פסחים, מא.)
אַזאַך וואָס קען זייער פערשאַטען,
איז הארבער פון אַ זאַך וואָס איז פערבאָטען.

חָסִיד שׁוֹטֶה וְרָשָׁע עָרוּם וכו׳ הֲרֵי אֵלוּ מְבַלֵּי עוֹלָם (סוטה, כב.)
אַ נאַרישער פרומער און אַ רשע וואָס איז געשייט,
זיינען אַ אונגליק פאַר אַלע לייט.

חֶסְרוֹן כִּיס קָשֶׁה מִכֻּלָּן (קדושין, לג, קה״ר פז.)
דער דלות —
איז ערגער פאַר אַלעם.

חֶצְיוֹ לָכֶם וְחֶצְיוֹ לַה׳ (פסחים סח, ביצה לד).
יום-טוב — העלפט פערברייננט מיט געסט,
און העלפט טוט וואָס פאַר׳ן גייסט.

חֲתִיכָה הָרְאוּיָה לְהִתְכַּבֵּד (חולין, ק.)
אַ אָנשטענדיגע פאָרציאָן,
וואָס פאַסט פאַר דעם אויבען-אָן.

חָתָן דּוֹמֶה לְמֶלֶךְ (פרקי דרבי אליעזר, פט״ז, ור״ן כתובות).
אַ חתן אונטער דער חופה,
מיינט ער איז אַ מלך בכיפה.

ט.

טוֹב לְשָׁמַיִם וְטוֹב לַבְּרִיּוֹת (קידושין, מ.)
צו גאָט אַ חוואַט,
און צו לײַטען אַ בראַט.

טוֹב שֶׁבַּנְּחָשִׁים רְצוֹץ אֶת מוֹחוֹ (קדושין, פב.)
דעם בעסטען שלאַנג,
צו שמעטער דעם קאָפּף מיט אַ דראָנג.

טָעֲנוֹ חִטִּים וְהוֹדָה לוֹ בִשְׂעוֹרִים (ב"מ ה', ב"ק לה:)
דיעזער פּריטענדירט איבער ווייץ אַם מערסטען.
און יענער געשטייט איהם אויף גערשטען.

טָעוּת לְעוֹלָם חוֹזֵר
זיך פערעכענט מיט אַ אירטהום,
צו בערייהען איז ניט קרום.

טוּרָא בְּטוּרָא לָא פָּגַע, אֱנָשׁ בֶּאֱנָשׁ פָּגַע (פתגם בלא מקור)
אַ בארג צו אַ בארג קען ניט צו לויפען,
אָבער אַ מענטש מיט אַ מענטשען קענען זיך טרעפען.

י.

יְגִיעַ כַּפֶּיךָ כִּי תֹאכֵל, אַשְׁרֶיךָ וְטוֹב לָךְ (תהלים קכח, ב)
ווען פון דיינע הענד מיט מיה ערוואָרבענע איסט
דאַן גוט איז דיר און גליקליך ביסט.

יֵשׁ קוֹנֶה עוֹלָמוֹ בְּשָׁעָה אֶחָת (ע"ז, י:)
עֶס טרעֶפט אֵיינעֶר קוֹיפט זִיךְ דעֶם גליק,
אִין אֵיין אוֹיגעֶן-בליק.

יֵשׁ נָאֶה דוֹרֵשׁ וְאֵינוֹ נָאֶה מְקַיֵּם (חגיגה, יד:)
עֶס גִיט אַזעֶלכעֶר וואָס ווייזט אויפצופיהרעֶן זיך שיין
עֶר זעֶלבסט אָבעֶר פִיהרט זיך אויף ווייעֶר געֶמיין.

יְשִׁיבַת כְּרַכִּים קָשָׁה (כתובות, קי:)
דאָס בעֶזיצעֶן אִין גרוֹיסעֶ שטעֶדט,
אִיז זייעֶר באַשוועֶרט.

יִשְׂרָאֵל אֶחָד חוֹטֵא וְכֻלָּם נֶעֱנָשִׁים (מכילתא יתרו)
ווען אֵיין יוד טוט וואָס ניט רעֶכט,
וועֶרט אַלעֶמעֶן שלעֶכט.

כ.

כַּבְּדֵהוּ וְחַשְׁדֵהוּ (מדא"ר פ"ה)
דעֶם גאַסט כבוד גיב,
און היט איהם ווי אַ דיב.

כֵּיוָן שֶׁנִּתְּנָה רְשׁוּת לְמַשְׁחִית אֵינוֹ מַבְחִין (ב"ק, ס.)
איז שוין דעם פערדערבער געוואָרען ערלויבט,
נעהמט ער צו, די בעסטע איבערהויפט.

כך אומנתו של יצר הרע: היום אומר לך עשה כך עד שאומר לך: לך עבוד עבודה זרה (שבת, קה:)

אזוי איז דער טאלאנט פון יצר הרע מיט דעם מענטשען,
היינט הייסט ער דיר טאן אזוי, ביז ער וועט דיר פירען דינען געצין.

כך היא דרכה של תורה: פת במלח תאכל וכו׳
ועל הארץ תישן וחיי צער תחיה וכו׳ (אבות פ״ו).

אט אזוי קען מען לערנען אלץ:
„עס ברויט מיט זאלץ,
און אויף דער ערד שלאף
און אויף א צרה׳דיגען לעבען האף״.

כך היו נקיי הדעת שבירושלים עושין: לא היו נכנסים בסעודה אלא אם כן יודעון מי מיסב עמהן (סנהדרין, כג.)

די ירושלים אינטעליגענטען פלעגען ניט קומען אויף א באל,
וואו זיי האבען ניט געוואוסט ווער וועט זיין מיט זיי אין זאאל.

כך עונשו של בדאי שאפילו אומר אמת אין שומעין לו (סנהדרין כ).

מיט דער מיט ווערט דער ליגנער בעלוינט
דאס זיינער א ווארט ווערט אויך ניט געשוינט.

אהבה שהיא תלויה בדבר, בטל דבר בטלה אהבה (אבות, פה)

נאר א ליעבע וועלכע איז צוליעב אינטערעסין.
וויא נור עס איז קיין אינטערעסע ווערט זיא פערגעסען.

כל דאלים גבר (גטין, ס:)

דער קרעפטיגער, איז דער מעכטיגער.

כָּל דְּעָבִיד רַחֲמָנָא לְטַב עָבִיד (ברכות, ס:)

וואָס גאָט טהוט
איז עֶס גֶעוויִס גוּט.

כָּל הַדּוֹחֵק אֶת הַשָּׁעָה - הַשָּׁעָה דּוֹחַקְתּוֹ,
וְכָל הַנִּדְחֶה מִפְּנֵי הַשָּׁעָה-הַשָּׁעָה נִדְחֵתָה מִפָּנָיו (ברכות, סד.)

ווער עֶס דוּלדעט נִיט די שלעכטע צייט,
מאַכט זיא אִיהם פוּן גוּטעס וויַיט;
אוּן ווּעמען זיא אִיז נִיט לאַנג ווייליג
גייט זי אִיהם פאַרביי איבּער-אייליג.

כָּל הַמְחֻבָּר לְטָמֵא-טָמֵא, וְכָל הַמְחֻבָּר לְטָהוֹר-טָהוֹר (ב"ק, צב:)

אִיז ווער בּאַהעפטט אָן דעם וואָס אִיז אוּנרייִן, אִיז עֶר אוֹיך געמייִן;
אוּן אָן אַ זעלכען וואָס אִיז אַרייִנער-אִיז עֶר אוֹיך אַ זייִנער.

כָּל הַמְלַמֵּד אֶת בֶּן חֲבֵרוֹ תּוֹרָה מַעֲלֶה עָלָיו הַכָּתוּב כְּאִלּוּ יְלָדוֹ (סנהדרין, יט:)

דער וואָס בּעלעהרינט זיין פריינדס זאָהן,
אִיז גלייך וויא עֶר וואָלט אִיהם געבּאָרען פוּן אָנפאַנג אָן.

כָּל הַמּוֹסִיף גּוֹרֵעַ (סנהדרין, כט.)

דער וואָס לייגט אוֹיף וואָס מעהרער
ווערט עֶס דוּרך דעם מינערער.

כָּל הַמִּתְאַבֵּל עַל יְרוּשָׁלַיִם זוֹכֶה וְרוֹאֶה בְּשִׂמְחָתָהּ (ב"ב, ס:)

דער וואָס טראָגט טרויער איבּער ירושלים'ס ליידען
דער וועט אַ אַנטהייל נעהמען אִין אִיהרע פריידען.

כָּל הַנְּגָעִים אָדָם רוֹאֶה חוּץ מִנִּגְעֵי עַצְמוֹ (נגעים פב, ה)
אַלֶע פֶעהלֶערֶען מֶערקט דעֶר מֶענש גיך,
נור ניט אַ פֶעהלֶער וואָס ער האָט אויף זיך.

כָּל הַפּוֹסֵל בְּמוּמוֹ פּוֹסֵל (קדושין, ע.)
יעֶדעֶר זידעֶלט זיך,
מיט אַ פֶעהלֶער וואָס עֶר האָט אין זיך.

כָּל הָרוֹדֵף אַחֲרֵי הַכָּבוֹד-הַכָּבוֹד בּוֹרֵחַ מִמֶּנּוּ (עי' עירובין יג:)
דעֶר וואָס נאָך עֶהרעֶ יאָגט,
ווערט דאָס פון איהם פעֶריאָגט,

כָּל פִּנּוֹת שֶׁאַתָּה פּוֹנֶה לֹא יִהְיוּ אֶלָּא דֶּרֶךְ יָמִין (יומא, טו.)
אַלֶע ווענדונג צו יעֶדעֶר געֶלעֶגעֶנהייט,
זאָל זיין דעֶר ריכטונג צו דעֶר רעֶכטעֶר זייט.

כָּל פְּרוּטָה וּפְרוּטָה מִצְטָרֶפֶת לְחֶשְׁבּוֹן גָּדוֹל (ב"ב, ט:)
פון גראָשעֶן צו גראָשעֶן,
ווערט גרויסעֶ מאָסעֶן,

כָּל רָעָה וְלֹא אִשָּׁה רָעָה (שבת, יא.)
אַלֶע בייזעֶס איז צו ערטראַגעֶן,
נור ניט פון אַ בייזעֶ ווייב די פּלאַגעֶן.

כָּל שֶׁהַכֶּסֶף בְּיָדוֹ-יָדוֹ עַל הָעֶלְיוֹנָה (ב"מ, מד.)
דעֶר וואָס האָט דאָס געֶלד פעֶרנומעֶן,
דעֶר האָט שוין כמעט געֶוואונעֶן.

כָּל שֶׁיּוֹדֵעַ בַּחֲבֵרוֹ שֶׁהוּא רָגִיל לִתֵּן לוֹ שָׁלוֹם - יַקְדִּים לוֹ שָׁלוֹם (ברכות, ו:)

דער וואס ווייס זיין פריינדס געוואנהייט איהם צו בעגריסען
זאל ער איהם פאראויס זיין געריס געבען צו וויסען.

כָּל שֶׁרוּחַ הַבְּרִיּוֹת נוֹחָה הֵימֶנּוּ. רוּחַ הַמָּקוֹם נוֹחָה הֵימֶנּוּ (אבות פ"ג)

ווער עס האט לייטען צופרידען געשטעלט,
האט ער געטהאן ווי גאט האט געוועלט.

כָּל תּוֹרָה שֶׁאֵין עִמָּהּ מְלָאכָה סוֹפָהּ בְּטֵלָה (אבות, פ"ב)

נאר א לעהרע וואס איז ניט מיט א פראפעסיאן פערבונדען,
ווערט די לעהרע ענדליך פערשוואונדען.

כֶּסֶף וְזָהָב מְטַהֵר מַמְזֵרִים (קדושין, ע"א)

צוליעב זילבער און פערמעגען —
א שידוך – אפילו מיט ממזרים מעגען.

ל.

לֹא דֻבִּים וְלֹא יַעַר (סוטה, מו) [1]

ניט קיין בערען זיינען געוועזען און ניט קיין וואלד,
נור א נס איז געשעהן און עס איז געווארען באלד.

[1] על האמור במקרא באלישע הנביא: ותצאנה שתים דבים מן היער (מ"ב ב, כד) יש ד"ה בגמרא אשר לא יער היה ולא דבים היו רק נעשה יער לפי שעה.

לֹא דִבְּרָה תּוֹרָה בַּמֵּתִים (אסתר רבה)
די תורה האָט ניט געמיינט,
אַ זעלכע וואָס זיינען טויט.

לֹא הַמִּדְרָשׁ עִקָּר, אֶלָּא הַמַּעֲשֶׂה (אבות, פ"א).
דיא ערקלערונג לאָז געמאַך.
דער אויפטאָן איז אַ זאַך.

לֹא יִפָּטֵר אָדָם מֵחֲבֵרוֹ אֶלָּא מִתּוֹךְ דְּבַר הֲלָכָה (ברכות, לא)
אַ מענש זאָל זיך פון זיין פריינד ניט פעראַבשיידען,
אַוואו ער זאָל איהם אַ דין זאָכע ניט בעשיידען.

לֹא כָּל אָדָם זוֹכֶה לִשְׁנֵי שֻׁלְחָנוֹת (ברכות, ה:)
ניט ביי אַ פולע,
ניט לעהרע און גדולה [1].

לֹא לַחֲכָמִים לֶחֶם (קהלת ט, יד)
אַמעהרסטין חכמים זיינען אין נויט,
און בעדאַרפען זארגען אויף ברויט [2].

לֹא עָלֶיךָ הַמְּלָאכָה לִגְמוֹר (אבות פ"ב)
אויסצופיהרען איז ניט פאַר דיר,
דאָס וואָס דו האָסט זיך גענומען אַ פיהר.

---

1) מה המה שני השלחנות מפורש במקום אחר: „מימות משה עד רבי לא מצינו תורה וגדולה במקום אחד" (גטין, נט.) וכן תרגמתי.

2) סופו דקרא הוא: „ולא לנבונים עושר" ופירשו חד מחבריא: לא לחכמים לחם— אימתי? בזמן שלא לנבונים עושר, רק העושר נתן בידי הסכלים שאינם יודעים להוקיר ולתמוך בידי החכמים (זה הבאתי במחברתי קריות ספר צד 34 בהערה).

לֹא עַם הָאָרֶץ חָסִיד (אבות פ"ב)
ניט דער דומער,
קען זיין אַ ריכטיגער פרומער.

לֹא רָאִינוּ אֵינָה רְאָיָה (עדיות פ"ב)
עס איז קיין בעווייז פון ניכט זעהען,
דאס עס האט גאר ניכט געשעהן.

לַאו בְּכָל יוֹמָא מִתְרַחִישׁ נִיסָא (פסחים, נ:)
ניט טעגליך,
איז אַ וואונדער מעגליך.

לַאו עַכְבָּרָא גַּנָּב אֶלָּא חוֹרָא גַּנָּב (גטין, מה.)
ניט די מויז פאר דעם דיעב האלט,
נור דעם שפאלט, וואו זי בעהאלט.

לַמֵּד לְשׁוֹנְךָ לוֹמַר: „אֵינִי יוֹדֵעַ" (ברכות, ד.)
איב איין דיין צונג צו זאגען,
איך ווייס ניט פון וואס צו זאגען.

לֵית דִּין וְלֹא דַיָּן (ויק"ר פ' כח)
ניט קיין אנקלאגער
און ניט קיין ריכטער.

לֹא מָצָא הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא כְּלִי מַחֲזִיק בְּרָכָה לְיִשְׂרָאֵל אֶלָּא הַשָּׁלוֹם (סוף עוקצין).
גאט האט ניט איינגעפונען פיר יודען,
אַ געשיר זאל איינהאלטען זעגען בלויז דעם פרידען.

מ.

מַה אֲנִי בְּחִנָּם, אַף אַתָּה בְּחִנָּם (נדרים, לז.)
אַזוֹי ווִיא אִיךְ טהוּע אוּמזִיסט,
טוּהֶע דוּ אוֹיךְ פַאר נִישט.

מַה אָנִיחַ לְעֵת זִקְנָה (כתובות, מב.)
ווֶען אִיךְ ווֶעל דִי קרֶעפּטֶען נִיט שפָּארֶען,
וואָס וועט מִיר בּלַייבּען אוֹיף דִי עֶלטֶערֶע יאָהרֶען.

מַה אֶעֱשֶׂה וְנַפְשִׁי חָשְׁקָה בַּתּוֹרָה (יבמות, סג:)
וואָס קֶען אִיךְ דֶען מאַכֶען?
ווֶען צוּם לֶערנֶען אִיז מַיין זֶעלֶע גֶעשאַפֶען.

מַה אֶעֱשֶׂה שֶׁכְּנֶגְדִּי חוֹלֵךְ עָלַי (כתובות, נד:)
ווִיא קֶען אִיךְ שטֶעהן פֶעסט
ווֶען מַיין גֶעגנֶער מאַכט מִיר פּראָטֶעסט.

מַה דָּגִים שֶׁבַּיָּם, כָּל הַגָּדוֹל מֵחֲבֵרוֹ בּוֹלֵעַ אֶת חֲבֵרוֹ, אַף בְּנֵי אָדָם וכו׳ כָּל הַגָּדוֹל מֵחֲבֵרוֹ בּוֹלֵעַ אֶת חֲבֵרוֹ (ע״ז, ד.)
מֶענשֶען זַיינֶען אַזוֹי ווִי דִיא פִישׁ אִין וואַסֶער,
עֶס פֶערשלִינגט דֶעם קלֶענֶערִין דֶער וואָס אִיז גרֶעסֶער.

מַה יַּעֲשֶׂה אוֹתוֹ הַבֵּן שֶׁלֹּא יֶחֱטָא (ברכות, לב.)
וואָס קֶען דֶען טאָהן אַזאַ זאָהן,
זאָל עֶר נִיט זִינדִיגֶען, ווֶען עֶר קאָן.

מה יעשו גדולי הדור שאין דורם עולה יפה (תענית, כד:)

וואָס קענען טהאָן די אָנפיהרער,
ווען זיי זיינען אין אַ צייט פון פערלירער.

מה נשתנינו מכל אומה ולשון (ר"ה, יט.)

פאַר וואָס זאָלען מיר דאָס זיין געקירצט אין פיעל זאַכען,
מעהר פאַר אַלע פעלקער פאָן אַנדערע שפּראַכען.

מה שיעשה הזמן לא יעשה השכל [1]

דאָס וואָס די צייט קען שאַפען,
קען דאָס דער פערשטאַנד ניט גרייפען.

מהיות טוב אל תקרא רע (ברכות, ל.)

קענסטו אָב האַנדלען אויף אַ גוטען אויפאָן,
זאָלסטו זיך אַ שלעכטין נאָמען ניט קויפען.

מי יאמר לו מה תעשה (קהלת ח, ד)

ווער קען איהם זאָגען:
„קענסטו דען דאָס מאָגען?".

מי ישפל ומי ירום (פיוט לר"ה)

ווער עס זאָל נידעריג הערונטער,
און ווער עס זאָהל ווערען מונטער.

מי יתן והיה (דברים ה, כו)

ווער קען אויספיהרען,
עס זאָל דאָס פּאַסירען.

---

1) בעל „בית ועד להכמים" הראה מקורו בשו"ת חוט השני קי"ב ואולי איננו הוא המקור הא.

מִי שֶׁטָּרַח בְּעֶרֶב שַׁבָּת יֹאכַל בְּשַׁבָּת (ע"ז, ג.)
ווער עס האָט די מיה פרײַטיג,
דער האָט אום שבת צו עסן פאַרטיג.

מִי שֶׁיֵּשׁ לוֹ מָנֶה מְבַקֵּשׁ מָאתַיִם (קה"ר, פ"א)
ווער עס פאַרמאָגט הונדערט פראַנק,
דער וויל שוין האָבען אַ אייגען באַנק.

מִי שֶׁלֹּא רָאָה בֵּית הַמִּקְדָּשׁ בְּבִנְיָנוֹ
לֹא רָאָה בִּנְיָן מְפוֹאָר מֵעוֹלָם (סוכה, נא:)
ווער עס האָט ניט געזעהען דעם טעמפעל געבײַ
דער האָט נימאַלס געזעהן אַ שײַנעם פאַלײַ.

מִי שֶׁלֹּא רָאָה שִׂמְחַת בֵּית הַשּׁוֹאֵבָה
לֹא רָאָה שִׂמְחָה מִיָּמָיו (סוכה, נא:)
ווער עס האָט ניט געזעהן פון בית השואבה די גולאַניע,
דער האָט נימאַלס געזעהן אַ פריילעכע קאָמפּאַניע.

מִבִּרְכוֹתָיו שֶׁל אָדָם נִכָּר אִם תַּלְמִיד חָכָם הוּא (ברכות, נ.)
עס איז צו ערקענען פון איין מענשענס בענטשען,
אויב ער איז פון די געלעהרנטע מענטשען.

מִדְּהָצִיף כְּלֵי דְהַאי שְׁמַע מִינָּהּ רְשִׁיעֵי הוּא (ב"מ, פג:)
פון זײַן גרויס העזה
איז צו פערשטיין דאָס ער איז בעז באָזע.

מוּם שֶׁבָּךְ אַל תֹּאמַר לַחֲבֵרָךְ (ב"מ, נט)

דער פעהלער וואס אין דיר שטעקט,
זאלסט ניט זאגען דאס יענער עם פערמאגט.

מִנְהַג יִשְׂרָאֵל-תּוֹרָה הִיא[1]

א יודישער איינפיהר פון פערצייטען,
איז ווי א רעליגיאנס געזעטץ ביי לייטען.

מִנְהַג מְבַטֵּל הֲלָכָה (מס' סופרים פ' יד)

א מנהג ברעכט א דין[2].

מַעֲלִין בְּקֹדֶשׁ וְאֵין מוֹרִידִין (שבת, כא:)

אהייליגען געגענשטאנד שטעלט מען אויף הייליגער
אבער ניט אויף נידעריגער.

מַעֲשֵׂה אָבוֹת יִרְשׁוּ בָנִים (ב"ר פ' מח ד"ה: סימן לבניך)

אויפפיהרונג ביי עלטערען,
טוט זיך דאס ביי קינדער אלטערען.

מַעֲשֶׂיךָ יְקָרְבוּךָ, מַעֲשֶׂיךָ יְרַחֲקוּךָ (עדיות, פ"ה)

דיינע טהאטען וועט דיר שאפען פריינדשאפט,
אין געגענטהייל — פיינדשאפט.

---

1) בלשון זה לא נמצא, רק בלשון „מנהג אבותינו" והוא בתוספות מנחות פ: וכן העתקתי „פון פארצייטען".

2) מנהג שאמרו „מבטל הלכה" דוקא מנהג ותיקין, אבל מנהג שאין לו ראיה מה"ת ולא טעם – מנהג טעות הוא (קיצור כללי הגמרא במבוא התלמוד של ר"ש הנגיד).

מָצָא אוֹ מוֹצֵא (ברכות, ח.)

אִין אַ פּאַרטײַ קען זײַן עֶס גליקט,
אָדער ווערען אַרויס געפּליקט.

מִצְוָה בּוֹ יוֹתֵר מִבִּשְׁלוּחוֹ (קידושין, מא.)

אויספיהרען אַליין אִיז פִיעל גלײַכער,
אֵיידער דורך אַ פרעמדען מאַכער.

מִצְוָה גוֹרֶרֶת מִצְוָה (אבות, פ"ד)

אויספיהרען אַ גוטען בעפעהל, פיהרט צו אַ צווייטען שנעל.

מִצְוָה שֶׁבָּאָה לְיָדְךָ אַל תַּחְמִיצֶנָּה (מכילתא, בא)

אִיז אַ מצוה בײַ דער האַנד צו פײַערען,
טהוּע אָפּ, און לאָז אִיהר ניט זײַערען.

מַקְדִּים רְפוּאָה לַמַּכָּה (מגילה, יג:)

גאָט שיקט טאַקע,
די רפואה פאַר דער מַכָּה.

מְשַׁנֶּה מָקוֹם מְשַׁנֶּה מַזָּל (ר"ה, טז)

מיט'ן בײַטען דעם אָרט,
ווערט בעסער פאָרט.

מָתוּן, מָתוּן ד' מֵאוֹת זוּזֵי שַׁוְיָא (ברכות, כ.)

געדולד, געדולד, אִיז ווערט גאָר די געלד.

2) בני עמנואל אמר: או „ראה חיים" עם האשה (קהלת ט, ט) או „רחיים בצוארו" (קידושין כט) שגם זה נאמר על האשה, והוא בלשון נופל על לשון.

נֶהֱרָג עַל פָּחוּת מִשָּׁוֶה פְּרוּטָה (עירובין, סב.)

איבער ווייניגער פון אַ גראָסען,
קען ער ווערען דער שאָסען.

נוֹחַ לוֹ לְאָדָם שֶׁלֹּא נִבְרָא (עירובין, יג.)

עס וואָלט פאַר דעם מענשען פיל גלייכער געוואָרען,
ער וואָלט געווען בעסער גאר ניט געבאָרען.

נְחוֹת דַּרְגָּא וּנְסִיב אִתְּתָא (יבמות, סג.)

עס איז פיעל געזונטער,
נעהמען אַ פרוי אַ שטאַפּעל הערונטער.

נִכְנַס יַיִן יָצָא סוֹד (עירובין, סה.)

ווי עס איז אַריין די וויין,
איז אַרויס דער געהיימער מיין.

נִכָּרִין דִּבְרֵי אֱמֶת (סוטה, ט:)

עס איז דאָך אַ ציקאַוועס,
ווי מען דערקענט באַלד דעם אֱמֶת.

נֵר לְאֶחָד-נֵר לְמֵאָה (שבת קכב.)

אַ ליכט איז ווי פאַר איינעם ליכטיג,
אַזוי איז זיא אויך פיר הונדערט ריכטיג.

נָשִׁים דַּעְתָּן קַלּוֹת (שבת לג. בל"א)

אין ווייבליכען כאַראַקטער איז צו געפינען,
דאָס זיי זיינען לייכט אין זייער זינען.

נֵיתֵי סֵפֶר וְנֶחֱזֶה (קידושין ל, בל״א)
נאָמיר ברייִנגען אַ בוך, און געבען אַ זוך.

נוֹתֵן הוֹדָאָה עַל שֶׁעָבַר וְצוֹעֵק עַל הֶעָתִיד (ברכות, נד)
מען בעדאַרף דאַנקען פיר דאָם וואָם איז געוועזן,
און שרייַען און בעטען אויף ווייטער פיעל מען קען.

ס.

סֵדֶר הַהוֹצָאָה חֲצִי הַפַּרְנָסָה (מבחר הפנינים, שער החכמה)
אַיין פאַרשפּאָרער,
איז בעסער פון אַ פאַרדינער.

סִמָּן לְנַסּוּת הָרוּחַ עֲנִיּוּת (שבת, לג.)
ווען דו זיך זייער בלאָזט,
איז אַ בעוויַיז דאָם דו גאָרניסט האָסט.

סִמָּנָא מִלְּתָא הִיא (כריתות, ו.)
זעהסטו אַ צייכען, טו זיַ זיך מֵבִין.

סוֹף אָדָם לָמוּת וְסוֹף בְּהֵמָה לִשְׁחִיטָה (ברכות, יז.)
די ענדע פון מענשען איז אין דער ערד צו פוילען,
דיא ענדע פון דיא פיה איז צום קוילען.

סוֹף גַּנָּב לִתְלִיָּה [1]
ווער פרעמדע וויל פערלאַנגען,
ווערט ער ענדליך געהאַנגען.

1) נמנו וגמרו בעלי אסופות כי הפתגם הזה לא נמצא בתלמוד ובמדרש איתא (קה״ר פ״ו) אבל רק ללסטים ולא לגנב.

סוֹף הַכָּבוֹד לָבֹא (נדרים, סב.)
נאָך די לערע,
קומט די עהרע. [1]

סוֹף מַעֲשֶׂה בְּמַחֲשָׁבָה תְּחִלָּה [2]
ווי עס האָט זיך אויסגעפיהרט,
איז פאָראוים געווען פראָיעקטירט.

סְתִירַת זְקֵנִים בִּנְיָן וּבִנְיַן יְלָדִים סְתִירָה (נדרים, מ.)
יונגע בויען און אַלטע ברעכען.
קענען זיי זיך נאָך ניט פערגלייכען.

ע.

עֲבֵירָה גוֹרֶרֶת עֲבֵירָה (אבות, פ"ד)
איין פערברעך,
שלעפּט צו נאָך, ווי אַ פּעך.

עַד אַרְבָּעִים שָׁנִין מִכְלָא מַעֲלֵי,
מִכָּאן וָאֵילָךְ מִשְׁתֵּי מַעֲלֵי (שבת, קנב:)
ביז פערציג יאָהר איז גוט אַ עססער.
פון דאַן און ווייטער איז טרינקען בעססער.

---

1) התחלת המאמר כן הוא: „למוד מאהבה" וסופו—סוף הכבוד לבא.

2) חרוז שהשתמש בו בעל הזמר „לכה דודי" בשביל חרווז, והלשון הנכון הוא בירושלמי סוטה פ"ה: החכם הזה עד שהוא בראשו של דבר הוא יודע מה בסופו.

עַכְבְּרָא דְשָׁכִיב אַדִינָרֵי (סנהדרין, כט:)

צוּ אַ מוֹיז וואָס לִיגט אויף אַ אִימפּעריאַל,
זיינען געגליכען קאַרגע איבעראַל.

עָלַי וְעַל צַוָּארִי (פסחים ה: ע״ו ל.)

אויף מִיר און אויף מיין האַלז,
נעהם איך אַרויף אַלס.

עַם הַדּוֹמֶה לַחֲמוֹר (יבמות, סב:)

ווער עם איז פערשקלאַפט,
דער איז אויך עזעלהאַפט.

עַמְּךָ יִשְׂרָאֵל צְרִיכִין פַּרְנָסָה (ברכות, ג:)

ישראל דיין פאָלק,
האָבען קיין ערפאָלג.

עוֹנָה שֶׁל תַּלְמִיד חָכָם מֵעֶרֶב שַׁבָּת לְעֶרֶב שַׁבָּת (כתובות, סב.)

די פערפליכטעטע צייט ביי געלעהרטע מענטשען
איז צו יעדען ליכט בענטשען.

עָנִי חָשׁוּב כַּמֵּת (נדרים סד)

לעבען אין נויט,
איז שווער ווי דער טויט [1].

עֲשׂוֹר בִּשְׁבִיל שֶׁתִּתְעַשֵּׁר (שבת קיט)

גיב אַ צעהנטהייל,
וועסטו געפינען אין ביימעל.

---

1) יש מפרשים אם העני חשוב ומתבייש לפשוט ידו, הוא כמת.

פ.

פִּקּוּחַ נֶפֶשׁ דּוֹחֶה שַׁבָּת (שבת קלב. יומא פה.)

צו ליב רעטען אמענטשען,
מעג מען דעם שבת בעגרענצען.

פַּרְנָס לְפִי דוֹרוֹ (ערכין, יז.)

נאך די צייטען,
אזעלכע דעפוטאטען.

פְּשׁוֹט נְבֵלָה בַּשּׁוּק וְאַל תִּצְטָרֵךְ לַבְּרִיּוֹת (מעין פסחים, קיג ב״ב קו.)

בעסער שינד פון „געפאלענע פיה" די פעלען,
איידער צו „געהייבענע בעלי בתים" אהאנד אויסטעלען.

פּוֹשְׁעֵי יִשְׂרָאֵל אֵין אוּר שֶׁל גֵּיהִנֹּם שׁוֹלֶטֶת בָּהֶם (עירובין יט.)

דיא פערברעכער פון יודענטהום,
סמיילעט זיי די העלישע פייער ניט ארום.

צ

צַדִּיק אָבַד, לְדוֹרוֹ אָבַד (מגילה ט.)

קומט אום א גוטער א פרומער,
איז פאר זיין צייט־אלטער דער קומער.

צַדִּיק זֶה בָּא לְבֵית מְלוֹנִי וְיִפָּטֵר בְּלֹא לִינָה (חולין צא:)

דיזער צדיק איז געקומען אונגעהאפען,
זאל ער דען אוועק ניט געשלאפען?

צַדִּיקִים אוֹמְרִים מְעַט וְעוֹשִׂים הַרְבֵּה
וּרְשָׁעִים אוֹמְרִים הַרְבֵּה וַאֲפִילוּ מְעַט אֵינָם עוֹשִׂים (ב"מ, פז.)

די גערעכטשאַפענע פערשפּרעכין ווייניג און טהוען פיעל,
בייזע פערשפּרעכין פיעל און צו טאָהן ווייניג זיינען אויך פויל.

צַדִּיקִים הֵן שֶׁלָּהֶם הֵן, וְלָאו שֶׁלָּהֶם לָאו (רות רבה פ"ו)

די רעכטשאַפענע איז זייער יאַ־אַ „יאַ וואָרט",
און זייער „ניין" ווערט אויך ניט געענדערט פון אָרט.

צְדָקָה תַּצִּיל מִמָּוֶת (משלי י, ב.)

העלפען בעדאָרפטיגע אין זייער נויט,
רעטעט דעם מענטשען פון טוידט.

צָרִיךְ אָדָם לָצֵאת יְדֵי הַבְּרִיּוֹת
כְּדֶרֶךְ שֶׁהוּא צָרִיךְ לָצֵאת יְדֵי הַמָּקוֹם (שקלים, ט.)

אַמענש דאַרף גערעכט זיין געגען לייט,
גאַנץ די זעלבע וויא פאַר די גאָטהייט.

צָרְכֵי עַמְּךָ מְרֻבִּים (ברכות, כט:)

די בעדערפנים פון אידען,
איז ניט צו בעשיידען.

צָרַת רַבִּים חֲצִי נֶחָמָה (דב"ר פ"ב בל"א.)

אַ לייד ווען זי אַ אַלגעמיינע הייסט,
איז עם שוין אַהאַלבע טרייסט.

ק

קַבֵּל הָאֱמֶת מִמִּי שֶׁאֲמָרוֹ (רמב"ם בהקדמתו לאבות)
נעהם אָן דעם אֶמת
ער מאָג זײַן וועמעס.

קְדֵרָה דְבֵי שׁוּתְפֵי לָא חֲמִימָא וְלָא קְרִירָא (עירובין ג:)
האָבען אין איין טאָפּ אַטײַל פּיעל,
איז ער ניט הײס און ניט קיהל.

קִנְאַת סוֹפְרִים תַּרְבֶּה חָכְמָה (ב"ב, כא.)
די בענײַדונג פון שרײַבער איינער צום צווייטען,
מאַכט דאָס די בילדונג זאָל זיך אויס ברייטען.

קָרוֹב לְשָׂכָר וְרָחוֹק מֵהֶפְסֵד (ב"מ, סד:)
נאָהנט צו פּריפּיט, אָנווער אַהאָר ניט.

קֵרֵחַ מִכָּאן וְקֵרֵחַ מִכָּאן (ב"ק, ס:)
פּליכיג און קאהל, אין יעדען פֿאַל.

קְרִינָא דְאִגַּרְתָּא אִיהוּ לִיהֱוֵי פַּרְוַנְקָא (ב"מ, פג)
דער לעזער פון דעם בריעף,
זאָל אויך וועגען דעם מאַכען א בערוף.

קָשֶׁה גֵזֶל הַנֶּאֱכָל (חולין, פט.)
איז די געראויבטע שוין אויפגעפרעסין,
מאָג שוין דער אייגענטימער אָן דעם פערגעסין.

קָשֶׁה לְזַוְּגָן כִּקְרִיעַת יַם סוּף (סוטה, ב.)
עֶס אִיז שווער צוזאַמען צו פּאַסען אַ פּאָאר,
ווִיא דעם ים טרוקען מאַכען בִּיז גאָר.

קְשׁוֹט עַצְמְךָ וְאַחַר כַּךְ קְשׁוֹט אֲחֵרִים (סנהדרין, יט.)
פאָרהער גִיב זיך אַלֵיין אַ פּוּטץ,
נאַכהער רייניג דעם צווייטענס שמוּץ.

קָשִׁין מְזוֹנוֹתָיו שֶׁל אָדָם כִּקְרִיעַת יַם סוּף (פסחים, קיח)
דִיא לעבענס-מִיטעל זִיך צו פערשאַפען,
אִיז שווער ווִיא דעם ים טרוקען מאַכען.

ר.

רָאָה אֶת הַמְּצִיאָה וְנָפַל עָלֶיהָ (ב"מ, י)
ער האָט אַיינגעזעהן אַז דאָס אִיז אַ גלִיק,
האָט ער דאַרוֹיף געוואָרפען אַ בלִיק.

רֹב מְלָאכוֹת וּמִעוּט בְּרָכוֹת (ויק"ר פ"ג, א)
אִין פיעל מְלָאכוֹת, אִיז ווייניג הַצְלָחוֹת.

רַבִּי מְכַבֵּד עֲשִׁירִים (עירובין, פו)
רַבֵּינוּ הַקָּדוֹשׁ אִיז געווען זייער רייך,
קען דאָך אונטער רייכע נאָך ווער צו אִיהם זיין גלייך.

רְצוֹנוֹ שֶׁל אָדָם זֶה כְּבוֹדוֹ (ירושלמי פאה בל"א)
דעם מענשענס באגער, דאס איז זיין האנער.

רְשָׁעִים אֲפִילוּ טוֹבָה שֶׁעוֹשִׂים אֵינָהּ שְׁלֵמָה (תנחומא מקץ)
דיא גוטעס וואס דער בייזער טהוט,
קומט ניט ארויס אין גאנצען גוט.

רְשָׁעִים אֲפִילוּ עַל פִּתְחוֹ שֶׁל גֵּיהִנֹּם
אֵינָם חוֹזְרִים בִּתְשׁוּבָה (עירובין, יט)
די בייזע, אפילו פאר'ן טויט א מינוט
ווערען זיי אויך ניט גוט.

ש.

שָׂטָן מְקַטְרֵג בִּשְׁעַת הַסַּכָּנָה (ירושלמי שבת, פ"ב הל"ו)
וואו א געפאהר שטייט פאר,
דארט טהוט דער דייוועל אפאהר.

שִׁכּוֹר אָסוּר לְהִתְפַּלֵּל (ברכות לא)
איז מען בעזויפען,
טאר מען גאט ניט רופען,

שִׁכּוֹר כֻּלֵּיהּ עָלְמָא דִּי לֵיהּ (מסכת פורים)
דער בעזויפענער מיינט איינס,
דאס די גאנצע וועלט איז זיינס,

שְׁכּוּרַת וְלֹא מִיָּיִן (ישעיה כט, ט בל"א)
בּעטרונקען ניט פון ווייַן,
נאָר פון גרויס פּייַן.

שַׁלַּח לַחְמְךָ עַל פְּנֵי הַמָּיִם, כִּי בְרֹב הַיָּמִים תִּמְצָאֶנּוּ (קהלת יא, א)
לאָז דייַן ברויט מיט דעם וואַסער אַוועק שווימען
דען מיט דער צייַט וועסטו דאָס פיר זיך ווידערן געפינען.

שְׁלוּחֵי מִצְוָה אֵינָן נִזּוֹקִין, לֹא בַּהֲלִיכָתָן וְלֹא בַּחֲזִירָתָן (פסחים, ח:)
די געשיקטע צו טאָן גוטעס טרעפט ניט קייַן אומגליק,
ניט געהענדיג הין און אויך ניט צוריק.

שְׁלוּחוֹ שֶׁל אָדָם כְּמוֹתוֹ (קדושין, מ:)
פאַר אַ געשיקטען איז פעראַנטוואָרטליך אימער,
זעלבסט דער אייגענטהימער.

שְׁלֹשָׁה שׁוּתָּפִין בָּאָדָם: הַקָּבָּ"ה, אָבִיו וְאִמּוֹ (נדה, לא)
אין מענשען האָבען איין אַנטהייל דרייַ:
גאָט, זייַן פאָטער און מוטער דערבייַ.

שֵׁינָה בְּשַׁבָּת-תַּעֲנוּג (ילקוט ראובני פ' ואתחנן)
שבת בייַטאָג צום שלאָף זיך פערוויגען
איז דאָס אַ זעלטענער פערגניגען.

שַׁעֲרֵי דִמְעָה לֹא נִנְעֲלוּ (ברכות, לב)
די טויערען פון טרערען,
איז ניט צו פערווערען.

ת.

תָּדִיר וְשֶׁאֵינוֹ תָּדִיר – תָּדִיר קוֹדֵם (ברכות, נא:)
דער וואָס איז שטענדיג,
איז אימער איבערהאַנדיג.

תְּחִלַּת נְפִילָה – נִיסָה (סוטה, מד:)
הויבט מען נאָר אָן אַנטלויפען,
פאַלט מען אויף אַנ'אופן.

תַּחֲנוּנִים יְדַבֶּר רָשׁ וְעָשִׁיר יַעֲנֶה עַזּוֹת (משלי יח, כג)
דער אָרמער בעט זיך בזאַלסע מילע באָזע
אָבער דער רייכער אַנטוואָרטעט מיט גרוים העזה.

תַּכְלִית חָכְמָה – תְּשׁוּבָה וּמַעֲשִׂים טוֹבִים (ברכות, יז:)
דער צוועק פון בילדונג אונד קענטניסע,
איז גוטע טהאַטען און בעסערין די געוויסענביסע.

תַּלְמוּד גָּדוֹל שֶׁמֵּבִיא לִידֵי מַעֲשֶׂה (מגילה, כז:)
לערנען איז וויכטיג,
דען דאָס ברייננט צו טהאָן ריכטיג.

תַּלְמוּד תּוֹרָה כְּנֶגֶד כֻּלָּם (פאה, פ"א)
לערנען די תורה,
איז די בעסטע סחורה.

תַּלְמִידֵי חֲכָמִים מַרְבִּים שָׁלוֹם בָּעוֹלָם (סוף ברכות)
הויך געלעהרענטע יודען,
פערמעהרען אויף דער וועלט פרידען.

תָּפַסְתָּ מְרוּבָּה, לֹא תָפַסְתָּ (ר"ה ד, יומא פ.)
ווילסטו אָננעהמען ביז פול,
פערבלייבסטו ביי דעם נול.

תּוֹרָה וּגְדוּלָּה בְּמָקוֹם אֶחָד (גטין נט, סנהדרין לו)
לערהרע מיט אַמט
צו זאַמען אין איין האַנד.

תּוֹרָה מַחֲזֶרֶת עַל אַכְסַנְיָה שֶׁלָּהּ (ב"מ, פה)
וואו מען האָט זיך אין לערנען געטהאָן אינטערעסירען,
דאָרט וויל זי אויף ווייטער לאַזירען.

תּוֹרָה מְפוֹאָרָה בִּכְלִי מְכוֹעָר (תענית, ז)
די תורה איז אַשיינע,
אָבער אין אַגעשיר א געמיינע.

תּוֹרָה מַתֶּשֶׁת כֹּחוֹ שֶׁל אָדָם (סנהדרין, כו:)
דאָם לערנען קען אָנמאַכען,
דעם שטערקסטען צו אָבשוואַכען.

תִּכְלֶה שָׁנָה וְקִלְלוֹתֶיהָ, תָּחֵל שָׁנָה וּבִרְכוֹתֶיהָ (מגילה, לא)
זאָל זיך ענדיגען דער יאָהר מיט זיינע ליידען,
עם זאָל אָנפאַנגען אַ יאָהר מיט זיינע פריידען.